PLEASE DO NOT REMOVE
CARDS OR SLIPS FROM THIS POCKET

UNIVERSITY OF TORONTO LIBRARY

PJ
5129
A8D7
1911

Asch, Sholem
A shtedtl

428

דראמעס

פון

שלום אש.

באנד I.

ווילנער פערלאג
פון ב. א. קלעצקין.

איבערדרוקען און איבערזעצען
אָהן דער ערלויבעניש פון מחבר
איז פערבאָטען (געזעץ פון
20-טען מערץ 1911).
Copy-right in Amerika
by S. Fischer. Berlin.

TORONTO
LIBRARY
FEB 15

דרוקעריי פון ב. א. קלעצקין, ווילנא.

אינהאלט:

	זייט
יפתח׳ס טאָכטער	3
שבתאי צבי	63
אַמנון און תמר	151

יפתח׳ס טאכטער

א ביבעל-שטיק
אין צוויי אקטען
מיט פארשפּיעל
און נאכשפּיעל.

פאַרשפּיעל.

אַנ׳אוראַלטער וואַלד אויף הויכע בערג. צווישען געדיכטע בוימער שטעהט ד ע ר מ ע נ ש און בינדט זיך צונויף זיין הייזעל פון טרוקענע צווייגען און בלעטער. פון טאַל הערט זיך דער וואַסער־רוישען צווישען די שטיינער, דער געזאַנג פון י פ ת ח׳ ס ט אַ כ ט ע ר, וועלכע שטעהט ביים טייך און וואַשט זיך די קלייד.

ה ע ר ל י כ ע ר ז ו נ ע ן ־ ט אַ ג.

דער גאָט מולך

קריכט ארויס פון צווישען די גרעזער. עס איז א שניי-ווייסע חיה אין געשטאלט פון א מענש, בעוואקסען מיט ווייסע הינטישע קודלעס, איין אויג אין שטערן.—קוקט זיך איין צום מענשענס ארבייט, קריכט צו אויף אלע פיער צו איהם.

אָך, אַזוי פלייסיג ביי דער אַרבייט, מענש? וואָס איז?—קוקט זיך איין אַלאָך, אַ נעץ, אַ געצעלט—צו וואָס?—אַך, וואָס, אַזוי אַלט ביזטו שוין, מענש, געוואָרען, אַז דו מוזט דיר פאַר דיינע ביינער אַ געצעלט פלעכטען—בעהאַלטען זיך פאַר די נאַכט-ווינטען, וואָס בלאָזען?—צו אַלט געוואָרען, די זונען-שטראַהלען איבערצוטראָגען?—אָך, אָך, אַזוי פריה-צייטיג פערוועגדעלט געוואָרען, און נאָך אָהן אַ יורש אַלץ. האָסט נאָך גאָרנישט פאַר דיין געשלעכט געזאָרגט. בחנם האָט דיך דיין מוטער דאָ אַהער געבראַכט, אַז דו זאָלסט דעם מענשען אין די בערג פערפלאַנצען—דו ועסט אַלס אַנ׳אַלטער בחור שטאַרבען. און מיט דיר דער מענשען-מין זיך אויסלאָזען אויף דעם אָרט.

דער מענש

ארבייטענדיג ביים הייזעל.

ניין, גאָט, נישט פאַר מיר בוי איך די הייזעל,—האַלט נאָך מיין קנאָכען זון און ווינט אויס—פאַר די יונגע, פאַר די צערטליכע. איידער זייערע לייבער ווערען געהאַרטעט—וויל איך זיי אין ווייכען בלעטער-געלעגער אויסבעטען.

מולך

פערחאונדערט.

פאַר די יונגע, פאַר די צערטליכע, וואָס? פון וואַנען וועסט דו זיי נעהמען? פון די בערג וועסטו זיי געבוירען, פון די בוימער?—אָבער פון וועז אָן געבוירט דאָס אַ מאַן קינדער? ער דערמאָנט זיך. אַ, אַ,—אפשר פון דער אַלטער מוטער דיינער, וואָס האָט דיך

דאָ אַהער געבראַכט?—איהר סקעלעטען-געביין טריקענט זיך אויף דעם אָפענעם בערגיל אין מיינע שטראַהלען שוין לאַנג אויס.

דער מענש.

פון דעם שטיין און פון דעם קוסט. און אפשר געבוירט דער מאַן קינדער. האָב ניט קיין מוראָ: דיר דאָס דייניגע וועט אָבגעגעבען ווערען, דאָס ערשט-געבוירענע.

מולך.

דאָס ערשט-געבוירענע... פערוואונד׳ערט, ערנסט. מיינסט מיט אַנ׳אמת דעם מענשען-מין צו פערפלאַנצען אין די בערג?

דער מענש.

עס פיהרט זיך פון אָדם הראשונ׳ס צייטען—יעדער זאָל זאָרגען פאַר זיין געשלעכט און שטאַם.

מולך

בעאונרוהיגט.

מיט מענשען-מין דעם אָרט פערפולען? דאָס גאַנצע לאַנד אויף יענער זייט בערג שוין בעזעצט, אונז פערטריבען פון דעם ברעג ים—ווילט איהר נאָך די בערג פערשטינקען מיט אַייער מענשען-געשטאַנק? ניין, וואָס! בעאונרוהיגט, זוכט, שמעקט, דערהערט פון דער-ווייטענס דעם מיידעל-געלעכטער. הע, וואָס הער איך? קוקט זיך איין. זאָך, דער פרעמדער געצענדיענער, וואָס האַלט זיך אין דעם טאָל אויף. דאָס קינד, וואָס ער האָט מיר נישט צום קרבן געבראַכט, איז אויפ-געוואָקסען—איז צו אַ ווייב געוואָרען. ער קוקט זיך איין. דאָ דער מאַן, דאָרט די ווייב—אַ פּאָר היינט, אָ וואַ!

דער מענש.

עס פיהרט זיך פון אָדמ׳ס צייטען, יעדער זאָל זיין פּאָר געפינען און קינדער האָבען.

מולך.

צו מיר געהער דאָס קינד—דאָס ערשט-געבוירענע—לויט דעם רעכט פון דעם אָרט.

דער מענש.

עס איז אָבער צו אַ ווייב אויפגעוואַקסען.

מולך.

מיין קרבן — איז עס פאַר מיר גרויס געוואָרען.

דער מענש.

דאָס קינד געהערט נאָר צו דעם גאָט — אָבער נישט די פרוי. נישט פאַר קיין מאָלצייט איז זי בעשאַפען — נור אום געשלעכטער צו פערמעהרען.

מולך.

וויל איך דערמיט מיין שטאַם דערהאַלטען, וויל התונה האָבען, קינדער געווינען און אַרטיג זיין.

דער מענש

קוקט איהם אן.

אָ, פאַר דעם מענשען איז עס בעשאַפען, אָבער נישט פאר דעם גאָט.

מולך.

די מוטער האָט מיך געשטראָפט: „מיט קעלבער לויפסטו אַ גאַנצען טאָג אַרום, צינדסט די בערג אין פלאַמען-פייער אונטער" — זאָגט זי — „פאַר געשלעכט און שטאַם זאָרגסטו נישט, און דאָ וואַקסט דיר דער מענש אויף אונטער דיין נאָז, — וועט זיך זיין פאָר געפינען און דעם אָרט בעזעצען מיט זיין מין". וויל איך מיך אויך סטאַטיגען — חתונה האָבען, קינדער געווינען און אַרטיג זיין.

דער מענש.

עס פיהרט זיך פון אָדם הראשונ'ס צייטען, יעדער פערקעהרט נאָר מיט זיין מין, מיט זיין אַרט.

מולך.

רייצט מיך דער האָר-גלאַטיגער לייב, דער ווייסער קנאָכען, די געבולט'ע ברוסט. קוקט צו דער מיידעל דורך די בוימער. זי וואַשט זיך אַזוי ווייס אין דעם טייך.

דער מענש.

אַז דיין געשטאַנק וועט איהר אָנגענעהם זיין, און דיין האָריג לייב —

מולך.

ווייבער האָבען ליעב ליכט, וויל איך מיך אין שטראַהלען פוצען. ג״ט

אַרויס פון זיין האַריגען לייב אַ שטראַהלענדע ליכטיגקייט. קוקט צו דעם מענ־שען. אַ שענע וועלט וואָלט געקענט זיין: דאָ—דער מאַן, דאָרט—די ווייב, אַפּאָר מיר היינט—*געהט אַב מיט זיין לויכטענדען לייב אין טאָל.* וואָלטען מיר דאָ קינדער געהאַט, געשלעכטער מיר אָנגעמאַכט, די בערג מיר פערשטונקען, די וועלדער מיר אויסגעהאַקט, דעם שניי בּרודיג געמאַכט און די געטער פערטריבּען מיט זייער רעש. דאָ—דער מאַן, דאָרט—די ווייבּ. אַ שענע וועלט וואָלט געקענט זיין! מולך, דו בּיזט אין סכּנה...

ער לויפט אַב מיט זיין שטראַהלענדער ליכט צום מיידעל

ערשטער אקט.

דער געצעלט פון יפתח אין אַ שייער אין טאַל הינטער די בערג. דער טויער איז אָפען אין די בערג. אַ חילדע פעלד, אַ וואַסער רינט. די טאָכטער פון דערווייטענס. די שפּיץ בערג אין אונטערגעהענדער זונען-שיין. אין אַ ווינקעל שייער דער געצעלט פאַר די פרויען, בעהאַנגען מיט שעפּסען-פעל.

אין מיטען שייער אַ גרויסער מיהל-שטיין.

יפתח

קימט אַריין מיט דעם פלאַקער פייער אין האַנד, ריפט צו דער טאָכטער.

אין געצעלט, די נאַכט פאַלט צו!

די ווייב

נאָך איהם, שלעפּט זיין אייזערנע געוועהר.

זי וואַשט איהר קלייד אין טייך, פאָטער יפתח.

יפתח.

וואָס, שוין צום מאַן וויל די מויד? עס איז דאָך נאָך נישט צייט.

די ווייב.

דאַכט זיך מיר אַזוי. וואַשט צופיעל איהר קלייד אין טייך, פוצט זיך דעם קאָפּ מיט פעלד-בלומען, האָט מורא פאַר די בערג געקראָגען— עס איז אַ סימן.

יפתח

בינדט פייער אויפ'ן מיהל-שטיין.

ווי לאַנג איז עס דען, ווייב, ווי איך האַלט זיך מיט דיר אין די בערג אויף?

די ווייב.

איך האָב די זומערס און די ווינטערס נישט געצעהלט—נאָר זעהר לאַנג איז עס שוין, ווען דו ביסט פון יענער זייט בערג אָנגעקומען צו געהן.

יפתח.

ווען די אַלטע האָבען מיך פון מיין פאָטערס שטאָדט פערטריבען...

די ווייב.

דו האָסט מיר קיינמאָל נישט פערצעהלט פון זיי—האָסט מיך אין מדבר געפונען און מיט מיר זיך דאָ אין טאָל בעזעצט. איך ווייס נישט, פון וואַנען דו קומסט צו געהן, ווער דיין שטאַם איז.—דיינע

ברידער זענען קיינמאָל נישט פון יענער זייט בערג געקומען צו דיר צו געהן.

יפתח

דערמאָנט זיך:

איך בין אַ קעניגס אַ זוהן. מיין פאָטער האָט די שטאָדט אויפגע-מויערט, וואָס ליגט דאָרט אויף יענער זייט בערג אויסגעצויגען, וואו די זון געהט אויף. דרייסיג מיינע ברידער רייטען איבער גלעד׳ס גאַסען אויף דרייסיג מויל-אייזלען אַרום. די אַלטע לייט פון מיין שטאָדט זיצען אין די געוואַשענע שעפסענע פעלען ביי דער שטאָדטס טויער צום ראַט.

די וויב.

איך זעה דיך טייל מאָל מיט פערבענקטע בליקען, ביי זונען-אונטער-גאַנג, אויף יענער זייט בערג קוקען. פאַרוואָס האָסט דו דיין פאָטער-שטאָדט פערלאָזט און ביזט אין די בערג געגאַנגען?

יפתח.

צו אַנ׳אַנדער שטאַם האָט מיין מוטער געהערט, צו אַ פרעמדען גאָט האָט זי געדיענט. איך האָב מיין מוטערס גאָט אַ ציגעלע אַ קרבן געבראַכט, דער גאָט פון מיין פאָטער איז אייפערזיכטיג געוואָרען— האָבען מיך זיינע כהנים פון דער שטאָדט אַרויסגעטריבען.

די וויב.

אייפערזיכטיג זענען די געטער און נעהמען נקמה פון די מענשען. איך האָב מורא, אַז גאָט מולך זאָל אויך פון אונז די מיידעל נישט פאָדערן. ערשטגעבוירען איז ביי אונז דאָס קינד, און צו איהם געהערט זי לויט די רעכט פון דעם אָרט.

יפתח

בעשטימט.

די מיידעל דאַרף מען דעם מאַן פאַר אַ ווייב אָבגעבען, אַז ער זאָל מיט איהר קינדער האָבען.

די וויב.

די בערג זענען וויסט, די געגענד איז ליידיג. עס איז קיין מאַן ניטאָ אויף דעם אָרט, וואָס מיט איהם זאָל מען די מיידעל בעהעפטען

יפתח.

וואַרפט איהר פּאָר.

דו האָסט מיר נישט געבּוירען קיין מענליכען שפּראָצלינג.

די ווייב.

און דו ווערסט אַלט, פאָטער יפתח, אונזער שטאַם האַלט ביים אויס·לעשען.

פון דערווייטענס הערט זיך דער לאכען פון דער טאָכטער אין די בערג.

יפתח.

וואָס לאַכסט דו, מויד, אין דרויסען?—מיט וועמען שפּיעלט זיך די מויד?

די ווייב.

דער גאָט איז אַודאַי געקומען פון די בערג אַראָבצולויפען, האַלט זיך דאָרטען אויף—און האָט מיט דער מויד שפּאַס געמאַכט,—ביים וואַשען ביים טייך. זי רופט דורכ'ן טויער. הע, מויד, אין געצעלט אַריין! די נאַכט פאַלט צו, געננוג זיך אין די בערג אויפגעהאַלטען.

די טאָכטער

קומט מיט איהר געוואַשענעם קלייד אויפ'ן קאָפּ.

קוקען מיר די בערג נאָך, שושקען זיך אין דער שטיל—ווילען מיר שלעכטס טון.

די מוטער.

מוזט דיך פאַר זיי היטען, זיי קענען דיך נאָך טראָגעדיג מאַכען – אַז דו וועסט דיך שפּעט צווישען זיי אויפהאַלטען.

די טאָכטער.

דער גאָט איז מיר געקומען נאָכצולויפען, האָט זיך ביים וואַסער אַוועקגעשטעלט, ווי איך, וואַשט מיר מיין קלייד, בעטראַכט מיך, בעלעקט מיך מיט זיין נאַסער צונג און זאָגט: הומ... הומ...

די מוטער.

ווער הייסט דיך מיט געטער אַרומלויפען?

די טאָכטער.

ער האָט געוואָלט דאָ אַריינקומען—מיט פאָטער·מוטער זיך בעקענ׳ ,

נור דער פאָטער איז אַ געצענדיענער, האַלט פון זיינע געזעצען נישט. ער זאָגט, עס איז איהם קאַלט דאָרט אויבען אין די נאַסע לעכער אַליין צו נעכטיגען, דער אייז נעצט זיין פעל אַדורך, דער טוי מאַכט זיינע האָר נאַס. שעמעוודיג. ער זאָגט, איך בין שוין דערוואַקסען—ער וויל, איך זאָל מיט איהם געהן אין די נאָרעס אַריין, ביי זיין זייט זיך שלאָפען לעגען.

ד י ו ו י י ב.

וואָס נאָך? זאָל ער זיך מיט זיינע קינדער־פּגרים לעגען, וואָס ער פרעסט זיי אויף זיבען אַ נאַכט.

ד י ט אָ כ ט ע ר.

ער זאָגט, מען האָט מיך נישט צו דער צייט איהם אָבגעגעבען—בין איך פאַר זיינעטוועגען אויפגעוואַקסען. ער וויל מיט מיר אין די בערג געהן, וויל זיך אין פלאַמען־פייער שפּילען. ער זאָגט, ער ליעבט צו הערען דעם קנאַקען פון פייער אין דער טונקעלער נאַכט און דערביי זיך זיינע נאַסע וואָל וואַרימען און זיין לייב טריקענען.

ד י מ ו ט ע ר

מיט חוזק.

און אפשר גאָר עפּיס דערביי שמעקען. גאַכמאַכענדיג מולכ׳ן. אָנגענעהם איז עס אין די ווינטער־נעכט ביים פייער זיך צו וואַרימען און קינדער־לייבעלעך אין פייער צו שמעקען.

ד י ט אָ כ ט ע ר.

ער האָט זיך געשטאַטיגט. די מוטער האָט איהם געשטראָפט, אַז ער טוט זאָן די מענשען־קינדער לייד,—וויל ער, ווי אַנדערע געטער, מיט אָקס און קאַלב זיך בעגענוגען לאָזען, חתונה האָבען, קינדער געווינען און מענשליך זיין.

ד י מ ו ט ע ר.

חתונה האָבען און קינדער געווינען? ער וועט זיי דיר אַליין אויפפרעסען, אויף איהם איז אַלץ זיך צו ריכטען.

י פ ת ח

כאַפּט זיך אויף, פלוצלים.

ווילד זענען דאָ די געטער פון דעם אָרט, פרעסען אונז די קינדער

אויף. פיעל געזעצטער זענען געווען די געטער פון מיין היים -האָבען געוואוסט, ווי מיט מענשען אומצוגעהן.

די ווייב.

בעט דאָך צו די געטער פון דיין היים—לאָזען זיי אונז פון מולכ׳ן שיצען.

יפתח.

שוין לאַנג איז, ווי איך האָב צו זיי קיין קרבן ניט געבראַכט, איך האָב צו זיי נישט גערופען. זיי ווילען מיך נישט הערען. זיי האָבען מיך שוין אַודאי פערגעסען.

די ווייב.

אָבער שלעכט איז, פאָטערל יפתח, אין די מדבריות אָהן גאָט צו וואוינען. די בערג זענען ווילד, די געגענד איז פון מענשען ליידיג. מיר האָבען נישט קיינעם, ווער עס זאָל זיך אָננעהמען פאַר אונז.— איך האָב מורא, אַז דער גאָט זאָל אונז נישט די מיידעל פערפיהרען. צו דער טאָכטער. אין די בערג זאָלסטו מיר זיך נישט ווייזען. דו ביזט דערוואַקסען, און דער גאָט לויערט אויף דיר.—צום מאַן. כ׳וועל דער מויד די צעפּ האָר פון קאָפּ אָבשניידען, אפשר בערוהיגען וועט זיך מולך און זי ביי אונז פאַר דעם מאַן געדייהען לאָזען. צו דער טאָכטער. קום, מויד, אין געצעלט, כ׳וועל דיר דעם קאָפּ וואשען. פערמאַך דעם טויער, פאָטער יפתח, די נאַכט איז צוגעפאַלען. ער קען נאָך דאָ אויך קומען אָנצולויפען. געהט אָב מיט דער טאָכטער אין ווייבער-געצעלט. יפתח פערמאכט דעם טויער מיט אַנ׳אָבגעהאַקטען בוים.

מען קלאַפּט אין טויער.

יפתח

כאַפּט זיך אויף.

ווער איז דאָרט? רופט צום ווייב. הע, ווייב, זענען אַלע דייניגע אין געצעלט פערזאַמעלט? האָסטו וועמען אין דער נאַכט אין דרויסען פערגעסען? מען קלאַפּט אין טויער.

די ווייב

סטעקט ארויס דעם קאָפּ פון ווייבער-געצעלט.

ניין, פאָטערל יפתח, די מויד איז מיט מיר אין געצעלט. דאָס קלאַפּט אָן מולך אין טויער. זי רופט צום טויער. הע, הע, וואָס

שטעקסטו אַזוי דיין נאָז נאָכ'ן מיידעל נאָך? איך וועל פאַר דיר באַלד די צעפ האָר שניידען.

יפתח

רופט.

ווער איז דאָרט?

דעם מענשענס שטים.

לאָז אַריין, פאָטערל יפתח,—דער מענש קלאַפּט אין דיין טויער.

יפתח.

דער מענש?—פון וואַנען קומט דאָ אַהער אַ מענש? וואָס זוכסטו אונטער מיין באַלקען?

דעם מענשענס שטים.

אונטער דיין באַלקען וואַקסט א ווייב אויף פאַר מיר, כ'בין נאָכ'ן ווייב געקומען.

יפתח.

ווער ביזטו דען, אַ גאָט פון די בערג?

דעם מענשענס שטים.

ניין, אַ מענש ווי דו, יפתח.

יפתח.

אַ מענש ווי איך?—עפען איך אויף ברייט דעם טויער. עס קומט אריין דער מענש, בעוואָרפען אויף זיין נאקעטען לייב א פעל פון א לעמפערט.

יפתח

בעמערקט איהם מיט פרייד.

אַ מענש, ווי איך! אָ, שטאַרק איז דער קנאָכען. ער טאפּט איהם. פון ווינט און רעגען איז דיין לייב געשמיסען געוואָרען, אָבער פון זונען-שטראַהל איז דיין ביין האַרט געוואָרען. פעסט האַלט זיך דער קאָפּ אויף דיין רוקען, געזונט וועט זיין דער שטאַם, וואָס וועט פון די נירען געבויט ווערען. קום אין מיין געצעלט, מענש, לאָז מען זיך ביים שטיין זעצען. ויופט אין ווייבער-געצעלט. הע, ווייב! פיהר די טאָכטער פונ'ם געצעלט, אנ'אורח איז צו גאַסט געקומען, אַ געעהרטער אורח האַלט זיך אונטער אונזער באַלקען אויף. הע, ווייב!

די ווייב

שטעקט ארויס דעם קאָפּ.

די מויד וואַשט דעם קאָפּ אין געצעלט, פּאָטער יפתח, שעמט זיך פאַר׳ן אורח מיט איהר נאקעטען לייב צו ווייזען זיך, הילט זי זיך מיידעלאַרטיג אין די שעפּטען-פּעלכלעך איין, פּוצט זיך אין די בלאַכען אויס, אַז זי זאָל אין דעם אורח׳ס אויגען חן געפינען.

יפתח.

לויט מענשליכען פיהרען אָבער זעץ דיך, געעהרטער אורח, ביים פייער, פערצעהל אונז, ווער דו ביזט, פון וואַנען דו קומסט. איך וויל וויסען, ווענעס בלוט וויל זיך מיט גלעד׳ס בלוט אויסמי־שען; ווער עס וויל פון גלעד׳ס הויז זיין שטאַם גרינדען.

דער מענש.

איך בין דער מענש, האַלט זיך אין די בערג אויף, פיהר דאָרט אויבען מיין שאָף און רינד אַרום. פון ברעג פון ים איז מיין מו־טער געקומען צו געהן און האָט מיך אין דער הויך געבאָרען. איך וויל מיין שטאַם אין די בערג גרינדען, קינדער געבוירען—די מוטער האָט עס מיך אַזוי געלערנט. איז נישטאָ דאָ, מיט וועמען זיך צו בעהעפטען. דער מענשען-מין פעהלט אין דעם אָרט. די מוטער איז אַלט געוואָרען און איז געשטאָרבען. זוך איך די ווייב אין די בערג אַרום, ביי אַייך אין טאָל וואַקסט זי אויף. פון די בערג האָב איך דערזעהן און אָבגעוואַרט טאָג אויף טאָג—ביז זי וועט צייטיג ווערען קינדער צו האָבען. בין איך פון די בערג אַראָב צו אַייך געקומען, מיין ווייב צו נעהמען, מיין הויז און שטאַם צו גרינדען.

יפתח.

רעכט איז עס און לויט מענשליכען פיהרען—יעדער זאָל פאַר זיין געשלעכט זאָרגען. איך וועל זעהר גערן קינדער ביי דיר זעהן, פון דער מיידעל געבוירען. נור ווי עס איז דער מנהג ביי אונז פון אלטע צייטען, וויל איך ביים ווייב און מיידעל זייערע דעות פרע־גען. ער רופט אין געצעלט. הע, ווייב! פיהר די טאָכטער פון דעם גע־צעלט אַרויס. דער מאַן איז פערשטאנדיג, פיהרט זיך מיט דרך ארץ אויף. די ווייב פיהרט די אויסגעפּוצטע טאָכטער פון ווייבער-געצעלט ארויס.

19 דו ווערסט פון דער מיידעל קינדער געווינען. ווייס איז איהר קנאָ־

כען, לויט ווייבליכען געשלעכט, אָבער לויטער און שטאַרק איז די בלוט, וואָס פליסט אין די אָדערן פון דעם קינד, פון די אַלטע גלעד-בלוט. עס רודערט זיך הינטער דעם טויער. ווער רודערט דארט הינ־טער מיין טויער ווידער?

די מוטער

קוקט ארויס דורכ׳ן אהל.

עס איז דער גאָט, וואַרט הינטער דער טיר אָב, אויב מען גיט די מיידעל אַנ׳אַנדערן אָב.

יפתח.

וואס געהען אונז דען פרעמדע אָן? זעצען מיר זיך ביים שטיין אונזער זאַך בעטראַכטען.

דער מענש

בעקוקט די מיידעל מיט ליעבע.

שען און שטאַרק איז דער מיידעל-לייב, וואָס קוקט פון די אָפע־נע שעפסען-פעלכלעך אַרויס. צו ריהמען איז דעם פאָטערס בלוט, ווי דער מוטערס מילך, וואָס האָבען מיר מיין ווייב געזונט און קרעפ־טיג אויפגעצויגען, איהרע אָרעמס פעסט געמאַכט, דאָס קינד צו האַלטען, איהר בוזים ווייך און שטייף ווי פאַר׳ן קינד, אַזוי אויך פאַר׳ן מאַן. ער נעהמט אראָב זיין לעמפערט-פעל און גיט איהם איבער א מתנה דעם מיידעל. נעהם צו פון מיר די לעמפערט-פעל, איך וויל דעם טייל מיידעל-לייב, וואָס די פאָטערליכע שעפסען-פעלכלעך האָבען ניט געקלעקט צוצודעקען, מיט מיין לעמפערט-שפיגעל פערהילען. ער הילט זי ארום מיט דעם פעל. אַראָבגעריסען האָב איך עס פון דעם לעמפערט מיט אייגענע הענד, דעם לייב פון מיין כלה פון מענשענס אויגען צו פערהילען, נאָר בלויז פאַר איהם צו אנטפלעקען, ווען ער וועט קומען אין איהר געצעלט אַריין אין דער נאַכט פון זייער חתונה. א בעוועגונג הינטער דער טיר.

די ווייב.

פערשטאַנדיג איז דער מאַן, און לויט זיין בענעהמען און רעדען דערקענט מען זיין מוטערס גוטע האַנד. אָבער איך וויל וויסען, אַלס מוטער פון דעם מיידעל—צי האָט שוין דער מאַן פאַר די קינדער געזאָרגט, וואָס ער וועט פון אונזער טאָכטער האָבען? צי האָט ער

שוין ערגיץ-וואו אַ נעסט וואָרים געמאַכט, אַ לאָך אין דר׳ערד אויס-אויסגעגראָבען, פאַר די צייהן פון חיות רעות און פון נאָך אַנדע-רע—וואָס איך וויל נישט דאָ זייער נאָמען דערמאָנען—זיי צו בע-שיצען?

יפתח.

אין הויזליכע זאַכען איז די ווייב שטענדיג בעשיידענער פאַר דעם מאַן—האָסט גוט געזאָגט. אין דעם בעל-הבית דערקענט מען דעם פאָטער.

דער מענש.

איך האָב מיין געצעלט הויך אין די בערג אויפגעשטעלט, מיט שטיי-נער האָב איך עס אַרום בעלעגט, און מיט צווייגען-בלעטער געדיכט האָב איך די לאָך פערשטעקט, מיט וואַרימער שעפסען-וואָל האָב איך די שפּאַרעס אויסגעפילט. און פון אַ שטאַרקען בוקסענבוים האָב איך מיר אַ בעט אויסגעהאַקט, אונטער פיער פעלזען-שטיינער האָב איך עס אַרונטערגעשטעלט, מיט מיין מאַמעס שעפסען-דעק האָב איך עס צוגעדעקט, עס שטעהט אויבען אין אונזער געצעלט, צו דער חתונה-נאַכט גרייט.

די ווייב.

עס איז דער מנהג אויף דעם אָרט די געטער צו עהרען, און דעם גאט מולך: לויט רעכט און געזעץ דאָס ערשט-געבוירענע, מעג עס זיין פון מענליכען אָדער פון ווייבליכען געשלעכט, איהם אַוועקצו-געבען, פאַר איהם אין פייער צו פערברענען.—וויל איך וויסען, אויב דער מאַן איז גרייט די געטער צו דיענען און זיי דאָס זייעריגע אין דער צייט אָבצוגעבען.

דער מענש.

אַז עס איז אַזוי דער מנהג—וויל איך, ווי אַנדערע, די געזעצען הי-טען—דאָס ערשט געבוירענע די געטער אָבגעבען, אַז זיי זאָלען מיר די איבערגעבליבענע אין שלום און גוטוויליג לאָזען.

יפתח.

נישט פריינדליך זענען דאָ די געטער צו די מענשען. נאָר אַנ׳אָנגע-קומענער בין איך דאָ, מוז מען זיך צו די מנהגים פון אָרט צופּאַ-סען. כאָטש אַליין האָב איך זיי מיין ערשט-געבוירען קינד ניט אָב-

געגעבּן. אַ פרעמדער בין איך דאַן געווען, און איינציג איז ביי אונז דאָס קינד געווען—האָט מען עס פאַר אונז איבערגעלאָזט, אונזער שטאַם צו ערהאַלטען.

די ווייב.

דערפאַר וויל איך היינט דעם גאָט מולך עהרען און איהם אַ טייל פון זיין קרבן צו דער חתונה-נאַכט אָבּגעבּען. אַליין איז מען אין די בערג, און אָהן גאָט איז נישט גוט צו לעבען. דעם שענסטען צאָפּ פון מיידעלס קאָפּ שנייד איך אָבּ—זי טוט דאָס—און גיבּ דיר, גאָט מולך, דיין טייל אָבּ. זי ווארפט דעם צאָפּ אין פייער. גאָט מולך, נעהם דיין חלק צו און גיבּ דיין ברכה! דער מענש איז געקומען צו איהר, צוליעב דאָס ערשט-געבּוירענע, וואָס וועט אַרויסקומען פון היינטי-גען צוזאַמענטרעפען.—דער גאָט ווארפט צוריק דעם צאָפּ דורך דעם פענסטער. עה, גיט נאָר אַ קוק—ר'האָט אונז דעם צאָפּ צוריקגעוואָרפען! שרייט ארויס צו מולכ'ן הינטער דער טיר. עה, וואָס ביסטו ברוגז? עס געפעהלט דיר נישט דער טייל? דיר—דעם צאָפּ, דעם מענש—די ווייבּ. עס איז נישט דאָס רעכט און אויך נישט דער מנהג, גאָט מולך, דיר די ווייבּ אָדער די כלה אָבּצוגעבּען. פאַר'ן מענשען איז זי בעשאַפען, קינדער צו האָבּען. זיי נישט ברוגז, גאָט מולך! נו, געה דיר אין דיינע אַייזלעכער אַריין, מיט דיינע פייערן זיך שפּיעלען. די מיי-דעל וויל צום מאַן—דאָס ערשט-געבּוירענע וועט דיר אָבּגעגעבּען ווערען. צו דעם מענשען אין שטוב. ר'האָט'ס געזעהן, וויל אונז די מיידעל פערפיהרען.

דער מענש

רופט צום גאָט מולך.

וואָס זוכסט דו דאָ, מולך, הינטער יפּתח'ס טויער? נאָך נישט איז די מיידעל טראָגעדיג געוואָרען, אַז דו זאָלסט דיר אויף דעם ניי-געבּוירענעם קומען נאָכפרעגען.

די ווייב

הארכט זיך צלץ איין.

ר'שטעהט נאָך אַלץ הינטער אונזער טיר—וויל נישט אָבּטרעטען פון דאַנען.

יפתח

עפענט אויף דעם טויער—און רופט ארויס צו מולך.

אַוועק פון מיין טיר! אַ פרעמדער בין איך דאָ, אויף דעם אָרט, און די געטער פון דעם לאַנד דינען איך נישט און האַלט זייערע געזעצן נישט.

פון דרויסען הערט מען אָבלויזענדיגע טריט אין נאסען גראָז.

די ווייב.

נישט גוט האָסטו געטאָן, פאָטער יפתח, דעם גאָט פון הינטער אונזער טיר צו פערטרייבען. אין אַן עת-צרה וועמענס נאָמען וועסטו צו הילף רופען?

יפתח.

דער גאָט איז ווילד. איך האָב איהם געוואָלט בעהאַנדלען, ווי אַ גוטען שכן,—ווערט ער גראָב.

די ווייב.

עס איז דאָך דער גאָט פון אָרט, מען דאַרף מיט איהם אין גוטען אומגעהן.

יפתח.

איך וועל דאָך איהם די מיידעל נישט אָבגעבען!

פון הרויסען הערט מען פלוצלונג מענשליכע שטימען רופען. אַלע שטעהען געפלעפט און צעשראָקען, הארכען זיך איין.

דער מענש.

עפיס וואונדערליכע קולות הער איך. איך האָב נאָך אַזעלכע שטימען אין די בערג נישט געהערט.

די טאָכטער.

פרעמדע שטימען. עס זענען נישט די געטער, וואָס שאַלען אין די בערג. איך שרעק מיך פאַר זיי.

די ווייב.

איך האָב מורא, אַן׳אונגליק דערנעהנטערט זיך צו אונז. דאָס האָט אונז דער גאָט אָנגעשיקט, ווייל דו האָסט איהם בעליידיגט, יפתח.

פויזע.

דער מענש.

פייערן ווייזען זיך פון דערווייטענס.

די טאָכטער.

איך שרעק מיך פאַר זיי...

די ווייב.

איך האָב מורא—די ווילדע געטער רופען.

יפתח

כאפט זיך אויף.

דאָס זענען די שטימען פון מיין פאָלק—איך דערקען זיי—

אלע קוקען איהם אָן.

די ווייב.

ווי מענשען פון יענער זייט בערג. מען הערט „יפתח״ רופען. דיין נאָמען רופען זיי.—

די טאָכטער.

איך שרעק מיך פאַר זיי, די בערג וועקען זיי מיט זייער רופען.

מען קלאפט אין טויער: יפתח! יפתח הגלעדי!

יפתח.

וואָס האָט איהר הינטער יפתח׳ס טויער צו זוכען?

שטימען

הינטער׳ן טויער.

די אַלטע פון דיין שטאָדט שטעהען הינטער דיין טויער.
רעגיר איבער אונז, יפתח, העלף אונז פון שונא׳ס האַנד, הגלעדי!

יפתח.

די אַלטע פון מיין שטאָדט! וואָס טוען די אַלטע פון מיין שטאָדט אין די מדבריות זוכען?

די שטימען

הינטער׳ן טויער.

יפתח,—יפתח הגלעדי, רעגיר איבער אונז—העלף אונז!

יפתח.

איך זאָל רעגירען איבער זיי—דער זוהן פון דער פרעמדער!? ער רופט הינטער׳ן טויער. צו מיינע ברידער געהט, דרייסיג איז זייער צאָהל, אויף די מויל-אייזלען איבער גלעד׳ס גאַסען רייטען זיי אַרום.

די אַלטע.

הינטער'ן טויער.

אויסגעלאָזט האָט זיך גלעד'ס גוטע שפּראָצונג. גלעד איז טויט.
פאָטער יפתח, דו ביסט די לעצטע גלעד-בלוט. עפען אונז, יפתח'

יפתח עפענט דעם טויער.

עס רייסען זיך אריין די אלטע פון גלעד מיט צעריסענע קליידער, מיט אש בעשיט די קעפּ. יארפען זיך מיט די פנימ'ער אויף דער ערד פאר יפתח'ן. יפתח ווענדט אָב זיין פנים פון זיי און זעהט זיי ניט. אלע, אויסער יפתח, דערשראָקען פאר די אלטע לייט, רוקען זיך אָב און בעהאלטען זיך פאר זיי.

דער מענש.

עס איז דאָס פון דעם מענשען-מין. רעדען ווי מיר און געהען
אויף צוויי פיס... קוקט זיך מיט נייגעריגקייט פון דערווייטענס צו.

די טאָכטער

צו דער מוטער.

איך שרעק מיך פאר זיי.

בעהאלט זיך מיט דער מוטער אין א ווינקעל אריין.

ערשטער אַלטער

הויבט זיך אויף און געהט נאָהענט צו צו יפתח.

די אַלטע פון דיין שטאָדט זענען געקומען צו דיר—רעגיר איבער אונז. דיין פאָטער איז טויט, דיינע ברידער האָט דער שונא אומגעבראַכט. עס איז נישטאָ קיינער, ווער עס זאָל אונז געזעץ און רעכט לעהרנען. דו ביזט די לעצטע גלעד-בלוט, העלף אונז פון שונא'ס האַנד און רעגיר איבער אונז!

יפתח.

ווענדט אָב זיין פנים פון זיי.

איך זאָל רעגירען איבער אַייך? — מיין פאָטער איז מיט אַ פרעמדער ווייב געשלאָפען. איך בין הינטער אַ פלויט געבוירען. אין דער מדבר האָט איהר מיך פערטריבען. נאָך הער איך דעם געלעכטער אויף אַייערע ליפּען, ווי איהר האָט מיך ווי דעם הונט פון מיין פאָטערס שטאָדט אַרויסגעטריבען. ער ווייזט אויף די ארומיגע. מיט פרעמדע געטער בין איך אומגעגאַנגען, צו פרעמדע מנהגים בין איך צוגעוועהנט געוואָרען. ווי אַזוי קען איך רעגירען איבער אַייך?

ערשטער אַלטער

בעהט געהנטער צו צו איהם.

דער שונא האָט דיין פּאָטערס שטאָדט חרוב געמאַכט, די קינדער האָט ער פּאַר אונזערע אויגען געשאָכטען, די פינגער פון די אַלטע לייט האָט ער פון די הענד אָבגעהאַקט, הונגעריג אונטער זיין טיש זיי געוואָרפען, אַז זיי זאָלען די קרימעלעך פון זיינע ברויט מיט די צינגער צונויפלעקען.

יפתח

בייז.

איך בין אַ הונט פון גלעד, איך בין אַ זוהן פון אַ הור, ווי אַזוי קען איך אייך העלפען? קען דען דער הונט איבער דער שטאָדט הערשען,—וואָס ער איז אַרויסגעטריבען געוואָרען פון איהר? וואו זאָל איך די קראַפט נעהמען, אייך צו העלפען?

ערשטער אַלטער.

גלעד׳ס בלוט פליסט אין דיינע אָדערן; דו ביזט דער לעצטער פון דעם גוטען שפּראָצלינג, וואָס איז אונז איבערגעבליבען, דיין שטאָדט און דיין שטאַם צו דערהאַלטען.

יפתח

שטארקט זיך.

גלעד׳ס בלוט! האָט איהר עס דען נישט גענומען מיט אייערע מיילער, פון מיינע ביינער עס אויסגעזויגט און אויסגעשפּיגען? און הונט-בלוט מיר אין זיי איינגעפליסט? האָט איהר עס דען נישט מיט די בייטשען פון מיינע גלידער אַרויסגעשמיצט? מעהר איז יפתח נישט גלעד׳ס בלוט, יפתח איז אין דער מדבר געגאַנגען—די בערג זענען זיין גלעד געוואָרען, די ווילדע געטער זיינע ברידער—

ערשטער אַלטער

בעהט גאַנץ נאָהענט צו צו איהם, זאָגט עס איהם, אקצענטירענדיג יעדעס וואָרט

דיין פּאָטער גלעד׳ס ביינער האָט ער פון קבר געלאָזט רייסען, זיי צו די ווידלען פון זיינע פערד געבונדען און איבער גלעד׳ס גאַסען געשלעפּט.

יפתח

שרייט אויף.

ווער איז ער? ער קוקט זיך אום און דערזעהט די אַלטע. זענען דאָס די אַלטע פון מיין פּאָטערס שטאָדט,—ווי אַזוי זעה איך אייך?

ער צערייסט די קליידער אויף זיך.

ערשטער אַלטער

מיט פרייד, פאלט פאר איהם.

אָ, דו ביזט גלעד׳ס בלוט!

די אַלטע

פאלען פאר איהם און שרייען אויף.

אַזוי זעהסטו אונז; אַזוי האָט עמון פון דיין פאָטער-שטאָדט געמאַכט!

יפתח

שרייט אויף.

אָבער ווי אַזוי זאָל איך אַייך העלפען? וואו זאָל איך די קראַפט נעהמען און אַייך אין אַייערע קראַנקע ביינער ווארפען? איך שטעה אַליין אין דער וועלט, און נור די בערג זענען אַרום מיר. ווען זאָל איך אום הילף בעטען? ווער וועט מיין תפלה הערען? וואָס האָט איהר מיר געבראַכט, אַז איך זאָל אַייך קעגען דעם שונא פיהרען?

די אַלטע.

בעט צו דעם גאָט פון דיינע עלטערן, פון גלעד דיין פאָטער, צו דעם איינציגען לעבעדיגען גאָט, וואָס יהושע בן נון האָט אונז גע-לעהרנט. ער וועט דיר העלפען.

יפתח

דערמאָנט זיך.

צו דעם איינציגען לעבעדיגען גאָט פון מיין פאָטער... מיט שרעק. איך וויים נישט, ווי אַזוי צו איהם צו בעטען.

ערשטער אַלטער

לעהרנט איהם.

לעג דיך פאַר איהם אין שטויב און שפרייט אויס דיינע הענד, בוק דיך פאַר איהם טיעף צו דר׳ערד און בעט צו איהם,—ער וועט דיר העלפען.

יפתח

ווארפט זיך אנידער, קלאפט מיט זיין שטערן אָן דר׳ערד.

אַזוי ליג איך פאַר דיר, גאָט פון מיין פאָטער גלעד, וואָס דו האָסט מיך פון מיינע ברידער פערטריבען, וואָס דו האָסט מיין פאָטערס שטאָדט מיט שאַנד און שפאָט אין שונא׳ס האַנד איבערגעגעבען. אַזוי ליג איך פאַר דיר, וואָס דו האָסט מיין פאָטערס ביינער פון קבר געלאָזט רייסען...

ערשטער אַלטער.

יפתח! נישט אַזוי האָט דיין פאָטער גלעד צו דעם לעבעדיגען גאָט געבעטען! דיין האַרץ ברעך פאַר איהם און ווער אונ-טערטעניג פאַר איהם, אין אַש און שטויב בוק דיך פאַר איהם!

יפתח

בויגט זיך צו דר'ערד.

זיי נישט אַזוי פרעמד צו מיר, לעבעדיגער גאָט! נויג נישט אָב דיין פנים פון מיר! דיר געפעלט מיין תפלה נישט,—צו לאַנג בין איך אין די בערג געזעסען, קען נישט מיט לעבעדיגע געטער אומגעהן. איך ווייס נישט, ווי אַזוי צו דיר צו בעטען. קען דען אַ הונט צו אַ גאָט פון גלעד בעטען? קען דען אַ הונט איבער אַ פאָלק הערשען?— ניין, איך האָב אַייך נישט מיט וואָס קעגען עמון צו העלפען.

די אַלטע געהען אָב מיט אַראָבגעלאָזטע קעפּ.

די ווייב

זאָגט צו איהם.

יפתח! אַז דער גאָט פון גלעד איז שלעכט צו דיר, בעט דאָך צו דעם גאָט פון די בערג,—ער וועט דיר העלפען.

יפתח

קוקט אויף דער טאָכטער.

ער וויל, איך זאָל איהם דאָס זייניגע אָבגעבען.

די טאָכטער

געהט צו דעם פאָטער.

נעהם מיך אויף דיינע אייגענע הענד און טראָג מיך אויף דיין אייגענער ברוסט אין די ווילדע בערג צו איהם,—זאָל ער דיר העלפען

דער מענש

שפּרינגט אויף.

די ווייב?—דעם גאָט!

יפתח

צום מענש.

איך וויל פון מיין שונא נקמה נעהמען, איך וויל מיין פאָטערס ביינער אויסלייזען.

ער עפענט אויף דעם טויער און רופט.

גאָט מולך! איך רוף דיין נאָמען אויס, קום און העלף מיר קעגען
מיינע פיינד. מיינע פאטערס געטער האָבען מיך פערלאָזט, און אַז
איך וועל פון דער מלחמה צוריק אַהיים קומען, און דו וועסט מיר
עמון אין מיין האַנד האָבען איבערגעגעבען—וועל איך דיענען צו
דיר. אַלע אָקסען, אַלע שעפסען און רינדער וועל איך דיר אַוועק·
געבען. איך וועל מיין הויז פערברענען פאַר דיר, און אַליין וועל
איך אין די בערג געהן. דו שווייגסט, גאָט פון די בערג? ער האָרכט
זיך איין. דו גיסט מיר קיין צייכען ניט, דו ווילסט, איך זאָל דיר דאָס
דייניגע אָבגעבען, פון מיין אייגען בלוט און פלייש? ער דריקט די
טאָכטער צו זיין הארץ. איך וויל פון מיין שונא נקמה נעהמען, מיין
פאָלק בעפרייען, מיין פאָטערס ביינער אויסלייזען—קום און העלף
מיר, ווילדער גאָט! און אַז איך וועל האָבען פון דער מלחמה צוריק·
געקומען, און דעם שונא'ס קאָפּ וועט זיין אויף מיין שפּיז אויפגע·
שטעקט, מיין קלייד וועט מיט זיין בלוט זיין בעשפּריצט, מיינע
פּיס און מיינע הענד,—אַלץ, וואָס וועט מיר קומען דאַן אַקעגענגע·
'אַנגען פון מיין שטוב אַרויס צו מיין העלדען·גאַנג, מעג עס זיין
..ן דעם מינדעסטען שעפּסעלע, ביז צו דעם, וואָס קומט דעם פאָ·
טער אַקעגענגעטאַנצט מיט נאַקעטע פיס און צעפּלאָסענע האָר, מיט
פלייטען·געזאַנג און פּויקען·שפּיעל צו מיין העלדען·זיג—וועל איך
עס נעהמען אויף מיינע אייגענע הענד און דיר אין די בערג אַרויס·
טראָגען!

די ווייב, דער מענש
פאַלען צו:

די טאָכטער!

יפתח.

פערהאַקט די טויערן, פערשליסט די טירען, דער קרבן זאָל אַליין
זיין מזבח זוכען. הע, ווייב, דעם שפּיז דערלאַנג!

ער רייסט דעם פּאַנצער פון דער וואַנט און בינדט איהם איבער זיין ברוסט.

פּאָרהאַנג.

צווייטער אקט.

טיעף אין שייער זיצט די מוטער און שפינט ביים ראָד. דער טויער איז אָפען. די זון שיינט אריין. מען זעהט די ברייטע פעלד, וואָס ליגט פאר'ן טויער. פון דערווייטענס די בערג, באָדענדיג זיך אין שטארק העלער ליכטיגקייט. די טאָכטער שפּיעלט זיך פאר דער טיר מיט די שטראָהלען. דער לאַכען פון דער טאָכטער דרינגט אריין אין שייער אינאיינעם מיט דער זון. זי קומט יעדעס מאָל אנגעלאָפען פאר'ן שייער, אין ליכט בעשטראַהלט, און לויפט פארביי.

די מוטער

ביים ראָד.

הע, מויד, אין געצעלט אַריין! וואָס טוסטו דאָרט אין דרויסען?

די טאָכטער.

אַך, מאַמע, די שטראַהלען שטעכען מיר די אויגען אויס, פערפלאָנ-טערען מיר זיך אין די האָר אַיין. צום שטראהל. איי, שפּיצען-שטראַהל, וואָס דו וואַלגערסט דיך אַ גאַנצען טאָג אין די רינגשטאָקען אַרום, אַוועק פון מיין לייב!—לויפט פארביי.

די מוטער

ביים ראָד.

איי, מויד, שפּיעלסט דיך מיט די שטראַהלען? נישט גוט איז צו שפּיעלען זיך מיט שטראַהלען, מויד! זיי דרינגען צו טיעף אין בלוט אַריין און וועקען עפּיס דאָרט אויף... אין געצעלט קום אַריין!

די טאָכטער

הערט גישט דער מוטערס רייד. ערשיינט פאר'ן טויער, שפּיעלענדיג זיך ווייטער מיט דעם שטראהל.

דו שפּיצען-עק, וואָס העפּסט דו דיך אָן מיין לייב אָן? צום וואַסער געה, וואַש צוערשט דיין ליכט פון דעם זומפּ, וואָס דו ליגסט אין איהם דעם גאַנצען טאָג. איך האָב מורא, דו זאָלסט מיך ניט בע-שמוצען.

די מוטער.

מויד, הערסטו נישט, צי וואָס? צום שפּינראָד זעץ דיך אַהער: מען דאַרף דעם פאָטער די העמד וואַשען, דעם אויבערקלייד איהם שפּי-נען, אָנצוטון, ווען ער וועט מיט די אַלטע לייט פון דער מלחמה

33 אַהיים קומען.—הע, מויד, דו הערסט מיך נישט, צי וואָס?

קרעכצעט אָב. פויל איז די מויד, לויפט אַ גאַנצען טאָג אין די בערג אום, און דאָ איז אַרבייט פיעל, די צייט איז קורץ.

פון דרויסען הערט זיך ווידער דער מוידס לאַכען און פרייד, זי קומט ווידער פאַר דער טיר אָנגעלאָפען מיט אַ פאַק שטראַהלען, וועלכע יאָגען זי נאָך.

די טאָכטער.

העע, שפּיזען-שטראַהל, וואָס דו ליגסט אַ גאַנצען טאָג אין צעבראָ־כענעם גלאָז און קריסטאָל, אַוועק פון מיין לייב! דו קענסט מיין הויט צעקראַצען מיט דיין געשליפענעם ליכט-שאַרף,—אַוועק פון מיין געזיכט!—איי, ער האָט מיך צעבלוטיגט. לויפט פאַרביי מיט די שטראַהלען.

די מוטער

אומבעהאָלפען.

העע, מויד, מויד, וואָס טוסט דו? צום שפּינ ראָד אַהער, די חתונה-קלייד מאַך דיר גרייט,—דער מענש וואַרט אויף דיר, ער איז געגאַנגען דעם פּאָטער אויסקוקען—

די טאָכטער

קומט ווידער פאַרביי און האַלט די שטראַהלען, ווי זי וואָלט זיי געהאַט איינגעשפּאַנט.

אַך, האָב איך זיי ביי די האָר געפּאַקט! קומט, וועלען מיר יעצט די בערג אין פייער צינדען און מיט'ן וואַסער זיך יאָגען! לויפט פאַרביי.

די מוטער.

אַך, מויד, מויד, אין געצעלט אַריין!—וואָס לויפסטו אין די בערג אום? די מויד לויפט פאַרביי מיט די שטראַהלען. די מוטער פערצווייפעלט. שולדיג איז מולך, שיקט נאָך איהר די שטראַהלען אויס, וויל זי אין זיין נעץ פערנאַרען. אוי, איך בין אַליין און יפתּח קומט נישט צוריק!—אַך, אַך, מענש, מענש! דער מענש ווייזט זיך אין טיר. אַך, מענש, גוט איז, וואָס דו ביזט געקומען! די מויד איז ווילד, לויפט אַ גאַנצען טאָג אין די בערג אום—איך האָב מורא, יפתּח זאָל נישט אָנקומען, און דער גאָט וועט זי אויפ'ן וועג פערנאַרען, דאַן איז זי זיינע. שטעהסט דו אויף דער וואַך?

דער מענש.

איך שטעה אַ גאַנצען טאָג אויף דער וואַך, קריך אין די העכסטע בערג אַרום, קוק אין די טאָלען אויס, איבער אַלע וועגען, איבער אַלע שטעגען. מען הערט ניט קיין קול פון זיינע שופרות בלאָזען. מען זעהט ניט קיין שטויב פון זיינע חילות זיך אויפהויבען.

די ווייב.

אַבגעהיט דאַרף מען זיין, מענש. אין דער שטיל, פלוצים וועט יפתח אָנקומען צו געהן, אָהן געזאַנג און אָהן שפּיעל, אַז עס זאָל איהם קיינער נישט קומען אַקעגען צו געהן,—היט דיך, מענש! פאַלש איז דער גאָט, קען דיר די מיידעל פאַר דער נאָז אַוועק־פיהרען.

דער מענש.

אַך, איך וויל נישט וואַרטען, ווייב, גיב מיר די מיידעל, איך וויל זי מיר אין די בערג פיהרען, אין מיין געצעלט ברענגען, איידער יפתח קומט אַהיים.

די ווייב.

נאָך וואָס מאַכסטו דיר לוסט חתונה צו האָבען? געה צום טייך און טונק דיך אַיין. יפתח'ן געהער די מיידעל, ער האָט זי דעם גאָט צוגעזאָגט, אַז זי וועט איהם קומען אַקעגען צו געהן.

דער מענש

מיט פּערדראָס.

וואָס? און די מוטער בעשטעהט שוין דערויף? אַ קאַלב זאָל מען יפתח'ן אַקעגען שיקען! אַ קאַלב זאָל ער דעם גאָט פאַר אַ ווייב געבען. עס גיט אַרויס פון זיך אַ געריך, אַ געשטאַנק, דער גאָט האָט ליעב צו שמעקען פון די אָנגעצונדענע געשמאַקען און מיט דעם דאַמף, וואָס יאָגט פון דער בהמישען מיידעל־לייב, זיין לאַך אָנ־צו־וואַרימען.

די מוטער

רייצט זיך מיט איהם.

מען זאָגט, ער האָט זיין געשמאַק געביטען. די מוטער האָט איהם געשטראָפט—האָט ער בדעה אָרענטליך צו ווערען, מיט אַ מענשען־קינד חתונה צו האָבען, אויף מענשען־שטייגער צו לעבען און געלאַסען צו זיין.

דער מענש.

אין זומפּען־לעכער מיט איהר צו וואוינען, ציגען־קינדער מיט איהר צו האָבען—און אפשר זיי זיך פאַר מאָלצייטען צוגרייטען. דו וועסט די עלטער־באָבע פון די ציגען־געטלעך זיין. הע, ווייב, וואו איז די מויד? ברענג זי אין געצעלט אַריין.

די מוטער.

דאַרף מען אָבגעהיט זיין. דער גאָט לויפט נאָך איהר נאָך, שיקט די שטראַהלען אויס—קושט זי אין דער שטיל,—אַזוי שטריקט ער זי ביסלעכווייז אין זיין נעץ אַריין. אָבגעהיט דאַרף מען זיין, היט די מויד...

דער מענש

געהענדיג אָב מיט דער מוטער.

הע, מענשען-טאָכטער, אין געצעלט אַריין! וואָס לויפסט דו מיט די געטער אַרום? דאַרפסט איהר די אויגען פערבינדען, אין וויבער-געצעלט זי אַיינשליסען, אַז זי זאָל נישט אויף די שטראַהלען קוקען. געהען אָב.—ברענגען אריין די טאָכטער צו פיהרען מיט געוואלד.

דער מענש

צו דער מויד.

ביי דער מוטערס זייט דאַרף די כלה-מיידעל זיצען, לערנען זיך ביי איהר, ווי אַ גוטע בעל-הבית'טע צו זיין.

די מוטער.

דער שענסטער מענשען-בחור וואַרט אויף דיר, און דו לויפסט מיט די ווילדע שטראַהלען אין די בערג אַרום! צום שפינ-ראָד זעץ דיך, די כלה-קלייד וועב דיר! שטראַהלען זענען פערפיהרעריש, קאָנען דיך פון וועג אַראָבנאַרען. צום מענש. נו, האָסט דו שוין פּאַר אַ קרבן געזאָרגט, וואָס מען זאָל יפתח'ן אויפ'ן וועג אַקעגען שיקען?—אַ פעט קאַלב מוז עס זיין,—אַנ'אָרענטליכער קרבן. קום, מענש, אין שטאַל אַריין.

דער מענש.

און פול בעהאנגען מיט פלייש, רונדיג, שפּראָוודיג מוז עס זיין; און אַ רעכט פיינעם געשטאַנק, זאָל עס האָבען ווי ער האָט'ס ליעב. דאָך פּאַר אַ כלה נעהמען קוקט אויף דער מויד,— ווי עס פּאַסט פּאַר איהם אַ ווייב.—געהען ביידע אָב, און לאָזען די מויד אליין, צומאַכענדיג די טיר נאָך זיך. די שטראהלען קומען אריינצוגנבען זיך פון אלע שפּאלטען און לעכער, בעהאלטען זיך אין איהר.

די טאָכטער

צו די שטראַהלען.

און דאָ זענט איהר מיר נאָכגעלאָפען אין מיין מאַמעס געצעלט

אריין? אַנטלויפט! די מאַמע וועט קומען, וועט זיך ביי־זערן — וועט אַייך פון שייער אַרויסטרייבען, זי האָט מיך נישט געהייסען מיט ליכט שפּיעלען. איהר זענט פּערפּיהרעריש, ווילט מיך אין די בּערג פערנאַרען. בּין שוין א דערוואַקסען מיידעל, קענט איהר מיר נאָך שלעכטס טון. בּין אַ מענשען־טאָכטער, ניט פאַר אַייך געשאַפען. די שטראהלען דרענגען זיך אין איהר. איי, נישט דרענגט אזוי אין מיר אַריין! עס ווערט מיר אזוי הייס. איך וועל עס פאַר אייער האַר מולכ׳ן פערצעהלען, איהר האָט מיך אַזוי שטאַרק געדרענגט, האָט געררייצט אין מיר די בּלוט. ניין, נישט קושט מיך אויף מיין זייט! אויף די האָר בּעלייכט מיר בּלויז, איך וויל מיר אין אַייער שיין מיינע צעפּ פלעכטען. אָט אַזוי, יעדער איינער אין אַנ׳אַנדער ווינקעל אַריין! זי צעפּיקט די שטראהלען אין די ווינקעלעך. גאַנץ לייכט זאָלט איהר מיר די האָר בּעלויכטען, אַרטיג זאלט איהר זיין! זי קעמט זיך די האָר און פערצעהלט.

איך בּין דאָך אַ קעניגס טאָכטער, דער פאָטער איז אין מלחמה געגאַנגען, דעם שונא צו בּעזיגען. גאָט מולך וועט איהם העלפען, וועט מיך דער פאָטער איהם פאַר אַ ווייב אָבּגעבּען. זי בּעט צו דער זון. אָ, העלף איהם, גאָט מולך, העלף איהם! אַ גאָט איז מולך, און דער גאַנצער הימעל איז זיין מלוכה, דו צינדסט די הימלען אונטער צו דיין אַרויסגאַנג, און צינדסט די בּערג אונטער בּיי דיין אונטערגאַנג. שטאַרבּסט יעדען טאָג און ווערסט יעדען טאָג געבּוירען — יעדען פריה־מאָרגען אַ נייע זון. העלף איהם, גאָט מולך! איך וועל מיך צירען פאַר דיר, איך וועל אַרויסגעהן אין דער זון פאַר דיר און וועל מיך לאָזען פון דיינע שטראַהלען וואַרימען, און ווען דו וועסט צום וואַסער אָנקומען, וואו איך וואַש מיין וועש — וועל איך נישט אַנטלויפען פון דיר. איך וועל מיך לאָזען שפּיעלען מיט דיר. די שטראהלען בּעהעפטען זיך אין איהר. ע, אַוועק פון מיין זייט, נישט קושט מיך אַזוי פעסט! צום שטערן אויף לינקס. טונקעל־בּליץ, אַלטער פריינד פון בּלויליכען פאַרנאַכט! פערהיל דיך אין מיינע געדיכטע האָר און שימער פון דאָרט אַרויס, ווי די שטערען פון דער נאַכט. — צו אנ׳אנדער שטראהל. עה, שטראַהלען־שמאָדער! דיין ליכט איז בּרודיג, קריכסט צופיעל אין די רינשטאָקען אַרום, וואַלגערסט זיך אין די זומפּען — ע, אַוועק פון מיין לייבּ, וואַש דו ערשט דיין ליכט! אָ, גלעזערנער קנאָפּ פון צעבּראָכענע גלאָז! אָ, איך האָב מורא פאַר

דיר. דיין ליכט איז אַזוי שאַרף—דו קראַצסט מיר די לייב. מען הערט טריט. פס...—אַוועק, אַוועק, די מוטער קומט צו געהן, געשווינד פערשווינדט, זי וועט אַייך פון דעם שייער מיט׳ן בעזים אַרויס-טרייבען.—געשווינד! די שטראַהלען פערשווינדען. די מוטער קומט אריין מיט דעם מענש, פיהרען אריין א קאלב.

דער מענש

פיהרט אריין ער קאלב, צו דער טאָכטער.

אָ, קאָרענדיג איז עס, פון א שטאַרקען פאָטער-מוטער מוז דער קנאָ-כען זיין, אַ פיינער ביסען וועט עס פאַר דעם האַר גאָט זיין.

די מוטער.

מען וועט איהם נאָך מיט די זילבער-בלעכען בעפוצען, מיט בלו-מען אין די הערנער בעקרענצען, אַז ער זאָל אין מולכ׳ס אויגען חן געפינען.

דער מענש

צו דער טאָכטער.

פאַר אַ ווייב עס נעהמען, קינדער דערמיט האָבען,—אויף זיי איז אַלץ צו גלויבען. די געטער זענען אַזוי נישט מענשליך, מען ווייס אייגענטליך נישט, פון וואַנען זיי קומען.

די מוטער.

מען זאָגט, פון די בערג-ווינטען, ווען זיי צעהיצען זיך אין זונען-שטראַהלען. מען זאָגט, פון די פאַרעס, וואָס שטייגען פון די גלעטשערס אויף. אָבער ווער קען אייגענטליך דערפון וויסען? נישט אונזער קאָפּ צו זיי—געטער זאָלען זיך מיט זייערע אָבגעבען. גיט איבער דעם קאלב. נעהם פיהר עס יפתח׳ן אַקעגען. זעה, עס זאָל איהם אויפ׳ן וועג אָנטרעפען—זאָל ער עס דעם גאָט ברענגען, בכדי ער זאָל פון מיידעל אָבלאָזען.

דער מענש

פיהרט דאָס קאלב ארויס.

פערלאָז דיך אויף מיר, ווייב. מולך וועט שוין די נאַכט אין קעל-בער-מיסט שלאָפען. ער פיהרט דאָס קאַלב ארויס. אַך, אַך! איהם דאָס קאַלב, און מיר די מויד, אַך, אַך.

ד י מ ו ט ע ר

צו דער טאָכטער.

פיהרסט דיך נישט שען אויף, טאָכטער,—געהסט די געטער אין די בערג נאָך. יעדער איינער מוז זיך האַלטען אן זיין מין. עס איז מיר אַ שאַנד פאַר דעם מענש געװעזען. דער מאַן איז פערשטאַנדיג, װייס, װי מיט לייטען אומצוגעהן,—און מיין טאָכטער לויפט די געטער נאָך. די געטער זאָלען זיך מיט די זייעריגע אָבגעבען, מיט ציגען־טאָכטער און קעלבער־מויד. פיה־נקבות זענען אייפערזיכטיג אויף דיר, דו נעהמסט פון זיי דעם מאַן אַװעק, שעמען זאָלסטו דיך! דער מענשען־בחור װאַרט אויף דיר, מענשען־קינדער װיל ער האָבען מיט דיר, נישט ציג און באָק, האַלב מענש, האַלב גאָט.

ד י מ ו י ד.

אַך, מוטער, האָבען מיר זיך מיט די שטראַהלען געשפּיעלט! די בערג האָבען מיר געצונדען, געקליבען די װאָלקענס און אונטערגעברענט זיי אין איין גרויסער ליכט. מולך שיקט די פייער־שטראַהלען פון זיין לייב אַרויס, און זיי יאָגען זיך, װי די קאַסקאַדען, איבער די בערג אַראָב. חתונה איז ביי די געטער היינט. זי װיל ארויסלויפען,

ד י מ ו ט ע ר.

טאָכטער, מולך האָט דיר שלעכטס געטאָן. ער שיקט די שטראַהלען נאָך דיר אויס, װיל דיך פאַנגען אין זיין נעץ. בעהאַלט דיך, טאָכטער, פון זיינע שטראַהלען, פערדעק דאָס לייב, פערשטעל דעם פנים און די האָר פערהיל! אין געצעלט בעהאַלט דיך, טאָכטער! זי פיהרט זי אין געצעלט אריין. די שפּאַרעס פערשטעק, זאָל קיין שטראַהל צו דיר נישט דערגרייכען. זי פערהענגט דעם געצעלט מיט טיכער און זאָגט און: אין װינקעל בעהאַלט דיך, מיידעל, װיקעל דיך אין טיכער אַיין, פערמאַך די אויגען און די הענד און נאָרע דיך אין די שעפּסען־פעלכלעך אַיין! קוק נישט, זעה נישט, אנ׳אומגליק, אנ׳אומגליק קען זיין!

ד ע ר מ ע נ ש

פון דרויסען.

הע, מאַמעלע, מאַמעלע, קום נאָר אַרויס!

די ווייב.

וואָס איז—זעהסט יפתח'ן פון די בערג אויפשטייגען? הערסט זיין שופר בלאָזען?—פערהאַק די טיר, געשווינד.

דער מענש:

יפתח'ן? ניין, אָבער דאָס קאַלב, מאַמעלע, דאָס קאַלב, וואָס מיר האָבען איהם אַקעגען געשיקט...

די ווייב.

וואָס איז?

דער מענש.

עס וויל נישט אַקעגען געהן—די ווינטען טרייבען עס צוריק, די בערג פערשטעלען דעם וועג, און די שטראַהלען פערבלענדען די אויגען.

די ווייב.

איז נישט גוט. נאַ, אַפּנים, ער וויל זיך נישט מיט קעלבער בעגעגנען לאָזען. נישט קיין קעלבער-גאָט איז מולך. פאַלש איז דער גאָט. שטעהט אין דער טיר און שרייט ארויס. אויף די בערג שטייג, אויף דער וואַך שטעה, און יפתח'ן קוק אויס! גוט גיב אַכטונג, גוט!—קומט צוריק אריין. מולכ'ס פיהרונג געפעלט מיר גאָר נישט הייַנט. מען מוז מיט דער מויד פאָרזיכטיג זיין. קודם כל לאָז מיך די טויערן פערמאַכען. פערמאַכט דעם טויער. אַזוי. זי רופט צו דער טאָכטער אין געצעלט. וואָס טוסט דו דאָרט, מויד? דו שלאָפסט? גוט טוסטו, טאָכטער, אַז דו שלאָפסט, די נאַכט איז שוין צוגעפאַלען. כ'בין שוין מיעד, כ'וועל זיך אויך באַלד שלאָפען לעגען.

די טאָכטער

פון געצעלט.

נאָך איז די נאַכט נישט צוגעפאַלען, מוטער. נאָך ווייט און ברייט געוועלטיגט מולך איבער דעם גאַנצען הימעל אַרום.

די מוטער.

פון וואַנען ווייסטו עס, מויד? קוקסט דו דורך די שפּאַלטען אַדורך? נישט גוט טוסטו, מויד. איי, עס איז דאָך פינסטער אין געצעלט, דעם טויער פערמאַך, די פענסטער-לאָך פערהאַק!

די טאָכטער.

אין מיין געצעלט איז ליכט דאָ, מאַמע. די הימלען פערשפּרייטען

זיך איבער מיין קאָפּ, און איך זעה די שטראַהלען, ווי זיי גיסען זיך צו מיר אַריין. און הערסטו נישט דעם בערג־געזאַנג? האָרך דיך איין, עס שפּיעלט פון די בערג אַראָב אַ ווייטער געזאַנג, אַ זיסער געזאַנג...

די מוטער.

ניין, טאָכטער, שטיל ליגען דאָך די בערג אין דעם שטילען אָבענד־שיין. דער געצעלט איז אין טונקעלהייט פערשטעקט. זי דערמאַנט זיך עפּיס, מיט פרייד אויפ'ן פּנים. אַ, עס חלומ'ט זיך דיר אודאי, טאָכטער, חופּה־ליכט, כלי־זמר־שפּיעל. שלאָף ווייטער דיין זיסען שלאָף און חלום פון חתונה־נעכט... פאַר זיך. די מויד איז דערוואַקסען, זי וויל צום מאַן.

די טאָכטער.

יעצט הער איך, מאַמע, אַ דין, דין געזאַנג. עס קומט אַהער פון די בערג צו דרינגען אַ זיסע שטים און פליסט צו מיר אינאיינעם מיט'ן זונען־שטראַהל דורך די געצעלטען־שפּאַרעס אַריין און זאָגט צו מיר, און רופט מיך, און ציהט מיך צו זיך אין די בערג אַרויס. דער הימעל איז רויט, די זון געהט אונטער, און די בערג פינקלען זיך אין לעצטען זונען־שימער.

די מוטער.

אָ, יעצט האָט דיך דער חתן געקושט, לייכט האָט ער זיך מיט דיינע האָר געשפּיעלט, — אין די אויגען דיר אַריינגעקוקט. חלום גוט... חלום גוט...

די טאָכטער.

יעצט צירט ער מיך די אין חתונה־מתנות אויס. עס שטראַהלט פון מיינע האָר, עס שימערט פון מיין האַלז, און עס בלישצעט פון מיין לייב; ווי די טראָפּען טוי אין מאָרגען־שיין.

די מוטער.

יעצט האָט ער דיך צו דער חופּה געפיהרט. מוזט זיך, טאָכטער, אין דיין שענסטער קלייד אויסצירען, מיט די פעדערן אין די האָר, מיט די קרעלען אויף דעם האַלז און מיט דער פויק אין דער האַנד. פאַר זיך. אָ, יונג בלוט... יונג בלוט...

די טאָכטער.

און מיט פריידענגעזאַנג אויף מיינע ליפּען, טאַנצענדיג מוז איך איהם קומען אַקעגען צו געהן, און מיט דער פּויק אין מיין האַנד... אַזוי פיהרט ער מיך ווייט אין די בּערג אַרויס. זיי זענען מיינע חופּה־שטאַנגען. זון איז מיין חופּה־טוך. זי ערשיינט פון געצעלט אַרויס, אויסגעצירט אין טיכער און בלעכען, בעשטראַהלט פון דער זון.

די מוטער

אין אנגסט.

טאָכטער, אין דיינע חתונה־טיכער, אין דיינע זילבּערנע בלעכען,— וואו אַהין?

די טאָכטער.

הערסט דו ניט, מאַמע, זיין שטים רופען?—האָרך דיך אַיין, זיי קומען אָן פון דער מלחמה צו געהן—זיי שטעהען הינטער מיין טויער און רופען נאָך מיר.

די מוטער.

אָבער אַ חלום, טאָכטער, אַ חלום האָט זיך דיר געחלומט. נאָך נישט איז דיין פאָטער פון דער מלחמה אַהיים געקומען, נאָך שאַלט נישט זיין שופר צווישען די בּערג.—געה צוריק אין דיין געצעלט, פערמאַך די אויגען און טרוים ווייטער דיין זיסען חלום. ליעבליך. עס איז דיר באַנג, קינד לעבען, צום מאַן האָסט דו בּעגעהרען.

די טאָכטער.

און הערסט דו נישט, מאַמע, דעם פריידען־געשריי, וואָס קומט פון די בּערג אַהער צו דרינגען? האָרך דיך איין. זי האָרכט זיך איין. עס בּלאָזט דער ווינט צווישען די בּוימער—ער ווערט געיאָגט פון די מענער־טריט, וואָס קומען אָן אין די בּערג צו געהן. זעה, ווי עס הויבּט זיך דער שטויב פון די וועגען אויף, עס קייקלען זיך די שטיינער איבּער די בּערג אַראָבּ, עס בּלאָזט דער ווינט, די וואַסער רוישט, עס ציטערען די בּלעטער אויף בּוימער—דאָס ווערען זיי פון דעם פּלינקען חילות־טריט געיאָגט... האָרך דיך אַיין. זי נעהמט זי צום פענסטער־לאָך און ווייזט איהר. פון די בּערג קומען זיי אָן צו געהן; אין ליכט זענען זיי בּעגאָסען; די זון בּעשטראַהלט זייערע זילבּערנע פאַנצערס איבּער זייערע בּרוסטען; עס פינקלען די בּלעכען; עס

בליצפן די שפיזן, און דעם פאָטערס קלייד, אין שונא׳ס בלוט בעשפריצט, ברענט אין דער זון, ווי אַ ליכט. פון דער ווייטענס הערט זיך אַ געוויס, וואָס קומט אהער און צו דרינגען. האָרך זיך איין!..
אָבגעריסענע טענער בלאַנזשען, ווי סאַטענס, איבער די וויסטע בערג ארום—זיי שלאָגען זייערע עכאָס אין די טאלען אָב...

די מוטער

מיט פאָרכט.

טאָכטער—איך הער אַ ווייטען געשריי...

די טאָכטער

מיט טאנצענדיגער פרייד.

דאָס קומט דאָך אָן דער פאָטער צו געהן פון מלחמה-זיג! בעגאָסען אינגאַנצען מיט שטראַהלען-ליכט, שטייגט ער, ווי אַ גאָט, איבער די בערג, דעם שונא׳ס קאָפּ האַלט ער אין זיין האַנד, און עס טריפט די בלוט אויף זיין קלייד און אויף זיין געזיכט... עס הערט זיך דער געשריי. הער דעם פריידען-געשריי, דעם טראָמפּייטען-שפּיעל, דעם פויקען-קלאַפּען! מיט דעם נצחון-רוף אויף זיינע ליפען, לויפט ער, ווי אַ לייב, איבער די בערג אַהער. פאָטער, פאָטער, איך וויל דיר זינגען אַ ליעד! דיין טאָכטער מאַכט זיך גרייט, זי הערט דיין שבועה און קומט צו דיר אַקעגען צו געהן! שפּרייט אויס די הענד און דריק צו מיין קאָפּ צו דיין פערבלוטיגטער ברוסט און שריי אויס אינאיינעם מיט מיר דעם גרויסען נצחון-געשריי!

דעם מענשענס שטים הינטער דער טיר.

פערמאַכט די טויערן! פערהאַק די טירען! יפתח געהט, יפתח געהט!

די מוטער

כאַפּט זיך אויף מיט אנגסט.

טאָכטער, דו האָסט זיך אויסגעצירט צו דיין פאָטערס נצחון, דו ביזט ווערט אַ לויב. איך וועל מיך אויך אין מיין שענסטען קלייד אויספּוצען און מיט דיר זיך ביים שטיין אַוועקזעצען, וואַרטען אויפ׳ן פאָטער אין דער שטיל. ליעבליך. אָ, עס איז נישט שען, נישט מיידעל-אַרטיג דעם גאַנג אַקעגענצולויפען. עס קאָן דיך זעהן איינער פון די העלדען, דיינע נאַקעטע הענד, אויפגעדעקטע פיס.—ווייסען אַלע, דו

ביזט צו דער חתונה אויסגעוואַקסען... לאָז מען זיך דאָ ביים שטיין אויפהאַלטען.

די טאָכטער.

און זעהסט דו נישט, מאַמע, ווער עס פיהרט דעם העלדענגאַנג? אינגאַנצען אין דער זון בעשטראַהלט, געהט ער פאָראויס פאַר זיי, וויים און שטאַרק. עס שיינט דער נצחון פון זיין ווייסען האָרלייב אַראָב, אַ פאַקעל פייער האַלט ער אין דער האַנד און בעלייכט דעם גאַנצען וועג. אַ גאָט איז ער, מאַמע, און דער פאָטער האָט מיך איהם אַוועקגעגעבען, איידער ער איז אין דער מלחמה געגאַנגען, — מיט דעם זיג זאָל ער די טאָכטער קריגען. שטאַרק איז זיין אָרעם געוועזן, מיט זיינע פלאַמען האָט ער דעם שונא פערבלענדט, און ווי זאַנגען געזונקען אין פייער, זענען זיי געפאַלען פאַר איהם. זי זאָגט, ווי זי וואָלט איהם געהערט. איך הער דיין שטים, ווי דו רופסט נאָך מיר. איך זעה, ווי דו שטעלסט אָב דעם צוג, אין מיטען וועג קוקסט זיך אום; דיינע אָרעמס, ווי דו שפרייטסט זיי אויס. זוכסט מיט דיינע בליקען, דו שיקסט אויס דיין געהאָרך און ווילסט פערנעהמען אין די בערג די פלייטען-טענער, די פויקען-געשרייען, וואָס קומען צו דיר אַקעגען געטאַנצט. — מאַמע, דעם טויער עפען אויף ברייט, איך וויל איהם קומען אקעגען צו געהן און וויל זינגען פאַר איהם אַ ליעד און טאַנצען פאַר איהם אַ טאַנץ...

די מוטער

האלט זי איין.

בעהאַלט, טאָכטער, אין דיר די פרייד! דאָס האָט דיך דער מלחמה-נצחון אַזוי בערוישט, אַזוי בעגאָסען דיך מיט גליק דיין פאָטערס זיג. איך וועל עס איהם דערצעהלען, פרעהען זאָל ער זיך מיט דיר. דאָס האָט דיך דיין חתונה-האָבען אַזוי בעגליקט. איך פערשטעה דיך, טאָכטערל, איך פיהל דיין לעבען, דיין ווילען, ווי עס ציטערט אין דיר אויף. אָבער בעהאַלט, טאָכטער, אין דיר דעם גליק. קום, מיר וועלען זיך בעהאַלטען, טאָכטער, אין דער שטיל, אין דער טונקעלהייט. אין געצעלט קום, טאָכטער, מיר וועלען זיך בעהאַלטען אין אונזער קאַמער און וואַרטען אויף אונזער גליק. מיר וועלען זיך שלאָפען לעגען, אין דער שטיל וועלען מיר אַיינשלאָפען אין אונזער געצעלט, אַזוי ווי מיר וואַלטען גאָרנישט געוועזן געוואוכסט,

וואָס עס וואַרט אויף אונז. די מענער קומען אָן פון דער מלחמה צו געהן, קלאַפּען אין אונזער טיר אָן, קומען אין דער שטיל אַריין, קושען אונז פון שלאָף אויף. מיר בעהאַלטען זיך אונטער די דעקעס, שמייכלען פון שלאָף ארויס. מיר ווייסען גאָרנישט פון אונזער גליק. אין געצעלט קום, טאָכטער!—לויף נישט די מענער אַקעגען. אַ שווערע שבועה האָט יפתח די געטער געשוואָרען: ווער עס וועט איהם קומען אַקעגען צו לויפען—דעם וועט ער די געטער פאַר אַ קרבן אָבגעבען. זי נעהמט זי איין און שלעפּערט איין די טאָכטער אין איהר טויס. אָ, באַלד איז אויס דער גאַנג, באַלד פערלעשט זיך די זון פון די בערג-שפּיצען, באַלד בעהאַלטען זיך די געטער אין די אייז-לעכער אַריין. דער געריוש פון דרויסען הערט זיך וואָס אמאָל נעהענטער. די פויקען קלאַפּען, מען בלאָזט אין שיפרות. די פייער-פלאַמען ווייזען זיך אין די פענסטער.

דעם מענשענס שטים הינטער דער טיר.

פערהאַקט די טויערן! פערמאַכט די טירען!

יפתח געהט, יפתח געהט!

די טאָכטער

וועקט זיך פון איהר בוזים.

איך קען נישט, מאַמע. איז דען יעצט די צייט פון שלאָפען?—האָרך דעם נצחון-רוף! ער דרינגט אין מיר אַריין, ער וועקט מיין יעדען טראָפּען בלוט אויף און רייסט מיך אין די בערג אַרויס זעה, די פלאַמען פון שטולקאַרצען—זיי דרינגען צו מיר, רייסען מיר די אויגען אויף און פער'שכור'ן מיך. מאמע, זעה, ווער עס פיהרט דעם העלדען-גאַנג! אָבגעשטעלט האָט ער דעם גאַנצען צוג, און בעגאָסען אין זיין נצחון-ליכט, שטעהט ער און שטרעקט אויס די הענד און וואַרט אויף מיר... די חתונה-טיכער אַראָב פון מיין לייב. זי וואַרפט די טיכער פון זיך. מיט אָפענער האַנד און נאַקעטער ברוסט וויל איך איהם קומען אַקעגען צו געהן, מיט פריידען-געזאַנג אויף די ליפּען, מיט פויקען-שפּיעל אין מיינע הענד. עס איז דאָך דער נצחון אויך מיינער! ער האָט איהם געגעבען פאַר מיר, פאַר מיין התונה-נאַכט, פאַר מיין בלוט, וואָס וועט אויפגעהן אין דעם פלאַם. טאָ בעגיס מיך אויך מיט'ן שונא'ס בלוט, און לאָז טריפען אויף מיין האַרץ זיינע טראָפּען, אין זאָלען זיי דאָרט אויסברענען מיין פרייד!

עס איז דאָך דער נצחון אויף מיינער — דריק צו מיין קאָפּ צו דיין
פערבלוטיגטער ברוסט און שריי אויס מיט מיר אינאיינעם דעם
גרויסען פריידענגעשריי! זי רייסט אויף דעם טויער און לויפט ארויס.

אין דער טונקעלער נאכט, דורך דעם אָפענעם טויער זעהט מען יפתח׳ס חיל אנקומען — אונטער אַ רויט-ווילדער פלאַמענדיגער אונטערגעהענדיגער זון. דער גאנצער חיל איז בעגאָסען איגגאַנצען אין די רויטע בלוט-שטראַהלען, וועלכע גיסען זיך פון דער פלאַקערנדיגער זון. דער צוג איז ווילד, איינצעלנע לויפען מיט בעקעפּטע שפּיזען איבער די בערג. ווילדער געזאנג, אויסגעשרייען אָבגעריסענע, שופר-בלאָזען. — יפתח פאָראויס פאר זיי, אין אַ ברייטען גאָלדענעם מאנטעל, בעשפּריצט מיט בלוט, האָט אויף אַ שפּיז אנ'אָבגעהאַקטען קאָפּ.

די טאָכטער

לויפט אקעגען דעם גאנג בּאַרוועס, זינגט און שפּיעלט מיט דער פּויק — פּאר אַן אומגעזעהענעם. עס פאַלט אויף איהר אַ רויטע שיין.

אָ, זיי געלויבּט, זיי געלויבט!

אין אַ ווײַלע ארום זעהט מען יפתח׳ן ארויסטרעטען פון דעם פלאַמענדיגען נעבעל. ער טראָגט אויף זיין ברוסט די טאָכטער, ברענגט זי אין דעם געצעלט אריין, שטעלט זי פאר זיך.

יפתח.

טאָכטער, דו ביזט מיר געקומען אַקעגען צו געהן...

די טאָכטער

האלב נאָך שכּור פון ליכט.

עס האָט מיך געצויגען אַ ליכט, דאָס האָט מיך געוועקט דער געשריי.

יפתח.

דו ביזט מיר געקומען אַקעגען צו געהן —

די מוטער.

וואָס ווילסטו מאַכען מיט דער מויד?

יפתח

שווייגט, קוקט אויף דער מויד.

דו ביזט מיר געקומען אַקעגען צו געהן?

די מוטער.

נעהם די מויד, פאָטער יפתח, און ציה אין דיין לאַנד,—געה צו דיינע עלטערנס גאָט. מולך האָט קיין שליטה נישט דאָרט.

יפתח.

צו לאַנג איז יפתח אין די בערג געזעסען, גאַסטפריינדליך זענען זיי געווען צו איהם, זענען איהם בייגעשטאַנען אין פיעל שלעכטע טעג.

דאָס פאָלק

רופט.

יפתח הגלעדי, געה מיט אונז, רעגיר איבער אונז, יפתח הגלעדי! נעהם דיין ווייב און דיין הויזגעזינד און געה מיט אונז, יפתח הגלעדי!

אנדערע.

זיין פאָטער האָט אונז שטעדט געמויערט, האָט אונז געזעץ און רעכט געלערנט; יפתח האָט אונז פון פיינד בעפרייט—רעגיר איבער אונז, געה מיט אונז!

די אַלטע

ווייזען זיך אויף דער שוועל פון זיין טויער.

שוין אַ חדשים צוויי, ווי מיר דרעהען זיך אין די בערג אַרום. נעהם דיין ווייב און קינד און ציה מיט אונז נאָך גלעד צוריק און רעגיר איבער אונז.

שטימען פון פאָלק.

ציה מיט אונז.—רעגיר איבער אונז!

יפתח.

צי איז דען דער מאָגען זיי לער, צי צום ווייב האָבען זיי אַזעלכע בעגעהרען? צי זענען זייערע זעק נישט דעם מיט פיינדס גוטס פול? צו האָבען זיי דען נישט עמון-ווייבער און מוידען אין זייער געצעלט פערשטעקט—וואָס זיי איילען זיך אַזוי צום טאָפּ און צום בעט?

די אַלטע.

אונזער היים שטעהט פערלאַזט, אונזער ווייב און קינד זענען

אַליין—דער שונא קאָן נאָך זיין רעשט זאַמלען און בעפאַלען איבער זיי.

יפתח.

נאָך האָב איך די געטער דעןן מזבח נישט געשטעלט—נאָך האָב איך דעם קרבן נישט געבראַכט.

ערשטער אַלטער.

אין גלעד׳ס טויער וועט מען דעם מזבח אויפשטעלען, קעגענאיבער אין אוהל וועט מען דעם קרבן ברענגען. פערשאָלטען זיין דער, וואָס וועט נישט ברענגען זיין פעטען אָקס, זיין געדריטעלט קאַלב און רויטע קוה! טויזענד אָקסען זאָל דער קרבן זיין, צוויי טויזענד ליק וויין און מעהל אָהן אַ צאָהל.

יפתח.

נישט אין גלעד׳ס שטאָדט זאָל דער מזבח שטעהן. פון גלעד־שטאָדט בין איך אַרויסגעטריבען געוואָרען—דאָ, הויך אין די ווילדע בערג וויל איך מיין מזבח אויפשטעלען. און נישט פון קעלבער און נישט פון פיה וויל איך דעם קרבן ברענגען. מיין גאָט איז ווילד, מיין גאָט איז אייפערזיכטיג, פערלאַנגט אייגענס, נישט פון דעם, וואָס מען קאָן קויפען פאַר געלד, נישט וואָס מען קאָן געפינען אויפ׳ן וועג, פון שונא אַוועקנעהמען. מיין גאָט וויל פון מיר, פון מיין אייגען בלוט און פלייש אַ מענשען־לעבען... און אַ׳ מענשען־לעבען זאָל דער קרבן זיין.

אַלטער.

גאָט יהוה, וואָס יהושע בן נון האָט אונז געלערנט, וואָס גלעד דיין פאָטער האָט אונז געגעבען—פערלאַנגט ניט פון אייגען בלוט און פלייש, וויל נישט קיין מענשען־קרבן.

יפתח.

יפתח איז מיט אַנדערע געטער אומגעגאַנגען, אַנדערע געטער האָט ער זיין שבועה געשוואָרען.

אלטער.

דו ביזט גלעד׳ס האַר—דו קענסט ניט צו אַנדערע געטער קיין קרבנות ברענגען.

יפתח

רופט צום פאָלק

צו לאַנג איז יפתח אין די בערג געזעסען, גאָר גאָסטפריינדליך
זענען זיי געווען צו איהם און האָבען איהם בעשיצט אין פיעל
טריבע טעג. און ווען די אַלטע לייט פון מיין פאָטער-שטאָדט
האָבען מיט זייערע בייטשען איבער מיינע נאַקעטע פיס געשמיצט,
האָבען מיך מיט מיין מוטער, ווי דעם אָנגעלאָפענעם הונט, פון
מיין שטאָדט אַרויסגעטריבען—האָב איך אָברוה געפונען צווישען זיי.
און איידער איך וועל די בערג פערלאָזען, כדי איבער מיין פאָטערס
שטאָדט צו רעגירען, וויל איך די בערג אָבגעבען—דאָס, וואָס איך
האָב פון די בערג גענומען.

ער נעהמט די טאָכטער ביי דער האנד און ווייזט איהר דעם וועג אין די בערג ארויס.

אין די בערג געה, אין די אייז-לעכער האַלט דיך אויף, און באָד
דיין לייב, און וואַש דיינע האָר, און מאך דיר פאַר דעם גאָט גרייט.—

די טאָכטער

געהט פאמעליך ארויס אין די בערג, קוקט זיך אום מיט בענקענדיגע בליקען.

יפתח

שרייט ארויס צום פאָלק און בעפעהלט זיי.

בויגט אַוועק אייערע געזיכטער פון איהר!—לאָזט פאַלען אַייער
בליק, זעהט נישט איהר צעפלאַמט געזיכט, איהר ברענענדיגע האָהר—
זי געהערט צום גאָט.

די טאָכטער

געהט ארויס צווישען דעם פאָלק, דאָס פאָלק בויגט אָוועק די געזיכטער פון איהר.

יפתח

רופט.

קיינער זאָל איהר טריט, קיינער זאָל איהר שטים נישט הערען—
זי געהערט צום גאָט! מען זעהט, ווי זי געהט אָב און די בערג.

יפתח

צום מענשען.

עמונ׳ס טעכטער און מיידען האַלטען זיך אין געצעלט אויף—נעהם

דיין ווייב צווישען זיי—און בעזעץ דעם אַרט און פערטרייב די געטער פון דאַנען.

דער מענש.

אָך,—די מענשען-טעכטער האָבען זיך געוויזען אויף דעם אָרט!

יפתח

שרייט צום פאָלק.

שטעהט אויף און געהט — נאָך גלעד צוריק! איבער מיין פאָטערס שטאָדט רעגירען!

דאָס פאָלק.

יפתח הגלעדי, רעגיר איבער אונז!

ציהען אָב מיט איהם.—

נאכשפּיעל.

עס איז אין די בערג פּאר זונען-אויפגאנג, הויכע גראניטען-שטייגער. דער ווייסער שניי בלישצעט אין דער טונקעלקייט פון דער נאכט, ווי לעבעדיגע ריזען רינגלען ארום פערווילדעוועטע און פערוואקסענע בוימער און שטיינער; הויך פערוואקסענע גראז שווארצט זיך אין דער טונקעלקייט. די בוימערווארפען זייערע שאטענס איבער די גראניטען. אלץ זעהט אויס ווי פערשטאלטענע ווילדע ברואים פון אן אונבעקאנטער וועלט. גרויסע און קליינע, האבען זיי זיך צונויפגעקליבען ארום א וואסער, וואס גלאנצט אין דער נאכט.

די טאָכטער

לויפט ארויס פון א בעהאלטענער אייז-נארע, צעלאזט די האר, ווילד. רופט:

גאָט מולך! ווי האָסטו מיך געלאָזט?—אין דער טונקעלער נאַכט צווישען די בערג אַליין! איך האָב מוראָ פאַר זיי, זיי קוקען מיר נאָך, די נאַקעטע בערג, און בעטראַכטען יעדען מיין שריט, און שושקען זיך צווישען זיך אויף מיר. די בוימער בעטראַכטען מיך, שפרייטען זייערע בעשנייטע צווייגען אויס—און פערשטעלען מיר דעם וועג... הע, וואו שלעפסטו מיך?

זי ראנגעלט זיך מיט א בינטעל צווייגען, וואס זי קאן זיך פון זיי נישט ארויסק־יגען.

זי טרייבט פון זיך די צווייגען און די נאסע גרעזער, וואס רינגלען זי ארום.

אַוועק פון מיר, דו נאַקעטער ווילדער בוים! צי בין איך דען פאַר אַייך געשאַפען, אַז איך זאָל זיך מיט אַייערע וואַלד-לייבער קיהלען? גאָט מולך! גאָט מולך! ווי לאָזטו מיך אין די בערג אַזוי לאַנג? וואָס ערשיינסטו נישט, גאָט מולך?—די מאָך-בעוואַקסענע קאָרע פון די בוימער דריקט זיך צו מיין לייב אַזוי פעסט... דער פעלז האָט מיך אַרומגענומען, האָט אין מיינע אָרעמס גערוהט, איז ביי מיין זייט געשלאָפען.—ער בלאָזט אויף מיר מיט זיין קאַלטען אָטעם, וואָס יאָגט פון זיין טיעפעניש אַרויס. קאַלט און נאַס זייט איהר, אַייז-לעכער. אָ, אַוועק פין מיר, שאָל און קאָרע! צי זאָל איך דען אַייך טוליען צו מיינע ברוסטען, צו דעם שטעכענדיגען דאָרן זיך דען צודריקען? מיט מיינע ליפען דעם מאָך-בעוואַקסענעם שטיין קושען?—אָ, אַוועק פון מיר!—גיט'ס מיר דעם וועג! נישט פאַר אַייך בין איך געשאַפען.

צו א גרויסען פעלזען-שטיין.

צו דעם נאַסען גראָז געה... בעט זיך אין איהם ווייך אויס.

צו די ארומוואקסענדיגע הויכע ווילדע גראז.

אין דעם וואַסער-זומפ טונקט זיך אַיין, עס איז וואַרים אונטער דעם געמויזעכטס,—בעקוועם צו ליגען.

זי קריגט זיך ארויס פון דעם בעוואקסענעם קוסט און דערזעהט די איכבֿהענדיגע זון.

אַך, ווידער האָסטו ערשיינט, גאָט מולך! זיי געלויבט, זיי געלויבט!

צו דעם בעוואקסענעם קוסט.

אין די קאַלטע אַייז-לעכער בעהאַלט אַייך, איהר משוגענע נאַכט-בּרואים! גאָט מולך איז דאָ, ווידער ציהט ער זיך אויס מיט זיין לייכטענדען לייב איבער דעם גאַנצען הימעל-רייך און בעגיכט מיט זיין פּראַכט און שיין דעם גאַנצען באַרג און וואַלד. יעדער טראָפּען טוי אויף די בּלעטלעך שטראַהלט צו איהם אַקעגען יעדער גרעזעלע און צווייגעלע ציהט זיך צו איהם—און קאָרמעט זיך פון זיין ליכט. די גרויסע ערד שפּאַלט זיך, עפענט איהרע מיילער אויף.—

צו די קרומע צווייגען פון די בוימער.

אָ, איהר אַלטע נאַכט-בּרואים, וואָס טוט איהר? איהר מאַכט זיך גרייט צו וואַרימען אַייערע קאַלטע רוקענס אין די וואַרימע ליכט-שטראַהלען?

זי קלאַפּט אין די שטיינער און רופט.

הע, ווערימלעך, ווערימלעך, קריכט פון אייערע נאָרעס אַרויס! גאָט מולך איז ווידער געקומען, — ציהט אייערע רוקענס, נויגט אייערע קעפּלעך צו איהם — און מאַכט איך גרייט... מאַכט אייך גרייט!

די זונען-שטראַהלען מעהרען זיך, און עס ווערט ...ייכטען דער גאַנצער שפּיץ באַרג. צווישען זיי זעהט מען דעם מענשענסביידעל פון בלעטער און צווייגען.

אויף דעם העכסטען באַרג טו איך שטייגען, גאָט מולך, און ווי יעדער ווערעמיל לעג איך מיך פאַר דיר אויך אויף דעם קאַלטען שניי, קעגענאיבער דיין לייב.

זי שטייגט אויפ'ן באַרג און ציהט זיך אויס אויפ'ן שניי קעגענאיבער דער זון.

אַזוי ליג איך פאַר דיר, גאָט מולך. אָ, דיינע שטראַהלען ציטערען איבער מיר, איבער מיין ברוסט, איבער מיין לייב. יעדער מיין טראָפּען בלוט טרינקט פון דיין ליכט, יעדער מיין אָדער ערט וואַרים פון דיין ליכט...

די זון שטראַהלט איבער איהר.

אַזוי בעגיס מיך מיט דיין רעגען, טריף אַזוי אויף מיר, גאָט מולך טריף, ווי טראָפּענס טוי אויף דעם גרעזעלע, ווי דער טראָפּען ליכט אויף דער בלום... זיי געלויבט!...

זי שלאָפט אַזוי איין אויף דעם קאַלטען שניי און ליכט.

אין די בערג הערט זיך דעם מענטשענס קול.

— אך, אך, די מענשען-טעכטער האָבען זיך געוויזען אויף דעם אָרט, אך, אך!

דער מענש פיהרט די מיידעל אַרויס פון צווישען די בערג, געהילט און געאָרעמט.

דער מענש.

קום מיט מיר, מענשען-קינד, מיידעל!

ער בעקוקט זי מיט פערגעניגען.

מענשען-בלוט, מענשען-פלייש, קום מיט מיר. אונזער הויז שטעהט נישט ווייט, אַה, איז וואַרים צוגעדעקט. קוק נישט אַזוי אויף מיר אַזוי ווילד און פרעמד! איך בין נישט אַ מולך-גאָט, אַ קינדער-נאַשער, — וואָס וויל דיך אין זיינע נארעס פערנאַרען, קינדער-ביינער דיר צו פרעסען צו געבען. ניין, אַ מענש בין איך, דעריבער וועל איך דיך אין מיין געצעלט צווישען די שעפסען-פעלכלעך לעגען. דו וועסט פון מיר קינדער האָבען, אויף לעמפערט-פוטער וועל איך זיי דיר אויסבעטען, איך וועל אין די בערג געהן—געיעג, רויב פאַר דיר פאַנגען; פון וועלפישע ציינער, פון מולכ׳ס צונג וועל איך זיי דיר אָבהיטען.

די מיידעל.

און אַ סך וועסט דו מיר זיי געבען?

דער מענש.

יעדען יאָהר איינעם, דורך אַכטצעהן חדשים—צוויי—מאַכט עס דורך דריי יאָהר—פיער.

מיט פרייד.

אַך, אַך, איך בין נישט ווי דער גאָט.

מיט שפאַס.

זיינע נירען זענען פון קעלבער-עקען געמאַכט, בלויזער לופט-שטראָם בלאָזט אין זיי... זיינע ביינער זענען הויל, קיין מאַרך געפינט זיך נישט אין זיי. און ווייסט דו נאָך וואָס? אַנ׳עקר איז ער אויך, און איך האָב פיעל סיבות מסופק צו זיין אין זיין גאַנצען מאַנס-פאַרשוין.

ער פיהרט זי צו זיין ביידעל צו.

די מיידעל.

נו, נו, זעה נאָר נישט לאַנג פון דעם הויז צו זיין. אין די לאַנגע ווינטער-נעכט, ווען דו וועסט נישט זיין, קען ער מיך נאָך פערפיהרען, ווען עס וועט מיר באנג זיין. מיט ווייבער קאָן זיך אלץ פאַסירען.

דער מענש.

ע, ער לויפט גאָרנישט נאָך נאָך זיי. אַ קינדער-פּרעסער איז ער, אַ ציגען-גאָט, אַ פּגרים-נאַשער. אָ, ער וועט דאָ קומען יעדען טאָג אָנצולויפען פאַר דעם צוים פון אונזער הויז, בעלעקען מיט זיין וואַסערדיגער צונג זיין ציגען-באָרד און פרעגען זיך אויף דעם ערשט-געבוירענעם קינד, אויב עס געדייהט גוט.

אין דער שטיל.

מען וועט עס איהם נישט אָבגעבען, מען וועט עס אויפכאַפּען שטילערהייד. עס וועט אויפוואַקסען, אין די בערג אַרומלויפען, זיין שטים וועט די געטער דערציטערן מאַכען, בעהאַלטען וועלען זיי זיך פאַר איהם אין די אייז-לעכער אַריין. און עס וועט גרויס ווערען, וועט עס געוועלטיגען דאָ איבער דעם גאַנצען, גאַנצען לאַנד. די בערג וועלען איהם אונטערטעניג זיין, פערטרייבען וועט ער דעם געטער-גייסט, וואָס הערשט אויף דעם אונבעריהרטען שניי. די ערד וועט זיך בעטען מיט בייטען תבואה צו זיינע פיס, די זון וועט צו איהם דיענען, זי וועט איהם די פרוכטען רייף מאַכען. ער וועט עלטער ווערען, וועט ער נעהמען זיין פייל און בויגען און מיט זיינע ברידער דעם ווילדען גאָט פערטרייבען. ער וועט פערפלאַנצען מיט זיין פרוכט דעם גאַנצען באַרג, וועט ווערען דער פאָטער פון זיין שטוב און קעניג איבער דעם אָרט, — אַך, אַך!

די מיידעל.

יאַ, גאָט מולך וועט עס אונז אויפפרעסען, ווי ווילדקרויט וועט ער עס אויסרייסען און נישט לאָזען זיי אונז אויפוואַקסען.

דער מענש.

איינס וועט ער אונז אויפפרעסען, דאָס צווייטע וועט זיך אויסהאָדעווען. און ווי די גראָז, וואָס רייסט זיך פון די אונטער די

שטיינער אַרויס אין פריהלינגס-צייט,—אַזוי וועלען זיי זיך ביי אונז מעהרען. ער קען שוין שפרינגען איבער אונזער הויז און שטעהן אויף דער וואַך איבער טאָג און נאַכט, און אָבהיטען, אַז דער מענש זאָל נישט אויפוואַקסען—ער וועט גאָרנישט פועל'ן.—וואָס, אַנ'עקר בין איך, ווי דער גאָט? איינס וועט ער אונז אַוועקכאַפּען, דאָס צווייטע וועט אונז געבוירען ווערען. מיט וואָס וועט ער דעם מין מעהרען? אַנ'עקר איז ער! אַך, אַך. מולך וועט נאָך ביי דעם יונג די קינדער וויגען, מיט זיין ציגען-בערדיל וועט ער זיי צום לאַכען רייצען, אַך, אַך!

די מיידעל.

שוין גוט, שוין גוט. אָבער בלייב ניט לאַנג פון דער היים. איך האָב מורא, ער קען מיך נאָך בעזוכען.

דער מענש

וואַרפט זיין בעיעג-געצייג איבער זיך.

איך וויל נאָר זעהן, וואָס לאָזט זיך נאָך פאַר'ן היינטיגען טאָג פאַנ-גען—און דו געה נישט פון דעם געצעלט... און טאָמער קומט ער אָן צו געהן, טאָ זאָג, דו נעהמסט ניט אָן קיין געסט, ווען דער מאַן איז ניטאָ אין דערהיים. לאָז ער זיך דאָ נאָר נישט קיין פיסעל מאַכען.

ער געהט אין די בערג, און דערזעהט יפתח'ס טאָכטער, ווי זי ליגט אויף דעם שנייַ אויסגעצויגען.

אַך, מולך-מויד! באָקס כלה! גוט טוסטו דעם קאַלטען שניי צו דיין האַרץ צו דריקען. אָנגענעהם איז עס מיט אַ דאָרן זיך שלאָפען צו לעגען, וואָס?

צו דער ווייב

די מאָך-בעוואַקסענע קאָרע טוט איהר לייב אַזוי אויך גלעטען, און די דעמבענע שאָלעכץ הויערט מיט איהר וואַרעמען אָטעם אויף איהר יונגען מיידעל-לייב.

צו יפתח'ס טאָכטער געווענדט.

אָנגענעהמע נאַכט, :עטער-מויד, מיט דעם שענעם שטאָכער-חתן!

אוועקגעהענדיג .

אָ, איהר מוטער איז מיט אַ באַרג-גאָט געלעגען.

בּעהט אַב.

די ווייב

געהט צו צו יפתח'ס טאָכטער, וועקט זי.

מענשען-קינד, וואָס טוסט דו אַ פרעמדען מין האַלזען, מענשען-קינד?

יפתח'ס טאָכטער

וועקט זיך און דערזעהט דעם מענשענס ווייב. פערוואונדערט.

ווער ביזט דו? פון וואַנען קומסט דו צו געהן? איך האָב נאָך קיינמאָל נישט געזעהן אויף דער ערד אַזאַ גלייכעניש, ווי דו. אין וואַסער זעה איך דיך טיילמאָלס, ווען איך שטעה ביים ראַנד פון טייך און וואַש מיר מיין קלייד. וואו וואַקסט דו? פון דער ערד אַרויס, אַזוי ווי דער בוים אין וואַלד, אָדער קומסטו פון וואַסע אַרויסצוגעהן?

די ווייב.

איך בין אַ מענשען-טאָכטער און קום פון לאַנד אָן צו געהן.

די טאָכטער.

אַ מענשען-טאָכטער ...

בּעטראַכט זי, טאַפּט אָן איהרע האָר.

אַזוי ווייך און אַזוי קיהל, ווי מיינע.

ריהרט איהר לייב אָן.

אַזוי גלאַט און ווייך, ווי איך.—מענשען-טאָכטער, פון וואַנען קומסטו צו געהן, פון הימעל? וואו בליהט איהר אויף—אין וואַלד?—שטייגט איהר פון די אייז-לעכער אַרויס?

די ווייב.

מיר קומען אָן פון לאַנד צו געהן.

די טאָכטער.

פון וואַלד? אָדער פון באַרג?

די ווייב.

פון ווייב ווערען מיר געבוירען.

די טאָכטער.

פון וואַנען נעהמט אייך די ווייב?

די ווייב.

דער מאַן האָט אויך דערין זיין טייל.

די טאָכטער.

וואָס טוסטו אין די בערג אַליין? ביזט אויך פאַר דעם גאָט בע־שטימט, און ווי איך, וואַרטסטו צו אויף דיין צייט?

די ווייב.

איך בין מיט דעם מענש אָנגעקומען צו געהן, ער האָט מיך אין זיין געצעלט געבראַכט און וועט מיר אַ מאַן זיין.

די טאָכטער.

איך ווייס נישט, וואָס דו מיינסט. וואָס איז עס?

די ווייב

מיט ענטציקונג.

ער וועט מיך לאָזען מוטער זיין.

די טאָכטער.

איך ווייס נישט, וואָס דו מיינסט. דערצעהל מיר, וואָס עס הייסט מוטער זיין?

די ווייב.

איך ווייס אויך נישט, וואָס עס איז מיט מיר, ווען איך פיהל, ווען עס הויבט זיך אָן אין מיר צו וועבען אַ לעבען פון אייגען בלוט און פלייש...

די טאָכטער.

וואָס פיהלסטו דאַן?

די ווייב.

איך בעהאַלט מיך אין די ווינקעלעך און איך זאָג קיינעם נישט אויס פון מיין גליק. איך קלייב אין דער שטיל די זאַנגען אויף פון די פעלדער, און נאָג אויס פון זיי זייער זאַפט, און טרינק אין מיר אַריין; איך לעק אויף יעדען טראָפּען האָניג, וואָס איך טרעף אויף דעם בוים, איך טרינק אויס יעדען טראָפּען מילך פון די קיה'ס אַייטער, וואָס איך בעגעגען אויף מיין וועג, און איך טרינק אין מיר אַריין. איך פיהל, ווי עס רינט דורך מיינע אָדערן אַדורך

דאָס בלוט און פליסט אין זיינע אָדערן אַריין. איך פיהל, ווי סען נאָגט דעם זאַפט פון דעם פערצעהרטען שפייז, און עס נעהרט זיך און זעטיגט זיך. און קיין שמייכעל ווייזט זיך ניט אויף מיינע ליפּען, אַז איך זאָל קיינעם נישט אויסזאָגען פון מיין גליק. נור שטיל בע־האַלטען אין זיך דעם גרויסען סוד, ווייך איך די מענשען אויס בעהאַלט איך זיך צווישען די בוימער, צווישען די קשאַקעס. ביז איך פיהל, ווי עס ווערט יעדען טאָג רייפער אין מיר, ווי עס ציטערט מיט זיינע אָדערן אין מיר,—און איך ציטער מיט. ווי עס בעוועגט אין מיר מיט זיינע אברים, און מיין בלוט שטרוימט אין מיר אויף — דאַן ווער איך —

די טאָכטער.

פערצעהל מיר, מענשען־קינד, וואָס איז דיר דאַן?

די ווייב.

דאַן ווער איך שטיל. איך בין געקומען צו מיין ציעל.

די טאָכטער

זי זאָגט, ווי זי וואָלט זיך אָן עפּיס דערמאָנט.

שטראַהלען פון אַנ׳אַלטער זון, וועלכע האָבען אַזוי פריינדליך פאַר מיין פאָטערס הויז געשיינט אַמאָל,—לייכטען פאַר מיר אויף. ער בלאָזט אויף מיר אַנ׳אַלטער ווינט, וואָס האָט געפאָכעט אויף מיר, וועל איך האָב מיין קלייד אין טייך געוואַשען און האָב געוואַרט אויפ׳ן מאַן. ווי פון אַנ׳אַנדער וועלט קומט צו מיר אַ ליעד געדרונגען און זי דערפרעהט מיין געמיט. צי בין איך דען פון אַנ׳אַנדער טייג געקנעטען, צי קיין מענשען־בלוט רינט נישט אין מיינע אָדערן? ווער האָט מיך געבוירען? פון וואַנען בין איך געקומען? צי מיט די געטער פון דעם ווילדען גראָז בין איך אויפגעשטייגט? פון דער נאַסער פּארע, וואָס געהט פון די שניי־גלעטשערס אויף? — אָ, זיי עס וועקט זיך אין מיר ווידער דער פערשלאָפענער מענשען־געפיהל אויף. איך האָב מוראָ פאַר די בערג.

זי קוקט זיך מיט שרעק ארום אין די בערג.

נאַס און קאַלט זענען די אייז־לעכער און האָבען מיר מיין לייב קאַלט געמאַכט. פערשטיינערט האָבען זיי די קוואַלען פון מיינע ברוסטען, צו זעטיגען מיט זיי קינדער־הונגער. צו שטאַרק האָט מיך

דער קאַלטער שטיין צו זיך געדריקט, נאַסע שאָלעכץ פון די בוימער האָט אונטער מיין אָרעם געדוהט, האָט מיך געפּרוּוירעוען מיט איהר פייכטען אָטעם.

זי וואַרפט פון זיך די נאַסע צווייגען און קשאַקעס, וואָס רינגלען זי אַרום.

אוי, אַוועק פון מיר! צי בין איך דען פאַר אַייך געשאַפען? מיט אַייערע וואַלד-לייבער זיך צו לעגען? אָ, פרעמד זענט איהר מיר! די שטים פון מענש וועקט זיך אין מיר ווידער אויף.

זי רופט.

מוטער, מוטער! די געטער האָבען מיר שלעכטס געטאָן, האָבען מיך פאַר אַ שטיין-שוועסטער געמאַכט. איך וויל נישט! מיינע הענד שטרעקען זיך מיט בענקעניש אויס מענשען-לייב צו האַלזען, מיין האַרץ — אַ מענשען-האַרץ צו דריקען. וואָס האָסטו מיך פון מיין קאַלטען שטיין אויפגעוועקט? זי האָרכט זיך איין. ווער רופט מיך? זי רעדט צו די אייז-לעכער. אָ, וואָס וויינט דאָרט אין די קאַלטע שטיינער? ווער ברומט אַזוי ביטערליך דאָרט? ווי זי וואָלט זיך דערמאָנט. אָ, דאָס וויינען מיינע ברידער, די ווילדע געטער, וואָס האַלטען זיך אין די צווייגען אויף. דער מענשען-גערויש וועקט זיי פון זייער שלאָף, פערטרייבט זיי פון זייערע לעכער אַרויס. ניין, ניין, פרעמד איז מיר אַייער פרייד. צו דער פרוי. שווייג, מענש, די געטער דער-שרעקען זיך פאַר דיין שטים. זי זאָגט, ווי זי וואָלט וועמען געזעהן. ניין, נישט ברומט אַזוי ביטערליך! עס רייסט מיין האַרץ, מיין אויג מאַכט עס נאָך, איך ציטער פון אַייער געוויין. אָט קום איך צו אַייך, איך וועל אַייך מיט מיינע יונגע הענד אַרומנעהמען, מיט מיינע האָר אַייערע נאַסע לייבער בעדעקען, מיט מיין אָטעם אַייערע קאַלטע קערפּערס וואַרעמען. אַך, וויינט ניט אַזוי ביטער! אָט בין איך שוין ביי אַייך.

זי געהט אָב.

די ווייב

רופט איהר נאָך.

הער, מיידעלע, קום פון די קוסטעס אַרויס!

די טאָכטער.

שווייג, מענשען-שטים, שווייג! די געטער שלאָפען אין מיין שויס אַייך, זיי פאָרכטען זיך פאַר דיר.

ד י ו י י ב.

זי איז שוין מולכ׳ס ווייב.

געהט צוריק צו איהר ביידעל.

פון דערווייטענס הערט זיך דעם מ ע נ ש ע נ ׳ס ק ו ל.

אַך, אַך, מענשען־טאָכטער — אַך—אַך.

ד ע ר מ ע נ ש

קומט אָן צום ווייב, נעהמט זי אָרום, און זיי געהען ביידע אָב מיט געזאַנג אין זייער ביידעל אריין.

פערזאנען:

שבתאי צבי.

אַברהם היכיני,
שמואל פרימו,
מרדכי חסיד,
נתן עזתי,
באַשי יוסף רפאל,
מתתיהו אשכנזי.
— די זעקס רעהרען פון דער מנורה.

שרה זיין נביאה'טע, שפעטער זיין פרוי.

לאה,

רחל—זיינע צוויי געוועזענע פרויען.

נחמיה הכהן א נביא פון גאָט.

ערשטער זקן.

צווייטער זקן.

דריטער זקן.

אַ יונגער מאַן.

אַ פרומער מאַן.

סולטאַן מחמד IV.

חכים באַשי גוידאַם.

אויבער-פריסטער מופטי וואַנני.

קיימאַקאַם פון אַדריאַנאָפּאָל—אין דער סוויטע פון סולטאַן.

אַן אַלטער הויכער יוד.

יצחק נהר,

אַברהם פיריירה— צוויי שליחים פון די האָלענדישע יודען.

פאָלק, מענער, פרויען, בחורים, מיידלעך און קינדער.

פאר־שפּיל.

דער כותל מערבי.

א הויכע, אלטע וואנט. גרויסע פירעקקדיגע גראנאטען-שטיינער ליגען איינער אויפ'ן צווייטען, עדות אויף א חורבן פון א פאלק. א מצבה אויף א פאלק. פון די שפאלטען פון דער וואנט שטייגען ארויס גאנצע ווילדע בוימער, בעוואק-סען מיט א ווילד-מעך.—עפּיס ווי אן אויסבליה-עכץ פון די תפלות, וואס ווערען אין איהרע שטיינער אריינגעבעטען. שווארצע, ווייסע פלעקען פערווארפען זיך איבער איהר, ווי טויטע פנימ'ער פון די, וואס דאוונען אין איהר. שטום, בעהאל-טען אין זיך דעם סוד פון גלות, געהט זי איינ-זאם אין הימעל ארויף, און איבער איהר, צוקא-פּענס פון דער הויך איבער דער וואנט שטעהען פיר טענען-בוימער און שאקלען זיך איבער איהר. ביי דער וואנט שטעהט דאס פאלק ישראל. יודען פון פערשיידענע געגענדען, אין פערשיידענע קליי-דער, זיצען אויף קליינע בענקעלעך, אויף אבגע-האקטע שטיינער און ביי ליכטלעך זאגען איכה,

מיט דעם בעקאנטען איכה-נגון.

א ליכטיגע לבנה-נאכט.

ערשטער זקן

פאר'ן עולם.

„געדענק גאָט, וואָס איז געוואָרען פון אונז, קוק אַראָב און זעה אונזער שאַנד".

דער עולם

נאָך איהם, שטיל.

געדענק גאָט, וואָס איז געוואָרען פון אונז, קוק אַראָב און זעה אונזער שאַנד.

צווייטער זקן

פאר'ן עולם.

„אונזער אַרב אַוועק צו פרעמדע, אונזערע הייזער צו פרעמדע".

דער עולם

נאָך איהם, שטיל.

אונזער אַרב איז אַוועק צו פרעמדע, אונזערע הייזער צו פרעמדע.

דריטער זקן

שטיל.

„יתומים זיינען מיר געוואָרען אָהן אַ פאָטער, אונזערע מוטערס ווי אַלמנות."

דער עולם

נאָך איהם, שטיל.

יתומים זענען מיר געוואָרען אָהן אַ פאָטער, אונזער מוטערס — ווי אַלמנות. עס קומט אָן שבתאי-צבי מיט זיינע תלמידים.

שבתאי צבי

שטעהט אוים'ן בארג און רעדט צום פאָלק.

איך זעה די וואַנט. אַ מצבה אויף אַ פאָלק, וואָס שטעהט צווישען אַייך און גאָט. איך זעה אַייערע תפלות, ווי זיי שלאָגען זיך אָב, ווי אומגעפליגעלטע טויבען אָן דער וואַנט און קענען נישט דער-

גרייכען צום שער־הרחמים. איך זעה: די וואַנט שטעהט צווישען אייך, און איהר בעט צו איהר און גיסט אין איהר אַייערע תּפלות און טרערען אויס. און זי טריקענט אַיין אַייערע טרערען אין איהרע שטיינער, ווי טראָפּענס רעגענוואַסער. און אַייערע הייסע תּפלות ווערען אין איהר אָבגעקיהלט, ווי אַן אָהנמעכטיגער ווינט. קיין שטיין ריהרט זיך ניט אין איהר, קיין פלעק ווערט אין איהר נישט מעהר. קיין צייכען ווייזט זי אַייך נישט, אַז זי הערט אַייער געוויין. זי שטעהט צווישען אַייך, די וואַנט, און לאָזט אַייך ווייטער נישט קומען. און איך זעה אַייערע נשמות, ווי זיי רייסען זיך אין דער־הויך און, ווי מיט פּסק־דינים פון טויט אויף זיי בעהויכט, טשעפּען זיי זיך אָן איהר און ווערען צו שטויב אויף איהרע שטיי־נער, — וואָס דער ווינט ווישט עס אָב, גלייך מיט דער שטויב פון דער ערד. איך זעה די וואַנט, וואָס שטעהט צווישען אַייך און גאָט, פון יאָהרען צייט הונדערט, פון יאָהרען צייט טויזענד — אַייער געוויין, אַייער געשריי ווערט אָן איהר פערשטומט, און אַ צוגעש־לאָסענע טיר איז זי צווישען אַייך און גאָט, צווישען אַייך און וועלט. אַייערע תּפלות, אַייערע ווידויים, אַייער ברומען, אַייער קינדס־געוויין, אַייער פינגער־בייסען און האַרץ־אויסגעהן בלייבט אין איהר פערשטומט...

איך בין צו אַייך געשיקט, אַז איך זאָל הויבען די וואַנט צווישען גאָט און אַייך. און איך נעם צוזאַמען אַייערע אומגעפליגעלטע תּפלות, און הייל זיי, און רייניג זיי, און נעם זיי מיט מיר אין הימעל אַרויף. איך לייז אויס די פערבלאָנדזשעטע נשמות, אויף דער וואַנט אויפגעהאַנגען, צו שטויב געוואָרען, און פיהר זיי מיט מיט מיר אין שלמות...

איך צוברעך די וואַנד צווישען אַייך און גאָט, און רייס אויס פון אַייער קעהל אַייער וויין־געזאַנג און אַייערע קלאָג־לידער, און גיב אַייך פרעהליכע לידער, נצחון־לידער אויף אַייערע צונגען׳ איך מאַך גלייך דעם צעבראָכענעם קאַרק און בלאָז אַ גייסט פון לעבען אין אַייערע טויטע ביינער... און נעם אַייערע טרויער־טעג און וויינען־טעג, און מאַך זיי אַייך צו פריידען־טאָג און יום־טובים...

איך בין צו אַייך פון גאָט געשיקט, איך בין פון איהם אויס־

געוועהלט, צו זיין משיח געמאַכט, אייך צו בעפרייען, פון אייערע הענד די רצועות צו רייסען, וואָס געבונדען האָט מען אַייך אָהן אַ זינד. פון אייערע קעפּ די קללות אַראָבצונעמען, וואָס פערשאָלטען האָט מען אַייך אָהן אַ זינד. אין אייערע תפלות נשמית אַריינצוגעבען, אַז עס זאָל צו זיי אַ געהער זיין. אין אַייערע נשמות גיב איך לעבען אַיין. און שיט אָב דעם מיסט און קויט פון אייערע קליידער און וואַרף אויף אייך פון מיין גלאַנץ און פראַכט. און איך גיב אייך פון מיין גייסט און וואָרט. און קינדער ווערט איהר צו גאָט. וואָרום קינדער זענט איהר צו גאָט...

איך פיהל, עס קומט דאָס יאָה״ר פון גאָט, מיין פאָטער, בעשטימט מיין גייסט אויפצולעבען, מיר זיין וואָרט און זיין קראַפט איבערצוגעבען — דורך זיין נביא מיר צו לאָזען זאָגען, אַז איך זאָל מיין קיניגרייך אָנהויבען. איך פיהל, עס גענעהנט, עס קומט די מינוט, איך וועל מיין וואָרט זאָגען. און די געשטאָרבענע פון דורות, פון אָנהויב יועלט ביז צו דעם לעצטען זיין, וועלען זיך אויפהויבען צו מיינע פיס. איך גיב אין זיי מיין וואָרט, און לעבען וועלען זיי. און איך וועל אַייך אַרויסנעמען פון דער וועלט, וואָס האָט אַן אָנהויב און אַן עק, און וועל אַייך ברענגען אין אַ וועלט, וואָס איז אייביגליך און אָהן אַן ענדע. און וועל אַייך אויפעפענע אַייערע חישים, און איהר וועט זעהן די אייביגקייט פון גאָט... און וועל אויפהויבען די מדרגה „מענש" פון ערדישען און ענדליכען — צום הימלישען און אייביגען.. און אַייערע נשמות וועל איך היי ליגען צום לעבען אין דעם אייביגען ליכט פון הימעל און גאָט..

וואַרט אויף מיר. עס גענעהנט די צייט, מיין קיניגרייך קומט אָן. איך וואַרט אויף גאָטס וואָרט און מאַכט... ער דערווייטערט זיך מיט זיינע תלמידים.

דער עולם בלייבט אַ לאַנגע ווייל[ע] זיצען אין שטילשטאַנד און קוקט נאָך זיין הייס געוואַנד, וואָס סאָטענט זיך איבער דעם אָבגעהענדען וועג.

ערשטער זקן.

ווער איז ער?

צווייטער זקן.

מען ווייס נישט, ווער ער איז, פון וואַנען ער קומט. שוין אַ צייט,

אַז ער ווייזט זיך, אַמאָל דאָ, אַמאָל דאָרט, און רעדט פון משיח, וואָס דאַרף קומען אָט באלד אין יאָהר פינף טויזענד פיר הונדערט און אַכט — איז ער פון גאָט בעשטימט...

דריטער זקן.

מען זעהט איהם גאָר, ווי ער בעהאַלט זיך אין די הייליגע קברים, אין די היילען, אין די מויערן, מיט זיינע תּלמידים, און ווײנט און בעט, און פאַסט און טרויערט, און איז זיך טובל אין ירדן, און שטייגט אויף הר־הזיתים אויף, און קוקט נאָר צו גלעד־בערג אַהין.

צווייטער זקן.

ווער ווייס, אפשר איז די ישועה נאָהענט גאָט האָט זיך אויף זיין פאָלק מרחם געווען. קרעכצט אָב. אין פוילין דער מדינה, זאָגט מען האָבען זיך שוין לאַנג חבלי־משיח אָנגעהויבען.

ערשטער זקן.

צו אונז האָט זיך נאָך קיין צייכען נישט געוויזען, קיין נביא גע־וואָרען אַנטפּלעקט, מיר ווייסען נאָר, וואָס אונזערע חכמים האָבען אונז געהייסען. — היינט האָבען מיר יאָהר־צייט נאָכ'ן בית־המקדש, לאָזען מיר ווייטער אונזער איכה זאָגען. דער עולם וויינט שטיל, נעמען די ספרים אין די הענד.

צווייטער זקן

זאָגט איכה.

„אונזערע עלטערן האָבען געזינדיגט, זיי זענען מעהר נישט דאָ — מיר טראָגען זייער זינד".

פאָרהאַנג.

ערשטער אקט.

ערשטער בילד.

א לאנגער ברייטער הויף; די ערד אויסגעפלאסטערט מיט שטיינער; פון די ווענט, וועלכע זענען אויסגעשטעלט פון שטיינער, געהען ארויס גאנצע בוימער, ווילד בעוואקסען. לינקס פיהרען אראב צו דער גאס ברייטע טרעפ. צופוסען די טרעפ, אין דער וואנט, איינגעמויערטע צוויי מקואות פון רעגען-וואסער, וועלכע קוקען ארויס ווי לעכער, שווארץ, ווי רי נאכט. קעגען די צושויער א טעראסע, אונטערגעשטיצט פון פיר אלטע האלב-צעבראכענע זיילען. פון דער טעראסע פיהרט אראב אין א טיעפער הייל, בעשטעלט מיט א שטיין. איבער דער הייל פון איבער דער גאס שטעהען פיר טענען-בוימער.

עס איז פארנאכט. פון דער הייל הערט זיך פון צייט צו צייט א געררויש און א זינגען פון מיסטישע ליעבעס-ליעדער. אויף דער טעראסע, ביי דער טיר פון דער הייל, זיצען רחל און לאה.

רחל און לאה

זיצען ביידע ביי דער טיר פון אריינגאנג פון הייל אויף צוויי אָבגעבראָכענע שטיקער זיילען.

שבתאי צבי׳ס קול

הערט זיך פון דער הייל, זינגענדיג:

איך געה אויף אויפ׳ן באַרג,
איך נידער אַראָב אין טאָל,
בעגעגען איך מעליסעלדאַ,
דעם קיניגס טאָכטער.
פון באָד קומט זי, איהרע האָר געוואַשען,
איהר געזיכט — ווי דער גלאַנץ פון חלף,
איהרע אויגען — ווי פיילען-בויגען,
איהרע ליפען — ווי קרעלען,
איהר פלייש — ווי מילך.

לאה

ווי פאר זיך.

צו דער שוואַרצער קיניגין מיט דער שוואַרצער קרוין אויפ׳ן קאָפּ טוט ער זינגען. די, וואָס האָט מיך פון זיין שלאָף-בעט אַרויסגע־טראָגען אין דער ערשטער נאַכט פון אונזער חתונה.

רחל

ווי פאר זיך.

זיין לייב-געשמאַק טו איך שמעקען. אין ים טוט ער זיך באָדען אויף די בערג טוט ער שטייגען, — פיהל איך ים-געשמאַק און בערג-געשמאַק, אומבעמערקט בין איך פאַר איהם פאַרבייגעגאַנגען

לאה

בעמערקט זי.

ווער ביזטו, מיין קליינע שוועסטער?

רחל.

פון מאָרגען-לאַנד קום איך איהם נאָכצוגעהן, פון איזמיר דער

שטאָדט. פערצעהן יאָהר בין איך אַלט געווען, אַז מען האָט מיך מיט איהם אונטער דער חופּה געפיהרט. מיין לייב האָט מיר די מאַמע אין ציגען-מילך געבאָדען. די אויגען האָב איך מיר אין בוימעל געוואַשען. ער האָט מיך נישט בעמערקט. ער האָט מיך נישט געזעהן. אין ים האָט ער זיך געבאָדען, אויף די בערג האָט ער געשטייגט. פאַר וואָס האָסטו מיין שוואַרץ אויג נישט געזעהן? פאַרוואָס האָסטו מיין ווייס לייב נישט בעמערקט? דו ביסט דאָך מיט מיר אונטער דער חופּה געשטאַנען, דו האָסט דאָך מיר מיט'ן חופּה-טוך מיינע האָר צוגעדעקט?

ל א ה.

קום צו מיר, מיין קליינע אָרימע שוועסטער; איך פיהל דיין לייד, לעג דיין קאָפּ אויף מיינע קניהען.

ר ח ל.

ווער ביסטו? איך האָב מורא פאַר דיר.

ל א ה.

האָט נישט מורא פאַר מיר. אַזוי ווי דו, האָב איך מיט איהם חופּה און בעט געטיילט... פון איין גלאָז האָט מען ויין געטרונקען, און מיט חופּה-וקדושין בין איך זיינע געוואָרען, דאָך נישט זיינע—מיט ליעבע און לעבען.

ר ח ל.

ווי בוימעל, אַזוי האָט זיין קערפּער געשמעקט, ווי די לולב-הדסים, וואָס דער טאַטע נעמט אין סוכות-צייט, אתרוגים-געשמאַק און בשמים-געשמאַק האָב איך פון זיינע הענד געפיהלט. איך האָב איהם נישט זוכה געווען, איך בין איהם נישט ווערט געווען.

ל א ה.

איך האָב איהם נאָר ביינאַכט בעטען געהערט, איך האָב נאָר ביי נאַכט זינגען געהערט.

ר ח ל.

ביסטו אויך זיין ווייב געווען? ווער ביסטו דען, אַז דו האָסט צו דעם זוכה געווען?

לאה.

שמואל טורודי איז מיין פאָטער, פון דער שטאָט סאלאָניקי. אונ-
זער שטאם קומט פון פּאָרטוגאליען ארויס. מיט די אראַבער פון
די ברעגען פון פרת און חדקל נאָך הישפּאניען זענען מיר איינ-
געוואנדערט. אַז ירושלים איז דורך טיטוס קיסר רוים איינגענומען
געוואָרען, זענען מיר דאָרט צו זיי געקומען. נישט אין גאָלד,
נישט אין פּאַלאצען בעשטעהט אונזער רייכטום, נאָר אין אַ בריעף
אויף פּאַרמעט געשריבען, מיט אונזער בלוט איינגעווייהט. אַ קליי-
נער יחוס-בריעף, נעמען אויפגעשריבען, דור נאָך אַ דור, ביז צו דוד,
דעם הירטען-קיניג, דעם קיניג יונג. מיט דוד'ס בלוט אין אונזערע
גלידער איינגעפליסט — וואנדלען מיר, טורידי די משפחה, פּרינצעסין-
קינדער, פּרינצעסין. וואַנדלער, פון לאַנד אין לאַנד, פון טייך צו טייך.
קוק אויף די ווענט — ווייזט אויף די ווענד — אונזער יחוס שטעהט
אויף זיי געשריבען; זעהסט די פלעקען שווארץ און ווייס? — דאָס
האָבען זיי די העלדען אונזערע, פאַנצער און בויגען אַרומגעהאַנ-
גען, מיט טליתים פערהוילען, אויף זייער קיניג'ס קבר. דוד'ס בלוט
האָב איך איהם אין נדן געגעבען. צו דודס שטאַם האָב איך איהם
קינדער געוואָלט געבוירען, — האָט ער מיך אָבגעשטויסען, האָט ער
מיך אַוועקגעוואָרפען.

רחל

ליגט אויף איהרע קניה.

נישט פון דודס שטאַם קום איך אַרויס, דאָך בין איך אַ קיניגס-
קינד — אַ יידיש קינד. נישט דוד'ס בלוט האָב איך איהם נדן געגע-
בען, נישט גאָלד און נישט פּאַלאַצען. מיין יוגענד האָב איך איהם
צו די פיס אַנידערגעלעגט, מיין אייגען בלוט און לעבען. האָט ער
מיך אָבגעשטויסען, האָט ער מיך אַוועקגעוואָרפען.

לאה.

מיר זענען איהם נישט ווערט געווען.

רחל.

פאַרוואָס זענען מיר איהם נישט ווערט געווען?

לאה.

איך ווייס נישט, אויב דו ווייסט מיך פערשטעהן. גרויס איז זיין

נשמה, און זי געהט יעדע נאַכט אין הימעל אויף. גאָט האָט איהם מיט זיין לייטזעליגקייט בעשאָנקען. פאַר אונז איהם אן אויסלייזער געשיקט. לייכט מוזען אונזערע נשמות זיין, אַז מיר זאָלען מיט זיינער מיט אין הימעל קענען אויפגעהן. זיי זענען צו שווער.

ר ח ל.

איך האָב איהם נאָר ביינאַכט לערנען געהערט, איך האָב איהם נאָר ביינאַכט זינגען געהערט. מיט'ן פנים איז ער צו דער וואַנט געווען פערקעהרט. און ער האָט מיט וועמ' שטיל און ליעב גערעדט; איך האָב קיין מענש נישט געזעהן, נאָר זיין פנים איז שען געווען, און געלויכטען האָט עס, ווי די זון, אין די אויגען האָט ער אַ ליכט געהאַט.

ל א ה.

דאָס האָט ער מיט גאָט גערעדט.

ר ח ל.

איך בין איהם צו די פיס געפאַלען, און איהם זיי מיט מיינע האָר צוגעדעקט, — האָט ער מיך לייכט פון זיך אַוועקגענומען און איז פון דער שטוב אַרויסגעגאַנגען.

ל א ה.

האָט ער גאָרנישט צו דיר געזאָגט?

ר ח ל.

ער האָט מיר נאָר אין די אויגען געקוקט און האָט געזאָגט: „דו ביסט נישט די"... און איז אַרויסגעגאַנגען. איך בין איהם נאָכגעגאַנגען. ווייט איז ער אין די בערג אויפגעגאַנגען. איינזאַם און שטיל אין גראָהען נעבעל איינגעהילט, אין נאַכט-טוי איינגעטונקט, איז ער פון מיינע אויגען פערשוואונדען געוואָרען.

ל א ה.

האָסטו איהם שוין מעהר נישט געזעהן?

ר ח ל.

דער טאַטע האָט איהם געזוכט, אַז ער זאָל זיך מיט מיר שיידען, וואָרום שבת און ראש-השנה איז ער אין דער שול געגאַנגען און

אויסגערופען, אַז די וועלט איז שוין דערהויבען, און גאָט און מענש אויסגעלייזט. און האָט גאָטס נאָמען, ווי דער כהן-גדול יום-כפור אין בית-המקדש, אויסגערופען. האָבען זיי איהם פון שטאָדט אַרויס-געטריבען.

ל א ה.

פון אייך איז ער צו אונז געקומען נאָך סאַלאָניקי מיט זיבען הונדערט זיינע תּלמידים. זיי האָבען זיך ביינאַכט אין מאַרק אויסגעשפּרייט. ווי אַ כהן-גדול אַ יונגער איז ער געווען אין זיין ווייס געוואַנד, און ער האָט געפּרעדיגט איבער מענש און גאָט. אין די הייזער האָט ער אַריינגעקלאַפּט, מיר און לאָדען האָט ער אויפגעריסען און יונג און אַלט אין גאַס גערופען, און האָט געוועקט און געזאָגט, אַז ער איז פון גאָט אויסגעוועהלט, מענש און וועלט אויסצולייזען און צו דערהויבען און אָנצוגרייטען. עס איז נאָהענט די צייט, עס גענעהנט דאָס יאָהר פינף-טויזענד-פיער-הונדערט-אַכט, אין תּשרי אין ערשטען טאָג פון חודש—פון גאָט איז ער בעשטימט, משיח׳ן פון די קייטען צו בעפרייען און איהם אויסצודערוועהלען. פאַקלען האָבען זיי גע-ברענט, טיכער אין אייל אָנגעצונדען און גאָט׳ס נאָמען אויסגערופען און זיין הייליגקייט געלויבט.

ר ח ל.

ווי האָט ער אויסגעזעהן?

ל א ה.

ווי אַ כהן-גדול האָט ער אויסגעזעהן אין זיין ווייס געוואַנד. איך בין איהם צו די פיס געפאַלען. איך בין פון דוד׳ס שטאַם. ער האָט מיך אונטער זיין חופּה געפיהרט, דאָך האָט ער מיך נישט צו ווייב געמאַכט.

ר ח ל.

עס איז דיר באַנג, שוועסטער לעבען?

ל א ה.

מען האָט מיך אין זיין בעט שלאָפען געפיהרט, אין חופּה-קלייד, אין חופּה-טוך. די מאַמע האָט אין אויער גערומט: „הייליג דיין לייב, הייליג דיין זעל, טאָכטער לעב, טאָכטער לעב"... די קנויט

האָט געצאַנקט אין איילגעשיר, די מוזיק האָט געשפּיעלט אונטער דער טיר... האָט זיך געוויזען צו מיר די שוואַרצע קיניגען ווי די נאַכט, אין קרוין און גאָלד, מיט שוואַרצען שלייער, און זי האָט מיך געטראָגען פון בעט צו טיר. די קנויט האָט געצאַנקט אין איילגעשיר, די מוזיק האָט געשפּיעלט אונטער דער טיר...

ר ח ל.

אָרים שוועסטער לעבּ, אָרים שוועסטער לעבּ...

ל א ה.

ער איז אַוועק פון מיין טאַטענס הויז: ער האָט געקוקט אויף מיר און געזאָגט „וואָס האָב איך צו דיר, וואָס האָסט דו צו מיר? דו ביזט נישט די, דו ביזט נישט די. זי וועט קומען צו מיר פון גאָט בעשטימט, מיין נשמה מיט איהרער זענען שוועסטערן־פּאָר, פון איין ליכט בעהאָהנט, פון גאָט בעגנאהנט". עס הערט זיך שבתאי־צבי׳ס קול פון דער הייל.

שבתאי צבי׳ס קול.

וואו זאָל איך זי זוכען, מיין כלה־פּאָר?
איך געה זי זוכען, ווען די זון געהט אויף,
ווען די זון געהט אונטער.
און פרעג דעם טאָג,
און פרעג די נאַכט,
צי איז נאָך נישט די צייט,
איך זאָל מיר שטעלען מיין חופּה־שטאַנג,
איך זאָל מיר וועבען מיין חופּה־פּאָרהאַנג,
און זאָל מיר מאַכען מיין בעט ברייט.
איך זאָל זיך מאַכען צו חתונה אָנגעגרייט.

ל א ה.

דאָס מיינט ער „זי", דאָס מיינט ער „זי". אָבער זעה, זעה דעם אַלטען זקן, וואָס בעטרעט אין שטרומף און טלית דעם הויף, ווי אַ ווייס געשפּענס. ווער איז ער?

נחמיה הכהן

ער איז אין ווייסע זאָקן און טלית אָנגעטאָן, מיט א ברייטער, לאַנגער, ווייסער באָרד. בעטרעט דעם הויף מיט זעהר לאנגזאמע טריט און רופט.

וואו ביסטו, שבתאי מיין זוהן? וואו ביסטו, שבתאי מיין זוהן?

רחל.

שוועסטער לעבען, איך האָב מורא!

לאה.

קום, לאָזען מיר זיך בעהאלטען הינטער דער מויער – גאָט טוט איהם רופען. לאה און רחל בעהאלטען זיך הינטער א מויער.

נחמיה הכהן

רופט ווייטער.

שבתאי-מיין זוהן, שבתאי מיין זוהן, וואו ביסטו?

שבתאי צבי׳ס קול

פון דער הייל.

דאָ בין איך. ווער רופט מיך?

נחמיה הכהן

רופט אין דער הייל.

איך רוף, איך בין פון גאָט געשיקט. אזוי טוט ער זאָגען: שבתאי מיין זוהן, וואָס בעהאלטסטו דיך אין גריבער און היילען? שיט אָב דעם אש פון דיינע קליידער און וואַרף אַראָב די קייטען פון דיינע הענד און ווער אַנטפלעקט. און בוי, וואָס דו האָסט צו בויען, און צעשטער, וואָס דו האָסט צו צעשטערען.

שבתאי צבי׳ס קול.

איך הער, גאָטס שטים געהט אַרום איבער דער טיר פון הייל; איך בין גרייט. ער קומט ארויס פון דער הייל, ער איז אין ווייסען אָנגעטאָן, אין לאַנגע, שוואַרצע האָר, ער בלייבט שטעהן אין דער טיר פון הייל, ארומגערינגעלט מיט זיינע תלמידים, וואָס האלטען וואקסענע ליכט אין די הענד, אין שוואַרצען אָנגעטאָן. קוקט אויף נחמיה-הכהן. ווער ביסטו?

נחמיה הכהן.

איך בין צו דיר פון גאָט געשיקט.

שבתאי צבי.

רעד, איך בין גרייט.

נחמיה הכהן

נעהט צו איהם צו.

און עס איז געווען די פערציגסטע נאַכט, צו מאָרגענס איז אַ שטיל־קייט געוואָרען איבער דער וועלט און אַ פינסטערקייט. און עס דערהערט זיך גאָטס שטים, און זי האָט פון ימים געשאַלט, פון בערגער גענידערט, און טוט אַזוי זאָגען: אין דעם יאָהר פינף־טויזענד פיר־הונדערט און אַכט, און אַ זוהן איז געגעבען געוואָרען צו מרדכי פון דער שטאָדט איזמיר, וואָס ליגט אין מאָרגען־לאַנד ביים ים, און איך האָב גערופען זיין נאָמען שבתאי צבי; ער וועט אונטערטעניג מאַכען די גרויסע ים־פיש, וואָס זענען אין די טייכען; נישט מיט אייזען און נישט מיט שטאָל וועט ער געהן מלחמה פיהרען, נאָר מיט מיין וואָרט, וואָס איז מיט איהם, און מיט מיין כבוד, וואָס רוהט איבער איהם. און עס איז געווען דערנאָך, ווען די זון איז אויפגעגאַנגען, און דאָס קול האָט געזאָגט צו מיר אַזוי: נעם דאָס קריגעל מיט בוימעל אין דיין האַנד און דעם שופר מיט דיר, און געה צו שבתאי מיין זוהן און זאַלב איהם פאַר אַ פאָטער און אַן עלטסטען איבער מיין פאָלק, און פאַר אַ פאַסטוך פאַר מיין הייליגער טשערעדע. וואָרום איך האָב מיך בעדענקט און האָב גע־זעהן זייער פיין און שאַנד, און איך האָב מיך בעדענקט איבער מיין נאָמען, וואָס ווערט גערופען איבער זיי.

און איך האָב געזאָגט: גאָט פון מיינע אבות! וואו זאָל איך מיך ווענדען, און איך זאָל געפינען דיין אויסגעוועהלטען? — און אַ קול האָט מיר געענטפערט:

געה אין דעם לאַנד פון די יהודים, אין ירושלים דער שטאָדט, אין די קברים פון די מלכים, וואָס זענען פון צפון-זייט דער שטאָדט, און שטעל דיך אַנידער ביי דער טיר פון הייל, אָבער אַריינקומען זאָלסט דו נישט אין איהר. און דו וועסט דאָרט טרע־פען זיינע צוויי פרויען, וואָס געהען נאָך די טריט פון זיינע פיס, און זאָלסט רופען אַזוי: „שבתאי מיין זוהן! מיין גלאַנץ איז גע־קומען איבער דיר, געה און פערהערליך מיין נאָמען! עס איז שוין

געקומען די צייט, וואָס זי איז פון מיר בעשטימט״. — און עס איז געווען אין מיין רופען צו דיר, און דו האָסט זיך געוויזען אויף דער שוועל פון הייל.

און איצט, געלויבט זאָל זיין גאָטס נאָמען אויף אלע וועלטען און אויף תמיד און אויף אייביג, וואָס ער האָט וואָהר געזאָגט דורך זיין קנעכט, צו מאכען דיך טרעפען אין דעם היינטיגען טאָג, און אויסגעלייזט זיין פאָלק ישראל, אום צו זאַלבען דיך פאַר זיין משיח, צו הערליכען זיין נאָמען!

שבתאי צבי

וואַרפט זיך אויף די קניה.

אָ! לאַנג האָב איך געוואַרט אויף גאָטס וואָרט. געלויבט זאָל ער זיין, וואָס ער האָט מיך אויסגעוועהלט פאַר אַ היטער איבער זיין סטאַדע, און עס זאָל זיין זיין כבוד און גלאַנץ אויף מיר, און ער זאָל זיין מיט מיר אויף אימער און אייביג — פון וועגען מיין פאָטער דוד׳ס הויז, און ער זאָל וואָהר מאַכען, וואָס ער האָט געזאָגט צו מיינע עלטערן, אברהם, יצחק און יעקב.

נחמיה הכהן

נעמט דעם האָרן אייל און גיסט אויף שבתאי׳ס קאָפּ און רופט.

איך זאַלב דיך, אין דעם נאָמען פון גאָט פון אברהם, יצחק ויעקב פאַר אַ קעניג-משיח איבער דעם אויסגעוועהלטען פאָלק ישראל, און גיב דיר גאָטס-וואָרט איבער אין דיין מויל, און גאָטס שווערד אין דיין האַנד; זיין קראַפט איז אין דיר. געה און טו אין גאָטס-נאָמען. ער בלאָזט שופר. עס זאָל לעבען דער מלך-משיח, עס זאָל לעבען דער מלך — המשיח!

די תלמידים

הויך אויפ׳ן קול.

עס זאָל לעבען דער מלך-המשיח, עס זאָל לעבען דער מלך-משיח!

נחמיה הכהן.

און גאָטס וואָרט איז געווען צו מיר אַזוי: געה צו מיין זוהן און זאָג איהם אַזוי: איצט האָסט דו מיין וואָרט, און מיין מאַכט איז מיט דיר, און די ברירה איז ביי דיר, אויסצולייזען די וועלט דורך

מצוה אָדער דורך עברה, דורך ריינקייט אָדער דורך זינד. נאָר איך קען דיין האַרץ, זאָגט גאָט, און דיין געהן נאָך מיר אַלע דיינע טעג. נאָר צו הייליגען מיין נאָמען און גרויס צו מאַכען מיך צווישען די גויים אויף דער גאַנצער וועלט, וועסט דו זיך בע־נוצען מיט מיין וואָרט, וואָס איז ביי דיר, און מיט מיין מאַכט, וואָס איז מיט דיר, כדי דער מענש און וועלט זאָל קענען דער־הויבען און אויסגעלייזט ווערען אין מיין הייליגקייט און מיין ריינקייט. נחמיה הכהן געהט אָב.

שבתאי צבי

וועגדט זיך ארום.

איך בין פון גאָט אויסגעוועהלט. אין מיר לעבט זיין וואָרט, אין מיר איז זיין מאַכט, און איך בעפריי אַלץ פון אונטערטעניגקייט. איך דערהויב די וועלט פון איהר געפאַלענקייט צום הימעל אויף און רייניג און הייל דאָס פערפלעקטע און פערשוועכטע, און מאַך פולקומען דאָס אומפולקומענע און דערהויב דאָס נידעריגע. און איך בעפריי נשמות פון זייער געפאַנגענשאַפט און הייליג זיי און דערהויב זיי. ענדיגען זאָל זיך דאָס שלעכטס, און קומען זאָל דאָס גוטס! איך האָב עס בעפוילען, און אַזוי זאָל עס געשעהן.

די תלמידים.

רבי, מיר זעהען ליכט!

שבתאי צבי.

און איך גיס אויף אַייך מיין גייסט, און טייל אַייך אָב פון מיין הייליגקייט, און זאלב אַייך צו מיינע נביאים, אַז איהר זאָלט טראָגען מיין וואָרט און געבאָט אויף אַלע פיר עקען וועלט און מבשר זיין מיין בשורה דעם פערשטויסענעם פאָלק ישראל, אַז עס איז געקומען איבער זיי זייער פראַכט און גלאַנץ. און איך וועל זיי צוזאַמענעמען פון אַלע פיר עקען וועלט און וועל זיי ברענגען אין לאַנד אַריין, וואָס גאָט מיין פאָטער האָט פערשפּראָכען צו אַברהם יצחק און יעקב, און איך אַליין וועל רעגירען איבער זיי.

די תלמידים.

רבי, מיר זעהען ליכט! רבי, מיר זעהען ליכט!

שבתאי צבי.

אברהם היכיני, דער זוהן פון יצחק, דער זוהן פון אהרן! איך זעה אין דיר די נשמה פון נתן, דעם נביא פון דוד מיין פאָטער, און איך מאך דיך צו איינעם פון מיינע יונגען, און דו זאָלסט שטענדיג זיין ביי מיין זייט.

אברהם היכיני

בוקט זיך.

דער קיניג-משיח האָט עס בעפוילען, אזוי זאָל עס בלייבען, לעבען זאָל דער קיניג אייביג! געהט אָב אָן א זייט, צווישען זיינע תלמידים.

שבתאי צבי.

זאָל אַרויסגעהן פון מיינע יונגען שמואל פרימו, דער זוהן פון דוד, דער זוהן פון זרח.

שמואל פרימו

שטעלט זיך בוקענדיג פאַר איהם.

בעפעהל, מיין קיניג-משיח, איך בין גרייט צו טון דיין שליחות.

שבתאי צבי.

איך זעה אין דיר די נשמה פון יהושפט, דער זוהן פון אַחילוד, דער מזכיר ביי דוד מיין פאָטער. מאַך דיך פאַר דעם מזכיר פון מיר. געה, נעם די פעדער אין האַנד און נעם פאַפיר און שרייב וואָס איך וועל דיך הייסען.

שמואל פרימו

בוקט זיך.

דער קיניג-משיח האָט עס בעפוילען, אַזוי זאָל עס בלייבען. לעבען זאָל דער קיניג אייביג! ער געהט אָב. ברענגט פון דער הייל טאָוועל און גריפעל זעצט זיך אויף א זייל, צווי תלמידים לייכטען איהם מיט קארצען.

שבתאי צבי

דיקטירט איהם.

אין דעם ערשטען טאָג פון אויפלעבען מיין גייסט און ליכט, דאָס איז דער צוויי און צוואַנציגסטער טאָג פון תמוז אין חודש, דעם

לייב פון די חדשים, אין סדר מיר האָבען גערייזט פון איזמיר און גערוהט אין סאַלאָניק. מיר האָבען גערייזט פון סאַלאָניק און האָבען גערוהט אין דער שטאָדט ירושלים, ביי די קברים פון די מלכים. פון דוד, דעם זוהן פון ישי, דער דערהויבענער פון די קיניגען פון דער וועלט, געזעצט אויף דער ברכה און לויב. דער משיח פון גאָט פון יעקב, שבתאי צבי, צו זיין אויסגעוועהלט פאָלק ישראל, וואָס איז פערשפּרייט אין די לענדער פון דער וועלט. צו יעדען לאַנד, וואו זיין שריפט און געבאָט וועט דער־גרייכען.

אַייער ליכט איז געקומען, און אַייער זון איז אויפגעשיינט. איך, אַייער האַר און קיניג, פון גאָט אויסגעוועהלט, געזאַלבט צום משיח פון גאָט פון יעקב, בין געקומען. איך טו זיך דער־באַרמען אויף אַייך און וועל מיך אָנקליידען מיט קנאה, און וועל נקמה נעמען אַייער נקמה, און וועל אַייך טרייסטען, ווי אַ מוטער טוט טרייסטען איהר קינד, און וועל אַייך צוזאַמענגעמען פון די ערטער, וואו איהר זייט פערשפּרייט און צעוואָרפען, אין דעם גוטען לאַנד אַריין, אין כנען. גלויבט אין מיר און האָפט אויף מיר, וואָרום ער וועט נישט ליגען זאָגען, דער שטיצער פון יעקב און דער העלפער פון ישראל. און עס וועט זיין, אין אַייער לוי־בען גאָט, יעדען פריהמאָרגען און פאַרנאַכט, בעט׳ס צו אין אייער געבעט אַ ברכה אויף מיין קיניגרייך. און אַזוי זאָלט איהר זאָגען אין אַייער געבעט: געלויבט איז אונזער האַר, געלויבט איז אונ־זער קיניג, געלויבט איז אונזער העלפער, דער משיח פון גאָט פון יעקב, דערהויבען זאָל ווערען זיין שענקייט, און דערהויבען זאָל ווערען זיין קיניגרייך, און זיין האָרן זאָל הויך זיין אין כבוד, און זיין שטול זאָל זיין גרייט און שטאַרק, פון היינט ביז אייביג.

שמואל פרימו האָט געענדיגט שרייבען.

נעם דעם בריעף און חתמ׳ע מיט מיין חתימה־„שלאַנג״, אַז איך וועל נקמה נעמען פאַר זיי, ווי אַ שלאַנג. שמואל פרימו חתמ׳עט דעם בריעף.

שבתאי צבי

צו אברהם - היכיני.

קום דו מיט אויפ׳ן כתב.

אברהם היכיני

שרײַבט צו און לייענט הויך.

פון דעם קנעכט פון זיין האַר, איך, יונגער אַברהם היכיני.

שבתאי צבי

גיט איבער דעם בריעף זיינע תלמידים.

טראָגט׳ס מיין וואָרט אין אַלע פיר עקען וועלט און פערשפרייט׳ס מיין כבוד און גלאנץ און זייט מבשר די הייליגע בשורה. מיט איך איז מיין גייסט. און איך גיב אייך צו היילען און צו בויען, צו קראַנקען און צו צעשטערען. און זאָגט זיי: פאַר מיין ער־שיינען וועל איך ליידען פאַר זיי, צו דערהויבען זייערע נשמות, און כדי עס זאָל מקוים ווערען דעם נביא׳ס וואָרט: „המלך אָסור ברהטים", וועל איך מיך לאָזען בינדען. נאָר אַייערע הערצער זאָ־לען נישט שרעקען און וויינען. איך וועל אויפשטעהן, ווי אַ לייב פון זיין נאָרע, און ווי אַ לעמפערט וועל איך מיך שטאַר־קען, און מיין נקמה איבער מיר און איבער אַייך. מתתיה בלאָך, מרדכי חסיד און נאָך צוויי תלמידים נעמען בריעף אין די הענד.

מתתיה בלאָך.

מיר געהען טראָגען דיין וואָרט און געבאָט צו די פעלקער פון דער וועלט, אַז זיי זאָלען דערקענען דיין גלאַנץ און פראַכט, און זאָלען דינען צו דיר, אונזער קיניג־משיח און רבי!

שבתאי צבי.

געהט, מיין גייסט איז מיט אייך. מתתיה בלאָך, מרדכי חסיד און נאָך צוויי תלמידים געהען אָב, הינטערוויילעכס, מיט׳ן פנים צו שבתאי־צבי.

שבתאי צבי.

נתן מיין נביא, יהושפט מיין מזכיר, זייט שטענדיג גרייט ביי מיין זייט! — קומט, מיר וועלען געהן נשמות מעלה זיין. געהט אָב מיט זיינע תלמידים.

רחל און לאה

קריכען ביידע אַפויר פון הינטער דער וואנט, ווארפען זיך פאַר זיינע פיס און קושען דעם זוים פון זיין קלייד.

קיניג און מאַן, גיב אויף אונז פון דיין הייליגקייט!

ש ב ת א י צ ב י

צו שמואל פרימו.

ווער זענען דאָס די?

ש מ ו א ל פ ר י מ ו.

דאָס זענען דיינע צוויי געוועזענע פרויען, וואָס געהען ווי אַ שאָטען נאָך דיינע טריט און קושען די טריט, וואָס דו האָסט געשטעלט, מיין קיניג און רבי.

ש ב ת א י צ ב י.

וואָס ווילען זיי?

ש מ ו א ל פ ר י מ ו.

זיי ווילען דיך זוכה זיין.

ש ב ת א י צ ב י.

איך זעה אין זיי די נשמות פון די בנות־צלפחד. צו שמואל. זאָלען זיי אויך האָבען אַ טייל, דערהויב זיי, ווייל זיי האָבען זוכה געווען צו קושען די זוימען פון מיין קלייד. און מאַך זיי צו דינערינס פאַר דער, וואָס וועט קומען נאָך זיי און איז בעסער פאַר זיי.

ער געהט אָב מיט זיין סמיטע, רחל און לאה נאָך זיי.

פ א ר ה א נ ג.

ערשטער אקט.

צווייטער בילד.

בית-עולם. עס איז נאכט. נעפּלען שוועבען איבערן הימעל, דאָ פערשטעלען זיי, דאָ ענדיגען זיי דעם הימעל מיט שטערן. ווייט אין הינטערגרונד אויף א פינסטערן פאָן שניידט זיך אויס א ווייסער הויכער קלויסטער, אין טייל פענסטער פלאמט רויט ליכט. א תפלה-געזאנג פון מנישקעס. באלד דערויף ווערט עס פערשטומט.

הינטער הויכע מצבות, וועלכע בלייכען זיך, אין דער נאכט בע-האלטען, שטעהען גרופּעס יודען. זיי ווערען געזעהן דורך די ווייסע קיטלען, אין וועלכע זיי זענען אָנגעטאָן: טיילמאָל ווייזט זיך א שטראל ליכט פון א ברענענדיגער לאמטערן פון די גרופּעס ארויס. אָפּטמאָל ווערען די גרופּעס דורך קלאָמבען קרזשאַקעס פער-ביטען, וועלכע, בעוועגענדיג זיך, מאכען זיי דעם איינדרוק, ווי א מנין צוזאמענגעבונדענע לצים. הינטער א מצבה ביי אַן איינזאמען בוים שטעהט נחמיה-הכהן. עס ווייזט זיך נאר זיין ווייסער קיטעל ארויס, וועלכער בעוועגט זיך רעגעלמעסיג אהן ווערטער אהין און אהער.

דורך דער צייט, ווען עס הערט זיך דאָס געזאנג אין דער קירכע, און דאָס פייער דערזעהט זיך אין די פענסטער פון קלויסטער, איז דער בית עולם אומבעוועגליך. דאָס קול ווערט באלד פער-שטומט, די ליכט ווערען אין קלויסטער פּערלאָשען. דאן הויבען זיך אַן איינציגווייז ארויסצושלייכען איינצעלנע געשטאלטען פון הינטער די מצבות, ווארפענדיג א שאָטען-בליק אויף א מצבה.

וואָס אמאָל עפטער גרופּירען זיך.

פון גאנץ ווייט זעהט זיך אַן אויסגעהענדיגע פלאם פון א פער-ברענטער שטאָדט.

ערשטער יוד

קוקט ווייס.

זעהט, זעהט, די פלאם פערלעשט זיך שוין אין אונזער שטאָדט. דאכט זיך, דער שונא געהט שוין אַוועק, מיר וועלען מיט גאָטס הילף ניצול ווערען.

צווייטער יוד.

מיר קענען נישט וויסען, די רציחה פון די קאָזאַקען ברענט אויף אונז, ווי אַ פייער. מיר מוזען צו אַלץ גרייט זיין.

אַ פרומער מאַן.

ודוי דאַרף מען זאָגען, אָנגעגרייט דאַרף מען זיין צום טויט.

אַ פרומער מאַן.

אָנגעגרייט זיינען מיר אַלע, און תכריכים טראָגען מיר שוין.

אַ דריטער יוד.

עס קען אפשר קומען צום נסיון. — ער ווייזט איפ'ן קלייסטער. דאָס, אָדער דער טויט. בני אברהם, יצחק, יעקב, זייט גרייט!

אַ טייל פון עולם.

מיר זענען גרייט, מיר זענען גרייט, טאטע אין הימעל! עס ווערט שטיל צווישען עולם. דער עולם לאָזט אראָב די קעפ, ווי זיי וואָלטען געמאכט צווישען זיך אַ חשבון הנפש פאַר'ן טויט. דאָס שווייגען געדויערט אַ לאַנגע סעקונדע. פליצלונג דערהערט מען פון גאַנץ ווייט, ווי ברענענדיגע פלאַמען פון שטורקאַצען געהען דורך ווייט אין דער נאכט.

איינער

מיט פערשטיקטען פריידענגעשריי

זעהט, זעהט, די קאָזאַקען געהען אָב. דער עולם ווארפט זיך אין איין כוואליע קוקען.

עטליכע

געלויבט...

אַן אַנדערער
האסטיג.

בעהאַלט אַייך, זיי וועלען בעמערקען אונזער ווייס געוואַנד. דער עולם אין ווייסען בעהאלטען זיך הינטער מצבות. טייל ציהען זיך אויס אויף דער ערד, רופענדיג מיט א פערשטיקטער שטים. געלויבט ביסטו, השם יתברך!.. א לאנגע ווײַלע דויערט עס אזוי, דער עולם ליגט, ביז די ליכט פון די שטולקאַצען פון דעם דורכציהענדיגען חיל ווערט פערלוירען. זיי הויבען זיך אויף איינציגווייז, קריכען ארויס פון פערשיידענע קאנטען און מצבות. עס הערט זיך א געמורמעל.

דער פרומער מאַן.

דאָך מוז מען נאָך זיין גרייט. מען ווייס נישט, וואָס עס קאָן זיך מאַכען. דער עולם ווערט ווייטער א מינוט שטיל.

ערשטער.

פערשיידען זענען זיינע וועגען, קיינער קען זיי נישט פערשטעהן. גאָט, דו ביזט גערעכט, און דיין משפט איז גערעכט! דער עולם ווערט שטיל אויף א ווײַלע, קרעכצט ביטער אָב.

אַ יונגער מאַן
זיצענדיג אויף דער ערד.

די דעכער האָבען זיי איבער אונזערע קעפּ צעבראָכען, דאָס בעט־געוואַנד האָבען זיי אונז צעריסען. נאַקעט און בלויז, וואַלגערן מיר זיך אין די פעלדער אַרום.

דער פרומער מאַן.

אין אונז מוזען מיר זוכען די זינד.

דער יונגער מאַן.

אונזערע ווייבער האָבען זיי געשענדט, אונזערע טעכטער האָבען זיי פאַר אונזערע אויגען פערקויפט. אונזערע בחורים האָבען זיי צו זייערע פערד געשפאַנט.

דער פרומער מאַן.

איבער אונזערע זינד, איבער אונזערע זינד.

דער יונגער מאַן.

צו שאַנד און שפּאָט זענען מיר געוואָרען אין גוים׳ס אויגען. דריי

טעג אין דריי נעכט האָבען ניר געפאסט צו איהם, דריי טעג און דריי נעכט האָבען מיר גערופען צו איהם, און קיין קול, קיין ענטפער, — זיין פנים האָט ער אָבגעקעהרט פון אונז, אומבעשיצטע זענען מיר אין גוי'אישקע הענד געוואָרען איבערגעגעבען.—אזוי ווי מיר וואָלטען זיך, חלילה, צו האָלץ געבוקט, ווי מיר וואָלטען צו שטיין געבעטען, שטעהען מיר אַליין אין דער וועלט.

דער קליינער יוד

צום ארומיגען עולם.

אין אונז מוזען מיר זוכען די זינד. ווייבלעך אין דער קימפעט שטאַרבען נישט אומזיסט, עס האָט געמוזט אודאי זיין אַ חטאת-הקהל. ווייבעלעך טראָגען די אייגענע האָר. אָדער אין טהרת-הגדה איז נישט דאָ קיין זינד? מילכיג און פליישיג אָבגעהיטען? טאָמער איז דער ערוב צעריסען? אָדער פאפיר, שטאָט'ס די קריאת-שמע און די תפילין? האָט עס, יודען, איינער מזוזות נאָכגעקוקט? אָדער כשר די חלה פון טייג גענומען? ווער ווייסט? מען מוז נעמען שופרות אין די הענד, די שול מיט שווארצע ליכט בעצינדען, און קללות און הרמות אויסרופען. עס איז געקומען אַן עת-צרה אויף יודען, מען מוז עס אין די שולען אויסרופען.

דער יונגער מאַן.

אין די הימלען קוקען מיר אויס גערעכטיגקייט. קיין מזרח זענען אונזערע אויגען געווענדט. פאַר אַ שטומער וואַנט שטעהען מיר, דור איין, דור אויס. אונזערע געזיכטער זענען געווענדט צו איהר ביי אונזער געבעט. אונזערע קעפּ לעגען מיר צו איהר נאָך אונזער טויט. אונזערע טרערען ווערען אין איהרע שטיינער איינגעזאַפּט. אונזערע קרעכצען, אונזערע תפילות - אין איהרע שפּאַלטען.—אין זי שווייגט תמיד... עס ווייזט זיך נישט איבער אונז קיין אות פון השגחה. מען ווייזט אונז נישט קיין וועג. מען זאָגט אונז נישט קיין וואָרט דורך דור-דורות. אונזערע נביאים זענען אויסגעשטאָרבען. אונזער אָרון-קודש איז אַוועקגענומען געוואָרען, און אַליין שטעהען מיר אין דער וועלט אָהן אַ וואָרט... אָהן גאָט...

דער פרומער מאַן.

רעד נישט אַזוי, ווערסט דיך, חלילה, פערזינדיגען. מיר לעבען אין אַ דור פון גרויסע רבנים.

דער אַנדערער.

פון טויטע אותיות זוכען זיי אונז פשטים. פון טויטע אותיות, דורך געשטאָרבענע געקריצט, זוכען זיי אונז פשטים. אויף דעם לעבעדיגען היינט פון דעם געשטאָרבענעם נעכטען. קיין וואָרט ווערט אונז נישט איבערגעגעבען, קיין צייכען, קיין ווינק. צי זענען מיר נאָר אויס־קראַצעכטס פון פערגאַנגענע דורות? און יאָהרען שוין הונדערטער לעבען מיר, אַ פאָלק, אויף פשטים פון אַמאָליגע ווערטער, פון אַמאָליגע מענשען. פאַרוואָס ווייזט זיך אונז נישט היינט דאָס וואָרט? צי האָבען נישט אונזערע קינדער ליעבער די העלזער צום חלף געשטרעקט—איידער די קעפּ פאַר דעם קרייץ געבויגען? צי האָבען זיך נישט אונזערע טעכטער אין וואַסער געוואָרפען—איידער די לייבער דורך די ערלים צו פערשמוצען? צי זענען מיר נישט עפענטליך אין פייער געשפרונגען, און זיין נאָמען אויף אונזערע ליפּען געלויבט? פאַרוואָס שווייגט ער, דאָרט אויבען? פאַרוואָס בע־האַלטען ער זיך אין די וואָלקענס אַזוי שטום? און מיט זיין נאָמען אין אונזער האַרץ, בעהאַלטען מיר זיך—אויף בית־עולמות. ווי מיר וואָלטען אין טויטע אויערן גערופען. ווי מיר וואָלטען צו אוממעכ־טיגע הענד געבעטען—צו שאַנד און שפּאָט פאַר אונזערע קינדער!

דער פרומער מאַן.

טרעט אַרויס פון זיינע פיר איילען, ריהרט זיין קלייד נישט אָן!—פערשטאָפּט אַייך די אויערן און הערט זיין וואָרט נישט!—ווער איז צו אונז, ער טוט גאָטס נאָמען לעסטערן! צווישען עולם ווערט א בעוועגונג.

אַנדערע.

לאָזט איהם אָב! לאָזט איהם אָב. דאָס רעדט ער פון טרויעריגען געמיט, פון צעבלוטיגטען האַרץ.

ערשטער מקובל.

איבער ענוי־הגוף קלאָגט נאָר זייער מויל.—גאָט, הייליג דיין נאָמען! ער איז ווי מיר אין גלות, וואַלגערט זיך אַרום און געפינט קיין רוה. ער, ווי מיר—הינטער דעם פרוכת פון ארון קודש, און ווייבט מיט אונז, און ליידט מיט אונז—און מיט אונז צוזאַמען בעהאַלט ער זיך דאָ, צווישען די קברים, און וואַרט, ביז מיר וועלען קומען

אויף אַ מדרגה. — הייליגט אייך, די שעה איז נאָהענט, שנת-הגאולה גרייכט אָן! ווער ווייס, אפשר זענען עס חבלי משיח? דער עולם רינגעלט איהם ארום.

א צווייטער מקובל.

צו אונז איז געקומען אַ יוד צו געהן פון ווייט, אין ווייסע קליידער געהט ער אָנגעטאָן, און ארץ-ישראל-ערד האַלט ער אין דער האַנד. און האָט פערצעהלט, אז אויף ימים פאָהרען שיפען מיט זיידענע לייוועגטער, אויף זיידענע פעהנער שטעהען געשריבען די נעמען פון די עשרת-השבטים, מאַטראָסען האָבען זיי געטראָפען — לשון-קדש איז זייער שפּראַך, און אַ גאַנצע וואָך איז שבת. אַזוי פאָהרען די שיפען און נייגען זייערע פעהנער קיין מזרח... איבער ירושלים איז אַ איפּגעגאַנגען אַ שטערן גרויס, ווי אַ פנים, און לייכט איבער איהר ווי אַ זון. בת-קולות געהען אַרויס פון קברים, אַז ערגיץ וואו האָט זיך משיח אַנטפּלעקט.

אַ דריטער.

ביי אונז איז ער אויך געווען און האָט געזאָגט. מען ווייס נישט, פון וואַנען ער איז געקומען — וואוהין ער איז געגאַנגען.

אַ פערטער

דערזעהט נחמיה-הכהן.

ווער איז דאָס, וואָס שטעהט דאָרט ביים בוים אין די תכריכים? איז ער פון אונזער קהלה? דער עולם קוקט אויף נחמיה'ן.

איינער.

איך קען איהם נישט.

אַ צווייטער.

איך אויך נישט.

אַ דריטער.

איך האָב איהם שוין לאַנג בעמערקט — ער שטעהט די גאַנצע צייט און דאַווענט.

אַ פערטער.

איך בין דורכגעגאַנגען פאַר איהם, ער בעט נאָר איין וואָרט: „רבונו של עולם, הייליג דיין נאָמען אויף דער גאַנצער וועלט!"

אַן אַנדערער.

דאָס פּנים האַלט ער בעהאַלטען אין זיין טלית, מען קען איהם נישט זעהן.

צווייטער מקובל.

איך וועל אַהין געהן צו איהם.

אַנדערע פון עולם.

געהט נישט!

צווייטער מקובל

געהט אהין צו ר׳ נחמיה׳ן.

שלום-עליכם!

ר׳ נחמיה ענטפערט נישט.

צווייטער מקובל.

זאָג אונז, ווער ביסטו? ר׳ נחמיה ענטפערט נישט. ווער ביסטו פון אונזערע, צי ביסטו פון זייערע? מיר זענען גוזר אויף דיר, זאָג אונז, ווער דו ביסט.

נחמיה הכהן.

ווער וועקט מיך פון מיינע כונות?

צווייטער מקובל.

רבי, מיר זענען אין אַן עת-צרה!

נחמיה הכהן.

פיהלט איהר דען נישט גאָטס נאָהנטקייט צו אַייך? און די מדת-הרחמים, וואָס שוועבט איבער אַייך? ער האָט אַייערע תפלות צו-זאַמענגענומען, — פגימות זענען אין זיי — ער האָט זיי אין וואַסער געטובל׳ט און פון יעדען שלעכטען געדאַנק זיי געלייטערט. ער האָט זיי אין זיין האַנד צום שער-הרחמים געטראָגען, ביין מעלות איז ער אויפגעגאַנגען, ביים צעהנטען שער האָט ער אַ מלאך גע-טראָפען. — ווער האָט מיך פון די כונות געוועקט?

צווייטער מקובל.

רבי, מיר זענען אין אַן עת-צרה.

נחמיה הכהן.

און אָהן תקון זענען טייל פון אַייערע נשמות געוואָרען, און וואַל־גערן זיך אַרום צווישען די קברים, און קאָנען צום בית־דין של־מעלה נישט אָנקומען. און אָהן תקון וואַלגערן זיך די תפלות אַרום, און שלאָגען זיך, ווי אומגעפליגעלטע טויבען, אין שערי־רחמים. און עס כאַפּען זיי אויף די רוחות־רעות און טראָגען זיי צום סמאל אַהין... און שווער ווערען די קייטען פון משיח. ער ווערט פלוצלונג שטיל.

צווישען עולם.

ווער איז צו אונז!

ערשטער מקובל.

איך דערקען איהם — דאָס איז דער יוד, ביי אונז איז ער געווען, פון משיח׳ן האָט ער פערצעהלט.

דריטער מקובל.

— ער ברענגט אונז אַ בשורה פון גאַנץ וויים.

נחמיה הכהן.

עולמי עולמות ווערען אויסגעלייזט, פון טמאים׳ס הענד ווערען זיי בעפרייט, און שטייגען אויף מדרגות, מדרגות. פערוואָגעלטע נשמות קומען צו זייער רוה... פערבלאָנדזשעטע תפלות דערשלאָגען זיך זייער וועג צום כסא הכבוד. און הימלען דערהויבען זיך, און די ערד דערהויבט זיך, און אַלץ ווערט אויסגעלייזט, אַלץ ווערט בע־פרייט און קומט צו צו זיין גאַנג. הערט דאָס געזאַנג! — דאָס זינגט דאָס שלמות פון בריאַת־העולם. אַזוי האָט עס גאָט געמיינט.

צווישען עולם

איינער צום צווייטען.

עפּעס איז ער מבשר — איך ווייס נישט, וואָס ער מיינט.

דער יונגער מאַן,

וואָס איז די גאַנצע צייט געזעסען אונטער אַ מצבה און מיט שרעק זיך איינגעהאָרכט, שפּרינגט אויף.

איך הער ווערטער, יודען, איך ווייס וואָס ער מיינט!

ערשטער מקובל

קוקט איהם אין די אויגען.

רבי, מיר זענען אין אַן עת-צרה.

נחמיה הכהן

געהט אראָב פון זיין בערגיל, געהט אריין אין עולם.

גרייט אייך אָן, יודען, אויף דער ריכטיגער מינוט! עס איז נאָהענט, עס גרייכט דאָס יאָהר. איך הער די קייטען פון משיח — זיי ריי-סען זיך... די וועלט וואַרט אויף אַ תּקון. דער הימעל וואַרט, די ערד וואַרט, אַלץ וואַרט... פערלירט נישט די ריכטיגע מינוט. ער איז צווישען אונז... ער וואַרט הינטער אונזער טיר... אַז מען זאָל איהם העלפען מעלה זיין... גובר זיין דאָס בייז... אַז די וועלט זאָל קומען צום שלמות הבריאָה... גאָט זאָל זיך קענען מיט דער שכינה מיחד זיין.

אַ טייל פון עולם.

רבי, וואָס זאָלען מיר טון?

נחמיה הכהן.

לייטערט אייערע נשמות פון פגימות, לייטערט אייערע תּפלות, און זייט אַייך אַלע מכון יחד צו איין געדאַנק, צו איין גרויסער כּונה... אַז מיר זאָלען איהם קענען מעלה זיין... יודען, זייט אַייך מכון צו איין גרויסער, גרויסער כּונה!... וואָס מעהר עס איז נעהנטער די גאולה — אַלץ שטאַרקער ווערט סמאל... זייט גובר דאָס בייז... יעצט קומט דער נסיון... יודען, דער נסיון קומט.

דער עולם שטעהט ארום אין שרעק.

פלוצלונג דערהערט זיך אַ שארען צווישען גראָז אין די מצבות — עס הערט זיך אַ קול פון אַ מיידעל.

שרה׳ס קול.

די מאַמע האָט מיר די שוואַרצע פלעכט געוואַשען,
צו דער חופּה מיך פערקעמט —
איך בין משיח׳ס כּלה געוואָרען —
יום-כּפּור וועט די חתונה זיין.

קולות פון עולם—

הערט, אַ קול הערט זיך צווישען די מצבות!

פון די גרעזער קומט ארויס

נתן עזתי,

פיהרענדיג די האלב נאקעטע שרה. רופט.

הע, יודען! דאָ, קומט אַהער! — אַ נביאָה איז אויפגעשטאַנען. האָרכט, האָרכט!

די יודען ווערען דערשראָקען. רוקען זיך אָב, לאָזען אריין נתן עזתי מיט שרה'ן.

נתן עזתי

צו שרהן.

פערצעהל, יודישע טאָכטער, פערצעהל די יודען, ווער דו ביסט.

שרה

האלב אין חלום.

פון קלויסטער קום איך צולויפען. זיי האָבען מיך געכאַפּט אין דער מלחמה־צייט, טרפה־חזיר האָבען זיי מיר געגעבען צו עסען, דעם צלם האָבען זיי מיר געגעבען צו קושען. ווי אַזוי קען איך טרפה חזיר עסען? ווי אַזוי קען איך אַ פרעמדען גאָט קושען? איך בין דאָך משיח'ס כלה. די הענד האָבען זיי מיר געבונדען, מיט שטריק האָבען זיי מיך געשלאָגען, די ליפען האָב איך טיף פערביסען, מיט מיינע צעפּ האָב איך מיר די אויגען פערבונדען, אַז איך זאָל טרפה־חזיר נישט עסען, אַז איך זאָל אויף אַ פרעמדען גאָט נישט קוקען.

נתן עזתי.

אַ גרויסע נבואָה זאָגט זי אונז. דאָס האָט זי אונז גאָט געשיקט אין דער שווערער צייט. איך האָב זי דאָרט הינטער דעם קלויסטער געפונען, — זי האָט זיך בעהאַלטען פון זיי. צו שרה'ן. זאָג, קינד, פון וואַנען קומסטו צו געהן? ווער האָט דיך פון קלויסטער אַרויס־גענומען?

שרה.

מיין געשטאָרבענער טאַטע איז ביי נאַכט געקומען, ער האָט מיך געשלאָגען, בלויע פלעקען האָט ער מיר געמאַכט, אָבער פון קלויסטער האָט ער מיך דאָך אַרויסגענומען. — משיח, זאָגען זיי, איז שוין געקומען, אַהין צו זיי, און פערגעבען זיי די זינד און די וועלט אויסגעלייזט. — צו זיי איז ער געקומען — אונז — האָבען מיר איהם פערטריבען, זענען מיר פון דרויסען געבליבען. משיח איז שוין געקומען, און זיי — הייליגען און לויבען זיין נאָמען אויף אַלע פיר עקען וועלט. — און טראָגען זיין וואָרט איבער ימים, צו ווילדע פעלקער, איבער וועלדער, איבער פעלדער, און קושען די פיס פון זיין בילד, און בויגען זיך אין די קניה, און לעקען די שטויב פון זיין קלייד, און טרינקען זיין בלוט, און עסען זיין פלייש. משיח איז שוין געקומען. און זיי האָבען מיר די הענד געבונדען און האָבען מיך געהייסען געהן אויף די קניה פאַר איהם, און פאַר איהם מיין תפלה זאָגען, און פאַר איהם מיין שטערן אויף דער פאָדלאָגע שלאָגען. — ניין! די הענד בייסט מיר, די אויגען ברענט מיר, מיט נאָדלען שטעכט מיך, — איך וועל מיך צו איהם נישט בוקען — איך וועל מיין תפלה איהם נישט זאָגען! — נישט צו אייך האָט זיך משיח בעוויזען, נישט צו אַייך איז ער געקומען. צו אונז וועט ער זיך בעווייזען — פון מאָרגען־לאַנד קומט ער אָן צו אונז. איהם, איהם וויל איך דינען, זיין שטויב וועל איך קושען, ליכט פאַר איהם אָנצינדען, פּרוכת׳ער וועל איך איהם אויסהאַפטען. איהם וויל איך די פיס וואַשען, און מיט מיינע האָר זיי ווישען. פאַלט אויף דער ערד און קוקט ערגיץ ווייט מיט די אויגען.

נתן עזתי

צו די פערוואונדערטע יודען.

אַ נבואה זאָגט זי אונז. אפשר האָט זיך שוין ערגיץ וואו משיח געוויזען? אַ צווייטע מרים אויפגעשטאַנען. זעהט, יודען: זי קוקט ערגיץ וואו ווייט, אַ נבואה בעווייזט זיך צו איהר. צו שרה׳ן. זאָג, קינד, וואָס זעהסטו דו?

שרה

ליגענדיג אויף דר׳ערד, קוקט ערגיץ מיט די אויגען און זאָגט אין דער שטיל.

עס געהט אויף צו מיר אַ ליכט פון מאָרגען-לאַנד, איך זעה

אַ שטאָדט, זי ליגט ביים ים. הויך געהען אויף איהרע בערג און בעהאַלטען זיך אין וואָלקענס ליכט. ער שטייגט אויף זיי און באָדט זיך אין די טונקעלע נעכט אין וואָלקענס ליכט. מאַמע, טו מיר אָן מיין חופה־קלייד, פלעכט מיר די צעפ! איך האָב מיין חתן געזעהן, ער איז פון גאָט אויסגעוועהלט. הערט די שופרות, זיי בלאָזען פון נאָהענט און פון ווייט. איך האָב איהם אויסגעוועהלט, שבתאי הייסט זיין נאָמען, איזמיר הייסט די שטאָדט.

נתן עזתי.

איהר הערט, יודען? שבתאי הייסט זיין נאָמען, איזמיר הייסט די שטאָדט. — אַ נביאה, אַ נביאָה איז אויפגעשטאַנען.

דער יונגער מאַן

פאלט צו ־דר׳ערד.

דורך אַזוי פיעל דורות האָסטו געשוויגען, יעצט רעדסט דו צו אונז, יעצט האָסט דו אונז דאָס וואָרט געשיקט! אָ, זיי געלויבט זיי געלויבט!

נתן עזתי.

שווייגט יודען! זעהט, די נביאָה קוקט ערגיץ וואו מיט די אויגען, ווידער האָט זיך צו איהר גאָט בעוויזען, — שווייגט, זי איז עפעס מבשר.

שרה.

איך זעה אַ לאַנד — טאָל און באַרג ליגט אויסגעשפרייט, ווי אויף גאָטס האַנד. יעדעס זעמדעל איז פון גאָט געקושט, יעדע וועלט האָט איהר שטערן איבערן לאַנד שטעהן, יעדע נשמה דאַרף איהר ליכט, און זיי טוליען זיך צו איהר ברוסט און וואַשען זייער ליכט אין איהר לופט. אויף דעם באַרג ציון שטעהט ע ר, און די גאַנצע וועלט זאַמעלט זיך אונטער זיין באַרג איין, און ער לייזט אויס און דערהויבט — משיח איז זיין נאָמען, ציון הייסט די שטאָדט.

נתן עזתי.

משיח א׳ז זיין נאָמען, ציון הייסט די שטאָדט... יודען! משיח קומט צו געהן. — די חבלי משיח זענען דאָ! יודען! אַ נביאָה איז געקומען

צו אונז! צו שרה'ן. זאָג, נביאָה, וואָס זאָלען מיר טון? וואו האָט זיך משיח בעוויזען?

שרה.

הערט איהר נישט זיין שטים רופען? איבער ימים שווימען שיפען. איבער שטעגען, איבער וועגען, פון לענדער און פעלקער קומען יודען צו געהן, מיט ליכט בעגאָסען, אין הייליגקייט דערהויבען, אין גאָטס געצעלט אַריין.

דער עולם

צווישען זיך.

משיח איז זיין נאָמען, ציון הייסט דאָס לאַנד...

נתן עזתי.

און ווער ביסטו?

שרה.

איך בין משיח'ס כלה, צו אייך געשיקט, איך זאָל אייך צוזאַמענ-נעמען און צו איהם פיהרען. זעהט, מיינע הענד זענען שען, מיינע האָר גיסען זיך אַראָב, ווי אַ קוואַל וואַסער איבער מיין לייב. — קומט מיט מיר, משיח איז געקומען! דאָס געזעץ איז אויפגעגעבען, עס איז שוין נישט מעהר דאָ קיין „יאָ" און קיין „ניין", אַלץ איז פריי. אייערע נשמות זענען אַרויס פון דער קנעכטשאַפט; אייערע קערפערס, געבונדען מיט די רצועה פון געזעץ, זענען אַרויס פרייע, קומט און קושט אויף די ליפען מיר, — איך בין צו אייך געשיקט צו טויטען דאָס געזעץ און צו בעפרייען דעם ווילען.

ערשטער מקובל

רוקט זיך אָב.

אַ שטן רעדט פון איהרע ליפען אַרויס, איך וויל נישט זיין דער-ביי. — רוקט זיך אָב.

אַ צווייטער.

אויך מיין חלק נישט מיט זיי.

נתן עזתי.

פיהלט איהר דען נישט, אַז משיח איז געקומען? זי איז געשיקט

צו אונז אַריינצוברענגען אונז אין העכערן גייסט—צוזאַמען צו בע־
העפטען לייב מיט לייב, כדי דורך דעם אונזערע נשמות גאַנצע צו
מאַכען. די גאַנצע וועלט איז איינס, מיר זענען פעראייניגט אין
איין יחוד. אַלץ איז מיט אַריין. און די חיות און די בהמות זע־
נען אויסגעלייזט געוואָרען און האָבען צוריק געקראָגען זייער
גאַנצקייט. מיט אונז זענען זיי פעראייניגט געוואָרען. די גאַנצע
ערד, יעדער יחיד איז געוואָרען צו איין גרויסען אחד. און זיין
כלה האָט אונז דער משיח געשיקט צו פערבינדען אונז אין דעם
„אחד״, אַז מיר אַלע זאָלען זיין איינס. געשטאָרבען איז דאָס אַל־
טע געזעץ, וואָס האָט אָבגעשיידט יעדען בעזונדער און צעטיילט.
מיר זענען אַלע געווארען צו איינס—בעהאָפטען דורך איהר. טאַנץ
פאַר אונז, משיח׳ס כלה, נעם אונז אַלע צונויף!—קומט, יודען, מיר
זיינען פרייע, דער אָסור איז מותר—די שטריק אויפגעלאָזט. טאַנץ
פאַר אונז, משיח׳ס כלה און בעהעפט אונז אינאיינעם! קומט
לאָמיר זיך אָן איהרע הענד אָננעמען! קומט, לאָמיר זיך אָן איהרע
האָר בעהעפטען, אָנריהרען זיך אָן איהר לייב און קריגען פון איהר
ליכט! ריהר אונז אָן, בעגיס אונז מיט דיין שיין, בעהעפט אונז
צוזאַמען! משיח׳ס כלה, טאַנץ פאַר אונז!—רייס דאָס קלייד פון
דיר, צייג אונז דיין לייב, שיק די שטראַלען פון דיין קערפער
אַרויס, פון דיינע ברוסטען, פון דיינע האָר, און בעהעפט אונז אינ־
איינעם; טאַנץ פאַר אונז, משיח׳ס כלה, אָט אַזוי—יודען! העפט זיך
אָן איהר, זי פאַראייניגט אונז אין איין יחוד!

שרה טאַנצט פאַר זיי. זי רייסט דאָס קלייד פון זיך—ריהרט יעדעס מאָל אָן אַנדערן אָן
מיט איהרע האָר. אַלע בעהעפטען זיך אַרום איהר און זי טאַנצט פאַר זיי אין מיטען ראָד.

פאָרהאַנג.

צווייטער אקט.

ערשטער בילד.

אין קאאירא. אין סאלאן ביים סאריף־באשי יוסף־רפאל, איינגעארדענט אין רייכען אריענטאלישען סטיל. די ווענט בעהאנגען מיט רייכע דיוואנעס, אויסגעהאפטען אויף זיי סצענעס פון „רות״ און „שיר השירים״. עס שטעהט א מיסטישער טרוין. אויף דער טרעפ, וועלכע פיהרט ארויף צו איהם, זעקס לייבען פון איין זייט, זעקס לייבען פון דער צווייטער זייט. רעכטס נתן הנביא, לינקס יהושפט המזכיר. ארום איהם אויף דיוואנען נביאים און נביאה׳טעס, יונגע און אלטע, מענער און פרויען, מיידלעך און בחורים. הינטער זיי צוויי שבת־גוים, מיט ליכט־שערער אין די הענד אויף א הויכער גאלעריי זיצען פרויען.

שמואל פרימו

צו באשי יוסף רפאל.

גליקליך ביסטו, נגיד, וואָס דו האָסט זוכה געווען, אין דיין הויז זאָל דער מלך־המשיח זיין חופה זיך שטעלען, מיט זיין געליעבטער כלה, גאָטס טאָכטער, די תורה.

באַשי יוסף רפאל.

איך דאַנק און לויב זיין נאָמען פאַר דעם כבוד, וואָס ער האָט מיר אָנגעטאָן. דער סולטאַן האָט מיך פאַר זיין הויף־קאַסירער געמאַכט, מיך מיט גענאָד בעשאָנקען. דאָך ווי קומט דאָס צום כבוד, וואָס אונזער מלך־משיח האָט מיר געוויזען—אונטער מיין באַלקען זיין כלה אונטער דער חופה צו פיהרען?

שמואל פרימו.

דיינע זיהן וועט ער זיך פאַר קיניגען מאַכען,—וואַסער אויף זיינע הענד צו גיסען. דיינע טעכטער האָט ער אינאיינעם מיט זיינע צוויי געוועזענע פרויען, וואָס האָבען זוכה געווען זיין קלייד צו בעריהרען, פאַר די פרינצעסען פון זיין כלה, דער תורה, בעשטימט.

באַשי יוסף רפאל.

מיינע אוצרות האָב איך איהם געעפענט, מיינע געלדער, מיינע פּאַ־לאַצען. שיקט שלוחים אויף דער גאַנצער וועלט, וואו יודען זענען פערשפרייט, זאָגט אָן די גליקליכע בשורה, אַז גאָטס כבוד האָט זיך איבער אונז געוויזען.

שמואל פרימו.

שלוחים האָבען מיר געשיקט, בריעף האָבען מיר צעשפרייט, זעהט נגיד, אומעטום. מען האָט געוואַרט אויף זיין וואָרט—ווי אויף אַ רעגען נאָך זון, ווי אַ ישועה נאָך אומגליק. זעה, וואו זיין וואָרט האָט דערגרייכט, איז זיין גייסט געקומען איבער יונג און אַלט, איבער

קינד און קייט—ער ווייזט אויף די נביאים—און זיי האָבען נביאות געזאָגט, אַז זיין קיניגרייך איז געקומען.

באַשי יוסף רפאל.

געלויבט זאָל זיין גאָטס נאָמען אויף אייביג!

שמואל פרימו

ווייזט אויף די שבת-גוים.

און אויף גוים, וואָס ניט פון יודען קומען זיי אַרויס, האָט ער אויך פון זיין גייסט אָבגעטיילט, צו מאַכען ווייזען די פעלקער זיין מאַכט און זיין פּראַכט, און מבשר צו זיין זיין נאָמען צו די פעלקער, וואָס זענען אונטער'ן הימעל. ווענדט זיך צו די נביאים. אָ, איהר הייליגע קינדער פון נביאים! ווייזט אונז דעם וועג, אין וועלכען מיר זאָלען געהן, און דאָס ליכט, אן וועלכען מיר זאָלען זיך האַלטען.

די נביאים

זינגען.

ער איז אונזער האַר, ער איז אונזער מלך, ער איז אונזער היילער, שבתאי צבי, דער מלך משיח!

באשי יוסף רפאל.

געלויבט איז ער אויף אייביג, וואָס ער האָט נישט אָבגעטאָן פון אונז זיין חסד, פערפאַלען אונז צו לאָזען צווישען די גוים! דאָך וואו איז דער קיניג משיח? אַלץ איז שוין גרייט.

שמואל פרימו.

ער איז מיט זיך אַליין פאַר דער חופה, אין היילגקייט, מיט גאָט זיין פאָטער.

אברהם היכיני

דערהויבט זיך פלוצלונג און רופט אין דער טיר, וואו שבתאי צבי איז:

עס איז געקומען די צייט, געה קיניג-מאַן,
שטעל דיר דיין חופה-שטאַנג,
דעק דיר דיין חופה-פאָרהאַנג,
מאַך דיר דיין בעט גרייט!—
אַלץ איז צו דער חתונה גרייט.

עס ווערט שטיל צווישען עולם, די נביאים מיט די נביאה'טעס זעצען זיך אויף זייערע ערטער און זינגען.

נביאים, נביאה'טעס.

בלאָזט מיט שופרות פון נאָהנט און ווייט!
עס קומט דער, וואָס איז פון גאָט אויסגעוועהלט.
ער איז אונזער האַר, ער איז אונזער מלך,
ער איז אונזער היילער, שבתאי צבי, דער מלך המשיח!

עס הערט זיך שופרות בלאָזען. פון דער טיר קומען אריין זיבען בתולות, אלע אין ווייסען אָנגעטאָן, צווישען זיי רחל און לאה, אין דעם סטיל פון יודיש-בוכאריש אָנגעטאָן.

די מיידלעך

זינגענדיג.

קומט אַרויס און זעהט,
טעכטער ציון'ס,
שלמה דעם קיניג
אין דער קרוין,
וואָס די מאַמע האָט איהם אָנגעטאָן,
אין זיין חתונה-טאָג,
אין זיין פריידען-טאָג.

עס קומט אריין שבתאי-צבי, אין ווייס-אַטלאַסען געוואַנד, אין אַ ווייסען מיט גאָלד געסטעפּטען טורבאַן אויפ'ן קאָפּ, און זעצט זיך אויף זיין טרוין. עס הערען זיך שופרות בלאָזען. עס קומען אריין זיבען בחורים, אין שוואַרצען סאַמעט אָנגעטאָן, בעפּוצט מיט גאָלד, און זינגען.

די בחורים

זינגען.

שען איז זיין פריינדין,
ווי אַ טייבעל אין שפּאַלט פון שטיין.
איהרע האָר ווי סטאַדעס שאָף—
קייקלען זיך פון די בערג גלעד אַראָב.
איהרע ציין—ווי געוואַשענע שעפּסען,
פון באָדען קומען זיי צו געהן.
איהר האַלז,—ווי דוד'ס טורעם.

איהרע בּרוסטען—הינדען־צווילינג,
ווײדען זיך אין די רויזען.

גאָך זיי בּעהט אַ בּתולה, אין ווייסען אָנגעטאָן, און טראָגט אַ גרויסע ספר־תּורה, בּעפּוצט מיט אַ גרויסער גאָלדענער קרוין, אַ גאָלדענעם בּרייטען שער אויף דעם שווארצען סאַמעט־מאַנטעלע, וואָס איז מיט שטערן בּעזעצט. זעצט זיך מיט'ן ספר־תּורה נעבּען שבּתאי־צבי.

אברהם היכיני

שטעלט זיך פאַר שבּתאי צבי און זאָגט איהם.

חתן משיח! אַזוי טוט גאָט זאָגען: איך האָבּ חרוב געמאַכט מיין בּית־המקדש, מיין קדשי־קדשים צעשטערט. און מיט אייך בּין איך אין גלות פערטריבּען. — און איך האָבּ געוואַרט אַלע טעג, ווען װעט קומען דער מענש, וואָס וועט אָננעמען מיין שטעל,—ווי איך אויבען, אַזוי ער אונטען, גאָט אין מענשליכער געשטאַלט, און מיך און וועלט פון גלות אויסלייזען. אין שבּתאי צבי מיין זוהן האָבּ איך געזעהן דעם מענש, זאָגט גאָט. איהם דערהויבּ איך און מאַך איהם צום הייליגען־קיניג, צום ערהויבּענעם מענש. און איך פער־קניפּ מיך מיט איהם און פערבּינד מיך מיט איהם אין הייליגען בּאַנד. און גיבּ איהם מיין טאָכטער, די תּורה, צום מאַן. און ער זאָל זיך בּעהעפטען אָן איהר און זאָל זי טון ווי אַ שטעמפּעל צו זיין הארץ, ווי אַ בּרודער צו זיין שוועסטער, וואָס האָבּען געטאָן זויגען פון איין מוטער־בּרוסט, וואָס ער טרעפט זי אין גאַס און טוט זי קושען, און שעמט זיך נישט.

מען שטעלט אין מיטען סאַלאָן אַ חופּה מיט גאָלדענע שטאַנגען און אַ ליכטיגען פאָרהאַנג. שבּתאי צבי געהט פון זיין שטול אונטער דער חופּה ארונטער. ביי זיין געהן בּלאָזען די נביאים אין די שופרות, די מוזיק שפּילט, די זיבּען מיידלעך, וואָס געהען סאָראויס, זינגען.

די מיידלעך.

שען איז דער קעניג שלמה אין זיין חופּה־קלייד,
אין טאָג פון זיין פרייד!
אָ זינגט,
אָ זינגט, הימעל און ערד, זינגט איהם אַקעגען
צו זיין חופּה־גאַנג!
דער חתן־קיניג פיהרט זיין כּלה

אונטער זיין חופה־האַנג.
די שטאַנגען געהאַקט פון בוקסען-בוים,
דער פאָרהאַנג געוועבט פון שטראַלען-ליכט,
זיין געלעגער געוועבט מיט
ירושלים׳ס טעכטערס ליעבע.

שבתאי צבי שטעהט אונטער דעם פאָרהאַנג. די שופרות בלאָזען. די זיבען בחורים געהען פאָראויס, זינגענדיג. דאָס מיידעל מיט דער תורה נאָך זיי.

די בחורים

זינגען.

אַ הייליגט און לויבט
זיין נאָמען ברייט
אין טאָג פון זיין פרייד!
גאָטס טאָכטער איז די כלה זיין,
גאָט איז דער מחותן אַליין.

דאָס מיידעל גיט איבער די תורה שבתאי צבי, וועלכער נעמט זי אויף דער האַנד. דאָס מיידעל געהט אָב. עס בלייבען שטעהן, אין צוויי רייהען אויסגעשטעלט, די זיבען בחורים, די זיבען בתולות ארום די נביאים. פון דער טיר, פון וואַנען שבתאי צבי איז אריינגעקומען — קומט אריין אַ פראָצעסיע פון קליינע קינדער, יונגלעך און מיידלעך, האַלטען זיך ביי די הענד, אין אַ לאַנגער רייה. טייל האַלטען לאַנגע לולבים אין די הענד און שאַקלען זיי אויף אַלע זייטען.

שבתאי צבי

נעמט דעם ספר און דערהויבט עס אין דער הויך. זאָגט הויך אויפ׳ן קול.

איך בין דיך מקדש צו מיר אויף אייביג. און איך בין דיך מקדש צו מיר מיט די פיר מדות: רעכט, דין, גענאָד און דערבאַרימונג. און איך בין דיך מקדש צו מיר מיט אמונה. פון די נביאים פאַלען טייל אויף דער ערד און זאָגען נביאות.

אַ טייל.

אָ, איך זעה ליכט! — וועלט און וועלט גענעהנט זיך צוזאַמען,
הימעל געהט אַראָב צו דער ערד, ערד צו הימעל,
ים צו לאַנד, לאַנד צו ים,
נשמה צו נשמה, מענש צו מענש!

אַלץ איז זיך משדך אין פערבאַנד,
אין אייביגען באַנד, אין אייביגען באַנד!

שבתאי צבי

געמט די ספר־תורה אין דער הויך.

איך האָב מיר גאָטס טאָכטער אויסגעוועהלט—די הייליגע תורה! מיט איהר וועל איך מיך פערבינדען צום אייביגען באַנד, איהר ליעבע וועל איך היטען. אין איהרע וועגען וועל איך געהן, צו הייליגען זיך אין איהר הייליגקייט. און איך בין משפיע אויף דער וועלט פון איהר הייליגקייט. די הימלען זאָלען צוריק קריגען זייער ליכט און פראַכט, און די ערד זאָל דערהויבען ווערען צום הימעל אויף, זיי זאָלען קענען שען ווערען אין איהר הייליגקייט. און ענ־דען זאָל דאָס שלעכטס ביים מענש. גאַנץ מאַך איך זיין נשמה, ערהויבען מאַך איך זיין גייסט, אַז ער זאָל קענען שען ווערען אין איהר הייליגקייט, אַז אַלץ זאָל דינען צו איהר און זיין אין איהר, און זי אין אַלעם. אָמן.

אַלע.

אָמן!

עס דערהערט זיך פלוצלונג פון דרויסען אַן אָנקומען, ווי גאַנצע חיילות זעלנער וואָלטען אָנגעקומען. וועגען פאָהרען, פראַכטען ברעכען, קיה, אָקסען שרייען. פערד קאָפּיען. מענ־שען רופען, שאַלען. דאָס אַלץ ווערט איבערגעהילכט פון אַ שאַלענדיגע ווילדער מוזיק פון שופרות, טראָמפּייטען און פויקען.

נתן עזתי

פאַלט אַריין מיט רעש.

אָ הייליגער קיניג, משיח פון יעקב! דיין וואונדער איז געקומען, דיין וואָרט איז געשעהן! זי קומט צו דיר, דיין קיניגין, מיט פראַכט און אין שענקייט! פלאַמען ברענען אין איהרע אויגען, פלאַמען ברענען אין איהרע האָר. און איהר פייער האָט הערצער דערוואַרימט. פון שטאָדט צו שטאָדט, פון לאַנד צו לאַנד איז זי געגאַנגען, האָט אָנגעזאָגט און מבשר געווען דיין אויפשטעהן, וואו זי איז געקומען,--און מתים זענען מענשען געוואָרען. איהר וואָרט, איהר פלאַם — האָט שטויב פון הערצער געשיט. זי קומט צו דיר, דיין קיניגין, דיין אויסגעוועהלטע, פון גאָט בעשטימט!—

וואו זי איז געקומען — האָט זי מיט איהרע הענד, ווי הויפּענס, דאָס פאָלק צוזאמענגענומען. איהר אויג האָט געפלאמט, איהרע האָר האָבען געצויגען, און געגאנגען איז דאָס פאָלק נאָך איהר, ווי נאָך ליכט נאָך, ווי נאָך רעגען נאָך. דעם הימעל האָט זי זיך אונטערטעניג געמאכט. דונער און בליץ האָבען צו איהר געדינט.— דיין וואָרט אין איהר מויל איז צו גאָט געוואָרען, און עס האָט וואונדער געוויזען. — און זי האָט דאָס פאָלק אונטער דיינע-פענס-טער פון דיין געצעלט צוזאַמענגענומען, זי איז דיר צו דינען גרייט... אָט קומט צו דיר דיין קיניגין, זעה, פון גאָט דיר בע-שטימט, אין פראַכט און שענקייט!

דורך דער גאנצער סצענע הערט מען פון דרויסען א בעשטענדיג רויש'ן איז זינגען פון דעם לאַגערענדען פאָלק.

אין דער טיר ווייזען זיך צוועלף בחורים, אָנגעטאָן אין שווארצע סאמעט-פלאשען. און אין מיטען זיי שרה אין א שוער, לאַנג, שווארץ סאמעט קלייד, בעזעצט מיט גרויסע גאָל-דענע שטערן. צום ראנד פון קלייד איז בעהעפט א ברייטע, גאָלדענע עטרה, פון וועלכער עס ווייזען זיך ארויס באָרוויסע פיס. אויפ'ן שטערן א זילבערנע בלעך. אויפ'ן הארץ אָנגע-האַנגען אויף א גאָלדענער קייט א ברייטע בלעך, איינגעזעצט מיט בריליאנטען און פּערל די נעמען פון די צוועלף שבטים.

ש ר ה.

זעהט אייער קיניג און גאָט! זי וואַרפט זיך צו שבתאי צבי'ס פיס און קושט דעם זוים פון זיין קלייד. אָ דעקט'ס מיר די האָר צו, איך האָב מיין קיניג געזעהן! זי ווייזט מיט דער האַנד. קומט און זעהט אייער האַר און קיניג!

ש ב ת א י צ ב י.

איך האָב דיך נישט געזעהן ביז איצט, נישט אין מיין נשמה, נישט אין מיין גייסט. ווער ביסטו דען?

ש ר ה.

איך קום פון דיר, און בין אין דיר, מיין נשמה מיט דיינע איין צווייגען-פּאָר. דו — דאָס לעבען, איך — דער טויט; וואָס איז מצוה אָהן זינד? מיר האָבען ביידע פון איין ברוסט מילך געזויגען. און איך

בין געקומען צו מיין נשמה-פּאָר, טויט און לעבען, זינד און מצוה מישען.

שבתאי צבי

דערמאָנט זיך.

איך האָב מיט דיר דעם באַנד צעריסען, מיין ערדישעס פון מיר געוואָרפען, אָבגעשניטען און אויסגעראָט די וואָרצלען, וואָס בינדען אונזערע נשמות צוזאַמען. ער ווייזט אויף די תורה. זי איז מיין כּלה-פּאָר, מיט איהר האָב איך זיך פערבונדען.

שרה.

דו האָסט זיך נישט געקאָנט פון מיר בעפרייען, דו בענקסט נאָך מיר, נאָך שטעקען אונזערע נשמותביידע טיף אין וואָרצעל צו-זאַמען.

שבתאי צבי.

איך האָב מיך בעפרייט, דאָס מענשליכע פון מיין לייב געריסען און בין צו גאָט געוואָרען.

שרה.

וואָס איז גאָט אָהן מענשליכען?—ניין, עס קוקט דאָס מענשליכע פון דיין אויג, און דו בענקסט דערנאָך. דיר שמעקט טאָל און באַרג, און די זון, ווען זי געהט אויף, און דער טוי, ווען ער פאַלט. ווער האָט דיר דאָס פאָלק געזאַמעלט אונטער דיין פענסטער? דער מענש. ווער האָט זיי דאָרשטיג געמאַכט נאָך דיין וואָרט?— דאָס מענשליכע. מיין אויג האָט זיי געברענט, מיינע האָר האָט זיי געצויגען. מיט מיין תּאוה האָב איך זיי צוזאַמענגענומען, ווי זאַנגען, און צו דיינע פיס דיר געלעגט. מיר זענען מענשען, פון איין פּאָר קומען מיר אַרויס — דאָס בלוט רינט אין דיין האַנד און מיינער.

שבתאי צבי

הויבט זיך אויף און רופט.

אַברהם היכיני, מיין נביא שמואל פרימו, מיין מזכיר!

אַברהם היכיני און שמואל פרימו.

בעפעהל, האַר, מיר זענען דאָ!

שבתאי צבי.

געהט אַרויס און צעטרייבט דאָס פאָלק פון הינטער מיין פענס־טער! איך וויל קיין פאָלק, וואָס איז געקומען צו מיר, געצויגען פון תאוה־קראַפט, געברענט פון אויג און האָר. ער גיט איבער די ספר־תורה. געהט אַרויס צום פאָלק, דערהויבט די תורה איבער איהם. זי זאָל מיר דאָס פאָלק רופען, געלויטערט אין איהר הייליג־קייט, געהען זיי נאָך איהר הימעל־ליכט, אין איהר געטליכען וועג. איך בין צו גאָט פון יעקב געזאַלבט, איהם וויל איך דינען, אָן זיין תורה וויל איך מיך בעהעפטען.

שרה

צו אַברהם היכיני און שמואל פרימו.

קומט צום פאָלק — זאָלען מיר זעהן, נאָך וועמען וועלען זיי נאָכ־געהן, נאָך וועמענס קראַפט זיי וועלען געצויגען ווערען: נאָך איהר, — אָדער נאָך מיר. זי איז הייליג אָבער טויט! ריין — אָבער שווייגט. נאָך מיר געהט נאָך דאָס פאָלק, פון מיין פלאַם געצויגען, נאָך מיין זינד געבענקט... לעבט עס אין מיין טויט.

אברהם היכיני און שמואל פרימו געהען ארויס מיט דער תורה.

שרה געהט ארויס נאָך זיי.

פון דרויסען הערט מען, ווי דאָס פאָלק שאלט.

שבתאי צבי

דערהויבט די הענד צום הימעל, פערגלייסט די אויגען.

איך בין מיט זיי. איך הויב זיי אויף, איך לייטער זייערע נשמות — שטייגט אויף, שטייגט אויף! — איהר זאָלט קענען דערהויבען ווערען — ... זי ציהט אַראָב. — זייערע נשמות זענען שווער, פער־פלעקט, עס ציהט זיי נאָך דער ערד. — דאָס פאָלק איז מיט איהר, נויגט צו איהר. זיי געהען נאָך איהר, עס ציהט זיי איהר זינד... ווי וואָלקענס בליי, נידערן זיי אַראָב אין איהר ים... עס ציהט זיי איהר טויט... עס פלאַמט זיי איהר אויג... איך וועל אייך הויבען... איך וועל אייך רייניגען... צום הימעל וועל איך אייך נעמען... איך

רוף אייך מיט גאָטס וואָרט... איך וועל אייך גאָטס לויטערקייט צייגען... איך וועל אייך אין די הימלען פיהרען!... ניין, זיי הערען נישט... זיי ווענדען אָב זייער קאַרק פון גאָטס וואָרט, צו זיי גע־ווענדט... און געהען נאָך אויגען־גלאַנץ... — נאָך האַרצען־לוסט.

ערשטער נביא.

איך זעה, ווי עס פאַלען אַראָב מחנות נשמות, שוואַרץ ווי נאַכט, פון הימעל אַראָב, אין כף הקלע אַריין.

צווייטער נביא.

איך זעה, די זכיות געהען, ווי ליכט אין הימעל אויף, די שערים ווערען פערשלאָסען, און די ערד פאַלט... פאַלט...

דריטער נביא.

די הימלען ווערען דערהויכט און בעלעגט, אין שווער און פינסטער ווערט די ערד, און סמאל צעשיקט זיינע שדים שוואַרץ ווי נאַכט, און זיי פאַנגען נשמות פערבלאָנדזשעטע און תפלות געפאַלענע...

אַברהם היכיני און שמואל פרימו

קומען אריין צו לויפען.

דאָס פאָלק געהט איהר נאָך, ווי אַ ליכט, — זי איז זייער וועג, זייער וואָרט!

שרה

קומט אריין, געהט צו צו שבתאי צבי, קוקט איהם שטאָלץ אין די אויגען.

דו געהערסט צום מענשליכען.

שבתאי צבי.

איך בין אַ קנעכט צום גאָט פון יעקב, אָן זיין תורה וויל איך מיך בעהעפטען...

שרה.

דו ביסט נישט דער דינער פון געטער־הימלען. דו ביסט דער מענש־גאָט! די הימלען זענען צו גאָט — די ערד, די ערד איז צום מענש איבערגעגעבען געוואָרען. דו האָסט די מאַכט, דו ביסט דער האַר, אונזער גאָט אויף דער ערד. דיר וויל מען דינען, און דו האָסט איבער אונז די קראַפט און מאַכט!

די נביאים

קניהען צו דער ערד.

דיך האָט מען געגעבען צו אונז צום מענש־גאָט, אונזער קיניג און בעשעפער! געלויבט זאָל זיין דיין נאָמען אויף אייביג, אָמן סלה!

שרה

צו אברהם היכיני און שמואל פרימו.

דו מענשען־נביא, בעט צו דיין גאָט, לאָז ער אונז פון געטער־הימלען בעפרייען! ער איז דער מענשען־גאָט. זעהט — דאָס פאָלק איז הינטער זיין פענסטער פערזאַמעלט און וואַרט אויף דיין וואָרט. עס וויל נישט צו געטער דינען, עס וויל צום מענשליכען לעבען.

אַברהם היכיני

קניהט פאר איהם.

געלויבט און געהייליגט זאָל זיין דיין נאָמען, אונזער גאָט און אונזער האַר, אויף אייביג, אָמן! אַזוי ווי די אַלטע הייליגקייט איז געזעצט איבער די הימלען אין דער הויך, אַזוי ביסטו, הייליגער קיניג, געזעצט איבער דער ערד אונטען. דו ביסט גאָט אין מענשליכער אַרט, אין מענשליכער געשטאַלט, אין דיין קומען איבער אונז, קומט די וועלט צום ריכטיגען בעשטאַנד. אין דיר איז די קראַפט אונז צו בעפרייען פון געזעץ און דין, — דו האָסט די מאַכט, בעפריי אונז פון געזעץ!

שמואל פרימו

געהט צו, פאלט פאר שבתאי־צבי.

דאָס פאָלק האַרט פאַר די פענסטער פון דיין געצעלט, און וואַרט אויף דיין בעפרייאונג. וואָס זאָל איך זיי זאָגען?

שבתאי צבי.

געה אַרויס און זאָג זיי, אַז איך בין אַ קנעכט צום גאָט פון יעקב, צו איהם זאָלען זיי דינען.

שרה.

דורך איהר אָדער דורך מיר! זי ווייזט אויף דער תורה. זי האָט אונז געבאָט און געזעץ געגעבען, האָט אונז צייכען געקריצט און וועגען

געשטעלט, „ניין" און „יאָ" אונז געזאָגט, אין צוימען אונז אַרומ־געצוימט, און אונז פערווערט און אונז פערבאָטען וועגען און לעבען. בעפריי אונז פון געזעצען און וועגען, דורך פרעמדע גע־טער אונז געגעבען! דו קענסט אונזער ווילען, דו ווייסט אונזער האַרץ. אונזער בלוט — דיין בלוט, אונזער בענקען — דיין בענקען. דו זאָג דיין וואָרט, און צעשטער און צעברעך די צוימען, וואָס מען האָט אונז אַרומגעצוימט מיט זיי! און צעפיהר און צעלעג די געזעצען און די דינים, פון פרעמדע אויף אונז געלעגט! צערייס די רצועות, פון גאָטס קנעכט אויף אונז געבונדען! שטיל. ווער שטעהט צווישען מיר און דיר? זי ווייזט אויף די תורה. — אַ געזעץ, אַ וואָרט, פון אַ פרעמדען גאָט געזאָגט, וואָס מיר קענען איהם נישט, וואָס ער וואוינט אין די הימלען אין דער הויך. אין מיר האָסטו די זינד, טויט, פערדאַרבונג, תשובה און תחית־המתים, ברוגז און חבר, אַליין און מיט, איך וויל און וויל נישט; איך צעוואַרים דיין לייב, ווי אַ זון, און בין קאַלט — ווי אַ שטיין. קלייב אויס, דו מענשען־גאָט, צווישען מיר און איהר!

שבתאי צבי

שטעהט אויף פון זיין שטול, בלייבט א לאנגע ווײַלע שטעהן, קלערט.

דורך מצוה אָדער דורך עברה? דורך לעבען אָדער דורך טויט? וואָס איז די מצוה אָהן דער עברה? וואָס איז דאָס לעבען אָהן דעם טויט? — הייסט עס אויסלייזען נאָר, כדי צו געטער־קנעכט ווערען, פון זיך דאָס מענשליכע בעפרייען — נאָר בכדי פונם געט־ליכען אויף זיך דעם יאָך צו נעמען. איהר קענט נישט דעם מענ־שענס האַרץ, פערהוילען איז עס פון אייך, ווי אַייערס פון אונז. איך בין מענש, ווי זיי, אין מיין ברוסט וואוינט ווילען, אין מיינע אָדערן — בלוט! ווילען — מיר טוען נאָר אונזער פליכט!

שרה

קוקט איהם אין די אויגען שטאַרק, שטיל:

זיי אַ גאָט, דו מענש!

שבתאי צבי.

נתן מיין נביא, יהושפט מיין מזכיר! געהט אַרויס צום פאָלק און זאָגט, שרייבט׳ס בריעף און צעשיקט׳ס יעדען לאַנד און לאַנד, יעדע

שטאָדט און שטאָדט, וואו דעם קיניגס וואָרט וועט דערגרייכען. איך, אַייער גאָט און הייליגער קיניג, שבתאי-צבי, געזעצט אויף דער ערד אונטען, ווי גאָט אין די הימלען, לאָז אויף יעדעס געזעץ און געבאָט, צעברעך יעדען צוים און שטאַנג, בינד אויף יעדען באַנד און פערבאָט, אויף אַייך געבאָטען, אויף אַייך געגעבען פון אַ פרעמדען גאָט, פון גאָט פון הימעל. איך, אַייער גאָט שבתאי-צבי, געזעצט אויף דער ערד, ווי גאָט אויפ'ן הימעל, לייז אַייך אויס צו אייביגער אויסלייזונג און בעפריי אַייך צום אייביגער פרייהייט, און צערייס יעדען באַנד, אויף אַייך געבונדען. איך נעם אַייערע טרויער-טעג און מאַך זיי אַייך צו פריידען-טעג, — עס איז נישטאָ קיין „יאָ" און „ניין" אויף אַייך. נאָר, דער צוויי און צוואַנ-ציגסטער טאָג פון דעם חודש תמוז, דער טאָג פון שלום מאַכען צווישען גאָט, אַייער גאָט, מיט זיין קיניגין, די שכינה, שרה, די טאָכטער פון ישי—דער טאָג זאָל אַייך זיין הייליג, מיט קיין מלאכה זאָלט איהר איהם ניט שטערען, נאָר פרעהען זאָלט איהר זיך דעם טאָג, מיט געזאַנג און ליד; ליכטיג זאָל זיין אין אַייערע געצעלטען אין דעם טאָג, וואָרום עס איז דער הייליגער שבת, דער גרויסער שבת פון אַייער קיניגין, שרה, די טאָכטער פון ישי.

די נביאים

פאלען צו דער ערד.

געלויבט זאָל זיין גאָט, אונזער גאָט-מענש, אונזער הייליגער קיניג, אונזער דערהויבענער מענש, וואָס ער האָט געעפענט די שטריק פון אונזערע זינד, ערלויבט דאָס פערבאָטענע, אויפגעבונדען דאָס גע'אַסר'טע, און צעשטערט דאָס געזעצטע און אויסגעקריצטע, פון היינט-מאָל אָן ביז אייביג, אמן!

נתן און יהושפט געהען ארויס.

שרה

פאלט איהם צו זיינע פיס.

פון דרויסען הערט מען שופר בלאָזען, דאָס פאָלק שאַלט.

צווייטער אקט.

צווייטער בילד.

אין גאליפאלי אין פעסטונג „מגדל עוז״. א ציי מער, פערהילט אין א טיפען טונקעלן שאטען, בעלויכטען דא און דארט מיט קליינע אייל-לעמפ לעך, וועלכע הענגען אין דער הויך. אין די ווינק לען שטוב ברענט זיך אין כלים ווייררויך, פון וועל כען עס שטייגען אויף גאנצע וואלקענס רויך און שוועבען אין דער לופט ארום איבער מענש און קאפ. אויף א טונקעלן זיץ רוהט שרה, געהילט אין א טונקעלן שלייער, א קרוין אויף איהר קאפ. נעבען איהר זיצט שבתאי צבי. ארום — די „זעקס רעהרען פון דער מנורה״: אברהם היכיני, שמואל פרימו, מרדכי חסיד, מתתיהו אשכנזי, באשי יוסף רפאל, נתן עזתי, מקובלים, נביאים און ערהויבענע. צווישען זיי רחל און לאה, וועלכע שטעהען פוןביידע זייטען נעבען שרה'ן.

אַלע

קניהען און בויגען זיך פאַר שבתאי צבי.

געלויבט איז אונזער גאָט, געלויבט איז אונזער האַר, דער הייליגער קיניג, דער ערהויבענער מענש פון היינט ביז אייביג!

שרה

שטעהט פאַר איהם.

עס גענעהנט דאָס יאָהר פינף טויזענד פיר הונדערט און אַכט, פון גאָט בעשטימט, אין זיין הייליגען „זהר“ אָנגעזאָגט—דיין מלוכה איז נאָהנט, דיין הערשאַפט איז נאָהנט, דיין הערשאַפט קומט. דו וועסט קומען איבער זיי, ווי אַ ווינט, דו וועסט זיי אין דיין וואָלקען-קנאה אויפעסען.—מלכים, זאַמעלט אַייך אונטער זיין באַרג איין! — גאָט וויל אַייך דאָס קיניגרייך צעטיילען.

שבתאי צבי

הויבט זיך אויף פון זיין שטול, דער עולם בויגט זיך אראָב.

איך, שלמה דער זוהן פון דוד, דער געזאַלבטער קיניג פון גאָט פון ישראל, רעגירער אין די הימלען אין דער הויך, אויף דער ערד אונטען, דער פאָרכטבאַרער, ערהויבענער איבער די קיניגען פון דער ערד—מיין אייביגער זיץ אין דער הייליגער הויך-געהויבענער שטאָדט ירושלים, בעשטימט צום רעזידענץ פון דער גאַנצער וועלט, אום צו גענעהנען דאָס יאָהר פינף טויזענד פיר-הונדערט אַכט, בעשטימט פון מיר איבערצונעמען די רעגירונג אויף דער ערד, און אויסצולייזען די וועלט פון פרעמדער געטליכער און קיניגליכער הערשאַפט, צו נעמען אונטער מיין האַנד און מיין דערבאַרעמונג—צעטייל די קיניגרייכען פון דער וועלט צווישען מיינע אויסגעוועהלטע.

יוסף, מיין ערשטען ברודער, זאַלב איך צום קיניג איבער די ניינצעהן מלכים פון יודישען לאַנד, זיין אייביגער זיץ איז אין פעסטונג שומרון—געמאַכט צום רעזידענץ איבער די מלכים פון ישראל, און די גרויסע גאָלדענע קרוין אויף זיין קאָפּ.

יוסף צבי

פאלט צו די פיס.

זיי געלויבט. גאָט און ברודער.

שבתאי צבי.

אלי מיין צווייטער ברודער, אין איהם גיב איך די נשמה פון חזקיה דעם קיניג, און בעשטים איהם צום קיניג איבער די קיני-גען פון יהודה.

אלי צבי

פאלט צו די פיס.

זיי געלויבט, גאָט און ברודער!

שבתאי צבי.

רב משה, מיין ערשטען לעהרער פון סמירנאַ די שטאָדט, איהם קרוין איך צום קיניג איבער די שבטים ראובן און שמעון, וועלכע זענען אויף יענער זייט טייך.

די שומרים

פון דער טיר, קומען אריין, פאלען צו די פיס.

הייליגער קיניג, ערהויבענער מענש! אַ נביא איז צו דיר געשיקט, ער שטעהט אויף דער שוועל פון דיין טיר — און וויל דיך מאַכען הערען גאָטס וואָרט.

שבתאי צבי

האלב דערשראָקען.

אַ נביא פון גאָט, גאָטס וואָרט אין מויל?!

די שומרים.

פון גאַנץ ווייט איז ער געקומען צו דיר, פון דער מדינה פוילין. ער האָט דיין ממשלה צווישען פעלקער און לענדער אָנגעזאָגט. יעצט שטעהט ער אונטער דער טיר פון דיין געצעלט, גאָטס וואָרט אויף זיין צונג. ער זאָגט, ער איז פון איהם צו דיר געשיקט.

שבתאי צבי.

איך וויל קיין נביאות נישט הערען, פון פרעמדע געטער צו מיר

געשיקט. איך האָב דעם באנד צעריסען מיט דעם הימעל. דער הימעל צו גאָט, די ערד — צום מענש. איך וויל זיין וואָרט ניט הערען! — מיינע אייגענע נביאים האָב איך.

אַברהם היכיני.

מיר קענען ניט קיין אַנדערן גאָט אַיסער דיר. זיין וואָרט און זיין מאכט איז צו דיר געוואָרען איבערגעגעבען.

שבתאי צבי.

פערשליסט די טויערן, פערהאקט די פענסטער! — איך וויל קיין פרעמדע ווערטער נישט הערען. — איך וויל יעצט אַליין זיין, די קיניגרייכען פון דער וועלט וועל איך אַן אַנדער מאָל צעטיילען, פערלאָזט מיך. אלע, אויסער שרה, פערלאָזען די שטוב.

שבתאי צבי

בעהאלט זיין פנים אין די הענד.

מיר טוט באַנג, איך האָב גאָטס וואָרט פערטריבען פון מיר.

שרה

נעמט איהם איין אין זיך.

דו האָסט די מאַכט, דיין פאָרכט איז געפאַלען אויף ווייט און ברייט, דיין כּבוד געהט, ווי אַ נביאות, איבער די וועלט אַרום, און עס בויגען זיך קעפּ פאר דיר. דיין קומען איז די האָפענונג פון פאָלק, — וואו דיין נאָמען האָט דערגרייכט, האָט עס ליכט אין הימ-לען געצונדען... מיט דיר איז די מאכט, דו האָסט די קראַפט, דו ביסט צום גאָט פון די ערד געוואָרען, — דאָס פאָלק בעט צו דיר.

שבתאי צבי.

מיר טוט באַנג, איך האָב גאָטס וואָרט פערוואָרפען, דעם הימעלס טאָבטער פערשטויסען. זענען מיר די הימלען געוואָרען פערמאַכט, איך קאָן מעהר צו זיי נישט דערגרייכען.

שרה.

איך בין די ערד-טאָכטער, איך האָב דיר די ערד צו נדן געגעבען. קום — איך וועל דיר מיינע הערליכקייטען ווייזען.

שבתאי צבי.

איך בענק,—דער הימעל איז הויך און ריין, די ערד איז נידעריג און שמוציג. איך בין דער חתן פון גאָטס טאָכטער געוועזן—איך האָב מיין כלה פון אונטער מיין חופה פערוואָרפען, איך האָב איהר בעט מיט אַן אַנדערער געטיילט. איך בענק—דער הימעל איז הויך און ריין...

שרה.

די ערד איז נידעריג, אָבער שען. איך בין איהר טאָכטער, דו האָסט מיך אונטער דער חופה געפיהרט, פון דיין וויין מיר געגעבען צו טרינקען—קום, איך וועל דיך אין מיינע פלעצער פיהרען! פון אתרוגים וועל איך דיר וועלדער פלאַנצען. אויף מיינע האָר וועל איך דיר אויסבעטען. מיט מיין ברוסט וועל איך דיך וואַרימען. דער קוואַל, פון שטיינער געגאָסען, וועט דיר צום שלאָף איינזינגען, די וועלדער וועלען דיך צום שלאָף איינוויגען.—איך וועל אין דער וועלט געהן, מאַן און ווייב מיט מיין קול פאַנגען און דיר אונטערטעניג מאַכען.

שבתאי צבי

ליגט אין איהרע אָרעמס.

איך בענק,—דער הימעל איז הויך און ריין. מיין כלה וועבט איהר קלייד פון הימעל-שטאָף,—און בעהאַלטען זיך אין די וואָלקען טיף הינטער איהר פאָטערס כבוד-שטול.

שרה.

פון די טרערען-גלעזער, אין די קברים בעהאַלטען, וועל איך דיר פּאַלאַצען מאַכען, און רויזען-פעלדער, און טענען-וועלדער. איך וועל אין מיין טאַטענס גאָרטען געהן, די ציגען עסען די טרויבען, דער וויין רינט איבער זייער מויל, מילך רינט פון זייער ברוסט,—וועל איך מיך אין מילך און האָניג וואַשען, אין פעדערן וועל איך מיך פוצען, אין פערלען וועל איך מיך שמוקען.—ווי דער ים זענען זיי אויף מיין האַלז. ווי די שטערן אין די ארץ-ישראל-נעכט זענען זיי אין מיינע האָר. ווי דער שוים פון ים שימערן זיי אין מיינע נאַקעטע פיס. אויף די בערגער וועל איך מיט דיר שטייגען, אין די וועלדער וועל איך מיך מיט דיר בעהאַלטען, אין דער טונקעלער

נאַכט, אין ברויזענדען ווינט. אַ פערשלאָסענער גאָרטען, אַ פערשלאָ-
סענער קוואַל איז דיין כלה-שוועסטער. קום, מיר וועלען זיך אין די
גערטענער בעהאלטען,—די טרויבען זענען צייטיג, דער פייגענבוים
שמעקט. מיר וועלען זיך קליינע, פיקסלעך כאַפּען...

שבתאי צבי

אין איהרע אָרעמס.

מיין כלה האָט זיך אין די וואָלקענס בעהאַלטען... ציה מיך, — איך
געה נאָך נאָך דיר! הארץ מיך מיט איין דיין אויג, האַרץ מיך מיט
איין דיין צאָפּ! *ליגט אין איהרע אָרעמס.*

שרה

האלב זינגענדיג.

איך שלאָף—מיין האַרץ איז וואַך, די שטים פון מיין פריינד קלאַפּט
אין טיר: „מיין שוועסטער, עפען מיר, מיין טייבעלע, מיין פריינדין!
מיין קאָפּ איז פול געוואָרען מיט טוי, מיינע לאָקען מיט נאַכט-
טראָפּענס".—כ'האָב אויסגעטאָן מיין העמד, ווי אַזוי קאָן איך עס
צוריק אָנטון? כ'האָב אָבגעוואַשען מיינע פיס, — ווי אַזוי קאָן איך
זיי צוריק פערשמוצען?

שבתאי צבי

וועקט זיך פלוצלונג אויף.

ווער בעטרעט מיין געצעלט? *כאַפּט אָן שרה'ן פאר די הענד.* דו הערסט?—
גאָטס וואָרט געהט אַרום אין מיין שטוב. פערשליסט די טויערן,
פערהאַקט די פענסטער,—איך וויל גאָטס וואָרט נישט הערען!

עס יאָגט אַ ווינט פון אלע פיר זייטען—עס לעשט די ליכט אויס, אין שטוב הערשט אַ טונקעלהייט.

נחמיה'ס

קול פון ווינט געיאָגט.

בחנם טוסטו דיינע טויערן פאַר גאָטס וואָרט שליסען! וואו
ווערסטו זיך בעהאַלטען פאַר גאָט? אין דעם שפּאַלט פון שטיין
וועל איך דיך געפינען, אין דער טיפעניש פון הייל טו איך מיך
געפינען, זאָגט גאָט!

שבתאי צבי.

איך האָב מיך פון דיר בעפרייט, איך האָב הימעל פון ערד געשיידט,
איך בין צו גאָט...

נחמיה הכהן

ערשיינט אין זיין ווייס געוואנד.

אַזוי טוט גאָט זאָגען: איך נעם פון דיר די קראַפט, איך נעם פון דיר אָב מיין וואָרט, איך האָב מיך בעדענקט איבערצוגעבען מיין וואָרט דעם מענש. ווארום ערדיש איז דער מענש, און צום ער-דישען איז זיין פערלאַנג, פון דער ערד קומט דער מענש, און צו דער ערד געהט ער צוריק...

פ אָ ר ה א נ ג.

דריטער אקט.

ערשטער בילד.

א גרויסער ברייטער פלאץ אַרום דער פעסטונג „מגדל עוז״. עס איז ראש השנה פון דעם אַנ־קומענדיגען משיח־יאָהר פינף טויזענד פיר הונ־דערט און אכט. יודען פון פערשיידענע געגענדען און לענדער, ספרדישע, תימנ׳ער און פויליש־דייט־שע. די אַנהענגער פון שבתאי צבי בעלעגען אַרום דאָס פעלד און די הויכע גרויע מויער פון פעסטונג. אַן עדה יודען, אין ווייסע קיטלען און טליתים אָנגעטאָן, שטעהען אויף איין אָרט, ווי א וואלד ווייסע ביימער, און דאַווענען שטעהענדיג אויף איין אָרט און שאָקלען זיך. אַן אנדער עדה רייניגען זיך פון די זינד, אום צו געגעהנען דאָס קומען פון משיח׳ן. אנדערע זענען איינגעגראָבען אין דער ערד ביז צום האלז און זינגען מיט א מיסטישען און טרויעריגען נגון: „שוכני בתי חומר״. אנדערע ווייטער ליגען אויף דער ערד און לאָזען זיך שלאָגען פון זייערע חברים מיט א פּאַסיק די ארבעים מלקות, זאָגענדיג ודוי, און קלאַפּען זיך אין די הערצער. דאָ און דאָרט זע־נען גרופּעס יודען פערזאמעלט ארום א נביא אָדער א נביאה׳טע, וואָס איז מבשר אין משוגע־נער בעוועגונג דאָס קומען פון משיח. א הויכע בימה פאַר דער פעסטונג איז אָנגעגרייט פאַר משיח און זיין סוויטע.

דער עולם זינגט.

שוכני בתי חומר,
למה תשאו עין,
ומותר לאָדם מן הבהמה אָין.
טוב יש לדעת,
כי אַנחנו תולעת,
גב חומר גבנו.
ואיך יגבה לבנו?
מה יתרון לגבר
ואחריתו לקבר.

די יודען, אין ווייסע טליתים געהילט, שטעהען אין דאַונען, שאָקלען זיך אָהן ווערטער, דער חזן מיט משוררים זינגען פאר זיי.

אלהינו ואלהי אַבותינו. תקע בשופר גדול לחרותנו, ושא נס לקבץ גליותנו, וקרב פזורינו מבין הגוים ונפוצותינו כנס מירכתי אָרץ, עד בואנו לציון עירך ברינה, ולירושלים בית מקדשך בשמחת עולם.

דאָ און דאָרט ליגען יודען און לאָזען זיך שלאָגען פון זייערע שמייסערס מיט פאסקעס, קלאפענדיג זיך אין די הערצער.

אוי, רבונו של עולם! הייליג דיין נאָמען, בעוויז דיין גלאַנץ!

א גרופע פוילישע יודען שטעהען צרום.

צוויי משולחים

פון לעמבערג לעזען א בריעף.

„אַזוי ווי איהר פרעגט און פאָרשט נאָך איבער וועגען די ציגע-לעך, וואָס רב ישראל דער ירושלמ׳ער, דער זוהן פון אַברהם נ״י פה קאָנסטאנטין האָט געקויפט, און עס איז אַריינגעפאַלען אַ מחלוקת צווישען די קרובים, וואָס זיי זאָגען, אַז די מכירה איז געווען אַ שלעכטע, און דער מקח איז אַ מקח-טעות, זאָלט איהר וויסען זיין, אַז די סחורה איז א חשוב׳ע סחורה. און זי געהט אין יעדער מדינה, און ווער עס לאָזט אַרויס אויף איהר א שלעכטען שם, דער איז עתיד לתן את הדין, און אַזוי ווי עס האָבען זי אָבגעשאַצט

מענשען סוחרים, גרויסע בקיאים אין משא ומתּן, איז בטוח, אַז עס וועט זיין אַ גרויסער ריוח. מען דאַרף נאָר אָבוואַרטען, ביז עס וועט קומען דער גרויסער יריד אי״ה דאָס יאָהר, און מען וועט זי פערקויפען פאַר גוט געלד״...

איינער צום אַנדערן.

פערשטעהסט, ר׳ ישראל דער ירושלמ׳ער, דער זוהן פון אַברהם!

אַן אַנדערער

שטעקט אריין דעם קאָפּ.

וואָס מיינט ער דאָס אַזעלכעס „די ציגעלעך״?

דער זוהן פון בעל טורי זהב

גיט זיי צו פערשטעהן מיט אַ גמרא-נגון.

נו עס איז דאָך בדרך רמז. ר׳ ישראל מיינט ער דעם משיח׳ן שיחיה; די ציגעלעך, דאָס זענען מיר, יודען. און אַזוי ווי עס האָבען טייל אַרויסגעלאָזט, אַז דער מקח איז געווען אַ מקח-טעות, מיינט ער, אַז דער משיח איז חלילה אַ פאַלשער, זאָגען עדות אַנשים בקיאים במשא ומתּן, מיינט ער, גרויסע גוטע יודען, חסידים ויראי שמים, אַז די סחורה איז אַ חשוב׳ע סחורה, נאָר מען דאַרף נאָך אָבוואַרטען דעם גרויסען יריד — וואָס וועט אי״ה אין דעם יאָהר, מיינט ער, אַז עס וועט קומען די ריכטיגע מינוט — פון זיין ממשלה, וועט זיין אַ גרויסער ריוח. פערשטעהסט דו שוין?

דער ערשטער

פערשטעהט.

אַהאַ! געהען דורך.

אַן אַנדער גרופּע

אַ נביא צום פאָלק.

דער טאָג איז געקומען, דאָס אָנהויב יאָהר, פינף טויזענד פיר הונדערט און אַכט — דער קיניג געהט זיין מלוכה איבערנעמען. היינט איז זיין טאָג, היינט קומט צו איהם זיין מאַכט!

אַ גרופּע יודען

שלאָגען זיך אין די הערצער, ליגענדיג אויף דער ערד.

לאָזען מיר רייניגען אונזערע לייבער, לאָזען מיר לייטערן אונזערע נשמות! משיח׳ס טאָג קומט — זיין טאָג איז דאָ, זיין טאָג איז דאָ!

עס קומט אָן אַ לאַנגע פּראָצעסיע פון יונגלעך און מיידלעך, געפיהרט דורך אַ לאַנגער חופּה. מחותנת׳טעס און מחותנים טאַנצען פאָראויס פאַר די קינדער. זינגען.

פיהרט די קינדער אונטער דער חופּה, מאַכט׳ס די נשמות רייף, וואָס געפינען זיך נאָך אונטער דעם כסא הכבוד! משיח קומט, — די מתים שטעהען פון די קברים אויף, עס קומט דער טאָג, פון גאָט בעשטימט. ער לעבט, אונזער קיניג, ער לעבט, אונזער האַר — געהען דורך.

אַן אַנדער גרופּע,

געפיהרט דורך אַ האַלב נאַקעטער פרוי, טאַנצען ארום איהר דורך האַלב פערווילדט. זינגען.

רייסט די דעכער פון די הייזער, פערברענט האָב און גוטס! גאָט האָט זיך אין די הימלען צוריק געצויגען, וועלט און מענש משיח׳ן איבערגעגעבען. רייסט די בענדער, שניידט די רצועות, געשטאָרבען איז דאָס געזעץ, געמעקט דאָס וואָרט, פריי דאָס פערבאָטענע, אָפען דאָס גע׳אַסר׳טע!

לויפען דורך, אָב.

אויף דער ביהנע ווייזט זיך נתן עזתי און שמואל פּרימו.

דאָס פאָלק.

שווייגט׳ס, דער נביא ווייזט זיך, נתן הנביא! אָ, גרויסער לעהרער— זאָג אונז, וואָס גאָט האָט צו דיר געזאָגט!

נתן עזתי.

גאָט האָט מיך צו אייך געשיקט. ער לאָזט אייך זאָגען: שוין באַלד וועט איהר נישט דאַרפען אייערע לייבער פּייניגען! היינט איז דער טאָג ראש השנה פון יאָהר פינף טויזענד פיר הונדערט און אַכט, פון מיר בעשטימט — מיין געוועלטיגקייט איהם איבערצוגעבען. עס וועט קומען איבער איהם זיין גייסט, ער וועט בלאָזען מיט דעם גרויסען שופר — אייך צוזאַמענעמען פון אַלע פיער עקען וועלט און איינזאַמלען אייך אונטער דעם הייליגען באַרג ירושלים. ער וועט נעמען פון דעם סולטאַן זיין קרוין און אָנטון זי אויף זיין קאָפּ. לויבט זיין נאָמען!

עס ווייזט זיך שבתאי צבי אין בגדי מלכות אין א גרויסער קרוין אויף זיין קאָפּ, געצויגען פון שרה'ן, זעצען זיך ביידע אויף דעם שטול. דאָס פאָלק יובעלט זיי אקעגען.

דאָס פאָלק.

גלעויבט איז אונזער האַר, געלויבט איז אונזער קיניג, געלויבט איז אונזער העלפער, דער געזאַלבטער פון גאָט צו יעקב! עס זאָל ווערען דערהויבען זיין שענקייט, דערהויך זיין קיניגרייך, זיין האָרן זאָל ווערען דערהויבען אין כבוד, און זיין שטול זאָל זיין גרייט ביז אייביג!

עס קומט אָן א דעפּוטאַציע פון אמסטערדאמער ספרדישע יודען, אָן דער שפּיץ יצחק נהר און אברהם פּירעירה. קניהען און בוקען זיך פאַר שבתאי צבי און לעזען איהם פאָר אן אדרעסע.

יצחק נהר

עפענט אויף דאָס פּאַפּיר און לעזט.

צו דער זייט פון דער דערהויבענער הייליגקייט, דער שענקייט פון די יודען. מיר אַלע, ווי איינער, צייכענען מיר זיך אויף אַ וואָהרען שריפט, אַז מיר גלויבען אין דעם, וואָס מען האָט אונז מבשר געווען, און מיר נעמען אויף זיך מיט ליבשאַפט דעם יאָך פון דיין געטליך, הייליג קיניגרייך. נאָר איינס פערלאַנגען מיר פון אונזער האַר, דעם קיניג, ווייז אונז דעם וועג, אין וועלכען מיר זאָלען געהן: צי זאָלען מיר אַיילען אויפשטעהן און אויפצוגעהן נאָך בית־אל, אָדער מיר זאָלען וואַרטען אויף גאָטס הילף, ביז דער טאָג פון אַיינזאַמלען מיט זיין שופר אונזער פערטריבענשאַפט? מיר ווייסען נישט, וואָס צו טון, — צו דיר זענען אונזערע אויגען געווענדט. אין דעם סוף פון אונזערע ווערטער איז צו זאָגען, אונזער האַר, אַז נישט בלויז אויף אונז אַליין שיקען מיר און פרעגען און בעטען, נאָר אויף אַלע יודען, דיינע קנעכט פון די אויסגעטריבענע פון הישפּאַניע, וואָס זיצען היינט דאָ מיט אונז. אַלע, אַזוי ווי איינס, בוקען מיר זיך און קניהען פאַר דעם בכבוד'ען שטול פון דעם קיניג אונזער הירט, און אויפ'ן הייליגען באַרג אין ירושלים זאָל ווערען געלויבט דיין נאָמען אויף אייביג, אונזער קיניג!

נתן עזתי

צו שבתאי צבי.

זעה, דאָס פאָלק וואַרט אַרום דיר. עס האָט דערגרייכט דיין טאָג. נעם דעם שופר אין דער האַנד און בלאָז! בלאָז אויף מזרח, בלאָז אויף מערב! און זאָג אָן, אַז דער גרויסער טאָג איז געקומען — טו אָן די קרוין אויף דעם קאָפּ. — דאָס פאָלק ליגט פאַר דיינע פיס און וואַרט אויף דיין וואָרט.

שבתאי צבי.

איך האָב דעם פאָלק קיין וואָרט ניט צו זאָגען, ניט קיין מאַכט איהם שופר צו בלאָזען. איך האָב געהאַט אַ גאָלדענע קרוין, פון מיין כלה דער תורה געשענקט — האָט מען מיר זי אַוועקגענומען. איך האָב געהאַט אַ גאָלדענעם שופר — מזרח און מערב צוזאַמענ-צובלאָזען — איז ער מיר אַוועקגעקומען, איך ווייס נישט, ווי איהם צוריק צו געפינען.

שרה.

איך האָב דיר די מצוה אַוועקגענומען — דיר די עברה איבערגע-געבען. איך האָב דיר דאָס אייביגע לעבען געראויבט, אָבער פאַר דעם דיר דעם טויט געשענקט. דיך פון דעם הימעל אַראָבגעצויגען — אָבער דיר די ערד צו פוסען געלעגט. דעם הייליגען גייסט פון דיר פעריאָגט — דער שטן שטעהט דיר צום דינסטען. זי ווייזט אויפ'ן פאָלק. זעה די נשמות, וואָס ער האָט דיר געזאַמעלט. עס יאָגט נאָך דיר, עס בענקט נאָך דיר. וואַרף דיין וואָרט אין זיי, און דאָס וועט שטורעמען, ווי בלוט אין פייער געצונדען!

שבתאי צבי.

צעטרייבט דאָס פאָלק, צעיאָגט דעם המון! — איך האָב דעם פאָלק ניט קיין וואָרט צו געבען, ניט קיין מאַכט איהם צו צייגען. — איך האָב גאָטס וואָרט פערגעסען, פערלוירען. איך ווייס נישט, וואָס זיי צו זאָגען.

שרה.

דער שטן האָט דיר אַן אַנדער וואָרט אין מויל געגעבען, דיך צו גאָט פון דער וועלט געמאַכט. צו נתן עזתי. נעם דעם שופר אין דער האַנד, בלאָז אויף רעכטס און לינקס, גאָטס קומען זאָג אָן! גאָט

איז געקומען צו אונז אין מענשליכער געשטאַלט צו הערשען. פאַלט צו די קניה, יונג און אַלט! שרה און שמואל פרימו פאלען פאר איהם אויף די קניה. שרייען אויס, אָט איז אונזער קעניג און גאָט! זיי ווייזען אויף שבתאי צבי. נתן עזתי בלאָזט א לאנגע תקיעה.

דאָס פאָלק

יובעלט.

דער שופר של משיח, דער שופר של משיח!

נתן עזתי

ער ווייזט אויף שבתאי צבי.

זעהט אַייער פּראַכט! יעצט איז געקומען זיין צייט, זיין ממשלה!

שבתאי צבי

שטעהט אויף און שרייט.

איך האָב נעהאַט אַ גאָלדענע קרוין, איך האָב זי פערלוירען. איך האָב געהאַט גאָטס וואָרט, איך האָב עס פערגעסען. איך האָב ניט קיין וואָרט פאַר אַייך, איך האָב ניט קיין מאַכט!

דאָס פאָלק

שרייט איהם איבער.

העלפער און געזאַלבטער צו גאָט פון יעקב, זיי געלויבט, זיי געלויבט! אין פאָלק איז ווי א ווינט פון צעלאָזענקייט און ווי אַן אויסגעלאסענקייט וואָלט אריינגעקומען אין איהם. טאנצען אין ווילדען עקסטאז, עס מישען זיך אויס גרויס און קליין, מענער און ווייבער, יונג און אלט. כאפען זיך ביי די הענד, רייסען די קליידער פון די פרויען. טייל פאלען צו דער ערד און רעדען פון ענטוזיאזם און היץ. טייל נעמען זיך אַן ביי די הענד און טאנצען ארום נאקעטע ווייבער. עס יאָגען זיך מענער נאָך פרויען, כאפען זיי ביי די הענד און זינגען הויך אויפ׳ן קול. רייסט די דעכער פון די הייזער, פערברענט האָב און גוטס! גאָט האָט זיך אין די הימלען צוריקגעצויגען, וועלט און מענש משיח׳ן איבערגעגעבען. שניידט די רצועות, רייסט די בענדער! געשטאָרבען איז דאָס געזעץ, געמעקט איז דאָס וואָרט, פריי דאָס פערבאָטענע, אָפען דאָס גע׳אַסר׳טע! זיי געלויבט, זיי געלויבט!

נחמיה הכהן

ווייזט זיך פלוצלונג אויף א בערגעל צווישען עולם. רופט.

זעהט איהר דען נישט, אז ער איז האָלץ און שטיין? גאָטס וואָרט איז פון איהם גענומען געוואָרען. וועה צו אַייך, צו וועמען טוט איהר בעטען, אויף וועמען קוקט איהר נאָך הילף אויס? נאָך א פער־גאנגענעם מענשען! זיינע טעג זענען געצעהלט — אָט, זעהט, וואָס אייער האָפענונג ווערט! ער ווייזט זיי אויף די טערקישע סאָלדאטען, וואָס קומען אָן צו געהן. דאָס פאָלק אין אויפרעגונג.

נתן עזתי

שרייט.

ער וועט דעם שונא טויטען מיט זיין בליק — אָט ווייזט ער אַייך זיין וואונדער. צו שבתאי צבי. נעם דעם שופר אין דער האַנד — דאָס פאָלק וואַרט!

שבתאי צבי

רופט ארויס.

איך האָב קיין וואָרט, איך האָב קיין מאַכט. איך ווייס נישט, וואָס אַייך צו זאָגען. וויל אראָב פון די בימה, — דאָס פאָלק אין גרויסער אויפרעגונג. דאָס טערקישע מיליטער רינגעלט ארום די בימה, — דאָס פאָלק ווארט אויף א נס. שבתאי צבי גיט זיך אונטער —

דאָס פאָלק

שרייט אויס א גרויס ביטער געשריי.

אונזער האָפענונג איז פערלאָרען!

פאָרהאַנג.

דריטער אקט.

צווייטער בילד.

א ריכטער-צימער ביים סולטאן מחמד VI. שבתאי צבי, חביב באשי גוידאם.

חכים באַשי גוידאַם

צו שבתאי צבי, וועלכער שטעהט אין דער וויאך פון צווי טערקישע זעלנער.

ווער ביסטו? פון וואָס שטאַמט דיין קראַפט? אונזערע זעלנער
זענען פאַר דיר דערציטערט געוואָרען. די שטריק אין זייערע
הענד, צו דיר געבּרענגט, דיך צו בּינדען, זענען ווי אין פלאַמען
פייער פערבּרענט געוואָרען. דעם סולטאַנס טשאַאָטש׳ס, צו דיר
געשיקט, דיך אין געפענגניש צו נעמען, – אויף דיין פּנים געבּליקט,
זענען זיי דיר צו די פיס געפאַלען, זייער געבּיטערס וואָרט פער-
לוירען און דיך בּעטען אָנגעהויבּען. דיין געפענגעניש אויף דיר —
האָבּען זיי דיר צום פּאַלאַץ איבּערגעמאַכט—און ווי נאָך אַ גאָט
זענען נאָך דיר נאָכגעגאַנגען קליין און גרויס. און מיט אַמאָל איז
דיין קראַפט גענומען געוואָרען. ווער האָט געלאָשען גאָטס ליכט
פון איבּער דיין פּנים? ווער האָט דיינע אויגען פערשלאָפען גע-
מאַכט? דיינע הענד, ווי שמשון – נאָך די האָר געפאַלען פון דלילה׳ס
האַנד?— ווער בּיסטו? צי האָט זיך אפשר גאָט אָן זיין פאָלק
דערמאָנט, און דיך צו זיי פאַר אַן אויסלייזער געשיקט? זאָג,—איך
בּין פון דיין שטאַם, איך בּין צו אַן אַנדער גאָט איבּערגעגאַנגען,
צום סולטאַנס דאָקטאָר געוואָרען, אָבּער מיין האַרץ איז נישט
פערדרעהט געוואָרען, מיין בּלוט געענדערט, ניט מיין הויט געטוישט.
איך הענג אָן מיין שטאַם, ווי אַ בּוים אין אַ פרעמד לאַנד גע-
פלאַנצט—בּענק נאָך זיין וואַלד, נאָך זיין הימעל און ערד. איך בּין גע-
קומען דיר דאָס זאָגען. דער גאַנצער הויף ציטערט פאַר דיר, דער סולטאַן
פרעגט נאָך דיר, זיינע אונטערטאַנען דערצעהלען פון דיר, ווי פון
אַ גאָט. בּעווייז דיין קראַפט נאָך אַמאָל! ווי שמשון, כאַפּ אָן די
זיילען פון דעם הויז מיט דיינע הענד און שטאַרבּ אינאיינעם מיט
זיי; צינד אָן נאָך אַמאָל דאָס געטליכע ליכט און דיינע אויגען,
און זאָל שיינען נאָך אַמאָל גאָטס שכינה איבּער דיין געזיכט. בּע-
פעהל— און עס געהאָרכט דיר קרוין און דינער! עס בּלאָזען
טרומייטען. דאָך, איך הער שוין די טרומייטען בּלאָזען, דער גע-

ביטער פון לאַנד קומט צו דיר — זיי אַ גאָט, דו מענש! ער דערוואַ־
טערט זיך פון שבתאי צבי.

שבתאי צבי
אליין.

איך האָב דיך דערציטערט, אָ דו מענשען־שעפער! דו האָסט געזעהן מיין הערשאַפט, וואָס איז אַרויסגעוואַקסען פון דער קראַפט, וואָס דו האָסט מיר איבערגעגעבען. און מענש האָט אָן דיר פערגעסען און זיך זיין גלייכענס צו בעשעפער געמאַכט. עס איז דיר וועניג די הימלען אויבען — די מלאכים מיט זייער אייביגען לויב־געזאַנג, דו ווילסט די ערד, דו ווילסט דעם מענש מיט זיין טויט. דיך רייצט דעם מענשענס ווילען, און דו ווילסט, אַז ער זאָל דיר די עברה צום קרבן ברענגען... דיך ציהט נישט דעם מלאכס גוטסקייט, דיר קלינגט נישט דעם מלאכס לויב — קיין ווילען איז אין זיין האַרץ, קיין שלעכטס איז אין זיין מאַכט נישט צו טון. ער האָט קיין זין ניט פאַר ווידערשפעניגקייט, נאָר פרומקייט אין צדקות — דאָס איז זיין בערוף. דיך רייצט, ווי דעם מענש, אַ ווילען. דו האָסט אַ יצר־הרע צו דעם מענשענס יצר־הרע. דיר ווידערצושפעניגען איז זיין פערלאַנג — דו ווילסט אָבער זיין לויב. צו שלעכטען ציהט זיין האַרץ, דו ווילסט פון איהם דאָס גוטע. און דו האָסט איהם די מצוה און עברה געגעבען, פאַר דער מצוה דאָס אייביגע גן־עדן, פאַר די עברה דאָס אייביגע גיהנם מבטיח געווען.. און דו האָסט מיר די קראַפט געגעבען דיר נשמות צו געווינען, מענשען־טויטס דיר אונטערטעניג צו מאַכען, און מיט מענשען־געזאַנג דיך צו לויבען. און אַז דו האָסט געזעהן, אַז דער מענש דערהויבט זיך פאַר די מענשען צו גאָט, האָסטו פון מיר דיין קראַפט גענומען. מיר דיין ליכט פון מיינע אויגען געלאָשען, דיין גלאַנץ, אויף מיין פנים געלויכטען, פערטונקעלט, — און דו ווילסט מיך אין דעם מענשענס האַנד איבערגעבען, מיך אין זיינע אויגען צום שאַנד און שפּאָט צו מאַכען, דערמיט צו דערהויכען דיין נאָמען?—ניין! אויף מיין הויט איז דיין זאַלב געווען, איך וועל מיך נישט לאָזען פון דיר אין מענשענס אויגען צו שאַנד און שפּאָט מאַכען. דאָס געטליכע האָסטו פון מיר גענומען—אָבער דאָס מענשליכע איז מיר נאָך געבליבען. די מצוה האָסטו מיר גערויבט, די הייליגקייט פון אויגען גערויבט —

אָבער די עברה איז מיר נאָך געבליבען, און מיט איהר וועל איך דינען דעם, וואָס האָט די מאַכט איבער דעם מענש היינט און איך דער וועלט!

עס קומט אריין דער סולטאן מחמד IV מיט זיין סוויטע. דער אויבערפריסטער, מופטי וואַני, חכים באַשי גוידאַם, דער קיימאַקאַם פון אדריאַנאָפּאָל. זיי האַלטען זיך אַלע פאָרזיכטיג קעגען שבתאי צבי, אין מען דערקענט אין זיי אַ געוויסע אומבעוואוסטע פאָרכט פאַר איהם.

דער קיימאַקאַם פון אדריאַנאָפּאָל

שטעלט פאָר שבתאי צבי דעם סולטאַן.

דאָס איז דער מענש, וועלכער האָט אויפגערודערט דיין קיניגרייך, גרויסער סולטאַן. זיך פאַר אַ הערשער געמאַכט אין דיין קיניגרייך, זיך אַליין פון די מענשען צו דינען געהייסען, אויסער דיר, גרויסער סולטאַן.

סולטאַן מחמד

פון דערווייטען צו שבתאי צבי.

ווער ביסטו דאָס אַזעלכער, וואָס דו האָסט געהאַט די קראַפט צו ציהען מענשען נאָך דיר, זיי זאָלען גלויבען אין דיר און זאָלען דיך פאַר אַ קיניג מאַכען? — וואָס דו האָסט געהאַט די קראַפט צוצוציהען צו דיר די גלויביגע אין אַלאַ און אין מחמד זיין נביא, זיי זאָלען אין דיין כשוף גלויבען? אין וואָס בעשטעהט דיין קראַפט — אין הייליגקייט, אָדער אין דער טומאה?

שבתאי צבי

עס דערוועקט זיך אין איהם פלוצלונג זיין פריהערדיגע קראַפט.

ווער איך בין? איך בין צום גאָט פון דער ערד געגעבען, איך בין צום בעפעהלער איבער מענש און זיין קיניג געשטעלט. מיין צייט איז געקומען, עס האָט זיך געענדיגט מיין אונטערטעניגקייט. — מיין הויט איז געוואָרען געזאַלבט פון דוד'ס זאַלב — דורך דעם נביא פון גאָט פון יעקב, צו מיר געשיקט, בין איך דער משיח פון גאָט געוואָרען. צו מיר געהערט די וועלט, און איך בין געקומען צו זייד די קרוין פון דיר אַראָבנעמען. אַלע ווערען דערשראָקען פאַר איהם, רוקען זיך אָב מיט כבוד פון איהם. טייל לאָזען זיך שוין אויף די קניה פאַר איהם. שבתאי צבי פערלירט זיין קראַפט. ער ענדערט זיין שטים, בעטענדיג זיך

און איינקאָרטשענדיג זיך פאַר דעם סולטאַן מיט תחינה און בקשה. גרויסער גע־ביטער, מיין האַר און קיניג! זיי מיר מוחל, איך בין אַן אָרים, אַן אָרים יודעל, וואָס לעבט נאָר אין דעם זכות פון דיין גוטסקייט, וואָס וואַלגערט זיך אַרום ווי אַ שטרוי אין דיין הערשאַפט, גרויסער סול־טאַן! און לעבט פון דעם, וואָס דו טוסט מיט דיין חסד שענקען דיין זון איבער איהם. אַן אָרים, אָרים יודעל בין איך, וואָס איך בין נישט ווערט, אַז דער קיניג זאָל דערויף זיך אַרומקוקען. בין פון ארץ־ישראל געפאָהרען געלד פאַר אָרימע יורעלעך צוזאַמענצו־נעמען, וואָס לעבען אין דיין קיניגרייך, גרויסער סולטאַן... ער קוקט זיך מיט אמאָל אום, ציהט שטאַרק אויס די הענד און קוקט אַרום אויפ׳ן עולם. דער עולם ווערט בלייך. ער פערלירט ווידער זיין כח. איך קען קיין אַנ־דער געביטער, קיין אַנדער האַר נישט, אויסער דיר, מיין גרויסער קיניג! דיין גלויבען איז מיין גלויבען, דיין גאָט איז מיין גאָט: בעפעהל, — און איך וועל קושען די פיס פון דיין הייליגען פריס־טער מופטי־וואַנני. ער פאַלט צו די פיס פון פריסטער מופטי־וואנני. אָ הייליגער כהן! נעם מיך אַרונטער אונטער די פליגעל פון דיין הייליגען גלויבען! לאָז אַלאַ איבער מיר זיין השגחה האָבען—און מחמד׳ס גייסט זאָל איבער מיר קומען. ער כאַפּט אַראָב אַ טערקישען טורבאַן פון אַ נעבען־שטעהענדען דערוויש און טוט זיך אָן אויפ׳ן קאָפּ און שרייט הויך. אַלאַ איז דער איינציגער גאָט, מחמד זיין איינציגער נביא!

דער סולטאַן
גרייכט איהם די האַנד.

לייטזעליגקייט האָסטו געפונען אין מיינע אויגען — און מיין חסד וועט קומען איבער דיר. מחמד עפענדי וועט פון היינט מאָל אָן הייסען דיין נאָמען, און מיינע שענסטע שקלאַפין זאָל דיר צום ווייב זיין.

פאָרהאַנג.

נאכשפיעל.

א הויכער, ווייסער בארג, בעלעגט איינגאנצען מיט ווייסע שטיינער־מצבות. דא און דארט קוקען ארויס אייל־בוימער, בעשיט מיט ווייסע שטויב און דורכגעברענט פון דער זון. פון אלע זייטען קומען אן צו לויפען ווייסע שטעגען און פיהרען ארויף אויף דעם שפיץ בארג, וועלכער איז ניט צו זעהן. הארט צופוסענס בארג שטעהט א שווארצע וואנט מיט צוויי טויטע נאכטלעכער. ביי דער וואנט אויף דער ערד זיצט נחמיה הכהן אין זאקען, האלט א ספר אין דער האנד און שאקעלט זיך איבער איהם אהן ווערטער. עס איז פאר א שטורעם. דער בארג איז בעדעקט

מיט א שרעקענדיגער העלקייט, וואס איז פאר א שטורעם.

א לאנגע ווילע זעהט מען קיינעם נישט. עס ווייזט זיך אן אלטער, הויכער יוד מיט א לאנגער, ווייסער בארד, א פעקעל אויף דער פלייצע, מיט א שטעקען אין דער האנד, בלאנדזשעט ארום אין די וועגען. ער וויל אלץ צו צום בארג, ער ווערט אבער יעדעס מאל פערבלאנדזשעט אין אן אנדער וועג, קומט אן אויף א וועג אין פאדערגרונד.

דער אַלטער יוד.

צי האָט איהר נישט געזעהן? אָדער האָט איהר נישט געהערט? — מען האָט געזאָגט, משיח איז געקומען, יודען פון דער גאַנצער וועלט פערזאַמעלט אַרום דעם באַרג אַהער. *ער ווייזט אויפ'ן שפּיץ פון בארג.*

ער וועט אויבען שופר בלאָזען, די טויטע וועלען פון די קברים אויפשטעהן.—צי האָט איהר נישט געזעהן? צי האָט איהר נישט געהערט? *דרעהט זיך ארום אויף דעם וועג.*

ווער קאָן מיר אַ וועג אויף דעם באַרג ווייזען?—איך וויל אין דער הויך צו משיח'ן געהן. ווער קאָן מיר ווייזען?... האָט איהר נישט געהערט, האָט איהר נישט געזעהן?

פון דעם בארג קומט אָן א ווילדער ווינט בעגלייט פון א ווילדער תאוה'שער מוזיק. שרה אין צעפלאָסטעטע האָר, האלב נאקעט. נאָך איהר א ווילד פאָלק פון מענער און ווייבער, צעפלאָסעט, ווילד, לויפען איהר נאָך מיט געשריי, ווי א ווינט.

רייסט די בענדער, שניידט די רצועות! געשטאָרבען איז דאָס געזעץ, געמעקט דאָס וואָרט, פריי דאָט פערבאָטענע, אָפען דאָס גע'אַסרטע!

דער אַלטער יוד.

גוטע מענשען, קענט איהר מיר נישט זאָגען, וואו משיח וואוינט?

איינער פון די מענער.

געה מיט אונז! מיר ציהען אין לאַנד, וואו דער מענש איז גאָט, זיין ווילען—דאָס איז דאָס געבאָט!

דער אַלטער יוד.

איך פערשטעה נישט דיין שפּראַך...

דער מאַן

לויפט פון איהם, נאָך דער מאסע נאָך.

דער אַלטער יוד.

גוטע מענשען, האָט איהר נישט געהערט, האָט איהר נישט געזעהן?...

דערזעהט נחמיה'ן זיצען ביי דער וואנט. געהט צו צו איהם.

זאָגט מיר זייט מוחל, האָט איהר נישט געהערט, האָט איהר נישט געזעהן? מען האָט געזאָגט, משיח איז געקומען.

נחמיה הכהן

גרייכט איהם די האנד.

שלום עליכם.

דער אַלטער יוד.

עליכם שלום.

נחמיה הכהן.

טו אויס דיינע שיך—אויף אַ הייליגען אָרט טרעטען דיינע פיס.

דער אַלטער יוד

ווארפט פון זיך זיינע פאנטאָפעל.

פון אַ פרעמדער מדינה בין איך געקומען אַהער. מען האָט געזאָגט אין אונזערע מקומות, משיח זאָל זיין געקומען — איך האָב געלאָזט האבּ און גוטס, איך בין צו משיח'ן געקומען. האָט איהר נישט געזעהן, האָט איהר נישט געהערט?

נחמיה הכהן.

זיץ אויף דער ערד, רייס דיין קלייד! דער אלטער יוד זעצט זיך אויף דער ערד. נחמיה הכהן שניידט איהם קריעה.

ווערה איז צו אונז, איבער אונזערע זינד האָבען זיך משיח'ס קייטען פערשטאַרקט! פון די שווארצע לעכער הערט זיך קלינגען פון קייטען.

הער, ווי זיי קלינגען! דאָרט דערינען איז ער געבונדען פון דעם חורבן אָן, פון טאָג פון זיין געבוירען. און ווען ער הערט יודען קרעכצען, יודען רופען, טוט ער רייסען מיט די קייטען, און עס ברומט, און עס קלינגט. נאָר די שבועה פון גאָט געוואָרפען, נישט צו בעפרייען, ביז זיי וועלען איהם אַליין נישט די קייטען מיט זייערע נשמות פון די הענד רייסען, בייסט ער אין די ליפען, וואָרום פון אַייך קומט ער.

וואָס קאָן ער דערהויבען, אַז איהר זענט נישט דערהויבען? וואָס קאָן ער אָנגרייטען, אַז איהר זענט נישט גרייט? ווארום פון אייך קומט ער. ער ווייזט אויפ'ן שופר. דער שופר איז גרייט אין מיין האַנד, און דער אייל איז ביי מיר — מיר וואַרטען אויף אַייך.

דער אַלטער יוד.

איך גלויב אין אַוואָהר גלויבען, אַז קומען וועט משיח. און כאָטש ער פערזוימט זיך אַזוי לאַנג, דאָך וואַרט איך איהם אָב, טאָג אויף טאָג, אַז ער קומט.

פּאָרהאנג.

אמנון
אונ
תמר

א דראמאטישע
ליד אין פינף
געזאנגען.

פערזאנען:

דוד המלך.

אַמנון זיין זוהן.

אַבישלום } ברודער און שוועסטער.
תּמר }

יונדב אמנונ׳ס פריינד.

תּמר׳ס דינסט-מיידען.

די סצענע.

אַ געצעלט אין דוד'ס הויז אין ירושלים. די ווענט בעהאָנגען מיט געוואָסענע טעפּטען-פעלכלעך און פּרוכת'ער פון פורפור-שטאָף. אויף אַ געלעגער, אויסגעבעט פון טעפּטען-פעל און זיידען-שטאָף, ליגט דער יונגער אַמנון אין אַ ווייס זיידען העמ-דעל מיט בלאָהע תכלת-טראָלדען; פאַר איהם — אַ קריגעל האָניג, בויגען און שפּיז.

ערשטער געזאנג.

(אמנון יונדב).

עס קומט אריין

יונדב.

עס ליגט דעם קיניגס זוהן
און פערטרויט די טויטע פעדעם
פון זיין קישען — דאָס, וואָס זיין האַרץ
בעדריקט.
צום חבר זיך דעם פוקסען־פעל געמאַכט,
וואָס דעקט זיין לייב צו
און פערצעהלט פאַר איהם אַלץ,
וואָס זיין האַרץ בעענגט.
עס קומען זיך צוזאַמען דעם קיניגס קינדער
יעדען פריה־מאָרגען אויף דעם צילען־פלאַץ
און וואַרפען די שפיזען צום ציל.
פון אַמנונס בויגען האָט אַ ווייבער־האַנד
זיך אַ האַרף געבונדען.
גוט טרעפען דיינע ברידער אין דעם ציל, —
דער בויגען פון דעם קיניגס ערשט־געבוירענעם
ליגט געבונדען אונטער דער ווייבער־האַנד
און קרעכצט זיין ווייבער־ליד.

אַמנון.

פריינד און ברודער,
ווי דו ליעבסט דוד'ס טורעם,
לעג צו דיין האַרץ צו מיינס —
ווי מיינס מיט בענקען וועט עס בעוואוינט זיין;
דיין אויג צו מיינס —

ווי מיינס מיט גליהונג וועט עס היצען.
גיב דיין האַנד —
מיין בלוט וועט רינען אין דיין בלוט,
און דו וועסט פיהלען מיין לייד.

יונדב.

איך ווייס דיין לייד, דיין האַרץ ווערט פערצעהרט אין דעם גלי-
ענדיגען פערלאַנג נאָך דיין שוועסטער תמר.—הייל דיין פער-
לאַנג. עס בענקט נאָך דיר דיין שוועסטער תמר.

אמנון.

טויט אָדער לעבען היילט מיין וואונד.
האָסט דו זי געזעהן? — פערצעהל!
איך וועל דיינע ווערטער טרינקען,
זאָלען זיי קומען אין מיין ברוסט ווי היילונג אָדער ווי סם.

יונדב

זעצט זיך נעבען איהם.

האָרך!—פערצעהלט. דעם קיניגס קינדער אין קאַלטען מאָרגען,
ווי יונגע אינדען האָבען אין גאָרטען שפּאַצירט,
דער מאָרגען-טוי איז געפאַלען
איבער בוים און גראָז,
איבער די לאָנקעס, פעלדער,
און איז אויך געפאַלען איבער זייערע האָר.
אַליין איז געגאַנגען אַבישלום׳ס שוועסטער,
אין דער ציפּרעסען-אַליי
מיט נאַרציסען-געשמאַק.
נאַקעט זענען איהרע הענד געווען און
בעהויכט פון דעם מאָרגען-טוי.
און איהרע פיס, ווי די בוימען,
ווי די גרעזער—
רויט געווען אין מאָרגען-גרוי.
האָט איהרע האָר אין דעם טוי געוואַשען
און איהר נאַקעט קערפּער אין זיי געהילט.
די אויגען מיט דעם מאָרגען-וואַסער געוואַשען,

און ווי א פרי ע מאָרגען-בלום אויף דער וועלט געקוקט.
בין איך צוגעגאַנגען צו איהר
און האָב געזאָגט: „דיין ברודער אמנון איז קראַנק נאָך דיר,
בענקט נאָך דיר
און זוכט דיך אויף זיין געלעגער ביי נאַכט".
האָט זי איהרע אויגען אויפגעעפענט
און ברייט און ליכטיג
אין דער וועלט אַריין געקוקט.

אַמנון

רייסט זיך אויף.

און גאָרנישט האָט זי געזאָגט?

יונדב.

אין דער שטילער נאַכט, אין קיניגס גאָרטען,
איז דעם קיניג גשור׳ס אייניקעל
אין לבנה-ליכט
איהר נאַקעט לייב געגאַנגען באָדען
און האָט איהרע האָר אויפגעעפענט
צו טרינקען
ציפרעסען-געשמאַק און נאַרציס-געשמאַק.
מיט איהרע פולע הענד געשעפט דאָס שטערן-ליכט
און איהר געזיכט דערמיט געוואַשען.
בין איך צוגעגאַנגען צו איהר
און האָב געזאָגט: „דיין ברודער אַמנון איז קראַנק נאָך דיר.
בענקט נאָך דיר,
און זוכט דיך אויף זיין געלעגער ביינאַכט"
האָט זי זיך אין איהרע הענד בעהאַלטען,
און איהרע ברוסטען אין איהרע האָר פערהוילען,
און הינטערן בוים זיך געזעצט
און לייכט ווי אַ ווינט
האָט זי געזאָגט: „איך בין דעם קיניגס טאָכטער, און בענק נאָך
דעם קיניגס זוהן".

און שטיל און פלינק זיך אויפגעהויבען און
ווי אַ נאַכט-שאָטען צווישען די ציפּרעסען פערשוואונדען.

אַמנון.

רעד, רעד, ווי טראָפּענס-רעגען אויף פערדאָרשטעטער ערד
רעגענען דיינע ווערטער
אויף מיין פערלעכצט האַרץ.

יונדב.

אין יונגען פריהלינג-טאָג,
אין קיניגס גאָרטען
האָבען זיך די בוימער
אין רעגען-טראָפּענס געוואַשען.
און זייער נאַקעט-צווייג און זייער נאַקעט-בליהעכץ
האָבען אין זיך דעם הימעלס טראָפּענס איינגעטרונקען.
ווי דער בוים, ווי דאָס בלאַט—איז
דיין כלה-שוועסטער געשטאַנען
און אין רעגען
איהר שוואַרץ-האָר געוואַשען, איהר ברוסט געבאָדען.
בין איך צוגעגאַנגען צו איהר
און האָב געזאָגט: „דיין ברודער אַמנון איז קראַנק נאָך דיר,
בענקט נאָך דיר
און זוכט דיך אויף זיין געלעגער ביינאַכט”.
האָט זי איהר
שוואַרץ-האָר צעפלאָכטען, איהר מיידעל-ברוסט ענטפּלעקט,
און שטיל, ווי אַ ליד, און לאַנגזאַם, ווי אַ בענקעניש,
האָט זי געזאָגט:
„געה צו מיין ברודער-חתן און זאָג איהם:
זיין כלה-שוועסטער וואַשט
איהר האָר—שוואַרץ, איהר ברוסט—ווייס —
אַז זי זאָל
צו דער חתונה זיין רייף”.

אַמנון.

יונדב, מיין פריינד —

עס הערען זיך שופרות בלאָזען, כלי-זמר קלאַנג.

יונדב.

הער!
די שופרות שאלען, די כלי-זין קלינגען,
דער מלך פאָטער קומט צו דיר.
זאָג איהם דיין בעגעהר,
און היילען וועט ער דיין לייד מיט דיין
שוועסטער תמר.

יונדב אָב.

צווייטער געזאַנג.

(דוד און אמנון)

דוד.

מיין זוהן אמנון איז קראַנק. שוין דעם דריטען טאָג,
ווי ער קומט נישט צום מאָרגען-ברויט.
וואָס איז דיר, אַחינועמ׳ס זוהן?
וואָס פאַר אַן אונערפילמער פערלאַנג וואוינט אין דיין יונגער ברוסט
און דריקט מיט טרויעריגקייט די הייטלעך איבער דיינע אויגען?
נישט גוט איז, מיין קרוין-יורש, צו פערבאָרגען דיין פערלאַנג
און אין בענקען זיך אַיינצוהילען.
זאָג, וואָס ברעכט דיין ווילען און בעוויינט דיין שטים
און מאַכט דיך פון יונגעלווייז צום קינד צוריק?

אַמנון.

האָסטו, פאָטער,
דיין קיניג-שטים
דיינע העלדען איבערגעלאָזט צו היטען,
מיר —
דיין פאָטער-האַרץ צו הילף געבראַכט, —
וועל איך עס דיר זאָגען;
האָסטו, פאָטער,
דיין פאָטער-חוב, פאָטער-בעפעהל
אין מיין מוטערס בעט געלאָזט,
מיר —
פריינדען-האַרץ צו הילף געבראַכט, —
וועל איך עס דיר זאָגען.

דוד.

איך האָב קרוין און פּאָטער הינטער דיין טיר געלאָזט—

סמיטע אָב.

דיר—פריינדען-האַרץ געבראַכט.

זאָג, יונגער פריינד, וואָס קלאַפּט אַזוי פריה אין דיין בחור-ברוסט?

אמנון

פאַלט צו צום פּאָטער.

לאָז, פאָטער, אין דיין ברוסט
מיין פּנים בעהאַלטען,
לאָז מיך צו דיין האַרץ רעדען.
איך וויל, מיינע ווערטער זאָלען צום ערשט אין דיין קיניג-ברוסט וואוינען,

בעוואָרעם זיי מיט דיין יונגלינג-ליעבע
און דערנאָך הער זיי—ווערסטו
מיין בענקען פיהלען, ווערסטו
מיין פערלאַנג פערשטעהן.

דוד.

איך הער דיך, זוהן, זאָג
און דערמאָן מיך דיין מוטערס שטים, ווען זי האָט
אין מיינע ברוסטען געוואוינט אין מדבר פון שרון.
לאָז מיר שמעקען טאָל און באַרג, לאָז מיין האַרץ
מיט יוגענד ווידער קלאַפּען,
לאָז מיין בליק ווידער גליהען. דערמאָן מיך
אין די אויסגעשטערנטע נעכט
אין מדבר,
ווען נאָך מיין אומגעקרוינטער קאָפּ האָט גערוהט
אין דיין מוטערס אָרעם,
און נאָר דעם ווילען אין דעם האַרץ, דעם נביא׳ס ברכה
אויף מיין קאָפּ,
אַרומגערינגעלט אין די שלאָפענדיגע שאָטענס פון מיינע פיר הונדערט העלדען,

האָט מיין אויג מיט בענקשאַפט געגליהט

נאָך ציונ׳ס באַרג, וואָס איז
קעגענאיבער מיר.
אין נאַכט, אין שטערען
איז ער געשטאַנען, ווי אַ ברוסט פון אַ מוטער,
וואָס זויגט פאָלק און געשלעכט. „דאָ פון דעם באַרג אַראָב זאָל פלאַטערן
דוד׳ס פאָהן!״—האָב איך געזאָגט.
אָבער זעה: מיין ערשט־געבוירענער, מיט ישי׳ס בלוט אין אָדערן
איז אין געצעלט פערשטעקט.
עס בלאָזט דער צפון־ווינט אין מיטען נאַכט, אין דוד׳ס הויז,
און עס שפּילט דער ווינט אויפ׳ן פידעל, און איך הער, די גרייז־גראָהע לייט
הינטער מיין לאָדען קלאַפּען: וואַך, קיניג, צו מלחמה אויף!
שוין הער איך פאַנצער־קלאַנג, בויגען־קלונג,
בעגלייט מיט דער מאָרגען־זון,
און אַהער און אַהין
בעפעהלען, געשרייען,
פון יהודה׳ס העלדען
הינטער מיין שלאָף־טיר רוישען.
און עס רייסט זיך דער קיניג־פאָטער פון ווייבער־געלעגער אויף.
שוין בינדט דאָס ווייב דעם פאַנצער איבער מיין ברוסט,
שוין שטרעק איך מיין האַנד נאָך דעם בויגען אויס, און אויף—
אויף יהודה׳ס פיינד!
אָבער זעה:
נישט דער ערשט־געבוירענער פון דוד׳ס הויז
בעגלייט דעם מלחמה־גאַנג,
נישט אַמנונ׳ס שטים ברומט צווישען די בעפעהלער־רופען אין דוד׳ס חייל.
איך הער נישט זיין פאַנצער־קלאַנג, נישט זיין פיילען־זילבער שטים
צווישען די כלי־מלחמה קלאַנגען.

אַמנון.

איך בין קראַנק, טאַטע דוד.
אין דער שטיל שלאָפט מיין האַרץ, אין דעם בענקשאַפט־זיסען לייד.

מיך וועקט נישט אויף צום מלחמה הארפען-שפיל און פידעל-שפיל—
ליעבע-ליד האָט מיין האַרץ פערוויגט,
און פאַנצער און בויגען
שפּילט מיר נאָר
אַ ליעבע-ליד
צו מיין בענקען צו.

דוד.

מיט דער גבורה האָסטו געירש'ענט מיין זינד.
דאָך די גבורה שלאָפט נאָך, ווען די זינד איז שוין
אַזוי וואַך און וועקט מיט וועקענדיגער קראַפט
זיך אין דיינע גלידער אויף.
דאָס ווילד-קרויט וואַקסט אומגעאַקערט און אומגעזייהט.

אמנון.

איך בין קראַנק, טאַטע דוד. זעה, ווי מיינע הענד, ווי נישט אָנגע-טרונקענע בלומען, לעכצען נאָך ליעבע-שטראָם; ווי מיין ברוסט, פערשמאַכט פון בענקען,—שלאָפט אַ שטילען שלאָף, קיינער וועקט עס נישט. איך בין קראַנק, טאַטע דוד. ווי אַ יונגער בוים, וואָס איז געשטעלט געוואָרען אויף די זומער-היץ און שאָטען און קוואַל האָבען אָן איהם פערגעסען. איך בין קראַנק, טאַטע דוד. לאָז זי קומען צו מיר, מיין קליינע שוועסטער, מיט איהרע לייכטע פיס און ווינטיגע הענד, און לאָז וואַלד-געשמאַק און וואַסער-גע-שמאַק מיין געצעלט פערפולען. לאָז קומען צו מיר מיין שוועס-טער תמר און לאָז זי מיר באַקען אַ קליין, קליין געריכט... זי וועט מיר האָניג-קיכעל באַקען, פאַר מיינע אויגען וועט זי דאָס טייג קנעטען, מיט איהרע קליינע, קליינע הענד דעם האָניג גיסען, דאָס אייל גיסען... צווישען איהרע קליינע ווייסע פינגער וועלען די טראָפּענס רינען. וועט דער האָניג יוירען, און איך וועל עס זעהן מיט מיינע אויגען, און פון איהרע הענד וועל איך עס אַראָבטרינ-קען, און עס וועט קומען אין מיר ווי היילונג, ווי בשמים-געשמאַק אויפ'ן לבונה-באַרג, ווי דער טוי-הויך פון ירדן איפּגעשטייגט. איך בין קראַנק, טאַטע דוד. ער פאַלט אין פאָטערס אָרעם און בעהאַלט זיך אין איהם.

דוד

הויבט זיך אויף.

עס זאָל געשעהן דיין פערלאַנג, מיין ערשט-געבוירענער...
אָבער איך קען אַבישלום׳ס שוועסטער!
איז דער מאַן רייפער אין דיין ברוסט
פון דיין פערלאַנג—
געה און פאַנג און געניס מיט פולען מויל
דאָס, וואָס דיין מאַן האָט דיר עראָבערט..׳
לאָז רייפען דאָס ווילד-קרויט, כדי דאָס פעלד פאַר בליטען פעט צו מאַכען!

אָבער ווען דו פאַלסט אין תמר׳ס האַנד—
איין שטראָם פון דוד׳ס בלוט-פלוס נאָר אין דער ברוסט פון דוד׳ס ערשטגעבוירענעם,—
די גבורה מוז אין אַן אַנדער ברוסט וואוינען פון דוד׳ס אָבקומענדיגע...

דוד אָב.

דריטער געזאנג.

(תּמר און תּמרס מיידען)

תמרס בעצעלט אין ד׳דס הויז אין ירושלים.

תמר אליין.

ת מ ר

פלעכט זיך פונאנדער די ברייטע, לאַנגע צעפּ, פּאַקט זיך אויס פון איהרע בעהאַלטענע קויבערס איהר צירונג: שטיקער גאָלדען-בלעך, זיידענע טיכער און פורפור-שטאָף.

קומט, גאָלדען-בלעך, זילבער-קנויט,
דוד׳ס רויב פון די פלשתים׳ס טעכטער געריסען,
און פערפוצט תּמרס האָר-קרוין,
בעשווערט די לאָקען, אויף מיין אַקסעל געפאַלען,
און מאַכט קלינגען דעם ריח פון זיי אַרויס.
קום פורפור-שטאָף, זיידען-פאָדעם,
געריסען פון עמונס גאָט דורך דוד׳ס האַנד, און
בינדט׳ס תּמרס ברוסט, און פוצט תּמרס זייט—צו איהר
חתונה-גאַנג צום קיניג-זוהן.
הע, מיינע מיידען, וואו זענט איהר?
באָדט׳ס דעם קיניגס טאָכטער לייב,
ברענגט די איילען-פעט, די געווירצען-יונג— פון עין-גדי וואַלד
און שמירט מיין ברוסט, און שמירט מיינע זייטען.
הע, מיידען, די פאַנען ברענגט!

אין דער שטיל.

און גנב׳עט פון דעם געטליכען אייל,
וואָס פאַר דעם אָרון אין טאַטע דוד׳ס הויז
צווישען דעם פוירהאַנג שטעהט.

די מיידען ווייזען זיך אין דער טיר.

ניין, ניין, נישט זיין זאָל אַ פרעמדע האַנד
צווישען תּמר-ברוסט און אַמנון-ברוסט.

ענדערט דעם טאָן; צו די מיידען:

מיין ברודער אַמנון איז קראַנק.
דער קיניג דוד האָט מיך געשיקט צו איהם.
איהם מיט אייל שמירען, איהם געריכטען גרייטען.
ברענגט מיינע איילען, מיינע פאַנען-געשירען,—
איך וויל איהם זיינע קראַנקע ביינער שמירען,
ער וועט פון מיינע הענד געניסען.

די מיידען געהען. זי בינדט איין אין איהרע האָר די שווערע גאָלדשטיקער און זילבער-שטיקער. די מיידען קומען צוריק מיט די פאַנען.

זאָגט׳ס, מיינע חבר׳טאָרינס! זאָגט׳ס, מיינע דינסטען!
ווי זעהט אויס תּמר׳ס ברוסט
אין פורפור-שטאָף געפאַרבט?
ווי זעהט אויס תּמר׳ס לאָק
מיט גאָלדען-קנויט בעשווערט?

די מיידען.

ווי דער פאַנצער אויף דוד׳ס טורעם געהאָנגען.
געפאַנצערט איז תּמר׳ס בוזעם אין עמון-טעכטערס
יום-טוב טוך,—
די בחורים-בליקען פאַלען פון איהם צוריק,
ווי די פלשתּים-שפּיזען פון דוד׳ס ברוסט.
ווי דער שפּיזען-גלאַנץ אין דעם זונען-שטראַל,
איז געשפּיזט תּמר׳ס לאָק אין מואב-טעכטערס
יום-טוב-בלעכען.
זיי צילען אין די בחורים׳ס אויגען,
ווי דוד׳ס שפּיז אין די פלשתּים-ברוסט.

תּמר

בעקוקט די איילען.

אָ! נישט, מיינע שוועסטערן,
נישט מיר חלבנה-אייל און לבונה-אייל.
צו שטאַרק איז זייער געשמאַק, און זייער רויך צו געדיכט,
מור-און דרור-געווירצען—ברענגט מיר שוועסטער,
שטיל איז זייער הויך,
ווי נאַרצים-אָטעם נאָך דעם רעגען.

שטיל וויל איך צו מיין ברודער קומען,
מיט גראָז-געשמאַק, מיט רעגען-ריח
וויל איך זיין בעט בעהויכען.

עס קומט אריין

אַבישלום.

וואו אהין, געצירט אין יום-טוב-קלייד, צילט תמר?
גרויס מוז זיין די געפאַהר, וואָס שטעהט דיר פאָר, שוועסטער,
אַז דו מוזט זיך אַזוי שטאַרק אין ווייבער-כלי-זין פאַנצערן.
אויף וועמען צילט גאָלד און פורפור?
און דאָך, טייער מוז דיר דיין געגנער זיין, אַז דו ווילסט
איהם ליעבער מיט די געשמאַקען פון דיינע זאַלבען בעזיגען,
איידער מיט דיין ברודערס שפיזען.

תמר.

נישט, ברודער. אַ יום-טוב האָב איך הייגט,
אַ נדר נאָר צו בעצאָהלען,
אַ מיידעל-נדר—ווען איהרע בלוטען ווערען רייף...
דאָס בעסטע קאַלב וועל איך פאַר דעם כהן פיהרען,
פאַר גאָט שעכטען,
מיט די בשמים צו פערברענען: פאַר איהם צו שמעקען —
אַז ער זאָל מיין ווייבערשאַפט מיט מענער-זוימען בענשען.

אַבישלום.

ווער לערנט תמר ליגענס? די קנעכטשאַפט אָדער
דער אייגענער ווילען?
דעם קיניג דוד׳ס בעפעהל אָדער דיין לוסט?
איינס איז ווערט דאָס צווייטע.
עס רויטלען זיך די מיידלעך, דיינע שוועסטערן,
איבער דיר
סוד׳ען זיך—לאַכען אין די ווינקעלעך.
און מיט מיידעל-נייגעריגקייט קלייבען זיי די ווערטער,
פון זייערע מוטערס איבער דיר געפאַלען,
און וועבען אויס אין זייער מיידעל-זין.
„דיינע שוועסטער׳ן"—נישט איז תמר קיין שוועסטער צום קיניגס
קינדער?

בּיליגער זוימען!
און ווערט ווי דאָס קעבּס-ווייבּ אַוועקגעשאָנקען
צו דעם קיניג-זוהן...
שוין בּעטען די דינסטען דעם פּרינצס געלעגער,
גרייטען די געווירצען, רייבּען די בּשמים...
דעם קעבּס-ווייבּס טאָכטער,
די מתּנה פון פאָטער היינט געשאָנקען,
זאָל איהם צום נאַכט-לעגער שמירען.
ניין, נישט די דינסטען—תּמר, אַבשלום׳ס שוועסטער
גרייט די בּשמים אַליין אויס.
און ווער איז דאָס קעבּס-ווייבּ?
מעכה, תּלמי׳ס, דעם קיניג גשור׳ס טאָכטער!
און ווער איז דער בּיליגער זוימען?
תּמר, אַבשלום׳ס שוועסטער!

און זעה, תּמר פּוצט אַליין איהר בּוזעם מיט פּורפּור-וואָל,
צירט איהר האָר מיט גאָלדענע קייטען,
שמירט איהר לייבּ מיט בּוימעל אויס,
אַז דער שלעכטער גערוך זאָל איהר נידעריגען שטאַם נישט אַרויס ווייזען.
און ווי אַ געניטע דינסט, וואָס ווייסט די מיטלען איהר האַר צו געפעלען,

בּעקליידט זיך תּמר.
זאָג, שוועסטער: וואו האָסטו אַזוי גוט די קנעכטשאַפט געלערנט?

תּמר.

מיין בּרודער אַמנון איז קראַנק.
דער טאַטע דוד האָט מיך געשיקט צו איהם,
איך זאָל זיינע קראַנקע בּיינער מיט בּוימעל שמירען,
איך זאָל איהם געריכטען פאַר די אויגען צוגרייטען,
ער זאָל פון מיינע הענד אַראָבּ עסען,
איך זאָל איהם מיינע לידער אויף דער פלייט שפּילען,
עס זאָל איהם זיס צום שלאָף אַיינוויגען.
בּרודער אַמנון איז קראַנק.

אַבישלום.

קראַנק איז ער נאָך לוסט צו דיר,
שוועסטער תּמר.

תּמר

נייגעריג.

פון וואַנען ווייסטו עס, אַבישלום?

אַבישלום.

געפיהרט אַז מען האָט דעם אָרון פון עובד אדומ׳ס הויז
אין דוד׳ס שטאָדט,
דער קיניג און קרוין מיט די שעפער-פייף
האָט פאַר דעם אָרון געטאַנצט
און מיט די שטאָדט-מיידען זיך געפרעהט;
געפיהרט אַז מען האָט די קיניגס טעכטער
נאָכ׳ן אָרון,
ווי די רויז פון שרון-פעלד האָסטו
פון דיינע שוועסטערן אַרויסגעקוקט, —
געזעהן האָט דיך אמנון און בלייך
איז ער געוואָרען פאַר בענקעניש
נאָך דיר.

תּמר

מיט בעהאלטענער נייגעריגקייט.

בלייך איז אַמנון געוואָרען?
דערצעהל, ברודער אַבישלום.

אַבישלום.

און נישט צום קרבן, און נישט צום שיסען-ציל
ווייזט זיך דעם קיניגס ערשט-געבוירענער זוהן.
די טרומייט בלאָזט, די פידעל שפּילט,
די שפּיז קלינגט, דער פעלד-מאַרשאַל רופט —
עס ליגט דער קיניגס-זוהן,
האַקט טיר און טויער צו,
אין זיין לוסט, נאָך דיר, פערציקט...

ת מ ר

פאר זיך.

און טוליעט זיך אין זיידענע טעפּיכען אַיין,
און ציטערט אין דער שטיל, ווי אַ יונגער בוים,
און פערשמאַכט זוכט ער מיט זיינע לעכצענדיגע ליפּען,
ווי נאָך וואַסער, ווי נאָך טוי... שטרעקט ער אויס
זיינע בלייכע, לאַנגע הענד, ווי די צווייגען,
און פרעגט אין דער שטיל, און בענקט אין דער שטיל
נאָך תּמר, זיין שוועסטער.

אַ ב י ש ל ו ם

מיט כּעס.

און ווי די דינסט-מויד ווערסטו איהם
אַוועקגעשענקט!
זיין קרענק אין דיר צו היילען...
תּמר!

ת מ ר.

ווי פריהער, נישט געהערט דעם ברודערס ווערטער.

און ווי פאַלענדיגער טוי איבער ישרון-באַרג,
דעקט אַמנון איבער תּמר צו;
ווי די נאַכט, וואָס הילט דאָס וואַסער אַיין,
בעהאַלט אַמנון תּמר אין זיך אַיין,
און ברענגט זי אין זיין מאַמעס שטוב אַריין,
און בעהאַלט זיך מיט איהר אין די ווינקלען אַריין.

אַ ב י ש ל ו ם.

שוועסטער תּמר!

ת מ ר.

ווי פריהער.

און דעקט זיך מיט איהר הינטער די שעפּסען-וואָל אַיין,
און שליסט די טירען און פערשטאָפּט די פענסטער.
זאָלען בלאָזען די טרומייטען, זאָל די פידעל צו מלחמה וועקען,
זאָלען זיי די פערד צו די רייטוועגען שפּאַנען.

פערשלאָפּען ליגט אמנון אין תמר׳ס ברוסט
און בעהאַלט זיך ציטערנדיג, ווי די נאַכט צווישען די בלעטער,
אין תמר׳ס האָר.

אַבישלום.

ענדערט דעם טאָן, פלוצלונג.

און ווער וועקט אַמנון פון תמר׳ס ברוסט?

תמר.

נישט וועקט אמנונ׳ען — נאָר תמר׳ס אָטעם-הויך.
ווי דער פריהלינג-אָטעם רופט דעם שפּראָצלינג פון דער ערד אַרויס,
רופט תמר׳ס אָטעם אין אַמנונ׳ס האַרץ
דעם פריהלינג אויף...

אַבישלום.

פלוצלונג.

און נישט קיין צפון-ווינט אויף פידעל זייטען,
נישט קיין פאַנצער-קלאַנג, נישט קיין שפּיזען-קלונג
אין מלחמה-פעלד, ניט פעלדמאַרשאַל-בעפעהל...

תמר.

אַמנונ׳ס מלחמה-פעלד איז תמר׳ס געצעלט.

אַבישלום.

שוועסטער תמר! געשוועסטערט דורך מוטער-מילך און פאָטער-בלוט...

תמר.

וואָס ווילסטו, ברודער אַבישלום?

אַבישלום

אין שטילען טאָן.

שוועסטער תמר! שלעף אַמנון אין דיינע ברוסטען איין,
פערדעק איהם מיט דיינע האָר געדיכט,
און זינג איהם מיט דיין שטים זיס,
און פערוויג זיין האַרץ מיט דיין אָטעם-ריח,
און פערשטום זיין אויער אויף מלחמה-בעפעהל.
וואַך זאָל נאָר אַמנון צו תמר׳ס לוסט זיין —

תמר.

צו וואָס, ברודער אַבישלום?

אַבישלום.

ער רוימט איהר אײן.

שטיל זאָל שלאָפען דער קיניג-יורש
אויף זיין שוועסטערס ברוסטען-פּאָר...
פערשטאָפּ די פענסטער, פערהאַק די טירען
און לאָז קיין טרומייטען-בלאָז צו זיין געהער דערגרייכען.
אָ, ווערט איז תּמר פּלשתּים-רויב,
מלחמה-פעלד און גבור-רויב!...

אב. פלינק.

פינפטער געזאנג.

(אַמנון — יונדב)

עס איז נאכט. אין אמנונ׳ס געצעלט. א פייער ברענט אין אן אייל-פאן. אמנון ליגט אויף זיין בעלעגער. יונדב שטעהט ביים פענסטער-לאך.

יונדב

פון פענסטער-לאך.

ניין, קיניג-יורש, איך הער נישט קיין רוישען.
שוואַרץ און שטיל ליגט דער גאַנצער קיניג-הויף.
שוואַרץ פאַלט דער שאָטען פון די געזאָטעלטע קעמלען,
וואָס געלאָדען שטעהען זיי אין הויף צו מלחמה גרייט,
אין דער נאַכט אַריין.
געלאָשען איז דער גאַנצער קיניג-פּליגעל,
די נאַכט קוקט פון די לעכער אַרויס,
נאָר איין לעמפּעל זעה איך בלויז פון דעם נר-תּמיד,
וואָס פאַר דעם אָרון צווישען דעם קיניגס פוירהאַנגען שטעהט.

אַמנון.

און הערסטו נישט קיין בלעטער רוישען?
און ווי בוימער וואָלטען פאַר מיין פענסטער פאַרבייגעגאנגען
און מיט זייערע צווייגען אין מיין פענסטער אַריינגעקלאַפּט?

יונדב.

שטיל שטעהען די ציפּרעסען אין קיניג-הויף, קיניג-יורש,
און שלאָפען אין דער שטיל
נעבען זייערע שאָטענס.

אמנון.

און שפּאַצירט נישט ווער צווישען זיי?

יונדב.

בעהאַלטען שלאָפט דער ווינט צווישען די בלעטער-צווייגען,

און נאָר זיין לייכטער אָטעם בלאָזט דעם בליטען־ריח
פון זייער בליהעכץ אין דעם הויף אַרום. פּלוצים.
איך זעה יעצט, אין דער שוואַרצער נאַכט
פון דעם ווייבער־געצעלט, אין ווייסען געהילט,
טרעט אַ געשטאַלט אין הויף אַריין.
איהר פאַנען־לאָמפּ לייכט זיך פאַר איהר.

אמנון

מיט שרעק.

וואוהין צילט איהר וועג?

יונדב.

איהר בליק איז אין איהר פאַנען־לאָמפּ אָנגעהאָנגען,
נאָך דעם שיין געהט זי.
לייכט טרעטען איהרע פיס אין דער נאַכט;
ווי רעגען־טראָפּענס אין וואַסער געפאַלען,
קלינגט אַזוי איהר צירונג־בלעך אין דער נאַכט אַריין.

אַמנון.

זאָג, וואו אַהין פערפיהרט זי איהר פלאַם?

יונדב.

איך זעה איהר לאָמפּען־שיין לייכט צו דיין געצעלט,
און נאָך דעם שיין געהט זי.
שוין פיהל איך דעם רויך־געשמאַק פון איהרע געברענטע בשמים—
ער דרינגט אין געצעלט־פענסטער אַריין.
איך הער דעם קלאַנג פון איהרע זילבער־בלעכען.

אמנון.

ווי ציטערט מיין האַרץ, ווי קיהלט מיין בלוט אויף מיין לייב!
דעק מיך ברודער מיט דער דעק צו.
לאָז מיין פנים אין וואַרימען שעפּסען־וואָל בעהאַלטען...
און אַזוי, בעהאלטען אין מיר גליד און ביין,
וויל איך אויף מיין שוועסטער וואַרטען.

יונדב אָב.

עס קומט אריין מיט זעהר לייכטע טריט און מיט א ברענענדיגער אייל־פאַן תמר.

זעקסטער געזאנג.

(אַמנון און תּמר)

תּ מ ר.

מיט זעהר לייכטער שטים.

איך בין געקומען צו דיר, ברודער אַמנון.
דער טאַטע דוד האָט מיך געשיקט צו דיר,
איך זאָל דיר דיינע קראַנקע ביינער מיט בוימעל שמירען,
איך זאָל דיר דיין בעט צום שלאָף אויפריכטען,
איך זאָל דיר לופט מיט מיין פאָכער יאָגען.
דו ביסט קראַנק, ברודער אַמנון!

אַ מ נ ו ן.

שוועסטער תּמר!

תּ מ ר.

ווי פריהער.

דו ביסט קראַנק, ברודער אַמנון.
דיין לייב ווי געצעהרט פון זונען-היץ,
דיין אויג ווי הייס פון גליהונג פערדאָרשט...
און דיין קאָפּ ווי פערוואָלקענט...
קום, לאָז מיך דיין געלעגער דיר בּרייטען.

זי בעט איהם דאָס געלעגער.

ווייך, ווייך מיט מיין מאַמעס טוך וועל איך דיר דיין קאָפּ בעטען.

זי ציהט דאָס טוך פון זיך.

אָ לאָז מיך דיין אויגען-אַפּעל מיט מיין מויל-הויך אָבקיהלען.

זי טוט דאָס.

דיין אָטעם, ווי וואַרעם, ווי פון דער זון געברענט.
און דיין קערפּער, ווי קיהל, ווי אין ווינט געבאָדען.

אָ לאָז מיך איהם מיט די ציגענע פעלכלעך בעדעקען.

זי בעדעקט אמנונ׳ען מיט די פעלכלעך.

קראַנק איז מיין ברודער אַמנון.

אַמנון.

אַזוי וועל איך אונטער מיין שוועסטערס געלעגער ליגען,
איהר טוך וועט מיין לייב וואַרימען,
איהרע פינגער וועלען ווי זייד מיין קאָפּ קיהלען...

תמר

שטעלט זיך פאַר איהם.

אַזוי וועל איך פאַר דיר געריכטען גרייטען.
בוימעל האָב איך פון דעם אָרון געגנב׳עט,
וואָס שטעהט ביים טאַטען הינטער דעם פוירהאַנג.
זעמעל־מעהל האָט מיר מיין מאַמע געגעבען.

זי גיסט דאָס אייל אין די פאַנען און גרייט איהם א געריכט.

מילך האָב איך פון די ציגען געמאָלקען,
און מיט האָניג וועל איך דיר דאָס טייג קנעטען.
מיט מיינע הענד האָב איך עס פון די ביהנען־שטאָקען
צוזאַמענגענומען.
זעה, ברודער אַמנון, ווי דער האָניג זיך גיסט,
ווי דאָס טייג זיך יוירט,
און די מילך צווישען מיינע פינגער רינט...
אַזוי וועל איך פאַר מיין ברודער
קליינע, קליינע קיכלעך באַקען.

אַמנון.

אַזוי וועל איך פון מיין שוועסטערס הענד עסען.

תמר.

אַזוי וועל איך מיין ברודער היילען.

זי דערנעהנטערט זיך צו איהם.

איך האָב דיר קיכלעך געבאַקען.

זי דערלאַנגט איהם דאָס שפייז.

זעה, ווי מיין האַנד ציטערט איבער דיר,

ווי דער ווינט, וואָס האַלזט דעם בוים—
אַזוי גיסט מיין אייל איבער דיין לייב.

אַ מ נ ו ן.

שוועסטער תּמר! אַזוי ציטער אויף מיר
מיט דיין וואכענדי־גער נשמה און שלאָפענדיגען לייב -
לאָז, ווי אַ פריהלינג־ווינט אויף דעם בוסר־צווייג,
דיין מיידעל־בלוט מיין יונגלינג־הארץ וועקען.
אזוי לאָז אין מיינע אָרעמס דיין גליד און ביין ציטערן
און זיך צום לעבען וועקען...

זי דערווייטערט זיך פון איהם און שטעלט זיך פאר איהם.

אַזוי וועל איך קוקען אויף דיר, שוועסטער תּמר,
און מיט מיין חתן־בליק אויף דיין געשלאָסענעם מיידעל־קוואַל
אָנקלאַפען.

תּ מ ר

פון ־ דערווייטענס.

אַזוי קיהל מיט דיין חתן־בליק מיין כלה־בלוט,
אויף מיין האַנד געוועקט,
ווי די נאַכט־הויך דאָס וואַסער קיהלט.

אַ מ נ ו ן

הויבט זיך אויף, בעהט צו צו איהר, אין דער שטיל.

שוועסטער תּמר! מיין מאַמע האָט מיר אַ געלעגער געפלאָכטען,
אַ חתונה־בעט האָט זי מיר פון בוקסען־בוים געלאָזט האַקען,
מיט אַ זיידען־דעק דיק בעדעקט,
מיט אַ גאָלדען־קרוין עס אַרומגעפוצט —
האָט זי עס מיר אין מיין בחור־געצעלט אַריינגעשטעלט.
קום מיט מיר, שוועסטער תּמר—
מיט די פוירהאַנג איז עס פערשטעלט.

תּ מ ר.

מיין מאַמע האָט מיר אַ קאַרשען־בוימעל געפלאַנצט,
צו דער חופּה מיך צו פיהרען.
ווי קאָן איך זיך אין אַ חתן־בעט לעגען,
אַז מיין חופּה־שטאַנג שטעהט נאָך געפלאַנצט?

אַמנון
רואַש.

איך וויל אין דיין מאַמעס גאָרטען געהן
און פון קאַרשען־בוימעל פירות רייסען.

תמר.

דו קענסט דאָך נישט אין מיין מאַמעס גאָרטען געהן,
פון קאַרשען־בוימעל פירות רייסען,
פעסט פערשלאָסען האָט איהם מיין מאַמע.

אַמנון.

איך וועל די צוימען ברעכען —
נעמט זי אָן.
אין דיין מאַמעס גאָרטען געהן.

תמר.

שליס די טיר, פערמאַך דאָס פענסטער, ברודער אַמנון!
זאָל דער זונען־שטראַל אונז פון דעם אָנקומענדיגען מאָרגען
נישט אָנזאָגען.

אַמנון
פערהאַקט די טיר.

אַזוי פערשליס איך די טיר איבער מיין גליק.

תמר
אין זיינע אָרעמס.

דאַרפסט נישט, ברודער אַמנון,
די צוימען ברעכען.
דיין שוועסטער תמר וועט דעם שליסעל
פון אונטער איהר מוטערס קישען גנב'ענען,
און דיר...

איבערן געצעלט יאָגט אַ קליינער, קליינער ווינט. דאַן דערהערט זיך, ווי טענער פון האַר־פען און פידלען אין דער לופט. דערנאָך אַ שטיל־שווייגען.

אַמנון
בלייבט אַ לענגערע ווײַלע ביי דער טיר, הערט זיך איין.

תמר.

וואָס הערסטו, ברודער אַמנון?
וועלכער טענער-געררויש וועגדט אָב דיין אויער
פון דיין שוועסטערס ליד?
איך וויל נישט, קיין אַנדערע טענער זאָלען
אונזער ליד שטערען;
פערשטעקען וויל איך די לעכער, פערהאַקען די טירען.
קיין פרעמד געררויש, פון דרויסען אָנגעלאָפען,
זאָל צו אונזער אויער ניט דערגרייכען,
קיין פרעמדער טראָפּען וואַסער זאָל
דעם פלאַם פון אונזער חתונה-לאָמפּ
נישט לעשען...

זי פערהאַקט דאָס פענסטער.

אַמנון.

שוועסטער תמר! האָרך די טענער, דאָס אָטעמען
פון דעם ווינט איבער די פידעל-פּאַכערן.
עס יאָגט דער ווינט די טענער אַרום,
און זיי בלאָנדזשען אין דעם גאַנצען קיניג-הויז,
ווי פעראיינזאַמטע יתומים, וואָס זוכען זיך אַ רוה,
און פערשטעקען זיך אין די טונקעלע ווינקלען
פון די שטובען.

תמר.

לאָז דאָך, ברודער, ווינט און פידעל
זייער טענער-שפּיל טרייבען. דיין כלה-שוועסטער
שטעהט פאַר דיר, איהר האָר איז רייף געוואַקסען,
איהר ברוסט איז רייף געוואָרען
צו איהר חתונה-נאַכט.

אַמנון.

און יעצט יאָגט זיי דער ווינט פון די ווינקלען אַרויס
און זיי בעגעגענען זיך, די טענער, און וועקען
דאָס גאַנצע הויז אויף.
שוין הער איך טריט פון די טונקעלע ווינקלען

אַרויסטרעטען.
שאָטענס בעגעגענען זיך און נעמען זיך סוד'ענדיג אַרום.
הערסטו נישט, שוועסטער, איינזאַמע שטימען
אין די שלאָפענדיגע שטיבער רופען?
פון דרויסען הערט זיך אַ שטילע, לאַנגזאַמע בעוועגונג.

תּמר.

פעריאָגען וויל איך פון דיר, ברודער אַמנון,
די פרעמדע טענער, וואָס רייבען דאָס חתן־האַרץ
פון זיין כלה אַוועק
אין דער ערשטער נאַכט פון איהר חתונה
זי פערהענגט דאָס פענסטער.
ברודער אַמנון!
אונזער חופה־בעט שטעהט פערלאָזט
און וואַרט אויף אונז,
ווי אַ פערלאָזטע פעלד,
אומפעראַקערט, אומפערזייהט אין הויכען פריהלינג.
זעה, די פריהלינג־ווינטען יאָגען שוין
אין די לופטען אַרום
און זוכען דעם זוימען־קאָרן
איהם צו אַנטבליהען.

אַמנון
נעמט אָן תּמר, פיהרט זי פאַר'ן פענסטער־לאָך.

זעהסטו נישט,
ווי די פייערן צעפלאַמען שוין אין די אייל־געשירען?
זיי קומען דאָ פון דער טונקעלער נאַכט
פאַר דעם טאַטע דוד'ס שלאָף־געצעלט,
די אַלטע לייט, מיט די לאַנגע, ווייסע בערד,
קלאַפען דורך דעם לאָדען און וועקען הויך:
„קיניג דוד, וואַך פון ווייבער־געלעגער אויף,
די פידלען — וועקען צו מלחמה אַרויס".
ווי שוואַרצע שאָטענס מיט פינקלענדיגע אויגען,
קומען זיי אַלע מיט בויגען און שטאַנג
פון די ווינקלען אַרויס.

עס הערען זיך פֿון דרויסען אָבגעריסענע טענער, פֿערשײַבט אין די כּלי-זין קלאַנגען; אָבגעריסענע רופֿען — פֿון די ווינקלען ארויס... ער רײַסט דעם פֿוירהאַנג אראָב.

זעה די קעמלען, — זיי הויבען זיך פֿון זייער געלעגער אויף,
מיט די זעק אָנגעלאָדען אויך זיי.
שוין שפּאַנען די יונגען די פֿערד צו די רייט-וועגען
אין קעניגליכען הויף.
עס בלישטשען די גאָלדענע פּאַנצערס אין דער טונקעלער נאַכט
אַריין.

הע, ווייב, דעם פּאַנצער דערלאַנג!
שפּאַן מיין ברוסט מיט זילבער-בלעך קעגען
דעם פֿיינדס שפּיז!

ער בינדט דעם פּאַנצער איבער זיין ברוסט. עס הערען זיך טריט פֿאַרבײַלויפֿען פֿאַר דער טיר. די רופֿען הינטערן פֿענסטער ווערען העכער און עפּטער. פֿון הינטער דער טיר הערט זיך יונדב׳ס קול.

יונדב

רופֿט דורך דער טיר.

די קעמלען געלאָדען, די רייט-וועגען געשפּאַנט,
אין קעניג-הויף וואַרטען די גבורים
דעם שופֿר-בלאָזען.

אַמנון.

אויף וועלכער זייט פֿאַלט די שפּיז?

יונדב

הינטער דער טיר.

קעגען עמון שטעהען די גבורים אין הויף גרייט:
זיי וואַרטען דעם קעניגס בעפֿעהל,
אין די ווינקלען קוקען זיי זיך אַרום,
דעם קעניגס ערשט-געבוירענעם זיבט זייער בליק.

אַמנון.

זאָג זיי: אויפֿגעשטאַנען איז דער קעניגס-זוהן פֿון זיין ווייבער-
 געלעגער.

צו תמר.

הע, ווייב, די שפיז דערלאַנג, הינטער מיין דעק איז זי בעוואָהרט!
און שארף דאָס מעסער,
וואָס פעררזאָסט איז עס געוואָרען דורך דער לאַנגער צייט
ווען מיינע ליפען האָבען געשמאַכט
נאָך דיין ווייבער-וויין צו טרינקען.

תמר

ווײנט פאר זיך.

ווי ווערט דאָס אַמנון דורך דעם רוהם
פון זיין חופה-בעט פעריאגט?
ווי ווערט דאָס אַמנון ווי דער קנעכט —
וואָס געיאָגט דורך דעם גאָרטען אויסצופיהרען
זיין האַרס בעפעהלען —
האָט קיין צייט פון די טרויבען צו געניסען,
וואָס אויסגעשטרעקט, נאָך לוסט און בענקשאַפט,
איז זיין צונג נאָך זיי?...

אַמנון.

עס שטעהען די גבורים אין הויף גרייט,
און וואַרטען אויפ'ן קיניגס ערשט-געבוירענעם.
הע, ווייב, שניר דעם פאַנצער איבער מיין ברוסט,
בעסער וויל איך מיין ברוסט מיט מלחמה-געשיר בעהענגען,
איידער אין ווייבער-ברוסטען זי אויסבעטען!

תמר

פאלט פאר איהם אויף די קניה.

גאָט האָט מיך געפלאַנצט, ברודער אַמנון! מיינע בלעטער, מיינע בליטען אָבגעהיט, ווי אַ גוטער גערטנער איבער מיר געוואַכט, אַז איך זאָל צייטיג וואַקסען. איך האָב איהם יעדען טאָג פאַר זיין געטריי גערטנערשאַפט, אין דער שטיל, מיידעל-אַרטיג, געדאַנקט. איך בין צייטיג געוואַקסען, ברודער אַמנון. מיינע פרוכטען זענען צום געניסען. שטיל האָב איך זיי פאַר מיין האַר געפלעגט און מיט הכנעה און שטיל געבעט בין איך צו מיין האַר געקומען, פון איהם בעפרוכטעט צו ווערען, אין דער שטיל מיין וועג צו געהן

און גאָט צו דאַנקען, וואָס צו מיין ציל האָט ער מיך געבראַכט·
איך האָב מיך דיר ווי אַ בלום געבראַכט, וואָס איז צייטיג געוואָרען צום ריכען. איך האָב מיך דיר ווי אַ פרוכט געבראַכט, וואָס איז צייטיג געוואָרען צום געניסען. פאַרוואָס געהסטו פאַרביי פאַר מיר, נישט פון מיינע פרוכטען צו געניסען? פאַרוואָס ווי וואַסער גיסטו דעם אייל, וואָס מען האָט דיר געבראַכט צו דיינע פיס?..
געה דאָך נישט פאַר דיין גאָרטען פאַרביי אָהן זיין טירעל אויפ· צובּרעכען... פאַרוואָס נעמסטו די דעק פון דיין ברונעם נישט אַראָב?

עס הערט זיך שופר-בלאָזען אין הויף·

אַמנון.

נישט וויל אַמנון פון פרוכטען געניסען,
ווען זיין לוסט איז נישט דערביי.
היט די בלעטלעך פון דיינע בלומען, שוועסטער תמר,
און פערשפּרייט זיי נישט איבער די וועגען.
שטרעק נישט די פרוכטען פון דיין גאָרטען
איבער די צוימען, איבער די טויערן,
לאָז זיי ליעבער פערטריקענט ווערען —
איידער אָהן לוסט צו פערצעהרען.

אָב.

תמר

אליין. רופט הויך דורך דער אָפענער טיר.

אַבישלום! אַבישלום!
מיין ברודער האָט מיר שלעכטס געטאָן.
האָט אין מיין מיידעל-קוואַל אָנגעקלאַפּט
און איהם ניט אויפגעעפענט.
האָט זיין כלה-בעט פערלאָזט
אין זיין חופה-נאַכט...
אַבישלום!

לויפט ארויס מיט צעפּלאָשעטע האָר.

פאָרהאנג.

שלום אַש.

ערצעהלונגען

ווילנער פארלאג פון ב. א. קלעצקין.

דרוקעריי „ווילנער פארלאג" קלייז סטעפן גאס 23.

ווילנער פערלאג
ב. א. קלעצקין

אלע רעכט, ווי אויך די אי-
בערזעצונג פארבאהאלטן.

ערצעהלונגען.

אינהאלט.

			זייטע
1)	פריהלינג (אַלס א הקדמה)	פון	IV—I
2)	אַלטע לייט	"	13—3
3)	מענשען און געטער	"	22—14
4)	אַ היים	"	34—23
5)	דער זעלנער	"	39—35
6)	אויף אַ מאַמע	"	54—40
7)	מאָטעלע	"	65—55
8)	אַ דאָרף־צדיק	"	71—66
9)	דער זינדיגער	"	83—72
10)	אַ מעשה מיט א ספר	"	92—84
11)	שבת אינוועג	"	98—93
12)	אויף דעם וועג קיין שעמענעץ	"	106—99
13)	מחלוקת אין קאָרטשעוו	"	112—107
14)	צו וואָס ?	"	119—113
15)	איבער דער גרענעץ	"	128—120
16)	א חלל	"	134—129
17)	אין שלעכטע צייטן	"	141—135
18)	א צואה	"	145—142
19)	אין דער פרעמד	"	153—146

אנשטאדט א הקדמה.

פְרִיהְלִינְג

פון מיין היים געיאגט, בלוט האט מיין וועג געצייכענט אין
דער יאוש פון פארענט און די קלאג נאך מיר — האבען מיך אין
מיין וועג בעגלייט און ערמידעט האב איך מיך אבגעשטעלט.

אין א פרעמדע מדינה, צווישען פרעמדע מענשען, אונטער
א פרעמדען הימעל, ביי א פרעמדען טייך, האב איך מיין געצעלט
אויפגעשטעלט. נישט ערקענט האט מיך די ערד אויף וועלכע
איך האב מיין פוס געשטעלט. דורך־געהענדיג האט זיך דער
הימעל איבער מיין קאפ געצויגען, און פרעמד און גלייכגילטיגקייט
האט מיך ארומגערינגעלט.

מיין לשון האבען די מענשען נישט פערשטאנען, מיין טראכט
האט ביי זיי ווילד אויסגעזעהען, מיין קינד'ס געוויין האט ביי זיי
געלעכטער ערוועקט, און מיין גאט איז ווייט געוועזען פון דעם לאנד
און מיין תפלה האט ער נישט געהערט.

אין די פאלדען פון מיין קלייד האט זיך נאך געהאט
אויפגעהאלטען דער געשמאק פון טויט, וואס איך האב פון מיין
היים מיטגעבראכט. אימה און נאכט האבען נאך פאר מיינע
אויגען געשוועבט, און אין חלום האב איך נאך איבער מיין קאפ
דעם תליינ'ס שווערד געזעהען הענגען. און א קברים־געוויין האט
אין מיין הארץ געוויינט: א קדיש־זאגען פון טאטע־מאמע אויף
קינדער־קברים ...

שווארץ האט נאך געקלאפט דער ווינד אין די לייווענד פון
מיין שיפעל ...

— — — — — — — — — — — —

זיי געגריסט זונן!

ווי א געזאנג ביסט דו אין מיין שטיבעל געדרונגען. קינדיש
לאכענדיג האסט דו דיך מיט די שאטען איבער מיין קאפ

געשפּיעלט. און שטראַהלען־ליכט האָסט דו אַרום מיר געוועבט... דו האָסט מיין מידען קאָפּ געקושט, אין מיינע אָדערן האָסט דו דאָס בלוט ערפרישט, די גלידער מיר געהיילט, מיט ליכט און האָפנונג האָסט דו מיין האַרץ ערפילט.

פריינע לופט האָסט דו מיר צו עטמען געגעבען. מיין קראַנקען קאָפּ האָסט דו אין דיין שוים געהאַלטען. יאָ, איך האָב ערפיהלט דיין פיילכען־לופט –

און אַ היימיש קול האָט אין מיין האַרץ היימאַטס׳לידער געזונגען, און אַ מאַמעס אַ האַנד האָט מיינע האָר געגלעט.

עס האָט מיך אין גאַס געצויגען;

נאָך האַלב איז די וועלט אין טונקעלען געהילט. דער שאָטען, ווי אַ לייכטער דורך־זעהענדיגער שלייער, האָט די וועלט פערהילט און הויך אין הימעל וואַשט זיך די זונן. זי הילט זיך און שלייערט זיך אין לייכטע שוועבענדע וואָלקען, וואָלקען־איין וואָלקען־אויס. טיילמאָל שוועבט אַרויס פון אַ וואָלקען־שפּאַלט דער שטראַהל פון איהר יונג ווייבליך־לויכטענדען קערפּער און בעלייכט די וועלט מיט אַ ליכט־רעגען איבער פעלדער, וועלדער, שטעדט און ימים.– באַלד אָבער הילט זי זיך ווייטער אין טונקעלען איין. אָבער נישט אויף לאַנג: פון שלייער געהילט לאַכט זי צו די וועלט אַ קעגען, און די וועלט ענטפערט איהר אָב מיט פענסטער־גלאָז און וואַסער־שפּיגעל. די בליהעכטס־וואָרצעלן אין ערד געהילט שפּאַלטען זייער זאָמען אויף, און דער ריח פון זייער זאָמען בעהויכט דעם שטח פון די וועלט מיט יונג געשמאַק און שעפּפונגס־קראַפט.

און עס וועקען זיך אין דיין האַרץ אויף דיינע בעגראָבענע חלומות. פון די אַלטע פערגליוערטע וואונדען הייבט אָן דאָס בלוט אויף׳ס ניי צו רינען. יאָ! עס ווילט זיך דיר אַ העלד זיין, אויף די טיבעט־בערג שטייגען, ימים אין דיינע הענד צו האַלטען און הויך צו שרייען–הויך צו שרייען, אַז פון דעם קראַפט פון דיין געוואַלד זאָלען זיך די וועלען פון אָקעאַן דערהייבען און אין די הימלען אָנקלאַפּען, אַז פון דעם קראַפט פון דיין געוואַלד זאָלען ימים איבער די הימלען דעם קאַרק אויף מיליאָנען טייכען צו ברעכען–––

איך בין אַ קינד פון הערבסט.

אין אַ הערבסט נאַכט בײַ פעדער־פליקען איז מײַן מאַמע איבער מײַן װיעגעל געזעסען און מיר אַ װינטער־מעשה פער־צעהלט. דער זײדע בײַם קיהן־פלאַקער׳ל איף דעם איבען האָט די ביבעל געלײענט. שװאַרץ האָט די נאַכט אין אונזער פענסטער׳ל געקוקט, און דרױסען האָט דער װינד געװײנט, און אין די צװײַגען פון די בױמער זיך אָנגעטשעפּעט: דאָס האָבען מחנות פערװאָגעלטע נשמות פאַר אונזערע פענסטער דורך־שפּאַצירט. פון גיהנום געטריבען אין כּף־הקלע — געװאַנדעלט—האָבען זײ איבערן װעג די צעפּ האָר פון די קעפּ געריסען, איבער זײערע עבירות װעגען...

איך בין אַ קינד פון הערבסט. אין די הימלען פון מײַן לאַנד טאָפּיעט דער אײביגער שנײ,— װײַסע קינדער־לײַלעכען אין גרױען פערנעפּעלט... דעם זונס־שטראַהל װאַרפּט צוריק דער מאַטער שאָטען פון דעם גרױען װאַסערדיגען האָריזאָנט, װאָס רינ־געלט מײַן לאַנד אַרום. די פעלדער פון מײַן לאַנד לאַכען נישט אַ קעגען די זונען־שפּיגעל אין פּנים אַרײַן. גרינע לאָנקעס, דאָ און דאָרט מיט ברײטע סטאַװען אַרום־געפּאַסט, און װײנענדע װיערזשבען פערשאָטענט, מיט סטאַרעס שעפּסען פערגרױט, און פון הינטערן בערגעל געהט איף דעם פּאַסטוך׳ס פײַפען מאַט און װײנענדיג, װי דאָס לאַנדשאַפט פאַר איהם.

איך בין אַ קינד פון הערבסט. אין מײַן האַרץ זינגט נישט דער טריאומף־מאַרש פון בעשטראַהלטע זומער־פעלדער. די זונן פערבלענדעט מײַנע אױגען. אין מײַן האַרץ קלינגט אָב דער הערבסט נגון פון פעלד געצױגען, פון װאַלד געזשימט, פון מײַן הײמאַט׳ס לאַנד. און פעריתומ׳ט בין איך אין דער װעלט, אַ יתום פון דור דורות. פון אָדם הראשון ביז צו דעם לעצטען דאָ זײַן אין מיר װײנט אַ יתום אַ װעלט! אַ יתום אַ גאָט!

פרעמד ביסט דו מיר פריהלינג. נישט זינג אין מײַן נשמה. נישט װאַרעמט, איהר שטראַהלען, מײַנע גליעדער. נישט בעגײַסט מיך מיט ליכט זונן. מײַן לאַנד איז מיט קברים פיעל, די זאָמען־װאָרצלען אין מײַן הײמאַט ערד האָבען זיך נאָך נישט געשפּאָלטען. נאָך רופט נישט מיט פײַלכען־געװרוך און טיבערױזען־געשמאַק

מײַן הײמאַט־לופט. װינדען קומען צו יאָגען פֿון טויט־פֿליגעל. איך בין אַ קינד פֿון הערבסט. די שטראַהלען װעלען אויף מײַן הערבסט־האַרפֿע פֿאַלען, און איך װעל אײַך זינגען דאָס ליעד פֿון רעגען און װינד...

יעדען טאָג גײה איך צום װאַסער אַראָב און שטעל זיך בײַם ברעג:

פֿאַליע װאַסער פֿון מײַן הײמאַטס־לאַנד געצװיגען—גיעב מיר אַ גריס אָב. צו ציערען דאָרט בײַ אונז שוין פֿעלד־בלימלעך די פֿרישע קברים געל? צו פֿלאַצט שוין דאָס בוימען־בליהעכטס אויף די בית־הקברים׳ער? צו זאָגט שוין דער פֿויגעל אַ יתום־קדיש דאָרט אויף אַ מת־מצוה קבר?...

אַלְטֶע לַייט.

בלומעלע איז היינט געשטאַנען ביי די „פישלעך".

נו, איז אין פישמאַרק געווען אַ לעבען, ווער מיר נוטס גינט. מתתיהו חרון, איהר אַלטער, האָט זיך אַוועקגעלאָזט מיט'ן שותּף און מחותּן צום „ליטוואַק" מאַכען די כּוסה — פיהרט דאָ בלומעלע דאָס רעדעל. גאַנצע קופּקעלעך פישלעך אויף צו האַקען גיעט זי אַוועק צו צוועלף גראָשען און לעגט נאָך צו אַ קליין העכטעל. זי וויל דאָך דאָ ווייזען, די פריצטע, וואָס פאַר אַ ברייטע האַנד זי האָט, אַז זי טראָגט דעם שיריין מיט די קעטענעס.

ביי'ם צווייטען טישעל שטעהט די שותּפ'טע און די מחותּנת'טע שרה פייגעלע — פּלאַצט איהר דאָס אַביסעל דאָס גאַלכעלע: — כ'אַראַ בלומעלע! פאַר איהר רייכען האַלז, בדיל און דל ווערט מען דאָך ווערען.

זי האָט שוין געוואָלט עטליכע מאָל צוגעהן צו בלומעלע'ן נישט לאָזען פּערקויפען, — וועט דאָך ווייטער אַרויסקומען אַ חתונה. נור אָט קומען שוין אָן די אַלטע שכּורים מיט די פּיפּקעלעך אין מויל.

— קופּיעץ (סוחר) מיינער, וואו האָסט דו דיך אַוועקגעלעגט? — טענה'ט יענע.

מתתיהו חרון געהט צו זיינער צו, אַביסעל שיכּור'ערהייד קלאַפּט ער בלומעלע'ן אין רוקען: „הע, רודערסט היינט אין די כּלים אַרום?".

בלומעלע ענטפערט נישט.

— ווייבער, צו צוועלף גראָשען אַ קופּקעלע, ווייבער, פיש אויף שבת! — קלימפּערט בלומעלע מיט די ברייטע קעשענעס פון שיריין.

שרה פייגעלע האַלט עס שוין נישט אויס; קלאַפּט זי מיט

די פּױסטעָן אין טיש: געװאַלד, בּדיל הדל װעט מען דאָך זװערן!...

יעדער פון די שותפים האָבּען אין געשעפט אַרײַנגעלעגט צו זעכצעהן גילדען, שױן מיט אַ יאָהר 38 צוריק, און פון די זעכצעהן גילדען האַלט זיך נאָך דאָס געשעפט בּיז הײַנטיגען טאָג. נאָר ניט שטענדיג לעבּט מען גוט. אַז עס קומט אַ מאָל אַ שבת־צו־נאַכט און מען מאַכט דעם חשבּון, קומט טײלמאָל אַרױס אַ מחלוקת, — נור מעסערס צו נעהמען, אָבּער דאָס שותפות האַקט מען נישט אָבּ. װי אַזױ? אַז מען האָט שעפּער בּשותפות׳דיגע, קאַמערס בּשותפות׳דיגע, און הײַנט חזקות בּשותפות׳דיגע, בּלײַבּט מחלוקת בּײַ מחלוקת און דאָס געשעפט געהט װײַטער.

נאָר די װײַבּער, די װײַבּער — זאָל גאָט דער אײנציגער אָבּהיטען. מען האָט אײנע די צװײטע פײַנד אױף טױדט און לעבּען און מען רעדט אױס אײנע אױף די צװײטע, װאָס אין דער קאָרט שטעהט נישט, און קומט אַ שותף שבּת נאָך מיטאָג צו גאַסט צום צװײטען אַרײַן, איז איהם די שותפ׳טע מכבּד מיט אַ גלעזעל יום־טוב׳דיגען װישניק, און גיט אַ מאַך אַזױ הינטען אַרום צו שטעכען די שותפ׳טע:

-- זאָל דער מחותן פערזוכען. אין דער הײם האָט ער דאָס דאָך נישט. װי האָט די מחותנת׳טע צײַט װישניק צו מאַכען?

נאָר דאָך טרעפט זיך אַמאָל, אַז די מחותנת׳טעס און די שותפ׳טעס מאַכען צװישען זיך שלום. דאָס טרעפט זיך בּײַ צװײ סיבּות: בּײַ אַ שמחה, אָדער (אַלעס ניט געדאַכט!) בּײַ אַ צרה; קומט אַנ׳אײניקעל צו, אָדער (זאָל גאָט אָבּהיטען) קומט אַנ׳אײניקעל אָבּ, בּעטען זיך די מהותנת׳טעס איבּער. יאָ, נאָך אײן מאָל אין יאָהר, דאָס איז ערב יום־כּפּור בּײַ ליכט בּענטשען, פון דער הױלער הױט פאַלט אַרײַן אײן יודינע צו דער צװײטער און צװײנט זיך און מען צוקושט זיך. אָבּער עס קומט נור מוצאי יום־כּפּור, קלאַפּט אײן יודינע אָן צו דער צװײטער אין לאָדען:

— עס בּלײַבּט בּײַם אַלטען...

אין גאַמבינער׳ס הויז וואוינט דאָס פּאָר־פֿאָלק — מתתיהו חרון מיט דער יודינע.

באַלד נאָך דער חתונה האָט מען זיך אין דער שטוב אַרײַנגעצױגן און אַזוי האַלט מען זיך אָן איהר ביז׳ן הײַנטיגען טאָג. אָט אין דער שטיב האָבען זיך די קינדער ערצױגן, אױסגעהאָדעװעט און דערנאָך אין דער וועלט געגאַנגען: קײַן אַמעריקאַ, קײַן קאַנאַדאַ, קײַן טראַנסוואַל, וואו אײנעם האָט זײַן מזל געטראָגען. דרײַ באַלקען האָט די שטוב; דער מיטעלסטער, דער דיקסטער איז די „רבי׳צין״, און די צוויי דינערע פֿון בײדע זײַטען זענען די „דײַנ׳טעס״. אױפ׳ן נאָגעל, אין דעם מיטעלסטען באַלקען הענגט אַנ׳אַלט הענגלײַכטערל בעקלײדעט מיט אַ פּאַפּירענעם קלײדעל, וואָס מען טהוט עס אָן יעדען ערב פּסח. אַ גאַנץ יאָהר וואוינען אין די „בלומען״ פֿון קלײדעל די פֿליגען און מעהרען זיך דאָרט און פֿרוכפּערן זיך, און נעהמען אײַן דאָס שטיבעלע מיט זײער זשומען, און דאָס קלײנע הענגלײַכטערל קיקט זיך צו אַלץ צו, וואָס עס טהוט זיך אָב אין שטיבעל, און שווײַגט, ווי אַ שטומע מוהמע. עס ווײסט פֿון אַלץ, הערט אַלץ און מיט קײַן וואָרט רופֿט עס זיך נישט אָב... אין מיטען שטוב שטעהט אַ פֿירקאַנטיגער טיש, אין דעם טיש זענען אױסגעקריצט פֿערשידענע „הײנגעליך״, „ציגען־וואָלף״, — אַ זכר פֿון די שפּילען אין חנוכה־נעכט. און אַ סוד וועל איך אײַך אײַנרוימען, אַז אַ שפּאַרע איז דאָ אין טיש אין שופֿלאָד אַרײַן, וואָס מענדעל לעבען (דער יונגער זוהן) האָט געמאַכט אין איהם, בעהאַלטענערהײד, כּדי פֿון שופֿלאָד געלד אַרויסצוגנב׳ענען יעדען פֿרײַטאָג צו נאַכט, ווען טאַטע־מאַמע שלאָפֿען... אין אַ ווינקעל שטעהט אַנ׳אַלטער אױוועז, וואָס פֿערנעהמט אַ דרײַ פֿערטעל שטוב. דער אַלטער „פּעטער״ איז שוין לאַנג אױסגעקיהלט געוואָרען אױף דער עלטער, נאָר די בעלי־בתּים געדענקען נאָך זײַנע גוטע יאָהרען. ווען מען האָט אין אַ פֿרײַטאָג־צו־נאַכט איהם אײַנגעהײצט, האָט ער אַזאַ וואַרימקײַט פֿון זיך אַרויסגעלאָזען, נור דערשטיקט צו ווערען. און נישט אײנמאָל האָט זיך געטראָפֿען, אַז מתתיהו חרון מיט בלומעלע׳ן האָבען געחלש׳ט הינטער די דעקען פֿאַר הײסקײַט. צווישען דעם אױוועז און דעם אַלמער ליגען עפּיס פֿערשידענע חפצים אָנגעלעגט: אַלטע זעלנערשע מונדירען, באָנדעס, פּאַסקעס און נאָך אַזעלכע „חפצים״, וואָס מ׳קאָן קײנמאָל זײ נישט דער־

גרונטעווען. צווישען די חפצים שטייגט אַרויס אַן׳אַלטע נייה=מאַשין
פֿון תּרח׳ס צייטען מיט אַ „קאָליִער״ נאָך. די מאַשין איז אַן׳איבּער=
בּלייבּעניש נאָך פֿון מתּתיהו חרון׳ס שניידער, מיט וועלכֿער ער
האָט געניייהט פֿויערשע מאַנטלען אויף די מערק (דאָס איז נאָך
געווען איידער די קינדער זענען אַוועק קיין אַמעריקאַ און האָבּען
פֿון דאָרטען צעהן דאָלאַר יעדען חודש געשיקט). נאָר די מאַשין
האָט אין זיך אַזאַ מאַשינעריע, אַז מען דאַרף אויף איהר אַרבּייטען
מיט די פֿיס, און דרעהען מיט די הענד, און זי האָרכֿעלט אַזוי,
ווי מען וואָלט אַן׳אָקס געשאָכֿטען... בּיי בּיידע וואַנד שטעהען
צוויי בּעטען. און די בּעטען זענען אויפֿגעבּעט מיט פּערינעס, —
נישט מיט קיין פּערינעס, נור מיט איין פּערינע. וועלכֿע האָט
געגרויכֿט בּיז צום בּאַלקען, און וועלכֿע האָט אין זיך געהאַט אַלע
פֿעדערן פֿון די אַלע גענז און קאַטשקעס, וואָס די יודינע האָט נור
געשאָכֿטען פֿון צייט איהר חתונה אָן. דאָס איז געווען אַ פּערינע,
פֿון וועלכֿער מען האָט אַרויסגעפּומפּט אויף אויסשטייער בּעט=
געוואַנד פֿאַר קינדער און אייניקלעך — און די פּערינע בּלייבּט
אַלץ פּערינע. אָט אין די בּעטען זענען געבּוירען געוואָרען די
צוקונפֿטיגע בּירגער פֿאַר אַמעריקאַ, קאַנאַדאַ, אַפֿריקאַ, און וואו
די וועלט האָט נור אַן׳עק...

בּיי אַ פֿוס פֿון אַ בּעט איז צוגעבּונדען אַן׳אַלטע קאַץ שוין
זיבּעצעהן יאָהר. מען וואָלט שוין געמעגט די קאַץ אויפֿבּינדען,
וואָלט זי אויך שוין נישט אַנטלאָפֿען, נאָר אַזוי קומט עס, אַז
אַ קאַץ דאַרף זיין אָנגעבּונדען בּיי אַ פֿוס פֿון בּעט. איבּער די
בּעטען הענגען צוויי בּילדער, גענעראַלען, משונה׳דיגע „נאַפּאָלע=
אָנען״. אין דעם שפּיגעלע בּיי אַ וואַנד שטעהען אַריינגעשטעקט
די פֿאָטאָגראַפֿיעס: מתּתיהו חרון זיצט אויף אַ שטוהל און קוקט
אין אַ ספר אַריין, און בּלומעלע שטעהט נעבּען איהם (די קינדער
אין אַמעריקאַ האָבּען פֿערלאַנגט דורכֿאויס, אַז טאַטע=מאַמע זאָלען
זיך אָבּפֿאָטאָגראַפֿירען), און אין דער צווייטער זייט שפּיגעלע
שטעהען אַריינגעשטעקט די אייניקלעכֿס פֿאָטאָגראַפֿיעס פֿון אַמע=
ריקאַ: דריי יונגעלעך שטעהען אָהן היטלען און האַלטען בּיכֿער
אין האַנד. בּיי דער טהיר שטעהט דער שראַנק, אונטערגעשפּאַרט
מיט צוויי ציגעל, און די שויבּען=אַלמערלעך האַלבּ אויסגעקלעפּט
מיט פּאַפּיער. עס זעהט זיך אַרויס פֿון שראַנק אַ זילבּערנער

בעכער מיט אַנ׳אַלטער בשמים־פּושקע (די ירושה פֿון די עלטערן...) און אויפֿ׳ן אַלמעריל — אַ פּאָר נאַקעטע ספרים, און אײנס אין מיטען מיט גרויסע אותיות אויפֿ׳ן רוקען „מחזור״. אויפֿ׳ן שראַנק צווישען די ספרים זעהט זיך אַ גרויסע פֿלאַש, אַרומגעשטעלט מיט אַ גרויען בוינגען פּאַפּיער, דאָרט שטעהט ווישניק. בלומעלע איז אַנ׳אויסבריינגערין און וויל זיך דורכאויס פֿיהרען, ווי די נגידים, און שטעלט אויך אָן ווישניק. קומט אַ שבת נאָכ׳ן שלאָף, ווען דער אַלטער טהוט זיך אָן די כּרילען און נעהמט זיך פֿאַר׳ן גרויסען ברכי נפשי און עס קומט אַריין דער מחותן, האָט זי אַ הנאה צו דערלאַנגען צום טיש אַ גלעזעל ווישניק. דורכ׳ן גאַנצען יאָהר שטעהט דער ווישניק און מען פֿערגינט זיך נישט צו צוריהרען צו איהם. עס קומט פֿאַר פּסח, האָט מען מורא, אַז ער זאָל נישט איבערבלייבען אין יום־טוב, נעהמט מען זיך איהם אויסטרינקען. די אַלטע קאָנען זיך דאָך נישט פֿערגינען אין אַ גלאַמיין וואָכען־טאָג ווישניק צו טרינקען, בלייבט איבער אַ רעלמ׳ ביסעל צום ביעור־חמץ. קומט ערב פּסח און בלומעלע זעהט ווי אַנטעק דער סטרוזש האַלט די פֿלאַש מיט׳ן ווישניק און זופּט פֿון איהם מיט׳ן גאַנצען מויל, פּלאַצט איהר שיער נישט די גאַל פֿאַר עגמת־נפש: געה, אַרבייט פֿאַר עשו׳ן...

אין געסעל וואו די פֿענסטער געהען אַרויס, שטעהט אַ פּלומפּ. צו דעם פּלומפּ קומען אָן די וואַסערטרעגער יעדען פֿאַר־נאַכט מיט די קענדלעך נאָך וואַסער. אויף דער עלטער, אַז די קינדער פֿון אַמעריקאַ שיקען די אַלטע אַ פּאָר דאָלער וועכענטליך, האָט דער אַלטער די שניידעריי אַוועקגעוואָרפֿען, און זיצט אַ גאַנ־צען טאָג פֿאַר׳ן פֿענסטער און קוקט אין גאַס אַריין צום פּלומפּעל. די אַלטע ביים אויווען שטריקט אַ זאָק, איהר פֿערדריסט עס, וואָס דער מאַן געהט אַרום ליידיג, חאָטש זי ווייסט, ער האָט נישט וואָס צו טהון. נאָך די פֿישלעך פֿאָהרט מענדעל, נאָר זי האָט שוין אַ מנהג צו מורמלען, פּרעטענזיעס צו האָבען גלאַט אַזוי אין דער וועלט אַריין. דער אַלטער ווייסט פֿון דעם מנהג און מאַכט זיך גאָר נישט וויסענדיג.

— מאַכּבילען זיצען זיך ביים פֿענסטער מיט ליידיגע הענד, — פֿאַלט זי אין אַ מיטען העלען טאָג אָן אויפֿ׳ן מאַן.

דער אַלטער ענטפֿערט נישט.

– מישען זיך אין אלץ אריין, וואָס געהט עס דיך אָן? – קומט זי ארויף אויף אַנ'אַנדערע ענין.

דער אַלטער רופט זיך גאָר נישט אָן.

דאָס קאָן זי שוין נישט פערטראָגען.

– מאַמע, מאַמע, האָסט מיר אַ מאַן געגעבען – וואָס האָט ער מיר דעם קאָפּ פערדרעהט, ליעבער וואָלט איך איבערגעבליבען אַנ'אַלטע מויד אין טאַטענס שטוב.

דעם אַלטען נעהמט אַ געלעכטער אָן: זי האָט זיך דער־מאָהנט אַ מעשה פון 62 יאָהר צוריק – האָסט דו געהערט?

– ווילסט אפשר אַהיים לויפען צו טאַטע־מאַמע קיין לענטשיץ? קאָנסט עס, איך וועל דיר אָסור חויר נאָכלויפען, – ווינצעלט זיך דער אַלטער.

– אַלטער גזלן, רוצח, וואָס ביזט דו מיר געקומען מיין לע־בען אוועקנעהמען.

דער אַלטער זעהט, אַז עס געהט אין די גדולות אַריין, טהוט ער זיך אָן דעם אויסגעריבענעם פוטער און געהט אין בית־המדרש אריין צו מנחה.

אַז ער קומט אהיים, געפינט ער שוין דעם טיש געדעקט מיט'ן אַלטען שניפּטיכעל, און דאָס יויכעל קאָכט זיך אין קיך (ער האָט עס געוואוסט, זי זאָגט נור אַזוי, אָבער אין אמת'ן איז זי נישט אַזוי שלעכט ווי זי מאַכט זיך).

ווייסט, האָבען זיך היינט חצקעל און בערעל אין בית־המדרש געקריגט! – הויבט ער אָן, דער אַלטער, דערצעהלען אַ מעשה אין דער וועלט אַריין.

– אַזוי, פאַר די אָרענטליכע מענשען פּאַסט עס, – שאָקעלט זי צו מיט'ן קאָפּ – וואָס דען האָבען זיי צו טהון?

און דאָס אַלטע פּאָר־פאָלק זיצען זיך ביים קליינעם אַלטען טישעל, ביי דער קליינער אַלטער לאָמפּ, און מען עסט זיך דאָס קליינע אַלטע יויכעל – און מען פערגעסט פון אַלע גליקען פון פריהער...

ווי האָבען געהאַט אַ זוהנ'עלע, האָט מען איהם גערופען מענדעל־לעבען – איז דאָס געווען אַ בחור'ל פון דער „סאַמאָראָדנער“

חברה. דער טאַטע האָט איהם אַרױסגעװאָרפֿען, די מאַמע האָט איהם אָבער בשתיקה אַרײַנגעשטעקט אַ פּאָר גראָשען, אַ העמד און ד״ג. די גאַנצע שטאָדט האָט איהם געהאַלטען שױן פֿאַר אַ פֿערפֿאַלענעם, האָט מען אָבער מענדעלען פֿאַר אַ זעלנער גענומען. ער האָט אָבגעדיענט פֿיער יאָהר, און װאָס זאָגט איהר דערצו? מענדעל איז געװאָרען אַ לײַט בײַ פּאָניען, אַװעקגעװאָרפֿען די װײַסע חברה און געהט יעדען שבת מיט׳ן טאַטען אין דער חברה פֿישער דאַװנען און קריעגט טײַלמאָל אַנ׳עליה איך, און מען הײבט שױן אָן מענדלען שדוכים צו רײַדען.

אַמאָל זענען די שותּפים געפֿאָהרען צום טײַך נאָך פֿיש, די אַלטע האָבען זיך געזעצט בײַם ברעג, און אױפֿ׳ן שיפֿעל איז געפֿאָהרען מענדעל מיט צװײ גױם די נעצען אַרײַנגעלאָזען אין װאַסער. געװעזען איז עס אין אַ זומער־טאָג, מנחה־צײַט. אַ לײַכט װינטעל בלאָזט און דאַװענט איבער׳ן װאַסער. דאָס װאַסער, אַביסעל צװױגט אין זײַן ראַם, יאָגט אײן חװאַליע אין די צװײטע אַרײַן. מענדעל ציהט מיט די מענשען דאָס נעץ פֿון װאַסער און װאַרפֿט די פֿישלעך אין טון אַרײַן, זיצען די אַלטע, און רײַדען צװישען זיך אַזױ:

— װײַסט, דײַן מענדעל איז געװאָרען אַ גאַנץ אָרענטליכער מענש, — רופֿט זיך אָן נאָטע װאָלף.

— נישט װערט קײַן דרײַער, — מאַכט מיט די הענד דער פֿאָטער, — דער אײַגענער װאָס געװען.

— נו, נו, אַ גוטער יונג, װײל אַ גראָשען פֿערדיענען — װאַרפֿט נאָטע װאָלף אַ בליק צו מענדלען, װי ער ציהט דאָס נעץ פֿון װאַסער.

די אַלטע שװײַגען אַ מינוט.

— װײַסט, דײַן גיטעל איז אַנ׳אָרענטליך קינד, אין דער מאַמען געראָטען, — רופֿט זיך אָן מתּתיהו חרון.

אָ, נישט װערט קײַן דרײַער, װי די מאַמע, אַזױ די טאָכטער.

— נו, נו, אַ גוטע מױד, אַרבײַט אַ גאַנצען טאָג, װי אַנ׳ אײַזעל. — און שבת — אַ פֿערגעניגען אױף זי צו קוקען.

די אַלטע שװײַגען אַ מינוט און קוקען אין װאַסער.

דאָס שיפֿעל שװימט צו צום ברעג מיט אַ פֿולען נעץ פֿיש

לכּבוד שבת. מען ציהט דאָס נעץ פֿון שיפֿעל אַרויס און מען לעגט די פֿיש אין די פֿעסער וואַסער.

דערווײַל ווערט נאַכט. אַ נאַכט אויפֿ'ן דאָרף, נאַכט צווישען בוימער, פֿעלדער און וואַסער... בײַם עק דאָרף שטעהט אַ קרעטשמע; געהען די אַלטע דאָס הארץ זיך דערהאַפּען. מען דערלאַנגט בראַנפֿען צום טיש מיט אַ צוויי זעמעל. מענדעל שטעהט אין אַ ווינקעל בײַם אויווען, נאָטע וואָלף גיט אַווינק צו זיהם:

— מאַך, מענדעל, די ברכה!

מענדעל נעהמט דאָס גלעזעל אין האַנד אַרײַן און קלערט אַ מינוט. ער וויל זאָגען „לחיים", שעמט ער זיך, עפּעס אַנ־אָרענטליכער מענש... נישט זאָגען — פּאַסט דאָך אויך נישט, די אַלטע פֿערשטעהען.

— נו, לחיים, מענדעל, אם ירצה השם חול־המועד! — קלאַפּט איהם נאָטע וואָלף איבער די פּלייצעס.

דערנאָך, אַז מענדעל איז אַרויס צו די פֿערד, מאַכט נאָטע וואָלף אַזוי צו מתתיהו חרון:

— הער, גוטער ברודער!

— וואָס אַזוינס?

— עך, שטעל אַ נײַנציגער, מיר זענען דאָך עפּעס נישט פֿון הײַנט. וואָס געוועזען איז געוועזען. האָרך, גוטער ברודער, דײַן בחור געפֿעלט מיר, געפֿעלט מיר, ווי איך בין אַ יוד. אַ יונג וויל פֿערדינען אַ גראָשען, אַ יונג מיט ביינער, ער געפֿעלט מיר. מען זאָגט מענדעל חזיר, — חאַפּט זיי די חאַליעריע, ווער איז בעסער געווען אין זײַנע יאָהרען? מיר אַודאי נישט (מתתיהו חרון שמייכעלט). נישט אַזוי שבת אויפֿ'ן זשאַבלינער וועג... געדיינקסט, ברודער? — קיצעלט נאָטע וואָלף מתתיהו חרונ'ען.

— כ'געדענק, כ'געדענק, און וואָס ווילסט דו?

— וואָס איך וויל? גאָר נישט וויל איך. דײַן בחור וויל איך, אַ מויד האָב איך, ווי זי איז, איז זי, אָבער מײַן קינד איז זי, און ווער איך בין — ווייסט דו אויך. נישט קיין רב, נישט קיין דיין, נאָר — אַ פֿישער. און אַ פֿישער ביזט דו אויך, און ווי די פֿישערס פֿיהרען זיך, פֿיהרען זיי זיך, און אונזערע קינדער וועלען אויך פֿישערס זײַן מיט גאָטס הילף, און ווער עס וויל

נישט, זאָל זיך איפהעֶנגען. גיעב אהער די האַנד.
— האָסט דו די האַנד.
און צוויי נרויע בערד האָבען זיך צוקושט.

א'יף מאָרגענס, אַז בלומעלע האָט זיך געטראָפען מיט פײַנע שרה'ן איפ'ן פיש־מאַרק, זענען זיי אײַנע איף די צווייטע אַרײַפגעפאַלען, האָבען זיך צוקושט, און האָבען אָנגעהויבען צו וויינען, און דערמאָהנט די אבות. נאָטע וואָלף און מתתיהו חרון זענען געקומען צוגעהן פון גאַס, און האָבען גערעדט אַביסעל פון ווענ...

און נאָך דעם שבת איז מענדעל מיט גיט'לען איבער'ן געסעל געגאַנגען שפאַצירען, און „די שונאים האָבען געזעהן און די גאַל האָט זיי געפלאַצט פאַר עגמת־נפש"...

עס איז אַוועקגעגאַנגען אַ יאָהר, און אויפ'ן פיש־מאַרק איז צוגעקומען נאָך אַ שטעל. מתתיהו חרון האָט אַביסעל אָבגעלאָזט פון זײַנע קונים, נאָטע וואָלף פון זײַנע קונים, און אַ טישעל איז געווען אַ טישעל.

אַז מענדעל האָט חתונה געהאַט, איז ער געוואָרען באמת אַנ'אָרענטליכער מענש. קומט פריה דאַווענען אין חברה, זאָגט „גוט מאָרגען" אַלטע מענשען אין גאַס, און שעמט זיך שוין נישט זאָגען „לחיים" בײַ אַ גלעזעל בראַנפען.

און אַ סוד וועל איך אײַך אײַנרוימען: ער האַפט זיך טײל־מאָל אין אַ וואָכענ־טאָג אין די חברה צום „ברעטעל" איך צו...

בײַם וואָרקער מלמד איז די חברה קצבים און פישערס. פרײַטאָג צו־נאַכט צו דאַווענען קומט מען נאָך אין די וואָכענדיגע קליידער — עס פאַסט נישט פאַר אַ קצב פרײַטאָג צו־נאַכט אָנצו־טהון זיך אין שבת'דיגען — און מען שמועסט פון דעם הײַנטיגען מאַרק. מענדעל אָבער זיצט שוין צווישען די עלטערע בעלי־בתים און מען שמועסט וועגען שטאָדטישע ענינים. קומט צו אַ יונג און רופט מענדעלען אין אייער אַרײַן: „פינף און צוואַנציג קאָפיקעס אַ פונט פישלעך"... מענדעל מאַכט זיך נישט הערען. הייבט

דער חזן אָן צו דאַווגען, קוקט מענדעל אין סדור אַריַין און זאָגט וואָרט בײַ וואָרט. די יונגען, זײַנע גוטע ברידער פון פריהער, מאַכען דאָס אַ געלעכטער פון איהם: „קוקט מיר אָן מײַן אָרענטליכען מענש!“...

פאַר׳ן עמוד שטעהט מרדכי קצב, אַנ׳אַלטער גראָבער יונג, וואָס קומט תמיד פריהער פון אַלע, און חאַפּט זיך צו צום ברע־טעל. מענדעל איז איהם שטאַרק מקנא, נאָר ער ווייסט, אַז מרדכי וועט איהם נישט לאָזען צו דער עברי, לאָזט ער זיך בע־נוגענען מיט דעם, וואָס שבת נאָכ׳ן עסען בײַ זיך אין דער היים נעהמט ער דעם סדור אין האַנד אַריַין און זאָגט גיטלען „שטיקלעך“, ווי דער חזן זאָגט „הלל“ אָדער אַ „קדושה“ און מאַכט נאָך דעם חזנ׳ס טרעלען. הינטער׳ן פענסטער גנב׳נען זיך אונטער חברה, און אַז מענדעל האַלט אין רעכטען מיטען, גיט מען אַ געה אין שטוב אַריַין: „נו, נו, זאָג ווײַטער“..

מענדעל פערשעמט זיך, שאָקעלט מיט׳ן קאָפּ: גוט שבת.

מען ווייס נישט, ווי אַרום דאָס איז געוואָרען, און מענדעל שטעהט שוין פאַר׳ן עמוד פראַנק און פרײַ און איז מקבל שבת. קיינער לאַכט שוין נישט פון איהם, בײַ קיינעם איז שוין קיין חידוש נישט; אַ יוד איז אַ יוד, נאָר, אַז דער אַלטער מתתיהו חרון האָרכט זיך אײַן צו זײַן קדיש זאָגען בײַם דאַווגען, פער־טראַכט ער זיך אַ מינוט: ווער האָט עס איהם אויסגעלערנט דאָס? — זײַן מענדעל שטעהט פאַר גאָט און רעדט עברי ווי יודיש־טײַטש...

דער אַלטער דערמאָהנט זיך אָן טויטט, ווי זײַן מענדעל שטעהט דערנאָך און זאָגט קדיש נאָכ׳ן פאָטער, און גאָט האָרכט איהם אויס און פיהרט דעם אַלטען גלײַך אין גן־עדן — זײַן מענדעל!...

און דער אַלטער איז געשטאָרבען.

וואָס איז דאָרט געוואָרען מיט איהם אויף יענער וועלט נאָך מענדעל׳ס קדיש־זאָגען, ווייס איך נישט. איך ווייס נור, וואָס עס איז געוואָרען דאָ אויף דער וועלט מיט דער אַלמנה, וואָס דער אַלטער מתתיהו חרון האָט נאָך זיך איבערגעלאָזט.

זי האָט זיך איבערגעצויגען צום זוהן, צו מענדלען — גע־וואָלט אויף דער עלטער די אײַניקלעך האָדעווען, — איז זי דאָרט

געװוען אַ גאַנצען טאָג. עס איז געקומען נאַכט, האָט זי זיך פֿערבײַנקט אַהײם צו איהר אין שטוב, וואו זי האָט אָבגעװאױנט 62 יאָהר, נאָך דעם אױװען, וואָס זי האָט אין שטוב איבער־געלאָזט, נאָך דעם פלומפ, וואָס איז פֿאַר׳ן פֿענסטער, און די נאַרישע יורענע האָט אַ גאַנצע נאַכט נישט געקאָנט אײַנשלאָפֿען: די װענד זענען איהר פֿרעמד.

אויף מאָרגען אין דער פֿריה האָט מענדעל געמוזט נעהמען דעם אַלטען שראַנק מיט׳ן טיש און די אַלטע מאַשין מיט׳ן קאַסטען און צוריק עס אַװעקטראָגען אין איהר שטוב אַרײַן, וואו זי איז אָבגעזעסען נאָך 18 יאָהר, און האָט געקוקט דורכ׳ן פֿענסטער׳ל צום פּלומפּ, וואו מען שעפּט וואַסער. זי האָט זיך אַלײן תכריכים אויפֿגענײַהט און זײ פֿון צײַט צו צײַט זיך אָנגע־מאָסטען און געקוקט אין שפּיגעל אַרײַן, ווי זי זעהט אויס אין זײ.

געלעבט האָט זי פֿון די 10 דאָלאַר, וואָס די קינדער האָבען איהר פֿון „הינטען" אַהער געשיקט יעדען חודש, נאָר דאָך אַ שותּפ׳טע צו די פֿישלעך איז זי נאָך ביז הײַנטיגען טאָג.

זי לעגט יעדע וואָך אין געשעפֿט אַרײַן 3—2 גילדען. אַמאָל פֿערדינט זי אַ צעהנער׳ל, אַ מאָל לעגט זי צו אַ זעקסער׳ל.

און אַז מען פֿרעגט זי: „וואָס דאַרפֿט איהר נאָך מיט די פֿישלעך האַנדלען? אײַערע קינדער שיקען דאָך אײַך געלד פֿון אַמעריקאַ?... ענטפֿערט זי: „גיט׳ס נור אַ קוק — אָבלאָזען דאָס געשעפֿט פֿרעמדע — עס איז אונזער פּרנסה פֿון דור־דורות״...

מענשען און געטער.

גאָלדע די פֿישערין האָט געוואוינט אין שכנות מיט אַנטאָניאַ יאַבלאָנסקע אין דעם קליין=חורבה׳דיגען הייזעל, וואָס איז אוי=יענער זייט טייכעל, וואו די ווייבער וואַשען די וועש. אייגע ווי די אַנדערע זענען זיי שוין לאַנג אַלמנות פֿון די מאַנען און פֿערלאָזטע פֿון די קינדער זייערע, וואָס זענען זיך צופֿאָהרען אין דער וועלט.

גאָלדעס עלטערער זוהן, חיים קאַמאַשניק, איז אַמאָל אַהיים געקומען אויף חול=המועד צופֿאָהרען פֿון לאָדז, וואו ער האָט דאָרט געאַרבייט איבער׳ן זמן, און האָט זיך אין דער=שטיל אָנגעהויבען צו סוד׳ן מיט אַנטאָניעס זוהן, אַנטעק דעם סטאָליאַר. עס קומט נאָך יום=טוב, און דער יונג מאַכט זיך נאָך אַלץ נישט אין וועג אַריין צום מייסטער. נור ער דרעהט זיך, שטוב=איין שטוב=אויס. די מוטער האָט שוין פֿערשלאָסען דאָס ברויט אין קאַסטען און קריגט זיך מיט איהם. ערשט אין אַ שענער נאַכט זענען די צוויי בחורים, חיים און אַנטעק, פֿערפֿאַלען געוואָרען. מען זוכט אַהין, מען זוכט אַהער — נישטאָ די בחורים. אין ים אַריין. די יודינע קריגט זיך מיט דער גוי׳ע, די גוי׳ע מיט דער יודינע. די זאָגט: דיין זוהן האָט מיינעם אָנגערעדט; די צווייטע טענ׳הט פֿערקעהרט. אַזוי איז עס געווען ביז אין אַ שענעם זומער=פֿריה=מאָרגען. גאָלדע און אַנטאָניע שטעהען אַזוי פֿאַר דער טהיר פֿון הייזעל, און שלאָגען אָן מיט אַ פֿערטעל מעהל דעם באָרשטש אויף אָנבייסען, און ריידען זיך איינע פֿאַר דער צווייטער דאָס האַרץ אויס:

— וואו קאָנען זיי איצט זיין?

— אין ים אַודאי דערטרונקען געוואָרען.

— האָרעווע אויף קינדער פֿאַר די פֿיש׳ס צייהן!

— און אפשר לעבען זיי? גיט די יודינע אונטער מוט.

— אין אפשר לעבען זיי! העלפט די גויע אינמיר.

— און אפשר זענען זיי בעגליקט געווארען?

— און אפשר האבען זיי שוין זייערע אייגענע פעלדער און הייזער?

— און נאך דער ארימער מאמען איף דער עלטער העלפען? מיט אמאל קומט צוגעהן הנה׳לע, די בריעף־טרעגערין:

— גאלדעלע, גאלדעלע, גוטע בשורות זאלען אייך ווערען אנגעזאגט, עס איז דא א בריעף פאר אייך!

— פון וואנען א בריעף?

— א בריעף מיט א שיפעל, פון יענער זייט ים.

און זי האט איהר איבערגעגעבען א בריעף־פאקעט. פאר דער גוי׳ע איז אויך געווען א בריעף.

זיי האבען איפגעריסען די בריעף, ערשט זיי נעהמען ארויס צוויי פאטאגראפיעס. צוויי פריצים מיט קאפעלושען, האלטען שטעקעלעך אין איין האנד און גיבען זיך אב שלום־עליכם מיט דער צווייטער האנד.

די ווייבער קוקען אן די פאטאגראפיעס. זענען עס יא זיי, זענען עס נישט זיי? — דאכט זיך, עפיס גאר פערשטעלטע.

— מיין חיים, — חליפעט די יודינע ארויס אין א געוויין.

— מיין בלוט, מיין פלייש, — וויינט די גוי׳ע.

אז די ערשטע איבערראשונג איז אריבער, האט מען גענומען בעטראכטען די צירק געפינענע קינדער.

— מיין חיים האט זיך גארנישט פערענדערט, — זאגט די יודינע.

— מיין אנטעק אויך נישט.

— קוק נור אן די קייט איף דער וועסט, מיט די הענדשקעס, ווי ער וואלט זיין זונדעל׳ס א קינד.

— און זעהסט דו, ווי מיינער טראגט א צילינדער, ווי דער גראף דאנקעל.

— הע, יודיש בלוט, צום שלעכטען האט „דיינעם״ מיינער אנגערערט? אז נישט חיים, וואס פאר א עצה וואלט ער זיך גע־געבען, — זאגט די יודינע צו דער גוי׳ע.

— איך וויים נאך נישט דאס גליק, וואס איז מיט איהם; און גאל־דענע קייטען ציהרט ער זיך, און אן דער אלטער מאמען פערגעסען,

– מען דאַרף צו משה לעהרער געהן, ער זאָל די בריעף איבערלייענען.

ביידע ווייבער האָבען זיך אין די פּאַטשיילעס איינגעוויקעלט און צו משה לעהרער געגאַנגען מיט די בריעף. משה לעהרער האָט זיי פאָרגעלייענט, ווי די קינדער לאָזען הערען „פון זייער ליעבען געזונד, און דאָס נעמליכע ווינשען זיי צו הערען פון די ליעבע עלטערן". דערנאָך שרייבען זיי, אז זיי האָבען אָן די אַלטע מוטערם נישט פערגעסען. זיי האָבען גרויסע צרות איבער־געליטען, ביז זיי זענען געקומען אויף אַ שטיקעל מדרגה, און זיי ביידע אַרבייטען אין איין ווארשטאַט, און פערדינענ 15 דאָלאַר אַ וואָך, נור נישט שטענדיג איז פאַרהאַן אַרבייט, און זיי שיקען די מוטערם צו אַ פונט, און וועלען ווייטער אויך אָן זיי נישט פער־געסען. זיי ענדיגען די בריעף, אַז זיי זיצען אַ גאַנצע נאַכט און שרייבען די בריעף, נור אָט געהט שוין די לאָמפּ אויס, מוזען זיי די בריעף ענדיגען.

אין די בריעף זענען געלעגען צוויי בלאָהע שטיקלעך פּאַפּיער, פאַר וועלכע ליבוש שפּילעטער האָט נאָך גרוים מיה אויסגעצאָהלט פאַר זיי צו 7 רובל מיט פופציג גראָשען.

די ווייבער זענען נאָך יענעם טאָג אויפ'ן בית־עולם געגאַנגען אָנזאָגען זייערע מאַנען, אַז די קינדער זייערע האָבען זיך צוריק געפונען, און האָבען אָן די אַלטע מאַמעס נישט פערגעסען.

זוי האָבען געלעבט די צוויי ווייבער אין שכנות אַ צייט מיט יאָהרען נאָך די מאַנענס טויט און אַ צייט מיט יאָהרען פאַר די מאַנענס טויט אין דעם קליינעם חורבה'דיגען הייזעל, וואָס שטעהט אויף יענער זייט טייכעל, וואו די ווייבער וואַשען די וועש. דאָס קליינע הייזעל איז אַריינגעקומען אין שותפות צו דעם יוד און צו דעם גוי, איין גאָט ווייסט עס נור ווי אַזוי אַרום. גע־הערט, זאָגט מען, האָט עס צו אַ גלח, וועלכער האָט איבערגעלאָזט נאָך זיך זעקס „קעפ", און אַז די „קעפ" האָבען זיך צוטיילט, איז עפּיס דעם יודען ביי אַ גוי געלד געקומען, האָט ער עפּיס אָבגע־נומען איין חלק פון אַ„קאָפּ", – געגוג, עס איז אויסגעקומען, אַז אַ האַלב הייזעל געהערט צום יודען. דאָס הייזעל האָט געדראַפּט

אַ פֿײַער=וואַנד, וואָרום דער רעגען, וואָס האָט זיך אַראָבגעגאָסען פֿון פֿײַערשטײַנ'ס שפּײַכלער, האָט גלײַך אַראָבגעגאָסען איפ'ן הײַזעל'ס רעבעל, און דער רעגען האָט געבויגען די דינע ווענדטלעך אונטער זיך. דער גוי האָט שטענדיג געטענה'ט מיט'ן יודען, אַז דער יוד זאָל קויפֿען מאַטעריאַל, וועט ער אַלײן דערפֿאַר אינטערמייערן דאָס ווענדטעל. האָט דער יוד „פֿונקט" קײן געלד נישט געהאַט. און אַזוי האָט עס זיך אָבגעשלעפּט פֿון יאָהר צו יאָהר. דעם יודענ'ס חלק הײַזעל האָט שוין אויסגעצאָהלט נדן זײַנע צוויי טעכטער, וואָס זענען דערנאָך אַוועק מיט זייערע מאַנען, אײנע קײן אַפֿריקאַ, די צווייטע אַזש קײן קאַנאַדאַ, — און דאָס הײַזעל איז אַלײן געבליבען אָהן אַ פֿײַער=וואַנד.

דער גוי אָבער האָט זיך גענומען צײַט און וואו ער האָט אין גאַס אַנ'איבעריגען ציגעל, אַנ'איבעריגען שטײן געפֿונען, האָט ער געבראַכט אַהײם צושלעפּען. אַז עס האָט זיך געהאַט אָנגעזאַמעלט אַ רעכט ביסעל ציגעל, האָט ער זיך אַלײן גענומען פֿערמייערן זײַן חלק פֿײַער=וואַנד און האָט אָבגענויגט די רינע פֿון פֿײַערשטײַנ'ס שפּײַכלער איף דעם יודענ'ס חלק דאַך, אַזוי, אַז עס איז געוועזען אַ רעגען, האָבען זיך די דינע ווענדטלעך פֿון דעם יודענ'ס שטוב געשאָקעלט, און פֿון דאַך האָט אַזוי גערונען, אַז מען האָט געמוזט איף די בעטען, איפ'ן טיש און שאַנק טעפּ, טעלער, בעקענס און שיסלען אונטערשטעלען, עס זאָל אין זיי דאָס וואַסער אַרײַנרינען.

נור אַזוי בכלל האָבען דער יוד און דער גוי צווישען זיך געלעבט אין שלום, געקריגט זיך אין שלום. זיך געזידעלט און ווײַטער דערנאָך צוריק חבר געוואָרען. אין שלום האָבען איך געלעבט די גוי'ע מיט דער יודענע. פֿלעגט די גוי'ע געהן צו דער אַרבײַט און האָט איבערגעלאָזט איהר קלײנעם אַנטעק אין וויג, אין דער קלײנער גוי האָט געמאַכט געוואַלדען דעם הימעל נור צו שפּאַלטען, איז אַרײַן צו איהם די יודישע שכנה, וועלכע האָט דענסטמאָל געזויגען איהר חיים'ן, און האָט איהם איף די האַנד גענומען און געגעבען איהם פֿון איהר ברוסט. דער קלײנער חיים, וואָס זיצט איף דער מוטערס צווייטער האַנד, ווערט אײפֿערזיכטיג, און דער קלײנער יוד מיט'ן קלײנעם גוי הייבען אָן צו קוקען אײנער איפ'ן אַנדערן; אפשר האָבען זיי זיך שוין דענסטמאָל

אָבגעשמועסט צוזאַמען די רייזע קיין אַמעריקא צו מאַכען... איז פאַר אַ יום־טוב געקומען, פאַר אַ פּסח, למשל, אַז גאָלדעלע די פישערין האָט זיך פון שטוב אין הויף אַריינגעצויגען, און די קינדער, ווי די אינדיקעס, האָבען זיך צווישען די באַליעס צרום־געוואַלגערט מיט אַ געוויין, מיט אַ גוואַלד, — האָט די גוי'ע דער יודינעס אַ קינד אין שטוב צו זיך אַריינגעכאַפּט און געגעבען עס צו עסען פון איהר מיטאָג. די יודינע פלעגט דערנאָך דעם קינד'ס מויל שייערן, רייבען און כשר'ן מיט הייסע שטיינדלעך, און דער יונג פלעגט דערביי מאַכען געוואַלדען ביז צום הימעל... איז ביי איינער דאָס קינד קראַנק געוואָרען, האָט עס די צווייטע אָבגעהיט, געלאָפען צום פעלדשער, רפואות געבראַכט. אין נויט האָט איינע דער אַנדערער אַ גראָשען געלד, אַ לעבעל ברויט און אַ טראָפּען מילך געבאָרגט.

נור די געטער פון די צוויי שכנים האָבען נישט געקאָנט לעבען צווישען זיך אין שלום און האָבען אָנגעמאַכט גרויסע מחלוקת'ן צווישען די שכנים.

איז געקומען אַ יום־טוב פון איין גאָט, האָט עס דער צווייטער גאָט נישט געקאָנט דערליידען. למשל, אַזוי אַ גאַנץ יאָהר, גאָר־נישט, לעבט מען זיך אין שלום; קומט אָבער ביי דער גוי'ע אַ יום־טוב, די קריסטוס־נאַכט, און פון דעם גוי'ס שטוב איז אויפ־געגאַנגען דער געשמאַק פון זייערע נייע געריכטען, האָט די יודינע געדרעהט מיט דער נאָז... און אַז דער גלח איז געקומען מיט'ן הייליגען וואַסער „בעשווענצען" די „פּלאַצקעס", האָט די יודינע די קינדער פערשלאָסען צו זיך אין שטוב און זיי נישט אַרויסגעלאָזט. אַז די יודינע האָט דערזעהן דאָס אָבגעפּרעגעלטע חזיר־קעפּעל, וואָס פון די אויגען־לעכער האָט גרינס אַרויסגעשטאַרט, האָט איהר אָנ־געהויבען צו נודיען, און זי שפּייט אַ גאַנצען טאָג.

— אָ, אַ יום־טוב ביי זיי! אַזאַ שוואַרץ יאָהר זאָלען זיי מיר האָבען — פלעגט די יודינע זאָגען און אַ גאַנצען יום־טוב נישט ווייזען זיך דער גוי'ע פאַר די אויגען.

איז ווייטער געקומען אַ יודישער יום־טוב, אַ פּסח, און די יודינע האָט די פיש געקאָכט, האָט די גוי'ע די טהיר פערהאַקט ביי זיך אין שטוב:

— זשידאָווסקי פּאַרשיווע סוויענטאַ, סעניאַ זאַסמאָהטשילי!

און אַז מען האָט געבראַכט די מצות, — האָט די גוי'ע איהרע קינדער אַרײַנגעחאַפּט אין שטוב און די טהיר פֿערשלאָסען.

און שבת אויף־דער נאַכט, אַז די יודינע האָט די פֿיש אויפ'ן טיש אַרויפֿגעשטעלט און די שבת־ליכט האָבען זיך געברענט, און איהר ברוך האָט זמירות געזונגען, האָט די יודינע דורכ'ן פֿענסטער אַרויסגעקוקט, און דערזעהענדיג, ווי דער „גוי" שלעפּט די טאַטשקע מיט זאַמד און אין זאַק אַרומגעוויקעלט, פֿלעגט זי זיך אָנרופֿען צום מאַן:

— עס איז עפּיס טאַקע בײַ זײ קײן שבת נישט. אַ אומה עפּיס!...

עס איז אַוועק אַ לאַנגע צײַט. די שכנות האָבען זיך פֿערעלטערט. די קינדער זײערע אין אַמעריקאַ, חיים און אַנטעק, זענען ווײַטער ערגעץ־וואו פֿערפֿאַלען געוואָרען און האָבען אויפֿגעהערט צו שרײַבען בריעף, צו שיקען פֿאָטאָגראַפֿיעס און שטיקלעך פּאַפּיר, פֿאַר וועלכע דער שפּילעטער זאָל אויסצאָהלען זיבען רובל מיט פֿופֿציג גראָשען. די גוי'ע, אַזוי ווי די יודינע, האָבען ווײַטער איינע דער צווייטער פֿאָרגעוואָרפֿען. די זאָגט: אַז „דײַנער" האָט „מײַנעם" אָבגערעדט, און די צווײטע טענה'ט פֿערקעהרט.

נור דער יודינע'ס טייל הײַזעל איז אינגאַנצען אײַנגעלעגט געוואָרען אונטער דער רינע פֿון פֿײַערשטיינ'ס שפּײַכלער. דאָס דעכעל איז געפֿאַלען אויף די פֿיער ווענדטלעך, וועלכע האָבען זיך געטרייסעלט און געשאָקעלט זיך צום אײַנפֿאַלען בײַ דער לײַכטסטער בעוועגונג. דער קוימען פֿון אויווען איז אינגאַנצען צובראָכען געוואָרען, און דער רויך פֿון דעם אויווען פֿלעגט אָנפֿילען די גאַנצע שטוב. פֿון דעם האַלבען רובל אַ וואָך, וואָס דער שותף און דער מחותן, ר' מתתיהו חרון, צאָהלט איהר אים איהר טייל ריוח (אַזוי איז שוין בײַ זײ, בײַ די פֿישערס, אַ מנהג, אַז מען צאָהלט דער אלמנה אַ טייל ריוח, חאָטש זי האָט אין געשעפֿט קײן געלד נישט אַרײַנגעלעגט, נור פֿאַר חזקה), קאָן זי קוים אויסקומען מיט ברויט און מילך, מיט אַ שטיקעל פֿלײַש אויף שבת, און דערפֿון צאָהלט זי נאָך צוואַנציג גראָשען אַ וואָך חנה'לען דער קרעמערין פֿאַר לײַוונט אויף תכריכים, אויף נאָך הונדערט און צוואַנציג יאָהר... מילא, זומער האָט זי געלעבט אין איהר טייל שטוב, ווי ווײַט זי האָט געקאָנט. עס איז אָבער געקומען ווינטער. דאָס

פֿרעסטעל נעהמט. זאָל זי זיך אפשר אַרייַנציהען צום שותף און מחותן ר׳ מתתיהו חרון, אַז בלומע׳לע די מחותנ׳עסטע (אַ יודינע פֿון אַכציג יאָהר) זאָל פֿון איהר נקמה דערלעבען?—געמוזט אָנקומען צו מיין טיש!—איז איהר נישט געבליבען קיין אַנדער עצה נור איבערצעווינטערן ביי דער גוי׳ע אין אַ ווינקעל שטוב. חאָטש אַגוי׳ע, „נור אַ גוטער שכן איז פֿיעל בעסער, ווי אַ ווייטער קרוב״.

די גוי׳ע האָט זי צוגענומען מיט׳ן גרעסטען כבוד, און האָט איהר אָבגעגעבען דאָס ווינקעל ביים אייווען. קיין סך פֿון איר שטיבעל האָט זי נישט געהאַט איבערצוטראָגען. די ווינטערדיגע קאָלדרע, די צוויי שבת-לייַכטערלעך, דאָס עלמעריל, די טערקעשע שאַל מיט דער שבת׳דיגער הויב און דאָס „קעסטעלע״.

האָט די יודינע געוואוינט אין ווינקעל שטוב ביים אייוועך. אין צווייטען ווינקעל ביים פֿענסטער, איבער דער גוי׳עס בעט, איז געהאַנגען אַ „הייליג בילד״, פֿאַר וועלכען עס האָט זיך אַ לעמפעל געברענט.

די יודינע האָט מורא געהאַט אַהין צו קוקען אין דעם ווינקעל, וואו עס העננגט דאָס בילד. זי זינדיגט מיט די אויגען ... אָט ווערט זי שוין בלינד... און דער קריסטוס-קאָפּ, וועלכער איז געווען אַרומגענומען מיט אַ שטעכעדיגען צוויַיגען-קראַנץ, האָט זיך איהר געדאַכט, שטעכט פֿון דער-ווייַטען... דאָס אַלטע יום-כפור׳דיגע מחזור, אַ ירושה פֿון איהר מאַמען, וואָס זי האָט מיט זיך געהאַט, האָט זי אין טערקישען טוך איינגעוויקעלט, אַז די גוי׳ע זאָל עס נישט זעהען, און אַז עס איז געקומען אויף-דער-נאַכט, צום קריאת-שמע לייענען, האָט זי פֿאַר איהר ווינקעל דאָס קעסטעלע אַנידער-געשטעלט—א מין מחיצה געמאַכט, אַז דאָס קריסטוס-בילד זאָל נישט הערען איהר תפילה...

מיט דער גוי׳ע איז אויך דאָסזעלבע. אַז עס איז געקומען אויף-דער-נאַכט און זי האָט געדאַרפֿט איהר געבעט מאַכען, האָט זי אָבגעוואַרט ביז די יודינע וועט שוין איינשלאָפֿען, און האָט פֿערשטעלט איהר טייל ווינקעל, אַז די יודינע מיט איהר גאָט, וואָס זי האָט דאָרט אין קעסטעלע, (דאָס מחזור, וועלכעס איז אַרומגעוויקעלט אין טערקישען טוך) זאָל חלילה נישט דערהערען אַ וואָרט.

עס איז געקומען דער ערשטער פֿרייַטאָג-צו-נאַכט. די יודינע האָט זיך גענומען אָנגרייטען צו ליכט-בענטשען אין איהר ווינקעל.

זי האָט אַ טישטוכ׳ל אויסגעשפּרייט איבער׳ן קעסטעלע, —האָט אויס־געשטעלט איהרע צוויי לייכטערלעך, ליכט אַריינגעשטעלט, האָט זיך אָנגעטהון אין די שבת׳דיגע הויב, און האָט זיך גענומען זאָגען די תחינה. דער גוי׳ע האָט עס אין האַרצען שיין פערדראָסען, — ביי איהר אין שטוב מאַכט מען אַ יודישען יום־טוב. דאָך אַרויס־ווייזען ווענט זי דאָס נישט. נאָר זעהענדיג, אַז די יודינע דאַווענט פאַר איהר גאָט האָט זי זיך פאַר׳ן הייליגען בילד אַ אַנידערגעקניעט אין אָנגעהויבען זיך צו „מאָדליען" פאַר איהר גאָט און אין האַרצען זיך געשלאָגען... די יודינע האָט עס נישט געקאָנט איבער־טראָגען: פינקט ווען זי בענשט איבער די ליכט.

נאָכ׳ן ליכט־בענטשען האָט די יודינע זיך אַ חלה אַוועקגע־לעגט אויפ׳ן טיש, מיט אַ טעלער׳ל פישלעך, וואָס אַ שכנה שיקט איהר אַריין אויף יעדען שבת.

די גוי׳ע האָט זיך שיין געהאַט אויפגעהויבען פון הייליגען בילד און איז צוגעגאַנגען צו דער יודינעס טישעל. די יודינע האָט זי מיט פישלעך מכבד געווען, האָבען זיי ביידע געגעסען און גע־שמועסט פון פערשידענע זאַכען.

אין שטוב איז געגוג וואַרים געווען. די גוי׳ע האָט שטאַרק דעם אייווען געהייצט אויף שבת פון דער יודינעס וועגען; די ליכט האָבען געברענט אויפ׳ן טישעל, און אין צווייטען ווינקעל איז דאָס לעמפּעל פאַר׳ן הייליגען בילד פערלאָרען געוואָרען אין האַלבען שאָטען. די ווייבער זענען געזעסען, האָבען פאַמעליך די פישלעך געגעסען, אַז זיי זאָלען קיין ביינדעל נישט אַראָבשלינגען, און האָבען פאַמעלעך געבאָלבעט וועגען פערשידענע זאַכען, לשון־הרע אויסגערעדט אויף שכנות, ביז עס איז צו־רייד געקומען וועגען זייערע קינדער דאָרט ווייט. האָבען געקלערט, וואו זיי זענען אַהינגעקומען, וואָס עס טהוט זיך מיט זיי.

— וואו קאָנען זיי איצט זיין? — פרעגט די גוי׳ע.

— אין ים אודאי דערטרונקען געוואָרען — ענטפערט די יודינע.

— האָדעווע אויף קינדער פאַר די פיש׳ס צייהן — וויינט די גוי׳ע.

— און אפשר לעבען זיי? פערליערט די יודינע דעם מוט נישט.

— און אפשר לעבען זיי? — העלפט די גוי׳ע אונטער.

– און אפשר זענען זיי בעגליקט געוואָרען? – וויל האָפען די יודינע.

– און אפשר האָבען זיי שוין זייערע אייגענע פע׳דער און הייזער, – געהט די גוי׳ע ווייטער.

— גאָט וועט העלפען, — איז מבטיח די יודינע.

— גאָט וועט נישט פערלאָזען, — העלפט אונטער די גוי׳ע.

און זיי פערגעסען איין מינוט, וועלכער גאָט, צי דער דאָ ביי די שבת-ליכטלעך, צי יענער דאָרט אין פערגעבעלטען ווינקעל, און זיי ווערען איינגעשלאָפען מיט גאָט׳ס נאָמען אויף די ליפען און מיט בטחון אין הארצען אויף דעם קליינעם קעסטעלע, וואָס איז פערשאָטען מיט ביינדלעך פון פיש און ברעקלעך פון דער חלה...

אין דעם קליינעם שטיבעל האָבען צוויי געטער געצאַנקט — די קליינע שבת-ליכטלעך ביים טישעל און דאָס קליינע לעמפעל פאַר׳ן הייליגען בילד, און זיי זענען אין דער-שטיל, אין דער-שטיל אויסגעגאַנגען... אַלעס איז געגאַנגען זיך שלאָפען לעגען, און איז איינגעשלאָפען אין דער טונקעלער וואַרימער נאַכט פון פרייטאָג-צו-נאַכט...

אַה, אַ הר געטער, איהר האָט מלחמה צווישען מענשען איינגעפיהרט, און מענשען האָבען צווישען אייך שלום געמאַכט...

אַ הֵיים.

I.

זבולון מאיר גערעַנקט נאָך פֿון דער הײם דעם באָבעס קאַבטעַן, וואָס שטעהט צווישען דעם טאַטענס און דער מאַמעס בעט. דאָרט פֿלעגט זיך זבולון מאיר בעהאַלטען, ווען דער פֿאָטער האָט איהם געוואָלט שלאָגען. מיט שרעק פֿלעגט ער אַרויסקוקען פֿון דאָרט אויף דעם שפּינבעוועבטען באַלקען און אויף דאָס קלײנע פֿיערעקענדיג פֿענסטעריל מיט די צובראָכענע שויבען, וועלכע זענען מיט אַנ׳אַלט טוך פֿערדעקט־ער גערעַנקט, ווי די טראָלטען פֿון דער טוך זענען ווינטער פֿערפֿרוירען אין דעם אײַז, וואָס ליעגט אַרום די רעהמען. אויף דעם טוך ליעגט דאָס לאָקשען־ברעט, כּדי דער ווינד זאָל דאָס טוך נישט אַוועקשאַרען.

די מאַמע איז קײנמאָל אין דער הײם נישט געווען — אַ וועשען איז זי, פֿלעגט זי תּמיד פֿריה אַוועקגעהן צו דער אַרבײט, אײדער זבולון מאיר האָט נאָך די אויגען געעפֿענט, און אויף דער נאַכט קומט זי תּמיד אַהײם זעהר מיער, זיצט אויפֿ׳ן בעט און עטהעמט שווער. זבולון מאיר פֿלעגט זיך צו איהר צוקוקען, גלעטען זי, ציהען בײַ דער שירץ, און שטום קוקען אויף איהר. טײלמאָל ענטפֿערט איהם די מוטער מיט אַ ליעבליכען בליק אָב, זי גיעט איהם צוריק אַ גלעט מיט דער האַנד אויף זײַן באַק; טײלמאָל אָבער, אַז זי איז שלעכט אויפֿגעלעגט שטופּט זי איהם פֿון זיך אַוועק, און לעגט זיך שלאָפֿען.

געקאָכט האָט די באָבע, און מיט איהר קריגט ער זיך תּמיד. זי פֿער׳מסר׳ט איהם פֿאַר דעם פֿאָטער, אַז ער וויל איהר קײן וואַסער נישט ברענגען, אַ בינטעל האָלץ צו האַקען אָדער אין אַזוי אַ שליחות געהן.

ביז אַלט יאָהר איז זבולון מאיר בײַ'ם פֿאָטער געװעזען און האָט צוליעב געװוּמען דעם פֿאָטערס קלעפּ, די באָבעס שילטען פֿאַר דעם ברױט מיט די קאַרטאָפֿלעס, װאָס ער פֿלעגט אין דער שטיל, װי אַ הונד, אַװעק'גנב'נען.

הױבט די זון אָן צו שיקען דורך דאָס קלײנע פֿענסטעריל איהרע װאַרימע שטראַהלען נאָך דעם לאַנגען, טרױעריגען און װיסטען װינטער, װײסט אױך זבולון מאיר, אַז דער זומער איז געקומען, לאָזט ער זיך אין דער שטיל פֿון שטוב אַרױס און קומט אין גאַס אַרײַן. ער זעהט זיך מיט װעלװיל באָק, ליביל פּשאָרעק, װעלכע פֿלעגען נאָכלױפֿען נאָך פֿוהרען קױהלען און אַראָפּטאַפּען שטיקער קױהל. ליביל פּשאָרק האָט געהאַט אַנ'אונטערגעשלאָגען אױג פֿון אַ שטאַרקען שמיץ, װאָס אַ פֿוהרמאַן האָט איהם גע־געבען מיט דער בײַטש.

זײ האָבען זיך מיט איהם שטאַרק געפֿרעהט. זײ האָבען איהם געקענט נאָך פֿון דעם פֿאַראַיאָהריגען זומער, האָבען זײ איהם מיט־גענומען און אַרומגעשלעפּט מיט זיך אַ האַלבען טאָג. עס האָט איהם זיך אױך אײַנגעגעבען אַראָבצוחאַפּען אַ שטיק קױהל, — ער האָט דאָס צוגעלעגט צו זײַערע שטיקער קױהלען, װעלכע זײ האָבען בעהאַלטען הינטער דער בריק, װאָס איז אױף דעם קראַ־שענװיצער װעג. זבולון מאיר'ן האָבען זײ איבער געלאָזט, אַז ער זאָל אַכטונג געבען אױף די קױהלען — דערפֿאַר האָבען זײ איהם צוגעזאָגט אַ חלק אין פֿערקױף — און זײ האָבען זיך װײַטער נאָך די פֿוהרען נאָכגעלאָזט.

דערנאָך זענען זײ די קױהלען געגאַנגען פֿערקױפֿען, קריגען זײ דרײַ גילדען, זבולון מאיר בעקומט צעהן קאָפּיקעס פֿאַר זײַן טײל און איז גליקליך.

קומט ער אַהײם. די באָבע פֿאַלט אױף איהם אָן:

— שמר'ניק אַ קרענק זאָל דיר חאַפּען, װאו ביזט דו געװעזען אַ גאַנצען טאָג?

— עסען גיעב מיר, — ענטפֿערט ער איהר אָב.

— קרענק װעל איך דיר געבען, — בעקומט ער אַנ'ענטפֿער.

און זבולון מאיר לאָזט זיך צו צום שענקיל און חאַפּט זיך צום ברױט, די אַלטע װיל עס איהם אַרױסרײַסען, ער גיעט איהר אַ שטופּ, זי פֿאַלט אום, און הױבט אָן שרײַען.

— איף טױזענד שאָק כּפּרות דאַרף איך אײַך שױן — האָט זבולון מאיר אַ געשריי געטהון אַרױסלױפענדיג פון שטוב.

אין גאַס איז פרעהליך, די ליבטיגע זון שײַנט — צעהן קאָפּי־קעס האָט ער אין קעשענע און איהם איז גוט.

עס קומט אָבער פאַר נאַכט, אַ קאַלטער ווינד בלאָזט.

— וואוהין געהט מען נעכטיגען? — טראַכט ער זיך, — אַהיים בשום אופן נישט.

נאָר באַלד טרעפט ער ליביל׳ן מיט וועלוויל׳ן. ער דער־צעהלט זיי זיין זאָרג.

— אַ געשעפט האָסט דו, ווערסט מיט מיר נעכטיגען אין בית־המדרש, — זאָגט צו איהם וועלוויל. — דער גאַנצער קאַסטען „שמות״ איז מײַן.

אין בית־המדרש האָט זיך זבולון מאיר׳ן נישט געגלוסט צו נעכטיגען, ער האָט מורא געהאַט, טאָמיר וועט דער פאָטער איהם דאָרט זוכען.

מיט געטומען האָט איהם ליביל מיט זיך אין ר׳ ישכר בייר קצב׳ס שטאַל אַריין. ביי נאַכט איז עס געווען. זיי האָבען זיך דורך דעם טרוקענעם רינשטאָק הינטערן פּלייט אַרונטער געלאָזט, דערנאָך האָבען זיי ביידע אַרױפגעקלעטערט אויף דעם קליינעם פּלייטיל, וואָס שטעהט בײַם שטאַל; פון דאָרט האָבען זיי זיך אַרײַנגעכאַפּט אין אַ בוידעם־לאָך.

— האַלט דיך אָן אין דראָנג און לאָז דיך אַראָב, — שרײַט צו איהם ליביל, זבולון מאיר איז אָבער נישט גוט געניט געווען, איז ער אַראָבגעפאַלען און האָט זיך צוקלאַפּט.

דאָך האָט ער גאָר נישט געשריען און איז געבליבען רוהיג ליעגען.

— האָסט דיר אַ שטאַרקען קלאַפּ געגעבען, זבולון מאיר? — פרעגט איהם ליביל.

— דאַכט זיך אַ ביסל — ענטפערט אין דער שטיל זבולון מאיר.

— וואַרט, איך וועל דיר איהם אײַנקוועטשען, — זאָגט ליביל, און שפּאַרט אַרויף איהם זײַן האַנד און קוועטשט זבולון מאיר׳ן דעם שטערען.

— שױן גענוג, עס טהוט וועה — ענטפערט יענער.

— נאַ דיר אַ בינטע, היי לעג דיך איף יענער זײַט

קאָרטשמע אײַן די פּיס, אַז דער אָקס זאָל דיר קײן דריק ניט געבן — װאָרענט איהם זײַן חבר.

זבולון מאיר איז געלעגען אױפ'ן בינטעל הײ, װאַרימער איז איהם געװען אין שטאַל, װי אין דער הײם אין קעלער, און גע־קלערט האָט ער בײַ זיך, פאַר װאָס ער איז שױן לאַנג אױף דעם פּראָיעקט נישט געפאַלען.

אױף מאָרגען אין דער פריה האָט איהם אױפגעװעקט אַנ־עמער קאַלטװאַסער, װאָס ישכר קצב האָט אױף זבולון מאיר'ן אַרױפגעגאָסן, װען ער האָט איהם געפונען אין זײַן שטאַל.

זבולון מאיר חאַפּט זיך אױף, קוקט זיך אום, װײסט נישט װאו ער איז. נאָר באַלד איז ער צו זיך געקומען, האָט זיך אױפ־געהױבן און איז אַנטלאָפן.

אַזױ האָט זיך זבולון מאיר אַרױסגעחאַפּט פון טאַטענס רשות און איז געװאָרען אַ גאַסען־יונג.

ער האָט גאַנץ גוט געװאוסט, אַז עס װעט נאָך איהם קײנער נישט בענקען, און אַז איצט איז ער אײנער אַלײן. אַרײַנטרעטענ־דיג אין לעבן, האָט זבולון מאיר אָנגעהױבן טראַכטען װעגען אַ תּכלית אױף שפּעטער. נאָכלױפענדיג נאָך די פוהרען קױהלען — קלערט בײַ זיך זבולון מאיר, אַז דאָס איז קײן געשעפט נישט, אַז מען מוז װעגען עפּיס אַנדערש קלערען.

און געפאַלען איז ער אױף אַ געדאַנק: ער װעט אַראָב צו דער באַהן און װערען אַ פּעקיל־טרעגער.

אױף די שמיטץ פון די בעלי־עגלות בײַטשען און די קלעפּ פון דעם זשאַנדאַר'ס שװערט האָט ער נישט געקוקט — צו קלעפּ איז ער געװאָהנט געװאָרען פון זײַן קינדהײַט אָן.

און זבולון מאיר קומט אַראָב צום באַהנהױף. די בעלי־עגלות זענען איהם מכבד מיט דער בײַטש — זבולון מאיר שטעהט אָבער און װיל נישט אָבטרעטען, ער רײַסט אַרױס דאָס פּעקיל פון פּאַ־סאַזשירם האַנד און לױפט פאָראױס אַהײם.

עס האָט נישט לאַנג געדױערט, די אַלטע פּעקיל־טרעגער'ס זענען מיט איהם געװאױנט געװאָרען, מײַן זבולון מאיר האָט שױן אָנגעהױבן אַלײן אױסקוקען פרישע, װאָס זענען אַראָבגעקומען צום באַהנהױף.

און זבולון מאיר האָט זיך געפיהלט גאַנץ צופריעדען —

טאַקע דאָס פּערדיענסט איז נישט זעהר גרויס – א גילדען א טאָג, נאָר איך ברויט איז עס גענוג, און מען דאַרף פאַר קיינעם קיין מורא נישט האָבען.

נאָר קוקענדיג אויף די חברה שמייסערס – מיט זייערע לאַנגע שטיוועל, ווי זיי זיצען פון פאָרענט, האַלטען די בייטשען און שמייסען די פערד – האָט זיך זבולון מאיר דורכאויס פערגלוסט צו ווערען אַ שמייסער.

„אַ שמייסער, טראַכט ער ביי זיך, – איז עפּיס גאָר אַן אַנדער זאַך. איך פאָהר מיר, מען האַפּט אַ פאַרשיינדיל אינטערוועגס, מען פערדיענט אַ פערציגער, אַ צוויי גילדענעס אָהן בעל-הבית ווִיסען – עס איז גאָר אַן אַנדער לעבען"

ווי אַזוי אָבער?

און זבילון מאיר האַפּט זיך דערוויילע צו צו נאָטע שאַל-לינער'ס וואָגען. גלייך ווי נאָטע קומט נור צופאָהרען, זבולון מאיר איז שוין דאָ, העלפט די פערד איסשפּאַנען, לויפט נאָך איין עמער וואַסער, נאָך אַ בינטעל היי, שיט אָן פאַר די פערד האָבער און ליעגט איפּ'ן וואָגען ביז צו דעם צווייטען צוג.

די שמייסער'ס ווייסען זיין מיין, פריוען זיי איהם פערזאָגען מיט דער בייטש. עס העלפט אָבער גאָר נישט, זבילון מאיר נעהמט אַלס צוליעב.

נאָטע פלעגט איהם דערפאַר ערלויבען מיט די פערד געהן צום וואַסער, באָדען זיי, אַמאָל אַליין איהם לאָזען צו דער באַהן אראָבפאָהרען...

אָבער נישט דאָס מיינט זבולון מאיר.

דערווייל רוקט זיך אָבער צו דער ווינטער, דער הימעל איז פערחמאַרעט, עס זענען נאָכאַנאַנד קאַלטע ווינטען, און די קעלט בלאָזט איהם אריין דורך די לייכטע צוריסענע מלבושים. די שטיי-נער זענען געפרוירען, און די נאַקעטע פיס קענען איהם זיי נישט שטעהן. אמת, די הויט פון די פיס איז זעהר דירב'ן זומער פער-גרעבט און פערשטיינערט געוואָרען אַזוי, אַז נישט אַזוי גרינג וואָלט אפילו אַ צוואָק פון דער וואַנד אָדער אַ שפּיציגער שטיין פון דער ערד זי דורכגעלעכערט אָדער פערוואונדעט, אָבער דאָך איז עס מענשענפלייש און די שטיינער זענען געפרוירען

שטעהט ער אויף דער גאַס, איין פּוס האַלטענדיג אויף דעם צווייטען, און ציטערט פאַר קעלט

אַהיים אָבער וויל ער בשום אופן נישט געהן.—

נאָר אַז עס איז געקומען דער ערשטער שניי, און ער האָט געזעהען, אַז עס איז קיין ברירה נישט דאָ, איז ער אַוועק אַהיים.

דער פאָטער זיינער איז אָבער שוין געוואוינט געוועזען אָהן איהם, זבולון מאיר קען זיך זיין ברויט שוין אַליין פערדיענען, האָט ער איהם ווייטער אין גאַס געשיקט, נאָר אויף דער נאַכט, ווען די מוטער איז אַהיים געקומען און האָט איהם געפונען ליעגען אין הויז און וויינען— האָט זי איהם אין שטוב אַריינגענומען, אויס־געבעט איהם ביין אויווען, און געגעבען איהם עסען.

אַ גאַנצע נאַכט האָט זי זיך מיט דעם מאַן געקריגט איבער איהם.

זבולון מאיר אָבער האָט שוין נישט געקענט אַריבערטראָגען דאָס אונטערטהעניגקייט... מען דאַרף זיך איבער איהם קריגען... ניין, האָט ער ביי זיך בעשטימט.

אויף מאָרגען איז זבולון מאיר אַראָב אין שניי צו דער באַהן. דערזעהענדיג נאָטען, איז ער צוגעגאַנגען צו איהם.

— ר׳ נאָטע, — האָט ער אָנגעהויבען – נעהמט מיך מיט אין אייער שטעדטיל בחנם, נור בלויז פאַר עסען און נאַכטלעגער.

— איך וויים נישט, אויב דו ביזט עס ווערט, — האָט נאָטע איהם געענטפערט.

זבולון מאיר האָט אויף איהם געקוקט.

— נאָר איך וויים,— האָט אויסגעלאָזט נאָטע, קראַצענדיג זיך אין קאָפּ, — איך וועל פריוועען, פאָהר מיט.

זבולון מאיר האָט איהם גאָר נישט געענטפערט, נאָר גע־קוקט אויף איהם. געקוקט אויף די פערד און געשמייכעלט.

פאַר׳ן אַוועקפאָהרען איז ער אַריין אין קעלער זיך געזעגענען.

קומט ער אַריין און געפינט קיינעם נישט און אויף אַ צוואָק אויפ׳ן וואַנד העננט אַ פּאָר שטיוועל.

זבולון מאיר קלערט עפּיס, און מיט האַרצקלאַפּונג חאַפּט ער די שטיוועל און לויפט אַרויס, מיטנעהמענדיג מיט זיך אויך דאָס אָנגעהויבענע ברויט, וואָס איז געלעגען אויפ׳ן טיש.

אין דער טהיר האָט ער געטראָפען די באָבען, יענע האָט

עפּיס פאַרשטאַנען און אָנגעהויבען שרייען. נאָר זבולון מאיר איז שוין לאַנג נישט דאָ געווען.

איפּ׳ן וועג איז ער אַריין אין זונדיל דעם גביר׳ס קיך. וויאו די מאַמע זיינע וואַשט דאָרט. נאָר דערזעהענדיג איהם, האָט די מוטער איהם פון דאָרט מיט אַ שטיק האָלץ אַרויסגעיאָגט. — ווייניג האָב איך אייך, בעקקערטיס, אין דער היים, דאַרף איך אייך נאָך דאָ ביי דער אַרבייט, — האָט זי געשריען.

און ער, שטעהענדיג הינטער דער טהיר, האָט אַריינגעשריען אין קיך אַריין:

— מאַמע, בלייב געזונד, איך פאָהר אַוועק.

די מוטער האָט געמיינט, אַז ער זאָגט דאָס זי צו רייצען, האָט זי איהם געענטפערט:

— פאָהר און צוברעך הענד און פיס.

שפּעטער, אַז די מוטער האָט אַרויסגעקוקט דורך דעם פענס־טער און געזעהען, ווי דער שניי דרעהט, האָט זי זיך עפּיס דער־מאָהנט, און געקרעכצט:

— חאָטש איהם אַ טיכעל מיטגעגעבען, אַזעלכע וועטער׳ן.

אַרויספאָהרענדיג פון דער שטאָדט, וואַרפט זבולון מאיר אַ בליק איף דאָס לעצטע הייזיל, וואָס שטעהט הינטער דער שטאָט — און געקוקט האָט ער, אַזוי ווי געוואָלט זאָגען: בלייב געזונד.

ביי נאַכט איז ער אַריינגעקומען אין שטעדטיל. נאָטע׳ס ווייב האָט איהם עסען געגעבען — און געגאַנגען נעכטיגען איז ער אין שטאַל.

ליגענדיג אַזוי אין שטאַל איף דעם היי — האָט זבולון מאיר נישט געקענט איינשלאָפען — (איף אַ נייע געלעגער גלוסט זיך נישט צו שלאָפען), עפּיס האָט איהם דאָס האַרץ געקלעמט נישט ווי־סענדיג אליין פאַר וואָס.

פון אַ שפּאַלט שיינט אַריין אַ בלאַסער שיין פון אַ נאַכט־לאַמטערנע. פלוצים הויבט ער זיך איף, געהט צו צו די פערד, ער דערלאַנגט אַ גלעט מיט דער האַנד איפּ׳ן פערדס האַלז. דאָס פערד הויבט איף דעם קאָפּ. גיט זיך אַ שאָקיל און צוהירזעט זיך איף אַ קול—בר—ר—ר.

דערנאָך איז ער צוריק צו צום בינטעל היי — און מיט דעם

גערּאנק, אַז גאַנץ לאַנג, גאַנץ לאַנג וועט איהם די שטאַל זײַן פאַר אהײם, און די פערד פאַר ברידער, האָט ער דאָס בינטעל היי צו זײַן האַרץ צוגעדריקט און איז אײַנגעשלאָפען.

II.

זבולון מאיר איז בײַ נאָטען שוין אַ גאַנצער פּריץ. ער קריעגט צו עסען, צו טרינקען, אויף אַלע פּסח אַ זומערדיגען קאָסטיום מיט אַ פּאָר קאַמאַשען, אויף אַלע סכּות אַ ווינטערדיגען קאָסטיום — מיט אַ פּאָר שטיוועל, מיט לאַנגע חאָליוועס.

זבולון מאיר איז צופריעדען, דערהויפּט איז ער צופריעדען מיט זײַן קניפּיל, וואָס ער מאַכט פון די פּאַסאַזשירען, וועלכע ער נעהמט אויף אויפ'ן וואָגען הינטער דער שטאָדט אָהן דעם בעל־הבית וויסען.

אין דעם שטעדטיל איז ער געוואָרען אַ גאַנצער היימישער, אַ וואוילער־יונג, אַלע שבת קומט ער זיך צוזאַמען מיט נאָך בחורים און דינסטמײדלעך, און מען טאַנצט, און מען לעבט.

ווער ווייסט, צי זבולון מאיר וואָלט נאָך אַמאָל געדענקט עפּיס פון דער היים, ווען עס מאַכט זיך נישט אַמאָל אַזאַ מעשׂה.

אַמאָל, ווען זבולון מאיר איז געווען אין ק. אויפ'ן יריד געהט ער אַזוי אויפ'ן פערד־מאַרק, בעקוקט זיך אַ שימעל פאַר זײַן אַלטען, גיט ער אַ קוק, זעהט ער, עס שטעהט עפּיס אַ יוד און דינגט עפּיס וואָס בײַ אַ פּויער.

געהט ער צו נעהנטער, קוקט, — דאַכט זיך, זײַן טאַטע.

יאָ אַזוי פערעלטערט געוואָרען—די גאַנצע באָרד איז שוין ווײַס.

— גוט מאָרגען, טאַטע, וואָס מאַכסט דו עפּיס?

דער פּאָטער קוקט זיך אום: זבולון מאיר.

— זבולון מאיר, וואו ביסט דו? וואָס מאַכסט דו? ווי קומסט דו דאָ אַהער? שרײַבסט גאָר קײן בריוועל נישט צום טאַטען אַהײם? צו דער מאַמען?

— וואָס מאַכט איהר? וואָס הערט מען? קום נאָר אין שענק אַרײַן, דאָרט וועט מען זיך שוין וועגען אַלץ דורכשמועסען.

געהען זיי אין שענק אַרײַן און זעצען זיך אַנידער בײַ אַ טישיל.

– ביער, שרייט דער פאטער; אקעוויט, שפירט, – שרייט זבולון מאיר.

– וואס הערט מען ביי דיר? וואס מאכסט דו? וואס מאכט די מאמע? ביי מיר איז אלץ גוט, געלויבט צו גאט, זעהסט דאך איך בין נאך ביי נאטען, א פאר גילדען איך דא.

– נו, שרייבט מען אמאל א בריוועל אהיים, בעריש שרייבט פון אמעריקא, אז ער פערדינט 20 דאלאר א חדש, שיקט ער עפיס איך. ברוך איז אוועק צו מיליטער, – שרייבט ער מיר, – איז א חורבן נאך די יאהרען.

– און די מאמע, וואס מאכט עפיס?

– אך, די מאמע, זי וואשט, היינט שוין טאקי נישט. אביסעל האט זי שוין קיין כח נישט צו דעם. אביסעל לאז איך נישט, און אנשטאט איהר פערדינסט שיקט אביסל בעריש פון אמעריקא.

– ווייסט דו וואס, זבולון מאיר, – זאגט צו איהם דער פאטער, נאך א לאנגען זיפץ – קום א היים אויף פסח. איך וויים, עס געהט אזא חול-המועד, זאג איך דיר, איז דיר, איז דיר דבורה דעם פעטערס טאכטער איסגעוואקסען, א רויז, זאג איך דיר, פאר וואס נישט? לאז די מאמע איך א שטיקעל נחת האבען...

– וויים איך, האב איך א זארג פאר א כלה, דארף איך זיי אויף טויזענד כפרות. נאר אויב דו ווילסט, קום איך – און וויטער פטור.

דער טאטע מיט'ן זוהן האבען זיך שטארק געפרעהט – און עס איז געקומען ביי'ם בעצאהלען, קריגען זיי זיך.

– איועק, – שרייט דער פאטער, – דו סמארק איינער, איך בין א טאטע, ווילסט דו בעצאהלען.

– ניין, טאטע, ניין, שרייט ער, אין לעבען זאל עס מיר געהן...

און זבולון מאיר האט געקויפט א פאטשיילעכיל פאר די מיטער, א שירין פאר די באבען. ער האט עס מיטגעגעבען מיט דעם פאטער און זיי האבען זיך ביידע היים געזעגענט.

זבולון מאיר האט געוואלט אויף יום-טוב אהיים קומען ווי א לייט, וואלען זיי זעהען אין דער היים, אז מען איז עפיס א שטיקעל מענש.

און אַ גאַנצען ווינטער האָט ער וועגען דעם געקלערט. אין יעדען שטעדטיל, וואוהין ער איז געקומען, האָט ער עפּיס זיך געקויפט אויף פּסח. דאָ אַ קראַוואַט, דאָ אַ פּאָר קראַגענס. פלעגט ער וואָס קויפען, פלעגט ער דאָס ברענגען ביי זיך אַהיים, אין שטאַל. דאָרט אויף'ן בעט האָט ער געהאַט ליעגען זיין קעסטיל און אין איהם פלעגט ער אַלץ אַריינלעגען איינגעוויקעלט נאָך מיט דעם שטיקעל פּאַפּיער — בעהאַלטען אויף יום־טוב. אַזוי האָט ער צו ביסלעכווייז געקויפט אַ שירם, אַ פּאָר קאַלאָשען, אַ זיידען טיכעל, אַ פּאָר אויערינגלעך: פאַר אַ מַתָּנָה, — און וואָס ער קויפט, לעגט ער אַלץ אַריין אין קעסטיל.

זיך פאָהרט אין וועג, ער פייפט זיך צו, קוקט זיך אַרום און קלערט: איך וועל אַהיים קומען אין גאַנצען פּאַראַד, אַ נייעם קאָסטיום, אַ פּאָר נייע שטיוועל — אויסגעצירט, ווי זונדילם קינדער — גער איך מיר, אַזוי נאָכ'ן עסען אין גאַס. אַלע קוקען, — לאָזען זיי קוקען — און גאָר נישט.

באַלד דערמאָהנט ער זיך אָן דבורה'ן, דעם פעטער זכריה'ם טאָכטער. אַ שען מיידיל, אַ בעל־בתיש קינד, פאַר איהר אויך עפּיס אַ מתנה... אַ פּאָר אוירינגלעך, אַ בראָנזועלעטיל, גער איך מיט איהר שפּאַצירען, קוקען אַלע, קריעגען די פּאָפּלעקציע — ווער איך מיר אַ חתן...

דאָ הערט ער אויף קלערען, ער האָט מורא, טאָמער וועט ער דערמיט שאַדען — פייפט ער — גיט אַ שמייס די פערדליך: נאָ! נאָ!

ערב פּסח.

זבולון מאיר איז אַהיים געקומען. אויסגעקליידט איז ער געווען פון קאָפּ ביז די פים. אַ נייער קאָסטיום, מיט אַ נייעם פּאַלטאָ — אַ נייע היטעל און אַ פּאָר נייע קאַמאַשען, די קעשענעס פול מיט מתנות פאַר אַלעמען. פאַר'ן קומען האָט ער נאָך אַ פּאָר פונט פליייש און פיש געקויפט אויף יום־טוב.

אַקעגען איז איהם געגאַנגען דער פאָטער צו דער באַהן, — גענומען איהם דאָס נייע קעסטיל פון דער האַנד, און דער פאָטער איז מיט איהם געגאַנגען אַהיים איבער דעם גרויסען מאַרק.

עס איז געווען אַ שענער זומער טאָג — דאָך איז זבולון מאיר

וּנגאַנגען אין אַ פּאָר קאַלאָשען און מיט אַ שירם אין דער האַנד די גאַנצע גאַס האָט זיי נאָכגעקוקט.

– איי, זבולון מאיר – דער קיהלען־חאַפּער, איז גאָר אַ גאַנ־צער שְׂרָרָה געוואָרען – וואָס דאָס פּרעמד מאַכט אַלץ, – זאָגען די ווייבער נאָכקוקענדיג זיי.

– וואָס דען? דאָ ביי אונז ווערען קינדער לייט – ענטפערט אָב אַ יורענע – גַנָבִים ציהט מען איף, און ווייטער גאָר ניט.

די מוטער איז איהם אַריים אַקעגען אין הויף – מיט אַ גרויסע גְדוּלָה – זבולון מאיר האָט נישט געוואוסט וואָס צו טהון: – קישען? עֶ, – עס איז איהם עֶפּיס נישט געוויען צום האַרצען.

און די באָבע איז איהם אַקעגען געגאַנגען און זיך געווישט די אייגען מיט דער שירץ: – מיין קינד, מיין גאָלדען איינִיקעל.

מען האָט דעם גאַסט אין שטוּב אַריינגעבראַכט – דער קעלער איז געווען אויסגעוויישט ריין, גאָר נישט איהם צו דערקענען, אַ ווייס פּאָרהענגל האָט געהאָנגען אויפ׳ן פענסטער – און די פּאָד־לאָגע איז געווען מיט זאַמד בעשיט, און שטוּב איז געווען אַ יום־טוב׳דיגער רֵיחַ, פון באָרשט און מצות.

לאָז מען אויפשטעלען בראָנפען, – האָט דער פאָטער קאָ־מאַנדירט.

און זבולון מאיר האָט זיך דאָס היטעל אַראָפּגעשאַרט, אַרויסגענומען פון קעשענע די מתנות און יעדען איינגעטיילט.

די מוטער האַלט די אוירנגליך און בעקוקט זיי, קוקט אויפ׳ן זוהן, די באָבע קומט צו, בעקוקט זיי אויך – „ריין זילבער״, – קרעכצט זי.

– וויפיעל האָסט דו בעצאָהלט פאַר די שמאָכניס? – פרעגט דער פאָטער דעם זוהן, איינגיסענדיג בראָנפען.

– אַ געשעפט האָסט דו, -- ענטפערט זבולון מאיר מיט אַ טאָן פון אַ נָגִיד, – אַ דריי רובעל׳דיגען.

דעם ערשטען טאָג יום־טוב נאָכ׳ן עסען זענען דער פאָטער, די מוטער און זבולון מאיר אַריבער צום פעטער זכריה.

געטראָפען פונקט ביי דעם יום־טוב׳דיגען קוגעל, די געסט האָבען זיך אַנידערגעזעצט – און זבולון מאיר האָט געוואָרפען אייגען אויף דבורה׳ן.

דבורה איז געזעסען, — אַ רויט מיידיל אָבגעוואשען און אויפ־געקעמט. פון די האָהר האָבען נאָך טראָפּען וואסער געררונען, און אָנגעטהון איז זי געווען אין אַ נייַ גרין קליידיל.

— נו, דערצעהל אונז עפּיס נייַעס, זבולוז מאיר, — האָט זיך דער פעטער אָנגערופען.

וואָס פאר נייַעס — דבורה — וואו איז דער פייַן־קוכען, רופט זיך אָן דער פאָטער.

די מוהמע שרה האָט באַלד אויפגעשטעלט אַ פייַן־קוכען, דער עולם האָט געגעסען.

נאָכ'ן עסען האָט זבולון מאיר אַרויסגענומען אַ בראָנזעלעטיל און עם איבערגעגעבען דבורה'ן, ניט רעדענדיג אַ וואָרט.

— אַ שענעם דאַנק, — האָט דבורה געענטפערט רויט ווע־רענדיג — ווילענדיג איהם ווייַזען, אַז חאָטש זי איז אַ קליין שטעד־טיגע, דאָך ווייס זי ווי צווישען מענשען זיך אויפצופיהרען.

נאָכ'ן עסען איז זבולון מאיר מיט דבורה'ן אַרוים אויפ'ן גאַס שפּאַצירען.

— דער פעטער זכריה און דער פאָטער האָבען זיי נאָכגעקוקט,

— אַ יונג, אַ לייַט, — זאָגט דער פעטער.

אַ גאַנצען וועג זענען זיי געגאַנגען, ניט רעדענדיג אַ וואָרט איינער צום צווייטען.

די גאַנצע גאַס האָט אויף זיי געקוקט.

פלוצים, — איז זבולון מאיר אָבגעשטעלט געוואָרען

— וואָס מאַכסט דו, גוטער ברודער? — זאָגט צו איהם לייב פשאָרעק, אויסשטעקענדיג איין בעשמוצטע האַנד.

— איי, גאָר ניט, — האָט זבולון מאיר געענטפערט, רויט ווערענדיג, און איז ווייטער געגאַנגען.

— אַ רוח אין דייַן טאַטען'ס טאַטען אַרייַן — אַ גאַנצער שְׂרָרָה מיר געוואָרען, ער שעמט זיך שוין אויך — האָט לייביל איהם נאָכגעשריען, קוקענדיג מַכְזִר'דיג מיט איין אויג

דֶער װֶעלְנֶער.

(אַ בִּילד).

פֿרײַטיג אין דער פֿריה, ווען שרה רחל די שנײַדערין, איז אַרויס מיט די חלות צו דער בעקערין, האָט זי דערזעהן, ווי דער מאַרק איז פֿול מיט זעלנער. בײַ נאַכט איז עפּעס פֿון הימעל אַ חיל אַראָב געפֿאַלען, מיט אַזוי פֿיעל פּעקלעך, און אַזעלכע קרומע היטלעך מיט ביקסען און שווערדען — און דער געזונדטער, געשמאַקער ריח פֿון דזיעגאַכטס גערעט אויף און פֿילט אָן די גאַס, זשענזע סטראַזשניק שטעהט און טענה'ט עפּעס מיט זיי, — האָט זי באַלד פֿערשטאַנען, אַז דאָס מיינט מען די זעלנער אויף די קוואַרטירען אײַנצושטעלען — האָט זי זיך באַלד געגעבען אַ דרעה אוים מיט די חלות און צוריק אין שטוב אַרײַן.

— מענדיל! אין בעט אַרײַן! — האָט די שנײַדערין גע־געבען אַ געשריי.

— וואָס איז? פֿרעגט דער ערשראָקענער מאַן.

— זעלנער זענען געקומען, מען צושטעלט זיי אין די קוואַרטירען.

דער שנײַדער האָט זיך אויסגעטהון, אַרונטער געקראָכען הינטער די שווערע דעק, וואָס האָט אין זיך געהאַט אַלע פֿעדערן, פֿון די אַלע גענז, וואָס די שנײַדערין פֿלעגט נור פֿון צײַט איהר נאָך חתונה שעכטען. זי האָט דעם שנײַדער דעם קאָפּ מיט אַ טיכעל פֿערבונדען. און ער קרעכצט!

אַלײן האָט זי זיך בײַ'ם בעט אַנידערגעשטעלט, און גענומען די הענד ברעכען:

— מײַן מאַן. מײַן ברוים געבער! —

עס האָט זיך אין דער טהיר געוויזען זשענזע סטראַזשניק, הינטער איהם האָט זיך נאָכגעשלעפּט אַ זעלנער מיט אַ קעסטעלע.

— גוט מאָרגען, פאַני קראַוויעץ — גיעט איהם אָב זשענזע דאָס זייניגע.

— גוט מאָרגען, גוט יאָהר, פאַני זשענזע לעבען. זעה, אַ בראָך צו מיר, מיין מאַן, מיין ברויט-געבער, איז מיר ביי נאַכט אוועקגעפאַלען, וואָס טהוט מען? וואָס טהוט מען, ברעכט די יודענע די הענד.

— אוי, אוי, אוי, — קרעכצט דער שניידער הינטער די שווערע דעק.

— זשאַלקאָ, זשאַלקאָ, — ברומט זשענזע, דרעהענדיג זיך איין וואָנצע — אָט האָט מיך, דער פאַני נאַטשעלניק — געשיקט צו דיר, זאָלסט איהם קומען אַ מאָס נעהמען אויף אַ פראַק. ביזט קראַנק — מוז איך מיר געהן צו קאַבאַנסקען. — זאָגט זשענזע, גרייטענדיג זיך אַרויסגעהן.

— וואָס האָסט דו מיך קראַנק געמאַכט. — אַ בעזע נאַכט אויף מיינע שונאים׳ס קעפ — זאָגט דער שניידער, פאַני זשענזע, פאַני זשענזע — רופט דער שניידער פון בעט אַרויסקריכענדיג— —

— זשיר מאַשעניק — רופט זשענזע לאַכענדיג — (צום זעלנער): דאָ איז דיין קוואַרטיר — און זשענזע איז שוין נישט דאָ — — —

דער זעלנער נעהמט זיך קאַלט-בלוטיג זיין פאַק, טראָגט עס זיך אין אַ ווינקעל אַריין — מאַכט זיך היימיש אין שטיבעל.

און ביי׳ם טיש קריעגט מען זיך איבער איהם — דער שניידער מיט די שניידערין, זי שעלט איהם אָן, פאַר וואָס ער האָט זיך געלאָזט אָבנאַרען, ער ענטפערט איהר מיט טוידטע קללות — און דער זעלנער אין ווינקעל, ווי עס וואָלט גאָר נישט איבער איהם געווען — פאַקט זיך אויס זיינע „וויעשצעס״, נעהמט זיך אַרויס דאָס ראַזעוויע ברויט, צושניידט זיך צו שטיקלעך מיט דעם קליינעם, זעלנערישען מעסער׳ל — און דער זעלנערישער, דזיעגאַכטס-געשמאַק, טראָגט זיך איבער דער שטוב, און נעהמט דאָס גאַנצע שטיבעל איין...

— ווי ער האָט זיך, צולייגט, ווי ער האָט זיך צולייגט— ברומט די יודענע ביי דער קיך.

דער זעלנער טהוט זיך דאָס זייניגע.

— גֶעה זָאג איהם, רופֿט די יודענע, נעהמענדיג זיך האָרין צו האַקען.

— גֶעה, זָאג דו איהם, רופֿט דער שנײַדער, פֿון טישעל אהער —

דער זעלנער, זעהענדיג ווי די יודענע אַרבײַט בײַ׳ם שטיקעל האָלין צוהאַקען, האָט זײַן זעלנערישע נאַטור עס נישט געקענט לײַדען — און פֿאַר לאַנגווײַליגקײַט הײבט ער זיך אײף, נעהמט פֿון די שנײַדערינס האַנד דאָס שטיק האָלין, און צוהאַקט עס.

די שנײַדערין גיעט איהם אײַעק, מיט אַ צוגעװאָרפֿענעם געבײַזער, עס הײַסט, ווילסט עס דוקא, נאַ דיר!

דער זעלנער נעהמט די האַק און צוהאַקט, וואו נור אַ שטיקעל האָלין, וואָס עס געפֿינט זיך אין שטוב צוהאַקט ער— און זוכט נאָך — און די האַק איז בײַ איהם נאָך גרײַט אין דער האַנד נאָך צו צוהאַקען.

אַז ער האָט דאָס האָלין צוהאַקט, געהט די שנײַדערין און שנײַדט אָב אַ שטיק ברויט און דערלאַנגט איהם מיט דעם פֿאָריגען, צוג, אָרפֿענעם געבעזער. אַז דער זעלנער האָט דאָס ברויט צו־גענומען, נעהמט ער זיך דאָס קענדיל, און פֿרעגט נישט, אײב עס איז יאָ דאָ וואַסער, אײב נישט — געהט נאָך וואַסער, ברענגט און גיעסט אָן אַלע כלים, אַלע טעפּ, אַלע שאַפֿען, אַזוי ווי ער וואָלט זײַ געוואָלט פֿערזאָרגען מיט וואַסער אײף׳ן גאַנצען לעבען און ײ׳ האַנד האַלט נאָך דאָס קענדיל, און איז נאָך גרײַט, וואָס ער צוברענגען.

— די שנײַדערין זאָגט צום שנײַדער פֿון הינטערן קײטען אַרויס, פֿון וואַנען זי איז בעשעפֿטיגט מיט׳ן שבת־מאַכען:

— ווײַסט, גאָר נישט קײַן שלעכטער זעלנער.

— איך האָב עס באַלד געוואוסט — ענטפֿערט איהר דער שנײַדער — —

— ער האָט עס באַלד געוואוסט, זאָגט די שנײַדערין מיט איראָניע.

— אין דער שטוב, אָהנע ווערטער, בעט מען זיך איבער אײנער מיט׳ן צווײטען — ביז דער זעלנער ווערט אין שטיבעל אַ גאַנצער הײמישער...

פֿרײַטיג צו נאַכט׳ס. — די יודענע האָט אין איהר שטיבעל

שבת געמאַכט, צוגערוימט, די וואָכענדיגע מאַשין, הינטער אויוועך אַרונטער געררוקט — און זי מיט אַ חלה־צוועליכעל (טישטוך) בעדעקט, — איבער דעם ברייטען, שניידערשען טיש אַ טיש־טוך פערשפרייט, מעשענע לייכטערלעך, חלות. דעם אויבען האָט די יודענע פּריוואַטיג צונאַכט׳ם גוט אונטער געהייצט, אַז עס זאָל וואַרים זיין אַ גאַנצען שבת — דער אויבען האָט געבריהט צוויי איילין פון דערוואַרטען. און היים איז אין דער שטוב געווען, אַז פון די שויבען האָט אָנגעהויבען טראָפּענס צו קאַפּען, און אין די טראָפּענס האָבען זיך אָבגעשפּיגעלט די שבת־ליכט, וואָס האָבען געברענט אין אַ צווייטען פענסטער געגען איבער. אין דער שטוב האָט אַלעם מיט שבת געשמעקט. דער שניידער איז פון דער חברה אַהיים געקומען, צום טיש זיך געזעצט און געגאַנגען קידוש מאַכען...

אין אַ ווינקעל זיצט דער זעלנער, ביי׳ם זעלנערישען ראַנעץ, און פּאַקט זיך איבער די זאַכען: אַ פּאָר שטיוועל, הויזען, העמדער... נאָדעל מיט פאָדעם — דער נאָך נעמט ער זיך אַרויס דאָס ראַזעוואַנע ברויט, נעמט אַ טעפּעל וואַסער און הייבט זיך אָן צו עסען.

די אַלטע זיצען ביי׳ם טיש און עסען די שבת׳דיגע פיש מיט די שבת׳דיגע חלה. אַלץ איז אין דער שטוב שבת׳דיג, נור דאָרט ביי׳ם ווינקעל זיצט עפּיס דער וואָכענדיגער זעלנער, מיט דעם־וואָכענדיגען זעלנערישען ברויט. די יודענע אַרט דאָס זעלנע־רישע ברויט; עפּעס אַ שטיק וואָכענדיגעס אין שבת׳דיגען — שנייט זי אָב אַ„מוציא״ חלה — און איז איהם מכבד: לאָז דער זעלנער אויך טועם זיין פון דער שבת׳דיגער חלה. —

דער זעלנער נעמט עס צו גלייך־גילטיג, און עסט זיך די חלה מיט דער זעלבער גלייך־גילטיגער מינע.

אָבגעגעסען, אָבגעבענטש, רוימט די יודענע פון טיש אַראָב. עס קומט אַריין אַ שכן, מיט אַ שכנט׳ע, יואָל שוסטער מיט׳ן ווייב, נאָך עפּיס אַ יודענע, מען זעצט זיך ביי׳ם טישעל. דאָס קליינע לעמפּעל אין דער שייהן, לייכט זיך שבת׳דיג, די ליכט צאַנקען אין די לייכטער און דער חלב־ריח שמעקט און שטינקט אין דעם חדר. דער שוסטער הייבט אָן צו פערציילען אַ מעשה, מען האָרכט איהם אוים — שרה רחל נעמט אַרויס פון טערין

זײטען (סעמעשקעס) און שיט עס איס איפ'ן טיש, די געסט צו מכבד זײן, באַלד װערט די פּאָדלאָגע פערפּליצט אין שאָלעכין. דער זעלנער זיצט אין װינקעל, זעהט סעמעשקעס איפ'ן טיש הײבט זיך איף און געהט צו צום טיש — שטעקט איך די האַנד אַרײן אין נעמט זיך גלײך־גילטיג די סעמעשקעס — װי עפּעס אַ שמעקטאַבאַק — װען דאָס טאַבאַק פּושקעלע איז אָפען, הײבט אָן מיט צוקנאַקען מיט די געסט — און פערשפּרײט שאָלעכין מעהר פון זײ, דענסטמאָל איז דער שנײדער מיט דעם זעלנער מעהר הײמישער געװאָרען, געהט ער צו צום זעלנער און קלאַפּט איהם איפ'ן רוקען:

— נו, בודיעט װאָינאַ? — פרעגט ער דעם זעלנער.

— בודיעט, בודיעט — מאַכט דער זעלנער מיט דער האַנד, קנאַקענדיג די סעמעשקעס מיט'ן מויל.

אויף אַ מַאמֶע.

(גֶעווידמֶעט מַאטִילדֶען.)

פִיער עֶקעֶנדִיג אִיז דעֶר מַארק, אַרוּם געֶרִינגעֶלט פוּן אַלעֶ פִיער זַייטעֶן מִיט נִידרִיגעֶ, קלַיינעֶ אָבגעֶווַייסטעֶ הַייזלעֶך. פוּן דעֶם אַיינשטאָקעֶנדִיגעֶן הויז, וואָס שטעֶהט קעֶגעֶן־אִיבּעֶר דעֶם בּרוּנעֶן, דאָרט וואוּ דעֶר בּעֶקעֶר וואָהנט, געֶהט פוּן דעֶם קוימעֶן אַ געֶדִיכטעֶר רויך אַרוים און עֶר צוּלעֶגט זִיך האַרט אִיבּעֶר דעֶם מַארק. אוּנטעֶר דעֶם רויך פלִיהעֶן ווַייסעֶ טויבּעֶן אַהִין און צוּרִיק, און אַ הויכעֶר יוּנג שטעֶהט בּיַי דעֶם אַיינשטאָקעֶנדִיגעֶן הויז און פַייפט אויף דִי טויבּעֶן.

קעֶגעֶן אִיבּעֶר דעֶם בּרוּנעֶן שטעֶהעֶן „שטעֶלעֶן", טהִירעֶן אויף געֶלַייגט אויף צוויי שטוּלעֶן, אויף דִי טהִירעֶן לִיגעֶן פעֶרשִׁידעֶנעֶ פרוּכטעֶן און גרִינס, און ווַייבּעֶר מִיט אָבגעֶבּרעֶנטעֶ מִידעֶ־פּנים׳עֶר, אַרוּמגעֶווִיקעֶלט מִיט טִיכלעֶך אִין דִי גרעֶסטעֶ הִיצעֶן, שטעֶהעֶן פַאר דִי „שטעֶלעֶן" און קרִיגעֶן זִיך.

— אַוודאי, עֶס לוינט זִיך מִיר בּאַלד מִיט אַזאַ שנאָרעֶרעֶן צוּ קרִיגעֶן, פעֶרמאָגסט מַיין מִיסט? דוּ שלעֶפּעֶרקעֶ.

יעֶנטעֶ, אַ יוּדעֶנעֶ פוּן אַ יאָהר אַיינִיגעֶ פעֶרצִיג, — וואָס פוּן אִיהרעֶ בּרַייטעֶ לִיפּעֶן האָבּעֶן זִיך דִי ווערטעֶר געֶלאָזט הערעֶן, טראָגט אַ בּרַייטעֶן שמוּטצִיגעֶן פַארטוּך, און אִיהר דִיק אָבּגעֶבּרעֶנט־פּנים וואָס קוּקט רוּהִיג אַרוים פוּן אוּנטעֶר דעֶר טִיכעֶל, האָט מסכים געֶוועֶזעֶן אויף אִיהרעֶ ווערטעֶר.

— וואָס מַיינסט דוּ, האָסט שוין גאָט פַאר׳ן בּאָרד געֶחאַפּט? עֶר געֶהעֶרט מִיר אַזוי גוּט ווי דִיר אָן — האָט אִיהר טויבה אָבגעֶ־

ענטפֿערט, אַראָב רוקענדיג דאָס טיכעל איבער די האַלבע אייהרען און מיט כּעם זיך די האָר אַרונטער געשאַרט.

אַ קינה׳טע איז צוגעקומען צו יענטע׳ס „שטעל״. און טויבה, וואָס איז ליידיג געשטאַנען, האָט דער ווייל זי אָנגעשאָלטען מיט טויטע קללות.

– וואָס טויג מיר דיין געלד, פּריצטע! וועסט שטאַרבען און אפילו אַ הונד וועט נאָך דיר קיין קדיש נישט זאָגען... האָט די יודענע געשריגען.

טויבה האָט איהר שכנ׳טע געוואָלט דער מיט געבען אָנצו־הערען פֿון איהר זוהן יצחק׳ל, נאָר זי האָט זיך דערמאָנט, אַז עס פּאַסט נישט זיך אַליין צו ריהמען, איז זי אין מיטען רעדען שטיל געוואָרען.

יענטע, אָנמעסטענדיג די קינה׳טע אַ קוואָרט באַרען, האָט איהר אָבגעענטפֿערט.

– אַודאי, ווען דו וואָלסט אַ שטיקעל לייט געווען, וואָלט דאָך דיין מיין איבער דיר נישט געשטאָרבען, און דיין קינד וואָלט זיך דאָך מיט דיר נישט געשעמט. ער שעמט זיך דאָך מיט דיר.

טויבה איז געוואָרען אין כּעס און אַרויס מיט אַ קול:

– חצופה! מיין קינד שעמט זיך מיט מיר! אַ כּפּרה מעגסט דו זיין פֿאַר זיין מינדסטען נאָגעל, ביזט אפילו נישט ווערט מיין קינדס נאָמען צו דערמאָהנען.

זי האָט געוואָלט אַרויס מיט אַ געוויין וואָס מען זאָגט, אַז איבער איהר איז איהר מאַן געשטאָרבען, און איהר קינד, איהר יצחק׳ל שעמט זיך מיט איהר, נאָר נישט צו דערפֿרייען יענטע׳ן מיט איהרע טרעהר׳ן, האָט זי זיך מיט אַלע קרעפֿטען איינגעהאַל־טען נישט צו וויינען.

די זון האָט זיך וואָס אַמאָל מעהר אַרונטער געלאָזט אונטער יענער־זייט שטעדטעל. יודען האָבען זיך געאיילט איבער דעם מאַרק אין אַלע זענען אַוועק אין דעם בית־המדרש־געסעל מנחה דאווינען. ביי דעם ברונען, אין מיטען מאַרק, האָבען זיך אָנגעהויּ־בען צוזאַמען קלויבען חדר־יונגלעך וואָס זענען ערשט פֿריי פֿון דעם חדר געגאַנגען.

טויבה האָט צוזאַמען גענומען איהרע פּאָר קוישלעך אויף די הענד, ודי טהיר מיט די שטוהלען האָט זי אין מאַרק געלאָזט: עס

וועט קיינער נישט גנב׳ענען), און איבער לאָזענדיג די גראָבע יענטע א פּאָר קללות, איז זי שטיל פון דעם מאַרק אַוועק.

ווען זי איז זיך מיט די קושלעך אויף די הענד אַליין אהיים געגאַנגען האָט זי וועגען איהר יצחק׳ל געקלערט.

יענטע׳ס שטעכעדיגע ווערטער קען איהר פון זינען נישט אַרויס. מילא דאָס וואָס זי זאָגט: איבער איהר איז דער מאַן גע־שטאָרבען, אַרט עס איהר נישט; אַלע ווייסען וואָס זי האָט אַוועק־געאַרבייט ביי איהר מאַנס קרענק, נאָר וואָס זי זאָגט, אַז איהר יצחק׳ל שעמט זיך מיט איהר, דאָס קרענקט איהר ביז אין „ריפּ״. טאַקי, דאַכט זיך איהר, אַז ער קומט אהיים אויף דער נאַכט נעכ־טיגען, וויל ער ביי איהר קיין זאַך נישט פערזוכען...

און קלערענדיג דאָס, האָט זי אָנגעהויבען שעלטען יענטע׳ן.

— נישט דער לעבען זאָל זי דאָס, רבונו של עולם! טאַטע איינער!

עפּעס האָט זיך איהר געדאַכט, אַז דאָס וואָס זי מיינט, אַז יצחק׳ל שעמט זיך מיט איהר, האָט זי קיינעם נישט צו פערדאַנקען נאָר יענטע׳ן, אַלץ האָט זי, די מכשפה׳ה, אָנגעמאַכט.

— מיין קינד, מיין יצחק׳ל, וואָס פאַר אַ געשעפטען האָט איהר צו איהם?! און זי איז אַרויס מיט אַ קול:

— רבונו של עולם, דו זאָלסט דיך אָננעמען מיין קריוודע, ביזט דאָך אַ טאַטע פאַר יתומים, דו זאָלסט עס איהר נישט שווייגען.

— וועמען דאָס? וועמען שעלט איהר אַזוי, טויבה? — האָט זיך אָנגערופען צו איהר נֶחה די נגידה׳סטע, וואָס איז געשטאַנען אין טהיר פון איהר שניט קראָם, און הערענדיג ווי טויבה שעלט אַזוי צו זיך אַליין, אַ היים געהענדיג.

— וועמען דען, בעל־בית׳טשע, אז נישט די חצופה, די ימח־שמה׳ניצע? האָט זי אויסגערופען ווייזענדיג מיט דעם פינגער אין מאַרק אַריין, און נישט אפילו דעם קאָפּ אויפהעבענדיג צו זעהען ווער עס רעדט צו איהר, איז זי זיך ווייטער געגאַנגען.

און טויבה, ווייטער געהענדיג, האָט זיך דערמאָנט, אַז היינט אין דער פריה, ווען זי איז צו נחה׳ן מיט אַ הוזן אין קיך אַריין, האָט זי פון דער צווייטער שטוב געהערט יצחק׳לס קול ווי ער שפּאַרט זיך מיט נחה׳ס בחורים׳לעך אין לערנען, זי האָט געוואוסט, אַז מיטוואָך עסט איהר יצחק׳ל ביי נחה׳ן, און טאַקע מיט אַ כיון

אהין צו געגאנגען מיט דער הוהן כדי איהר יצחק'ל זאל א גוטע ייך האבען, ער איז דאך, נעבעך, אזוי שיואך.

און הערענדיג פון דער צווייטער שטוב איהר זוהנ'ס קול, האט זי טאקי די קיך געוואלט פערלאזען, נאר דאך איז זי נישט אוועק, איהר יצחק'ל שפארט זיך מיט נחה'ס קינדער אין לערנען. ווי קענען עפעס דען? ווי קומען עפעס צו זיין פארעשווע? „ער וועט זיך פערשעמען" האט זי זיך געשראקען, „ווען ער וועט מיך דא טרעפען מיט דער הוהן אין דער האנד"... „זיין מאמע איז א מארק יודענע, א שענער יחוס"... און דאך האט זי די קיך נישט פערלאזט. „א קינד נישט קיין גראשען אבגעקאסט, און וויפיעל קאסטען נחה'ס קינדער אבי"? וואלט זי היינט געהאט דאס געלד וואס איהר יצחק'ל האט געדארפט אבקאסטען וואלט זי דאך א נגידה'סטע געוועזן... און איז געשטאנען און האט זיך צו גע־הארכט צו זיין קול.

— „איי! ער האט געדארפט לעבען — און זעהען יצחק'לען, ער וואלט דאך באלד געזונד געווארען" — באלד האט זיך די טהיר געעפענט, עס האבען זיך בעוויזען נחה'ס בחורים'לעך, און דער מיט איהר יצחק'ל, די בעקלעך האבען איהם געפלאמט.

— גוט מארגען, האט ער שוואך ארויס גערעדט און באלד דורך די טהיר ארויס. זי האט געוואוכט, זי האט איהם עגמת־נפש אנגעטהון, ער איז פערשעמט געווארען פאר זיי, פאר נחה'ס בחורים'לעך.

און זי פיהלט אין הארץ: איהר קינד, איהר יצחק'ל, איהר מילך געזויגען, וואס פאר געשעפטען האט נחה צו איהם; און איבערגעבענדיג איהר ביטער הארץ אויף יענטע'ס קאפ, אויך פאר דאס וואס איהר זוהן האט גאר נישט אבגעקאסט און קען בעסער פאר נחה'ס בחורים'לעך, האט זי היך מיט א קול געשאלטען:

— רבוני של עולם! דו זאלסט דיך מיין קרוודע אננעמען, דו זאלסט איהר דיר פאר באצאהלען, זי זאל די היינטיגע נאכט נישט איבערלעבען.

די פערבייגעהער זעהענדיג ווי א יודענע געהט אליין און שעלט, האבען געלאכט.

די נאכט האט זיך אנגערוקט, און פינסטער איז אין שטעד טעל געווארען.

טויבה איז מיט די קוישלעך א היים געגאנגען, האט זיי ארויפגעשלעפט אויף די טרעפ פון איהר הויז און געעפענט די טהיר.

— די מאמע, די מאמע זענען איהר קולות אקעגען געקומען.

די שטוב איז געווען רואיג, אין מיטען דער שטוב האבען זיך די קינדער ארום געשטעלט נעבען טויב׳ן און ניט אויפגעהערט צו שרייען „מאמע״. איין קינדס קול איז געווען א וויינענדיגער: „וואו ביסט דו דאס געווען א גאנצען טאג?״ א צווייטענס קול איז געווען א פרעהליכער: „ווי גוט איז מאמע, אז דו ביזט געקומען״, און די אלע קולות האבען זיך אין איינעם אויסגעמישט.

— שווייגט! לאזט מיך חאטש דעם אטעם חאפען, שרייט די יודענע אניעדערשטעלענדיג די קוישלעך.

זי איז צו צום קוימען, עפעס געזוכט, און באלד איז דאס קליינע שטיבעל פון א קליין פאר־רויכערטען לעמפעל בעלויכטען געווארען.

דער שוואכער שיין האט נאר בעלויכטען דאס ארט ארום דער קיך וואו טויבה איז געשטאנען און דארטען צוויי העלצלעך אונטערגעהייצט; בעלויכטען איין אלט־פערשטויבטע מאשין וואס איז געשטאנען נעבען א בעט (א סימן פון א געוועזענעם שניידער), און א האלב בעט וואס איז קעגען איבער דעם לעמפעל געשטאנען. אויף דעם בעט איז געווען אויסגעשפרייט שטרויה אויף וועלכען עס זענען געלעגען פערשיעדענע אויבס, און זייער ריח האט זיך געטראגען איבער דער שטוב, דאס איבריגע טייל שטיבעל מיט די בעטען זענען פערלוירען געווארען אין דעם שאטען.

ערשט אנדערטהאלבען יאהר ווי איהר מאן, לייזער שניידער, איז געשטארבען. נאך ביי זיין לעבען, צום סוף ווען דער הוסט האט זיך איהם געשטארקט און ער האט נישט געקענט זיין ווייב און קינדער מפרנס זיין, האט זיך טויבה אוועקגעלאזט עפעס צו פערדינען, און וואס מעהר די קרענק האט זיך געשטארקט. האט זי געמוזט מעהר הארעווען, און אז זי איז געווארען א אלמנה, איז זי שוין געוואהנט געווען צו ארבייטען פאר׳ן גאנצען הויז־געזינד.

דאס עלטסטע יונגעל, יצחק׳ל, האט געהאט א גוט קעפעל, ער איז געוועזען דער איינציגער טרייסט אין לייזער שניידערס פינס־טערען לעבען, און ליעגענדיג אויף דעם טויטען בעט האט ער

זיך געטרייסט, ער לאָזט חאָטש איבער אַ גוטען קדיש נאָך זיך.

ווען לייזער איז געשטאָרבען האָבען די בעלי־בתים רחמנות געהאַט אויף דער וויסטער אַלמנה, צוזאַמען־געמאַכט אַ פּאָר רובל, אַז זי זאָל האָבען מיט וואָס צו האַנדלען. און זעהענדיג אַז יצחק׳ל האָט אַ גוטען קאָפּ האָבען זיי איהם אַריין־געגעבען אין בית־המדרש, געשאַפט איהם טעג אין רייכע הייזער, און איהם אויעק־געגעבען לערנען אין בית־המדרש.

טויבה זעהענדיג, אַז יצחק׳ל עסט ביי די נגידים האָט עס איהר האַרצען אַ הנאה געטהון: נעבעך אַ שוואַך קינד, וואָס קען זי איהם געבען עסען? דאָרט, ביי די נגידים האָט ער פון אַלעם בעסטען. דאָך אָבער אין דער שטיל האָט זי דערפון עגמת־נפש געהאַט פון דעם. ״אָם יצחק׳ל עסט אין פרעמדע רייכע הייזער. זי האָט אַליין ניט געוואוסט אויב מען האָט איהר מיט דעם אַ טובה געטהון אָדער אַ רעה...

איינמאָל אַזוי זיצענדיג פאַר איהר „שטעל״, זעהט זי ווי איהר יצחק׳ל געהט אַרויס פון דער שול־געסעל מיט דעם תפילין־זעקיל אונטער דער אָרעם און געהט גלייך אין זונדעל דעם גביר׳ס הויז אַריין פרישטיק עסען, האָט עס איהר אין האַרץ׳ן געשטאָכען. זי איז דענסטמאָל נאָך גוט געווען מיט יענטע׳ן, ווייל באַלד נאָך דעם מאַנ׳ס טויט האָבען אַלע אויף איהר רחמנות געהאַט, האָט זי צו איהר געזאָגט:

– גלויבט מיר יענטע, איך ווייס אַליין נישט, זעהט, וואָס האָב איך דאַכט זיך פרעטענזיעס צו די בעלי־בתים, זיי האָבען דאָך גוטס געטהון מיט מיר און מיט מיין קינד: געשאַפט איהם עסען ביי רייכע ערטער, בעהאַנדעלט איהם, זאָג איך אייך, נישט ווי ער וואָלט זיין אַ מאַרק־יודענעס אַ קינד, נאָר ווי אַ גבירס, דאָך יעדעס מאָל ווען איך געב די קינדער מיטאָג, פערגעס איך און „שטעל אַ ניעדער אַ טעלער פאַר מיין יצחק׳ל אייך, און אַז איך דער מאָן מיך אַז ער עסט נישט ביי מיר, וויין איך פּשוט ווי אַ קליין קינד.

– געהט, איהר זייט אַ נאַרישע יודענע, ענטפערט איהר יענטע אָב, וואָס דען, ביי אייך וואָלט ער אַ לייט געוואָרען, וואָס קען נעבעך אַן אָרימאַן אַ קינד געבען צו עסען? מישטיינס געזאָגט.

– איהר זײַט גערעכט, יענטע –, זאָגט טויבה, אָבער דאָך ווען איך צו טײל דעם מיטאָג, שנײַדט מיר אין האַרץ.

און איצט זיצענדיג בײַ דער קיך, אָבקאָכען עסען פאַר די קינדער, האָט די יודענע דאָס זעלבע געקלערט. עפּעס האָט זיך איהר געדאַכט, אַז מען רויבט בײַ איהר יצחק׳לען אַוועק.

ווען די קינדער האָבען אָבגעגעסען און זיך שלאָפען גע־לעגט, האָט זי דאָס לעמפּיל אויף דעם טיש אַנידער געשטעלט, און גענומען פאַר רעכטען אַ העמד פאַר יצחק׳לען.

באַלד האָט זיך די טהיר אויפגעעפענט, און יצחק׳ל איז אַרײַנגעקומען.

יצחק׳ל איז אַ יונגעל פון אַ יאָהר פערצעהן, הויך און דאַר, זײַן ווײַס פּנים שײַנט ברוגז׳דיג אַרויס פון דער שוואַרצער קאַפּאָט־קעלע און פון דעם שוואַרצען היטעל.

– גוט נ׳אָווענד, האָט ער שטיל געזאָגט.

די מוטער האָט איהם אָבגעטרעטען איהר אָרט. אין האַרץ האָט זי געפיהלט, אַז זי דאַרף פאַר איהר קינד דרך־ארץ האָבען, נישט ווייסענדיג אַליין פאַר וואָס, און באַלד האָט זיך איהר געדאַכט, אַז זי מיט איהר אָרימקײַט זענען פאַר איהר יצחק׳ל אנ׳אומגליק.

ער האָט זיך אַ נידער געזעצט און אַרויס גענומען פון דעם ספרים־שאַפקעלע אַ ספר און אַרײַנגעקוקט.

די מוטער האָט אַרויס געררעהט דאָס קנויטעל פון לעמפּעל, אויסגעווישט מיט דעם פאַרטיך דאָס גלעזעל און דאָס לעמפּעל צו איהם נעהענטער צו גערוקט.

– ווילסט טרינקען אַ גלאָז טהיי, יצחק׳ל? פרעגט איהם די מוטער אין דער שטיל, וועלענדיג איהר קינד מיט עפּעס דינען.

– ניין, איך האָב ערשט געטרונקען.

– אפשר אַ עפּעלע?

ער האָט געשוויגען.

די מוטער האָט רײַן געמאַכט אַ טעלעריל, אַרויסגעלעגט אַ פּאָר עפּעליך מיט אַ מעסער און אַ נידער געשטעלט אויף דעם טיש נעבען איהם.

ער האָט זיך בנעימות׳דיג, ווי אַ גרויסער, אָבגעשײלט אַ עפּעלע, הויך אַ ברכה געמאַכט און געגעסען.

ווען יצחק׳ל האָט געגעסען דאָס עפּעלע האָט טויבה זיך צו

איהם מעהר מאַמע׳דיגער געפֿיהלט און האָט זיך נעהנטער צו גע־רוקט צו איהם.

און אָבשײלענדיג בנעמית׳דיג דאָס צווייטע עפּעלע האָט יצחק׳ל נאָך ליעבליכער גערעדט:

– איך האָב היינט מיט דעם דין געשמועסט וועגען דער נסיעה, דאָ אין היגען בית־המדרש איז גאָר נישטדאָ וואָס צו טהון, נישט דאָ ביי וועמען צו לערנען, און וואו צו לערנען. ער האָט מיר אַנ׳עצה געגעבען נאָך מאקעווע אין דער ישיבה צו פֿאָהרען, ער וועט מיר מיטגעבען אַ בריעף צו ר׳ חיים דעם ראש הישיבה, ער זאָל מיך מקרב זיין.

טויבה הערענדיג, אַז איהר יצחק׳ל וויל זי איבער לאָזען, איז זי שטארק דערשראָקען געוואָרען, נאָר די ווערטער „דין״, „ראש־הישיבה״, „מקרב זיין״ — די הויכע לשון קודש ווערטער וואָס זי האָט נישט פֿערשטאַנען האָבען געוואָרפֿען אויף איהר עפּעס אַ אימה און זי האָט געפֿיהלט, אַז זי דאַרף דרך־ארץ האָבען... באַלד האָבען זי די ווערטער בערוהיגט: יצחק׳ל האַלט זיך מיט איהר אַנ׳עצה, מיט איהר, זיין מאַמע...

– מילא אַז דער דין הייסט, האָט זי אָבגעענפֿערט מיט אַ פֿרומע מינע.

– יאָ, זאָגט ווייטער יצחק׳ל, דאָרט לערענט מען „שעור״ מיט אַלע מפרשים, ר׳ חיים דער מחבר פֿון „אור תורה״ איז אַ למדן מופלג, דאָרט קען מען אויסוואַקסען אַ לייט.

די ווערטער האָבען זי אין גאַנצען בערוהיגט, זי האָט זיך גע־פֿיהלט עפּעס גליקליך, עפּעס דערהויכט. דאָס איז איהר קינד — זי איז די מאַמע פֿון אַזאַ קינד, און ווען נישט זי, וואָלט דאָך יצחק׳ל נישט געוועזען... נאָר דאָס האַרץ האָט איהר געריסען און זי איז טרויעריג געוואָרען...

דער נאָך האָט זי זיך דערמאָהנט אָן איהר מאַן און איז אַרויס מיט אַ געוויין:

– וואָלט ער האָטש געלעבט, וואָלט ער האָטש דאָס נחת דערלעבט, האָט זי געזיפֿצט.

יצחק׳ל האָט אין ספר אַריין געקוקט.

דאָס וואָס יצחק׳ל קלייבט זיך אַוועק פֿאָהרען, האָט זי ביי נאַכט נישט געלאָזט שלאָפֿען, דאָס האַרץ האָט איהר געריסען.

און בײַ נאַכט ליִגענדיג אויף איהר געלעגער, האָט זיִך איהר געחלום׳ט, ווי עפּעם גרויסע רבנים מיִט טיִעפע שטרײַמלעך און לאַנגע פּאות קומען אָן, און נעמען פון איהר, איהר יצחק׳ל אַוועק. איהר יצחק׳ל טראָגט אויך אַ שטרײַמעל מיִט לאַנגע פּאות און האַלט אַ גראָב ספר איִן האַנד, און ער געהט ווײַט אַוועק מיִט די רבנים, זי שטעהט און קוקט נאָך און זי ווייסט אַליין ניִשט, אויב זי זאָל זיִך פרעהען, אָדער וויינען גאָר...

איִן דער פריִה האָט זי זיִך שפּעט אויפגעכאַפּט, יצחק׳ל איִז שוין ניִשט געוועזען. זי האָט אויף גיִך די קיִנדער אָבגעפערטיִגט און געאײַלט זיִך איִן מאַרק אַרײַן, און זיִטצענדיִג בײַ איהר שטעל האָט זי זיִך פערקלעהרט און עס האָט זיִך איהר געדאַכט אַז זי זיִצט בײַ איהר זוהן; ער איִז רב איִן אַ גרויסע שטאָדט. אָט זיִצט ער אָנגעטהון איִן שיִך און זאָקען, אַ גרויס שטרײַמעל אויף דעם קאָפּ און האַלט אַ גראָב ספר איִן דער האַנד און קוקט אַרײַן, זי זיִצט בײַ זײַן רעכטע זײַט און שטריִקט אַ זאָק. די טהיִר עפענט זיִך, עס קומט אַרײַן יענטע מיִט אַ טעלעריִל איִן דער האַנד פרעגען איהר זוהן אַ שאלה.

אַ קונה האָט זי אויפגעוועקט פון איהרע זיִסע געדאַנקען.

גאַנצע נעכט איִז טויבה געזעסען בײַ דעם טיִשעל און בײַ דער שײַן פון דעם קליינעם פערוואָרטען לעמפּעל האָט זי צו רעכט געמאַכט די העמדער פאַר יצחק׳ל איִן וועג אַרײַן; בײַ יעדען שטאָך האָט זי געקלעהרט, אַז זי נייט עס פאַר יצחק׳לען, ער וועט אַוועקפאָהרען איִן דער ישיבה אַרײַן, זיִטצען און לערנען און אַלע פרײַטיִג אָנטהון אַ העמד, וואָס די מאַמע האָט פאַר איהם צו רעכט געמאַכט.

יצחק׳ל איִז שטענדיִג געזעסען אויף דער צווייטער זײַט טיִש און האָט איִן ספר׳ל אַרײַן געקוקט, די מוטער האָט איהם געוואָלט עפּעס זאָגען, נאָר זי האָט ניִשט געוואוסט וואָס...

טויבה מיִט יצחק׳לען זענען פאַרטאָג אויפגעשטאַנען.

יצחק׳ל האָט געקושט די ברידערלעך איִן שלאָף, די פער־שלאָפענע שוועסטערלעך האָט ער געזאָגט בלויס: „בלײַבט געזונד", איין שוועסטער׳ל, גאָלדע, האָט זיִך אויפגעכאַפּט און

אָנגעהויבען צו וויינען, אז זי וויל אויך מיטגעהן בעגלייטען דעם ברודער. די מוטער האָט זי אין דער שטיל איינגענומען, און טראָגענדיג יצחק'לס קעסטעל זענען זיי ביידע פון דער שטוב אַרויס.

די גאַס האָט נאָך געשלאָפען, די לאָדען זענען נאָך געווען פערמאַכט, פון אונטער דער שפּיץ פון דער קירכע האָט דער מאָרגען שטערען אַפּגעשיינט און קאַלט בעגלייט די קאַלטע פריה-מאָרגענדיגע ראַסע וואָס איז געליגען איבער די דעכער; און איבער דעם שטעדטעל און גאַס האָט גערוהט אַ שטילקייט. – נאָר אין מיט'ן מאַרק איז אַ פויערשע פוהר געשטאַנען מיט אייבס, אַרום די פוהר – וייבער, און פון דער ווייטען האָט זיך געהערט יענטע'ס קול:

– פינף גילדען מיט צעהן גראָשען, דאָס גאַנצע אייבס נעהם איך.

אין טויבה, נאָכטראָגענדיג יצחק'לען דאָס קעסטעל, איז דורך געגאַנגען דעם מאַרק און דערזעהענדיג יענטען, האָט זי אויף איהר געקוקט מיט שטאָלץ...

זיי זענען אַרויס אונטער דעם שטעדטעל, אויף דעם וועג, אין אָבגעוואַרט אַ געלעגענהייט נאָך לענטשיץ, אַז פון דאָרט זאָל יצחק'ל ווייטער פאָהרען קיין קוטנא.

דער הימעל איז געווען גרוי און קאַלט. דאָרט וויַיט האָט ער זיך אויסגעמישט מיט דעם רויכעררדיגען טויה-וואָלקען וואָס האָט פון די פעלדער אויפ'ן הימעל אויפגעשטייגט אָבער פון הימעל אויף די פעלדער אַראָבגענידערט און האָבען זיך אין איינעם צוזאַמענגעגאָסען... און דער וועג האָט זיך שטיל-שווייגענד וויַיט זיך אַוועקגעצויגען.

זיי האָבען זיך ביידע ביים שלאַבען אַנידער געשטעלט און געוואַרט אויף אַ געלעגענהייט:

און די מוטער האָט אַרויסגעקראַצט אַ פּאָר פערציגערס פון דער קעשענע און איהם איינגעבונדען אין העמד, אויפ'ן האַרץ.

באַלד איז אַ פוהר דורכגעפאָהרען פול מיט פּאַרשוינען. זי האָט פאַר יצחק'לען אויסגעדונגען אַנ'אָרט פאַר .פערציג גראָשען און האָט דאָס קעסטעל אויף דעם וואָגען אַרויפגעלעגט.

– פאָהר געזונדטערהייט! פערגעס נישט אָן דער מאַמע! האָט זי וויינענדיג אויסגערעדט

יצחק׳ל האָט געשוויגען.

זי האָט געוואָלט איהר קינד קושען נאָר זי האָט געוואוסט, אַז דאָס פּאַסט נישט פאַר אַ דערוואַקסענדיג יונגעל, און האָט זיך איינגעהאַלטען.

יצחק׳ל איז אַרויף אויף דער פוהר, די פּאַסאַזשירען האָבען פאַר איהם צווישען זיך אנ׳אָרט געמאַכט.

בלייב געזונד, מאַמע, האָט ער געזאָגט, ווען די פוהר האָט זיך פון אָרט גערירט.

— פאָהר געזונדטערהייט, מיין קינד! זיי און לערען דאָרט און פערגעס נישט אָן דער מאַמען, האָט טויבה נאָך דער פוהר נאָך־געשריען.

די פוהר האָט זיך וואָס אַמאָל דערווייטערט אַרויף אויף דער באַרג, וואָס האָט זיך געזעהען פון דערווייטענס.

טויבה איז געשטאַנען און אַלץ נאָך געקוקט נאָך דער פוהר. ווען די פוהר איז פון דער ווייטען אין קאָרזש פערלוירען געוואָרען, האָט זיך טויבה אומגעדרעהט און צוריק אין דער שטאָדט אַריין.

זי האָט אָנגעלעגט דעם וועג כדי עס זאָל איהר אויסקומען פאַר ביי געהן דעם „בית עולם״.

ניט קיין הויכער פּאַרקען פון ברעטער האָט דעם „בית־עולם״ אַרומגערינגעלט און די מצבות האָבען זיך אַרויסגעוויזען און געקוקט אין הימעל אַריין.

זי איז צו געגאַנגען און אַרויף געקלעטערט אַביסעל אויף דעם פּאַרקען און האָט אַריינגעשטעקט דעם קאָפּ אין „פעלד״ אַריין און זי האָט צווישען די מצבות עפּעס מיט די אויגען געזוכט, און אַז זי האָט דערזעהען אַ בעקאַנטע קליינע מצבה, האָט זי מיט דעם קאָפּ אַהין געשאָקעלט:

— ברוך, ברוך! דיין זוהן יצחק׳ל איז אין דער ישיבה גע־פאָהרען תורה לערנען.

באַלד האָט זי זיך אָבער דערמאַנט אָן דעם מאַרק. יענטע האָט אודאי דאָס גאַנצע אויבס אָבגעקויפט! פאַר איהר וועט גאָר שוין נישט איבערבלייבען, און האָט זיך אין שטאָט געאיילט.

זי איז גיכער געגאַנגען, און זעהר צופריעדען מיט זיך גע־וועזען. עפּעס האָט זי געפיהלט, אַז זי האָט אַ גרויסע זאַך געטהון,

און מראַלטשענדיג דאָס, האָט זי פֿערגעסען אָן דעם עגמת־נפש פֿון דעם, וואָס יענטע האָט דאָס גאַנצע איבּם אָבגעקייפּט

אין צוויי וואָכען אַרום האָט זי פֿון יצחק׳לען אַ בריוועלע ערהאַלטען, אַליין לעזען קען זי נישט, איז זי אַוועקגעגאַנגען מיט דעם בריוועל צו ר׳ יוחנן מלמד, אַז ער זאָל עס איהר איבּערלייענען.

ר׳ יוחנן האָט די ברילען אָנגעטהון, גוט אָבגעהוסט און האָט אָנגעהויבען פֿון בריוועל אַרויס צו לעזען:

„לאמי אהובתי הצנועה...

— וואָס איז דער טייטש? האָט טויבה געפֿרעגט.

— אַ טיטעל איז דאָס צו דער מוטער, זאָגט ר׳ יוחנן און לייענט ווייטער.

טויבה׳ס געזיכט איז ליכטיגער געוואָרען. זי האָט גענומען איהר פֿאַרטוך צו די אויגען און אָנגעהויבען וויינען.

ר׳ יוחנן האָט דאָס בעמערקט און געלייענט ווייטער לשון־קודש ווערטער.

— וואָס איז דער טייטש? דער טייטש? פֿרעגט אַלץ די יודענע.

— גאָר נישט, נישט פֿאַר אייך, איהר וועט עס נישט פֿערשטעהן, עס איז אַ פּשט׳ל.

זי האָט געשוויגען, די לשון קודש׳דיגע ווערטער האָבען אויף איהר אַ שרעק געוואָרפען, און זי האָט מיט דרך־ארץ איינגעהערט.

„איך גערים אמי אהובתי, מיט אחותי, און שרה׳ן און גאָלדען און יעקב, לאָז ער זיך גוט לערנען, איך האָב אַלע טעג... און שלאָף ביי ר׳ חיימ׳ען״, האָט פּלוצים ר׳ יוחנן געלעזען.

טויבה האָט זיך געלאָזט בענגענען מיט די פּאָר ווערטער — זי האָט צוגענומען דעם בריעף, איהם געלעגט אין קעשענע אריין און געגאַנגען מיט גרויס פֿרייד אין מאַרק אַריין.

אויף דער נאַכט — האָט זי זיך געטראַכט — וועל איך אַרונטערגעהן צום דין, לאָז ער לעזען דאָס בריוועל.

אויף דער נאַכט, ווען זי איז אַ היים געקומען, האָט זי אויף גיך מיטאָג אָבגעקאָכט, געגעבען די קינדער עסען, און געלאָפען צום דין מיטען בריוועל.

זי איז אין שטוב אַריין, לאַנגע פּאָליצעס מיט ספרים בערדע־

קִעֶן די װענד, און אַ יוד אין אַ װײַסע באָרד זיצט אױבען אָן און קוקט אין אַ ספר אַרײַן.

– װאָס, אַ שאלה? פֿרעגט דער דַין פֿון דערװײַטען.

– נײַן.

– װאָס דען?

– אַ בריװעל פֿון מײַן יצחק׳לען.

דער דין האָט זיך אױפֿגעהױבען, צוגעגאַנגען, זי אָנגעקוקט און האָט צו גענומען פֿון איהר דאָס בריװעל, און אָנגעהױבען לײענען, אין דער שטיל, פֿאַר זיך.

– װאױל, אױסגעצײכענט, גוט... דער קלײנער פֿערשטעהט... רעדט דער דין צו זיך.

טױבען גיעסען זיך טרערען פֿון די אױגען...

– װאָלט ער חאָטש געלעבט! װאָלט ער חאָטש געלעבט!

– שחיטת חוץ... רמב״ם... תּוספות איז גערעכט... רעד דער דין, װײַטער צו זיך.

„איהר יצחק׳ל, טױבה די מאַרק־יודענעס אַ יונגעל״, טראַכט זי מיט שטאָלץ.

– נאַט אײַך דאָס בריװעל, זאָגט דער דין צום סוף, איך האָב עס שױן דורכגעלעזען.

– נו װאָס? פֿרעגט די יודענע.

– װאָס װילט איהר דען?

– װאָס שטעהט אין בריװעל? פֿרעגט די יודענע אין דער שטיל.

– עס איז נישט פֿאַר אײַך – איהר װעט עס נישט פֿערשטעהן, זאָגט דער דין מיט אַ שמײכעל

יצחק׳ל שרײַבט אַהײם בריװלעך, װאָס אַמאָל װערען די יודישע װערטער װײניגער, די לשון קודש װערטער מעהר, אַמאָל נאָר אַ געריס צו דער מאַמען – און זי קומט צו ר׳ יוחנן; ר׳ יוחנן לײענט איהר דורך די יודישע װערטער און זי לאָזט זיך דערמיט בעגנוגענען, „די לשון קודש װערטער זענען פֿאַר דעם דין״, טראַכט זי זיך.

אַמאָל קריגט זי אַ בריװעל פֿון יצחק׳לען.

זי געהט אַרײַן צו ר׳ יוחנן, ער זאָל עס דורך לײַענען.

ר׳ יוחנן לייענט עס דורך.

– גאָר נישט דאָ צו אייך, זאָגט ער

– ווי הייסט?

– גאָר נישט, ענטפערט ער אָב קורץ.

– לייענט זשע מיר חאָטש דאָס, וואָס איז דאָ.

– עס איז דאָך לשון קודש, תורה, איהר וועט דאָך נישט פערשטעהן.

– וועל איך נישט פערשטעהן.

– געהט אייך-געזונדטערהייד, און פערדרעהט מיר נישט דעם קאָפּ.

טויבה איז אַרויס מיט דעם געדאַנק, אויף דער נאַכט צו געהן צום דין.

– רבי, זייט מוחל, פערטייטשט מיר דעם בריעף אויף יודיש זאָגט זי צו דעם דין, איהם דעם בריעף איבערגעבענדיג.

דער דין נעהמט דעם בריעף און לייענט איהם איבער.

– גאָר נישט דאָ פאַר אייך! זאָגט ער איהר.

– רבי, זאָגט טויבה פערשעמט, פערטייטשט מיר, זייט מוחל, דאָס לשון-קודש׳דיגע.

– עס איז דאָך תורה, איהר וועט דאָך נישט פערשטעהן.

– נו, לייענט חאָטש דעם בריעף אויף לשון-קודש, הויך, הויך, איך זאָל איהם הערען.

– איהר וועט דאָך אָבער נישט פערשטעהן, עס איז דאָך לשון-קודש, שמייכעלט דער דין.

– נו וועל איך נישט פערשטעהן, זאָגט די יודענע, עס איז דאָך מיין קינדס תורה, מיין קינדס.

דער דין האָט עפּעס געקלערט, און אָנגעהויבען לייענען הויך.

– שחיטת חוץ שנתערבה בקודש... רמב״ם בהלכות... מ״א...

באַלד אָבער קוקט ער אויף די יודענע און דערמאָנט זיך אָן עפּעס: ער זאָגט גאָר תורה פאַר אַ יודענע.

– נאַט אייך דעם בריעף, עס איז גאָר נישט דאָ פאַר אייך.

האָט ער געזאָגט רחמנות׳דיג און צוריק זיך געזעצט אויף זיין אָרט.

– עס ג.י. דאָך מיין קינדס תורה, מיין יצחק׳לס בריעף,

פֿאַר וואָס זאָל איך נישט הערען? לאָם מיך נישט פֿערשטעהען, עס איז דאָך מײַן קינד.

דערנאָך ווען טויבה איז אַ היים געקומען, האָט זי זיך בײַם טישעל אַנידער געזעצט, אַראָבגענומען דאָס לעמפּעל פֿון צוואָק און בײַ דער שײַן פֿון דעם פֿעררויכערטען לעמפּעל, האָט זי שטום אויף דעם בריוועל געקוקט.

זי האָט דעם בריעף געקושט, נאָר באַלד האָט זיך איהר געדאַכט, אַז זי איז מטמא דעם בריעף מיט איהרע ליפּען, זי איז אַ זינדיגע יודינע...

זי האָט זיך אויפגעהויבען, אַרויסגענומען פֿון ספרים־שאַפֿ־קעלע דעם מאַנ׳ס סדור און צווישען די בלעטער אַרײַן געלעגט דעם בריעף.

מיט ציטערדיגע ליפּען האָט זי געקושט די טאָוולען פֿון דעם סדור, און איהם צוריק אַרײַן געשטעלט אין ספרים־שאַפֿקעלע.

מָאטֶעלֶע.

צוזאמען האָבען מיר מיט מאָטעלען געלערנט ביי ר׳ יוחנן דעם דאַרדק׳ער.

פון קינדהייט אָן איז ער געווען אַ טרייערינגער, שטענדיג געווען פערחוש׳ט, פערקלערט. ער פלעגט זיך אָפט אָבשטעלען און קוקען פערטראַכט, ער קוקט און ווייס אַליין נישט וואָס. ער הערט מיט אָפענע אויערען. און וואָס ווען? ער אַליין ווייס נישט.

געזעסען זענען מיר קינדער ביי׳ם טיש, אין חדר, און מיר האָבען געלערנט.

דער רבי איז געשטאַנען פאַר אונז און אַלטונג געגעבען, אז מען זאָל פון דער גמרא נישט אַרויסקוקען.

— מאָטעלע, פרעגט דער רבי פלוצלונג אין מיטען לערנען — מאָטעלע וואו האַלסט דו?

מאָטעלע, אַזוי ווי ער וואָלט זיך פון שלאָף אויפגעכאַפט, רופט אוים מיט בליצענדיגע אויגען פאַר פרייד, ווייזענדיג צום הימעל:

„פייגעליך פליהען, אַ חתונה... די צוויי וואָס פליהען פאָראוים זענען חתן כלה, די איבריגע אַ ודאי כלי זמרים...

הערענדיג דאָס ווערט אַ גרוים געלעכטער צווישען אונז, מיר לערנען: צוויי קריגען זיך איבער אַ טלית, און ער דערצעהלט אַ מעשה פון פייגעליך, וואָס מאַכען אַ חתונה.

מאָטעלע פלעגט זיך אָפטמאָל אַרויס׳גנב׳נען פון חדר און פערקריכען אויף אַ גאַנצען טאָג אין וועלדיל אַריין, וואָס שטעהט אונטער דעם שטעדטיל. ער געהט אַרום צווישען די בוימער און רעדט מיט זיך אַליין; ער זעצט זיך אויף אַ בערגיל, וואָס שטעהט נאָהענט ביי׳ם וואַסער און קוקט אין וואַסער אַריין; ער קוקט אויפ׳ן הימעל און זעהט ווי די ווייסע וואָלקענס ציהען זיך — ער

פֿערלאַנגט עפּיס, ער בעט עפּיס פֿון די גרויע הימלען — און ער ווערט שטאַרק טרויעריג...

און איהם דאַכט זיך, אַז אַלץ איז טרויעריג, דעם גאַנצען איבערשטענס בעשעפֿעניש איז ערנסט און טרויעריג, אַלץ וויינט אין דער שטיל און קיינער הערט נישט. ווי טרויעריג עס קוקען די הימלען פֿון דער הויך, ווי טרויעריג עס קוקען די לעצטע שטראַהלען פֿון דער זון אַראָב פֿון די בוימער, ווי טרויעריג עס שאָקלען זיך די בוימער און צווייגען. אַלץ איז איבערגעצויגען מיט אַ זיסער טרויעריגקייט. און ער, טראַכטענדיג דאָס — ווערט ערנסט — איהם פֿערגלוסט זיך צו וויינען, און די טרערען רינען איהם אויף זיינע באַקען.

און ביינאַכט ווען ער פֿלעגט שטעהן, זעהענדיג די לבנה שיינען, האָט ער ביי זיך געהאַט אַנ'איינרעדעניש — אַז די לבנה שפּיעלט מיט איהם אין בעהעלטעניש. זי גנב'ט זיך אַרונטער אונטער אַ וואָלקען און בעהאַלט זיך פֿאַר איהם — זי פֿערשטעלט זיך פֿאַר איהם, אַז ער זאָל זי נישט געפֿינען. אָט שפּאַלט זי דורך דעם וואָלקען און ווינקט צו איהם ממזר'יש, אָט נעהמט זי אַ שטערן און וואַרפֿט איהם — און ער עפֿענט אויף די האַנד, ווי ער וואָלט איהם ווּעלען חאַפּען.

שבת פֿאַר נאַכט. די שטערן האָבען זיך נאָך נישט בעוויעזען און אין שטוב איז נאָך קיין ליכט נישט אָנגעצונדען. עס איז טונקעל. לאַנגע שרעקליכע שאָטענס בעוועגען זיך אַהין און אַהער אויף די ווענד, אויף דער פּאָדלאָגע; מאָטעלע שטעהט ביי'ם פֿענסטער און קוקט אויף די שפּיץ בוימער, וואָס ווייזען זיך שוואַך אַרוים פֿון דעם גרויען פֿלעק, וואָס האָט איינגהילט דאָס וועלדיל. די מוטער זיצט אין ווינקעל, און ברומט „גאָט פֿון אַברהם". פּלוצלונג פֿערוועלט זיך איהם עפּיס. ער ווערט שטאַרק רויט, ער וויל פּרובען זיין ווילען צו פֿעריאָגען, אָבער ער קען נישט, עס ציהט איהם שטאַרק פֿאַר דאָס האַרץ, ער קען זיך נישט איינהאַלטען. ער מוז זאָגען, ער געהט צו צו דער מוטער, דאָס האַרץ קלאַפּט איהם. די אויגען פֿינקלען איהם. ער שעהמט זיך. די מוטער וועט איהם אויסלאַכען, — טראַכט ער ביי זיך — אָבער פֿערפֿאַלען: „מאַמע — זאָגט ער מיט אַ שטילען שעמענדיגען טאָן — מאַמע איך בעט דיך, בייזער דיך נישט... לאַך נישט..." און איז שטיל געבליבען.

— וואָס ווילסט דו, מײַן קינד? פרעגט איהם די מוטער מיט צערטליכקײַט.

דאָס האָט נאָך מעהר זײַן ווילען פערגרעסערט.

— מאַמע — זאָגט ער זעהר שטיל און וויל זיך צוריק־חאַפּען: „מאַמע, איך וויל דיך קושען!..“

— פֿע! נאַרעלע, פֿע, עס פּאַסט נישט פֿאַר אַ דרײַיאָהריגען יונגעל.

— ניין, מאַמע איך וועל שוין מעהר נישט, — האָט מאָטעלע איינגערופֿען פערשעהמט, און טרערען האָבען זיך איהם בעוויזען אין די אויגען. — „איך בעט דיך. דערצעהל נישט פֿאַר קיינעם“. און געטראַכט האָט מאָטעלע בײַ זיך: „וואָס בין איך שולדיג, אַז מײַן יצר הרע איז אַזוי גרויס?“

— געה בעסער דאַווענען, — האָט איהם די מוטער געזאָגט — דאַווען פֿרום.

און מאָטעלע איז געגאַנגען דאַווענען. ער האָט פֿרום געדאַווענט און פֿון דעם אייבערשטען געבעטען, אַז ער זאָל זײַן יצר־הרע אָבשוואַכען.

אַ יתום איז מאָטעלע געוועזען. דער פֿאָטער זײַנער איז איהם פֿאַר אייניגע יאָהר געשטאָרבען. דאָס איז געוועזען זײַן גליק, דאָס האָט אָבגעהאַלטען דעם רבי פֿון שלאָגען איהם, אונז פֿון חוזק מאַכען אויס איהם — ער האָט אַ געשטאָרבענעם טאַטען, ער וועט זיך פֿאַר איהם אָננעהמען.

און אַז עס איז געקומען „תשעה באב“, איז ער געוועזען אונזער גאַנצער פֿיהרער אויפ'ן „גוטען אָרט“. ער האָט אונז אַרומגעפֿיהרט ווי אַ פּריץ אין זײַנע גיטער; ער איז דאָך דאָ אַ היימישער: ער האָט דאָך דאָ ליעגען אַ טאַטען.

מאָטעלעס מוטער, חוה די שוואַרצע — אַזוי האָט זי געהייסען — איז געוועזען אַ הויכע יודענע, אַ דאַרע, דאָס פּנים אויסגעצויגען, געל ווי וואַקס, די באַקען איינגעשרומפּען, צוזאַמענגעקנייטשט, די ליפּען איינגעטריקענט, געשפּאָלטען, אַ האַלדז אַ שוואַרצער, מיט גראָבע, בלויע אָדערען.

געהאַנדעלט האָט זי מיט היהנער, אייער, פּוטער. געפֿאָרען איז זי אַ גאַנצען טאָג פֿאַר קעלט, געגאַנגען אָבגעריסען, געגעסען טרוקען ברויט און געהאָרעוועט ווי אַן אייזעל,

איהר גאַנץ בּיסעל גוטס אויף דער וועלט איז געווען מאָטעלע. זי האָט געצאָהלט פאַר איהם שכר־לימוד־געלד, געזעהען ער זאָל האָבען אַ גאַנץ קאַפּאָטקעלע, מיט גאַנצע שטיוועליך, אַ וואַרעם קאַפּטיל אויף ווינטער, ער זאָל זיך חלילה נישט פערקיהלען.

שבת נאָכ'ן שלאָף פלעגט זי זיך אָנטהון די נייַע יאַקע מיט דער נייַער הויב, נעהמען דאָס יונגעל פאַר דער האַנד און פיהרען איהם צום דַיָן פערהערען.

און אַז זי האָט געהערט איהר מאָטעלע'ן זאָגענדיג דעם „שיעור“, איז זי שטאָלץ און גרויס געוואָרען בּיי זיך. זי האָט געהאַלטען די וועלט פאַר קליין און נידעריג. איהר וואָכענדיג, פינסטערעס לעבען איז ליכטיג און העל געוואָרען. זי האָט געוואָלט מאָטעלע'ן אויסקושען אַלע בּיינדעליך. אָבער עס פּאַסט דאָך נישט פאַר אַ מאַמען צו קושען אַ דערוואַקסענעם יונגעל.

און אַז מאָטעלע איז אַלט געוואָרען אַ יאָהר צוועלף, איז ער ווייטער געוואָרען אַ יתום.

נאָך אַ קאַלטען ווינטער־טאָג — איז חוה די שוואַרצע אַהיים געקומען אַ דערפרוירענע, מאַט און קראַנק — אַ ציטערקייט האָט זי דורך און גענומען, זי האָט געשיקט מאָטעלען נאָך דער מוהמען. די מוהמע איז געקומען, מען האָט געמאַכט אין דער האַלב צעבּראָכענער קיך פייער, די שטוב איז פול געוואָרען מיט רויך. אין אַ פּאָר טעג אַרום, ווען דער רופא מיט'ן אַפּטהייקער האָבען צוגענומען די לעצטע פּאָר גילדען, און לוי דער מלוה די גאָלדענע אויערינגלעך, — וואָס זי האָט געקריגען אַ מתנה כּלה־ווייז פון איהר „טרויערינגען“ — און אַ קישעלע, איז די יורענע געשטאָרבען. און מאָטעלע איז געוואָרען אַ יתום.

די שטאָדט האָט גענומען פאַר איהם זאָרגען, געשאַפט איהם טעג בּיי די רייַכע, — אין „בּית־המדרש“ האָט ער געלערנט — דאָס בּיסעל „בּעל־בּתישקייט“ האָט מען פערקויפט און דאָס געלד האָט מען געגעבען צו האַלטען אַ „בּעל־בּית“ אין שטאָדט.

דאָס גאַנצע שטעדטעל איז געווען מיט איהם צופריעדען. אַ רוהיגער און שטילער, געהט זיך זיין אָקסען שריט, נאָר שטענדיג פערטראַכט. אַלע פאַרנאַכט, ווען די זון געהט אונטער, פלעגט ער שטעהן און גלאָצען מיט די אויגען, ווייַזענדיג אַהין

מיט'ן פֿינגער צו מערב זייט: „ווי שען איז דאָרט! ווי שען איז דאָרט ז' פֿלעגט ער אויסרופֿען צו די פֿערבייגעהענדיגע.

מען פֿלעגט איהם דערפֿאַר שנעלען אין נאָז, אָדער וואַרפֿען קניילען שניי אין קאָפּ אַריין אין אַ ווינטערנאַכט.

די שטאָדט האָט געזאָגט. אַז ער איז קראַנק, ער איז אַ פֿערחוש'טער נאָר טייל האָבען געזאָגט, אַז דאָס האָט ער נאָר אין זומער טעג, ווען גרויסע היצען זענען; טייל האָבען געזאָגט, אַז ער האָט עס אַ גאַנץ יאָהר

ער וואָלט שוין געווים אַ חתן געוואָרען. — די מוהמע האָט שוין פֿאַר איהם געזאַמעלט פֿעדערן אויף בעטגעוואַנד —, ווען נישט די טרויעריגע מעשה, וואָס ס'האָט זיך געטראָפֿען מיט איהם ביי ר' משה חיים'ן.

* *

ר' משה חיים אַ יוד אַ חסיד, אַ חלוש, ליעגט שטענדיג אין בעט, און איז זיך מפרנס פֿון ווייב'ס קרעמיל. און אַ מעדעלע האָט ער געהאַט, רייזעלע האָט זי געהייסען. מיט בלויע אויגען און בלאָנדע לאַנגע האָר.

מאָטעלע פֿלעגט אָפּט אַריינקומען צו ר' משה חיים'ן. דאָס אַריינקומען האָט געהייסען גלאַט אַזוי, אָדער משמש צו זיין ר' משה חיים'ן. אין אמת'ן מיינט ער טאַקע גאָר נישט, נאָר משמש צו זיין ר' משה חיים'ן. זי, רייזעלע איז איהם בְּקֶעֶקַע חוֹרָא, ווי אַ ווייסע גאַנז, ווי גאָר נישט.

ער וויל נאָר האָבען, אַז ער זאָל זי טרעפֿען זיצען ביי'ם ווינקעל פֿון קיד'ל, וואָס איז פֿערהאָנגען מיט'ן רויטען פֿאָרהענגעל, דאָרטען, וואוהין ער פֿלעגט אָפֿט וואַרפֿען פֿערשעהמענדיג זיין בליק, דאָרטען, פֿון וואַנען איהרע בליקען גנב'נען זיך אַהין צו איהם.

און איהרע בליקען זענען עפּיס אַזוי דייטענדיג: זיי רעדען, דאַכט זיך, פֿריינדליך, ליעבליך מיט טהיילנעמונג. די אויגען קוקען שעהמענדיג...

שטענדיג, ווען ער זעהט זיי, ווערט ער ערנסט, גוט און רחמנית'דיג; זיין האַרץ צוגיעסט זיך איהם ווי וואַסער. עס גלוסט איהם צו וויינען.

דאַכט זיך, איהר בליק איז איהם נישט פרעמד. ער האָט אַמאָל געזעהען אַזעלכע גוטע אויגען. יאָ, ער האָט אַמאָל אַזעלכע אויגען געזעהען. און שוין לאַנג, לאַנג זעהט ער זיי נישט..

זיי זענען פערשוואונדען געוואָרען... דאַכט זיך, צוזאַמען מיט דער מאַמעס טויט...

יאָ... נאָר די מאַמע אַליין האָט אַזוי געקוקט. און זי קוקט אויך אַזוי. איהר בליק זאָגט די ווערטער: „מאָטעלע, וואָס ביסט דו אַזוי טרויעריג? וואָס מאַכסט דו מאָטעלע? ביסט דו געזונד?“ פרעגען איהרע אויגען מיט אַ וואַרימקייט און ליבע.

און ער וויל עפּיס. און ער ווערט שטאַרק רויט, ער האָט מורא מען זאָל איהם פון פנים נישט אַראָבלייענען, וואָס ער האָט אין זינען.

ער וויל איהר זאָגען נור איין וואָרט: „רייזעלע“—נאָר בלויז דאָס, און נישט קוקען. דענסטמאָל ווען ער וואָלט זי געזעהען, וואָלט ער נישט געקענט זיינע אויגען דערהויבען אין דער הויך.

און ווען ער זיצט ביי ר' משה חיים'ס בעט, און גנב'ט אַהין אַ בליק צו איהר, שפירט ער ווי אַ זיס ציטערקייט נעהמט איהם אָן, אַ מתיקה'דיגע אימה.

און ער פיהלט, ווען זי קוקט אויף איהם: דענסטמאָל שפירט ער, ווי אַ וואַרעמקייט נעהמט איהם אַרום, ער שפירט דענסט־מאָל אַזאַ זיסקייט, וואָס ער קען נישט אַרויסזאָגען...

און דעמאָלט האָט ער מורא די אויגען אויפצוהויבען אין דער הויך, טאָמער וועלען זיך די בליקען בעגעגנען.

און גאַנצע נעכט פלעגט ער ליגען אויף זיין געלעגער און קלערען. און איהם דאַכט זיך, אַז ער זיצט אויבען'אָן ביי אַ גע־רעקטען טיש. פון אויבען'אָן זיצט דער רב. אויף דער צווייטע זייט ר' משה חיים, אַ גרויסער עולם זיצען אַרום. מען צוברעכט טעלער, מען זאָגט „מזל־טוב“. ער ווערט שטאַרק רויט... ער שעהמט זיך...

און די קאָלדרע פאַלט איהם אַראָב פון זיין געלעגער. דאָס ווינטיל, וואָס בלאָזט אַריין פון פענסטער, בלאָזט אויף איהם, און ער שפירט נישט, און פיהלט נישט...

און איהם דאַכט זיך:

נאָך דער חתונה... רייזעלע געהט אָנגעטהון אַ הייביל...

זי קוקט פערשעהמט, זיי האָבען נישט גערעדט נאָך צווישען זיך איין וואָרט... ער ווייס גאָר נישט, ווי מען קען רעדען... ווי מען קען קוקען איהר גלייך אין די אויגען אריין...

אין דער פריה, ווען ער דערמאָהנט זיך, וואָס ער האָט ביי נאַכט געטראַכט, ווערט ער רויט, ער שעהמט זיך פאַר זיך אַליין. ער האָט מורא מען זאָל איהם דאָס פון פנים נישט אַראָבלייענען... אַמאָל האָט ער איהר אַ בריוועל געשריבען, אין בריוויל שרייבט ער איהר אַזוי: „קום, רייזעלע, היינט פאַר נאַכט ביי דעם ברונען אונטער דעם שטעדטיל, איך דאַרף דיר אַ סוד זאָגען...“

און זי איז געקומען...

אָבער ער האָט נישט גערעדט און נישט געקוקט אויף איהר... ער האָט נישט געקענט...

און זי איז אַוועקגעגאַנגען פערשעהמענדיג, אַראָבגעלאָזט דעם קאָפּ צו דער ערד...

*

*   *

אין אַ שבת נאַכ'ן עסען איז דאָס געוועזען.

מאַטעלע איז געוועזען ביי ר' משה חיים'ן אין שטוב.

אין שטוב ביי ר' משה חיים איז געוועזען אַ קליין „גן-עדן“. אויסגעקעהרט, אויפגעראָמט, אַלעס שיינט, אַלעם גלאַנצט, אַ ווייסער טישטוך אויפ'ן טיש.

אין אַויר אַפּילו שפּירט מען די היילינקייט פון שבת.

ר' משה חיים ליעגט אין שלאָף. די קאָלדרע, מיט וועלכער ער ליעגט צוגעדעקט, בעוועגט זיך פון דעם אָטהעמען פון ויין הארץ. די האָר פון באָרד בעוועגען זיך אויך.

רייזעלע ליעגט אָנגעשפּאַרט דעם קאָפּ אויפ'ן טיש און שלאָפט...

און מאַטעלע זיצט און גלאָצט...

די זון גנב'ט זיך אַריין דורכ'ן פאָרהענגיל און בעגאָלד איהרע האָר.

און איהרע האָר, דאַכט זיך מאַטעלען, האָבען אַ שייבית מיט זיין הארץ — זיי שפּאַלטען עס דורך און קניפּען זיך צוזאַמען און ציהען איהם...

איהרע אויגען זענען פערמאַכט און איהר פּנים איז אַזוי שען און עס זאָגט אַזוי: קום! קום! נעהנטער!... מאָטעלע שעהם דיך נישט. האָב נישט קיין מורא... איצט איז קיינער נישט דאָ... קיינער זעהט נישט... קיינער ווייסט נישט...

אָבער די שטראַהלען פון דער זון — ?

פערשפּרייט האָט ער דאָס פאָרהענגיל פאַר'ן פענסטער, טונקעלער איז געוואָרען אין חדר —

און זיי בעטען דאָך — איהרע צוגעמאַכטע אויגען זאָגען: קום אַהער, מאָטעלע! — נעהנטער — נעהנטער — און אַלעס איז מסכים — דאָס אַרויף און אַראָב געהן פון ר' משה חיים'ס האַרץ איז אויך מסכים — אַלעס הייסט —

אָבער דער אייבערשטער ווייסט און זעהט אַלעס, וואָס דער מענש דענקט צו טהון —

אָבגערוקט האָט ער זיך —

אָבער די צוגעמאַכטע אויגען שלעפּען איהר מיט געוואַלד. דאָס פּנים ציהט — די האָר — און גענעהנט האָט ער זיך —

דאָס האַרץ קלאַפּט — די אויגען שווינדלען —

איהרע האָר — ניין — אויף איהר פּנים, אויף איהרע האָר ליעגט אַ הייליגקייט—און דאָס לאָזט נישט—דאָס הייסט נישט— קושען — ניין — ליפּען טמא, מטמא מאַכען איהרע האָר. אַוועקשעכטען די הייליגקייט פון פּנים.

ניין — ניין —

יאָ — יאָ — קום — קולות זאָגען, דאָס האַרץ ציהט — די האָר נאָך שטאַרקער — דאָס פּנים איהר'ס רעדט — די אויגען נעהמען מיט געוואַלד — און קיינער איז נישט דאָ — קיינער זעהט נישט — און אַלעס הייסט — אַלעס איז מסכים — און גענעהנט האָט ער זיך שוין ווידער — — שוין ריהרען אָהן זיינע ליפּען איהרע האָר. —

און די טהיר האָט זיך פּלוצים אויפגעעפענט און שפּרינצע ר' משה חיים'ס ווייב איז אַריינגעקומען —

— אָ, וועה איז מיר! — אַ בראָך איז מיר!

— — — — — — — — — — — — — —

און ער איז געבליבען שטעהן ווי פריהער, גלאָצט מיט די אויגען. גאָר נישט גערעדט, גאָר זיך נישט פערענטפערט —

אין אַ צײַט אַרום —
מאָטעלע זיצט אין וואַלד אַלײַן —
עס איז אַ שטילע זומער=נאַכט.

אַלעס שלאָפֿט אַרום, די בײמער שטעהען שטיל און שלאָפֿען. דער הימעל האָט זיך אָנגעטהון זײַן בלױען שלאָפֿקלײַד און שלאָפֿט, נאָר די אײַנציגע צנוע׳דיגע לבנה גלאָצט נאָר אַראָב מיט איהרע אױגען — טײלמאָל בעהאַלט זי זיך אונטער דעם הימעלס שלאָפֿ=דעק, חאַפּט אויף אַ װײַל אַ דרימעל און לאָזט דערװײַל װאַכען איהר קאַמערדינער, דעם שטערן, װאָס בעגלײַט זי.

נאָר איך אַלײַן בין אויף — טראַכט ער זיך — זיץ דאָ אַלײַן צװישען די בױמער פֿון װאַלד, אײַנזאַם, טרױעריג — און צו װאָס בין איך דען אַהער געקומען? פֿרעגט ער זיך אַלײַן. װער האָט מיך אַהער געפֿיהרט? אָסור אויב איך װײס, איך גײ און גײ, ביז איך פֿערקריך מיך, און קום דאָ אין װאַלד און זעץ מיך אַנידער אונטער דעם גרויסען בױם מיט גרויסע צװײַגען, װאָס איהם האָב איך אַלץ פֿערטרױט — אַלץ געזאָגט, קײן זאַך נישט בעהאַלטען און איך האָב מיך גאָר נישט געשעהמט —

אַלײַן זיץ איך דאָ און שװײַג.

טױזענדער שאָטענס, מיט טױזענדער בילדער און געשטאַלטען פֿאַר מײַנע אױגען — און טױזענדער געדאַנקען און געפֿיהלען טאַנצען אין מײַן קאָפּ און מײַן האַרץ —

און פּלוצלונג האָט ער פֿון אַלעס פֿערגעסען —

איהם דאַכט זיך, ער זיצט אין װאַלד מיט איהר —

ער האָט דאָך איהר אַ בריװעל געשריבען, אַז זי זאָל קומען, און אַזױ קומט זי שױן שטענדיג אַלע נאַכט. זי קריכט אַלע נאַכט אַרויס פֿון איהר קבר, מאַכט זיך אָב דעם זאַמד פֿון די תּכריכים, צולאָזט זיך די האָר, קומט אין װאַלד אַרײַן און זעצט זיך אַנידער נעבען איהם — ער פֿרעגט זי: „רײַזעלע דו ביזט דאָך שױן אַ װײַבעל, דו האָסט דאָך חתונה געהאַט פֿאַר ר׳ מרדכי דעם למדן, און ר׳ מרדכי למדן׳ס װײַב געהט אין די אײגענע האָר, פֿע! רײַזעלע, עס פּאַסט נישט, טהי אָן דײַן הײַבעלע״

און איהם דאַכט זיך אַז זי ענטפֿערט איהם:

— ר׳ מרדכי למדן׳ס װײַב איז געשטאָרבען, און איך בין משה חיים׳ס טאָכטער, נאָך אַ מײדעל.

און ער פֿערגעסט, אַז זי איז געשטאָרבען. איהם דאַכט זיך אַז זי לעבט, און זי איז ווידער דיזעלביגע ווי זי איז געווען, אײדער זי האָט נאָך חתונה געהאַט — דענסטמאָל נאָך ווען ער פֿלעגט אַרײַנקומען צו ר׳ משה חיים׳ען.

דענסטמאָל — דענסטמאָל —

ער געדענקט אַלץ —

און יעצט זיצט ער דאָך מיט איהר אין וואַלד אַלײן —

און די בוימער בעהאַלטען זײ און זענען אײַנגעשלאָפֿען — דאָס גאַנצע לעבען שלאָפֿט —

די לבנה האָט זיך איצט אַרונטערגעחאַפּט אונטער דעם הימעל׳ס דאַך און שלאָפֿט; אויך דאָס ליכטעל פֿון וועכטערס הײַזעל איז אויסגעגאַנגען, אַ סימן — ער שלאָפֿט אויך.

נאָר יענער שטערן, דער לבנה׳ס וועכטער, איז נאָך אויף, און נאָר די זשאַבע אין וואַסער קוויטשעט — קוויטשעט ביטערליג.

נאָך אַ רגע, זי האָט אויפֿגעהערט קוויטשען —

און דער שטערן קוקט מיט אַ ליעבליכען שמײכעל אויף די גאַנצע וועלט — ער גריסט און קושט —

און דער שטערן קוקט אויף זײ און לאַכט — ער הערט זײערע סודות, וואָס זײ זאָגען זיך אין זײערע הערצער. נישט מיט ווערטער, ער ווײסט אַלץ און לאַכט —

און מאָטעלען דאַכט זיך אַזוי ווי דער שטערן וואָלט געזאָגט צו זײ: — האָט ניט קײן מורא, ליעבע קינדערלעך — איך וועל פֿאַר קײנעם די סודות נישט אויסזאָגען.

און ער קושט זײ מיט אַ שטראַהל — און בעלײַכט איהרע ווײַסע תּכריכים.

און זײ בײדע — דאַכט זיך מאָטעלען — זיצען צוזאַמען האַרט נעבען אַנ׳אַנדער — אײנער קוקט נישט אויפֿ׳ן צווײטען. ער קוקט אַרויף אין דער הויך צום הימעל, און זי טיעף אין וואַלד אַרײַן —

און פּלוצלונג — דאַכט זיך איהם:

— מאָטעלע — !

— רײזעלע — !

ווײַטער איז שטיל — אַראָבגעלאָזט די קעפּ צו דער ערד ... און רויט ווערען די פּנים׳ער.

אַ טרער — דאַכט זיך איהם, קײַקעלט זיך אַראָב פֿון איהר אויג אויף איהר באַק —

— און שטיל איז אומעטום — אַלץ שלאָפֿט געשמאַק — קײנער געהט נישט —

געקוקט — דאַכט זיך איהם - האָט זי אויף איהם מיט פֿיעל רחמנות, מיט פֿיעל דערבאַרעמיגקײט.

און װײַטער שטיל —

אַראָבגעלאָזט פֿערשעהמט האָבען זײ בײדע די קעפּ — און דער שטערן — דאַכט זיך איהם — האָט געזעהען און געלאַכט.

— רײזעלע — האָט ער קוים הערענדיג אויסגערופֿען.

— מאָטעלע — דאַכט זיך איהם, האָט זי געענטפֿערט מיט אַזאַ װײכקײַט, מיט אַזאַ ליעבליכקײַט, אַז זײַן האַרץ איז צו־גאַסען געװאָרען.

— „רײזעלע, זאָל איך דיך קושען?" — האָט ער פֿלינק אַ פֿרעג געטהון — און עס האָט איהם שוין באַנג געטהון און פֿלינק האָט ער געװאָלט זײַן װאָרט צוריקנעהמען —

און גאָר נישט — דאַכט זיך איהם — האָט זי געענטפֿערט, נאָר בעהאַלטען האָט זי איהר פּנים צװישען איהרע קלײנע הענדליך און זי האָט געװײנט.

נאָר נאָכהער — דאַכט זיך איהם — האָט זי איהם אײַנגערוימט װײַזענדיג אויף יענעם שטערן: „דער שטערן זעהט אַלץ — און פֿאַר איהם שעהם איך מיך".

און זײ האָבען זיך פֿערדרוקט אונטער די גראָבע בוימער און זיך בעהאַלטען פֿון דעם שטערן —

— — אָבער דער שטערן — דאַכט זיך איהם, האָט אַלץ געזעהען און געלאַכט —

— — — — — — — — — — —

באַלד האָט זי — דאַכט זיך איהם — אַ פּאָר פֿליגעל פֿער־שפּרײט און איז אַװעקגעפֿלויגען. איהרע װײַסע תּכריכים האָבען זיך איהר נאָכגעשלעפּט — — —

ער איז געבליבען אַלײן זיצען — — — — —

— — — — — — — — — — — —

אין שטעדטיל האַלט מען איהם פֿאַר אַ מרה־שחורה'דיגען —.

אַ דאָרף־צַדיק.

(אַ פאָלקס־לעגענדע).

אין אַ טויה=בעדעקטען ים פון גרינעם גראָז ליעגט ער בע=האַלטען, און פאַשעט זיינע שעפעליך, וואָס דער פאָטער האָט זיי איהם איבערגעגעבען.

מען רופט איהם „יאַשעק". ווי ער הייסט אין „יודישען" ווייס ער אַליין אויך נישט, מען האָט איהם קיין מאָל נאָך צו קיין „עליה" נישט אויפגערופען.

אַלע ווייסען, אַז ער איז אַ פויער, אַ גראָבער יונג. דער פאָטער זיינער, יצחק מילכיגער, איז זיך אין גאַנצען פון איהם מיאש; ער וועט נאָך איהם אפילו קיין קדיש נישט קענען זאָגען. און נור יוצא צו זיין האָט ער איהם אַראָבגעבראַכט אַ מלמד פון שטאָדט.

דער מלמד אַרבייט מיט איהם מיט אַלע כחות. הונדערט מאָל, הונדערט מאָל זאָגט ער איבער יעדעס וואָרט, און ער, אַזוי ווי נישט איהם וואָלט מען געמיינט — קמץ=אַלף זאָל דיר זיין „גוט וואָך!"

— געה האָב צו טהון מיט אַ אייזעל=קאָפּ, זאָגט דער מלמד און שאָקעלט מיט'ן קאָפּ. און די מוטער קוקט אויף איהר זוהן, און קרעכצט.

מען הייסט איהם אפילו נישט קיין סדור נעהמען. דאַווגען? ער, „יאַשעק", וועט דאַוונען? וואו קומט ער צו גאָט? אַ חרפה פאַר זיין ליעבען נאָמען, ער זאָל קריאַת=שמע זאָגען!

און דאָך פערשטעהט יאַשעק גאָט לויט זיין פערשטאַנד און פיהלט איהם אין זיין האַרץ.

און ער זעהט גאָט אומעטום, אומעטום וואו ער טהוט אַ קוק מיט זיינע אויגען, ער זעהט איהם דאָרט, וואו דאָס וואַסער־ריל גיעסט זיך אין דער שטיל און דערצעהלט סודי־סודות דעם שטילען רוהיגען בעגראָזטען ברעג. און פון דאָרט וויַיט קומט דער וואָלקען, און ציהט זיך איבער׳ן הימעל מיט אַ טרויעריגען וואָלקען, דעמאָלט שפירט ער עפּעס, וויל ער עפּעס, בענקט ער נאָך עפּעס...

ווען עס גיעהט אַ גרויסער וואָלקען, עס שלאָגט אַ דונער, עס בליצט... צו אַ רעגען גיעסט... אָדער אַ שווערער געפיהל הילט איַין דאָס דאָרף, אָדער אַמאָל, ווען מען האָט דעם אַלטען מאַטישעק אַפּערגענומען פון אונטער דער שנייד־מאַשין און פון אונטערגעהאַקטען פוס האָט בלוט געָרונען... שטעלט זיך איהם... דעמאָלט, דערשפּירט ער גאָט! און ניט אין הימעל וואוינט גאָט, און נישט אויפהייבען דעם קאָפּ צום הימעל דאַרף מען, מען זאָל איהם זעהען; ניין, איהם דאַכט זיך, אַז גאָט וואוינט ערגעץ וויַיט, וויַיט, אין אַ גרויסער שטאָדט, דאָרט, וואו דער שׂררה פון דאָרף וואוינט, און וואו אַלע גרויסע שׂררות און גרויסע לייט וואוינען. און די אַלע גרויסע שׂררות, און גרויסע לייט זענען נישט מעהר, ווי גאָט׳ס „פּאַראָבקעס" אַזוי ווי סטאַך און וואויטעק זענען פּאַראָבקעס ביים „פּריץ" פון דאָרף.

אָבער ער, ווי קומט ער צו גאָט? אפילו נישט צו זיין זיינס אַ פּאַסטוך! אַ פּאַסטוך ביי גאָט, טראַכט ער ביי זיך, מוז אויך זיין אַ גרויסער „פּאַן", אַ פּריץ אַ גרויסער! און ווער ווייסט צו דער פּריץ פון זייער דאָרף איז האָטש אַ קוטשער ביי גאָט׳ס פערד? ווער מען איהם, יאַשעקען, צולאָזען?

נאָר טהיילמאָל ווען דער הימעל איז ריין און העל, און רוהט פערחלומ׳ט, אין אַ בלויען פליסענדיגען שלייער, און די גרעזער וואַקסען זיך אונטען במנוחה, און איינגעוואָרצעלט איז דאָס גרעזיל אין דער ערד, און קוקט זיך שטיל אין הימעל אַריין, און דאָרט קעגען איבער, שטעהט דער אַלטער וואַלד — דער גרינער זיידע פון דאָרף, און דאָרט וויַיטער ציהט זיך צווישען די גראָזען דער וועג, אַ פוהר פאָהרט, און אַ יוד גיעהט ערגעץ וויַיט, וויַיט... און פון אויבען דער הימעל ציהט זיך אויך ערגיץ וויַיט אַוועק און גיעהט וואָס אַמאָל ניעדריגער, ניעדריגער, ביז ער לאָזט

זיך אין גאַנצען אַראָב אויף דר'ערד... און ער, יאַשעק, זיצט זיך אויף דער שוועל פון דער „סטאָדאָלע" און קוקט... דענסטמאָל דאַכט זיך איהם, האָט זיך גאָט אַביסעל אַרויסגעחאַפּט פון די „יזרדות" פון די פריצים און איז זיך דאָ אַליין אַהער געקומען אין פעלד אַריין, אויסגעצויגען זיך און ליעגט זיך אַזוי און וואַרט...

און יאַשעק וויל אַ דאַנק און אַ לויב אָבגעבען גאָט פאַר דעם אַלעם, אָט וואָס איז אַרום און אַרום.

און טהיילמאָל ווילט זיך איהם געהן און געהן אַזוי לאַנג, ביז ער וועט אָנקומען דאָרט צו דער גרויסער שטאָדט, וואו גאָט וואוינט, וואו זיין פאַלאַץ שטעהט!

— וועל איך צוגעהן און אַ קוש טהון גאָט אין האַנד אַריין! — טראַכט ער זיך.

נאָר באַלד זיפצט ער אָב:

— מען וועט מיך דען צולאָזען?

ער קען צוקומען, טראַכט ער, צו גאָט'ס פאַלאַץ, נאָר דאָרט שטעהען „שווייצער", אַזוינע הויכע מיט בלאָהע סטענגעס, געלע איבערגעלעגטע שטיוועל און רויטע פרעק, אַזוינע ווי ער האָט געזעהען ביי די פריצים, וואָס זענען געקומען צו זיין פריץ אויפ'ן דאָרף אויף אַ באַל — און זיי וועלען איהם אַוועקיאָגען...

און באַלד דאַכט זיך איהם, אַז מען דאַרף נישט געהן, אַז גאָט איז אויפ'ן פרייען פעלד, אַז די שווייצער היטען אַ לעערען פאַלאַץ, אָהן גאָט!

„אֵל מֶלֶךְ נֶאֱמָן" לערנט איהם דער רבי פון סדור... און דער אל־מלך־נאמן, דאַכט זיך איהם, איז עפּעס אַ מין שפרוך, וואָס, אַז מען זאָגט איהם, דאַרפען די שווייצער אַריינלאָזען אין גאָט'ס פאַלאַץ...

אָבער צו גאָט האָט ער איין אַנדער מין געבעט, אַ געבעט אָהן ווערטער, אַ געבעט וואָס וואַקסט ביי איהם אין האַרץ און דערפילט דאָס האַרץ און איבערפילט עס און רייסט זיך אַרויס מיט אַ פייף!

ער וויל בעטען, לעגט ער צוויי פינגער אין מויל אַריין, שטעלט אויף די ליפּען, גיט אַ בלאָז. און זיין תפלה הילכט אין גאַנצען וואַלד!

און גאָט פֿאַרשטעהט איהם, פֿערשטעהט זעהר גוט זײַן געבעט!

און ער פּײַפֿט נור דעמאָלט, ווען עס ווילט זיך פּײַפֿען צו גאָט, ווען ער פֿיהלט, אַז מען ברויך פּײַפֿען...

און גאָט, דאַכט זיך איהם, ליעגט ערגעץ ווײַט, ווײַט אי׳פּ׳ן פֿרײַען שמעקענדיגען פֿעלד און הערט זיך אײַן, ווי ער פּײַפֿט, און האָט הנאה פֿון זײַן פּײַפֿען, און פֿרעהט זיך דערמיט.

און ניט ער אַלײן פּײַפֿט! אַלע, ווײַסט ער, „פּײַפֿען". אַז „גאָסיק" דער דאָרפֿ׳ס־הונד הויבט אָן פּלוצלונג צו בילען, וואַרפֿט מיט׳ן ווײַדעל, קוקט אין הימעל אַרײַן און בילט — זאָגט ער: „גאָסיק" דאַווענט; אַז די „ווײַסע" געהט אַהײם פֿאַר נאַכט פֿון פֿעלד, שטעקט די בעגײַ־ערטע צונג אַרויס, און גיט אַ לאַנגע, טרויעריגען בעטש: מע־ע־ע, טראַכט ער: די „ווײַסע" דאַווענט. דער „באָלאַן" דאַווענט אויף אײן אַנדערן אופֿן: ער צוברוקעט זיך, שטעלט זיך אויף די הינטערשטע פֿיס, בײַגט שטײַף דעם קאָפּ אוים: באָר — ר־ר!

אַלע דאַווענען, אפילו די פֿרעש אין וואַסער... אײנער רוימט אײַן דעם צווייטען: קוואַ, קוואַ!

יאַשעק איז שוין אַלט געוואָרען דרײַצען יאָהר, קריאַת־שמע קאָן ער נאָך ניט זאָגען, און עס איז פֿאַר ראש־השנה.

און דער רבי אַרבײַט מיט יאַשעק׳ן האַטש אויף הײַ־יעהרי־ גען ראש־השנה נור בלויס קריאת־שמע זאָגען — מען זאָל איהם קענען מיטנעהמען אין שטאָדט אַרײַן.

און יאַשעק׳ן לכבוד יום־טוב האָט מען געקויפֿט אַ נײַען ציגענעם אַנצוג, אַפּאָר שטיוועל, און אַ נײַ היטעל...

זאָל ער האַטש קריאת־שמע זאָגען.

פֿול אָנגעפּראָפֿט איז די שוהל; קלײן און גרויס, אַלע אָנגעטהון אין ווײַסען. אַריבערגעצויגען מיט די טליתים, אַלע שטעהען און שאָקלען זיך, און שרײַען און רופֿען, אַלץ העכער און העכער:

בײַם עמוד, וואו עס ברענען זיך די זיבען גרויסע וואַק-סענע ליכט, שטעהט דער חזן מיט משוררים... לאַנגע ווייַנענדיגע טענער און בעגלייט מיט האַלבע אָבגעריסענע דערשטיקטע קולות לאָזען זיך הערען:

— מי לחיים, ומי למות...

און אַ פערשטיקט וויינען רייסט זיך אַרויס מיט אַמאָל פון דער ווייבערשוהל. און יאַשעק שטעהט אָנגעטהון אין צייגענעם אַנצוג, די העלע האָהר לאָזען זיך אַרויס פון דעם אַרויפגערוקטען היטעל. ער שטעהט, פלוצים ריהרט ער זיך פון אָרט, שפּאַרט אַרויף אויבען אָן, שטעלט זיך אין דער זייט קעגען איבער דעם חזן, דער סדור, וואָס דער פאָטער האָט איהם געגעבען, מען זאָל חאָטש מיינען, אַז ער דאַוונט, גליטשט זיך איהם פון דער האַנד אַרויס, און ער שטעהט, מיט ווייט געעפענטע אויגען, און קוקט.

אַ פּאָר וואוילע יונגען בעמערקען יאַשעקין, איינער ווינקט צום צווייטען, ווייזען אויף איהם, לאַכען אין דער שטיל, באַלד געהט איינער צו און גיט איהם אַ שנעל אין נאָז.

ער הערט נישט, פיהלט נישט! ער שטעהט, גלאָצט מיט די אויגען, אַמאָל אויף דעם חזן, אַמאָל אויף די ווייַנענדיגע יודען. אָט זעהט ער דאָס ווייסע פרוכת וואָס הענגט בײַם אָרון, מיט די גרויסע גאָלדענע אותיות: „קודש לה'".

גאָט מוז זיצען דאָרט, דאָרט אונטערן פרוכת, טראַכט ער ביי זיך.

און פון דער ווייבער-שוהל קוקט אַראָב זיין מוטער, זי בעמערקט איהר בן שטעהט און גלאָצט, דער סדור גליטשט זיך איהם פון האַנד אַרויס — און די יודענע קרעכצט, טראַכט זיך אין האַרץ:

— אַ פויער, אַ געבוירענער גוי,

און דער פאָטער וואַרפט אויף איהם אַ בליק פון אונטער דעם טלית, קרעכצט שווער אָב:

— רבונו של עולם געדענק אָן איהם אויך!

און יאַשעק שטעהט, און גלאָצט. אַלע וויינען, אַלע דאַוונען, אַלע רופען צו גאָט און איהם פערווילט זיך אויך!

ער וויל אויך בעטען צו גאָט. ער וויל אויך, נישט וויינען,

נישט שרײַען, נאָר דאַנקען און ליבען גאָט וויל ער! פאַר אַלעם, פאַר אלעם דאַנקען!

ער חאַפּט צוריק איף דעם סדור, נעמט זיך צו דער פערפּ צײַלענטער קריאת שמע, הייבט אָן:

— אֵ־ל, מֶ־לֶ־ךְ נֶ־אְ־מָ־ן...

עס האַרצט איהם אָבער נישט אַזאַ תפלה.

ער פערשטעהט זי נישט. דאָס איז נור אַ שפּרוך, אַ טרו־ קענער שפּרוך...

ער וויל דאַנקען און ליבען עהרליך, געטרײַ פון האַרץ — —

און ער האָט מורא פאַר'ן עולם, פאַר'ן גרויסען עולם, וואָס דאַוונט גאָר אַנדערש, נאָר די תאוה איז שטאַרקער פאַר איהם — און גאָט איז העכער פאַר אַלעם! ער מוז!

און ער לעגט די פינגער צו מויל —

און אַ שאַרפער פײַף שנײַדט דורך די ווײַנענדיגע שוהל...

דער עולם דערשרעקט זיך.

ווער איז? וואָס איז? ווער פײַפט אין מקום קדוש?

דער פאָטער וויל איהם אָנחאַפּען בײַם אַקסעל און „דרויס'ען" — דער עולם וויל שלאָגען...

נאָר פּלוצים דרעהט זיך איבער דער הייליגער צדיק פון דער מזרח וואַנד און פרעגט:

— וואו איז ער, דער צדיק וואָס האָט דעם גזר־דין צוריסען? וואָס האָט דעם הימעל געלעכערט און דורך די בלײַערנע וואָלקען אונזערע תפלות אַרויפגעפיהרט?

נאָר דער צדיק איז שוין נישט געווען...

ער האָט זיך אַרויסגעחאַפּט פון שוהל, געוואָרפען די שטי־ וועל איבער די אַקסעל און שפּרײַזט שוין צוריק אין דאָרף אַרײַן.—

דער זינדיגער.

(א חסידישע מעשה)

כדי איהר זאָלט מיר נישט חושד זיין, אז איך האַלט זיין זייט, מוז איך זייך פריהער מקדים זיין אַ קליינע הקדמה.

עס שטעהט געשריבען אַזוי: „אין אדם נוקף אצבעו למטה, אלא אם כן נגזר עליו ממעלה" (אַ מענש גיט זיך נישט קיין ריהר אין פינגער הינטען, אויב מען האָט אויבען נישט אַזוי גוזר געוועזן), און וואָס אַ מענש טהוט, איז ער דערמיט מקיים גאָט'ס אַ מצוה; און זעה: דאָס פויגעלע פליהט גאָט'ס מצוה איז עס מקיים, וואָס ער האָט עס געהייסען פליהען. און אַנ'אָקס דעסגלייכען, וואָס ריטשעט און אפילו אַ הונד וואָס בילט, — אַלע לויבען גאָט מיט זייערע קולות און זאָגען שירה יעדער אויף זיין שטייגער.

און אפילו אַ רשע, וואָס טהוט עברות, דערפילט ער כביכול דערמיט גאָט'ס רצון, ווייל וואָס דען? איהר מיינט אפשר, ער האָט באמת אַ הנאה פון דער עברה? עס איז דאָך אַ פשיטא, אַז ער וועט חרטה האָבען! אלא וואָס?—ער איז מקיים דעם הימעל'ס ווילען.

און דער יצר־הרע אַליין! יעדעס מאָל ווען ער ווערט געשיקט אָנצורעדען אַ יודען צו אַנ'עברה, וויינט ער און זיפצט: „וועה איז מיר, וואָס איך האָב אַזאַ שליחות צו טהון!" און געהט נישט פריהער אַרויס צו זיין עבודה, ביז מען פירט אים אונטער מלאכי־חבלים, שלאָגען איהם און נויטיגען איהם דערצו.

און יעדעס מאָל, ווען די עברות קומען פאַר גאָט, פרעהט זיך

גאָט און זאָגט: וואָרום איז דעם קעניג, וואָס זײַנע קנעכט דינען, איהם אַזוי מיט געטרײַשאַפט.

* *
*

פריהער, איידער נאָך די מעשה איז געשעהען, האָט מען איהם גערופען ר׳ אברהם, נאָר דערנאָך האָט מען איהם אויפגעהערט צו רופען בײַ׳ם נאָמען, נאָר מען האָט געזאָגט סתם–דער ווינדיגער.

ר׳ אברהם איז געווען אַ חשוב און אַן אָנגעזעהענער יוד אין שטאָדט. אַ יוד אַ ירא־שמים, וואָס אַלע האָבען איהם ליעב געהאַט און אַלע האָבען כבוד צוגעטײַלט, און מאַמעס האָבען זיך געוואונשען צו האָבען אַזוינע קינדער, ווי ר׳ אברהם.

געזעסען איז ער אַ גאַנצען טאָג אין בית־המדרש און געלערנט. ער איז אפילו קיין גרויסער למדן נישט געווען, נאָר אַזוי אַ פרומער, כשר׳ער יוד; געגאַנגען זיך אין פראָסטען וועג, – אַ יוד אָהן פיעל גאוה: דאַוונען פלעגט ער אין בית־המדרש צוזאַמען מיט די אורחים בײַ דער טהיר, און–שטיל, געלאַסען, אָהן געשרײַען און אָהן גרויס התלהבות, קאָן מען זאָגען. ער שטעהט זיך אויף איין אָרט, ריהרט זיך נישט, שאָקעלט זיך נישט. די אויגען אַראָבגעלאָזט, אין קוים קוים וואָס די ליפען שעפטשען, און זײַן תפילה גיעסט זיך, ציהט זיך, אַזוי ווי דאָס וואַסער אין אַ רוהיגען טײַך, זיס, פאַמעליך, מיט גרויס דבקות און ליבליכקײַט. אַ שטײַנער ווי אַ טרער, וואָס קײַקעלט זיך אויף אַ קינד׳ס באַק און דערגרײַכט דעם טרער, וואָס איז פריהער אַרויס פון אויג. זײַן תפילה, וואָס איז אויפגעגאַנגען צום הימעל און וואָס פאַר איהר האָבען זיך אויפגעמאַכט אַלע פערשלאָסענע טויערען ביז זי איז צוגעקומען און אײַנגעפלאָכטען זיך אין כתר־הכבוד – פון זײַן תפילה איז דאָרט נישט געוואָרען אַ טײַערער דימאַנט, וואָס בלענדעט די אויגען מיט זײַן ליכטיגקײַט, נאָר אַ קלײַנע פערל, וואָס שײַנט מיט חן, און פינקעלט נישט און בליצט נישט, נאָר לײַכט זיך אַזוי שטיל, מיט ענוות, מיט באַרמהערציגקײַט און גנאָד...

און פאַר וואָס, פרעגט איהר, האָט מען איהם גערופען דער „ווינדיגער״? – איבער אַזאַ מעשה:

וויסען מוזט איהר, אַז דאָס האָבען אַלע מודה געווען, אפילו די וואָס האָבען איהם שטאַרק רודף געווען נאָך דער מעשה, אַז ער איז געווען אַ גרויסער אוהב־ישראל, און נאָך וועל איך אייך זאָגען, אַז דאָס וואָס ער איז נכשל געוואָרען און האָט געהאַט, רחמנא ליצלן, אַזאַ מפלה—דאָס האָט אויך געשטאַמט דערפון, וואָס ער איז געווען אַזאַ גרויסער אוהב־ישראל.

און ליעב האָט ער געהאַט דוקא דעם פּראָסטען יודען, דעם מגושם׳דיגען יודען.

ער פלעגט זאָגען אַזוי: אַ יוד אַ בעל־עגלה, וואָס האָט אַ גאַנצע וואָך נאָר צו טהון מיט זיין פערד און וואָגען און איז איינגעטונקט אַלע זעקס טעג בלויז אין גשמיות, וואָס אַבי נאָר ער חאַפּט אַ דורך דאָס דאַוונען... און אַז ס׳קומט שבת און זיצט ביי׳ם טיש, די בעטען זענען אויפגעבעט, די ליכט ברענען, ווייב און קינדער זיצען אַרום, און מען זינגט צוזאמען זמירות, — אַזאַ בעל־עגלה, אַז ער דרעמעלט איין איבער׳ן סדור און פערגעסט אפילו צו בענשען, זאָג איך אייך, אַז די שכינה רוהט אין זיין הויז און פרעהט זיך און זאָגט: וואויל איז מיר, וואָס איך האָב מיר אויסדערוועהלט אַזאַ פאָלק... אַזאַ יוד האַלט שבת, רוהט אויס, און זיין פערד רוהט מיט, האַלט אויך שבת, שטעהט אין שטאַל און פיהלט אויך, אַז היינט איז שבת־קודש. אַז ער שטעהט דערנאָך אויף פון שלאָף פיהרט ער אַרויס די בהמה צו דער ברונען, פּאָיעט זי אָן, מען געהט זיך דערנאָך שפּאַצירען מיט איהר אויף דער לאָנקע.

און אַזאַ שפּאַציר איז פאַר גאָט ברוך הוא מעהר אָנגענומען ווי צו זאָגען „ברכי נפשי". עס קאָן זיין, אַז דאָס איז געווען דער־ריבער, וואָס ער אַליין האָט געשטאַמט פון אַ נידריגען שטאַם: ביז דרייסיג יאָהר האָט ער געלעבט ביי זיין טאַטען אַ פאַכטער אין אַ קליין פערוואָרפען דערפיל, און האָט נישט געקענט קיין צורת־אות. דער פאָטער האָט אפילו גענומען צו זיך אין דאָרף אַריין אַ בחור, ער זאָל מיט איהם לערנען, נאָר ר׳ אברהם איז יונגעלווייז געווען זעהער אַנ׳אויסגעלאַסענער, האָט נישט געוואָלט אַריינקוקען אין אַ ספר און איז אַ גאַנצען טאָג נאָר נאָכגעלאָפען די פערד און די אָקסען.

אויף דער לאָנקע פלעגט ער ליעגען, בעהאַלטען צווישען די גרויסע גרעזער דאַנעבען – די פערד, מיט אַראָבגעלאָזטע קעפּ

אין צופּען גראָז, און ווײַט ליִעגט איבגעשפּרײַט דער שטח... ווײַט... ווײַט... אָהן אַ עֶק. און אַנטקעגען איהם ליִעגט איבגעשפּרײַט דער הימעל, ווײַט... ברײַט... און די וואָלקענדליך באָדען זיך אין איהם, און זיי האָט אַ פּנים, ווי די זאַפטיגע ערד, וואָס איז בעדעקט מיט גרינס, קוקט צום הימעל און ווי זי וואָלט וועלען שטאָלצירען און זאָגען: זעה, הימעל, איך בעמיה מיך מקיים צו זיין מיט שמחה וואָס גאָט האָט געבאָטען, איך זאָל בעגרינען די וועלט מיט גראָז. און אַנטקעגען איהר בעריהמט זיך דער הימעל: זעה, ערד, איך בעמיה מיך מקיים צו זיין די מצוה פון גאָט אויסצו־שפּרײַטען זיך ווײַט און ברײַט. און די עטליכע ביימער, וואָס שטעהען צוואָרפען אין פעלד, זענען אַזוי ווי עדות, וואָס ווילען מאַכען אַ פּשרה צווישען זיי... און דעמאָלט ליִעגט זיך דער קלײַנער אברהמ׳לע און האָט נחת פון גאָט׳ס לויטערקײַט... און זיין האַרץ איז פול מיט פרײַד פון אַלע גאָטס ווערק... און פּלוצלונג, ווי אַ סוד וואָלט איהם ענטפּלעקט געוואָרען פון הימעל, האָט ער זיך אײפגעהויבען און געגאַנגען אַ היים, און אַ פראַגע געגעבען דעם בחור, דעם מלמד זיינעם: רבי, וואָס פאַר אַ ברכה מאַכט מען איף דער הנאה, וואָס מען האָט פון דער וועלט? דער בחור האָט געלאַכט און געזאָגט: „גראָבער יונג! אַ ברכה מאַכט מען איבער ברויט, איבער וואַסער, אָבער איבער דער וועלט? האָסטו דו געהערט!”

האָט ער זיך געוואונדערט: די וועלט איז שען, די הימלען זענען אַזוי ליעבליך, און די ערד איז אַזוי זיס און גוט, און אַזאַ גנאָד און אַזאַ לײַטזעליגקײַט ליִעגט אויסגעגאָסען אויף אַלעם—און קײן ברכה מאַכט מען איבער דעם נישט?!

און אַז ער איז אַלט געוואָרען דרײַצעהן יאָהר, איז ער פּלוצלונג אַוועקגעקומען פון דאָרף, און איז אָנגעקימען אין שטאָדט, אַרײַן אין בית־המדרש און דערזעהן דער ראש־הישיבה זיצט אויבען־אָן, אַרום ביי׳ם טיש—די תּלמידים, און אַלע לערנען מיט אַזאַ האַרציגער שטימע, וואָס ציהט דאָס האַרץ.

האָט דאָס יונגעל אָנגעהויבען צו וויינען. דער ראש־הישיבה האָט זיך אומגעקוקט און דערזעהן אַ יונגעל וויינט, און ער געהט אין אַ צוריסען היטעל, וואָס די האָהר זעהען זיך אַרויס דורך די לעכער, און די אויסגעטהוענע שטיוועל האַלט ער אויפ׳ן אַקסעל,

ווי אַ גוי וואָס איז ערשט אָנגעקומען פון וועג, און די בחורים לאַכען פון איהם, האָט דער ראש־הישיבה איהם געפרעגט, וואָס ער וויל.

– איך וויל לערנען–האָט ער געענטפערט שטיל, מיט גרויס ענוות און מיט אַ האַרציג געבעט.

האָט דער ראש־הישיבה אויף איהם רחמנות געקריעגען און צוגענומען צו לערנען. און ער האָט זיך טאַקי ערנסט גענומען צו דער תורה און האָט דעם גאַנצען קאָפּ צוגעלעגט; באַלד נאָך עט־ליכע טעג האָט ער שוין זיך אויסגעלערנט עברי און האָט געקאָנט אַליין דאַוונען.

און געדאַוונט האָט ער, אַז ס'איז געווען אַ תענוג צו קוקען. מ'האָט איהם געדאַרפט זעהן דאַוונען! ער שטעהט זיך און רעדט פשוט, ווי איינער רעדט מיט'ן צווייטען, פאַמעלעך, האַרציג, אָהן חכמות, און אַזוי רוהיג.

איינמאָל האָט דער ראש הישיבה איהם געזעהן אַזוי דאַוונען, האָט ער אַזוי געזאָגט פאַר אַלע אין די אויגען: לערנען קאָן איך אודאי בעסער פאַר איהם, נאָר אין דאַוונען דערגרייך איך נישט צו זיינע קנעכעל, אַזוי האָט דער ראש הישיבה געזאָגט.

און אַזוי האָט ר' אברהם געלעבט דאָרט, ביז ער איז אויס־געוואַקסען און האָט חתונה געהאַט מיט אַ פּראָסטען שניידער'ס אַ טאָכטער, און אַליין האָט ער זיך אויסגעלערנט שניידעריי און האָט געלעבט פון זיינע צעהן פינגער. בייטאָג איז ער געזעסען און געניייהט, און נייהענדיג האָט ער געהאַט ליעגען פאַר זיך אַ סדור אָפען, און געזאָגט זיך קאַפּיטלעך תהלים; ביינאַכט איז ער שטילער־הייט געגאַנגען אין בית־המדרש אַריין, קיינער זאָל איהם נישט זעהן און איז געזעסען און געלערנט אַ גאַנצע נאַכט.

איינמאָל זענען אורחים געקומען אין שטאָדט אַריין און האָבען גענעכטיגט אין בית־המדרש אונטער'ן אויבען. פלוצלונג דערהערען זיי אַ דין זיס קול, אַזוי ווי אַ שענער נגון, טראָגט זיך, האָבען זיי זיך אויפגעכאַפּט און האָבען איהם דערזעהן לערנען. די קליינע לאָמפּ, וואָס האָט געהאַנגען אויפ'ן שניר'ל, בעגיעסט איהם מיט אַ מאַטע ליכטיגקייט, און די ווענד אַרום זענען איינגעהילט אין שאָטענס... און ער לערנט מיט אַ ברען, מיט התלהבות, נאָר דאָס התלהבות זיינס זעהט זיך נישט אַרויס פון אויבען, עס ברענט נאָר אין איהם אינעווייניג; ער שאָקעלט זיך פאַמעליך, און דער

שאָטען זיינער שאָקעלט זיך מיט, און מיט א שטיל קיל זינגט ער די גמרא... און וואָס אַמאָל ווערט זיין קיל העכער און העכער, און דאָס פּנים זיינס ווערט צופלאַמט, די איגען ברענען. מען האָט געזעהן בחוש, אַז די נשמה גיעסט זיך אויס אין זיין לערנען, און די שכינה פלאַטערט אַרום איהם און ער איז זיך אין איהר מתדבק... און אין מיט'ן לערנען הויבט ער זיך אויף פון אָרט, געהט אַרויף און אַראָב, און שעפּצעט מיט אַ ציטעריג קול: רבינו של עולם! רבונו של עולם!

און זיין קול ווערט וויעדער רוהיג... שטיל... און ער שטעלט זיך אָב פּלוצלונג; עס האָט אויסגעזעהן, ווי ער וואָלט איינגעדרע־מעלט שטעהענדיגערהייד פּאַר גרויס מתיקות, און די לאָמפּ ווערט טונקעלער... און ער שטעהט, שטעהט און גיעט זיך נישט קיין ריהר.

איז אָנגעפאַלען אַ גרויסע אימה אויף די אורחים, און זיי האָבען אָנגעהויבען צו שרייען; האָט ער זיך אויפגעכאַפּט און האָט זיך דערנעהנטערט צו זיי, און זיי האָבען די איגען פערמאַכט פון דער ליכטיגקייט, וואָס האָט אַראָבגעשיינט פון זיין פּנים און פון דעם הייליגען גלאַנץ, וואָס האָט געבלישטשעט פון זיינע איגען, און ער שטעהט זיך רוהיג און פּראָסט און פרעגט אַזוי שטיל: „וואָס שרייט איהר דען? ס'איז אייך קאַלט?"

און ער האָט אויסגעטהון זיין קאַפּאָטע און האָט זיי צו גע־דעקט מיט איהר.

צו־מאָרגענס האָבען די אורחים דאָס דערצעהלט און האָבען געזאָגט, אַז ווי נאָר די קאַפּאָטע האָט אָנגעריהרט זיי, זענען זיי באַלד איינגעשלאָפען, און האָבען מעהר גאָר נישט געהערט און גאָר נישט געזעהן.

אָט נאָך דער מעשה, אַז מען איז דאָס געוואָהר געוואָרען אין שטאָדט, האָט מען ערשט געוואוסט, ווער ער איז. בעלי הבתים האָבען אָנגעהויבען צו געבען קוויטלעך, און אַז מ'ברענגט איהם אַ קוויטעל, שמייכעלט ער און זאָגט אַזוי: „גלויבט מיר, אַ יונגעל, וואָס מאַכט המוציא איבער אַ שטיקעל ברויט, וואָס די מאַמע האָט איהם געגעבען, קען אייך העלפען מעהר ווי צוואַנציג אַזוינע ווי איך".

פערשטעהט זיך, אַז דאָס האָט נישט געהאָלפען און מען

איז געלאָפֿען נאָך מעהר מיט קוויטלעך; פֿלעגט ער אַזוי ענטפֿערען:

– איהר ווילט, אַז אַ בשר־ודם ווי איך זאָל זיין אייער מליץ פֿאַר גאָט ברוך הוא. איך וועל אייך געבען אַ משל: צו וואָס איז די זאַך געגליכען? צו דער ליכטיגקייט פֿון דער זון און די ליכטיגקייט פֿון אַ קליין לעמפעל. פֿון דער ליכטיגקייט פֿון דער זון קאָנסט דו הנאה האָבען, וויפֿיעל דו ווילסט, און קיינער קאָן דיר נישט צונעהמען די הנאה: דער אָרימסטער מענש און דער סאַמע נידעריגער קוויקט זיך מיט איהר, אויף וויפֿיעל זיינע אויגען זענען מסוגל דערויף, אפילו גאָר אַז אַ יוד זיצט, חלילה, אין תפיסה און די פֿענסטער זענען פֿערהאַקט, פֿון דעסטוועגען רייסט זיך אַריין אַן אָבגלאַנץ דורך די שפּאַלטען, און ער האָט הנאה פֿון דער ליכטיגקייט... אָבער נישט אַזוי איז די אָרימע ליכטיגקייט פֿון אַ לאָמפּ. אַ רייכער מענש קויפֿט זיך אַ סך לאָמפּען און בעלייכט זיין שטוב מיט אַ העלער ליכטיגקייט, אַן אָרימאַן ווידער זיצט אין דער פֿינסטער. גאָט ברוך הוא איז די גרויסע ליכטיגקייט, וואָס שיינט פֿאַר דער גאַנצער וועלט און דערקוויקט און דערפֿרישט אַלע זיינע ווערק. די גאַנצע וועלט איז פֿול זיין גנאָד, און זיין באַרמהערציגקייט איז פֿאַר אַלע זיינע בעשעפֿנישען... און גלויבט מיר, אַז איהר דאַרפֿט קיין מליץ נישט פֿאַר איהם; גאָט איז אייער פֿאָטער, און איהר – זיינע ליעבע קינדער, און צו דאַרף דען אַ קינד האָבען אַ מליץ צו אַ טאַטען?

די בעלי־הבתים האָבען געהערט און געשוויגען, נור אונזערע לייט, „אנשי שלומנו", האָט עס פֿערדראָסען די זאַך... און דעם אמת וועל איך אייך זאָגען, אַז איך בין געווען דער ערשטער, וואָס האָב דאָס דערצעהלט פֿאַר „איהם זאָל לעבען". און אַזוי ווי עס איז ידוע, האָט „ער זאָל לעבען געהייסען" איהם ברענגען אַהער.

האָבען מיר זיך גענומען איהם צורעדען און אַזוי לאַנג, ביז ער האָט געמוזט מיט אונז מיטגעהן צום רבי'ן.

פֿיער טעג האָט געדויערט אונזער נסיעה.

און איך געדענק: ביי־נאַכט, די לבנה האָט געבלאָנדזשעט אין בלאָען ים, וואָס איז געלעגען אויסגעשפּרייט העט־וויים, און האָט זיך צו סוף אויסגעמישט מיט אַ וואָלקען, און מיט גרויס רחמנות און ליעבהאַרציגקייט האָט זי געקוקט אויף אונז, ווי זי וואָלט בעטען אונז, אפשר וועסען מיר איהר וועג, ווי זי זאָל געהן,

רעכטס אדער לינקס, און באלד האט זיך א וואלקען אנגערוקט איף איהר, און זי האט אנגעהויבען צו שפרינגען ארום פון איהם, און אין א מינוט ארום איז זי ווידער ענטפלעקט געווארען אין גאנצען און האט געשמייכעלט צו אונז מיט צניעות און חן.

און א לינד ווינדעל האט געבלאזען און געגלעט אונזערע אלעמענס פנים׳ער. מיר האבען זיך ארומגעקוקט אין אלע פיער זייטען וועלט, און עס האט זיך געדאכט, אז די גאנצע וועלט איז איינגעהילט אין א טלית פון לויטער רחמים, און מיר זענען ארייג־געפאלען אין אביסל עצבות, אין אזא שטילער טרויריגקייט, אזא זיסע, ליבליכע, ווי א שטייגער שבת פארנאכט ביי שלש־סעודות.

פלוצלונג האט זיך ר׳ אברהם אנגערופען און געזאגט: „יודען! איהר האט שוין מחדש געווען די לבנה?“ האבען מיר זיך באלד געשטעלט, אראבגעלעגט די פעקליך פון די פלייצעס, געוואשען די הענד אין א קליין וואסערל, וואס זיהאט געפליעסט ביים ברעג און מיר האבען מקדש געווען די לבנה.

ער איז געשטאנען און געקוקט אויפ׳ן הימעל, און זיינע ליפען קוים־קוים ריהרען זיך, אזוי ווי זיין שטייגער איז געוועזען: „שלום עליכם!“ האט ער זיך צו מיר געקעהרט און זיין קול האט געציטערט אזוי ווי די שטימע פון א פידעל, און זיינע אויגען האבען גערופען צו מאכען פריעדען און אחדות... צום ערשטען מאל איז אויף מיר אנגעפאלען אנ׳אימה פאר ר׳ אברהם׳ן. און אז מיר האבען געענדיגט מיט קדוש הלבנה, האט אונזער טרויעריג־קייט אבגעטראטען פון אונז, און מיר האבען זיך געקליבען ווייטער אין וועג ארײַן.

ער אבער איז געשטאנען און געקוקט אויפ׳ן הימעל און געזיפצט: רבונו של עולם! ווי שען איז דיין וועלט, וואס דו האסט באשאפען מיט דיין גוטסקייט און מיט דיין פיעל גנאד. און דיין גוטסקייט און דיין גנאד האסט דו משפיע געווען אויף אלע דיינע באשעפעניש׳ען, זיי אלע האבען דיך ליעב און זענען זיך אין דיר מתדבק, און דו — אין זיי... און די גאנצע וועלט איז פול דיין לויטערקייט.

איך האב געקוקט אויף דער לבנה און מיר האט זיך נאך אלץ געדאכט, אז זי קוקט אויף מיר און פרעגט: איך בלאנדזשע; וואו אהין זאל איך מיך ווענדען?

* *
*

פרייטאָג נאָך מיטאָג זענען מיר אָנגעקומען; און מיר האָבען נאָך געהאַט גענוג צייט צו געהן אין מקוה און „שלום" צו נעהמען.

„ער זאָל לעבען" איז געזעסען אין דער „שלום שטוב" ביים טישעל, און זיינע לאַנגע ברעהמען זענען געווען אַראָבגעלאָזט איבער זיינע אויגען. מיט דער לינקער האַנד איז ער געזעסען אָנגעשפאַרט, און מיט דער רעכטער האָט ער אָנגענומען שלום; מיר זענען צוגעגאַנגען איינציגווייז, גענומען שלום, און „ער זאָל לעבען" האָט גאָר נישט גערעדט מיט אונז. ר' אברהם איז אויך צוגעגאַנגען און האָט דערלאַנגט די האַנד.

דאָ האָט מען געזעהן אין רבי'ן אַ שנוי, ער האָט אויפגע־הויבען מיט די הענד זיינע ברעהמען, און האָט געקוקט אויף ר' אברהם'ן אַ היבשע ווײַלע שטילשווייגענדיג.

און ער האָט אויך געקוקט אויפ'ן רבי'ן און האָט אויך גע־שוויגען.

די חסידים האָט פערדראָסען אַזאַ עזות'קייט.

פאַרנאַכט זענען מיר געגאַנגען דאַוונען אין רבין'ס בית־המדרש. דער הימעל דאָרט איז צוריסען געוואָרען אויף צוויי שטיקער, און אין מיטען שטעהט די זון און בעגילדט דעם הימעל און שיקט איהרע לעצטע שטראַהלען מיט גרויס בענקשאַפט, און די שטראַהלען פאַלען אויף די נידריגע הייזלעך און אויף די שויבען, וואָס פון זיי קוקען אַרויס שבת־ליכט; און די שטראַהלען מישען זיך צוזאַמען, און לעשען אויס, לעשען אויס, און דער הימעל טהוט זיך אָן אַ גראָען טלית, און אַ טרויערקייט און אַנ'עניוות ליעגט אויף אַלעם, און דאָרט ווייט ... ווייט ... קוקט נאָך אַרויס די זון מיט איין אויג אויף די קליינע שטאָדט, אויפ'ן בית־המדרש, וואָס פינקעלט און גלאַנצט מיט דער העלער ליכטיגקייט לכבוד שבת. און אַ פערשעמטע רויטקייט איז אויסגעגאָסען אויף אַלעם, אַזוי ווי די זון וואָלט זיך שעמען דערמיט, וואָס גאָט האָט געמאַכט די הייליגקייט פון שבת אָבהענגיג אָן איהר אונטערגעהן.

און יודען האָבען זיך פערזאַמעלט אין רבין'ס בית־המדרש

מקבל שבת צו זײַן. און דאָס בית־המדרש איז פֿול אָנגעפּאַקט מיט יודען, אײנער שטופּט דעם אַנדערען, דער חאַפּט זיך אָן, אָן יענעמ׳ס גאַרטעל, נור נעבען אָרון־הקודש האָט מען איבער־געלאָזט אַ פֿרײַ אָרט, װי אַ האַלב ראָד און אין מיטען דעם ראָד שטעהט דער רבי און דאַװענט, און דער עולם רינגעלט איהם אַרום.

אברהם אָבער שטעהט בײַ דער טהיר צװישען די אורחים און דאַװענט אויך אויף זײַן שטײַגער.

„צו קדוש!" האָט דער שמש אויסגערופֿען

און די רביצין מיט די טעכטער און די שנירען האָבען זיך בעװיזען, און געבליצט און געבלאַנקט האָט פֿון זײ דאָס ציערונג, די טהײַערע שטײנער און די פּערל.

און דער רבי שטעהט און מאַכט קדוש.

ער איז אַ ביסעל אײַנגעבויגען, און די גראָע באָרד ליגט אויף זײַן האַרץ, די ברעהמען ליגען אויף די אויגען, און ער מאַכט קדוש מיט אַ הויך קול, זינגט אויס יעדעס װאָרט מיט אַ בעזונדערען נגון און יעדעס אות קומט אַרויס אין אַ בעזונדערער צורה...

„צום טיש!" האָט מען װײַטער אויסגערופֿען...

אויבען־אָן איז געזעסען דער רבי. רעכטס די זיהן און די אײדעמ׳ס, לינקס די קרובים, דערנאָך אַלטע שענע יודען, דער־נאָך גבירים.

און אַרום שטעהט דער עולם.

און דער רבי עסט און לאָזט איבער שירים, זײַן נעהמט טײלען: צו ערשט די זיהן און די אײדעמ׳ס, דערנאָך די איבריגע טיש־זיצערס.

און נאָך די שירים װערט שטיל. דער רבי האָט אָנגעהויבען צו זאָגען תּורה; געגאַנגען איז פּרשת בהעלותך, און דער רבי האָט אָנגעהויבען:

„בהעלותך את הנרות", צי אַ מענש׳ס נשמה איז אין אַ נידריגער מדרגה רחמנא ליצלן, אין דער טומאה... און דער נצוץ פֿון דער נשמה, װיל זיך דערהויבען, צו קומען צו אַ מדרגה און קאָן נישט אַלײן און מוז אָנקומען צו הילף... איז אַ מצוה איהר צו העלפֿען, זי „מעלה" צו זײַן... און די מצוה ליגט אויפ׳ן

כּהן איהר בּײַ־היִלפיִג צו זײַן, און דאָס איִז דער פּשט „אל מול פּני המנורה יאירו״, דאָס מײַנט מען די תּורה הקדושה. דער כּהן דאַרף דעם יוד׳ס הארץ מקרב צו זײַן צו דער תּורה, און אַזוי אַרום קען ער זי „מעלה״ זײַן... און ווער איז דאָס דער כּהן? דאָס זענען די צדיקי־הדור, ווײַל זינט דאָס בּית־המקדש איז חרוב געוואָרען, מוז דער צדיק זײַן אַ כּהן, ווײַל אַזוי איז מען גוזר פון היִמעל, אַז ער זאָל זײַן דער כּהן...

— אברהם! — האָט דער רבּי פּלוצלונג געריפען — אברהם! קום נאָר אַהער, איך רוף דיך.

איז ער צוגעגאַנגען.

האָסט פערשטאַנען, אברהם? האָסט פערשטאַנען דעם סוד פון די ווערטער?

– אַז דו שווײַגסט – האָט דער רבּי ווײַטער געזאָגט – הײַסט דאָס, אַז דו בּיזט מודה. און איך מוז דיך מעלה זײַן; אפילו קענען מײַן ווילען און קענען דײַן ווילען.

און דער עולם איז געוואָרען טויט שטיל און מ׳האָט געוואַרט.

– דו שווײַגסט? – האָט דער רבּי געפרעגט אַבּיסל שוין שטרענג.

– איהר דאַרפט „מעלה״ צו זײַן? צו האָט איהר חס־ושלום אָבּגעקויפט דעם רבּונו של עולם פאַר אײַך? איהר מײַנט, אַז דורך אײַך וועט זיך אַ יוד קענען דערנעהנטערען צו גאָט בּרוך הוא? אַז איהר זײַט דאָס אײבּערשטע פון שטײַסעל, און אַלע יודען זענען גאָר ניִשט? גאָט׳ס גנאָד איז פול אומעטום, וואו מ׳קעהרט זיך און וואו מ׳ווענדט זיך, און וואו מ׳גיִעט אַ ריִהר מיט אַנ־אֵבר, פיִהלט מען גאָט! איִן הארץ, יעדער בּײַ זיך, דאַרף מען זוכען גאָט, ווײַל דאָרט האָט גאָט געמאַכט רוהען די שכינה הקדושה...

אויף יעדען אָרט, איִן יעדער צײַט און איִן יעדער רגע קאָן אַ יוד זיך דערנעהנטערען צו גאָט...

אַזוי האָט ער געענטפערט, נאָר אײדער נאָך ער האָט גע־ענדיגט, האָבען אונזערע לײַט איהם שוין שטיל געמאַכט, און ווען ניִשט דער רבּי זאָל דעם עולם צוריִקהאַלטען, וואָלט מען איהם צוריִסען אויפ׳ן אָרט.

– לאָזט איהם! – האָט ער בּעפוילען די חסידים.

און צו איהם אליין האט ער געזאגט:

– אברהם, דו האסט געזינדיגט!

און פון דעמאלט אן האט מען איהם גערופען „דער זינדיגער". און ער איז פערשטיסען געווען פון אומעטום; חסידים האבען איף איהם געהאט אנ׳איג און האבען איהם גערידפ׳ט, און אפילו אין בית־המדרש האט מען איהם נישט געלאזט דאווענען.

און איך זאג אייך דאס מיינינגע: א רשע, אפילו ער טהוט בייז, איז מקיים גאט׳ס געבאט, און אפשר, יוער וויים? אפשר זענען זיי ביידע געראכט געווען?

אַ מַעֲשׂה מיט אַ סֵפֶר.

דאָס „ספר״, פון וועלכען איך וויל די מעשה דערצעהלען, איז אַ גמרא „ברכות״, אַלט־אַמסטערדאַמער דרוק.

אָבגעריבענע אותיות, פערפלעקטע בלעטער, אָבגעריסענע, אָבגעשליסענע טאָוולען, דאָך איז זי געגליכען צו אַ אַלטע שטאַב־פאָהן, וואָס די זעלנער האָבען איהר צוריקגעבראַכט אַ דורכגע־שאָסענע פון דער מלחמה.

ר׳ יחיאל־מאיר האָט געקויפט אַ גאַנץ אַמסטערדאַמער ש״ס פאַר פינף און צוואַנציג רענדלאַך. ר׳ יחיאל־מאיר, אַנ׳אַלטער בעל־הבית — אַ מתנגד, פיהרט זיך ווי די מתנגדים פון זיין דור: לערנט און ענדיגט ש״ס יעדע זיבען יאָהר: אַ דף אַ טאָג, אַ דף אַ טאָג. האַלט ער ביי ברכות, לערנט ער אין דער גמרא. מסיים געווען ברכות — שטעלט ער זי צוריק אין שראַנק אריין און וואַרט ווייטער זיבען יאָהר, ביז עס וועט איהר צייט קומען.

די גמרא שיידעט זיך נישט אָב פון אַנדערע ספרים מיט גאָרנישט.

און עס איז קיין פלא נישט. ר׳ יחיאל־מאיר האָט נאָך גע־לעבט אין דור פון פאַר מתן תורה... איך וויל דערמיט זאָגען: איידער זיין ליכט האָט נאָך אָנגעהויבען צו שיינען בק״ק קאָצק, איידער דער מאָרגען־שטערען האָט נאָך אָנגעהויבען אַרויסשיקען זיינע גליהענדע שטראַהלען צו דערוואַרעמען די הערצער און צו־היצען די נשמות... צו ברענגען דעם כלל אָדם אין דער מדרגה, אונטער גאָט ברוך הוא׳ס פליגלען...

די תורה איז נאָך דענסטמאָל געווען, ר״ל, אַנ׳עופה׳לע איינגעוויקעלט אין די ווינדעלאַך. דער בן־אָדם האָט געלערנט לשון לימוד, דעם האַרטען לימוד, אָהן דער ווייכקייט, אָהן דעם לעבען, אָהן דעם באַהאַלטענעם ליכט, וואָס ליגט אין די תורה. זי

האָבּן געצעהלט די ווערטער, ווי מען צעהלט פּרוטות. פון יעדען אויספּראך איז א מלאך געוואָרען בעשאפען, נאָר דער מלאך איז געווען א טוידטער...

זייער לערנען איז געווען, זאָל גאָט שומר און מציל זיין, נאָר איבּער דעם מתן שכר, וואָס איז אין דער זייט. גאָט האָט געהייסען לערנען — לערנט מען, ווייל מען טיילט דעם חלק שור־הבר מיט לויתן אויף יענער וועלט... זייער תורה איז נישט געווען געגליכען צו טראָפּענס אייל, נאָר צו טראָפּענס געפרוירען וואסער...

איז די גמרא ברכות געווען דענסטמאָל נאָר א טפל צום גאנצען ש"ס, א צוגעריכטס. צו וואָס איז די זאך געגליכען? צו א צווייג פון א בוים. כל זמן דער צווייג איז בעהאָפטען אין בוים און נאָגט חיונה פון דער ערד — בליהט דער צווייג; נעהם רייס אָבּער די צווייג פון בוים אָב, הויבּען אָן וועלקען די בלעטער וואָס זענען אויף דעם צווייג, דאָס בליהעכטס ווערט אויסגעטרי־קענט, און ער ווערט געגליכען צו א מת.

אזוי איז דענסטמאָל געווען געגליכען די גמרא ברכות: אן אָבּגעריסענער אבר פון דער גאנצער תורה...

דערנאָך איז די זאך פערענדערט געוואָרען.

די גמרא ברכות איז מיט א מאָל עולה לגדולה געוואָרען, אויף דעם גרעסטען שטאפּעל.

צו וואָס איז די זאך געגליכען? צו דעם צווייג וואָס מען רייסט איהם אָב פון בוים און מען פלאנצט איהם אָבּער צוריק איין אין א פעטער ערד, און ער בליהט און ציהט פון זיך פּירות ארויס פאר זיך.

און עס איז אויך קיין וואונדער נישט.

דאָס איז געשעהען, ווען זיינע קינדער זענען ארויס איבּער דער גאנצער וועלט. דאָס קינד אין חדר וויים וואו דער כבוד זיינער רוהט, וואו דאָס בית המקדש איז און די שכינה שיינט...

ר' יחיאל־מאיר האָט געשענקט דעם ש"ס גמרות זיין איידעם, יודלען, דרשה־געשאנק.

זיי, להבדיל, האלטען זעהר פיעל פון די גרויסע, שטארקע

פֿיש, וואָס ליגען זיך אויפֿ׳ן גרונד וואַסער. נאָרען זיך איין אין זאַמד און קלעהרען טיעף אַריין אין גרונד... אונזער יודעל איז אָבער נישט אַזוי געווען. אַ פֿיש אַ לעבעדיגע איז ער געווען אין לעבעדיגעם וואַסער. געשוואומען אין די טיעפֿקייט מתאַחד צו זיין זיך מיט אַלע פֿיש, לעבען אין אַחדות און שלום. נאָכ׳ן אַחדות, נאָכ׳ן שלום האָט ר׳ יודעל נאָכגעיאָגט זיך זיין גאַנצען לעבען. דענסטמאָל ווען אַלע מענשען זענען צוזאַמען, איינער בעהעפֿט זיך אין צווייטען, אַלע נשמות נאָגען פֿון איין קוואַל די חיונה, איין גאַרטעל פֿון חסד בינדט אַרום אַלע הערצער — רוהט אויף זיי איין שכינה. דאַוונען זיי אין איין בית המקדש, האָפֿען זיי צו איין גאָט. דער הימעל וואָס איז איבער זיי — די ערד וואָס איז אונטער זיי — געהער צו אַלע: דענסטמאָל ווערט די נשמה ער־פֿילט, די נשמה איז פֿרעהליך און דער גוף איז אויך פֿרעהליך, און ביידע זענען זיך מתאַחד, און האָבען אַ הנאה פֿון די שכינה. און דענסטמאָל ווערט דעם מענשענס ווילען, אַז דער קלענסטער און דער גרעסטער זאָלען זיין גלייך, פֿון קלענסטען ביז צום גרעסטען.

דענסטמאָל פֿערשטעהט ער די הייליגע גרויסקייט וואָס איז אין דוד המלך׳ס ווערטער: „ברב עם הדרת מלך" — איך און דו, ראובן און שמעון, אַלע קומט לאָמיר געהן אין גאָט׳ס הויז. לאָמיר דאַוונען, לאָמיר זיך פֿרעהען צוזאַמען — צו איין גאָט, וואָס זיין כבוד האָט ערפֿילט די ערד און דעם הימעל, וואָס ער האָט נישט פֿערמינדערט זיין חסד פֿון קיין שום בריה: „ברב עם הדרת מלך".

אַלע טייכען פֿליעסען אין איין ים און אַלע פֿיש שווימען צוזאַמען אין דעם גרויסען ים.

דער יונגער מאַן, יודעל, איז געווען אַזוי ווי די ווייסהייט און ליכט — געליעבט גאָט, ווייל ער האָט געפֿיהלט, אַז ער איז אַ חלק פֿון גאָט; געליעבט זיך, געליעבט איהם, ווייל יעדער פֿון אונז איז אַ חלק פֿון גאָט.

ער קען נישט פֿערשטעהן, ווי דער מענש קען דינען גאָט, דעם גאָט, דעם בורא פֿון אַלעם אויף דער וועלט, וואָס ווייסט און ליעבט יעדע בעשעפֿעניש, וואָס געפֿינט זיך פֿערהוילט פֿון מענשען׳ס אויג אין דעם טיעפֿען שטיין — צו ליעבען זיין

גאָט, ווייל ער האָט מורא פאַר „איהם", ער, זיין יצור כפיו. אַדרבה, צו פרעהען דאַרפסטו דו זיך איף דעם שותפות, וואָס גאָט האָט אין דיר און דו האָסט אין איהם.

זיי צעהלען די מצוות און רעכנען זיך מיט גאָט: „איך האָב דיר געטהון דאָס דיינינגע, יעצט מוזט דו מיר טהון דאָס מיינינגע" — ניין, זיין ווילען דאַרף זיין צו בעהעפטען זיך אין גאָט, צו שאַפען מיט איהם בשותפות, „הצדיק גוזר והקב"ה מקיים" — דער צדיק בעפעהלט און גאָט מוז מקיים זיין... טעג און יאָהרען זיצט ער אין קאָצק, ביי „איהם, זאָל לעבען". ער לערנט נישט. די יואָס לערנען — זאָגט ער — שטעהען אויסער די תורה. ער וויל זיין אין די תורה גופא, איהר תמצית. צו וואַרעמען זיך אין איהר פייער, צו הייליגען זיך אין איהר הייליגקייט...

אַמאָל אין אַ שמיטה קומט ער אַהיים צום ווייב און קינד. און עס איז דאָך ידוע, אַז דאָס אָבשיידען זיך פון „איהם" איז אַזוי שווער, ווי דאָס אָבשיידען זיך פון די נשמה מיט'ן גוף.

צוערשט, אַז דאָס בני בית האָבען געזעהען, אַז ער געהט אַוועק נאָך קאָצק, האָבען זיי געמיינט, אַז דאָס איז בלויז אויף אַ קורצע צייט, אַזוי ווי דער סדר עולם איז, — האָבען זיי שטיל געשוויגען און געלאָזט איהם טהון וואָס זיין האַרץ גלוסט: האָבען איהם געגעבען אויף הוצאות הדרך, חאָטש זיין שווער, וואָס איז געווען אַ פערברענטער מתנגד, האָט איהם אויס יורש געמאַכט, ווייל ער איז אַ „קאָצקער". נאָר זיין ווייב איז געווען אויף זיין זייט, האָט זי גע'גנב'ט פון פאָטערס הויז אָהן זיין וויסען, און האָט איהם אַריינגעשטעקט אין דער שטיל.

אַז ער איז אָבער צוריק געקומען נאָך אַ פאָר חדשים, האָבען זיי איהם שוין נישט געלאָזט צוריק אַוועק: האָבען בעהאַלטען די מלבושים און פערשלאָסען אין קאַסטען אַריין.

ווער קוקט אָבער אויף דעם, אַז די נשמה ציהט, אַז דאָס האַרץ ציהט דאָרט אַהין! וואָס טהוט ער? גנב'ט אַ גמרא פון ש"ס, וואָס ער האָט געקראָגען דרשה־געשאַנק, און האָט זי אַוועקגעלעגט איי'ן ווענג ביי אַ יוד אַ קרעטשמער און איז געגאַנגען קיין קאָצק.

און דאָס איז מאַקי געווען די זעלבע גמרא ברכות, און זי איז באַלד עולה לגדולה געוואָרען, אַ תכלית פאַר זיך אַליין—זי

האָט דאָך גורם געווען, אַז איבער איהר זאָל דאָס שעפּעלע צוריק אין סטאַדע קומען...

איז די גמרא געלעגען בּיים יוד דעם קרעטשמער אין אַלמער. עס איז נישט געווען ווער עס זאָל לערנען אין איהר. טײַלמאָל, אַז עס איז געקומען אַ עת צרה אויפ'ן קרעטשמער, פלעגט ער וויינען פאַר דער גמרא און זי איז געוואָרען, ר"ל, אַ מין עבודה זרה.

בּיז עס איז געקומען ר' גדליה, ר' יודעל'ס אַ זוהן, וואָס איז געווען מורה הוראה אין אַ קליין שטעדטעל און האַט זי אויס־געלייזט.

און דערצעהלט אַזוי: איינמאָל, אַז דער פאָטער זיינער, ר' יודעל ז"ל, איז אַוועקגעלאָפען קיין קאָצק און דער שווער זיינער האָט זיך געבּייזערט אויף די טאָכטער, זיין מוטער, וואָס האָט איהם נאָך געגעבען אויף הוצאת הדרך — האָט איהם די מוטער גענומען אויפ'ן האַנד און אַוועקגעלאָזט זיך קיין קאָצק זוכען דעם מאַן.

דער וועג וואָס געהט אָב פון זייער שטעדטעל קיין קאָצק טיילט זיך אין צווייען: איינער געהט אָב קיין קאָצק — וואָס איז דער וועג פון לעבען, דער צווייטער קיין איזבּיץ, וואָס איז דער וועג פון טוידט.

און גאָט'ס פייגעלער שפּרייטען זיך איבער גאָט'ס ערד, וואָס איז פון הינטען, אַזוי ווי זיי וואָלטען געהאַט בּדעה צו זאָגען: זעה, מיר זענען מקיים גאָט'ס מצוות, וואָס האָט אונז געהייסען אַרויסציהען פון זיך אַ גרעזעל. און די גרעזער זענען זיך מתאַחד און ווינקען צו דיר: קום לעג דיך אַנידער אויף אונז, און בּייגען איין מיט אונטערטהעניגקייט די קעפּ אונטער די הימלען, וואָס ציהען זיך איבער זיי מיט גרויס רחמים. און אונטען און אויבען, ערד און הימעל זענען זיך מתאַחד און וויסען גאַנץ גוט, אַז איין גאָט האָט זיי בּעשאַפען, און איין גאָט האָט השגחה איבער זיי.

די חסידים אָבער, וואָס זענען עולה רגל צום רבּי'ן אויף

יום טוב מיט די זעקלעך אויפ'ן פּלעקעל און מיט'ן שטעקען אין דער האַנד — וואַרפען זיך אַריבער שטיינער פון איין וועג איבער'ן צווייטען, און האַלטען מלחמה.

דאָרט וואו די וועגען צושיידען זיך שטעהט אַ בּוים מיט לאַנגע ברייטע צווייגען, הינטער דעם בּוים ליגט אַ שטיין.

דאָרט אויף דעם שטיין, פלעגט דערצעהלען ר' גדליה, האָט זיך מיין מאַמע מיט מיר אַנידערגעזעצט און געגעבען מיר די ברוסט צו זייגען.

און ווער ווייסט, צו אויב די אָבשיידענהייט, וואָס ליגט צווישען די ביידע וועגען האָט ר' גדליה נישט אָנגעזויגט אין זיך אין איינעם מיט דער מוטער'ס מילך.

אַזוי ווי אַ בית המקדש אָהן אַ שכינה, אַזוי איז ר' גדליה געווען אָהן אַ רבּי'ן. אַ חסיד מיט דער גאַנצע נשמה, האָט ער געהאַט דאָס הצטרכות צום חסידות, צו בּעהעפטען זיך אין דער שכינה. אָבער עס איז קיין שכינה נישט געווען, אין וועלכער ר' גדליה זאָל זיך בּעהעפטען, וועלכע זאָל ערפילען זיין גאַנצע נשמה, וועלכער ער זאָל גלויבען אין איהר מיט אמונה־שלמה, נישט ער זאָל זיך דאַרפען נייטען צו גלויבּען.

אַ פונק פון פאָטער. דאָס האַרץ בּענקט, די נשמה בּלאָנד־זשעט אַרום און זוכט אַ מקור, אַ קוואַל, און וויל זיין אַ טראָפען אייל, לויטערער אייל אָנצוצינדען די מנורת הכלל, מנורת התמיד, די מנורה פון דער וועלט.

דער פאָטער איז אָבער קיינמאָל נישט אין דער היים געווען. אויפגעצויגען האָט איהם דער זיידע, דער מתנגד, מיט דער גאַנצער קאַלטקייט פון מתנגדות. ער האָט איהם נאָר געגעבען צו פערשטעהן די תורה מיט איהרע ק"ן טעמים, אָבער ער האָט איהם נישט געגעבען די תורה גופא...

די נשמה פון דער תורה, דאָס לעבען פון דער תורה—צו וואָס איז עס געווען געגליכען? צו אַ רעצעפּט פון אַ דאָקטאָר, דאָס שטיקעל פּאַפּיר, אויף וועלכען עס איז אָנגעשריבען דער רעצעפּט, איז נאָך נישט דער רעצעפּט אַליין...

וואָלט נאָך געלעבּט דער „זקן", דער־טמאָל...

עס איז שוין נישט דאָ צו וועמען צו פאָהרען. דער „זקן"

איז נפטר געוואָרען. די מלובש — צוגעשטעלט: אַ האַלבע האָט גענומען זיין זוהן, אַ האַלבער „ער“ פֿון „גער“.

כל זמן דאס ליכט האָט געשיינט און האָט געשיקט זיינע שטראַהלען, ~ ער געווען דער מקור. אַלעס האָט געציעלט זיין וועג צו איהם — אין דעם קוואַל פֿון ליכטיגקייט. דאָרטען האָבען זיך די בונדען שטראַהלען בעהאַפֿטען און עס איז געווען איין אחד. אַז דאָס ליכט איז אויסגעלאָשען געוואָרען, זענען די שטראַהלען צופֿאַלען. טייל ווערען פֿערלאָשען... טייל ווערען פֿערבלאָנדזשעט אויף שלעכטע וועגען... טייל פֿאַלען גאָר אַריין אין די הענד פֿון סמאל ר״ל.

און די סטרא אחרא האָט פֿערשפּרייט איהרע שוואַרצע פֿליגעל איבער'ן לאַנד...

דאָך האָט ר' גדליה נישט געקענט שטיל בלייבען, זיצען און גאָר נישט טהון.

איז ער געגאַנגען נאָך קאָצק, צום זוהן, וואָס האָט ממלא מקום געווען.

דער זוהן איז אָבער נישט דער פֿאָטער. איז'ן טאַקי מקרב, ער זעצט איהם בימינו — „עס איז אָבער נישט דאָס“...

ער פֿיהלט: ער שטעהט נאָך פֿון דרויסען. דאָס האַרץ איז לעדיג. ער האָט נישט געפֿונען וואָס ער זוכט.

לענט ער זיך איבער אין דער דעה: טאָמער „גער?“ און באַלד איז ער מסכים נישט טאָמער, נאָר טאַקע „גער“ — ווייל דאָרט איז דער אוהל פֿון דער תורה

געהט ער אַהין.

די וועלט איז אַ סטאַרע, די מענשען זענען די שעפּסען, הינד זענען דאָ אַ סך, דער „פּאַסטוך“ אָבער פֿעהלט... עס איז נאָר איבערגעבליבען דאָס „פּייפֿעל“ פֿון אַלטען פּאַסטוך, קען אָבער קיינער דערמיט נישט פּייפֿען און ער איז שוין לאַנג נסתלק געוואָרען, און די שעפּסען זענען פֿערשפּרייט איבער די לאָנקע, שעפּסען אָהנע פּאַסטוכער...

ר' גדליה'ס נשמה בענקט...

האָט זיך געטראָפֿען אַ בעגעגעניש. ר' גדליה איז אַמאָל געגאַנגען אויפ'ן וועג, האָט ער דערזעהען אַ הויז און איז דאָרט אַריינגעגאַנגען. דאָרט האָט געוואָהנט אַ יוד אַ קרעטשמער: האָט

ר' גדליה געוואָלט אַרײַנקוקען אין אַ ספר אַרײַן — האָט ער נישט געהאַט בײַ זיך נאָר דאָס ספר תהלים אַלײן. האָט דער ייִד אַרויסגענומען די גמרא פֿון שראַנק. ר' גדליה גיט אַ קוק אויפֿ'ן שער און דערקענט דעם פֿאָטער'ס „למי שייך", מיט'ן אײגענעם כתב יד, פֿרעגט ער איהם: „ווער האָט דאָס די גמרא אַהער געבראַכט?" דערצעהלט מען איהם, אַז מיט יאָהרען לאַנג איז אַ חסיד דורכ־געגאַנגען און האָט די גמרא פֿערלענט אויף צוויי זהובים.

ר' גדליה האָט זיך זעהר דערפֿרעהט מיט די גמרא און געוויינט אוים שמחה.

פֿאָהרט ער אַמאָל נאָך קאָצק איבער זכות אבות, אַמאָל נאָך גער — ווײַל עס איז דאָס אוהל פֿון דער תורה, מעהרסטען זיצט ער אָבער אין דער הײם און לערנט אין דער גמרא.

און דענסטמאָל ווען די נשמה צובענקט זיך און הײליגט זיך אין דעם געדאַנק פֿון די גמרא, פֿיהלט ער אַ זײַלצינגסטעל פֿון די קדושה פֿון קאָצק...

ר' גדליה האָט געשענקט די גמרא זײַן זוהן דוד'ל צו דער חתונה חתן־מתנות.

דוד'ל איז געווען אַ יונגער מאַן — אַ פֿײַנער קאָפּ, אַ עלוי, אַ גאון'שען האַפּ, אָבער „אָנגעזענקט" ר"ל... און האָט נוטה געווען „לצדם"...

קומען צוגעהן די קלײנע ספרים'לעך און פֿערטרײַבען די גרויסע... טרויערט די גמרא אין דער שראַנק.

מען דערצעהלט, אַז טהײלמאָל האָט ער געחאַפּט די גמרא אין געוואָרפֿען אין דר'ערד ר"ל, האָט זי פּשוט געטראָטען מיט די פֿיס, פֿערשעמט זי, און עס האָט זיך שוין געטראָפֿען ער האָט זי דן געווען אויף שרפה.

אָבער ער האָט דאָך געהאַט אַ יודיש האַרץ, פֿלעגט ער דערנאָך פֿאַלען אויפֿ'ן בעט אין ליגען לאַנג, און קלערען טרויעריגע מחשבות. אַ ודאי האָט ער חרטה געהאַט איבער זײַנע מעשים, די נשמה זײַנע איז דאָך געווען פֿון „מקור"... האָט ער אויפֿגעהויבען די גמרא פֿון דער ערד און אַנידערגעזעצט זיך לערנען. די אויגען האָבען איהם געברענט, דאָס פּנים איז רויט

געווען און די נשמה זיינע האט קיין מנוחה נישט געהאט.

אמת, ער איז קאַליע געווען, אָבער אַ גרויסער למדן; איז ער געזעסען שעה'ן לאַנג און זיין נגון איז געגאַנגען וואָס אַמאָל העכער און ער האט ממלא געווען די גאַנצע שטוב.

און טרויעריג איז געווען דער נגון, ער האט פשוט געשני־טען דאָס הארץ.

מען זאָגט: אז זיין נשמה האט געוויינט בשעת לימוד, און זיין געוויין האט זיך געהערט אין לערנען.

עס קען זיין, ער האט אַוודאי חרטה געהאַט איבער זיינע מעשים.

נאָך זיין טויט איז די גמרא אַריינגעפאַלען אין די הענד פון זיינע קינדער.

גוים גמורים, אוכלי טרפה'ניקעס, מיט געגאָלטע בערד, דאָך האָבען זיי גענומען די גמרא און האָבען זי געלאָזט שען איינבינדען און האָבען זי אויסגעציערט מיט בענדער, ווי מעשה גוים, און האָבען זי אַוועקגעשטעלט אין שראַנק צווישען זייערע טרייף־פסלו'ת... און האָבען זי געוויזען, די גמרא, די שררים ושרות וואָס זענען געקומען צו זיי: אָט איז די גמרא, וואָס מיר האָבען גע'ירשנט פון אונזערע עלטערן.

אז די גמרא איז געלעגען אונטער די פיס פון דעם רשע־זייער פאָטער — וואָס האט זי מבזה געווען — האט זי נישט גע־קרעכצט. מיט גרויס סבלנות האט זי איבערגעטראָגען די בזיונות, די חרפות, וואָס דער רשע האט איהר אָנגעטהון.

דאָרט אין די שענע שרענק, אין דעם שענעם איינבונד, וואו מען האט זי אַריינגעשטעלט „צו ווייזען זי" — קרעכצט די גמרא,

אין דער שטיל הערט איהרע קרעכצען יעדער איינער, וואָס האט נאָר אַ נשמה אין זיך.

אז עס וואָלט זיך געפינען אימיצער, וואָס וואָלט די גמרא אַרויסגענומען פון שראַנק דאָרט און זי אַוועקגעטראָגען אין בית־המדרש אַריין, אין קאַסטען „שמות" אַריין, וואָס שטעהט אונטער'ן אויווען, אַז מען זאָל זי בעגראָבען מיט שאר שמות הקדושות אויפ'ן היילינגען „מקום" — וואָלט ער מקיים געווען די מצוה פון פדיון שבוים.

שַׁבָּת אִין וֶועג.

דו זעהסט, אפילו אַ בלאָז פֿון אַ ווינדטעל געהט דאָ ניט פֿערלאָרען. ניט אויף קײן שטײנערנע טראָטואַרען פֿאַלען דאָ די זונען־שטראַהלען, ניט אויף שטײנערנע מויערען בלאָזט דאָ דער ווינד פֿון פֿריהלינג. וואַרף נאָר דײן בליק אַרום; יעדערער פֿון די פֿריהלינגס־ווינדטעלעך עפֿענט אַ נײַע טהיר אין דער ערד, יעדער שטראַהל פֿון דער זון רופֿט אַרויס צום לעבען נײַע גראָז־קעפּלעך פֿון דער ערד, און דער ווינד בענײַט זײ, די טוי־טראָפּען פּאָיען זײ אָן, און גאָט'ס וועלט שפּראָצט אַרום... די געשמאַקע ריחות טראָגען זיך אום אין דער לופֿטען און בעהויכען מיט זײער אָטעם אַלץ, וואָס זײ בעגעגענען אויפֿ'ן וועג...

אײנזאַם בין איך אין וועג, ווײַט פֿון שטאָדט, פֿון אַ דאָרף, אַרום ציהען זיך גרינע זאַפֿטיגע בײטען. דער פּסח איז נאָך נישט לאַנג אַריבער, די געוויקסען האַלטען נאָך בײַם פֿאַנאַנדערשפּראָ־צען. דײַנע אויגען ווערען נאָך נישט פֿערבלענדעט פֿון קײן צײַטיגער פֿרוכט, — נײן, אַלץ האַלט נאָך דערוויַיל אין אײן שפּראָצען...

די ערד איז נאָך שוואַרץ דאָ און דאָרט, קלײנע גרינע קעפּלעך עפֿענען זײערע קלײנע מײַלעכלעך, קלײנע בלומלעך קוקען אַרום, ווי קינדערשע אייגלעך, מיט התפּעלות, פֿרעהען זיך און לאַכען...

און אַלץ וואַקסט אויף די אויגען, וואַקסט און בליהט פֿאַנאַנדער... און אויבען איבער דעם אַלעם, שפּרײט זיך אַ ברײטער און אַ פֿרעהליכער הימעל, און אַרום איז קײנער נישטאָ, אויסער דיר אײנעם; אײנזאַם ביזטו. דײַן פּעקעל אויף די פּלײ־צעס, דער שטאָק אין דער האַנד, און דו געהסט ווײַט־ווײַט, און עס דאַכט זיך דיר, אַז קײן וועלט איז גאָר נישטאָ, נישטאָ קײן

שטאָרט נישט פֿאַר דיר, נישט הינטער דיר, איינער ביזטו אויף דער וועלט און דו ביזט דער הערשער איבער אַלץ, וואָס אַרום דיר...

הינטער'ן וואַלד שטעהט אַ קליין הײַזעל, די וועגד פֿון ברע־טער איבער'ן צופֿוילטען שינדעל־דאַך הויבט זיך אַ שוואַרצער, אָנ'אויסגעקרימטער קוימען. דאָס קליין הײַזעל שטעהט פֿאַר זיך, איינס און אַליין, אַזוי ווי עס וואָלט גאָר קיין שייכות נישט גע־האַט צו דער גאַנצער איבעריגער וועלט. עס שטעהט און עס זעהט, אַלע טאָג קומען האָלצהעקער מיט העק אין די הענד, האַקען בוימער. און דאָס קליין הײַזעל האַלט אין זיך טיעף פֿער־באָרגען דעם טרויעריגען סוד... פֿון איין זײַט ציהט זיך דער וואַלד, הויכע צווײַגהאַפּטיגע בוימער שטעהען, ווי אַ סך מנינים יודען; אין דער הויך און אין דער ווײַט ציהען זיך צווייגען איינע נאָך די אַנדערע, און פֿערשווינדען טיעף אינ'ם וואַלד אַרײַן... דאָרט אין טיעפֿען וואַלד, איז געוויס פֿאַרהאַן עפּיס אַזוינס... פֿון מיטען וואַלד קומט געשווינד צולויפֿען אַ קוועלכעל און לויפֿט ווײַטער, און אײַלט זיך, אַזוי ווי עמיצער אין טיעפֿען וואַלד האָט איהם שלעכטעס געטהון, און ער לויפֿט צו קלאָגען זיך פֿאַר דער מוטער־טײַך, אַרײַנצופֿאַלען אין איהרע מוטערליכע אָרעמס... ווײַט לינקס, הינטער די פֿעלדער, זעהט זיך נאָך עפּיס וואָס, אָבער וואָס דאָס איז — ווייסט איין גאָט...

אויפֿ'ן בענקעל, וואָס פֿאַר'ן הײַזעל, פֿונקט קעגען וואַלד, זיצט ר' בנימין. פֿון אונטער זײַן זשילעט זעהען זיך אַרויס לאַנגע ציצית, ער רויכערט אַ ליולקע און קוקט אין דער וועלט אַרײַן. ער דערזעהט מיך נאָך פֿון דערווײַטען, און ווינקט צו מיר מיט'ן פֿינגער. „זײַט מוחל, ר' פּעטער" — פּערטײַטש איך מיר זײַן וואונק, אָבער הערען הער איך נאָך גאָרנישט — דער שטח איז נאָך צו ווײַט.

בנימין דער וואַלד־וועכטער וואוינט שוין דאָ פֿון לאַנג. דאָס הײַזעל האָט ער געעירש'נט נאָך פֿון זײַן עלטער־עלטער זיידען. עפּעס אַ מין „הכנסת אורחים" האָט גאָט בעשאַפֿען דאָס הײַזעל אויפֿ'ן מיטען וועג, אַ יוד זאָל האָבען וואו אַרײַנצוגעהן. אַ פֿול

שיסעל וויער=מילך, אַ שטיק שוואַרצע ברויט — דאָס בעקומט יעדערער אומזיסט, קיין געלד וויל בנימין פאַר אַזעלכע זאַכען נישט נעהמען. „אַז איך פיזור עס אַרויס אין מאַרק, איז עס סחורה — זאָגט בנימין — אָבער כל זמן דאָס איז נאָך אין דער היים איז דאָס אַ „שטוב=זאַך“, און פאַר שטוב=זאַכען נעהמט מען קיין געלד נישט“.

ער איז אויפגעשטאַנען און איז געגאַנגען מיר אַנטקעגען. ער שאָקעלט מיר פון ווייטען מיט'ן קאָפּ — ער מיינט, איך זאָל אָבוואַרטען.

— פון וואַנען געהט אַ יוד?

— אַדראַי פון סטשעלעץ קיין גאָסטינין, אָנצוציהען אויף שבת — פרובט ער טרעפען.

— האָסטו שוין פערשפעטיגט — זאָגט ער און מאַכט מיט דער האַנד: די זון געהט שוין אונטער. און ווייזט מיט דער האַנד אויפ'ן רויטען הימעל, וואָס הינטער'ן וואַלד.

נישט קלערענדיג קיין סך, פערקירעווע איך זיך אויף דער סטעזשקע, וואָס פיהרט צו זיין הייזעל.

— דער לוח, שרייבט — זאָגט ער מיר דערווייל — אַז זיבען אַזייגער בענשט מען ליכט. עס איז שוין נאָך פינף.

זיינע טאַטעס האָבען געצעהלט די טעג נאָך די שייטלעך האָלץ, וואָס זיי פלעגען אַלע טאָג צוגעבען הינטער'ן הרובע. און דעם וועטער פלעגען זיי פאָרזאָגען נאָך דעם אויסזעהן פון הימעל. אָבער בנימין ווייס דאָס אַלץ שוין פון לוח.

מיר קומען אונטער צום הייזעל. אויפ'ן שוועל שטעהט אַ הויכע יודענע, אויפ'ן קאָפּ טראָגט זי אַ ווייסע פאַטשיילקע און קוקט אויפ'ן מאַן, אַזוי ווי זי וואָלט איהם עפּעס וועלען פרעגען. הינטער איהר פאַרטוך בעהאַלטען זיך צוויי קליינע מיידלעך, קוקען אַרויס מיט זייערע אָבגעבראָנטע פנימלעך, זייערע האָהר האַלב רויטליך, האַלב געלבליך זענען צושויבערט. זיי קוקען אויף מיר מיט אַ קינדערשען שמייכעל.

— טויבע, מיר האָבען אַנ'אורח אויף שבת. איך גיעב אַ שאָקעל צו דער יודענע מיט'ן קאָפּ. מיין שאָקעל דאַרף בעדייטען: „גוט מאָרגען“, „גוטען אָבענד“ — די יודענע שטעהט, ווייסט נישט וואָס צו טהון. אָבער פלוצלונג גיט זי זיך אַ קעהר און געהט אַריין אין הייזעל.

— אַמאָל, אַז מען האָט געהאַקט דעם אַלטען וואַלד, האָ־
בען דאָ געוואוינט שאָפּאַרעס, און עס איז געווען אַ קאַנטאָר,
איז דאָ געווען אַ מנין, און אַ ספר־תּורה איז געווען — דער־
צעהלט מיר ר׳ בנימין.

מען פיהרט מיך אַריין אין שטוּב. דאָס ערשטע, וואָס מיין
בליק קען אונטערשיידען איז — מילך־קריגעֶ, וואָס שטעהען אויס־
געשטעלטע אויף צוויי מילכיגע בענק. אין שטיבעל איז קאַלטליך.
אויף די פענסטער שטעהען פולע טעפּ מיט זויער־מילך, און
אַ פעטער גערוך טראָגט זיך איבער׳ן גאַנצען הייזעל.

באַלד קומט אַריין אַ הויך מיידעל מיט צוויי שוואַרצע צעפּ
אויפ׳ן קאָפּ. פון אונטער דעם רויטען קליידעל זעהען זיך די
באָרוויסע פיס. אויף דעם רויט־געוואָרענעם געזיכט איהרען שוועבט
אַ שעמעדיגער שמייכעל. זי טראָגט אַריין אַ פולע קאָרב אייער.
ווי זי דערזעהט מיך, געהט זי שנעל אַריין אין צווייטען קאַמער.

דאָס מיידעל שעמט זיך. יעדען מאָל, ווען זי געהט נאָר
דורך דאָס שטיבעל הויבען זיך אָן איהרע באַקען צו רויטלען און
זי לאָזט אַראָב דעם קאָפּ. איך האָב איהר נישט געוואָלט שטע־
רען, בין איך אַוועק זיך אַרומוואַשען לכבוד שבת.

דאָס הויז איז אויפגעראַמט און ריין. עס ברענען צוויי ליכט
אין צוויי בעגולטע, אויסגערייניגטע לייכטער. דער טיש איז צו־
געדעקט מיט אַ ווייסען טישטוך. אַרום איז שטיל. די חלות זענען
צוגעדעקט מיט אַ קליין ווייס טישטיכעל. דאָס רויטע ווייַן בלי־
טשעט אין קלאָרען פלעשעל, און די כּוסות שטעהען אַרום. אויף
אַלץ רוהט דער גייסט פון שבת. דער טאַטע, אַנ׳אויסגעוואַשענער
און אַ ריינער, שטעהט בּיים טיש אויבען־אָן אין דער שבת׳דיגער
קאַפּאָטע און זאָגט אויפ׳ן קול „לכו נרננה" פון אַ סידור. די
מאַמע, אויך אַנ׳אַרומגעוואַשענע, מיט אַ ווייסען שבת׳דיגען שלייער
אויפ׳ן קאָפּ, זיצט און קוקט אין אַ תּחינה. די מיידעלעך אין
בלויע קליידלעך מיט ווייסע פאַרטוכלעך זיצען שטיל און הערען
זיך איין אין טאַטענס דאַווּנען. און די עלטערע טאָכטער, פייגעלע,
מיט די צוויי לאַנגע שוואַרצע צעפּ, זיצט אויך בּיים טיש. זי
שעמט זיך שוין נישט. דאָס געזיכט רויטעלט זיך. זי איז פערטראַכט.
די אויגען בלישטשען. און צוויי ברעמען, ווי בויגענס וואַכען

און היטען אָב די איגנען, וואָס קוקען זיך צו צו אַלץ און שווייגען די צוויי רויטע זאַפּטיגע ליפּען ליגען האַרט איינע נעבען די אַנדערע, און פֿיינעלע זיצט און טראַכט עפּעס...

עס איז אַזוי שטיל, שבת'דיג. דעם טאַטענס קול נאָר צו־שפּרייט זיך איבער'ן גאַנצען הייזעל, אַלע זיצען און האָרכען.

איך שטעה נעבען פֿענסטער. די פֿענסטער איז אָפֿען, דער אַלטער וואַלד שלאָפֿט שוין לאַנג, איינגעהילט אויף העלפֿט אין נעבעל. פֿון עק הימעל זעהט זיך נאָך אַ רויטער בליאַסק, די זון געהט אונטער, זי פֿערשווינדט דאָרט ערגיץ טיעף אין וואַלד, און דער אַלטער וואַלד שטעהט און הערט זיך איין אין רבי בנימינ'ס קול, וואָס איז מקבל שבת, הערט, טראַכט עפּיס און שווייגט...

און ר' בנימין דאַוונט אַלץ העכער און העכער. ניט מיט לעבעדיגער שמחה איז ר' בנימין מקבל שבת — עס איז ספירה־צייט, דער יוד איז איצט פֿערטרויערט, דער „לכה דודי" איז אויך אַ טרויעריגער. מיט אַ פֿערטרויערטער שטילער שמחה נעהמט ר' בנימין אויף דעם שבת...

אַלץ אַרום איז גרייט, און וואַרט נאָר אויפֿ'ן שבת, און אָט באַלד, באַלד וועט ער קימען פֿון טיעפֿען וואַלד, וועט קומען און וועט זיך אויף אַלץ צושפּרייטען...

אַלץ אַרום שטעהט און וואַרט און האָרכט ר' בנימינ'ען. דער אַלטער וואַלד וויל אויך מקבל שבת זיין. ער בענקט נאָכ'ן שבת און וויל לויבען דעם אַלמעכטיגען, אָבער די בוימער זענען שטומע... און ר' בנימין איז דאָס זייער שליח צבור, ער זאָגט פֿאַר זיי, און זיי האָרכען... און אָט קומט צו געהן דער שבת און צושפּרייט זיך איבער דער גאַנצער געגענד.

אַלץ שווייגט און איז פֿול רוהע. דורכ'ן פֿענסטער קומט אַריין דער שבת, די ליכט ברענען, די חלות זענען צוגערעקט. אַרום טיש מיט'ן ווייסען טישטוך זיצען אַלע. אין שבת'דיגע קליידער, און דער טאַטע געהט אַרוים אַנטקעגען און זינגט:

שלום עליכם, עליכם שלום!

די נאַכט פֿון שבת. די ליכט געהען אויס, די לאָמפּ ברענט נאָך העל, די מיידלעך זיצען אַרום טיש, האַלב זיצענדיג און

האַלב אָנגעלעהנטערהייט, די קעפּלעך אויף די העגדטלעך, און זייַ שלאָפען. די מאַמע זיצט ביי אַ ווינקעל פון טיש, קוקט אויף די גוס'נדע ליכט און האָרכט. דער טאַטע זיצט אויבען־אָן, אָנגע־לעהנט אויפ'ן שטוהל, מיט אַ יאַרמולקע אייפ'ן קאָפּ, ער קייַט געקאָכטע באָב און האָרכט אויך. די עלטערע טאָכטער, פייגעלע, לייענט עפּעס אַ מעשה־ביכעל פאַר'ן לאָמפּ.

שטיל און רוהיג לייענט דאָס מיידעל פון ביכעל עפּעס אַ מעשה, וואָס איז פערלאָפּען מיט אַ גרויסען צדיק, וואָס האָט זעהר אָבגעהיט דעם שבת, און אַלע פרייטאָג נאָך מיטאָג פלעגט ער שוין ניט אַרויסגעהן פון שטוב. און דער צדיק האָט אַמאָל פערבלאָנדזשעט. עס איז געוועזען אַ ווינטער־טאָג, דאָנערשטאָג. דער צדיק איז אַוועק אין אַ דערבייַאיגען דאָרף אויף אַ ברית, מל צו זיין אַ קינד. אַז ער איז געגאַנגען צוריק, איז אַרויסגעפאַלען אַ גרויסער שנעה און האָט פערטראָגען דעם וועג. דער צדיק האָט פערבלאָנדזשעט און האָט געמוזט נעכטיגען אין וואַלד. אויף מאָרגען, פרייטאָג, איז דער צדיק אין גרויס צער און איז מתפלל צו גאָט, ער זאָל איהם ניט דערלאָזען מחלל שבת צו זיין. פלוצלונג הערט ער פון ערגיץ אַ זייגער שלאָגט צוועלף. דער צדיק שטעלט זיך אָב אונטער אַ בוים — ער וויל ווייטער נישט געהן — עס איז שוין שבת. ער גיט אַ קוק — ערשט ער שטעהט פאַר אַ גרויסען פּאַלאַץ. דער צדיק געהט אַריין אין פּאַלאַץ, זעהט ער אינוויינינג שטעהט אַ טיש צוגעדעקט מיט אַ ווייסען טישטוך, און ביים טיש זיצט אַ גרייז־גרויער מאַן מיט אַ לאַנגען ווייסען באָרד, אין האַנד האַלט ער אַ זילבערנע טאַבאַק־פּושקע און לערנט. ער געהט אונטער: „שלום עליכם" — עליכם שלום! — אַ יוד האָט פערבלאָנדזשעט, וועסטו ביי אונז האַלטען שבת...

איך שטעה ביים פענסטער. שטיל. דער וואַלד שלאָפט. די בוימער שטעהען שטיל און האָרכען אויך די מעשה, וואָס פייגעלע לייענט, אָבער טיעף אין וואַלד רוישט עפּעס... די שטערען ווינקען עפּעס פון הימעל מיט אַזוי פיעל חן. אַלץ רוהט, אַלץ איז שבת'דיג.

און עס דאַכט זיך מיר, אַז איך בין עס דער צדיק פון פייגעלע'ס מעשה, וואָס האָט אויף שבת פערבלאָנדזשעט אין גן־עדן התחתון...

אויף דעם וועג קיין שעפּעטעווקע.

אין דער וועג ציהט זיך, און ערגעץ ווייט ווערט ער פערבלאָנזשעט צווישען די פעלדער, אונטער אַ באַרג. און דער הימעל שמייכעלט אַראָב צו די פעלדער, און די פעלדער — אַרויף אין אַלץ איז אַזוי רוהיג, אַזוי זיכער ביי זיך, אַזוי פעסט; אַלץ אַרום איז אַזוי קלאָר, אַלץ איז איינגעוואָרצעלט זיכער מיט אַ פּעסטען יסוד אין דער ערד, נאָר איך אַליין בלאָנזשע אַרום, צווישען הימעל און ערד... און בלאָנזשען, מיין איך, צווישען הימעל און ערד וועל איך יאָהרען לאַנג, יאָהרען לאַנג... צווישען הימעל און ערד, צווישען אַלערליי גאָט'ס בעשעפעניש. און די שאָסעע שטיינער רעכטס און לינקס, די שטיינער מיט די נומערן זאָגען מיר, אַז אַוועק פון אַלעם, אויסרייסען זיך, אַנטלויפען פון דער חברה איז נישט אַזוי לייכט... אומעטום מענשען, אומעטום זייער אַרבייט, זייערע הענד.

נאָך גוט, טראַכט איך, וואָס זייערע הענד קענען צום הימעל נישט דערגרייכען, וואָלטען זיי איהם איך אָבגעמאָסטען אויף ווערסטען און מיילען... מיט דער צייט וואָלט זיך אַגרויסע אַקציאָנס-געזעלשאַפט געמאַכט און וואָלט בעקומען אַ מאָנאָפּאָל צו עקספּלאָאַטירען די זון, די לבנה, די שטערען... און מיליאָנען „טשינאָווניקעס" וואָלטען געווען און מיליאָנען „שלאַבענס"... און עס שלעפּערט זיך, דער וועג ציהט זיך... און ווייט צווישען הימעל און ערד הויבט אָן צו טונקלען, און גאַנצע מחנות אָבגעריסענע שטיקער וואָלקען ציהען זיך אַריים און פליעסען און טוּקען זיך, און גיעסען זיך צוזאַמען, און רייסען זיך איבער... און אַנדערע שטיקער הימעל פערשלייערען זיך, און לייכט און דורכ-

זילטיג זענען די זילבערנע שלייער; און די שלייער ציהען זיך צונויף, בעהעפטען זיך, עס ווערט אזוי היימליך, אזוי פריינדליך, גלייך מען שפילט אין בעהעלטעניש...

און קיין איינציגעם הייזעל זעהט מען נישט... אוים! גאט'ס וועלט, — נישט קיינעמס נאר דעם רבונו של עולמ'ס און די טוי בעדעקטע פעלדער הויבען זיך צו צו די טוי־בעדעקטע הימלען, און די פייכטע הימלען לאזען זיך אראב צו דער ערד און עס ווערט איין וועלט, ווי איין גאט'ס... און די איינגעוואקסענע גרעז־לעך אין דער ערד בעוועגען זיך שטיל, זיכער, ווי עפעס א קינד, וואס וויעגט זיך אין דער מאמעס שויס, שפילענדיג זיך פער־געניגענדיג.

און ווען איך זעה דאס אלץ, פערשעהם איך מיך פאר זיך אליין, פאר וואס איך אליין בין העכער פון די אלע גרעזער, וואס וואקסען ארום. אלץ איז איינגעוואקסען, איינגעווארצעלט אין דער ערד, נאר איך אליין קריך ארום, עפעס אזוי ווי איך וואלט מיך פון דער ערד אבגעריסען, אין דער וועלט זיך געלאזט. איך האב מיין מאמען פערלאזט, מיין טאטען אוועקגעווארפען און ווי א יתום דרעה איך מיך אליין ארום, זוכענדיג ערגעץ א מקום מנוחה... עפעס זעהט דאס אוים חוצפה'דיג, פערלאזט איז עס... און דארט אין מיט'ן פעלד, הינטען אין א טאהל שטייגט א בוימעל ארוים און גלאצט אויך אין דער וועלט אריין. דאכט זיך ער פיהלט אויך דאס זעלבע: העכער געוואקסען פון אלע גרעזער... דער גרעסטער פון אלע... א שען פנים האט דאס!...

און די שטיקלעך אבגעריסענע וואלקען האבען זיך צוזאמען בעהעפט איינס מיט דעם צווייטען, און עס שוועבט שוין א לייכטער פאנסער איבער דעם הימעל: טייל ערטער איז דער פאנסער דורכ־געריסען און פון די אויפגעריסענע ערטער גלענצט עפעס, ווי בע־שטויבטע ליכט אזוי ווייך, און פערהילט אזוי קושענדיג די לייכטע דרייענדיגע וואלקען.

א רעגען וועט זיין!

דאכט זיך עס פרעהט מיך! אלי‏ן בין איך אויפ'ן וועג, ווי

דאָס גרעזעלע וועל איך זײַן, נישט האָבענדיג פֿאַר דעם רעגען זיך וואו צו בעשיצען.

אַ שטילע ליעבע אימה הערשט איבער אַלעס. די גרעזער בייגען אײַן די קעפּ, רויהמען אין דער שטיל אײנס צום אַנדערען: „אַ רעגען וועט זײַן!" דער לאַנגער וועג וואָס ציהט זיך דאָרט, דאַכט זיך, גרייט זיך אויך אָן צום רעגען: „וואָס קען איך טהון" — וואָלט ער זאָגען. פֿון ערגעץ ווײַט קומט אַ פֿייגעל אָן צו פֿליהען און פֿליהט מיט רעש אַ דורך, אָנזאָגענדיג: אַ רעגען וועט זײַן! און דאָרט אין פֿעלד שאָקעלט זיך דער בוים, די צווײַגען רוישען מיט אימה...

און די פֿעלדער ציהען זיך, גלאָצען אין הימעל אַרײַן: הקדוש ברוך הוא, מיר זענען גרייט אָנצונעמען דײַן גוט'ס וואָס דו שיקסט אונז!

איך געה אויף דעם וועג.

דאָרט ווײַט דערהויבט אַ ווינד דעם שטויב, אַ געדיכטער קורשז ווערט. פֿון אונטער אַ טהאָל קומען צוויי פֿערד אַרויף שלעפּענדיג זיך. מען זעהט ווי זיי שטעקען די העלזער אויס אַרויפשלעפּענדיג זיך באַרג אַרויף — דערנאָך ווײַזט זיך אַ פּויער מיט אַ בײַטש אין האַנד.

אָט ווײַזט זיך אַ דעכיל.

דאָרט אין טהאָל שטעהט אַ הײַזיל, און עפּעס ווי פֿערשעמט בעהאַלט עס זיך אין די געדיכטע צווײַגען און די פֿיעלע בלעטער פֿון די ביימער, וואָס שטעהען אַרום. און דאָס הײַזעל ווי אײַנגעטונקט צווישען די גרינע בלעטער זעהט אויס פֿון דערווײַט ווי עס וואָלט פֿון דער הוילער ערד אַרויסגעוואַקסען.

אַ קלײַן שמאָל וועגעל פֿיהרט פֿון דעם וועג אַראָב און פֿערשלענגעלט זיך אויף די פֿעלדער. עס פֿיהרט צום הײַזעל צו.

עס הויבט אָן לײַכט צו טריעפֿען... די ערד זאַפּט אײַן די טראָפּען.

עס טריעפֿט און די טראָפּען בלײַבען הענגען אויפ'ן גראָז ווי גוטע טרעהרען... און פֿערוואָלקענט איז דער הימעל נור פֿון אײַן זײַט; אויף דער צווייטער זײַט שמייכעלט די זון מיט אַגוט געלעכטעריל... עס הייסט: זעהט, וואָס זײַן ליעבער נאָמען קען!

איך נעם מיך אַראָב אין אַ זײַט צו'ן בעהאַלטען הײַזעל צו

עס לויפט אַ הונד און קומט מיר פֿרײַנדיך אַקעגנען, לאָזט מיך דורך און בעגלייט מיך נאָך צוריק צו דער טהיר.

אַ פּויערישׁ הײַזעל, ניעדריג, אָבער זיכער, ליעגט דער באַלקען אויף פיער אָבגעווײַסטע ווענד... הייליגע בילדער אַרום. אונטער איינעם אין אַ ווינקעלע, לײַכט אַ לעמפּעל אַ קליינס, דער שוואַכער שײַן פֿון לעמפּעל צופליעסט זיך אַזוי ווייך אין דער טונקעלקײַט פֿון שטוב, מישט זיך אוים מיט די לײַכטע בעוועגליכע שאָטענס. בײַם קוימען זיצט די פּויערטע און ציניט אונטער צוויי העלצלעך... קליינע, קליינע יונגלעך מיט אָבגעברענטע פּנים׳ער און פלאַכע העלע פלאַקסענע האָר רינגלען מיך אַרום און בעקוקען מיך פערוואונדערט; אין צווייטען עק בײַ אַ וויעגעל שטעהט נאָך איינס מיט אַגרויסען קאָפּ, וואָס וואַלקעט זיך אויף אַ דינעם האַלז און קוקט מיך אָן פֿון ווײַטענס און שמייכעלט. בײַ די באָרוועסע פֿיס ליעגט איהם אַ שוואַרצער, קודלאַטער הונד און קוקט איהם אין פּנים אַרײַן, און וואַרט אויף אַ בעפעהל...

— קען איך מיך פערהאַלטען דאָ, ביז דער רעגען וועט אַריבער?

די פּויערטע ערלויבט עס מיר פֿרײַנדליך און דערלאַנגט מיר אַ שטוהל צו זיצען.

פֿון דרויסען הערט זיך אַ ווײַטער דונער... גלײַך פֿוהרען וואָליטען דורכגעריבען אויף אַ האַרטען וועג.

און אין שטוב איז שטיל געוואָרען, און אין דער שטילקײַט דערהער איך אַנ׳אַלטע שוואַכע שטימע:

— ברוך אתה ה׳ אלהינו... אַ ברכה איבער׳ן דונער:

איך קוק מיך אום, אין ווינקעלע בײַם פֿענסטער, זיצט אײַנגעהויקערט אַ יוד איבער אַ שנײַדערשער אַרבײַט.

עס ווערט מיר היימליכער, עס פֿרעהט זיך צו טרעפען נאָך אַ יוד אין אַ גוי׳שקע שטוב, מען ספּירט זיך עפּעס היימיש.

— שלום עליכם, פעטער!

— עליכם שלום אַ יוד.

— אַוודאי געקומען געגרשט קויפֿען! טרעפט ער.

— ניין, איך געה נאָר פֿאַרבײַ.

— וואו אַהין?

— קיין שעמענעץ.

– אוי, נאָך שעמענעץ! איך בין טאַקע אַ שעמעניצער.

אין דאָס האָב איך אַליין געזיאיסט. מען דערקענט עס אין איהם. צווישען די קנייטשען איף זיין אַלטען פּנים ליגט שעמענעץ אויסגעגאָסען און שמייכעלט!

יעדע קהילה האָט שוין איהר סטעמפּעל, וואָס זי לעגט איף איהרע איינוואָהנער...

דאָס לאַנג איסגעצויגענע פּנים, די מאָגערע באַקען, די קנייטשען אַרום די איגען, די קנייטשען אַרום איינגעפאַלענעם מויל, זענען על-פּי נוסח שעמענעץ. על-פּי נוסח שעמענעץ זענען די שוואַרצע טאַבאַקצייכען אונטער דער לאַנגער שפּיציגער נאָז...

– וואָס טהוט איהר דאָ, ר׳ יוד! פרעג איך איהם אַבי צו פרעגען.

– איהר זעהט דאָך!

– איז אין דער היים קיין אַרבייט נישט דאָ?

– נייע מאָדעס – זיפצט ער – אַ יונג פון אַלדע שוואַרצע יאָהר געקומען מיט אַ אַלט קאַנטיג היטעל, אַ „וואַרשאַווער שניי-דער“ זאָגט ער... האָט ער שפּע... און איך איף דער עלטער מוז אַרומגעהן איף די דערפער... ער נויט נייעס... איך ניי, אַזוי ווי מיין טאַטע האָט מיך געלערנט, און אַזוי ווי מיין טאַטענס טאַטע האָט מיין טאַטען געלערנט... קיין איבער שפּיטצלעך קען איך נישט.

און גלייך ער וויל מיך טרייסטען, גיט ער צו:

– יעדען פרייטאָג קום איך צו מיין אַלטער... אהיים!–בא... אימעטום גאָטס וועלט און זיינע בעשעפעניסען! און ווידער אַרום, זאָגט דער אַלטער נאָך אַ לאַנג איבער קלעהרען זיך, ווער דאַנקט און ליבט דאָ גאָט פאַר זיינע תבואות? פאַר אַלעס וואָס ער האָט אונז בעשאַפען, אַז נישט אַ יוד וואָס פערבלאָנדושעט זיך אַמאָל אַהער?...

דערווייל האָט זיך איסגעלייטערט און די זון איז אין פענסטער אַריין.

– נאָך וויים קיין שעמענעץ? פרעג איך.

– אַ וויאָרסט דריי, דער וועג פיהרט גלייך צו.

איך דאַנק דער בעל-הבית׳טע, געזעגען מיך, דער אַלטער האָט מיר לאַנג נאָכגעקוקט.

– ערשט מאָנטאָג! העך איך אונטער׳ מיר זיין זיפץ.

צוריק אויפ׳ן וועג! דער הימעל איז קלאָר, די וואָלקען ציהען זיך ערגעץ אַוועק; די נאַסע פעלדער שמייכלען צום הימעל און דאַנקען פאַר דער שפע...

און איבער דעם קלאָרען הימעל מיט בלויע פערטונקענע וואָלקען בייגט זיך אויס אַ גאָלדענער רעגען־בויגען מיט בלאָע קאַנ־טען. „גאָט איז בארמהערציג, ער האָט זיך דערמאָנט" – זאָגט דער הימעל און טריקענט די ערד מיט ליכטיגער ליעבשאַפט, ווי אַ מאַמע ווישט אָב די בעקלעך פון אַ פערוויינט קינד...

אויך ערבאַרמדיג זענען די פעלדער אַרום... זיי געדענקען פון גאָר נישט און ווייסען פון גאָר נישט...

די זון טוקט זיך, אַ לייכטער וואָלקען שוועבט איבער׳ן הימעל, אין מערב גיעסט זיך אויס אַ גאָלדענער ים מיט צוואָר־פענע בלאָע אינזלען. אַ רונדיגע לבנה שנייַדט זיך אויס פון די וואָלקען און קוקט אַ פעהר, ווי פון אונטער אַ פאָרהאַנג, און דער וואָלקען בעוועגט זיך לייכט ווי אַ פאָרהאַנג, און שוועבט איבער דער לבנה...

און וואָס אַ מאָל מעהר, ווערט דער רויטער ים ווינציגער, די טונקעל – בלאָע אינזעל׳ן – גרעסער. דער הימעל אַרום אַ ליכ־טיגער ים פערטונקעלט זיך, און דער וואָלקען איבער דער לבנה ווערט שיטערער און לייכטער, און שוועבט אַריבער און עס בע־וויַזט זיך שוין אַ זילבערנע לבנה.

פון דערווייטען בעווייַזען זיך עטליכע שיטערע בוימער... גלייך זיי הויבען זיך פון ערגעץ אַ פעהר, און זיי מעהרען זיך — עס ווערט פון זיי אַ וואַלד... און דער וועג פערבלאָנקעט זיך צווי־שען די בוימער און עס שווימען אַרום אין דער לופט פערבלאָנזעטע קולות... מענשליכע שטימען צוזאַמען מיט אַ געקוואַקעריי פון פרעש.

אַ פויעריש יונגעל קומט מיר אַקעגען מיט אַ ליעדעל מיט אַ וויַיך קלינגענדיג ליעדעל, און ער נעמט זיך ערגעץ אַראָב אין עק זייט און ווערט פערשוואונדען, און דאָס ליעדעל וויעגט זיך נאָך אין דער לופט.

די בוימער ווערען שיטערער, דאָס שימערען פון די בלעטער הערט אַ ווייַלע אויף, עפּעס ווי האָרכענדיג שטעהט די געגענד...

מען רוהט זיך אָב... פון דער ווייטען הערט מען נאָר דאָס געקוואָקעריי פון פרעש.

און דאָרט ווייט שטאַרט עפּעס אין דער לופט... עס קומט וואָס אַ מאָל שאַרפער אַרויס, נאָר וואָס־ווייס איך נאָך נישט. אַ הונד בּהלט... דערנאָך געהט אַ איסגעציגענער „מע״ בלשון־רבים. קיה געהען אַ היים זיך מעלקען... גרויסע, גרויסע געלע פלעקען בעוועגען זיך... מעעע...

א פויערטע מיט א צווייגעל געהט נאָך

צוויי יודען געהען אויפ'ן וועג, האַלטען זעקלעך אויף די פלייצעס, שטעקלעך אין די הענד און געהען.

טונקעל ווערט. היימיש איז אַלץ אַזוי ווי ביי דער מאַמען אין דער היים.

אָט שטעהט אַ פוהר פאַר אַ הייזעל, אַ קעלבעל ליעגט אויף די פוהר און שרייט, יונגלעך שטעהן פאַר'ן הייזעל און פרעהען זיך מיט די פערד.

די צוויי יודען קומען אָן, שטעלען זיך אָב ביי דער פוהר און רעדען עפּעס מיט דעם פויער. איינער טאַפּט דאָס קעלבעל וואָס איז אויף דער פוהר און דינגט עס. דער פויער האַלט אַ פּיפּקע אין מויל און לאָזט געדיכטען רויך אַרויס, און לאַכט.

דער הימעל איז שוין טונקעל; קליינע שטערען זעהן אויס — ווי ליכטיגע פענסטערלעך אין די שטיבלעך פאַר מלאכים, די לבנה — ווי אַ גרויס פענסטער אין זיין ליעבען נאָמענס פּאַלאַץ... און גאָר אין עק, ווייט, ווייט, פערזינקט דאָס לעצטע ביסעל רויטקייט און ווערט פערטרונקען אין אפשר גאַנצע מחנות פערבלאָנזשעטע טונקעל־בלאָע וואָלקען... אָדער ווייס איך וואָס זיי זענען?...

עס בעווייזען זיך שטעטעניצער הייזלעך... נידריגע הייזלעך איינס אָבגערוקט פון צווייטען, פּלאַץ איז בילליג! ווייבער זיצען אויף די שוועלען פאַר די טהירען און שמועסען. קינדער לויפען אַרום איבער'ן שטיינערנעם בריקעל פון איבער'ן איסגעטריקענטען טייכעל פאַר די הייזער. אין מיטען מאַרק ליעגען גרויסע בינד שטרוי; אַוודאי נאָך אַ מאַרק־טאָג. אין אַ ברייטע „ליק״ צווישען צוויי הייזלעך שפּיעלען זיך חדר־יונגלעך אין זעלנער.

אנ'איינפאָר־הויז. אַ שילד מיט רויטע טראַנספּעראַנט אותיות... אַ לעמפּעל רייכערט זיך פון הינטען. אויף אַ טיש פון אַ נגיזיגעלב

שטעהט אַ מיידעל מיט אויפגעקעמטע האָר אין אַ ווייס פּאַרטעל׳ל און קוקט אין גאַס אַריין, וואו אַנדערע מיידלעך שפּאַציערען. זי קוקט צו דעם פּעלדשערס שוועל געגענאיבער. דאָרט שטעהט אַ יונג דער הוט אויף אַ שפּיץ „גרזיווע״, ער ווינקט צו איהר... קוק דערוויל דרייצעניעהריג מיידעלע; דיין זיווג לערנט זיך ערשט דאָס פּשט׳ל צו „בר־מצוה״...

סאַמע וויבער און קינדער — וואו זענען די מענער?

— יתגדל ויתקדש... רייסט זיך פון בית־המדרש אַרויס! דאָרט זענען זיי.

„אמן יהא שמיה רבא...״ ענטפערט דער עולם מיט אַ רעש.

און טייל וויבער אויף די שוועלען ווישען זיך די הענד אָן די וועגד און זאָגען: אָמן, יהא שמיה רבא...

שעמעניעץ דאַווענט!

די נאַכט איז צוגעפאַלען. זיבער און שטיל שטעהען די קליינע היזלעך אַרום מאַרק, זיי זעהען מיר אויס, ווי אַלטע וויבער מיט שטריק־נאָדלען אין די הענד וואָס האָבען זיך פערזאַמעלט אין אַ גרויסע שוהל און וואַרטען, די זאָגערען זאָל קומען, די זאָגערען מיט ברילען אויף דער נאָז, מיט׳ן פּעקעל תחנות אין דער האַנד...

אָבער אַ לבנה האָט שעמעניץ.

טונקעל איז דער הימעל, מיט די שטערען ווי מיט ליכטיגען מאָן בעשיט, אין מיטען שניידט זיך אויס אַ ריכטיגע לבנה. טאַקי יהושוע׳ס פּנים, אָן אַנ׳איינציג פּגימה׳לע, די שכינה שיינט אויפ׳ן הייליגען פּנים... און זי קוקט אַראָב, די לבנה, אויף איהרע ליעבע „כנסת ישראל״ און שמייכעלט צו איהר, איהר כנסת ישראל דאַווענט.

און אונטער מיר פרעגט אַ יונגע שטימע:

— מען מעג דען קוקען אין דער לבנה אַריין? יאָ, מען מעג?

איך קוק מיך אום. אַ פּאָר גרויסע קינדישע אויגען אין אַ בלאַס דאַר פּנים׳ל.

— יאָ, מען מעג קוקען, יאָ? מען מעג?

און איך טראַכט מיר: די שעמעניצער לבנה איז אפשר דאַריבער אַזוי קלאָר, אַזוי הייליג, אַזוי ריין, ווייל קיינער קוקט נישט אויף איהר...

מַחֲלוֹקֶת אִין קָארְטְשֶׁעוו.

דער וועג קיין קאָרטשעוו לאָזט זיך אין אַ טהאָל אַראָב. פֿון אַלע זייטען לאָזען זיך מיט אין דעם זעלבען טהאָל אַראָב לאַנגע בייטען ערד, טייל נאָך שוואַרצע, ערשט בעאַקערטע; פֿון אַ טייל בייטען הויבען שוין אָן גרינע קערענדליך שמייכלענדיג די קעפּ אַרויסצושטעקען, און זיי שמייכלען און ווינקען אַזוי שיין פֿון דערווייטענס; און טייל בייטען זיינען שוין אין גאַנצען מיט גראָז בעוואַקסען. פֿון דער אַנדער זייט שטעדטיל זעהט זיך, ווי עס ציהט זיך פֿון טהאָל באַרג־אַרויף אַ זאַמדיגער וועג, פֿון ביידע זייטען מיט בעפּלאַנצטע בוימער. צוזאַמען מיט דעם וועג ציהען זיך מיט אין דער הויך די לאַנגע, טייל נאָך שוואַרצע, טייל אין בעגראָזטע, און טייל שוין גאָר אין גאַנצען מיט הויכע גראָזען בעוואַקסענע בייטען און מישען זיך דאָרט אַלע צוזאַמען, ביז זיי ווערען אין גאַנצען פֿון דערווייטען פֿערשוואונדען פֿון דער אויג. איבער דעם אַלעם שפּרייט זיך אויס פֿון אויבען אַ גאַנץ לאַנגער און אַ גאַנץ ברייטער ליכטיגער הימעל, אין וועלכען גרויסע וואָלקענדליך באָרען זיך און טוקען זיך אין איהם.

אונטען אין דעם טהאָל אויף אַ קליינעם פּלאַטץ, האַרט ביי אַ וואַסעריל פֿון איין זייט, האַרט ביי אַ וועלדיל פֿון דער צווייטער זייט, זענען צושאָטען איינצעלנע היזולעך, די דעכער זענען איינס צוגענייגט צום צווייטען, — דאָס איז דאָס שטעדטיל קאָרטשעוו, אַ עיר ואם בישראל. קוקענדיג אויף דעם הימעל, וואָס פֿערשפּרייט זיך איבער דעם שטעדטיל, ווי אַ גאַנץ ברייטע און אונענדליכע חופּה איבער אַ קליינעם שוואַרצען פּונקט, וואָס איז פֿערטרונקען אין אַ גרינעם גראָזעדיגען ים, דאַכט זיך, אַז דער הימעל פֿערגעסט עפּעס קורטשעוו. קורטשעוו איז אַ פּונקט, פֿערפֿלעקט

אויף דעם אויבער־דעק פֿון זײַן כּלה — די ערד. נור קאָרטשעוו טראַכט בײַ זיך נישט אַזוי, דער הימעל שיצט איבער איהר מיט אַ בעזונדער געטרײַישאַפֿט און ליעבע. קאָרטשעוו איז טאַקי אַ קליין שוואַרץ פּלעקיל, וואָס איז אויס־געמאָלט אויף דער ערד, און איבער דעם דאָזיגען פּלעקיל שיצט דער הימעל מיט גרויס רחמים און לאָזט זיך איבער איהם אַראָב אַזוי ווייך און גלעטענדיג, וואָס אַמאָל נידריגער און נידריגער.

דאַכט זיך דער הימעל שיצט אויך אַזוי ווייך, אַזוי געטרײַ איבער דעם נאָהנטען וועלדיל, ווי איבער קאָרטשעוו — ער בעשטעהט דאָך נור פֿון בוימער, וואָס שטעהען וואַרטענדיג, ביז מען וועט זיי אָבהאַקען און פֿערברענען אין פֿײַער אין קאָרטשעוו גופא...?

און קאָרטשעוו אָבער — דער הימעל איז נור דירעקט צוליעב איהר: זי האָט אויף איהר גוט־אָרט דרײַ הייליגע צדיקים בעגראָ־בען, איהר שוהל, בית־המדרש, חוץ שטיבלעך און פּריוואַט מנינים, וועלכע שפּאַלטען דורך דעם הימעל דרײַ מאָל אַ טאָג.

נאָך מעהר איז די קאָרטשעווער קהלה בעריהמט מיט איהר נחלה־שאַפֿט, יעדער מענש אין קאָרטשעוו מוז זײַן אייגענע נחלה האָבען — זײַן שטוב, חאָטש זײַן אייגען וועגטיל.

עס זאָל דיר אָבער נישט וואונדערן, ווען דו געפֿינסט קאָרטשעווער הײַזליך פֿערשידען־פֿאַרביג אָבגעמאָלט: איין שטיקיל וואַנד רויט, דאָס צווייטע שטיקיל ווײַס־אָבגעמאָלט, פֿון דעם דריטען שטיקיל וואַנד זעהט מען אַרויס די שטיקליך האָלץ, וואָס זענען אין דער לענג און אין דער ברייט צוזאַמענגעקלאַפּט (אַודאַי אַ טייל פֿון אַ אביון). דער דאַך איז אויך ניט אומעטום גלײַך. איין שטיבעל־דאַך איז בעשלאָגען מיט שינדלען, דאָס צווייטע איז געדעקט מיט שטרוי, דאָס דריטע מיט בלעך, אַ טייל איז גאָר אין גאַנצען אָפֿען. דאָס איז נישט פֿון שענקייט וועגען — גאָה, זײַ מוחל, און לייען איבער די נעמען, וועלכע זענען אָנגעשריבען אויף דעם בלעכעל, וואָס איז אָנגעקלאַפּט פֿאַר דעם הויז, און וועסט געוואָהר ווערען, פֿאַר וואָס עס איז אַזוי:

№ 3

חצקיל מענדעלאָוויטש.

ישעיה וואַרשאַווסקי.

זרח פײַגענשטאָק,
גדליה גוטמאַן,
און אַזוי ווײַטער...

שוין איז צו זעהען אין דער פריה. ווען די בעלי־בתים פון די שטיבעלעך לאָזען זיך אַרויס, יעדער זײַן שטיקעל גאַס פאַר זײַן הויז אָבצוקעהרען.

יחזקיל קעהרט אַוועק זײַן שטיקיל רינשטאָק, ישעיה זײַן שטיקיל און זרח זײַנס, נאָר תמיד בלײַבט איבער צווישען אײַן מייל רינשטאָק און דעם צווייטען אַ שטיקיל נישט ריין געמאַכט. דער סטראַזשניק קומט אָן, זרח „שרײַט": איך האָב דאָס מײַניגע אויעק געקעהרט, גדליה: דאָס שטיקיל געהערט צו דיר, האַצקיל מאַכט זיך גאָר אין גאַנצען פון שטוב אַרויס.

און דער סטראַזשניק נעמט אַרויס דאָס ביכיל, האַלט דעם בלײַשטיפט אין דער האַנד און דרייידעלט מיט דער האַנד אַרום און אַרום, צוקעלט זיך עפּיס אַ אות צו מאַכען און קוקט דערווײַל מיט אײן אויג אויף די בעלי־בתים, וואָס האַלטען די בעזעמס אין דער האַנד און קריגען זיך.

— געה גיעב איהם אַ אידער (אַ צעהנער), לאָז איהם נישט כּתב'נען (פערשרײַבען) — שרײַט זרח.

— איך זאָל געהן? שרײַט חזקיל — וואָס איז עס מײַן געשעפט? געה צוברעך הענד און פיס!

— בײַם גריגען טיש ווערסט דו שוין אַזאַ בריה נישט זײַן — וואָרענט איהם ישעיה.

— גריגן און געל זאָל דיר דײַן טרפה פרצוף ווערען, רבונו של עולם פון הימעל, בעקומט ער אַ ענטפער פון חזקילס ווײַב, וואָס שטעקט די שלאָפהויב אַרויס פון דורך אַ פענסטער אין דער הויך.

דער סוף איז: מען לעגט זיך צוזאַמען. יעדער גיט אַ פּיה־ זר און מען טראָגט עס צו דעם סטראַזשניק.

דער לעצטער שפּײַט אויס, הייסט מיט אַ בייזערדיגער שטימע אויסקעהרען, געבענדיג צו פערשטעהן, אז מיט דעם איז מען נאָך נישט יוצא, און אַרײַנלעגענדיג די פאָר גראָשען אין קעשענע געהט ער אַוועק ווײַטער.

אַ בּעשטענדיגע מחלוקה איז אין קאָרטשעוו צווישען לייבּיל דעם מלמד און בּעריל דעם פוהרמאַן.

די מעשה איז אַזוי:

אַמאָל האָבען זיי בּיידע געהאַט, צוויי איינגעפאַלענע שטיבּלעך אונטער איין דעכיל, אַ ירושה פון זייערע עלטערן. געוואָהנט האָבען זיי בּיידע נישט דאָרט, איינס די פּאָליציע האָט נישט געלאָזט, ווייל זי האָט פערלאַנגט, מען זאָל די חורבה צוואַרפען. נאָר ווען זי וואָלט אפילו יאָ מתיר געווען, וואָלטען זיי סיי ווי סיי דאָרט נישט געוואָהנט: דער דאַך איז אַראָבּגעריסען, די ווענדליך שאָקלען זיך, און אַריינציהענדיג זיך דאָרט, אויסער וואָס מען דאַרף אַריינלייגען געלד, צורעכט צומאַכען די חורבה, (וואָס נישט בּיידע זענען עס אימשטאַנד), וואָלטען זיי נאָך דערמיט איינגעשטעלט זייער לעבען און זייער קינדערס לעבען, און אַזוי האָט זיך לייבּיל מלמד וואו ערגיץ אַנדערש זיין חדר און בּעריל וואו אַנדערש זיין שטיבּעל. און די בּעלי בּתים לעבען צווישען זיך אין שלום. טרעפט מען זיך אַמאָל צוזאַמען אין בּית־המדרש אין אַ שבת פאַר נאַכט, געהט בּעריל דער פוהרמאַן צו צו לייבּיל'ן און לאָזט אַראָבּ זיין דיקע בּעשמוצטע האַנד אויף ליבּיל'ס אויסגעמאָגערטען רוקען, וואָס האַלט תמיד אין איין ציטערן.

— נו, לייבּיל, וואָס הערט מען עפּעס מכּח אונזער נחלה?

לייבּיל קעהרט זיך אום, בּרומט אונטער די נאָז, פאַר זיך:

— גראָבּער יונג.

וואָס טהוט דער יצר הרע, וואָס לאָקערט אויף די כּנסת ישראל צו פאַרשפּרייטען קריעג צווישען זיי? שיקט ער אָן פייער אויף קאָרטשעוו. דאָס פייער לעקט אָבּ די נחלה פון אונזערע בּיידע העלדען, און לאָזט איבּער אַ „כּותל מערבי״, אַ געדערכעניש פון דעם חורבן.

אַרום זעהט מען אַרויס שוואַרצע, האַלבּ־איינגעפאַלענע קוימענס, וואָס שטעהען ווי אָבּגעשאַפטע שמשים און צווישען די קוימענס שטעהט זיך איינגעקאָרטשעט, אַ נידריג שוואַרץ ווענטיל, צוזאַמען געקלאַפּט פון אַ פּאָר פערבּרענטע בּרעטלעך. די קוימענס זענען בּאַלד צוריק בּעמויערט געוואָרען, קאָרטשעוו איז צוריק— קאָרטשעוו, און נור דאָס פּלויטיל שטעהט אַ געדערכעניש פון דער שרפה.

קריגען זיך איבער דעם פּליטיל צוויי בעלי־בתים — לייביל מלמד און בעריל פֿוהרמאַן.

לייביל ווייזט אויס מיט ראיות און פֿערשידענע פּשטליך, אַז דאָס פּליטיל איז אַ ווענטיל פֿון זיין שטוב. ער דערקענט נאָך אפילו די צוועקעס, וואָס ער האָט אַריינגעקלאַפּט אין וואַנד אויפֿצוהענגען דעם זייגער און די אַטלעסענע קאַפּאָטע; ער דער־קענט דעם צוואָק, וואָס אויף איהם האָט ער געהאַט הענגען טלית און תפילין — ער איז נאָך אַביסיל איינגעבויגען. בעריל טענה'ט אָבער: ער ווייסט, אַז דאָס פּלויטיל איז אַ ווענטיל פֿון זיין שטוב; קיין ראיות וויל ער נישט ברענגען — לערנען קען ער נישט.

געהען זיי ביידע צום רב. דער רב מאַכט אַ פּשרה: וואָהנען דאָרט קען מען דאָך סיי ווי סיי נישט, אֶלָא מַה צו וואָס קען נוצען דאָס פּלויטיל? נור אויף אַ וואַנד צו אַ סוכה, און אַ סוכה דאַרפֿען זיי דאָך ביידע — לאָז דאָס פּלויטיל שטעהן אויף סיכות, און לאָזען זיי זיך ביידע דאָרט אַ סוכה מאַכען.

טענה'ט אָבער בעריל: לא, ער דאַרף דאָס פּלויטיל אויף אַ שטאַל פֿאַר זיין פֿערד. אַ גראָבער יונג איז ער און ווייסט אפילו נישט צו זאָגען קיין להבדיל צווישען אַ סוכה און אַ שטאַל.

לייביל מלמד ווערט אויפֿגעבראַכט: זיין נחלה, זיין פֿאָטער האָט דאָרט געוואָהנט, זיין זיידע — זיין עלטערזיידע, פֿון דעם פּלויטיל מאַכען אַ שטאַל? ניין, אום לעבען זאָל עס איהם געהן.

בעריל פֿיהרט אַוועק אַהין צום פּלויטיל אַ גוי מיט אַ זעג און אַ האַק, נעמט דער גוי אַרויס אַ שטריקעל און הויבט אָן דאָס פּלויטיל צו מעסטען, ווערט דערפֿון געוואָהר לייביל מלמד קומט ער אָן צו לויפֿען. און ער פֿערשטעלט דאָס פּלויטיל מיט ביידע פּאָלעס און לאָזט נישט מעסטען.

— געהסט אַוועק — איך צוהאַק דיר דאָ דעם קאָפּ — שרייט בעריל.

— לאָזט מיך צו צו דעם עיבר, לאָזט מיך, איך וועל איהם קורע כדג זיין, שרייט לייביל.

יוסקע לאָבוס — אַ באָרפֿיסער און נאַקיטער יונג מיט אַ צו־ריסען היטיל שטעהט דערביי און קוקט.

— ווער האַלט איהם דען צו? — לאָזט איהם, לאָזט איהם, — און ווינקט מיט אַ אויג צו בערל'ן: נעהם איהם

עס ווערט אַ קריגערײַ, יודען קומען זיך צונויף, מען מישט זיך אַרײַן, מען רײַסט אַוועק בערל'ן פון איין זײַט, לייבל'ן פון דער צווייטער זײַט, און דער גוי געהט צוריק אַהיים מיט דער זעג.

דער מלמד הויבט אָבער אָן צו פערנאַכלעסיגען זײַן מלמדות, געהט אַ גאַנצען טאָג אַרום און קלערט וועגען דער נחלה, און וואו ער זעהט אַ גוי פאַרבײַגעהן מיט אַ האַק אויף דער פלייצע קלאַפט איהם דאָס האַרץ און ער געהט איהם נאָך, קוקט אויב ער געהט נישט אַהין צו זײַן פלויטיל.

טייל מאָל ליעגענדיג בײַ נאַכט אין בעט, כאַפּט זיך דער מלמד אויף, טהוט זיך אָן דעם שלאַפראָק און לויפט אַהין צום פלויטיל. עס דאַכט זיך איהם אַלץ, אַז בערל שטעהט מיט אַ האַק פאַר דעם פלויטיל און צולעגט עס, און מאַכט זיך פון איהם אַ שטאַל.

זײַן ווייב שרײַט: גזלן, קוילעסט דאָך דיך מיט די קינדער אַוועק, לאָז געהן אַ כפרה בעריל מיט'ן פלויטיל אין איינעם. וואָס האָסט דו דען דערפון?

— חצופה, מײַן טאַטענ'ס!...

און אַ גאַנצען טאָג דרעהט זיך לייביל אַרויף און אַראָב פאַר דעם פלויטיל, כאַפּט אָן יעדען פאַרבײַגעהער, נעמט איהם אָן פאַר די לאַצען און גיט איהם צו פערשטעהן, מאַכענדיג מיט די פינגער:

— זעה, והא ראיה, אַז דאָס פלויטיל איז מײַנס — זעה, דאָ איז געוועזען אונזער שטיבעל, דאָס פלויטיל איז טאַקי געוועזען די מזרח־וואַנד, פלעג איך אַמאָל אין דער היים מנחה דאַווענען, שטעל איך מיך אַנידער בײַ דעם וועגטיל טאַקי בײַ'ם פלויטיל, אָט דערקען איך נאָך די צוועקעס, האָסט דו דאָ די צוועקעס, וואָס איך האָב זיי אַליין אַרײַנגעשלאָגען.

און ווען דו געהסט אַזוי בײַ נאַכט איינער אַליין אין די גאַסען פון קאָרטשעוו, זעהסט דו ווי אויבען אין דער הויך שפיגעלט זיך אָב די לבנה און קוקט טרויעריג און ערנסט אַראָב אויף די נידריגע הײַזליך, און אונטער אַ קליין נידריג שוואַרץ פלויטיל, וואָס זעהט אויס ווי אַ שוואַרצער פלעק, ליעגט עפּיס ווער אײַנגעטוליעט דעם קאָפּ צוגע־נייגט צום פלויטיל און שלאָפט. די בלייכע לבנה קוקט אַראָב צו איהם, בעלויכטענדיג עטוואָס טרויעריג זײַן קאַלטען קערפּער, וואָס איז אַרומגעוויקעלט אין אַ לײַכטען חאַלאַטיל. דאָס איז לייביל דער מלמד, היט אָב זײַן ירושה.

צו וואס?

א פינף, זעקס יאהר צוריק — האט זיך בעוויזען אויף דיין גאס א נייער סטראזשניק, וואס איז נאך נישט געוואהנט געוועזען מיט די מנהגים פון דער גאס. געהט ער זיך אמאל אריים זונטאג אין דער פריה אין גאס אריין שפאצירען, און דערזעהט פון דער וויטענס, ווי חיים נחום מאנדריק רופט פריי און פראנק אין זיין געוועלב אריין קונים גאנצע 5 מינוט פאר צוועלף א זייגער! נעמט ער, דער סטראזשניק, און פערשרייבט מאנדריקען אין ביכעל אריין. דערפון ווערט א פראטאקאל, און דער פראטאקאל געהט אין סאנד (סוד) אריין. מאנדריק איז דערווייל מיט'ן סטראזשניק חבר און „כל ולך" געווארען. דער סטראזשניק איז דערווייל מעהר „תושב" געווארען אין גאס, און האט זיך איינגעלערנט און געקאנט אויסוועניג אלע מנהגים פון גאס, — פראטאקאל אבער בלייבט פראטאקאל און מאנדריק חאפט א פסק: 25 רובל קנס, אדער 5 טאג קאזע. לאכט ער, מאנדריק. 25 רובל פאר פינף טעג, ער וואלט יעדע וואך אזא געשעפט געמאכט! און פאר וואס זאל עס מאנדריק נישט וועלען פערדינען פינף רובעל א טאג? האט ער גענומען אויף זיך די „קאזע". און דער וואיט האט שוין געשריבען וואו מען דארף, אז מאנדריק קען נישט צאהלען. אבער נישט אזוי געשווינד זעצט מען מאנדריקען אריין! עס געהט איבער א צייט, מאנדריק האט שוין אין דער גאנצער מעשה פערגעסען, בעוויזט זיך פלוצלינג דער סטראזשניק. וואס איז? מען רופט מאנדריק'ן צום וואיט. וואס איז? וואס וויל דער וואיט? גאר נישט. נור דער שרייבער לעזט איהם פאר עפעס אלטע חטאים מיט פינף טאג זיצען.

מאנדריק דערמאנט זיך. פונדעסטוועגען — מאלע וואס —

אײַלט אײַך נישט אַזוי, זאָגט ער, דערווײַל האָב איך קײַן צײַט נישט ... אַנדערע געשעפֿטן, — איך מאַך אַ ברית די וואָך! — דער שרײַבער איז דוקא נישט קײַן שלעכטער, לעגט ער די פּאַפּירן אַוועק, ווערן זיי ערגעץ אין דער אַלטער שאַפֿע פֿאַרפֿאַלן, ליגן זיי אָב אַ יאָהר צוויי, דרײַ. — מאָנדריק האָט ווײַטער פֿאַרגעסן. ער האָט שוין לאַנג פֿאַרגעסן! און אַז ער דערמאָנט זיך אַמאָל — האָבן דערווײַל יענע פֿאַרגעסן!

אַז מען דערמאָנט איהם דעראָן אין בית המדרש, לאַכט ער: — זיי האָבן פֿאַרגעסן, ברידער, ווי אין פֿאַריאָהריגן שניי. מען מאָנט מיך גאָר נישט!

וואָס געשריבן און געחתמ'עט איז אָבער געשריבן און געחתמ'עט... און פֿאַר זייערס אַ יום-טוב, אַז מען איז געגאַנגען רוימען אין דער „גמינע”, געפֿינט מען מאָנדריקס עסק אונטער דער שאַפֿע.

און באַלד נאָך דער חאָגע, אין אַ שענעם פֿריה-מאָרגען, ווען מאָנדריק דערהעבט זיך נאָכ'ן אָנבײַסען און וויל אַרויסגעהן, ווי נעכטען און אייערנעכטען, עפּענען דאָס געוועלב, פֿאַלט אַרײַן זשענשע דער „שמש” פֿון גמינע מיט נאָך עפּעס אַ מין „לא-יחרצ'ל” אין אַ קאַפּעליוש מיט קאַנטען, — און מען בעט שען, מאָנדריק זאָל מוחל זײַן אין קאָזע אַרײַן.

און עס העלפֿט נישט קײַן „רבינו” און קײַן „בעבינו: מאָנדריק האָט מאָרגען אַ וועקסעלע צו צאָהלען, איבער-מאָרגען פֿאַלט דער גרויסער יריד, — שרײַ „חי וקיים”, אַז מען איז אין גלות!

די מאָנדריקאָווע איז צוגעפֿאַלען צום וואָיט מיט'ן קלײנעם קינד אויף דער האַנד: געוואַלד, פּאַניע וואָיציע, זע'מיר דאָך עפּעס הײמישע מענשען... ס'טײַטש?

— עס העלפֿט נישט! די „בומאַגעס” זענען צוגעשיקט געוואָרען פֿון „אויעזד”, דער וואָיט איז גאָר נישט שולדיג.

די שטאָדט'ס קאָזע איז הינטער דער קאַנצעלאַריע פֿון דער גמינע, אין „קאַלער'ס” הויז, דאָס שענסטע און געזונדסטע הויז אין מאַרק. און די צוויי פֿענסטער, מיט די אײַזערנע גראַטען קוקען זיך שען אין מיטען מאַרק אַרײַן, גלײַך זיי וואָלטען גאָר קײַן קאָזע-פֿענסטער נישט געווען.

און אויף יענער זייט מארק, פונקט קעגנאיבער דער קאָזע, איז טאַקי מאָנדריקס געוועלב. שטעהט מאָנדריק אין קאָזע ביים פּענסטער און קוקט אַריבער אין זיין געוועלב אַריין, ציילט ער די קונים אין געוועלב, און לויט דעם פּעקעל, וואָס דער קונה טראָגט אַרויס, בערעכענט ער די קאַסע אין שופלאָד. טהיילמאָל קומט אַ קונה פון געוועלב אַרויס מיט לעדיגע הענד; דער עלטערער זוהן מאָנדריקס לויפט איהם נאָך און רופט'ען צוריק אין געוועלב אַריין, — העלפט איהם מאָנדריק דורך'ן פענסטער צו. רופט ער: זייט מוחל, זייט מוחל, אַ נייער סאָרט פון וואַרשא!

איז אין געוועלב קיין קונים נישט דאָ, האָט ער נישט וואָס צו טהון, וויל ער נישט „באַלמיטשען", האַפּט ער אַרויס דאָס תהלימ'ל פון בוזעם, פונקט ווי אין געוועלב צווישען איין קונה און צווייטען, שלינגט ער איין אַ קאַפּיטעל תהלים, — אַ לייזונג אויף יענער וועלט. אין דער מיט, דערזעהט ער דורכ'ן פענסטער יואל דוד'ן, — טראַכט ער וועגען אַ גמילות-חסד, אַ וועקסעלע צו צאָהלען, און רופט:

— יואל דוד, יואל דוד. און אַז דער וויסטער יואל דוד (אַ מעביל העגדלער) דערהערט, אַז מען רופט'ען פון קאָזע, געהט ער צו:

— האַ! חיים נחום, פאַר וואָס? און דערלאַנגט איהם דעם גוט-מאָרגען דורך די קראַטען.

— גוט-יאָהר! ענפערט מאָנדריק. טאַקי יענע מעשה... דאַכטען זיך היינט דערמאַנט, אַ שוואַרץ יאָהר אויף זיי... זאָג נור, האָסט נישט אַ 25-גער אויף אַ פּאָר טעג? איך דאַרף דאָרט אַ וועקסעלע צו צאָהלען, — עס זאָל זיי אַזוי דער קאָפּ שטעהען צום טאַנצען, ווי מיינער צום זיצען... דאָרט אויך, אַ פנים, נישט פערהאַן קיין שמחה, האַ? מאַכט יואל דוד. און געהט אַוועק אָהן אַ קלאָרער תשובה וועגען גמילת חסד.

דערזעהט דערווייל מאָנדריק, אַז אַ פּויער פיהרט אַ וועגעלע תבואה אין מארק אַריין צו פערקויפען, שרייט ער אַרויס: העי, העי! סלוחיי, סלוחייטשע:

— האַ? וואָס? דערשרעקט זיך אַביסעל דער פּויער. און מאָנדריק שרייט איהם אַרויס:

— האָסט מיך נישט דערקענט, סטעפּאַן! דאָס בין איך דאָך, וויַיז מיר נור אַהער אַ פּראָבקע.

— איי, דו יוד, דו יוד, מאַשעניק — אַזוי לאַנג געהט דער קרוג צום וואַסער, ביז דאָס אויער ברעכט זיך אָב — זאָגט דער פויער, און דערלאַנגט איהם דאָך די פּראָבקע דורך די קראַטעס.

— האָב נישט קיין מורא! דיך וועל איך שוין נישט נאַרען, — ענפערט מאָנדריק, אַרויסשטרעקענדיג די האַנד דורך די קראַטען נאָך דער פּראָבע, — און וויפיל ווילסט דו עס פאַר די „זשאַרנעס"?

— צו אַכט און צוואַנציג גילדען.

— טאַקע, אָ וואַ! דו מיינסט, אַז איך זיץ אין קאָזע, מעג מען שוין לאַכען אויס מיר — נאַ, זעה, וואָס איך גיב דיר!

און מאָנדריק נעמט אַרויס געלד און הייבט אָן אויסצוציילען דעם פויער אויף'ן פענסטער.

— וואָס רעדסט דו מיט איהם — ער זיצט דאָך אין קאָזע! — מאַכט צום פויער, בעריל פאַקטער — אָנקומענדיג צו דער פוהר און אָננעמענדיג די פערד פאַר די לייצען.

— מיין תבואה! — שרייט מאָנדריק, — געקויפט! —

— געה אַרויס און נעם זי! ענפערט בעריל, אַוועקפיהרענדיג דעם וואָגען.

— וואַרט גנב! — שרייט אַרויס מאָנדריק, — וועסט דיך אַ שוואַרץ יאָהר אויסרעכטען. געה איך אַרויס צו דיר, ברעך איך דיר האַלז און נאַקען.

— אַדרבא, נו, קום אַרויס, — אַדרבא פּריוו אַמאָל! — רייצט זיך מיט איהם בעריל שוין פון דערוויַיטען.

— אויסגעריסען זאָלסט דו ווערען, רבונו של עולם! פאַר וואָס קומט דאָס מיר? און מאָנדריק נעמט זיך צוריק צום תהלים'ל.

נאָכ'ן אָנבייסען לאָזען זיך די קעסט-קינדער, וואָס האַנדלען שוין אַביסעל אין מאַרק, אויף דער גאַס אַרויס. געוועהנליך איז די „בערזע" אין לאַנגע גאַס געוועלב, געגענאיבער דער פּוילישער צוקערניע. — היינט, מאָנדריקען צוליעב, — פערזאַמעלט מען זיך פאַר די פענסטער פון קאָזע.

— גוט מאָרגען, חיים נחום, וואָס איז עס די מעשה?

— זיי זאָלען אַזוי וויסען פון זייערע הענד און פיס. אַ מעשה פון פינף יאָהר צוריק.

די יודליך מיט די שטעקעליך אין דער הענד קומען זיך צוזאַמען. מען הייבט אָן שמועסען פון געשעפט. מאָנדריק שיט דורך די קראַטען אַ פאָר גלייכוועֶרטלעך, ווי זיין שטייגער איז. עס ווערט היימליך, מען פערגעסט גאָר, אַז מען שטעהט פאַר אַ קאָזע.

— זונדעל האָט אין שעלע'ן געקויפט פאַר 2.80 פערצעהלט איינער אַ נייעס.

— פלאַצען זאָל ער! די גאַנצע וועלט איז איהם ווינציג! — געהט אַ צווייטער צו.

קעגענאיבער קומט מאָנדריקס עלטסטער זין אַרויס פון געוועלב, שטעלט זיך אויף דער שוועל און שרייט אַריבער:

— טאַטע,טאַטע, מנשה גיט פאַר'ן ווייץ, 3.20! זאָל איך — ?

מנשה? ניין. איך קען נישט; אויף מיין ערליך וואָרט ד'קען נישט, — שווערט זיך מאָנדריק אַקעגען.

דער עולם שטעהט און שמועסט, מאָנדריק לעגט זיך אָן בעל־בתיש איפ'ן פענסטער. קויפט דורך די קראַטען ביי ר' יחיאל'ן פינף זעקליך ווייץ, צו דריי רובל. עס מישט זיך אַריין אַ מעקלער, האַפט אַ צווייער־גילדען, און לויפט אַהיים אָבטראָגען דעם ווייב.

אַ בעל־בית, זאָגט אַ „גוטען טאָג“ און רוקט זיך אָב פון רעדעל.

— ווי ער איילט זיך צו דער אכילה... — זאָגט מען איהם נאָך.

דער שטאָדט-זייגער קלינגט דריי. אין דער גאַס הייבען זיך אָן צו בעווייזען חדר־יונגליך, וואָס לאָזען זיך פאָרליך־ווייז אַהיים.

— צייט צום וואַרימעס! — רופט זיך אָן אַ צווייטער יונגערמאַנציק, און געהט זיך אויך זיין וועג.

— מיינע וועט מיך באַלד מקבל פנים זיין, — רופט זיך אָן מאָנדריק, פערגעסענדיג, וואו ער איז, און מאַכט אַ בעוועגונג ווילענדיג מיטגעהן מיט דער חברה.

דער עולם לאַכט און צו געהט זיך. מאָנדריק בלייבט אַליין. ער דרעהט זיך אוים הינטער זיך. — דאָרט, ערגיץ אין אַ שיאַרין ווינקעלע, ביי'ן אויבען, ליגט אויף אַ בערגיל מיסט „פריץ“ דער שטאָדט־שכור און שלאָפט.

מאַנדריק שאָקעלט זיך אָב און דרעהט זיך צוריק איבער צום מאַרק.

ער דערזעהט זיין שלמה'ן געהן פון חדר.

— שלמה, שלמה! — שרייט ער אויפ'ן יונגעל, וואָס שטיפט מיט חברה אויפ'ן וועג אהיים.

— וואָס וויל דער טאַטע? — פרעגט דאָס יונגעל, צולויפענדיג צו דער „קאָזע".

— געה אַהיים, זאָג דער מאַמען, זי זאָל מיר שיקען וואַרימעס.

— גוט, טאַטע; נור דער רבי האָט געבעטען מלמד־געלד.

— געה, געה! איך וועל דיר שוין געבען.

דאָס יונגעל יאָגט זיך אהיים.

שלמה'לע לויפט אַריין אין שטוב. אין אַ רגע אַרום בעוויַיזט זיך די מאַנדריקאָווע אויף דער שוועל און רופט אַריבער:

— באַלד, באַלד, עס קאָכט זיך שוין!

מען האָט עפּעס היינט געלייזט? פרעגט מאַנדריק.

— פאַר דריי זעקליך! — שרייט דער עלטערער זוהן פון געוועלב.

אז איך בין נאָר נישט דאָ, אַז איך בין נאָר נישט דאָ!

— האָסט דו געדאַרפט זיין! ענטפערט די מאַנדריקאָווע, וואָס געגנעהענט שוין מיט'ן טעפּעל אין דער האַנד צו דער „קאָזע".

שלמה'לע קומט אָן נאָך דער מוטער מיט אַ שעפּ וואַסער פון פּלומפּ אין מיטען מאַרק. מאַנדריק נעמט אַריין דורך די קראַטען די שעפּ און וואַשט זיך פון פענסטער אַרוים. די מאַנדריקאָווע האָט דערווייל דורך די קראַטען אויפ'ן קאָזע־פענסטער צום טיש געגרייט.

צווישען „שאו־ידיכם" און „המוציא" האָט מאַנדריק בעמערקט אין גאַס דעם וואָיט. ער גיט אַ ווינק צום ווייב, און ברומט: נו, נו... זי האָט פערשטאַנען, איבערגעדרעהט זיך אין גאַס אַריין, און פריינדליך צוגערופען דעם וואָיט צום פענסטער.

— אַ שען שטיקעל אָבגעטהון, האַ? זאָגט מאַנדריק נאָך דער „המוציא" צום וואָיט. מען נעמט אַ טאַטען פון קינדער און מען מאַכט'ן צום נאַר, מען זעצט'ן אין „קאָזע" אַריין... וואָס מיינט איהר, איך האָב שוין גאָר נישט מעהר וואָס צו טהון, נור ביי

איַיך אין „קאָזע" צו זיצען? וואָס? איך צאָהל אפשר קיין פאַטענט נישט פאַרן גנבֿיוועלב? פֿיער רובל אַ יאָהר צאָהל איך! און אַז מען וועט מיך אַיין, ווער וועט צאָהלען?

— מיר זענען דאָך עפּעס הײמישע מענשען! — חנפֿ'עט זיך אַריין די מאַנדריקאָווע.

— וואָס זאָל איך טהון? נישט מײַנע פּאַפּירען, אײַנגע־שיקט פֿון דאָרט — פֿאַר די „פּאַפּירען" מוז איך אויך „דרך־ארץ" האָבען — זאָגט דער וואָיט און וויל זיך געזעגענען...

פאַניע וואָיצע, פאַניע וואָיצע — חאַפּט מאָנדריק אונטער געשווינד — קען מען נישט בעקומען אַ פינף און־צוואַנציגער?...

— זאָל זי קומען, די מאַנדריקאָווע, וועל'מיר זעהען, — ענטפֿערט דער וואָיט.

ביים דראָנג אין מיטען מאַרק שטעהט דער סטראַזשניק,

זיַיט מען האָט מאָנדריקען אײַנגעזעצט וויל ער זיך פאַר איהם נישט ווײַזען; ער שעמט זיך איהם אין די אויגען אַריין צו קיקען — ער געהט נישט צו. מאָנדריק דערזעהט איהם אָבער פֿון ווייטען, און גראָד דעמאָלט, ווען דער סטראַזשניק האָט צו דער קאָזע געקוקט, זײַערע אויגען בעגעגנען זיך, נישט ווילענדיג, און מאָנדריק, שאָקעלט, אויסמאַלענדיג זיך די ציינען, מיט'ן קאָפּ אַריבער צום סטראַזשניק: אַח, פאַניע! אַח, פאַניע!

פֿערפֿאַלען! דער סטראַזשניק האָט שוין געמוזט צוגעהען. ער קומט צו מיט אַ פֿערשעמטע מינע, און מאָנדריק פֿרעגט:

— אָבער צו וואָס האָט מען דאָס געדאַרפֿט? צו וואָס!

איבער דער גרענעץ.

.1

דאָס שטעדטיל ליעגט אַ האַלבס אויפ׳ן באַרג, און דער עק פון צווייטען האַלבען שטעדטעל גרייכט שוין אין וואַסער אַריין. און שטעהענדיג אויפ׳ן באַרג, פאַר׳ן שוהל פּלאַטץ, קוקט מען גלייך אַריבער אויף יענער זייט וואַסער, וואו די פעלדער ציהען זיך ווייט אַוועק, און דאָרט אויף יענער זייט וואַסער ווערען זיי ערגעץ וואו פערבלאָנדזשעט, אַז גאָט איינער ווייסט וואו... און שטעהענדיג אויפ׳ן באַרג, פאַר׳ן שוהל פּלאַטץ, און אַראָב קוקענדיג הינטען אין וואַסער אַריין, דאָרט ווייט אין די פעלדער אַריבער, וואָס זענען אויף יענער זייט וואַסער, ווילט זיך טייללמאָל אַ חדר־יונגעלע די הענד פערשפּרייטען, די פיס דערהייבען, און הײַדאַ... אַ פליה אַריבער, ווייט אַוועק, איבער׳ן וואַסער, ווייט אין די פעלדער אַריבער, פערבלאָנדזשעט מיט זיי אין איינם צו ווערען, ווייט... אַז, גאָט איינער ווייסט וואו...

געוועזען איז אַ טאָג אַ שענער און אַ פרעהליכער. די הימלען אויבען, האָבען זיך געטהון דאָס זייעריגע, קיילעכדיג זיך פערשפּרייט, און האָבען מיט פיעל לייטזעליגקייט בעשיצט גאָטס וועלטעל אַזוי, ווי זיי זענען געבאָטען געוואָרען פון ששת ימי בראשית אָן. און דאָס וואַסער האָט זיך אויך געטהון דאָס זייניגע, ווייט האָט עס זיך אויסגעגאָסען, איין וואַל האָט נאָך געיאָגט די צווייטע, די צווייטע האָט געחאַפּט די דריטע און האָט זיך אין איהר אַריינגעגאָסען. און אויס געזעהען האָבען די וואַלען, ווי

אַ שליח מיט אַ ראַפּאָרט קומט פֿון גאַנץ ווייט אין געהט ערגעץ וויאַו, גאַנץ ווייט, אין דערלעבט ניט זיין שליחות אויסצופֿיהרען, ער צוגיפּט זיך אין צוגעהט דערווייל אין וואַסער; יאָגט איהם נאָך אַ צווייטער, צוגעהט ער אויך אין וואַסער, אין אַ דריטער... אין אַ פֿיערטער... אין דאָס וואַסער שווימט ווייט אין דער וועלט אַריין, ביי דעם ברעג, אויפ׳ן באַרג, ווי אַ געטרייער בעל=בית, שטעהט זיך דאָס שטעדטעל, די נידריגע הייזליך דערהייבען זיך, אין קייטלען זיך אויפ׳ן באַרג אַריוף. איין הייזעל שטעהט אויפ׳ן צווייטען הייזעל׳ס דעכיל. אין בכלל זעהט אויס גאָט׳ס וועלטעל ווי אַ ליעבליך הויזגעזינד, וואָס לעבט זיך אין שלום, יעדער טהוט זיך דאָס זייניגע. דער מאַן קלאַפּט אויף דער מאַשין און זינגט זיך זיין ליעדעל, דאָס ווייב שטעהט זיך ביי דער קיך, קאָכט אָב וויעטשערע און זינגט זיך איהר ליעדעל.

אַ דאָנערשטאַג נאָך מיטאָג, די קינדער זענען פֿריהער פֿון דעם חדר אַ היים געקומען, מען לאָזט זיך צום וואַסער אַראָב. אָט שטעהט אַ יודענע ביים ברעג און וואַשט די קינדערליך אויס לכבוד ־בת. דאָס קינד, אַמיידעלע פֿון אַ יאָהר זעקס, רייסט אַרויס איהר נאַסען, איינגעזאַפּטען קאָפּ פֿון אונטער די מיטערס הענד און וויינט הויך. די יונגליך שטיפֿען אַרום אויף אַ לאָדקע וואָס שטעהט ביי׳ם ברעג. איינער שטופּט מיט דעם שיפֿלער פֿון דעם ברעג אָב, און אָט לאָזט זיך די לאָדקע אין וואַסער. די קינדער שרייען און שאַלען מיט גדולה, און אָט קומט פֿון דער ווייטען אַ בערלינקע אָן צו שווימען, און שווימט זיך רוהיג, פּאַמעליך, ווי אַ שאָטען דורך דאָס שטעדטעל. פֿון דאָרט, פֿון דערווייטען ווייזען זיך רייטע כּפּאָרניצעס און נאַקעטע פֿיס שטעהען אין וואַסער, און נאַקעטע הענד קלאַפּען אין ווייסע שטיקער וועש. אַ מיידעל שטעהט ביים ברעג און וואַשט דאָס געפֿעס אָב, עס שווימט איהר אַ טעלעריל אַוועק אין וואַסער, זי וויינט, קומט אָן אַ חדר קונדאַס, ער לאָזט שיין זיין לאַנגע קאַפּאָטקעלע אין וואַסער נעטצען און מיט׳ן הוט שלעפּט ער פֿון וואַסער דאָס אַוועק=געשווימטע טעלעריל אַרויס. און אָט קומט אויף דער לאָדקע ר׳ חיים דוד און ברוך פֿישער צו שווימען, מיט אַ גרויסע פֿולע נעטין פֿיש לכבוד שבת; און נאַקעטע בני יעקב׳ליך אַזוי ווי זיי וואָלטען גאָר קיין גלות קינדער געווען, אין די ארבע כּנפֿות׳לעך באָדען זיך, און האָדעווען זיך אין וואַסער,

ווי אמת׳ע קינדער אויף דער שויס פון אַ אמת׳ע מאַמע. און דער ווינד בלאָזט, פערשפּרייט די ליַיוועַנד אויף די לאָדקע, לופטערט בערד, מאַכט ציטער׳ן פּאות, און פּאַטשט מיט ציצית פון ארבע כנפות׳לעך אין פּנים אַריַין.

אַביסל אונטער דער שטאָדט ציהען זיך אויך די הימלען זיבער, גיעסט זיך אויך דאָס וואַסער זיבער, אויף גאָטס חסד גע־שיצט, און ביַים ברעג ליגען אַנדערע מענשען פון אַנ׳אַנדער וואַסער, אַ פּאַרטיע „ליטוואַקעס”. יונג און אַלט ליגען זיי אויפ׳ן פּעלד. פון דערווייַטען זעהען זיך נאָר די בלעכערנע טשייַניקעס אָנגעבונדען אויף די גע־פּעק. עס ליגט אַ יודענע אָנגעלעהנט דעם קאָפּ אויף אַ קעסטעלע און איבּערגעבענדיג אַ „כפּרה” די נאַקעטע ברוסט דעם נאַקעטען קינד, וואָס ליגט ביַי איהר, ציהט זי איהר קאָפּ צום הימעל אַרויף. די פערמאַכטע אויגען בעטען שוין נישט, עס הייסט ווי זיי וואָלטען צום בורא עולם זאָגען: ווילסט אַזוי, טאָ זאָל זיַין אַזוי...

עס זיצען די פּאָטערס אויף די געפּעק זאַבען; טייל די קעפּ אויף די הענד אָנגעלעהנט און קלעהרען, טייל גאָר, — אַזוי ווי עס וואָלט זייער עסק נישט זיַין, זיצען און שוויַיגען, וואַרטענ־דיג אויף עפּעס. ביַים טאַטען אויף דער ערד זיצט די מאַמע און צו־טיילט די קליינע קינדערלעך ברויט מיט אוגערקע, דער פּאָטער בייגט דעם קאָפּ פון די עסענדע קינדער אַוועק און קוקט אין הימעל אַריַין. און דאָרט ביַים ברעג וואַסער שטעהט די עלטערע טאָכטער און קוקט אויף די פליסענדע וועלען, און פון די אויגען ריַנען שטילע טרערען, און עס דאַכט זיך, אַז די ליפּען שאָקלען זיך.

און שטיל איז אין דער פּאַרטיע. עס פריוּוט צו רעדען אַ יונגער מאַן עפּעס מיט אַ אַלטען — דער לעצטער שוויַיגט. דער יונגער מאַן רעדט וויַיטער, דער לעצטער שוויַיגט אַלץ.

עס לאָזט זיך אַ יונגעלע, אַ ליטוואַק׳ל אַ קליינס, פון דער פּאַרטיע אַרויס און גנב׳ט זיך צו צו די שטאָדט־יונגלעך, וואָס באָדוען אין די לאַנגע קאַפּאָטקעלעך, דאָרט אין דער גרויסע לאָדקע וואָס איז ביַים ברעג וואַסער. עס געהט דאָס ליטוואַק׳ל, געהט און קוקט זיך אום. לאָזט זיך און חאַפּט זיך צוריק, און אָט האָט ער שוין אויך אַ פוס אין די לאָדקע אַריַין געשטעקט. נאָר דאָרט אין דער פּאַרטיע שטעהט אַ הויכע יודענע און ווינקט מיט

שרעק אויף דעם יונגעלע, מאַכט מיט׳ן פֿינגער: שלמה׳קע! אין דאָס ליטוואַק׳ל געהט ברוגז׳דיג צו דער פּאַרטיע צוריק, זעצט זיך צווישען די יודען און קוקט מיט בענקשאַפֿט אויף די שפּילענדע יונגעלעך, און שווייגט אויך.

פֿון אונטער דער ווינד־מיהל, וואָס פֿערשטעלט די פּאַרטיע פֿון מענשענס אויגען לאָזט זיך עפּעס אַ קליין מאָגער יוד׳ל אַרויס מיט אַ געשמירען בערדיל און טראָגט אָנגעטהון עפּעס אַ מין דייטשען רעגען־מאַנטעל, אונטען ציגעפּאַטיעט, און אַ פּיער קאַנטיג היטעלע, ער האַלט עפּעס אַ ביכעל אין דער האַנד און שרייבט דערין. נאָך איהם לאָזט זיך נאָך פֿון אונטער דער ווינד־מיהל עפּעס אַ הויכער סאָלדאַט מיט אַ רינגעלע אין אויער. עס רוימט זיך דער סאָלדאַט מיט דעם יודען אין דער שטיל. דער סאָלדאַט קוקט אויף די זיצענדע יודען און דאָס יודעל שרייבט אין ביכעל, אונטער זיי געהט נאָך אַ הויכער יונג. דאָס פּנים זיינס איז פֿער־בונדען מיט אַ טוך, און ער האַלט אַ גראָבען שטעקען אין דער האַנד, און דער יונג קלאַפּט וואוילעריש מיט׳ן שטעקען אין דער פֿייכטער ערד.

אין דער פּאַרטיע ווערט שטיל. עס בלייבען זיצען די וואַנדערער אויף זייערע געפּעק און שווייגען. עס קעהרט צוריק דאָס מיידעל פֿון ברעג און זעצט זיך אין דער קאָמפּאַניע. דאָס קליינע ליטוואַק׳ל בעהאַלט זיך אונטער דער מאַמעס פֿאַרטוך און ציטערט. און די אימה׳דיגע געזיכטער, און די אַראָבגעלאָזטע אויגען רעדען עפּעס אין דער שטיל: מיר זענען גאָר נישט שולדיג! גאָר נישט שולדיג!

פֿון אונטער דער ווינד־מיהל ווייזט זיך אַרויס אַ שטיק שוואַרצע קאַפּאָטע, אַ האַלב געזיכט, אַ האַלבע באָרד, אַ האַלבער הוט און איין אויג בעאָבאַכטעט פֿון דערווייטען דעם יוד מיט דעם רעגען־מאַנטעל. באַלד ווייזט זיך פֿון אונטער דער ווינד־מיהל אַ האַנד אַרויס און ווינקט צו דער „פּאַרטיע״, מאַכענדיג אַרויף און אַראָב.

די וואַנדערער זיצען, קוקען איינער דעם צווייטען אָן און שווייגען.

פֿאַר נאַכט. אַ ווינד בלאָזט, ער רודערט אויף די ליגענדע,

שטיל־פּליִעסענדע וועלען, און פֿון דערווייַטען דאַכט זיך, ווי אַ אונגעהויערע חיה שווימט אין וואַסער מיט לאַנגע גרויסע וואַסער־דיגע קאָלטענעס. די לייַוועגנד ווערען אויף די בערלינקעס אויפֿגעצויגען, (זיי גרייַטען זיך עפּעס אָן צו אַ מלחמה.) פֿון ערגעץ ווייַט קומט אָן אַ טראַטעווע צו שווימען און אַ פֿייַער׳ל ברענט זיך אויף דער טראַטעווע. און דאָרט אייַלט אַ מענש אויף אַ לאָדקע צום ברעג, און ווייַטער גיעסט זיך דאָס וואַסער, און דאָרט ווייַט רוהט דאָס וואַסער; עס גיעסט זיך אויס געגען איבער דעם טויה־בערעקטען הימעל, דער העלד האָט זיך אָבגעמאַטערט און רוהט. און פֿון דעם באַרג גלענצען אַראָב די קלייַנע זעקס ליכטלעך, וואָס שטעהען אין קלייַנעם בית־המדרש פֿאַר׳ן „עמוד”. טונקעל ווערט אויפֿ׳ן וואַסער, טונקעל ווערט אויפֿ׳ן הימעל און דאָס שטעדטעל הילט זיך אין אַ טויה־נעפּעל איַין און רוהט אויך. און פֿון דעם קלייַנעם בית־המדרש׳ל לאָזט זיך אַ ווייַנענדיגער „והוא רחום” הערען, און די תפלה שוועבט אין דער לופֿטען, איבער דער וואַסער, ווייַט איבער די פֿעלדער... אַ קריאַת־שמע לייענען איז עס פֿאַר׳ן שלאָפֿען לעגען זיך פֿון דער גאַנצער וועלט...

.2

נאַכט איז געוואָרען, און שטיל איז אַרום. דאָס וואַסער, ווי עס וואָלט זיך עפּעס אַ ברוגז מיט די חדר־יונגלעך געמאַכט, וואָס שטיפֿען דערמיט אַ גאַנצען טאָג אַרום, האָט זיך אין אַ טויה־נעפּעל איַינגעהילט, עס הייסט אויף מענשען לשון: אין שטוב זיך אַרייַן געכאַפּט, די לאָדען פֿערמאַכט און שלאָפֿט. אויף אַ טראַטעווע ערגעץ ברענט זיך אַ פֿייַער׳ל, אַ בריליאַנט איז אין דער פֿינסטערע נאַכט איַינגעפּאַסט, און דאָס פֿינקעלט אַזוי פֿון דערווייַטען... די שטאָרט בעלי־בתים האָבען זיך אין זייערע הייַזלעך בעהאַלטען, און יעדער שיצט זיך אונטער זייַן דעכעל, וואָס דער עלטער זיידע האָט איהם איבערגעלאָזט. און דאָס גאַנצע שטעדטעל בעהאַלטענדיג זיך אין דעם נעפּעל, וואָס שטייַגט פֿון וואַסער אַרויס, דאַכט זיך, דאַנקט און לויבט השם־יתברך, זיך איַינקאָרטשענדיג: אוי, וואָס פֿאַר אַ גוטען גאָט מיר האָבען! און דער נעפּעל, שוועבענדיג

איבער דעם שטעדטעל איז עפּעס ווי א מאַמע, וואָס פּערשפּרייט איהר פאַרטוך איבער איהרע קליינע קינדערלעך, בעטענדיג זיך: דאָ נישט... דאָ נישט...

נאָר די לבנה, איינע אַליין איפ׳ן הימעל, קוקט אַראָב איינע אַליין איף ד׳ערד, און בלאָנדזשעט אַרום איינע אַליין איף דער וועלט, זוכענדיג נאָך אַ לבנה... און איף דעם שלאָפּענדיגען וואַסער פאַלט אַ קאַלטער שטראַהל און בעליכט עפּעס, שוועבענדיג איף די רוהיגע, שלאָפענדע חוואַליעס. אַלץ טוליעט זיך, הילט זיך אינטער די פליגלען פון דער שכינה אײַן, בעטענדיג אין דער שטיל מיט פאָרכט: גאָט, זײַ ערבאַרימדיג איבער אונז!

אינטען איפ׳ן פעלד איז דאָס וואַסער פערגליווערט אין איין שטיק, און דעם אַויר פון דער נאַכט. פערגליווערט מיט אַלעם: מיט דער וועלט, מיט דער ערד, הימעל און גאָט. ביים ברעג, איף די פליגעל פון אַ שוואַרצען ריהרעוודיגען אָדלער ליגען ווער... צו זענען עס מענשען, אָדער טויטע שאָטען פון דער נאַכט?... פנימ׳ער קוקען אין דער לבנה אַרײַן, בעטענדיג עפּעס.

און שטיל איז אַרום.

פון דערווייטען הערט זיך, ווי עס רודערט זיך עפּעס אין וואַסער... איין וואַל איף דער צווייטער און דאָס גיעסט זיך צו־זאַמען, ווי עפּעס קושען זיך און פליסטערן אין דער שטיל... צו זענען מתים דאָ די נשמות זייערע טובל אין וואַסער?... באַלד בעוועגט זיך אַ שאָטען אין דער לופט, שוועבענדיג איבערן וואַסער. עס רודערט זיך און עס נ׳עהנט זיך, דער שאָטען. אָט הערט זיך, ווי עס שווימט: לאָקק... לאָקק... דאָס וואַסער קישט אין די שטיל דעם ברעג... דאָס וואַסער קלאַפּט איף דעם ברעג... דאָס וואַסער שלאָגט דעם ברעג... עס איז ווער צום ברעג צוגעפאָהרען.

אַ שאָטען איז איף דעם ברעג אַרויף...

— ש־שאַ, ש־טיל זייט!

עס רודערט זיך איפ׳ן פעלד. טריט קנייטשען און בייגען ווייך דעם טהוי בעדעקטען גראָז.

— יודען!

— וואו זייט איהר? זענט איהר אַלע צוזאַמען?...

— קומט!

— ש... שטיל.

עס רודערט זיך אויפ'ן פעלד, פייכטע גראז קנייטשט זיך אונטער די טריט.

– ליזע, האלסט אברהמ'לען?

מען פליסטערט אין דער שטיל.

– ברוכ'ל, וואו ביסט דו?

– ביי'ם טאטען. –

מען געהט.

– יודען האלט אייך אן ביי די הענד, קאמאנדעוועט ווער אין דער שטיל. מען געהט.

– ש ש ש ש ש א.

– שטיל זייט נאר.

– שווייגט, הארכט!..

עס הערט זיך א רודערען צווישען צווייגען פון דערווייטען.

– מען הארכט דאכט זיך?

יא.

– הארכט נאר –

– מען געהט.

– מען יאגט נאך...

– שטיל זייט – ש ש ש ש...

לעגט אייך פאמעליך אויף ד'ערד א ניעדער,

– בעהאלט דאס פנים אין די גרעזער.

– האלט איין דעם אטהעם.

שטיל איז ארום.

– די לבנה איז בעוואלקענט, זיי וועלען אונז נישט זעהען.

– גוט.

– זי וועט אזוי פלינק פון די וואלקען נישט ארויס קומען.

– גוט.

– א, גאנצע מחנות שווארצע וואלקען ציהען זיך איבער איהר!

– געלויבט צו גאט.

עס הערט זיך א פישצען פון א קינד.

– האלט דעם קינד דאס מויל צו, זאל עס ניט שרייען.

– געדענקט אין גאט וואס טהוט איהר?!

דאס קינד הערט אויף פון פישצען

עס הערען זיך טריט פון פערד.

– מיר וועגען פערלוירען!
– האָט קיין מורא.
– ליעגט אויף ד'רערד, רודעט אייך נאָר ניט.
– בעט גאָט אין הארץ.
– רבּוֹ–נֶה–שֶׁ–ל עוֹלָם!
ש־ש־טיל.
– מאַמע וואו ביסט דו?
– דאָ, דאָ!..
– שווייגט!
– מאַמע, איך האָב מורא.
– זיי שטיל, איך בעט דיך.
– מאַמע, פערדעק מיך מיט'ן טוך.
– שטיל וועט איהר זיין!..
– מאַמע...
– וואַרפט איהם אין וואַסער!..
די טריט פון די פערד הערען זיך ש ין נעהענטער.
– ש־ש־ש־טיל.
די פערד האָבען זיך אָבגעשטעלט.
שטיל איז אַרום.

— Шевелится? нѣтъ?
שטיל איז, מען האָרכט.

— Не слышно.
עס הערט זיך אַ גאַלאָפּ, מען רייט געשווינד,
די טריט פון די פערד הערען זיך ש'ין פון דערווייטען.
באַלד, ווי פערשטומען אין דער שטילקייט פון דער נאַכט.
– געלויבט השם יתברך!
מען שווייגט.
– וואָס פאַר אַ גוטען גאָט מיר האָבען!
– הויבט אייך אויף פאַמעליך...
– האַלט אייך אָן ביי די הענד.
– קומט, יודען.
עס הערען זיך טריט פון מענשען,
אָט איז די לודקע, לעגט אַריין די געפעק.
דאָס וואַסער קלאַפט אויף דעם ברעג.

– וואו איז אברהמ׳על?

– דאָ, דאָ.

– שטייגט איין, פלינקער.

– דאָס לעצטע מאָל זעה איך דיך, מיין לעצטער טריט אויף דיין ערד!..

– וועסט שפעטער זאָגען קנות.

– דעם טאַטען מיט דער מאַמען דאָ אין קבר איבער געלאָזט, און דו טראָג זיך די ביינער אנדערש וואו...

– מאַכט דיך נישט צום נאַר.

– היידאַ... פלינקער, קיין צייט נישטאָ.

– פערטיג?

– שטופ אָב.

– פאַמעליך, אין דער שטיל.

עס רודערט זיך, דאָס וואַסער קלאַפּט אויף דעם ברעג, עס הערט זיך חוואַליעס יאָגען, מען שיפּט זיך: לאָקך... לאָקך... מען פּאַטשט דאָס וואַסער...

די לבנה שווימט רוהיג פון די וואָלקען אַרוים. זי שמייכעלט, עס פאַלט אַ קאַלטער שטראַהל אויף די וואַלען.

אַ חָלֹם.

פֿון אונטער דער שטאָדט־חורבה, וואָס שטעהט אויפ'ן באַרג ווי אַ גרויסע מצבה אויף אַ גאַנץ פֿאָלק—, איז דער מאָרגען־שטערן אַרויס, רויט פֿלאַמענדיג, און האָט זײַן גלאַנץ איבער די גרייע וואָלקען, וואָס זענען איבערן הימעל, ווי וואַסער חיואַליעס פֿערגליווערט געוועזען,—אָבגעגלאַנצט. דער יונגער־טאָג האָט אויפֿגעבראָכען, און געסיל רודערט זיך שוין. צווישען די איינצעלנע, פֿריהע, בויערשע פֿוהרען, וואָס דער נאַכט־טהוי האָט נאָך צערטליך אויף זיי זײַן שפּור איבערגעלאָזט דרעהען זיך שוין איינצעלנע יודען מיט נאָך האַלב פֿערשלאָפֿענע אויגען. דער מערסטענטייל לאָדען און טהירען איז מאַרק זענען נאָך פֿערשלאָסען; פֿאַר דאָס רוב איינוואָהנער איז נאָך דער טאָג נישט געבוירען געוואָרען. פֿון אַ טהיר אין אַ הויף הויז, מיט פֿערלאָשענע אויגען—צוגעמאַכטע לאָדען, לאָזט זיך אַ דיענסט מיט אַ קאָרב אויף דעם אָרעם אַרויס. אויף דעם פֿרי־זען מאָרגענדיגען געזיכט, וואָס שײַנט פֿון אונטער איהר לײַכטען טוך אַרויס, שוועבט נאָך דער חלום, וואָס זי האָט פֿאַר אַ שעה געזעהען. עס הערט זיך שוין די קירכען־גלאָקען קלינג, קלינג—און דאָס איז דער ערשטער הויכער קול, וואָס דער יונגער טאָג פֿערנעמט...

און אַ טאָג האָט עס געזאָלט זײַן ווי נעכטען און ווי מאָרגען—און פּלוצים איז עפּעס וואָס געשעהן.

פֿון עק מאַרק, פֿון „וועג" צו, קומט צו לויפֿען, קוים וואָס ער חאַפּט דעם אָטעם, יחזקאל דאָרפֿס־געהער. די ווייסע באָרד צו־פּלאָשעט זיך איהם איבערן גאַנצען האַרץ, דער הוט ביז אין האַלבען קאָפּ אַרויפֿגערוקט, דאָס זעקיל אויף די פּלייצעס שלאָגט

איהם אין רוקען, מיט'ן שטעקען מאַכט ער אַרויף און אַראָב, אַזוי ווי ער וואָלט וועלען עפּעס דורך דעם שטעקען אויסזאָגען —, און די אויגען אויפגעריסען, ווי ברענענדיגע לאַמטערן, לויפען פאַר־אויס פאַר איהם, און זיין געוואַלד הערט זיך מיט האַרץ־שרעקען איבער דער גאַס.

— וואָס איז דאָס?

קיין וואָרט הערט מען נישט פון זיין מויל, נור אַ ווילד, שרעקליך געשריי ריַיסט זיך פון האַרץ אַרויס מיט אַנ'אימה. ער ווינקט מיט דעם שטעקען ווייזענדיג, דאָרטען הינטער'ן באַרג!

און ר' יחזקאל דאָרפס־געהער לויפט ווידער פאָראויס, דאָס פעקיל טאַנצט איהם איבער'ן רוקען, און דאָס געסעל נאָך איהם. די לאָדען האָבען זיך מיט רעש געעפענט; פרענטעז איַיזען שלאָגען אָב פון דער ווייטען, טהירען ווערען אויפגעריסען, און האַלב־נאַ־קעטע מענשען, חאַפענדיג אויף זיך ווער אַ פאַלטאָ ווער אַ פאַטשיילע, לאָזען זיך פון יעדער הויז־טהיר אַרויס, אַרויס אויפ'ן וועג נאָך ר' יחזקאל דאָרפס־געהער.

עס זעהט אויס, ווי די איַינוואָהנער וואָלטען די שטאָדט פערלאָזט, געלאָזען די היַיזער, דעם מאַרק—און דעם יונגען טאָג. וואָס קומט אָן...

זיי זענען באַלד הינטערן באַרג געקומען.

וואָס איז אַזעלכעס? האָט עס גאָט פון הימעל אַראָבגע־וואָרפען?

צו פוסען פון באַרג, פערוואָרפען צווישען די גרעזער. ליגט ווער, האַרט און שטיַיף אויסגעצויגען, אַ מענש, און דאָך נישט קיין מענש: שטום און טויט ווי אַ שטיין. צוויי לאַנגע פיס, ניין, לאַנגע שטיוועל, איינער האַרט ביַים צווייטען. די הענד בלייך, דאַכט זיך, צוויי לאַנגע, טויטע שטעקענעס, פערוואָרפען האַלב איַינגעזונקען אין גראָז. דאָס זשילעט אויפגעריסען, און פון דעם צוריסענעם העמד זעהט זיך אַ שטום־פערהאַרטעוועט האַרץ אַרויס. עס איז דורכגעשפּאָלטען, און אַ קאַלטער שטראָם בלוט איז פערגליווערט איבער'ן האַרץ, איבער דער וועסט און איבער דעם גראָז... דער האַלז לאַנג און אויסגעצויגען, פון מיטען זעהט זיך דער גאָרגעל, ווי ער איז אין האַלז פערשטיינערט געוואָרען, אָהן אַ ריהר זיך צו געבען. די האָר פון דער קליינער באָרד, ווי דינע דראָטען,

וועלכע דאָס ווינדעל בלאָזט אַרום און מאַכט זיי ציטערן און בעוועגט זיי, שרעקען עפּעס... דאָס פּנים בלייך, קאַלט און שווייגענדיג. די ליפּען בלייך און פעסט בעהאַלטען איינע אין דער צווייטען. די אויגען קוקען שטום אויף אַלעמען און אויף גאָר נישט, און עס דאַכט זיך אַז זיי זעהען אַלעס און גאָר נישט... דער שטערען איז אין איין שטיק פערגליווערט בלוט פערהילט, און פון דעם „רויטען קאַפּעל" ווייזט זיך איין שוואַרצע ברעם אַרויס, און עס דאַכט זיך, אַז די ברעם זעהט מעהר פון דעם אויג. אינטער די שוואַרצע אויגען-לעכער רוהט אַ טיעפער, שטילער ערענסט פון אַ מענש אַ צדיק, וואָס האָט דאָס זייניגע אָבגעטהון און געהט זיך מיט אַ רוהיג האַרץ זיין וועג... אויף די טויטע פערגרעמפּעלטע ליפּען איז ווי אַ רוהיג צופרידענקייט אויסגעגאָסען. פון אויבען ציהט זיך דער הימעל ליכטיג, ווי דער טאָג; אונטען — די שטומע ערד. אַ ווינדטעל בלאָזט און בעוועגט דאָך די גרעזער, די האָר פון באָרד, די פערבלוטיגטע האָר פון קאָפּ, ער בלאָזט איבער די קאַלטע, טויטע הענד, איבער'ן קאַלטען, טויטען פּנים. נור דאָס פּנים איז אָבער צו שווער, אַז דאָס ווינדעל זאָל עס בעוועגען, און עס דאַכט זיך, אַז דאָס איז קיינמאָל קיין מענש נישט געוועזן—נישט אויף די פיס געשטאַנען, נישט קיין וואָרט גערעדט. שטום איז עס שטענדיג געוועזן און טויט איז עס געוועזן, ווי אַ שטיין אין פעלד, ריהרט מען עס—ריהרט עס זיך, און אַז עס ליעגט — ליעגט עס...

און דאָך פערמאָגט דאָך נאָך די שוואַרצע ברעם, וואָס קיקט פון אונטער דעם רויטען, פערגליווערטען קאַפּעל, ווי עטוואָס לעבען אין זיך, און זי ווינקט: איך ווייס ווער דאָס האָט געטהון, איך וויל עס פאַר קיינעם נישט זאָגען...

און די מענשען, די צו-זעהער שטעהען אַרום דעם קערפּער שטיל, און קוקען איינער אויפ'ן צווייטען: ווער איז דער? וואָס איז דאָס אַזוינס? און ווער האָט דאָס געטהון? זיי קוקען אויף דעם טויטען, ווי זיי וואָלטען געבעטען צו איהם אין זייערע הערצער, געפרעגט איהם שטילע קשיות: ווער? וואָס? ווען?... און די שוואַרצע ברעם פון אונטער דעם רויטען קאַפּעל, זי זאָגט דאָך וואָס און איז דאָך שטום...

עס שיינט, אַז דער מת בעהאַלט אין זיך עפּעס, עפּעס

זעהר טרויעריגעס, ער האָט דעם סוד מיט זיך אין דער ערד גענומען, קיינעם קיין שפור דערפון נישט אויסגעזאָגט.

און די מענשען שטעהען שווייגענדיג, קוקען איינער אויפ׳ן צווייטען, קוקען אויפ׳ן טויטען, און ווייסען נישט וואָס צו טהון...

און די שווארצע ברעם ווינקט, און עס דאַכט זיך, אַז פון אונטער דער שויפעל ערד וועט עס אַרויסווינקען, אויסזאָגען—און דאָך שווייגען...

די זון איז אונטערגעגאַנגען אויף יענע זייט לאָנקע, אונטערען וואַלד, אין געשטאַלט פון אַ רוהיגען רויט-ליכטיג פליעסיגען טייך. דער טייך האָט זיך אוועקגעלאָזט ווייט אויף יענער זייט וועלט און איז אַריינגעשוואומען צווישען לייכט ציטערענדיגע גרויע וואָלקען, וואָס האָבען פון דערווייטען אויסגעזעהען, ווי קלאָר וואַסער פון אַן׳אונענדליכען ים. און דער רויט-פליעסענדיגער טייך האָט זיך נישט אויסגעמישט מיט דעם קלאָרען וואַסער—נאָר פאַר זיך אין דער שטיל, אין דער טיעפעניש אַראָב און דורך די פליעסענדיגע וועלען האָט זיך זייער ליכט געפונקעלט. און בעגילדעט האָט דער טייך די קעפ פון די גרויע וועלען-בערג. וואָס זענען גאַנץ ווייט איבער דער ערד געהאַנגען, און פון דערווייטען האָבען זיי אויסגעזעהען ווי ריזיגע סקאַלען. וואָס שטעהען אויף יענער זייט ים, דאָרט זענען די „מִדְבָּרִיוֹת”... און דאָ אויף דער זייט, ביים ברעג פון גאָלדענעם טייך, זענען געשטאַנען איינזאַמע, הויכע ביימער מיט די אַרויפגעוואַקסענע צווייגען און האָבען „תשליך” אָבגעריכט פאַר׳ן גאָלדענעם טייך...

שטיל איז געווען אַרום דער גאַנצער געגענד. אויף יענער זייט הימעל צו מזרח צו, האָט זיך אָנגעהויבען, ווייס איך פון וואַנען, צו ציהען זיך אַ ריזיגער, שוואַרצער וואָלקען—און האָט זיך לאַנגזאַם, לאַנגזאַם איבער׳ן הימעל געצויגען.

דער טויטער קערפער איז זיך אַלץ ווייטער אונטער דעם באַרג געלעגען, שטום און גלייכגילטיג. אַרום איהם נור נאָך איינִיגע מענשען, וואָס האָבען טרויעריג און שווייגענדיג אויף זייערס גלייכען געקוקט, געקוקט און נישט פערשטאַנען...

און טיעפער האָט זיך אַלס דער גאָלדענער טייך אין דעם

גרייען וואָלקען־ים זיך אַריינגעלאָזט, און פון דערווייטען האָבען זיך געהערט ווי די טאָפּאָלען שאָקלען זיך איבער׳ן טייך... אויפ׳ן הימעל איז דער ריזיגער וואָלקען געפּלאַצט, פון אַלע זייטען זענען מאַסען אונבעקאַנטע וואָלקען אָנגעקומען, איינער איז אַרויף אויפ׳ן צווייטען, איינער אַריין אין אַנדערען און מלחמה געפיהרט. דער הימעל — אַ שלאַכט פעלד, און די וואָלקען־שטיקער, צובראָכענע הימלען גליטשען זיך איינס איבער דאָס צווייטע. אָט איז איינער אין צווייטען מיט׳ן קאָפּ אַריין און יענעם צו שמעטערט אויף שטיקלעך. די שטיקלעך צושווימען זיך און יעדער, וואָס איז שטאַרקער — שלינגט דעם צווייטען איין. אָט קומט איינער אַ ריז אָן, דעם קאָפּ שטעקט ער אַרויס, און לאַנגווייליג, ווי מיט ישוב הדעת, לאָזט ער זיך די גאַנצע וועלט איינצושלינגען. זיי, דאָרט פערשטעהען: עס האַלט שמאָל! און מאַכען פּליטה, איילען זיך, און איילען זיך, ציהען אָב און דאָך שטעהען זיי אויף איין אָרט, ווי מען וואָלט זיי מיט קייטען איינגעבונדען... אָט האָט שוין דער ריז זיין פליגעל אויסגעשפּרייט און זיי איינגעשלונגען; פון יענער זייט הימעל שטעקט אַ צווייטער ריז דעם קאָפּ אַרויס, נאָך אַ גרע־סערער, און מיט איין שוואַרצען פליגעל שלינגט ער יענעם איין — וואָס איז דאָס? צי האָט אַ שפּיז דעם הימעל געשטאָכען? אַ ברע־נענדיגע קויל איז אַריין צווישען די וואָלקען, און באַלד — וואָס איז דאָס? צי איז דער הימעל צושמעטערט געוואָרען? זיין קויל האָט איבער די גאַנצע וועלט אָבגעשלאָגען. די ערד קאָרטשעט זיך דאָך איין, זי האָט דאָך מורא פאַר די ריזען, וואָס פיהרען צווישען זיך מלחמה, אַז זיי זאָלען זי נישט מיט איין הויך איינשלינגען, שווייגט!

אָט קומט עטוואָס מעכטיגעס! דאָס מוז גאָט אַליין זיין. — איבער׳ן גאַנצען הימעל פערשפּרייט ער זיך, שוואַרץ און ריזענדיג אין שלינגט איין דעם גאָלדענעם טייך, מיט דעם בלאָען ים. דער גאָלדען־פייעריגער גלאַנץ גלענצט זיך נאָך פון אונטער דעם שוואַר־צען ריזיגען העלד, וואָס ער האָט איהם איינגעשלונגען, נאָר וואָס אַמאָל, וואָס אַ מאָל, ווערט דער שיין שוואַכער, שוואַכער, ער גיסט זיך אויס אין דעם ריז און עס דאַכט זיך, אַז דער שיין איז אַ אויג, וואָס פונקעלט אין דעם שטערען פון ריז, וואָס האָט דעם גאַנצען הימעל איינגעשלונגען. נאָר וואָס אַ מאָל פערלעשט זיך דאָס אויג,

דער שײַן שטאַרבט אָב, אָט נאָך דער לעצטער שפּור–באַלד געהט דאָך דער שײַן אין גאַנצען אויס...

און שוואַרץ איז דער הימעל, שוואַרץ–אוים, נישט קײַן הימעל, נישט קײַן ערד–נישט קײַן אָנהויב, נישט קײַן ענדע, נאָר שוואַרץ איז אַלץ.

שוואַרץ און שטיל.

טײַלמאָל פאַלט אַ ברענענדיגער שפּיז אין די וועלט אַרײַן און שטעלט וועמען,–אַ מינוט בלישטשעט עס. דער הרוג מוז אַ ריז זײַן, אַ שטיק הימעל, וואָרום די גסיסה איז געווען אַזוי שרײַענדיג...

באַלד פאַלען אײַנצעלנע טראָפּען פון ערגעץ און שלאָגען אין די ערד אָב. וואָס אַ מאָל ווערען זיי געדיכטער און שטאַרקער–און זידענדיגער. און אין דעם שוואַרצען רעגען פאַלען ברענענדיגע שפּיזען–זייער גלאַנץ בלישטשעט און ריזען פאַלען, וואָרום די גסיסה איז דונערענדיג...

אַ מלחמה אין דער פינסטער.

ציו רעגענט נישט פון הימעל מיט בלוט?– – –

אַ ווינד האָט די הרוגים פון הימעל אַוועקגעשאַרט. פערשעמט און צנועה׳דיג האָט דער גילדענער טײַך אין ים זיך ווײַטער אָב-געשלאָגען.

דער הימעל רײַן, שוואַך-העל, אַזוי ווי עס וואָלט גאָר נישט אויבען געווען. דער אַויר איז קלערער און פרישער–אויף דער ערד גיסט זיך דאָס וואַסער

אונטער דעם באַרג, פערוואָרפען פאַר זיך, אויף די נאַסע גרעזער ליעגט דער קערפער, טויט און שווײַגענדיג, דאָס וואַסער האָט זײַן בלוט אויפגעפרישט, און דער שטראָם וואַשט עס אָב מיטנעמעדיג עס מיט זיך, אין דער וועלט אַרײַן... עס בעווײַזט זיך דאָס האַרץ בלײַכער און שווײַגעדיגער. דער טויטער, נאַסער קערפער איז גלײַכגילטיג און שווײַגענדיג, דאָס וואַסער וואַשט דאָס רויטע קאָפּעל פון איבער דעם שטער׳ן אָב, עס בעווײַזט זיך די שוואַרצע ברעם, נאָר זי איז שוין אויך טויט און שווײַגענדיג...

אין שלעכטע צייטען.

(א פּאָגראָם־בילד).

אַ פֿאַרצייטען שולעכיל, ביז אין דער העלפֿט איז עס אין דער ערד אַריינגעגראָבען. מיט אַ פּיָין האָבען עס אונזערע עלטערן אַזוי געמאַכט, כּדי עס זאָל נישט הויך פֿון אויבוועניג אויסזעהען... פֿון דרויסען זענען די פֿענסטער נאָהענט פֿון דער ערד, אינעוועניג אָבער האַרט ביים באַלקען. פֿון דרויסען איז עס אָרים, איינגעפֿאַלען, – מיט פֿערפֿוילטע ברעטער בעקלאַפּט; עס שטעהט נאָר, הייסט עס, וויל עס איז אַ שולעכיל... אינעוועניג נאָך מיט געזונדטע ברעטער בעפֿריזט, אויסגעמאָלט מיט קוים אָנזעהענדיגע מנורות, צוויי שיפֿרות פֿון ביידע זייטען בעלעמער. דאָס מזרח־ווענטעל איז אויסגעפּוצט מיט רויט גילדערנע אותיות, וואָס זענען אויסגעמעקט פֿון אַלטקייט – אַ קאָפּ פֿון אַ הירש דערקענט מען נאָך. אין דער הויך איבער די צוויי לייבען, וואָס זענען אויף דעם אָרון אין אַ קליין פֿערשטויבט פֿענסטער'ל, אויסגעשטיקט מיט פֿערשיעדען־פֿאַרביגע גלעזערלעך, די הענגלייכטער האָט מען פֿון דער שיל אַרויסגעגנב'ט און עס הענגען נאָר לאַנגע שוואַרצע שטריק אויף אַ זכר פֿון באַלקען אַראָב. ביי די צוויי אַלטע מעשענע לייכטערלעך, וואָס זענען אויפ'ן בעלעמער, הענגט אַ רונדיגע מַצָּה לְזִכָּרוֹן.

אין דער גאַס מוז נאָך גרויסער טאָג זיין, וואָרום די קליינע פֿענסטערלעך אין דער הויך בלישטשען און די רויטע שטיקלעך שויבען גלענצען. דאָס שפּינגעוועבס אַרום לאָזט די שטראַהלען אין שולעכיל נישט אַריין, זיי זאָלען, חלילה, אין גאַס נישט אויסזאָגען, וואָס עס טהוט זיך אין שולעכיל אָב...

אין שולעכיל איז האַלב טונקעל; קאַלטע אונבעוועגליכע שאָטענס ליעגען ביז אויף די העלפט ווענט, נאָר אויבען אין דער היוך, אין די קליינע פענסטערלעך, וואָס זענען אין דער ווייבער-שער שוהל, דרינגען ליכטיגע שטראַהלען פון אונטער די פּאָר-הענגלעך אַריין, און פון אויבען, פון דער ווייבערשער שוהל הערט זיך אַ שטילער געריויש, ווי מתים וואָלטען אין דער שטיל אויף די הינער-פיסלעך אַרומגעגאַנגען...

אין מיטען טאָג, נאָך נישט מנחה צייט און די עדה איז אין שולעכיל פערזאַמעלט. וואָס איז דאָס? דער עולם איז הײַנט אויסגעמישט: בעלי-בתים, חברה לייט, חסידים און דייטשען, וואָס אַ גאַנץ יאָהר שמעקען זיי אין שוהל נישט אַריין, זענען היינט אַלע צוזאַמען. בחורים, חדר-יונגלעך, מיידלעך קליינע, ווייבער זיטצען אַרום די הינטערשטע שטעדט. „ווייבער אין מאַנס-שוהל״? ווייבער האַלטען די פּיצלעך קינדער אין קישעלעך פערבונדען און גיעבען זיי וועהמוטיג די ברוסט אין די מיילעכלעך, און פון די אויגען רינען דאָך שטילע, איינזאַמע טרעהרען, טרעהרען, וואָס רופען קיין מינדסטען קרעכץ נישט אַרויס. און דאָס קינד זויגט אַ טראָ-פען מילך און אַ טראָפּען די מאַמעס טרעהר... און מען דערקענט דאָך אין זייערע קרומע פערביסענע קנייטשען אַרום די מיילער, אַז זיי שטאַרקען זיך, דאָס געוויין אין זיך צו פערשטומען, אַז מען זאָל זיי, חלילה, נישט הערען. דאָרט ביי דער טהיר שטעהען קאַסטענס, גרויסע און קליינע. עס ליעגען פּעק בעטגעוואַנד אין ווייסע לײַלעכער איינגעבונדען, שטובזאַכען אין טיכער פערפּאַקט. איין פּאַק קניפּט זיך אויף, און פון טוך פאַלען אַרויס צוויי מעשענע לייכטערלעך, אַ פּאָר ספרים׳לעך אָהן טאָוולען. אַ צובראָכען טע-לעריל און נאָך עפּעס...

אין אַ ווינקעל שוהל, אויף „כסא אליהו״ ליעגט אַ יודענע אויף בעטגעוואַנד אויסגעבעט, איהר בלייך געזיכט קוקט מיט שרעק און אימה פון דעם אַרומגעוויקעלטען טוך אַרויס, און אַזוי ווי מען וואָלט עס איהר מתיר געוועזען קרעכצט זי היוך, און פון איהר האַרץ רייסען זיך פּראַנק און פריי ביטערע וועהען אַרויס; אַרום איהר טהוען איינינע ווייבער יונגע און אלטע, איינע האַלט איהר דעם קאָפּ אַרום, און דער הויכער יוד אין קורצען רעקיל גיט איהר

אַ פּלעשעל עפּעס צו שמעקען; די מאַנספּערשינען קוקען דאָרט מיט שרעק אַהין...

דער עולם זיצט נישט היינט כסדר – איבגעמישט, די מאַנספּערשינען טהייל זיצען שטיל, פערטראַכט, דאָס פּנים אין די הענד פערבאָרגען און מאַכען „חשבון הנפש”. טהייל יונגע קענען נישט איינרוהען איף די ערטער: האַלב שטעהען, האַלב זיצען זיי, און איינער קוקט אויפ'ן צווייטען, דאָך האָבען זיי מורא נישט בלויז צו רעדען, נור אפילו צו ווינקען איינער צום צווייטען. אַלע איגען קוקען מיט איין וואַרטענדיג איסדריק אויפ'ן אַלטען רבין, וואָס שטעהט, איינגעוויקעלט אין שלאָפראָק, אין אַ ווינקעליע, נישט איף זיין שטאָרט, און קוקט פערטראַכט אין אַ ספר אַריין. ער זעהט איהם גאָר ווייט צו זיין פון דאַנען, ער טייטיגט קלערענדיג עפּעס פון הויכע, הויכע ענינים...

רוהיג און שטיל איז צווישען דעם עולם, אַזוי, אַז עס הערט זיך אַ שטילער קרעכץ פון אַ שוואַכער פרויען־ברוסט, שלאָגט ער אָב מיט שרעק איבער דער גאַנצער שוהל, און די שטילקייט פון די מאַנספּערשינען, דאַכט זיך, וואָלט איסגעזאָגט, אַז נישט בלויז זיי זענען מסכים אויפ'ן קרעכץ נור ער איז אַ „חזן” פאַר זייערע געפיהלען...

דער זון־פלעק געהט אין דער שטיל וואָס אַמאָל העכער איף די וואַנט, ביז ער בעהאַלט זיך פון די איבערשטע פענסטערלעך, און אַ טונקעלער געדיכטער שאָטען שוועבט איבער די האַלבע שטיב און פערשטעלט די לעצטע סמנים פון די ווייבער, וואָס זיצען אַרום די הינטערשטע „שטענדט”. ער פערהמאַרעט די איינצעלנע זיצענדע, אַזוי, אַז עס דאַכט זיך, אַז איין שוואַרצער בילט'ער פלעק זונדערט זיך אָב פון די אַרומיגע פיער ווענט אין באַלקען, און דער פלעק איז אין איינעם צוזאַמענגעגאָסען, טויט און ניט ריהרעוודיג. דאָך אָבער שטאַרט פון פלעק טיילמאָל אַ הילער שפין אַרויס און בעוועגט זיך טרויעריג. איבער די וואַנט, און פון מיטען האַפּט זיך טיילמאָל אַ ביטערער זיפין אַרויס, און עס דאַכט זיך, אַז דאָס האָט דער גאַנצער שוואַרצער פלעק אָבגעזיפצט...

פינסטער איז; קיין ליכטעל צינדט מען נישט אָן, איין די פינסטערקייט שטייגט וואָס אַ מאָל העכער, ביז זי נישט זיך איס

מיט דעם שוואַרצען פֿלעק און מיט די פֿיר אַרומיגע ווענט, און עס גיסען זיך צוזאַמען אַרום די פֿיר ווענט מיט׳ן אָרון הקודש און בעלעמער, דער באַלקען מיט די כּרובים. און אַלץ ווערט איין פֿינסטערעס שטיק, איין שולעכיל. אַלץ אַרום איז פֿינסטער און שטיל...

נאָר דאָס שווייַגען איז אַ וואַרטענדיגעס. מען דערקענט, אַז דער פֿלעק איז פֿון פֿערשידענע שטיקלעך צוזאַמענגעגאָסען און ביי דער קלענסטער בעוועגונג צוריהרען זיך די שטיקער אין קליינע שטיקלעך. אָבגעזונדערטע שאָטענס טאַנצען אויף די ווענט. מעהרסטענטייל אָבער איז דער שוואַרצער פֿלעק איין שטיק, וואָס שווייַגט און וואַרט...

פּלוצים, מען ווייסט נישט פֿון וואַנען עס האָט זיך גענומען, און דער פֿלעק פּלאַצט, און יעדער איינציגער הויבט זיך אָן צו צושטופּען צום אָרון הקודש. טייל חאַפּען די קינדער אויף די אַקסעל און שטופּען דעם צווייטען און לאָזען זיך אויף די טרעפּלעך צו צום אָרון הקודש. אין שולעכיל שטאַרקט זיך די בעוועגונג, נאָר אין דער שטיל און שווייַגענדיג. ווי באַלד עס הערט זיך אַ קינדיש ערנסט און פֿאַרכטענדיג געוויין, פּרובט מען עס איינצושטילען. פֿון דאָרט, פֿון עק שוהל הערט זיך אַ יודענעס וויינענדיגער קול: משה, משה, וואו איז חיים׳ל? חיים׳ל וואו איז? דאָס גערודער פֿערגרעסערט זיך. מען שטופּט זיך, ווייַבער הויבען אָן צו שלוכצען הויך, די קינדער הערענדיג די מוטערס געוויין, וויינען אויך.

— שווייַגט, געדענקט אין גאָט, מען וועט דאָך אונז הערען!

די ווייַבער פּרובען שטיל צו שווייַגען, פֿון זייערע פֿערשטיקטע שלוכצען רייַסט זיך אַ טיעפֿער, ביטערער כּרום און דאָס וואַרפֿט אויף אַלעמען אַרויף אַ פֿינסטערע מורא.

אַ מינוט איז שטיל. און נאָך אַמאָל האָט זיך דער באַלקען און די פּאָדלאָגע און אַלע פֿיר ווענט אין איין שוואַרצען פלעק צוזאַמענגעגאָסען. אַרום און אַרום איז שאַ שטיל, ווי מתים וואָלטען אויף דער ערד צוזאַמען געלעגען. און דער פֿלעק — איין שוואַרץ לייַלעך איבער זיי צוגעדעקט. און די ערנסטע, שטילע ליכטיגקייַט דרענגט מיט אַ אָרימקייַט אַרויס פֿון דעם „נר תמיד׳ל״, וואָס איז אין דער וואַנט איינגעמויערט, און דער שטראַהל פֿאַלט איבער דעם טויטען ״״יאַרצען פֿלעק, און עס דאַכט זיך, אַז

א נשמה ליכטעל ברענט צו קאָפּענס אַ גאַנצע עדה יודען...
און מען שווייגט...
פּלוצים, מען ווייסט נישט פון וואַנען און פון וואו, לאָזט זיך פון עולם הערען אַ אַלטע, אין טרעהרען פערטרונקענע שטימע, און די שטימע שלאָגט אָב איבער די קעפּ פון דער עדה, דעם שווארצען פלעק, ווי אַ טרויעריגער מתים נגון, וועלכער דריקט ארויס די ווערטער:
אַשְׁ-רֵי יוֹשְׁ-בֵי בֵי-תֶ-ךָ.
דער רב דאַווענט פאַר'ן עמוד מִנְחָה.
און דאָס קול פון עולם האָט זיך אין איינעם צוזאַמענגעגאָסען און עס איז געוועזען נישט קיין וויינענדיג קול, נישט קיין בעטענדיג קול נאָר אַ שטילע שטימע, ווי פאַר זיך זעלבסט...
אַשְׁ-רֵי יוֹשְׁ-בֵי בֵי-תֶ-ךָ.
און אין דעם קול האָט זיך געהערט אַ שטילע, פערטונקענע, שלוכצענדיגע שטימע פון אַ שוואַכער פרוי:
אַשְׁ-רֵי יוֹשְׁ-בֵי בֵי-תֶ-ךָ.
און אַ קינדיש וויינענדיג קול'כעל האָט מיטגעהאָלפען די עדה דריקענדיג די זעלבע ווערטער ווי אַנ'אַלטער.
און דער באַלקען און די פאָרלאָגע און אַלע פיער ווענט זענען איין שטיק, איין שווארצער פלעק און אַלע שטימען זענען איין ערנסט טרויעריג קול.
אַ וִדוי פון אַ גאַנצער עדה...
און פינסטער איז אַרום, און דער שטראַהל פון דעם „נר תמיד'ל" דרינגט איבער דעם פלעק.
אין דער צוזאַמענגעגאָסענער, שווארצער פלעק בעוועגט זיך אַהין און צוריק, און די קולות, וואָס זענען אַ תפלה פון איין האַרץ, לאָזען זיך הערען צו ערשט פאַמעלעך, פאַמעלעך, נאָר וואָס אַ מאָל אַלץ העכער און העכער.
פלוצים ווערט שטיל צווישען דעם עולם. דער שווארצער פלעק שטעהט, ווי ער ווערט איף עפּעס. נאָר אין דרויסען איז שטיל. מען הערט אַפילו קיין שאָרך נישט, דאָך קען מען עפּעס נישט ווייטער דאַווענען. די שטילקייט וועקט, די שטילקייט שרעקט מען וואַרט... מען האָרכט... באַלד פון דערוויטען, פון גאַנץ ווייט הערט זיך אַ געלייפיג רוישענדיג קול. עס גאַהט, עס געהט אין

קומט אָן. וואָס איז דאָס אַזוינס? און דער רַעַש׳ענדיגער קוֹל געהט וואָס אַמאָל נעהנטער... מען דערקענט, ווי ער קומט אָן...

מען געהט!

און דער עוֹלם צוזאַמענגעגאָסען אין איין שטיק הויבט זיך פּלוצלינג אָן צו שאָקלען, בלייבענדיג אויף איין אָרט, און פּער־שידענע שטימען מענליכע, ווייבליכע און קינדערשע גיסען זיך צוזאַמען, עס ווערט איין קוֹל, און דער קוֹל איז שרעקליך טרויעריג:

רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, רִבּוֹ–נוֹ שֶׁל עוֹ–לָם.

און פּלוצלונג הערט זיך דעם רֶבִּי׳נס שוואַכע, אין טרעהרען פּערטונקטע שטימע מיט אַ מין זיכערקייט און פּעסטקייט:

– אַב הָרַחֲמָן! שְׁמַ–ע קוֹ–לֵ נוּ ה׳ אֱלֹ–הֵ–נוּ חוּס וְרַ–חֵם עָ–לֵי–נוּ

און דער עוֹלם האָט שוין אָן אַלעם פּערגעסען, – איין צַעַר אין הונדערטער הערצער צוגיסט זיך אין איין קוֹל:

אַב הָרַחֲמָן, שְׁמַ–ע קוֹ–לֵ־ נוּ ה׳ אֱלֹ–הֵ–נוּ חוּס וְרַ–חֵם עָ–לֵי–נוּ.

און דרויסען ביי דעם שולעכיל איז נאָך שטיל, שטיל און שווייגענדיג, נאָר עס הערט זיך ווי אַ קוֹל געהט פון דערוויַטענס, איין געוואַלטיגער רעש׳נדער קוֹל מיט עזות. מען ווייסט נישט, וואָס דאָס איז אַזוינס? און דאָס קומט... מען הערט, ווי טויזענדער שטיקער אייזען וואָלטען אויף שטיינער געקלאַפּט, עפּעס אַ אונ־געהויער קראַפט איז אין אַ ווילדע חיה אַריין, און די חיה קומט אָן. שטיל איז נאָך דערוויַל, נאָר אַלע פיהלען, אַז עפּעס וואָס דאַרף באַלד אויסברעכען... הוראַ! הוראַ! די חיה האָט טריאומפירענד די שטאָלענע רינגען פון איהר לאַנג געפּעסעלטען שטייג אויסגעריס־סען און קומט, אָט מאַכט זי חרוב די גאַנצע וועלט...

און דער עוֹלם אין דער שטיל שטעהט צוזאַמענגעדריקט איינער צום צווייטען. קיינער ריהרט זיך נישט פון זיין אָרט. מען שאָקעלט זיך; טאַטעס האַפּען די קינדער אויף די אַקסלען און פון די ווייבער הערט זיך אַ ווילדער מוֹרא׳דיגער געשריי, אַ געשריי אָהן אַ וואָרט, אָהן אַנ׳אויסדרוק. און דער קוֹל פון די מִתְפַּלְלִים ברעכט זיך אַרויס, און צווישען די קוֹלוֹת הערט זיך דעם רבינ׳ס ערנסטע רייסענדיגע שטימע, ווי ער זוכט אין די ווערטער ד־איינציגע הילף

אַב הָרַחֲמָן! שְׁמַע קוֹ-לֵ-נוּ ה׳ אֱלֹ-הֵ-נוּ.
און די ערה איז איין הארץ און איין קול.
– אַב הָרַחֲמָן! שְׁמַע קוֹ-לֵי-נוּ ה׳ אֱלֹ-הֵ-נוּ.
און אין דרויסען שטעהט שוין די ווילדע חיה, מען שפירט
איהר הייסען דאָרשטיגען אָטהעם... אינגעהייערע לאַפּעס, דאַכט זיך,
קלאַפּען איף די וועגט, אָט, אָט מען זוכט... מען טאַפּט...
און אינעווייניג איז איין קול און די איינציגע הילף איז –
– אַב הָרַחֲמָן! אַב הָרַחֲמָן!
און פון דרויסען שרייט די דאָרשטיגע חיה:
– וואוסן הוראַ!
און די קולות פון דרויסען און די קולות פון אינעווייניג
האַלטען מלחמה, ווער וועט וועמען גובר זיין.
איף אַ מינוט ווערט דער עולם שטיל, מען וואַרט.
קראַך, קראַך, די טהיר איז צושמעטערט.
– אַב הָרַחֲמָן...
– הוראַ! הוראַ!

אַ צַוָאָה.

ו.

קייטען, הערט אויף צו קלינגען; מערדער, הערט אויף די מעסערס צו שלייַפען! זעצט אייַך, פערוואונדעטע, אויף דער ערד אַנידער, פערשטיקט אויף אַ ווייַלע אייַערע וואונדען מיט די צויטלען פון אייַערע אָבגעריסענע קליידער. יתומים, לעהנט אָן אויף אַ ווייַלע די מידע קעפ אויף די לייַכען פון אייַערע אייגענע. לאָזט רוהען אויף אַ מינוט דאָס צו־שפּאָלטענע קינד ביי איהרע מוטער'ס אָבגעשניטענע בריסטען. פערזאומרייניגטע שוועסטער, ענטפלעקט אויף אַ רגע די געזילטער פון די פערשטעלטע הענד. דעקט דאָך די טויטע מיט די שוואַרצע לייַליכער צו, און דער שטיל הערט מיך אויס מיט די הערצער הערט מיך אויס, דאָס וואָס איך וועל אייַך דערצעהלען פון הינטער דעם תלינ'ס מעסער.

נישט טרייסטען בין איך אייַך געקומען, נאָר אַ צוואָה בין איך אייַך געקומען לייענען. אַ צוואָה פון אונזער זיידען. און וועט איהר אויף דעם בלוט קוקען, וואָס די ערד האָט אין זיך אייַנגע־זאַפט—זאָלט איהר וויסען, פאַר וואָס עס איז פערגאָסען געוואָרען. און וועט איהר אויף אייַערע יתומים קוקען—זאָלט איהר וויסען צו ליעב וואָס זיי זענען געשאָלטען געוואָרען.

פון דער פרעמד איז אונזער זיידע געקומען צו ציהען, אין אַ פינסטער, ווילד לאַנד. האַרט, גראָב, און אונבעאַרבייט איז געוועזען די ערד פון דעם לאַנד. גראָב, ווילד און קנעכטיש איז דער מענש געוועזען, וועלכער האָט דאָס לאַנד בעוואוינט. אין די פאָלדע פון זייַן קלייד האָט אונזער זיידע אַ וואָרצעל געהאַט אייַנגע־בונדען, אַ וואָרצעל פון אייַלבירט־בוים, וועלכען ער האָט געפיהרט מיט זיך פון איבער ימים און טייַכען, פון איבער בערג און

מהאָלען, פֿון זיין „היימאַט" לאַנד, וואו ער האָט זיך אָבגעשטעלט אין זיין אָן־צוועקליכען רייזע־גאַנג, האָט ער דעם וואָרצעל איינגעפֿלאַנצט.

שווער, אונגעהייער שווער האָט דער וואָרצעל פֿון דעם איילבירט־בוים אין די נייע לענדער זיך אָנגענומען. צו קאַלט איז די ערד געוועזען דעם וואָרצעל חיונה צו געבען, און זיינע יורשים חיות אַריינגיסען. נאָר קיים האָבען זיך די צווייגעלעך פֿון דעם איילבירט־וואָרצעל פֿון דער ערד אַרויסגעבראָכען, האָט דער ווידע געוואַקסט, אַז עס איז שוין מעהר פֿאַר איהם קיין אָרט נישט דאָ, האָט ער פֿון די וואָרצעל פֿון דעם ניי־פֿערפֿלאַנצטען בוים גענומען און ווייטער אין וואַנדלער געגאַנגען.

נאָר שווערער פֿון אַלע לענדער איז דעם ווידען אָנגעקומען צו פֿערפֿלאַנצען זיין איילבירט וואָרצעל אין דעם פֿינסטערן לאַנד, אין וועלכען ער איז אַריינגעקומען. צו האַרט איז די ערד געוועזען אין איהר צו גראָבען. צו גראָב און ווילד זענען זיינע איינוואָהנער געוועזען צו פֿערשטעהן דעם ווערטה פֿון איילבירט־בוים.

האָט ער געפּרובט זיין לאָפּאַטע אין דער ערד אַריינשטעקען, האָבען זיך אַרום איהם די איינוואָהנער פֿערקליבען, זיין לייב צוריסען, זיינע פֿינגער אויסגעדרעהט:

— מענש, וואָס פֿערדאַרבסט דו אונז די איבערפֿלאַכע פֿון דער ערד?

האָט זיך דער גערטנער ביינאַכט אין קעלט און רעגען געפֿערבערט, בעהאַלטענערהייט זיין וואָרצעל פֿערפֿלאַנצט, בעהאַלטענערהייט פֿאַר גאָט און מענשען.

אָבער צו קאַלט איז די ערד געוועזען אין זיך דעם וואָרצעל צו האַלטען, צו קאַלט איז דער קלימאַט געוועזען דעם איידעלען וואָרצעל צו ענטוויקלען, צו פֿילען האָט ער אָנגעהויבען—איז דער ווידע געקומען, יעדע נאַכט זיינס אַ קינד געשאָכטען, און מיט דעם בלוט די ערד אָנגעוואַרעמט דעם וואָרצעל צו ערהאַלטען ביי'ם לעבען.

האָט דער וואָרצעל זיינע צווייגלעך פֿון דער ערד אָנגעהויבען אַרויסשיקען, זענען זיך צוזאַמענגעקומען די היטערס פֿון דעם לאַנד און האָבען געזאָגט, אַז די בלעטער פֿון בוים זענען סם פֿאַר די איינוואָהנער און האָבען זיי אויסגעריסען. דאָס אָרט וואו

די בלעטער האָבען זיך געוויזען האָבען זיי מיט שטיינער אויסגע־שטיינערט ...

אָבער דעם וואָרצעל פון דעם איילבירט האָבען זיי נישט געקענט אויסרייסען. צופיעל בלוט האָט דער וואָרצעל אין זיך איינגעזאַפּט, אַז ער זאָל פוילען, צו טיעף איז ער אין דער ערד אַריינגעדרונגען, אַז מען זאָל איהם אויסרייסען קענען.

צווישען די שטיינער האָבען זיך די בלעטער, די צווייגען פון וואָרצעל געריסען, און געבליהט, און געצויגען זיך צו דער זון, און צווייג אויף צווייג, און בלאַט אויף בלאַט האָבען די וועלטער פון לאַנד געריסען: סם איז עס; געוואַלד, איהר וועט זיך פער'סמ'ען!

נאָר בחנם: די ערד האָט זיך אָן דעם וואָרצעל אָנגע־שטעקט, דאָ האָט מען דעם וואָרצעל אויסגעריסען, דאָ האָט ער אָנגעהויבען צו בליהען; דאָ האָט מען דאָס בליהען פער־שטיינערט, דאָרט האָט עס פון צווישען די שטיינער און מויערען זיך געריסען.

וואָרום נאַכט אויף נאַכט איז דער גערטנער געקומען, קינד נאָך אַ קינד האָט ער אויף דעם וואָרצעל געשאָכטען, און דאָס יונגע בלוט האָט דעם וואָרצעל מחיה געווען, די ערד וואַרעם גע־מאַכט, אַז דער וואָרצעל זאָל זיך אין איהר קענען האַלטען.

בחנם איהר ווינדען, בחנם איהר שטורמען, דעם וואָרצעל, דעם שורש וועט איהר נישט קענען אויסרייסען.

— גערטנער, דו גערטנער, וואָס פּלאַנצט דו דאָ, אַז דיר לוינט דיינע קינדער אויף דעם וואָרצעל צו שעכטען?

— איך פּלאַנץ דאָ פאַר אייך אַ פריייהייטס־בוים, וועט איהר פון זיינע פרוכטען געניסען, וועלען אייך די אויגען זעהענדיג ווערען, וועט איהר דעם יאָך פון די אקסלען וואַרפען, וועלען אייך די פערבונדענע הענד בעפרייעט ווערען, וועט איהר פון קנעכט צו מענשען ווערען...

— ניין, דו גערטנער, ניין! אונזער קלימאַט איז צו קאַלט פאַר דעם געוויקס, אונזערע ערד צו האַרט פאַר דעם וואָרצעל, אונזער מענש איז צו גראָב פאַר די פרוכט...

פון זיין לייב האָט מען פאַסען געריסען, שטראָמען בלוט האָבען זיך פון זיינע אָדערען געגאָסען, אין די ערד איינגעפלאָסען,

ווייַלער איז די ערד געוואָרען, וואַרעמער איז די ערד געוואָרען, און זי האָט זיינע פּלאַנצען געוואַרעמט.

און ווי גאָט׳ס אַ וואָרט, אַזוי האָט זיך דאָס בליהעלעכס פון הינטער די שטיינער גערִיסען, דורך נאַכט איינגעוואַקסען, אין אַ שענעם פריה מאָרגען פאַר די וועלט געשטאַנען.

די וועלט האָט זיך געוואונדערט, ווער האָט דאָס אַזוי דורך די פינסטערע נעכט, דורך די לאַנגע ווינטער, דאָס בליעכעס געהאַלטען, געהאָדעוועט.

נאָך וואונדערט זיך די וועלט. די מענשען אָבער פון דעם לאַנד, פאַר וועלכע דער גערטנער האָט זיין בוים געפּלאַנצט, האָבען די צווייַגען פון בוים אָבגעריסען, און מיט זיי דעם לייַב פון דעם גערטנער געדראָשען, די האָר פון קאָפּ האָבען זיי איהם אויסגעריסען, זיינע קינדער האָבען זיי פאַר זיינע אויגען געשאָכטען, זיינע טעכטער האָבען זיי פאַר זיינע אויגען פערוּנרייניגט, פון זיין מוטער די בריסטען געשניטען און פאַר די הינד געוואָרפען.

נעהם דו גערטנער־וואַנדלער אַ וואָרצעל פון דיין פּלאַנצעכטס אין פאָלע און געה אין דיין וואַנדלער־וועג דיין בוים פּלאַנצען.

דיין גאָרטען איז שוין פאַרטיג, מיט די שאַרפסטע מעסער ווערט מען זיינע צווייַגען נישט קענען אָבשניידען, מיט די שאַרפסטע העק וועט מען זיינע בוימער נישט קענען אונטער־האַקען, אין די וואָרצלען פון דעם גאָרטען לעבט דיין קינדערס בלוט.

פון די פרוכט פון גאָרטען וועלען אַנדערע געניסען, דו געה אין דיין אייביגען וואַנדלער־וועג, זיי מקיים דיין גאָט׳ס שליחות, — דיין פרייהייט׳ס בוים פּלאַנצען.

דעם וואָרצעל האָסטו אין דיין פאָלע איינגעבונדען.

אִין דֶער פְּרֶעמְד,

ה׳ פִינקעלשטיין האָט נאָכ׳ן פּאָגראָם פערלאָזט אָדעס און איז אויסגעפאָהרען קיין אויסלאַנד. ער האָט געהאַט וואוינען אַ זוהן אין פּאַריז — יענער איז שוין אין פּאַריז אַ צייט מיט יאָהרען. חתונה געהאַט און געוואָרען אַ גאַנצער דאָרטיגער — האָט ער צו איהם געשריבען אַ בריעף, אַז ער וויל אַרויספאָהרען קיין אויסלאַנד. דער זוהן האָט פאַר׳ן פאָטער און פאַר די גאַנצע משפחה אָבגעדונגען אַ וויללע — אַנ׳אַלט שלאָס אין דער פּראָווינץ סאַוואָיאַ — וואוהין ה׳ פינקעלשטיין און זיין פאַמיליע זענען אַוועקגעפאָהרען צו פערבלייבען דאָרט, ביז עס וועט רוהיג אין דער־היים ווערען.

דאָס שלאָס איז געלעגען אין אַ אַלטען פערלעגטען גאָרטען נעבען אַ געדיכטען שוואַרצען וואַלד מיעף אין טהאָל, אונטער דעם באַרג מאָן־בלאַן, וועלכער האָט תּמיד אַריינגעקוקט אין דעם קליינעם דאָרף מיט זיין ווייסען בעשנייטען קאָפּ. דאָרט איז זעהר שטיל געווען. דאָס שלאָס פלעגט גאַנצע מאָנאַטען ליעגען אין שאָטען. און פון געדיכטען שוואַרצען וואַלד פלעגט אַ ווינד יאָגען און בויגען די הויכע טאָפּאָלען, וואָס זענען געשטאַנען אַרום דעם שלאָס, און געוואָרפען זייערע צווייגען אויף דעם דאַך פון הויז, אַז עס האָט דערוועקט אַנ׳אימה.

געקומען מיט ה׳ פינקעלשטיינען איז זיינע אַ טאָכטער, אַנ׳אַלמנה, מיט איהר׳ס אַ זיעבען־יעהריג יונגעל. דאָס קינד, אַזוי ווי די מוטער, איז געווען זעהר שוואַך, מיט שרעקליך אויפּ־געריייצטע נערווען. נאָר בעזונדערס איז די מוטער פון דעם קינד זעהר נערוועז קראַנק געווען. יעדע מינדעסטע איבעררעאַשונג, וועלכע איז געקומען איבער איהר אונגעריכט, פלעגט זי טרייבען אין אַ קרעמפּפען־שוואַכקייט; ביי יעדער בעוועגונג פלעגט

זי דערציטערט וועדען, איינרעדענדיג זיך, אז א נישט געזעהענע קראפט פערפאלגט זי...

די קרענק האט זי בעקומען בשעת דעם פאגראם. ווען די חוליגאנעס זענען אין זייער גאס אריין, האט זי זיך מיט איהר קינד בעהאלטען ביי א בעקאנטען קריסט. דער קריסט האט אפילו ארויסגעוויזען זיין אונצופריעדענהייט, נישט איבער שלעכטסקייט ווי איבער שרעק, אז די חוליגאנעס זאלען זיך אויך אן איהם נישט נוקם זיין, געפינענדיג זי דא, — נאר דאך האט ער נישט געקאנט, אלס אנ'אלטער גוטער פריינד, מעיז פנים זיין. דאס קינד האט אבער אין רעש אנגעהויבען צו ציטערן און צו וויינען... אין שטוב איז געווארען א שרעקליכע איפרעגונג. זיי האבען געפרובט דאס קינד איינצונעהמען מיט אלעם, אבער דאס דער־שראקענע נערוועזע קינד איז אונמעגליך געווען איינצושטילען. דער קריסט האט זעהר בערויערט, ער האט אויך קליינע קינדער, און כמעט ווי נעסטראשעט זי מיט'ן ארויסווארפען. נאר דאס קינד, פלוצלונג דערהערענדיג די שאסען פון די זעלנערשע זאל־פען אין גאס, האט אויפגעהערט צו וויינען און פערשפיעלט זיך מיט די שאסען. כדי דאס קינד וואס מעהר צו פערשפיעלען, האט די טוטער עס צוגענומען צום פענסטער, איינהארכענדיג זיך.

— ווארט, ווארט, יוספ'ל, אט וועט עס באלד ווידער מאכען פיף־פאף...

— הערכט, מאמע, אט, אט ווי עס מאכט: ראם־ראם! האט דאס קינד זיך געפרעהט, פאטשענדיג זיך אין די הענדטליך מיט נאך פול־פערוויינטע אויגעלעך.

דאס האט איבערגעלאזט אין דער מוטער אזא איינדרוק, אז יעדעס מאל ווען זי האט זיך דערמאהנט אן דעם, — פלעגט זי אנידערפאלען אויף דער ערד, האקען זיך דעם קאפ אן וואנד, רייסען די האהר פון קאפ, קריצען מיט די צייהן און אויסשרייען מיט א נישט־מענשליכער שטים

— שנײדט, רײסט — נאט אײך, שנײדט, רײסט!...

מיט ה' פינקעלשטיינען איז אויך מיטגעקומען זיין פאטער, ר' נחום — אנ'אכטציג־יעהריגער בלינדער זקן, מיט א הויכען שטערן און א לאנגער ווייסער בארד. דער זקן, וואס איז שוין בלינד געוועזן א יאהר 20—30, האט אייגענטליך די אויגען שוין

נישט געדאַרפֿט און האָט שוין נישט געבענקט נאָך זיי. זיין דאַווגען מיט דעם יום תהלים פֿאַר יעדען טאָג האָט ער געקענט אויסווייניג און אין די צימערן פֿון זיין זוהן'ס וואוינונג אין אָדעס, בײַ וועלכען ער איז געווען זינט ער איז אַנ'אַלמן געוואָרען, איז ער געווען אַזוי בעקאַנט, ווי יעדער איינציגער פֿון די הויז־מענשען. ער האָט תמיד געפֿונען זיין אָרט און געוואוסט יעדע זאַך, וואו זי געפֿינט זיך — אַזוי האָט ער זיך אויסגעלערנט מיט זיינע הענד טאַפּען, אָנשטאָט די אויגען צו בענוצען.

אין דעם אינטעליגענטען הויז בײַ ה' פֿינקעלשטיינען איז דער אַלטער געווען זעהר בעליעבט. די קינדער האָבען זיך גע־לערנט אין אויסלאַנד און ווען זיי פֿלעגען אַמאָל אויף אַ יום־טוב אַהיים קומען צו די עלטערן און געפֿינען דעם אַלטען בלינדען זיידען אין אַ ווינקעל שטוב, פֿלעגט ער אויף זיי מאַכען אַנ'איינדרוק עפּיס ווי אַנ'אַלט ספר, וואָס [illegible] האַלט עס אין שטוב פֿון אַ זכר וועגען, אָדער ווי אַנ'אַלטער אַנטיק, וואָס האָט דורכגעלעבט געוועזענע צייטען...

פֿון פּאָגראָם אָן, איז דער אַלטער געוואָרען צופֿיהרט אינ־גאַנצען און פֿיהלט זיך זעהר פֿרעמד און שלעכט. ער האַלט זיך אַליין פֿאַר איבערדריסיג. „געָנוג", פֿלעגט ער זיך אַליין זאָגען — און עס האָט זיך איהם געוואָלט שטאַרבען. נישט, איינגענטליך דער פּאָגראָם אַליין האָט געמאַכט אויף איהם אַזאַ איינדרוק. דער פּאָגראָם איז בײַ איהם געווען אַ געוועהנליכע זאַך: עס איז געקומען אַ עת־צרה" אויף יודען — און דאָס איז פֿאַר איהם גענוג געווען צו ערקלערען די לאַגע: עס איז נישט דאָס ערשטע מאָל, עס איז נישט דאָס לעצטע מאָל... אין יעדען דור פֿלעגען קומען צרות אויף יודען; אונזערע עלטערן האָבען אַזעלכע צרות גע־האַט, מיר — אַזעלכע. און ווען מען האָט איהם פֿון שטוב אַרויס־גענומען און בעהאַלטען איהם אויף אַ בוידעם איז עס בײַ איהם געווען רעכט; קיין וואונדער נישט, — אַזוי ווי ער וואָלט זיך גערייכט אויף דעם. האָט ער געהערט שיסען, געוואַלדען — האָט ער ווידוי אָבגעזאָגט און איז גרייט געווען... נאָר פֿון דער צייט אָן, אַז מען האָט איהם אויף דעם בוידעם אַרויסגעפֿיהרט, פֿיהלט ער זיך אַרום זיך פֿרעמד. אין שטוב בײַם זוהן פֿלעגט ער געהן פֿינף טריט פֿון זיין „אָרט", אָנקלאַפּען מיט'ן שטעקען — איז

געשטאַנען דער טיש. נאָך דרײַ טריט רעכטס — איז געשטאַנען דער אַלמער, דאַן קלאַפּט ער אָן מיט'ן שטעקען אין טהיר פון סאַלאָן, און דערנאָך איז דאָס פענסטער. ער האָט זיך אָריענטירט און געוואוסט, וואו ער געפינט זיך. נאָר זינט מען האָט איהם אײַפּן בײַדעם אַלײן איבערגעלאָזט, איז ער שטעהן געבליבען ערגיץ אין אַ „מיטען“. געקלאַפּט מיט'ן שטעקען רעכטס, לינקס, גערופען שטיל אַ נאָמען — קײנער האָט איהם נישט אָבגעענט־פערט, — נור דרויסען אין דער גאַס איז אַ רעש... אַ געוואַלד... מען שיעסט, ווײַבער חלש'ן... קינדער ווײַנען... שבורים שרײַען... פון דעמאָלט אָן פיהלט זיך דער אַלטער, ווי ער וואָלט שטעהן געבליבען אין מיטען אין אַ גרויסען וויסטען מדבר, אַרום איהם ליגען שטײנער, און ווי ער ריהרט זיך, פאַלט ער איבער עפּיס. מען האָט איהם געפיהרט ערגעץ ווײַט אַוועק, אין אַ פרעמדע מדינה. פערשידענע שפראַכען האָט ער געהערט אַרום זיך, פערשידענע מענשען זענען געזעסען אַרום איהם — אַלץ ווײַטע, פרעמדע. איצט איז ער איף אַנ'אָרט, אין אַנ'אַנדער שטוב. דאָ מוז עפּעס זײַן נעבען הויז. אַ ווינד יאָגט, אַ בײַזער ווילדער ווינד קומט יעדע נאַכט אָן צו יאָגען און ווײַנט אין פענסטער. די שטוב איז איהם פרעמד. וואו מען זעצט איהם אַנידער — דאָרט בלײַבט ער זיצען און וואַרט ביז מען וועט איהם פון דאָרט אַוועקפיהרען. ער האָט זיך מורא צו ריהרען פון אָרט, ער זאָל נישט אָן עפּיס וואָס זיך אָנקלאַפּען. אַזוי זיצט ער גאַנצע טעג, דאַווענט אָדער זאָגט תהלים. גאָט איז אומעטום, ער וועט איהם פון דאַנען אויך העלפען...

ביי־טאָג ווי ביי־טאָג, נאָר ווען די נאַכט פאַלט צו, איז אַ ווינד קומט אָן צו יאָגען פון דעם הויכען באַרג מאָן־בלאַן און טוליעט אין מיט אײַן פליגעל דעם גאַנצען וואַלד און קלאַפּט איף די ווענד פון דעם הויז — פליעגט דער אַלטער זיצען אין אַ ווינקעל און ציטערן. אַנ'אימה פליעגט איהם בעפאַלען. ער האָט עפּיס פער־שטאַנען, אַז דאָס איז נישט אַ היימישער ווינד. דאָ נעבען איהם, הינטערן הויז מוז עפּעס אַזעלכעס זײַן, פון וואַנען עס קומט צו יאָגען דער ווינד — נאָר וואָס דאָס איז אַזעלכעס, האָט דער אַלטער זיך נישט געקאָנט פאָרשטעלען. איהם האָט זיך אויסגעוויזען, אַז דאָס מוז זײַן עפּעס אַ אומנאַטירליכעס, אַזעלכעס, וואָס מיר, פראָבטין

מענשען, זענען נישט געוואוינט צו דעם, און ער פלעגט מורא קריגען דערפאר ...

צו דער משפּחה איז געקומען צופאָהרען דעם זוהנ׳ס פרוי פון פּאַריז מיט איהר׳ס אַ פינף־יעהריג קינד. זי איז געווען אַ קריסטין – אַ פּאַריזער קליין־בירגער׳ס אַ טאָכטער, מיט אַלע מעלות און חסרונות פון די פּאַריזערינס: אָפענהערציג, גוט, לייכטזיניג און איבערהויפּט קאָקעט. זי האָט פאַר איהר מאַן חתונה געהאַט, נישט אָבשטעלענדיג זיך פיעל, צי ער איז יאָ אַ יוד אָדער נישט. עס האָט איהר גאַנץ ווינציג אויסגעמאַכט: זי האָט איהם ליעב געהאַט. איהרע עלטערן האָט עס אויך גאַנץ ווינציג אויסגעמאַכט. ער איז אַ דאָקטאָר און האָט געלד אַ וואוינונג צו אויסמעבלירען זיך – און זי וועט ביי איהם אַ שען לעבען האָבען.

דער ה׳ פינקעלשטיין איז געווען איינער פון די אַלטע משכילים, וועלכער האָט די פינגער געלעקט פון אַ העברעאישען שיר און איז בטל געוואָרען פאַר יעדען יונגעל, וואָס טראָגט מעשענע קנעפּ פון אַ שול־אַנשטאַלט, און ווער רעדט נאָך פון „פראַנצויזיש״. איהם האָט עס יאָ אפילו בשעת מעשה פערדראָסען, ווען דער זוהן האָט איהם געשריבען, אַז ער נעהמט אַ קריסטין פאַר אַ פרוי: „אלמאי וואָלט זי זיך מגייר געווען – האָט ער גע׳טענה׳ט – אין פּאַריז מעג מען זיך דאָך מגייר זיין״. נאָר די טעכטער האָבען געלאַכט פון איהם און בעוויעזען איהם, ווי ער איז נישט טאָלעראַנט. „פאַרוואָס זאָל ער זיך נישט שמד׳ן? – האָבען זיי צוריק גע׳טענה׳ט – יודען זענען קיינמאָל נישט טאָלעראַנט!״ דער פאָטער האָט זיך אַ ביסעל געשעמט פאַר די קינדער צו ווייזען זיך פאַר אַ רעאַקציאָנער, אַ פאַנאַטיקער. אין הויז האָט מען אויפגעהערט צו ריידען דעריבער.

זי, דעם זוהנ׳ס פרוי, קומענדיג צופאָהרען צו זיינע עלטערן, האָט געמיינט, אַז זי וועט טרעפען דאָ אַ פרעהליך לעבעדיג רוסיש הויז, וואָס וועט זי ענטציקען מיט דער ברייטקייט און נאָך ווילדקייט פון דער רוסישער נשמה, פון וועלכע זי האָט אַזוי פיעל געלעזען און געהערט דערצעהלען. יודען האָט זי אַבסאָלוט נישט געקענט. ווי איבערהויפּט די אויסלענדער, האָט זי געהאַלטען יעדען יודען פאַר אַ יודישען רוס, אָבער באַלד אין די ערשטע טעג פון איהר אָנקומען האָט זי געזעהען, אַז די „רוסען״ לעבען גאַנץ אַנדעריש, ווי

זי האָט עס זיך פֿאָרגעשטעלט. אָנשטאָט „פֿרעהליכע", האָט זי געפֿונען מענשען מיט זעהר שווערע געמיטער, צובראָכענע הערצער, יעדערער געהט זיך זיין איינזאַמען וועג. און איבערהייפּט, איבער דעם גאַנצען הויז שוועבט עפּעס אַ מרה־שחורה, וואָס זי האָט דאָס באַן איפֿן נישט געקאָנט פֿערשטעהן...

אַזוי האָט געלעבט דאָס הויז, יעדערער בעזונדער אין זיין וועלט — וויַיט פֿון זייער היימאַט אין אַ פֿרעמד לאַנד, אין דער שענער פּראָווינץ סאַוואָיאַ אונטער דעם ווייס־בעשנייטען מאָן־בלאַן.

דער ה' פֿינקעלשטיין האָט נישט געהאַט אָבגעריסען מיט דער היים אַלע זיינע געשעפֿטען. ער האָט נור איבערגעוואַרט די צייט, ביז מען וועט פֿון „דאָרט" דערהערען אַ גוטע בשורה, אַז ער זאָל קאָנען צוריק פֿאָהרען צו זיינע געשעפֿטען. דאָ, אין אויסלאַנד, האָט ער זיך געפֿיהלט פֿרעמד און שלעכט. ער האָט נישט געוואוסט, צו וואָס מען נעהמט זיך, וועגען וואָס מען קלערט, און האָט געוואַרט מיט אונגעדולד, ביז „אין דער־היים" וועט רוהיג ווערען. אָבער דאָס רוסישע בלאַט, וואָס האָט זיך געוואַלגערט אין דער וועלט פֿיער טעג ביז עס איז צו זיי אָנגעקומען, האָט יעדען טאָג אָבגעגעבען פֿון „דער־היים" זעהר שלעכטע גריסען. אַלע טאָג נייע הריגות, אומגליקען. עס איז געווען אין די טעג פֿון דער דומע, און לייענענדיג דאָ, אין רוהיגען גאָרטען אין סאַוואָיאַ, די רעדעס פֿון די דעפּוטאַטען, איז ה' פֿינקעלשטיין געוואָרען אַזוי בעגייסטערט, דאָס ער איז אַרומגעגאַנגען און אויסגעקלערט אַ רעדע, וואָס ער וואָלט געהאַלטען, ווען ער וואָלט געווען אַ דעפּוטאַט. און נישט האָבענדיג פֿאַר וועמען די רעדע צו זאָגען, פֿלעגט ער אַליין פֿאַר זיך די רעדע אָבהאַלטען אָדער זוכען אין פֿראַנצויזישען ווערטער־בוך ווערטער, כדי די רעדע זיינע צו איבערזעצען און זי אין אַ פֿראַנצויזיש בלאַט אָבדרוקען.

עס איז געווען אַ יונגער פֿריהלינגס־טאָג. די גאַנצע פֿאַמיליע איז אויף דער וועראַנדע געזעסען און מיטאָג געגעסען. דער בלינדער זיידע איז ביים עק טיש געזעסען, נעבען איהם — ביידע אור־איינקלעך, וועלכע האָבען זיך מיט זיינע הענד געשפּיעלט און געפֿרעגט איהם פֿערשיעדענע שאלות. דאָס „פֿרעמדע" אור־איינקעל האָט ער נישט פֿערשטאַנען — האָט מען איהם געדאַרפֿט

איבערזעצען אויף יודיש, און ער האָט איהם אָבגעענטפערט. די שנוהר פון פאריז פלעגט קוקען מיט זעהר גרויס דרך־ארץ אויף דעם אַלטען, און האָט עפּעס אַזוי ווי פאַר איהם מורא געהאַט... דער אַלטער ר׳ נחום האָט נישט געוואוסט, אַז דאָס „פרעמדע" אור־אייניקעל איז שוין נישט קיין יוד, נאָר ער האָט עס ווי געפיהלט. דאָך האָט ער דאָס קינד נישט ווינציגער ליעב געהאַט פון יענעם אייניקעל. ער האָט נאָר אויף דעם קינד גרויס רחמנות געהאַט. און אָנטאַפּענדיג זיין פול, רונדיג פנימ׳ל, וואָס האָט מיט אַ שמייכעלע אַרויסגעלאַכט צום זיידען, האָט ער געפיהלט, אַז עס איז נישט דאָס דאַר, ציטערענדיג, בלייך געזיכטעל פון יענעם אייניקעל, — עס איז אַנ׳אַנדער קינד...

געגענאיבער זיי האָט געלאַכט אין די גליהענדע זון דער ווייסער מאָן־בלאַן, וואָס האָט געלויכטען פון מיילען ווייט.

דער בריעף־טרעגער האָט די צייטונג געבראַכט. ה׳ פינקעל־שטיין האָט היינט, ווי יעדעס מאָל, פלינק די צייטונג אויפגעעפענט און אָנגעהויבען צו לעזען הויך אויפ׳ן קול. פּלוצלונג איז ער שטיל געבליבען, און בלייך אַוועקגעלעגט די צייטונג זיך אין טאַש און אָנגעהויבען פון עפּעס אַנדערש צו ריידען.

די טאָכטער האָט דערנאָך אַ גאַנצע צייט די צייטונג אַרומ־געזוכט, האָט אָבער זי נישט געפונען. די צייטונג איז ערגיץ פערפאַלען געוואָרען.

ה׳ פינקעלשטיין האָט זיך אַליין אין גאָרטען אַרומגעדרעהט. ער האָט געוואָלט עמיצען דערצעהלען, זאָגען וואָס ס׳איז געשעהן. אַ פּאָגראָם, אַ נייער פּאָגראָם אויף יודען—הונדערטער דער׳הרג׳עטע, פערוואונדעטע, יודיש פערמעגען צוראַבעוועט... אַ פּאָגראָם... ער האָט געמוזט האָבען וועמען צו דערצעהלען. דער טאָכטער האָט ער מורא געהאַט צו זאָגען דערפון, זי זאָל נישט קראַנק ווערען. ער האָט דערזעהן די שנוהר אין גאָרטען שמועסענדיג מיטן בעל־הבית פון הויז. ער האָט זי אַוועקגערופען אָן אַ זייט און אָנגעהויבען דערצעהלען איהר, מיט אַ שטילען טאָן: אַנ׳אומגליק, אַזוי פיעל מענשען אויסגע׳הרג׳עט, קינדער, קליינע קינדער צושניטען.

די שנוהר האָט די אַקסלען אויפגעצויגען, געקוקט אויף איהם פערוואונדערט און געפרעגט:

— פאַר וואָס הרג׳עט מען? ווי הייסט, מען הרג׳עט? פאַר וואָס?

ער האָט איהר נישט געקאָנט געבען צו פערשטעהן: מען הרג'עט, ווייל מיר זענען יודען.

די שנורר האָט עס נישט פערשטאַנען. זי האָט זעהר בע־דויערט, עס איז איהר אָבער צום סוף לאַנגווייליג געוואָרען דאָס בעדויערן, איז זי מיטגעפאָהרען מיט'ן בעל־הבית אין וואַלד אַריין.

ה' פינקעלשטיין איז געבליבען שטעהן אין גאָרטען. עס האָט איהם געדריקט דאָס שרעקליכע נייעס, און ער האָט עס געמוזט עמיצען דערצעהלען — אַ נאָהנטען, וואָס זאָל עס מיט־פיהלען. ער האָט דערזעהן דעם פאָטער, דעם בלינדען יוד, וועל־כען די ביידע אייניקלעך האָבען געפיהרט ביי די הענד אין גאָרטען אַרום: איינער האָט גערעדט צו איהם פראַנצויזיש, דער צווייטער — רוסיש.

ה' פינקעלשטיין האָט געקוקט אויף דעם אַלטען בלינדען יוד, וואָס די אייניקלעך — איינער אַ פראַנצויזישער גוי, דער צווייטער — אַ רוסישער יוד — פיהרען איהם ביי די הענד, און עס איז איהם עפּעס אַ געדאַנק קלאָר געוואָרען. דעם יודישען גלות האָט ער געזעהן פאַר זיך...

ער איז צוגעגאַנגען צום פאָטער:

— ווייסט, טאַטע, מען הרג'עט ווידער יודען אין רוסלאַנד. אַ נייער פאָגראָם.

דער אַלטער האָט די בלינדע אויגען געווענדעט צום הימעל:

— עס איז אַ עת־צרה אויף יודען, אַ גזרה רעה.

אַ מינוט זענען זיי ביידע שטיל געבליבען. דער אַלטער האָט זיך פּלוצלונג אָבגערופען, אָנטאַפּענדיג מיט דער האַנד דאָס „פרעמדע" אור־אייניקעל:

— זאָג, שלמה, ער איז גע'מל'ט?

נאָך אַ לאַנג שווייגען האָט דער זוהן שוואַך אָבגעענטפערט:

— ניין, טאַטע.

דער אַלטער האָט ביטער אָבגעקרעכצט.

— נו, ער וועט שוין פון דעם נישט וויסען...

שלום אַש.

אַ שטעטל

(אַ פּאָעמע פון דעם ייִדישן לעבן אין פּוילן)

דריטע אויפלאגע.

ווילנע — 1920.

ווילנער פארלאג פון ב. א. קלעצקין.

איבערדרוקן און איבערזעצן אָן
דער ערוליבעניש פון מחבר איז
פֿארבאטן.

דרוקעריי „ווילנער פאַרלאַג" קליין סטעפן גאַס 23.

בלאָטיג אין דער וועג, וואָס פיהרט אין „שטעדטעלע“ אַריין.

עס איז אַפּאַר פּורים־טאָג, דער שניי אויף די פעלדער צולאָזט זיך און צוגעהט, און איבער די איבערדעק פון די ווייסע שניי־וועלט ווייזען זיך שוין דאָ און דאָרט שוואַרצע ערד־פלעקען אַרויס. דער זומען, וועלכער האָט זיך איבער דעם גאַנצען ווינטער הינטער די שניי־דעק אין דער ערד איינגעהאַלטען — איז ווייך געוואָרען, צושפּאָלטען, און זיינע שפּראָצענדיגע וואָרצלען הויבען אָן צו נאָגען היונה פון דער מאַמע־ערד. און אין די שוואַרצע ערד־פלעקען איז עס צו דערקענען, אַז די מאַמע־ערד איז „טראָגענדיג“... וויַט אויף ביידע זייטען וועג, צווישען די ליפּען־ביימער, געהט אַגאַיינזאַמער וואַנדערער מיט'ן פּעקעל אויפ'ן פּלייצע און מיט'ן שטעקען אין דער האַנד. שוואַרצע קראָהען פליהען דאָרט וויַט איבער'ן וועג, פון בוים צו בוים, און שאַרען אָב מיט זייערע גרויסע פיסלעך די ווייַכע, לאַנגע שניי־שנירלעך, וואָס זענען אויף די צווייַגען פון די ביימער. דעם וואַנדערער'ס וועג פיהרט אין „שטעדטעלע“ אַריין, קום מיט מיט איהם, און וואָס מיר וועלען זעהן און וואָס מיר וועלען הערען, וועלען מיר אין דעם בוך בעשרייבען:

I.

די שטוב.

די טהיר פון דער „שטוב“ איז אָפען אַגאַנצען טאָג און אַ גאַנצע נאַכט, און ווי אין אַגאַסט־הויז דרעהט מען זיך דאָרט תמיד אַריין און אַרויס. אייגען איז עס ר׳ יחזקאל גאָמבינערס „שטוב“, נאָר דאָך — אַ שטאָדטיש־שטוב, אַרשות־הרבים, אַזוי, אַז אַ וויל־פרעמדער קומט אַריין און זעצט זיך אַנידער, געהט ניט אָן די קשיא: „וואָס ווילט איהר זאָגען, ר׳ יוד?“. דאָ זענען אַלע אין ־עריהיים. פערלאָזט אַשטאָדט־בעל־הבית זיין היים אין דער פריה

אָהן אַגלאָז וואַרימס, געהט ער זיך פראַסט מיט טלית און תפילין אַריבער צו ר׳ יהוקאלין אין „שטוב״ אַריין, און ווי אַהיימישער, הייסט ער איינער פון די דיענסטען, אַז זי זאָל איהם אַגלאָז טהיי דערלאַנגען. מעהר איז מסוגל די „שטוב״ צו אַגלעזעל בּאָרשטש; נאָך איהם קומט מען אַריין אין אַווינטערדיגען נאָכ׳ן אָנבּייסען, אַז דער פראַסט קנאַקט, און מען וויל זיך די גליעדער אָנוואַרימען. און ווער שמועסט נאָך, אַז מען קאָכט בּיי מלכה׳לען — ר׳ יהוקאל׳ס ווייב — דעם קנאָבּעל־בּאָרשטש. צו נעהמען אין „שטוב״ איז ניט קיין הרפה, דער מנהג איז שוין אַזוי: אַגלעזעל בּאָרשטש — אַ טרונק וואַסער. פוילט זיך נאָר אַ שטאָדט־בּעל־הבּית׳טע די הרובּע אונטער־צוהייצען, נעהמט זי איהר טעפּיל און טראָגט עס צו מלכה׳לעס קיך אַריבּער. און אין מלכה׳לעס קיך געפינען זיך די גאַנצע שטאָדט טעפּלעך. טהיילמאָל פערטוישען זיך די בּעלי־הבּית׳טעס מיט די טעפּלעך, ווערט דאָרט אַלעבּען. כּיאָכט זיך אַ יונג אַ „בּרוגז״ פון דער היים, האַלט ער זיך אויף אין ר׳ יהוקאל׳ס שטאַלען. צו זאָרגען איז נישט דאָ וואָס, בּרויט און זעמעל ווערען בּיי ר׳ יהוקאל׳ן נישט פערשלאָסען, — אַלעס אין קיך פריי ווי וואַסער איז עס. פוטער און רעטעכער איז שטענדיג דאָ אין קעלער, דער שליסעל פון קעלער הענגט אין קיך, בּיי יענטען (דאָס דיענסט־מיידעל) אַ „וואוילע טאָכ־טער״, בּרודער, אַז נישט קריענט זי קלעפּ, ר׳ יהוקאל הייסט אַליין.

די נאַכט האָט דאָס שטעדטעל אונטער איהר שוין אַרונטער גענומען, און די גאַנצע וועלט אַרום און אַרום האָט זי אין זיך בּע־האַלטען. אין מיטען דער נאַכט האָט זיך אַ רעשענדיג קלאַפּען פון פערד און רעדער דערהערט אויף שטיינער. דאָס רעש׳ען איז פער־שטומט געוואָרען בּיי דעם שטראַהל שיין, וואָס האָט פון אַ לאָדען אַרויסגעדרינגט, און פון וואָגען איז ווער אַראָב... שווערע „בּעל־בּת׳ישע״ טריט האָבּען זיך איבּער׳ן קאָרידאָר געלאָזט הערען. דאָס האָבּען געמוזט קומען היימישע, וואָרום זיי האָבּען בּאַלד די קליאַמקע פון טהיר געפונען, אויפגעעפענט, און אין „שטוב״ אַריין.

אין דער בּרייטער, לאַנגער „שטוב״ איז קיינער נישט דאָ, זי איז פול מיט שאָטענס; די גרויסע ווינטער־לאָמפּ מיט דער בּריי־

מער שײַן, װי אַ באָבע אין אַ ברײטען פאַרטוך, ברענט זיך אײנע
אַלײן צװישען די שטאָטענס אין מיטען שטוב. די אָנגעקומענע יודען
זענען אין לאַנגע, ברײטע שטאָפּען־פּעלצען, די ברײטע קאָלנערס זע-
נען בײַן האַלבען רוקען פֿערװאָרפען און בײַם האַלז מיט אַ ברײטען,
רױטען שאַל פֿערבונדען; צװישען די טונקעלע פאַלדען, װאָס פֿער-
װאַרפען זיך אין די פעלצען, האַלט זיך נאָך אױף דער טונקעלער
כּוח פֿון דער נאַכט, װאָס זײ האָבען פֿון דרױסען מיטגעבראַכט...
אױף די קעפּ האָבען זײ שטאָפּענע היטלען מיט „לאַפּען" איבער די
אױערען פֿערבונדען, און אַן אײַז־הױך איז איבער די היטלען און קאָל-
נער פֿערפֿרױרען. דער „אײַז־הױך" װערט פֿון דער שטוב־װאַרימקײט
צוגאַנגען, און טראָפּען װאַסער רינען פֿון די היטלען, פֿון די פּעל-
צען; און בײַם דרעהען זיך איבערן שטוב לאָזען זײ נאָך זיך שפּורען
װאַסער איבער. זײ זענען צו צום גרױסען אױװען, װאָס איז אין
אַ װינקעל פֿון שטוב געשטאַנען. דער אױװען האָט זײַן הײץ פֿאַר-
אױס פֿאַר זיך געשיקט און ניט צוגעלאָזט צו זיך. די װאַרימקײט
האָט זײ אַרומגענומען. זײ האָבען זיך די פּעלצען אױסגעטהון און
זענען געבליבען שטעהן אין דיקע מאַנטלען, אַרומגעגאַרטעלט מיט
רױטע גאַרטלען, ערשט דאַן האָבען זיך אָנגעהױבען די בערד צו
װײַזען. טהײל װײַס, טהײל שװאַרץ, טהײל קורצע, טהײל לאַנגע.
די יונגערע האָבען דעם אָרט בײַם אױװען פֿאַר די אַלטע אָבגע-
לאָזט און אַלײן זענען זײ געפֿאַלען װער אױף אַ באַנק, װער אױף
אַ טיש, און האָבען אָנגעהױבען צו דרעמלען. די אַלטע זענען שטיל-
שװײַגענד אַרום אױװען געזעסען, און אַמאָל האָט אײנער דעם אַנדע-
רען אַ קשיא פֿון געשעפֿט געפֿרעגט, און נאָך אַ לאַנגע װײַלע האָט
יענער איהם אַ תּירוץ אָבגעענטפֿערט.

די נאַכט האָט ערשט יעצט אָנגעהױבען הױכען פֿענסטער אַרײַנ-
צוקוקען דורך גרױע ברילען, און עס האָט זיך געדאַכט, אַזױ װי
מען װאָלט אַ פּאָר טונען ליכטיגקײט אין אַ פֿינסטערען נאַכט־ים אַרײַנ-
געגאָסען. און דאָס ליכטיגקײט האָט דאָס פֿינסטערניש קױם מיט
עטװאָס נאָר גרױער געמאַכט. פֿון ערגעץ־װאו האָט זיך אַ לאַנגער,
אױסגעצױגענער קוקוריקו פֿון אַן אױפֿגעװאַכטען האָהן געלאָזט הערען;
רעדער קלאַפּען אױף שטײנער און זײ שלאָגען אָב אײַנזאַם אין דער
שטילער נאַכט. די נאַכט קוקט אַלין מעהר מיט גרױע ברילען הױכען
פֿענסטער אַרײַן, אַ פּנים מען גיסט אַלין מעהר טונען ליכט אין דער

פֿינסטערניש... פֿון אַ צווייטער שטוב הערט זיך רודערען, וואַסער גיסען, דערנאָך טריט־אויף און אַראָבגעהן. באַלד ערהערט זיך פֿון דער צווייטער שטוב אַנ׳אַלט קול, וואָס זאָגט מיט זעהר אַ ווייִנענדיגען ניגון תהלים. און דאָס קול גערט זיך פֿאַר זיך אין אַ ווייטען וועג. באַלד מישט זיך אַריין אַ דרייסט דין־יונג קול׳כעל, וואָס היילט זיך און ווי עפּעס מיט אַ פרעטענזיע מישט עס זיך אַריין אין דעם אַלטען טרויעריגען ניגון: „אָמר אַבַּיֵי" און עס וויל פֿערטומלען. דאָס אַלטע ערנסטע קול, ווי פֿאַר זיך, מיידט אויס דאָס יונגע קול׳כעל און ווייִנט אין דער וועלט אַריין. די יודען ביי׳ם אויוועגן אין דער „שטוב", דערהערענדיג אַ „קול תורה", האַפּען זיך אויף, רייבען זיך די אויגען. אייִנער וואַשט זיך די הענד אָן פֿענסטער, מען נעהמט באַלד אַ סדור׳ל אַרויס פֿון קעשענע, און מען ענטפֿערט אָב מיט אַ שאַרפֿען, האַלב־ליטווישען אַקצענט: „לָמָּה רָגְשׁוּ גוֹיִם" און עס דאַכט זיך, אַז די קולות גיבען זיך אָב אייִנער דעם צווייטען אַ „שלום עליכם" אייִדער מען זעהט זיך נאָך...

און גרויער קוקט אַלץ די נאַכט אַריין דורכ׳ן פֿענסטער, אַזוי, אַז מען הויבט שוין אָן צו צווייפֿלען, אויב עס איז פֿאַר־טאָג, אָדער פֿאַר־נאַכט...

פֿון דער קיך הערט זיך האַלץ האַקען, דערנאָך אייער קנאַקען, מען גיסט עפּעס איבער פֿון איין כלי אין דער צווייטער. די טהיר עפֿענט זיך, מענשען דרעהען זיך, מען קומט אַריין, מען גיסט עפּעס אָן, אָדער מען לעגט עפּעס אַנידער און מען גערט זיך זיין וועג... פֿון אַ ווייטער שטוב הערט זיך אַ קינד ווייִנען... און עס דאַכט זיך, אַז די קולות מישען זיך אַלע צוזאַמען: דאָס יודענ׳ס טרויעריגע תהלים זאָגען, דאָס דינע גמרא ניגונ׳דעל, דער דיענסט׳ס האָלץ־האַקען, דאָס פֿייער קנאַקען, און די קולות גריסען און זאָגען דעם נייַגעבוירענעם טאָג, וואָס קוקט דורכ׳ן פֿענסטער אַריין: גוט מאָרגען!

אין דער שטוב איז שוין האַלב ליכטיג. אויפֿ׳ן טיש זענען אָנגעלעגט פּעלצען, קאַפּאָטעס און שאַלען. אַ הויכער יונג שלאָפֿט אויף דער קאַנאַפּע און שטאַרט זיינע לאַנגע פֿיס אין דער וועלט אַריין...

טהיר און טויערען זענען שוין אָפֿען, און מען דרעהט זיך אַריין און אַרויס. יידען קומען אָן פֿון פֿערשידענעם עלטער,

נידריגע און הויכע, מיט לאַנגע און קורצע בערד. מען גיט זיך אָב „שלום עליכם" איינער דעם צווייטען און תוך כדי דבור איז מען שוין אין מיטען געשעפט. מען רעדט און מען קריגט זיך, אויף טהייל פראַגען ענטפערט מען גאָר נישט און אויף טהייל — צופיעל תירוצים. אָט האַלט שוין איין ייד דעם צווייטען אונטער'ן אָרעם און פיהרט איהם אין אַ ווינקעל אַריין און רוימט איהם עפּעס אין אויער איין. אַ צווייטער שטעהט ביים טישעל, קוקט אין אַ סדור אַריין און וואַרפט אַנויג דאָרט אַהין, און פּלוצלונג האַפּט ער אויך אַ ייד אונטער'ן אָרעם און פיהרט איהם אויך אין אַ ווינקעל אַריין, ווי ער וואָלט יענעם די אויגען געוואָלט אויסשטעכען, ווייזט ער, אַז ער האָט אויך אַ סוד. דערווייל האַפּט זיך נאָך איינער אויף און טהוט זיך אָן טלית און תפילין און שטעלט זיך אַנידער אָבדאַווענען, אַ צווייטער ייד געהט איהם שוין אין וועג אַריין און לאָזט זיך אויך אין דאַווענען אַריין. אין דערזעלבער צייט רעכענען צוויי יודען מיט אַ שטיקעל קרייד אויפ'ן טיש, איינער, מיט אַ נאַסען פינגער, מעקט, וואָס דער צווייטער שרייבט, און דער שרייבט ווידער, וואָס דער צווייטער מעקט. אין צווייטען ווינקעל שטעהען צוויי יודען, און איינער, מיט אַ געל בערדיל און אַ רונדיג בייכעל, צעהלט דעם צווייטען געלד אויפ'ן טיש. ער צעהלט ערנסט, ווי איינער דאַווענט פרום: 76, 75, 74, ווי ער וואָלט וועלען דערמיט דעם אַנדערען זאָגען: זעה, וואָס געלד בעטייט. אינדעם עפענט זיך די טהיר, און עס קומט אַריין מיט אַ געלויף אַ הויכער, בלינדער ייד מיט איין אויג, מיט אַ לאַנגער, רויטליכער באָרד, און ער הייבט אָן, אָהן שום טענות און מענות, צו שיטען דעם געלען, וואָס צעהלט דאָס געלד: „רויטער הונד, 250 רובל גיסט דו? וואָס ביסט דו משוגע געוואָרען?" דאָס געלע יודעל צעהלט ווייטער דאָס געלד — 102, 101. „וואָס האָסט דו צו מיין געלד?" טענה'ט אַליין דער צווייטער. נאָר קוים האָט יענער די פּאָר גילדען צוגענומען, שטעהט שוין דער „רויטער" מיט'ן „געלען" און סודען זיך, שלום געמאַכט. אויפ'ן טיש ליגען פּראָבען ווייץ און רויטע שנופּטיכלעך, און יעדער ייד, וואָס קומט אַריין, האַפּט אַ פּאָר קערענדלעך, בעקוקט זיי צוערשט, האַפּט זיי אין מויל אַריין און פרעגט אין דער וועלט אַריין: „וויפיעל דער מאַרק?" ער בעקומט נישט קיין תירוץ, קנאַקט ער די ווייצלעך און קנייטשט מיט'ן שטערן, אַזוי ווי ער וואָלט אַליין

פֿון זיך טרעפֿען געוואָלט דעם תּירוץ, וואָס ער האָט נישט געקענט אַרויסבעקומען פֿון דעם עולם.

די „שטוב" איז די שטאָדט־בערזע. קליינע סוחרים'ליך קוי־פֿען אויף ביי די פּויערים די תּבואה און מען פֿערקויפֿט זיי „ר' יחזקאל'ס שפּייכלער". אין דער „שטוב" ווערען אָבגעמאַכט אַלע געשעפֿטען, נישט דוקא די, וואָס זענען נוגע צו ר' יחזקאל'ס געשעפֿט, נאָר אַפֿילו דאָס, וואָס איינער האָט עפּעס מיט'ן צווייטען; אָדער גלאַט אַזוי, אַז אַ יוד וויל זיך דרעהען אין אַ „געשעפֿט", אָדער אַז אַ יונגערמאַן געהט דעם ערשטען טריט פֿון קעסט אַראָב און וויל אַריינטרעטען אין האַנדעל, דרעהט מען זיך צוערשט אין „שטוב". דאָס איז דאָס „בית־המדרש" פֿון האַנדעל

ביי דער „שטוב" איז אָבגעזונדערט אַ שטיבעל, „דאָס קאַבי־נעטעל" הייסט עס, פֿאַר ר' יחזקאל'ן אַליין. ביי אַ פֿיער־עקענדיגען שרייב־טיש זיצט זיך ר' יחזקאל אויף זיין „פֿאַטער־שטוהל". ר' יחזקאל אַ נידריג נאָר אַ דיק יודעל מיט אַ רונדיג ווייס בערדעל, האַלט זיך אָן מיט איין האַנד די ברילען ביי דער נאָז, איין גלעזעל פֿאַלט איהם אַלע מאָל אַרויס, און ר' יחזקאל הויבט עס אויף, רייבט עס איבער מיט'ן טיכעל, זעצט עס ווייטער אויף דער נאָז, פֿרעגענדיג עפּעס אָדער אָבענטפֿערענדיג ר' טוביה'ן זיין „מענש". ר' טוביה, אַ הויכער יוד, מיט אַ דאַרען געזיכט, ענטפֿערט אָב ר' יחזקאל'ן מיט איילעניש און מיט אַ געלעכטעריל, אַזוי ווי ער וואָלט זאָגען: „אַלץ איז גוט, אַלץ איז גוט".

ר' יחזקאל איינגעוויקעלט אין זיין לאַנגען ברייטען שלאָפֿראָק און אין דעם פֿיערקאַנטיגען היטעל, קנעטענדיג אַ שטיקעל ברויט צווישען די פֿינגער האָרכט אויס זיין מענש, אַ מינוט בייזערט ער זיך, אַ מינוט ווערט ער ווייטער גוט, ווילענדיג זיך מיט זיין מענשען בעראָטהען.

ר' יחזקאל רוקט אויף אַ שופֿלאָדעל, נעהמט אַרויס אַ פּאַפּיער און זאָגט צו ר' טוביה'ן:

— וואָלף מוז נאָך דאַנציג שרייבען, אַז דער ערשטער טראַנס־פּאָרט איז עקספּעדירט.

עס עפֿענט זיך די טהיר און צוערשט שטעקט אַ קאָפּ אַריין, זאָגענדיג: גוט מאָרגען! און דערנאָך פֿערשווינדט דער קאָפּ און עס בעווייזט זיך אַ הויכער פּויער מיט לאַנגע, פֿערבלאָטיגטע שטיוועל,

וואָס לאָזען נאָך זיך אַ אָנגעהענדיגען ציילען. דאָס פּנים איז בּיי איהם הויט פון היין, טראָפּענס שווייס רינען פון די פּייכטע האָר, און ניט רירענדיג קיין וואָרט, קנעפּעלט ער אויף זיין פּאלטאָ, דערנאָך די וועסט, און שלעפּט פון דאָרט עפּעס אַרויס און גיט איבּער אַ בּריוועל ר׳ יחזקאל׳ן.

בּעת ר׳ יחזקאל לייענט, ווענדט זיך דערווייל ר׳ טוביה צום פייער. טוביה רעדט צו איהם, דער פייער ענטפערט איהם אָבּער ניט. ער קוקט אויף ר׳ יחזקאל׳ן, וואַרטענדיג אויף עפּעס.

— דעם וואָגען שפּאַנען! איך אליין פאָהר קיין טריסק.

— איך האָבּ דערנאָך בּאַלד ניט געהייסען געהן מיט׳ן וואַסער, צווייַ וואָכען פאַר די ימים טובים, ווער ווייסט וואָס סיקען זיך מאַכען? בּיי די ערשטע פרעסט, אַז עס נעהמט געזונד — זאָגט ר׳ טוביה צו ר׳ יחזקאל׳ן מיט אַ מין ווייכען געבּייזער, אליין שוין פערשטעהענדיג און וואָס עס האַנדעלט זיך.

— פערפאַלען, דאָס האָלץ שטעלען האָבּ איך געמיינט, די טראָמפּעס וועגען געוויזען געבּונדען גאַנץ גוט, די שטריק שטאַרק, די טעג שוין, גוטע רעגען זיך? וואָס קען מען מאַכען: עס איז געוויזען מן השמים. גוטע רעגען, פאַר הנוכה וועט זיך די ווייכסעל שטעלען.

— מען דאַרף אַנטיקען און כאַקאָלסקען מיטנעהמען, אויפ׳ן בּוידעם ליגען עטליכע הונדערט שאָק פרישע „סטראָנקעס״. די האַקעס, די שטריק — גיט אַ עצה ר׳ טוביה.

— דאָס איז הייבּט זיך אָהן רירען, שרייבּט מען מיר, גאָט זאָל געבּען, אַז די קראַבּעס זאָלען ניט זיין נרוים. נאָר טריסק דאַכט זיך איז אַ שטיל אָרט, עס איז ניט שטראָמיג און מיט גאָטס הילף, ווען דאָס איז זאָל נאָר ניט מיט אַמאָל בּרעכען, וועט מען קענען דאָס האָלץ ראַטעווען — זאָגט צום סוף ר׳ יחזקאל.

— מיט גאָט׳ס הילף.

— קיין גאָמבּין, דאַרף מען די גאָמבּינער צוויי הונדערט היבּעל שיקען, און בּצלאל צו ר׳ אַברהם פּלאָצקער זאָל ער אין שעמענעגין קויפען. איך האָבּ מורא, אַז די שעמענענער זאָלען ניט די שעפּסען אויסהאַפּען, לאָזען טאָר מען זיך ניט.

און רירענדיג וועגען זיי בּיידע אין דער צווייטער שטיבּ אַריין.

דער עולם איז האַלבּלעך געווען אין הויף בּיים שפּייכלער די הבאה אָבּווענען, אין דער „שטובּ״ וועגען נאָר געווען די אורחים,

וואָס זענען געקומען בײַ נאַכט מיט תּבוּאָה אין „שטוב“ אַרײַן. און נאָך צוויי שטאָדטישע מעקלערס, איינער אַ יוד אין אַ „גויש“ היטטעל, מיט אַ קראַגענדיל, און אַ קורץ רעקעל און מיט אַ שטעקען אין דער האַנד, — דאָס איז געווען „קאָזעק“ דער פּריצישער מעקלער, ער איז געווען געשיקט פון דער צוקערניע פון אַ פּריץ צו ר׳ יחזקאל׳ן. בײַ יעדען וואָרט, וואָס ער האָט געזאָגט, האָט ער דערמאָהנט דעם פּריץ מיט דער „צוקערניע“. דער צווייטער איז געווען ר׳ הסקל עפּשטיין, אַ יוד אַ חסיד, אַמאָל אַליין אַ סוחר, הײַנט אַ אָבגעקומענער, אַ מעקלער איז ער געוואָרען איבערן נאָר נאָמען „עפּשטיין“: עפּעס דער נאָמען פּאַסט צום געשעפט. ער טראָגט אַ בעשטענדיג בעפלעקטען און צוריסענע קאַם־זײַדענע קאַפּאָטע, וואָס האָט נאָך נישט דעם נגידישען גלאַנץ אָנגעוואָרען.

ר׳ יחזקאל האָט די יודען „שלום עליכם“ אָבגעגעבען, און איידער זיי האָבען נאָך אָנגעהויבען אַ וואָרט אויסצוריידען, האָט ער זיי צום כּיור געשטופּט נאָך זיך, אַז זיי זאָלען זיך וואַשען צום עסען. דענסטמאָל איז אין שטוב אַרײַן אַ הויכע, דיקע יודענע אין אַ בּרייטער שירץ. דער דיקער באַנד פון איהרע שליסעלעך קלינגען און זאָגען אָן, אַז זי קומט, און די בּריליאַנטענע אוירינגלעך בלאַנקען אין איהרע אויערען. זי האָט אַ ריין, ווײַס טישטוך איבערן אָנגעשריבענעם טיש געלעגט, און זאָגענדיג צו די מאַנספּערשוינען מיט אַ בּרייט בעל־הבּתּישען קול: ר׳ טוביה, וואַשען, ר׳ נטע שאָכלינער, וואַשען — האָט זי צום טיש געגרייט.

די אורחים האָבען זיך געלאָזט שטופּען צום כּיור, פון הינטען איז געגאַנגען דער מעקלער עפּשטיין. מלכּלה׳לע האָט ברויט אויפ׳ן טיש אויפגעלעגט, דער עולם האָט זיך אַרום טיש געזעצט, פון דער קיך האָט זיך געטראָגען דער ריח פון געפּרעגעלטע ציבעלעס און די פּאַרע פון רויטען בוריקע־באָרשט, וואָס האָט דערמאָהנט פון „פּסח“ און האָט געוועקט די תּאוה צום עסען. עפּשטיין איז געזעסען בײַם טיש, ווי איינער פון די אורחים, האָט גענעסען און געזאָגט גלײַך ווערטלעך. דער צווייטער מעקלער קאָזעק איז געזעסען אין אַ ווינקעל אויף די אָנלעהנען פון שטוהל און זיך די וואָנצעס געדרעהט. ער איז געזעסען אויף אַזאַ אַרט, אַז מען וויל האָט מען געקענט מיינען, אַז ער זיצט יאָ בײַם טיש, און אַז מען וויל קען מען מיינען, אַז ער זיצט נישט בײַם טיש. ער האָט געקוקט אויף עפּשטיינען פון דער

היך. נאר די רינגסט, ווייזט אויס, האט זיך טועה געווען און איהם געמיינט רעכענען, אַז ער זיצט אויך ביים טיש, וואָרום זי האט פאר איהם אויך אַנידערגעשטעלט אַ טעלער. ער, הייסט עס, האט זיך אויך טועה געווען, און צוגערוקט זיך צום טיש עסענדיג אויף אַזאַ אַרט, אַז מען וויל קען מען מיינען, אַז ער עסט ביים טיש, און אַז מען וויל קען מען מיינען, אַז ער פערזוכט נאר...

אין הויף איז איצט נאָך אַ אַנדער לעבען. אַ פּאַר פּורים־טאָג. דער ווינטער איז נאָך אויף דער ערד, אָבער דער פריהלינג שמייכעלט שוין פון הימעל אַראָב, און פון אַלע פיער זייטען וועלט. דער לאַנגגעפֿהירענער שנעע, וואָס איז דורכ'ן ווינטער אַ צווייטע ערד געוואָרען, צורינט און צוגעהט ווי שנעע אין וואַסער. דער זונס ליכטיגע טעכטער — די שטראַהלען — בלאָנדזשען אין דער בלאָטע אַרום. אין הויף איבער די קאָפּ פליהען טויבען אַהין און צוריק, קומען אויף דער ערד אַראָב, האַפּען אַ קערענדיל האָבער און מיט אַ גדולה פערשפּרייטען זיי זייערע ווייסע פליגלען און מאַכען פליטה. אין הויף ליגען קערנער האָבער פערוואָרפען, דער הויף איז אין שפע איינגעטונקט... און הינגער דרעהען זיך, פּיקען די קערנדליך און וואַרפען זיך יעדער פאַר די פיס. ביים שטאַל אויף אַ קייט, אונטער אַ ביידעל ליגט „בורעק”, אַ גרויסער קודלאָוואַטער הונד. ער שטעקט זיין דיקען קאָפּ אַרויס און וואַרט אויף אַ ביינעהל. אין הויף, ווי אין ישעיהו הנביא'ס צייטען, דרעהען זיך אַרום אַ ווייסע ציג מיט געדרעהטע הערנער, אַ נידריגער שעפּס, וואָס האָבען צוזאַמען שותּפות געמאַכט און ציפּען צוזאַמען פון די בינטעלעך היי, וואָס ליגען אויף דער פודער אין מיטען הויף.

אויף דער צווייטער זייט הויף ליגען איינגעפֿירענע ברעטער און קלעצער, אויף דער האַלב איינגעזונקען אין שנעע. יונגען קריכען איבער די קלעצער, דערגרייכען ביז'ן שפּייכלער. די טהירען פון שפּייכלער שטעהען אָפען, און פאַר די טהירען שטעהט אַ גרויסע וואָג. איינער לעגט געוויכט אויף דער וואָג, און דער „שרייבער” (אַ יונגערמאַן אין אַ פּעלצעל און אין אַ פּוטערנעם קאָלנער) האַלט אַ ביכעל אין דער האַנד און שרייבט די געוויכט אין ביכעל אַריין. דורך די אָפענע פערטקע קומען אַריין ציפּאָהרען און פודר נאָך

דער צווייטער, מען נעהמט זעקלעך אראָב, מען וועגט אָב, און מען טראָגט זיי אין שפּאַכלער אַריין.

נאָטע דער יונג ביי די פערד, א הויכער ברייט־ביינינער, פון ר׳ יהוקאל׳ס „גוואַרדיע״, מיט א שוואַרץ, אָבגעברעגט געזיכט, מיט ליכטיגע צוויי גרויסע אויגען, וואָס קוקען פון דערווייטען ווי צוויי שטורקאַצען, פיהרט אַרויס פון שטאַל צוויי הויכע פערד, בולאַנעס. איינס פון די פערד האָט אויפ׳ן שטערען א שוואַרצען רונדען פלעק, וואָס האָט פון צווישען זיין גרויען שאָקאָלאַד־קאָליער ווי א שוואַרץ אויג געשיינט. די האָר ביים האַלדז זענען ביי ביידע פערד געווען צוקעמט און איינגעפּלאָכטען אין פלעכטלעך. די האָבער־קינדער זענען געווען די ליעבלינגען פון ר׳ יהוקאל׳ן, זיי האָבען איהם פערשטאַנען. האָבען געוואוסט, ווען דער וועג איז נויטיג. די בייטש האָט מען נאָר פאַר זיי אַלס פּאַראַד געהאַלטען. עס איז נאָך נישט געווען דער פאַל, אַז זיי זאָלען איהם שבת אין וועג איבערלאָזען. זיי האָבען עפּעס ווי געפיהלט, ווען עס איז פרייטאָג און מען דאַרף זיך אויף שבת אַהיים היילען. ער האָט זיך געקענט אויף זיי פערלאָזען. און ווען זיי פלעגען אַזאַ „שטיקעל״ ווייזען, האָט ער זיי אַליין מיט זיין האַנד געגלעט...

געזאָגט האָט מען, אַז ר׳ יהוקאל׳ס פערד זענען נשמות פון אַלטע בעלי־חובות, וואָס זייערע וועקסלען ליגען נאָך ביי איהם אין שאַנק, און זיי קענען נישט קיין רוה אין קבר האָבען, ביז זיי וועלען איהם דעם חוב נישט אָבצאָהלען...

נאָטע האָט געטראָגען זיין ווינטערדיג קורץ פעלצעל מיט לאַנגע לעדערנע שטיוועל און אויפ׳ן קאָפּ דאָס זעלנערישע רונדיגע פוטערן היטעל, אויף וועלכער עס האָט נאָר דאָס „בלעכיל״ געפעהלט. און מיט א מין רהבות׳קייט האָט ער זיינע הברים צוגעפיהרט צום וואָגען, זיי די האָמעטעס מיט די מעשענע קאַנטען אויף די העלזער אָנגע־טהון, און מיט דעם נייען געשפּאַן אויסגעצירט, דערנאָך האָט ער די בלאָהע בענדערנע לייצעס ביי׳ם דישעל פערבונדען און ער האָט זיך גענומען צום געזעס. אַנטיק האָט פון בוידעם די האָקעס מיט די שטריק אַראָבגענומען און זיי אונטערען געזעס פערפּאַקט. אַריינגעהענדיג אין שטאַל, האָט דערווייל נאָטע אין פענסטער פון דער קיך אַנ׳אויג אַריינגעוואָרפען, זיין אויג האָט זיין שליחות ער־פילט, און באַלד נאָך איהם האָט זיך נאָכגעלאָזט יענטע דאָס דינסט־

מיידעל. דאָס הויטע, געזונדע בלוט, וואָס האָט אין איהרע דיקע, פליישיגע הענד געגרונגען, האָט דורך דעם צוריסענעם קאַפּטען אַרויס־געשפּראָצט. איהרע שוואַרצע לאָקען איבערין הויטען געזיכט, און די שוואַרצע אויגען מיט די שוואַרצע, שאַרפע ברעמען אין איהר יונג־בלוטיג געזיכט האָבען „ווערטער געזעצט״.—„פייער אין פלאַם״. זי איז פלינק אַריין אין שטאַל נאָך נאָטען, און נישט ריידענדיג קיין וואָרט, האָט זי פון אינטערין קאַפּטען אַ האַלבע געקאָכטע הוהן אַרויסגענומען און איהם דערלאַנגט.

נאָטע האָט עס צוגענומען, עפּעס ווי עס קומט איהם דאָס.

זי האָט נאָך געוואַרט...

ער האָט געוואוסט אויף וואָס...

און ווייל זי האָט געוואָלט, וויל ער דוקא נישט. זי הויבט אויף אַ שטרוי און מאַכט זיך אַרויסגעהענדיג.

איצט וויל ער. ער האַפּט זי אָן, נעהמט זי פעסט אַרום מיט ביידע הענד, און האַלטענדיג אין די אָרעמס די בייטש, „זאָ־מעלט״ ער איהר אָן אַ גראָבען קוש אויף דער באַק.

— נו, זאָלסט אַזוי לעבען, אויב וועסט מיט מיר התונה האָ־בען,—זאָגט זי צו איהם, אַוועקנעהמענדיג איהר געזיכט.

— פלינקער, די בעל־הביתטע געהט, האַפּ...—מאַכט ער צו איהר און שטופּט זי אַרויס.

זי דערשרעקט זיך, האַפּט זיך אויף, אָבער באַלד איבערצייגט זי זיך, אַז ער האָט זי אָפּגענאַרט, בלייבט זי שטעהן ביי דער שוועל פון שטאַל:

— צובראָכען זאָלסט דו די הענד און פיס אויפ׳ן וועג! — זאָגט זי מיט אַ שעלמיש געלעכטער אַרויסלויפענדיג.

— דו, סוקאַ איינע,—לאָזט ער זיך נאָך איהר

דאָס שרייבערעל ביי דער וואָג, בעמערקענדיג ווי זי לויפט אַרויס פון שטאַל, ווינקט ער צו אַנטיקען דעם הויף־וועכטער.

— פשאַ קרעוו—לאָזט זיך אַנטיק נאָך איהר.

זי שטעקט אַרויס אויף זיי די צונג און ווערט פערשוואונ־דען אין הויז פון דער קיך.

אַ קנאַק פון נאָטעס בייטש און אַ עזות־דיג רעש׳ן פון רעדער האָבען צווישען געגעבען, אַז די פוהר שטעהט שוין פאַר דער טהיר געשפּאַנט.

און בּאַלד האָט מען אָנגעהויבּען צו טראָגען פון שטוּב אויפ'ן וואָגען פּעקלעך און פּעקעלעך. ר' יחזקאל ריהרט זיך נישט אין וועג אַריין אָהן „צדה לדרך". ר' יחזקאל האָט זיך געוויזען אין גרויסען, בּרייטען שאָפּען־פּעלי'ן, דעם ווינטערדיגען פּאַלטאָ מיט די בּרייטע אַרבּעל האָט מען איבּער'ן געזעס געלעגט (וואָרום אַ טאָג איז געווען אַ שענער, דער פראָסט האָט געלאָזט, און די זון האָט אין הימעל געלאַכט), נאָך איהם זיין ווייבּ מלכה'לע — מיט אַ ברכה אויף די ליפּען, און הברה קינדערלעך, קליינע און גרויסע, טהייל האַלטענדיג אין די הענד גמרות — מיטגענומען אין הדר אַריין נאָכ'ן אָנבּייסען, קלענערע — בּייגעל מיט פּוטער, נאָך טהייל האָט דער „בּעהעלפער" אונטערגעשטופּט: „אין הדר אַריין". די קינדער אָבּער, מעהרסטענטהייל אין פּעלצלעך אָנגעטהון, ווארטען אַרום דער פוהר.

— זיידעשי, זאָל דער זיידעשי פאָהרען געזונדערהייט!

— בּלייבּט געזונד און לערענט מיט השק! — האָט זיי דער זיידע איטליכען בּעזונדער די האַנד געגעבּען, פון דער הויזען־קעשענע אַ גרויסען בּייטעל אַרויסגענומען און די קינדער לעטק־געלד געטהיילט.

פון דעם פענסטער פון צווישען די צוויי געהאָפּטענע גאַרדינען האָט אַ מיידעלס געזיכט אַרויסגעשיינט. דאָס האַלבּע געזיכט, אַנ'איידעל געררייטעלטע בּאַק מיט אַ שוואַרצען זיידערנעם לאָק און מיט אַ בּלאָהען בּאַנד פערבּונדען, האָט איידעל און אַריסטאָקראַטיש פון דערווייטען צום פאָטער אַהין געשאָקעלט:

— פאָהר געזונדערהייט, טאַטעשי!

ר' יחזקאל איז אויפ'ן וואָגען אַרויף. זיצענדיג אויפ'ן וואָגען, האָט ער נאָך עפּעס מיט ר' טוביה'ן, זיין מענש, גערעדט, געזעגענט זיך, און אַהין געשאָקעלט צו מלכה'לען: בּלייבּ געזונד, בּלייבּ געזונד! דערנאָך צום מיידעלס ליכטיגען געזיכט: בּלייבּ געזונד, לאה'לע! און צו די אייניקלעך פון וואָגען אָנגעזאָגט:

— איהר זאָלט בּעגעהרען צו לערנען!

אין אַ ווינקעל איז יענטע געשטאַנען. איהרע הענד האָט זי אויפ'ן האַרץ פערלעגט און געקוקט אויף נאָטען, ווי ער זיצט זיך „שטייף" און שטאַרק אויף דעם „קאָרשעל" אין זיין קורץ פעלצעל, און דאָס ממזר'ישע, וואוילעשע היטעלע ווינקט אַראָב צו איהר. ער האַלט די לייצעס אין דער האַנד, גרייט אין דער וועלט זיך

צו לאזען, ווי דיינע פערד, די חברים, וואס קענען נישט איינשטעהן און האקען מיט זייערע פארקאוועס אויף די שטיינער.

יענטע האט געשמייכעלט.

נאכדעם א קנאל פון דער בייטש האט איהר א גרוס אפּגעגעבען: בלייב געזונד, יענטע!

די סאפענדיגע פערד האבען זיך אין דער וועלט געלאזט, אויסמיידענדיג דאס שטילע, רוהיגע, פריה־מארגענדיגע שטאדט־געסעל — און נאכטע מיטן וועלנערישען היטעל איז ערגענדוואו פערשוואונדען געווארען...

אין דער „שטוב" ביי ר' יחזקאל'ן איז איצט שטיל. דער עולם האט די געשעפטען אבגעמאכט. די פרעמדע, וואס זענען ביינאכט געקומען, האבען זייערס פערקויפט, איינגעשפאנט און אבגעלאזט זייער ארט אנדערע סוחרים, וואס וועלען קומען ביי דער נאכט. די גרויסע קאנאפע זעהט זיך ערשט איצט ארום מיט איהר לעדערענעם, אלט־מאדישען איבערציהער און מיט אלע איהרע „גריבער" און „בערגער", וואס זענען אין איהר. דער לאנגער טיש אין מיטען „שטוב" איז בעשריבען מיט קרייד, דער שווארצער אויווען איז בעשריבען, די הילצענע שאנק איז בעשריבען און אלע שטוהלען און בענק זענען „אנגערעכענט", און די רעכענונגען אויף טיש און בענק, אויף שראנקען און וואנד זעהען אויס ווי כלי־זיין, וואס די וועלנער האבען זיי איבערגעלאזט אויפ'ן שלאכט־פעלד און זענען אנטלאפען פון זיי. און די רעכענונגען קוקען אויף דער צווייטער אן, און קריגען זיך, און שטעלען איינע דער צווייטער די אויגען אויס...

באלד זענען אריינגעקומען צוויי נידעריגע, פעטע יונגע־מאנטשיקלעך: האצקיל און בעריל, מיט נידעריגע, רונדיגע בייכלעך. די משפחה־גריבעלעך ביי זייערע ווינקעל־נעזער זאגען אויס, אז זיי זענען ברידער; ר' יחזקאל'ס שוועסטער־קינדער. אמאל זענען זיי צוויי יונגע לייטלעך אויף קעסט געוועזען — היינט זענען זיי אויך נאך קעסט־יונגע־לייטלעך — נאר זיי דרעהען זיך שוין אין „שטוב" ארום. א משפחה, און זיי קומען נאכ'ן אנבייסען צולעגען זיך אויף דער קאנאפע, פאר מיטאג.

ביידע מיט אמאל, ווי עס פאסט פאר צוויי ברידער, האבען

זיי זיך בּייַנאַנד אויף דער קאַנאַפּע אַרויפגעלעגט, די פּאַלטאָס אויסגעטהון, קונציג זיי פֿאַר קישעלעך געמאַלט און אונטער די קעפּ זיך אַרונטערגעלעגט. צוערשט האָבּען זיי זיך אין דער שטיל — אַזוי ווי עס וואָלט זיי אַ שאָד זיין אויף דעם אַ וואָרט אויסצוזאָגען — געשטופּט זיך, געשטויסען זיך. יעדער האָט פֿאַר זיך דעם אַנלעהנער געוואָלט. נאָר אַזוי ווי זיי האָבּען זיך אָהן ווערטער געקריעגט, אַזוי האָבּען זיי אויך אָהן ווערטער צווישען זיך שלום געמאַכט. איינער האָט דעם אָנלעהנער גענומען, און דער צווייטער האָט זיך צו זיינע פֿוסענס געלעגט.

האַצקיל, דער עלטעסטער בּרודער, האָט קונציג זיך געקראַצט מיט איין פֿינגער אין זיין געל בּערדעל און האָט זיך פֿערטראַכט אויף אַ רעכענונג, וואָס איז איהם געגענאיבּער פֿאַר די אויגען געשטאַנען:

— 7 מאָל 38 וויפֿיעל מאָל האָבּען מיר, האַ, בּעריל?

נאָר בּעריל האָט איהם מיט דער נאָז אָבּגעענטפֿערט. האָט זיך האַצקיל מיישב געווען, זיך צו דער וואַנד אויסגעדרעהט, און עפּעס ווי וועלענדיג אָבּטהון בּעריל'ען, האָט ער אויך דאָס זעלבּע געטהון...

II.

אַ הייזעל בּיי דער ווייכּסעל.

איינס אַליין און פֿאַר זיך אַליין שטעהט זיך אַ הייזעל אין טהאָל צווישען צוויי הויכע בּערג, וואָס לאָזען זיך ווייט און הויך אין דער וועלט אַריין, בּיים בּרעג פֿון טייך ווייכסעל. ווינטער איז עס. גאָט'ס וועלט איז אינגאַנצען אין שניי פֿערטרונקען. אונזער הייזעל, ווי אַן אַלטער בּעל־הבּית אין תּכריכים, שטעהט זיך בּיים בּרעג, קוקט זיך צו צום פֿערפֿרוירענעם טייך זיין שכן און עס שווייגט, בּיז דער טייך וועט צו תּחית־המתים אויפֿשטעהן. דערווייל איז דער טייך געשטאָרבּען, געפֿרוירען און מיט אַ ווייסען קיטעל איינגעהילט. ראָבּען פֿליהען אויף זיין בּרייט און לענג, שטעלען זיך אויף דעם טייכ'ס רוקען און לעכערען זיין אָבּגעטאָקטע דעקע. טהיילמאָל געהט

אַ מענש איבערן טײַך, און דעם מענשענס פיס זיכען און דעם ווײַ־סען, מיטפען שנײַ. און פון בײַדע זײַטען הײַזעל וועהען אויס די הויכע בערג, ווי שטיקער געפאַלענע פליגעלען פון אַנאָדלער, וואס ליגען איינער אויפ'ן צווייטען. אָדער ווי שטיקער געפרוירענע וואָל־קען וואָלטען געפאַלען איינס אויפ'ס צווייטע. אויף די הויכעס בערג קריכען נידעריגע שנײַ־בוימעלעך; און בוימעל, בעדעקט פון קאָפּ ביז די פיס און שנײַ. האָט זיך אויפ'ן שפּיץ באַרג אויפגעהאַפט, עס שטעהט איינס אַליין און דער הויך און עס קוקט זיך ווײַט און ברייט און דער ווײַסער וועלט... בײַים ברעג פון טײַך, צישיסענס דעם באַרג און צוקאָפּענס דעם טײַך, שטעהט אַ שטערענע בוימער, איינס נאָבן אַנדערען מיט שנײַ בעדעקט, וועלכע זעהען אויס ווי ווײַסע עדות, וואָס שטעהען און היטען דעם רוהיגען מת, דעם טײַך...

און דעם הײַזעל וואוינט אַ משפּחה פון יאָהרענלאַנג, דורכ־לעבט מען מיט זיך און מיט'ן טײַך, דעם שכן. „חיים איבערפיה־רער'ס" הייסט דאָס הײַזעל הײַנט. אמאָל מיט אַדרײַסיג יאָהר צו־ריק האָט עס געהייסען „משה איבערפיהרער'ס", און אפשר און צוואַנציג יאָהר אַרום וועט עס נאָר הייסען „דוד איבערפיהרער'ס". נאָר עס איז ניט קיין חילוק, דער נאָמען טוישט זיך נאָר מיט די יאָהרען. אָבער דאָס הײַזעל, דאָס וואַסער און דער נאָמען „איבער־פיהרער" בלײַבען ביז איצט. דער הײַנטיגער „איבערפיהרער" הייסט חיים און איז אַ ייד פון אַ יאָהר פופציג, אַ הויכער און אַ דאַרער. דאָס פּנים אויסגעצויגען און די ווײַסע באָרד אויסגעצויגען, און דער הויכער געקניטשטער שטערן איז אויסגעצויגען. אַ וואַסער־קינד, אויפגעצויגען געוואָרען בײַים וואַסער, און ווער ווייסט, אויב זײַן קבר וועט ניט זײַן אין וואַסער. נו, וועט עס אין וואַסער גופא ניט זײַן, על כל פנים וועט עס זײַן בײַים וואַסער. און וועט אַ געוויסער קומען, וועט איהם דאָס וואַסער פון קבר אַרויסנעהמען און מיטפיהרען איהם מיט זיך קיין דאַנציג, אַזוי ווי עס האָט מיט זײַן פאָטער און מיט זײַן זיידען געטהון... און וואָס איז דער אונ־טערשייד, צי מיט דער ערד, אָדער מיט'ן וואַסער אויסגעמישט צו ווערען? די ערד איז טויט, די שווײַגט תמיד און שטעהט תמיד אויף איין אָרט, דאָס וואַסער לויפט, אײַלט זיך אין דער וועלט אַרײַן, עס לעבט האָטש...

משפּחה מיט׳ן וואַסער איז ער שוין פֿון לאַנג. דאָס וואַסער דאַרף יעדעס יאָהר אַ מענש, און זײַן משה׳לע איז שוין פֿון לאַנג מיט׳ן וואַסער געוואָרען אויסגעמישט, און דרעמעלט דער „איבערפֿיהרער” אַמאָל שבת נאָכ׳ן מיטאָג בײַ׳ם ברעג אײַן, און אַ הוואַליע קומט צולויפֿען און רוישט, דאַכט זיך איהם, אַז משה׳לע מיט זײַנע חברים, די הוואַליעס, זענען איהם געקומען וועקען...

זומער ציהט ער די פּרנסה פֿון וואַסער, אַ גאַנצע וואָך איז ער אויף דעם שיפֿעל, און זײַן לײַוועגד שפּאַלט און שײדט אָב אײן הימעל פֿון צווײטען... שבת. דאָס וואַסער פֿיהרט זיך יודיש־ליך, עס האַלט מיט שבתים און ימים־טובים, שטיל איז עס, עס קושט אײן הוואַליע די צווײטע, און ער מיט׳ן ווײַב זיצען פֿאַר דער טהיר. ער זאָגט פּרק. דאָס ווײַב לײענט אין „צאינה וראינה” און זײ דערצעהלען די הוואַליעס גאָט׳ס וואונדער, און יעדע הוואַליע האַפּט אַ וואָרט און מאַכט פּליטה. ווינטער איז דער טײַך געפֿרוי־רען, צוגעדעקט אין זײַן שײד. דאָס הײַזעל איז פֿערשנײט, פֿער־שאָטען פֿון קאָפּ ביז צו די פֿיס. פֿון דעם בלומען־פֿערקאָוועטען פֿענסטערעל שטאַרט אַרויס דעם איבערפֿיהרער׳ס אַנ׳אויג און בע־טראַכט דעם שותּף, דעם טײַך, ווי ער איז צוגעדעקט, געפֿרוי־רען. דער „איבערפֿיהרער” קוקט און קרעכצט. צווײ זענען פֿערפֿרוי־רען: דער טײַך הינטער׳ן אײַז און דער „איבערפֿיהרער” אין זײַן הײַזעל. און ווען דאָך וואַסער רײַסט זיך פֿון הינטער זײַן דעקע אַרויס און לעבט אויף, דענסטמאָל קריכט פֿון זײַן ווינטערדיגען קבר אויך דער „איבערפֿיהרער” אַרויס, האָט אַ הנאה פֿון זײַן שותּף, וואָס איז צו תּחית־המתים אויפֿגעשטאַנען, און ער שמירט אויס זײַן שיפֿעל מיט סמאָלע.

בײַ נאַכט. די געגענד איז אַרום שטיל. דער הימעל קיקט מיט ליעבשאַפֿט אויף דער וועלט, ווי אַ טאַטע אויף זײַן הויזגע־זינד. די פֿעלדער זענען מיט שנײ בעדעקט, און די בערג זענען ווי טויטע ריעזען אין זײערע תּכריכים. דענסטמאָל שימערט פֿון „איבערפֿיהרער׳ס” פֿערקאָוועטען פֿענסטעריל אַ שטראַהל ליכטיגקײט אַרויס און דרינגט ערגעץ־וואו אין דער וועלט אַרײַן. ווײַט ערגעץ בלאָנדזשעט אַ פֿוסגעהער, ער דערזעהט דעם שטראַהל, וועלכער פֿיהרט איהם גלײַך צום פֿענסטער פֿון הײַזעל די נאַכט איבערצונעכטיגען.

עס איז נאָך ווינטער. מיט שניי אַרום איז אַלין נאָך בעדעקט, נאָר דאָך קוקט שוין גאָט פֿון דער הויך מיט קלאָרע אויגען אַראָב. די זון איז איבער די גרויע ווינטערדיגע וואָלקען פֿערשפּרייט, און איהרע שטראַהלען לעכערען די ווינטערדיגע דעקע. אויף די אַרוי־מיגע בערג צוגעהט דער שניי קלאָר, ריין; קיין מענשענס פֿוס האָט נאָך נישט זייער ריינע ווייסקייט בעריהרט. און גאַנצע שטראָ־מען צוזאַמענגענער שניי לאָזען זיך גליטשענדיג פֿון די בערג אַראָב און פֿאַלען אין דעם האַלב־געפֿרוירענעם טייך אַריין. דאָס אייז אי־בערין וואַסער איז ריין און דורכזיכטיג, און דאָס וואַסער קוקט דורך איהם, ווי דורך אַ קלאָרע שויב אַרויס. טהיילמאָל וואַרפֿט זיך אַ פֿיש אַרויף, האַקט אויף די שויב מיט'ן וויידעל, וואַרפֿט אַ בליק אויף גאָט'ס פֿרייע וועלט און פֿאַר גרויס גדולה, אַז די מאַמע, דאָס וואַסער, וועט באַלד פֿון זיך די שויב אַראָבוואַרפֿען, לאָזט ער זיך מיט־נאָרקענדיג אין וואַסער אַריין די בשורה די חברים אָנצוזאָגען. און אַלין אַרום איז בעהאַפֿטען איינס מיט'ן צווייטען, אַלין האָט דער שניי צוזאַמענגענאָסען. קלאָר, ריין, העל, נאָר אין שוואַרצער פֿלעק שטערט די ווייסע שניי־וועלט — דאָס הייזעל, וואָס עס שטעהט זיך איינס אַליין אין טהאָל.

די היימישע געהט מיט'ן עמער צו דעם ברונעם, וואָס איז הינטער דעם הייזעל. מיט אַמאָל דערזעהט זי פֿון דערווייטענס ר' יחזקאל'ס פֿוהר. זי האָט באַלד די פֿערד דערקאָנט, און זי האָט צום מאַן דורכ'ן פֿענסטער אַריינגעקלאַפּט.

— חיים, דער סוחר פֿון די טראַטוועס פֿאָהרט.

— געמאַכט ווי אַ חכם, און אַ פּאָר שעה אַרום וואָלט פֿון האַלין קיין לעק ניט געבליבען — האָט חיים אָבגעענטפֿערט אַרויס־געהענדיג אויף דער שוועל פֿון דער טהיר.

און וואָהר איז עס. צווישען די ווייסע פֿעלדער שוואַרצט זיך דער וועג און אויפֿ'ן וועג לויפֿען צוויי גרויע פֿערד, וואָס קומען וואָס אַמאָל נעהענטער.

באַלד איז נאָטע מיט אַ קנאַל פֿון דער בייטש צום הייזעל צו געפֿאָהרען. די פֿערד זענען געווען צוהיצט, פֿערסאָפּעט. ר' יחזקאל אָנגעטהון אין זיין דיקען שאָפּען־פּעלץ, איז פֿון דער פֿוהר אַראָב פֿרעגענדיג:

— נו, וואָס מאַכען דאָרט מיינע העלצלעך?

— מיר האבען געטהון, וואס מען האט געקענט. מען האט נאך אמאל מיט שטריקאוועס געבונדען, מיט ברעטער צוזאמענגעקלאפט און מיט [illegible] שטריק צום ברעג פערפעסטיגט, אבער ווער ווייסט? שפיל דיך מיט איהר — האט היים אויסגעלאזט מאכענדיג מיט די האנד, ווי ער וואלט דערמיט געוואלט געבען פערשטעהן די גבורות פון איהר, פון זיין ווייכסעל.

ר' היים איז צוגעגאנגען צו ר' יחזקאל'ן און האט איהם אפגעשטעקט „שלום-עליכם", און ר' יחזקאל איז מיט א אראפגעלאזענע קאפ אין שטיבעל אריין.

אין דעם קליינעם, רוהיגען שטיבעל זענען געשטאנען צוויי הויכע בעטען, פול אנגעלעגט ביז אין האלבען באלקען מיט דעקען, אין וועלכע עס האט זיך אויפגעהאלטען די פעדערן פון די אלע גענז און קאטשקעס, וואס די יודענע האט צייט נאך איהר התונה יעדען פרייטאג געשאכטען — אויף אויסשטייער פאר שוועסטערן־קינדער אויף התונה. פון דעם קליינעם שויבען־שיינקעל וואס איז געשטאנען אין א ווינקעל שטוב — האבען רויטע עפעל ארויסגעקוקט, וועלכע האבען פערשפרייט א עפעל־געשמאק אין דעם קליינעם דארפישען שטיבעל.

ר' יחזקאל האט זיך ביים טיש אוועקגעזעצט. פאר עגמת־נפש, האט ער נישט דעם שאפען־פעליץ אויסגעטהון און האט צום פענסטעריל ארויסגעקוקט, ארום איז נאך שטיל, נאר פון גאנץ ווייט הערט זיך א מין גיסען. דאס זאגט אן שלעכטע בשורות, און פון ר' יחזקאל'ס ברוסט האט זיך אויס געוועהנהייט א „רבונו של עולם" ארויסגעריסען.

נאטע איז אריין אין שטוב און האט עפעס דארט ביי דער פהיר געזוכט. די היימ'טע האט זיך מיט איהם געקריגט, וועגען האלץ האקען. באלד האט א פייעריל געקנאקט אין קיך — א יאכעל פאר'ן סוהר אבצוקאכען. די היימ'טע ביי דער קיך זעהט, אז דער סוהר זיצט פערקלערט ביים טיש, הויבט זי איהם אן צו טרייסטען:

— זארגט נישט, סוהר, וועגען די טראטוועס, גאט וועט העלפען און וועט אייער סחורה פון וואסער ראטעווען.

ר' יחזקאל האט זיך אומגעקוקט און דערזעהן די היימ'טע, זי, א יודענע טרייסט איהם, האט ער זיך פאר זיך אליין פערשעמט, און איז ארויס אין הויף.

— פֿירט מיך, ר׳ חיים, צום געהילץ — האָט ער צו חיים׳ן געזאָגט, טרעפֿענדיג יענעם צוויי עמער וואַסער טראָגען — נאָטע, קום מיט.

חיים האָט די עמער אין שטאַל געטראָגען. אַלע דריי זיי־נען הינטער׳ן הייזעל צום געהילץ אַרונטער.

אַז מען האָט נישט געוואוסט, האָט מען נישט געקענט בע־מערקען, אַז דאָרט ליגט האָלץ. האַלבליך איז עס אין איין איינ־געפֿרוירען, און פֿון אויבען איז עס מיט וואָס צוגעדעקט. נאָר לאַנגע ברעטער זעהען זיך וואו ניט וואו אַרויס, און לאַנגע דיקע שטריק זיינען אָנגעבונדען אָן דיקע בוימער, וואָס שטעהען ביים ברעג.

— אַ שלעכט, אַ שלעכט געשעפֿט, — ברומט ר׳ יחזקאל פֿאַר זיך און מעסט מיט דעם שטעקען אין דער לופֿט לויט דעם אויג, וויפֿיעל אייל ווייט קען דאָס געהילץ ליגען פֿון ברעג.

— מען מוז קיין יאַנאָשען געהן מיערן שאַפֿען, וואָס מעהר פֿיערן, און אַזוי ווי דאָס איין וועט נאָר אָנהויבען זיך רירהען, מוז מען דאָס געהילץ פֿון וואַסער אַרויסנעהמען. — וויפֿיעל עס זאָל קאָסטען — פֿערפֿאַלען.

— וואָס דען? אַז דאָס איין וועט אָנהויבען רירהען, וועט עס דאָס געהילץ ווי אַ פֿעדערל מיטנעהמען — שטימט ר׳ חיים מיט, מיט אַ מין בעהאַלטענער גאוה אויף זיין וואַסער.

— עס ליעגט ניט ווייט פֿון ברעג. אין גאַנצען אַן איל צוויי, דריי.

— מען מוז זיך צואיילען. פֿון אויבען קימט דאָס איין אָן אין אַלע מינוט,— זאָגט ר׳ חיים שוין געהענדיג.

ר׳ יחזקאל האָט איהם אַ פּרוּבלדיגען געגעבען, אַז ער זאָל פֿון דאָרף אָקעגט מיטברינגען און אַליין איז ער צוריק אין ר׳ חיים׳ס שטיבעל אַריין.

אין שטיבעל ביי ר׳ חיים׳לען האָט זיך געטראָגען אין דער לופֿט אַ ריח פֿון קאַרטאָפֿלעס מיט באָבעס (די חיים׳טע ווייסט שוין פֿון לאַנג, אַז פֿון איהרע „באָב״ לעקען די סוחרים די פֿינגער); די חיים׳טע איז אינגאַנצען אין דער קיך געווען פֿערטהון. נאָטע איז געזעסען אין אַ ווינקעל ביי דער קיך, די שטיוועל אויסגעטהון, און האָט זיך די אָניצעס געטריקענט, שמועסענדיג דערווייל מיט די חיים׳טע וועגען אַ כלה.—די חיים׳טע האָט איהם אַ שדוך אָנגעשלאָ־

גען מיט איהר׳ס אַ שוועסטער־קינד פֿון יאַנאָשעץ, זעהר אַ שען, געזונד מיידעל מיט אַ פּאָר הונדערט גילדען. און וועט דער סוחר איבּער שבת איבּערבּלייבּען, וועט זי איהר שוועסטער־קינד אהער בּריינגען.

נאָטע איז געזעסען און האָט דעם שמועס ערנסט אויסגעהאָרכט און מיט׳ן קאָפּ צוגעשאָקעלט; געוואָלט האָט ער דערווייל בּיי דער אַלטער אַ גיט מיטאָג אויסנאַרען. ער האָט זיין עסק פֿערשטאַנען. די אַלטע איז בּאַלד צו איהם משפּחה׳דיגער געוואָרען. ר׳ יהוקאל גיז אַריינגעקומען, איז דער שמועס געוואָרען איבּערגעהאַקט.

ר׳ יהוקאל האָט שוין געפֿונען דעם טיש געדעקט מיט עפּעס אַ מין מאָדנע „צוועל״, וואָס זעהט אויס צו זיין אַ קאָלדרע אויף די בּעטען, מיט אַ בּלעכענעם אויסגעריבּענעם לעפֿעל, מ. ה. אַ קלינג פֿון אַ מעסער און אַ גאָפּעל, אַ היימיש־געבּאַקען ראַזעוואַנע בּרויט, און אַ זאַלץ־מעסטעל. ר׳ יהוקאל האָט זיך געוואַשען, אַ מוציא געמאַכט, און די היימ׳טע האָט איהם אַ טעלער דערלאַנגט, פֿון וועלכען די פֿאַרע האָט די שטוב איינגענומען. ר׳ יהוקאל האָט קנאַפּ פֿערזוכט, אַוועקגערוקט פֿון זיך דעם טעלער, די שיריים איז פּאַה נאָטען געוועזען...

ר׳ יהוקאל האָט פֿלינק אָבּגעבּענטשט און איז צום געהילץ אַרויס, ער האָט זיך בּיים בּרעג אַנידערגעשטעלט און געוואַרט.

און איבּער דער ווייט און איבּער דער בּרייט פֿון דער וויי־סער וועלט האָט זיך זיין אויג פֿערוואָרפֿען. דאָס וואַסער לויפֿט פֿון די בּערג און עס גיסט זיך איבּער׳ן איין. פֿון דערווייטענס הערט זיך אַ קנאַק. אַ שטיק איין, אַ האַלבּער טייך קומט אָן און רייסט זיך ווייטער, דאָס וואַסער רוישט שטראָמענדיג אין אַ רינגע פֿון צוויי־שען צוויי שטיקער איין, און מיט אַ רעש שטראָמט עס פֿון דער רינגע אַרויס און עס לעכערט דאָס איין, אויף וועלכען עס רינט אַרויף. אַ הוואַליע וואַסער קומט אָן צולויפֿען און גיט זיך אַ גאָס איבּער׳ן איין, בּאַלד נאָך דער הוואַליע הערט זיך אַ קנאַק; דאָס איין שפּאַלט זיך און אַ ריזיק שטיק פֿון איהם שטעלט זיך קאַפּויר און ווערט די רגע צושמעטערט אויף שטיקלעך. דאָס וואַסער לאָזט זיך אין אַ שטאַרקען שטראָם אַרויס פֿון זיין געפֿרוירענער דעקע, מיט־שלעפּענדיג מיט זיך די הרוגים, די צובּראָכענע שטיקער איין, און מאַכענדיג מיט זיי אַ שפּיעלעכיל, אַ דריידעל אין קאָהן, צווישען צוויי

הואַליעס, וואָס איינע וויל די צווייטע האַפּען, און פּאַטשען זיך
אין פּנים אַריין...

אַט שוימט שוין דאָס וואַסער און עס ברעכט דאָס אייז ביי'ם
ברעג, וואו דאָס האָלץ ליעגט. ר' יחזקאל הערט שוין דעם קנאַק.
דאָס שטיק אייז איז געפּלאַצט, נאָר עס ריהרט זיך נאָך נישט.
דער באַלוואַן איז צו גרויס און צו דיק, אַז דאָס וואַסער זאָל
איהם קענען בעוועגען. דאָס וואַסער האַלט דערמיט מלחמה, עס
שיקט נאָך אַ הואַליע און נאָך אַ הואַליע. דער באַלוואַן ריהרט זיך
נישט. קלענערע שטיקלעך אייז ווערען אין איהם צוהאַקט, צושמע-
טערט און געהען אונטער, נאָר ער שטעהט אָבער נאָך אַ מינוט און
אונטער איהם הויבט אָן ברעטשען, און דאָס אייז ווערט צוטיילט
אויף קליינע שטיקלעך. אַט ווייזט זיך דאָס געהילץ. איין טראַטווע
איז אָנגעבונדען אָן דער צווייטער, און איינע הויבט זיך, רייסט זיך
פֿון דער צווייטער. ר' יחזקאל קוקט אויף זיין פערמעגען. עס שטערט
אין סכנה. די שטיקער אייז פּרובען זיך פֿון אָרט ריהרען. די שטריק
סקריפּען ביי די בוימער. זיי רייסען זיך. די לעצטע מינוט. ר'
יחזקאל טרעט נעהענטער צום וואַסער צו, ער שטעקט די האַנד אויס,
ער וויל אָנריהרען מיט די הענד, און קוקט זיך אום, אויב מען
זעהט נישט די פּויערים—קיינער קומט נישט. דאָס וואַסער לויפט,
איילט, דאָס אייז פּלאַצט — זיין פערמעגען ראַטעווען, אוי, רבונו
של עולם, זיין פערמעגען ראַטעווען.

קומט אָן צולויפען ר' חיים מיט פּויערים אַ גאַנצע מחנה.
ר' יחזקאל דערזעהט זיי פֿון דערווייטען, ער ווינקט מיט די הענד.
די פּויערים קומען נעהענטער, טהייל האַלטען העק, לאַמען, קייטען
און שטריק, ר' יחזקאל קריגט מעהר מוטה, ער לויפט פֿאָראויס—
ער קוקט נישט אויפ'ן אייז. דאָס וואַסער איז הינטער זיינע פֿיס,
ר' יחזקאל קוקט נישט,—מיט גאָט'ס הילף, די פּויערים נאָך איהם,
מען פֿרעגט נישט אויף קיין לוין—וואָס? ווען? מען דאַרף דאָס
האָלץ ראַטעווען. מען האַקט העק אַרויף אויף די טראַטוועס, מען
שניידט דורך די „שטריקאַווקעס", מען שניידט אָב איין טראַטווע
פֿון דער צווייטער, דאָס אייז ברעכט זיך, מען האַקט, מען ציהט
ביי די שטריק, ווער קוקט אויף עפּעס? מען שפּרינגט איבער פֿון
איין קלאָץ אויף דעם צווייטען—פֿון ברעג ציהט מען, וויפֿיעל מען
קען ראַטעוועט מען אַרויס אויפ'ן ברעג. די איינצעלנע טראַטוועס

בינדט מען מיט שטריק און מען פערפעסטיגט זיי שטארקער ביי'ם ברעג.

און דאס וואסער האט זיך געגאסען אויפ'ן איין און מלחמה געהאלטען מיט איהם, אזוי, אז דאס אויג האט געצווייפעלט, וואס איז מעהר פון אויבען אויפ'ן טייך: דאס אייז אדער דאס וואסער. מיט א שטראם האט זיך געלאזט און געווארפען איין שטיק אייז אויפ'ן צווייטען, און איין באלוואן איז מיט'ן קאפ אריין אין צווייטען און יענעם צושמעטערט אויף שטיקלעך; פלוצים האט זיך אויפגעהויבען א שטיק אייז אין דער הויך און האט אבגעהאלטען זיינע חברים, וואס לאזען זיך נאך איהם; און די שטיקער אייז זענען ארויף איינס אויפ'ן צווייטען, איינס אויפ'ן צווייטען, און א בארג אייז איז אין מיטען וואסער שטעהן געבליבען, דאס וואסער האט מיט דרך־ארץ געמוזט פאר זיי אבטרעטען. נאר באלד האבען די הוואליעס וואסער, ווי זיי וואלטען זיך איין האנד געמאכט, גענומען זיך אויף אמאל אריין אין בארג און איהם צושמעטערט, הרוב געמאכט, און דאס וואסער האט זיי אין דער וועלט געפיהרט, היידא...

דאס וואסער ברעכט אלץ, און די פויערים פליהען פון איין שטיק אייז אויפ'ן צווייטען.

דערווייל האט די נאכט זיך אנגערוקט. פון אויבען איז דער הימעל אין א חמארע געפרוירען געווארען, נאר דאס וואסער האט זיך ווייטער דאס זייניגע געטהון, און די פויערים האבען אויך דאס זייניגע געטהון — שייטלעך האלץ אין סמאלע איינגעטונקט און אנגעצונדען, און די נאכט האבען זיי בעלויכטען; דער עלסטער און מיט איהם די פויערים — איין בעלקע נאך דער צווייטער אויפ'ן ברעג ארויסגעקראגען, און דאס וואסער האט גערוישט, געווארפען זיך און דאס האלץ געשלעפט צו זיך.

דערנאך, אז מעהר פון די העלפט האלץ איז שוין אויפ'ן ברעג געלעגען, האט ר' יחזקאל זיין פוהר געשיקט אין שטעדטיל אריין נאך בראנפען, אליין איז ער צו ר' הימ'ן אין שטיבעל אריין.

ביי'ם טיש האט ער געטראפען א יודען אין א לאנגען פוטער מיט א לאנגער, שווארצער בארד. ער איז געזעסען האלב „אוועקגעלעגט" אויף א שטוהל און געשמועסט מיט א בחור'ל פון א יאהר פופצעהן — מיט א חנ'ודיג פנימ'ל, וואס זאגט מעהר אוים פון פא-

טערים נגידישקייט ווי פון פאטער אליין. ער איז געזעסן אין א באמטען הישעלע מיט פאותלעך און מיט א זיידען האלדזטיכעל. א נגידישער חן און רוהיגקייט איז געווען אין זיין טאקט, אין זיין מינע. ר׳ יחזקאל׳ן איז ער באלד געפעלען. ער איז צוגעגאנגען און די הענד אויסגעשטרעקט:

— שלום עליכם, יודען.

— עליכם שלום.

— היגע? — האט ווער פון זיי געפרעגט, אדער ביידע אינאיינעם.

— איך בין א קאנסקער־וואליער, מען דארף איבערן וואסער— ענטפערט דער יוד מיט דער שווארצער באָרד.

— איך בין א קאָזמינער, טראנספארטעס אין דער ווייכסעל שטעהען — ענטפערט ר׳ יחזקאל.

— ווער? ר׳ יחזקאל גאמבינער פון קאָזמער, אפשר?

— יאָ. און איהר, ווער זענט איהר דאס פון קאָנסקע־וואָליע?

— אָ וואַ, ר׳ יחזקאל גאמבינער, — פרעהט זיך יענער און הייבט זיך אויף פון שטוהל — איך בין מרדכי קאָנסקער.

— ר׳ מרדכי קאָנסקער פון קאָנסקע־וואָליע — וואונדערט זיך ר׳ יחזקאל. נו, — ער געהט צו נעהנטער צו איהם און שטעקט איהם די האנד אוים — נו, נו.

— די טראנספארטען זענען נאך איינגעפראָרען אין איז?

— יאָ, די טראנספארטען זענען געווען איינגעפראָרען איבערן ווינטער. מען האט גאר נישט געקענט מאכען. זיי זענען מיט שניי געווען בעדעקט. איצט, געלויבט צו גאט דערפאר, וויפיעל מען וועט קענען.

— א שען געשיפט! גאט זאל שומר ומציל זיין — ביזטע אין הימעל!

— א העלפט איז שוין אין דרויסען — מיט גאטס הילף! די גוים ארבייטען נישט שלעכט.

א מינוט זענען זיי ביידע שטיל געבליבען, שטעהענדיג אנגעלעהנט ביים טיש און האבען געקלערט א רגע. אין דער שטוב איז שטיל געווען, פון דרויסען האט זיך געהערט דאס גערויש פון וואסער, ווי עס רינט אויף די שטיקער אייז מיט א שטילען ערנסט, געבייזער. פון דערווייטען האט זיך אפגעשלאגען א לאנגע אויסגע־

צוינגען קול, וואָס עס האָט זיך געדאַכט, אַז עס געהט פון אַ פוסטען פאַס; די אַרבייטער האָבען איינער דעם צווייטען עפּעס צו וויסען געגעבען, און דאָס קול האָט זיך מיט'ן וואַסער־געראויש צוזאַמענגעמישט, און ווי פון יענער זייט וועלט אָבגעשלאָגען.

ר' יהזקאל האָט זיך רוהיג אַנידערגעשטעלט אין אַ ווינקעל און האָט אָנגעהויבען מעריב דאַוונען.

און באַלד האָט דער ר' מרדכי אויך דאָס זעלבע געטהון. זיי האָבען אַלע דריי אָנגעהויבען אַרויף און אַראָב איבער דער שטוב זיך צו דרעהען. ר' יהזקאל האָט פון צייט צו צייט „רבונו של עולם" געקרעכצט, באַלד האָבען זיי זיך ביי דער וואַנד אַנידערגעשטעלט, שטיל געשאָקעלט זיך, און שטיל געדאַוועט. אין שטוב איז שטיל געוואָרען, נאָר נאָטע'ס שנאָרכען איז אויפגעגאַנגען פון אַ בעהאַלטען ווינקעל און האָט זיך איבער דער שטוב „אויף און אָב" געטראָגען. די חיימ'טע איז געזעסען ביי דער קיך, שפּענדליך אונטערגעלעגט, די שפּענדליך האָבען אין פייער געקנאַקט. די חיימ'טע האָט געקוקט אויף די סוחרים און פאַר זיי דרך־ארץ געקראָגען. אַזעלכע גרויסע סוחרים דאַוונען אין איהר אָרים איינגעפאַלען שטיבעל, מוז גאָט אַודאַי זיין ביי איהר אין שטיבעל, און זי — אַ הורבן נאָך איהר! — זי לעגט גאָר העלצעליך אונטער אונטער'ן פייער. און האָט זיך די האָר אינטערן טיכעל אַרונטערגערוקט...

פלוצלונג ווען עס איז אַזוי שטיל און מען שטעהט שמונה־עשרה און אַלץ אַרום שטעהט שמונה־עשרה, דערהערט זיך פון דרויסען אַ גאָס, ווי אַ ים וואָלט אונטערגעגאַנגען אין אַ ים... דערנאָך אַ לאַנגע ווילע אַ שטילעניש.

„האַלטען! האַלטען"! שרייט מען.

דאָס קול האָט מיט רעש אָבגעשלאָגען, אַזוי ווי מען וואָלט מיט דער פויסט אין פענסטער אַריינגעקלאַפּט. די חיימ'טע איז שוין אין דרויסען געוועזען — נאָטע האָט זיך פון שלאָף אויפגעהאַפּט, אַ מינוט האָט ער זיך אַרומגעקוקט, אויב עס ברענט נישט. באַלד האָט ער זיך אָן עפּעס דערמאָהנט און איז אַרויסגעלאָפען. דריי זענען געשטאַנען און געדאַוועט. דאָס יונגעל האָט זיך נישט געקענט איינהאַלטען און איז אין שמונה־עשרה אויסגעטרעטען, ער האָט געוואָלט אַרויס פון שטוב, נאָר דערזעהענדיג, ווי די צוויי יודען שטעהען און ריהרען זיך נישט פון אָרט, האָט עס איהם זעהר

באַנג געטהון. ער האָט געוואָלט ווייטער זיך שמונה־עשׂרה שטעלען, נאָר ער האָט זיך געשעמט פאַר גאָט, האָט ער נישט געוואוסט וואָס צו טהון. עס עפענט זיך די טהיר, עס קומט אַריין צולויפען הײם אָהן אַנאָטהעם:

— פאַניע, די דריטע טראַמוויע איז אַוועקגעשוואוממען.

די יודען שטעהען שמונה־עשׂרה.

אַ מינוט קוקט זיך דאָס בהולל אָן מיט ר' חיימ'ן, און ווי שווייגען.

— די יודען געהען אויס שמונה־עשׂרה.

— וואָס איז? — פרעגט ר' יחזקאל.

— שייגאַיץ! — הערט זיך אַ קנאַל פון אַ פאַטש, וואָס ר' מרדכי האָט אָנגעמאָסטען זיין זוהן: און מיטען שמונה־עשׂרה אויסגעטרעטען?!

— עס איז אָנגעקומען, אַוועקגעשוואוממען.

— אַוועקגעשוואוממען!

— מען האָט אָנגעהויבען צו נעהמען „שוועלען" פון דער דריי־טער טראַמוויע, איז אָנגעקומען אַ גרויס שטיק אייז, ווי אַ חיה, און היידאַ, אַוועק קיין דאַנציג...

— אַסך אַרויסגעראַטעוועט?

— אַ 40־50 שוועלען.

— געלויבט צו גאָט דערפאַר! — ער דערמאָהנט זיך פלוצלונג, געהט אויף און אַראָב איבער דער שטוב, זאָגט עלינו... שפייט אויס, די האַנד זוכט שוין דאָס ביכעל אין בוזעם־קעשענע.

קוים אָבגעזאָגט „עלינו", האָט ער זיך אין פעלץ אָנגעטהון און איז אַרויס.

אין דרויסען איז די נאַכט פינסטער אַזוי, אַז עס איז שווער צו גלויבען, אַז אויבען איז אַ הימעל דאָ, און אויפ'ן הימעל זאָל נאָך אַ גאָט זיין...

דאָס וואַסער שטראָמט. מען זעהט נישט, מען הערט נאָר די קראַפט פון כעס, ווי עפּיס אונגעהייערס וויל געקומען די גאַנצע וועלט איינצושלינגען. ר' יחזקאל דערשרעקט זיך. ער הייסט אויפ־הערען צו אַרבייטען, מען זאָל נישט די טראַמוויעס צונעהמען. אייבער נאַכט זאָל מען זיך אויף גאָט'ס חסד פערלאָזען און איבערלאָזען די טראַמוויעס ביי'ם ברעג אָנגעבונדען, און ער איז בטוח, אַז גאָט וועט איהם ניט פערלאָזען.

און מיט אַ רוהיג האַרץ, מיט בטחון אויף גאָט'ס חסד גערט ער אַוועק צוריק צו היים'ן אין שטוב צו עסען וועטשערע, און מיט אַ מזומן צו בענטשען.

די סוחרים זענען געזעסען שטיל ביים עסען. יעדער פערטהון אין זיינע חשבונות. פון דרויסען הערט זיך דעם ווינד'ס קלאָגען און דאָס וואַסער'ס גערויש. ר' יחזקאל איז גלייכגילטיג.

— ווי האַלט עס ביי אייך מיט קאָרן? — פרעגט ער ר' מרדכי'ן, כדי די געדאַנקען צו פעריאָגען.

— ביי אונז קאָרן? קיין קערענדיל אין די אויגען צו זעהן. ווער האָט?

און נאָך אַ ווײַלע שטיל־שוויַיגען:

— כ'האָב אפילו אַ ביסעל ליגען, נאָר, פאַר מיר, אַ ביסעל.

— ווי טייער?

— צוויי און דרייסיג גילדען, 240 פאָלניש.

— צוויי און דרייסיג, טייער, אין אונזערע סביבות אַסך ביליגער.

און אַזוי ווי זיי וואָלטען זיך שוין געהאַט אָבגערעדט, נעהמט ר' מרדכי אַ זעקעל אַרויס, און בינדט עס אויף. ר' יחזקאל רייַדענדיג, שטעקט די הענד אין זעקעל אַריין, נעהמט אַרויס אַ פּאָר קערענדליך, האַפט איינס אין מויל אַריין, שפּאַלט עס, און האַפּט עס ווייטער אויף די צוויי פינגער און קנעט עס, און לעקט עס.

— דאָס מעהל נישקשה. דאָס טייגעל, ע, (ער קנייטשט מיט דער נאָז.) — ווייט פון וואַסער?

— אַ וויאָרסט דריי. אַ צוויי הונדערט זעקלעך באַלד ביים וואַסער.

— ביז ווען?

— הצי אייר.

— צו טייער, אַ פינפעריל אַרונטער.

ר' מרדכי קנייטשט דעם שטערן, אַ צייכען, אַז ער קען ניט.

ר' יחזקאל שניידט זיך אָב אַ שטיקעל ברויט, ניט אַזוי ווי צום עסען, ווי עפּעס צו טהון.

נאָטע ביים אויוון הוסט, אַ פנים מען האָט פערגעסען אָן איהם, און ער וויל דערמאָהנען.

די היימ'טע דערלאַנגט מים־אַחרונים־וואַסער.

א מינוט שווייגען זיי. דערנאָך הויבט איינער דעם צווייטען מיט די אויגען אָן צו ווינקען: „נו, ר' יחזקאל', „ר' מרדכי, נו". צום סוף איז איינער מסכים און ער הויבט אָן:

— רבותי, מיר וועלען בענטשען!

— עולם בענטשט אָפּ. ר' יחזקאל דערהויבט זיך דער ערשטער פֿון טיש און פֿרעגט מיט אַ געלעכטעריל:

— נו, בחור'ל, קענסט עפּעס לערנען?

— פֿאַר וואָס ניט? — ענטפֿערט דער בחור.

דער טאַטע האָט אַ הנאָה און שמייכעלט.

ער פֿאָהרט פֿון דער ישיבה — מאַכט אַ בעמערקונג דער פֿאָטער.

— וואָס פֿאַר אַ שיעור לערנסטו?

— דבר והצי דבר.

— אָ, אַ וואוילער שיעור. עפּעס מיט מפורשים? און ניט אויסהערענדיג דעם ענטפֿער פֿון דעם בחור'ל, ווענדעט ער זיך צום פֿאָטער אין דער שטיל:

— דער קליינער געפֿעלט מיר.

— אַ וואוילען קאָפּ — ענטפֿערט ר' מרדכי מיט אַ וואונק.

— נו, איך וואָלט דאָך געוואָלט קויפֿען דעם קאָרן. איהר מיינט, אַז איך דאַרף איהם, גאר נישט, נאָר גלאַט אַז איך בין שוין דאָ. מיט האָלץ וועל איך אַ געשעפֿט מאַכען? וואָס? דאַרף מען עפּעס קויפֿען, אַז עס טרעפֿט זיך צו קויפֿען.

— נו, אַדרבה.

— דאָס פֿינפֿעריל אָבפֿוהר־געלד.

— אַז איך קען נישט.

ר' יחזקאל נעהמט אַרויס אַ גרויסען פּאַק פֿון אַ הינטער־קעשענע, עפֿענט איהם אויף, נעהמט אַרויס אַ פּאַר איינצעלנע הונדערטער, און איז זיי מוסר ר' מרדכי'ן.

— וואָס זאָל מען טהון אַז מען קען נישט, — קרעכצט ר' מרדכי און נעהמט דאָס געלד.

און דאָס געשעפֿט איז געמאַכט.

ווער ווייסט, וועמעס תבואה פֿון וועמעס פֿעלדער זענען איצט איבערגעגאַנגען פֿון איין רשות אין צווייטען...

און גאָט האָט געהאָלפען. דאָס איַיז האָט עפּעס ווי דורך אַ געהיימען בעפעל די טראַטוואַרס געמיטען, ווי שוועמלעך קליינע, ווי שפּענדליך האָלץ האָבען זיי זיך אין דעם זידיגען וואַסער גע־טוקט, געוואָרפען און געטרייסעלט, און פון אָרט זיך נישט גע־ריהרט. ר' יהזקאל איז בײַם ברעג געשטאַנען און צוגעזעהען גאָט'ס וואונדער, וואָס ער טהוט מיט איהם און פערלאָזט איהם נישט. צוויי טעג האָבען די פויערים געאַרבייט און דאָס האָלץ אויפ'ן ברעג אַרויפ־געבראַכט, און ר' יהזקאל האָט בעשיינפעליך געזעהען גאָטס הילף. . .

דאָנערשטאָג האָט זיך ר' יהזקאל מיט ר' מרדכי'ן געזעגענט. ר' מרדכי האָט נעביך געמוזט איבערבלייבען איבער שבת ביי היימ'ן; ער האָט איבערן וואַסער נישט געקאָנט אַריבער.

און ווען נאָטע איז מיט'ן קורצען פּעלצעל אויפ'ן וואָגען גע־זעסען, דאָס זעלנערישע היטעל אויפ'ן קאָפּ, וואַרטענדיג אויפ'ן בעל־הבית, איז די הימ'טע אַרוים אויף די טרעפּלעך. זי האָט געקוקט אויף נאָטען און האָט מיט איהר אַלטען גרויען קאָפּ, וואָס איז אין איהר גרויען טיכעל געווען איינגעפּאַסט, צוגעשאָקעלט. אין מה איז איהר עפּעס אַ געדאַנק קלאָר געוואָרען: אַזאַ יונג אַ״ז דאָס, דער נאָטע, אָבגעגעסען ביי איהר (זי האָט איהם מיט דעם בעסטען געפּיטערט), געמיינט, אַז ער וועט מיט איהר, מיט איהר שוועסטער־קינד משפּחה ווערען, און ער זיצט זיך גאָר אויף דער פוהר, און די פערד ווילען איהם אַוועקטראָגען. אַזאַ יונג איז דאָס... ער האָט זי אָבגענאַרט און קיין רעכטע פּרעטענזיע קען זי דאָך נישט האָבען צו איהם — וואָס טהוט ער דען? ער פאָהרט אַוועק מיט זיין בעל־הבית, נו, וואָס דען זאָל ער טהון, ביי איהר איבערבלייבען? אָבער שאָקלען מיט'ן קאָפּ האָט זי געהאַט אויף וואָס — און זי איז אויף די טרעפּ־פּעלעך געשטאַנען, געקוקט אויף נאָטען א.ן זי האָט מיט דיזר גאַמ־בע צוגעשאָקעלט:

— אַזאַ יונג איז דאָס! אָ, וואָס אַזאַ יונג קען!

נאָטע האָט דעם קאָפּ אַוועקגענומען און געקוקט ערגעץ אין דער וועלט אַריין, אַפּנים נישט געמאַכט זיך זעהען און האָט גע־פּײַפט צו די פערד.

— ווי ער זיצט זיך דאָ שטייף אויף דער פוהר, — האָט זי געזאָגט מעהר מיט'ן קאָפּ ווי מיט'ן מויל.

— וואָס? האַ? פֿרעגט נאָטע און שטעלט אויס פֿרום די אויגען.

— וואָס? וואָס? האַ — און אָנגעפּרעסען האָסט דו דיך? און אָנגעזויפּען האָסט דו דיך? האַ? וואָס? — האָט די אַלטע געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ.

— אַ וואוילער יונג נאָטע, אַ וואוילער יונג — פֿילעבען — אָנגעגעסען זיך — אָבגענאַרט די אַלטע — פֿילעבען. אַ שרוך ווירד זי? — זאָגט ר' חיים אָנקומענדיג און קלאַפּט נאָטען אויף די פּלייצעס.

— נו, וואָס רען, ר' חיים? — מאַכט נאָטע מיט די אויגען און מיט די פּלייצעס — אַז מען גיט נעהמט מען.

— אַלטער נאַר, זאָלסט אַזוי לעבען! און די היימישע האָט זיך אויף און לויפֿט אַריין אין שטוב.

באַלד איז ר' יחזקאל אין שאַפּען פּעלין אַרויס און אַרויף אויפ'ן וואָגען.

— בלייבט מיר געזונד, — האָט נאָטע אַריינגעשריען דורך דעם פֿענסטער, ווען די פֿערד האָבען אָנגעהויבען צו רוהרען.

— פֿאָהר געזונדערהייד און צוברעך הענד און פֿיס, האָט איהם די אַלטע נאָכגעשאָלטען, פֿיהלענדיג עפּעס אין האַרץ, אַז ער האָט איהר אַן עוולה געטהון.

נאָטע האָט איהר מיט אַ קנאַל פֿון דער בייטש אָבגעענטפֿערט.

III.

דער רעכענונג.

דאָס האַנדלגעשעפֿט פֿון ר' יחזקאל'ן האָבען שותּפֿות פֿיער שותּפֿים, „קעפּ" אָבער נאָר דריי: ר' יחזקאל אַ עיקר־שותּף. דער מחותּן ר' חיים ראָזענקראַנץ, אַ צווייטער עיקר־שותּף, און מאָטעלע ר' יחזקאל'ס אַ אויסגעגעבענער זוהן, טאַקע ר' חיים'ס איידעם, און עזריל ר' חיים'ס אַ אויסגעגעבענער זוהן, טאַקע ר' יחזקאל'ס אַ איידעם, — זיי ביידע — אַ „דריטער קאָפּ".

די רעכענמייסטער'ס זענען דער יונגער דור, מאָטעלע און עזרל. זיי רעכענען היינט־מאָדיש אויף פּאַפּיער מיט טינט און פֿעדער. יעדער

רעֶכעֶנט בעֶזונדעֶר, לויפֶען זיך אַלעֶ ווײַלעֶ צוזאַמעֶן און צולויפֶען זיך ווײַטעֶר, און קײנמאָל קומט די רעֶכנונג נישט אויס בײַ זײ גלײַך, ביז די אַלטעֶ נעֶהמעֶן צו שטיקלעֶך קרײַט און הויבעֶן אָן צו רעֶכעֶנעֶן אויף דײעֶר אופן נאָך — מיט גלײַכעֶ און קרומעֶ פאַסקעֶלעֶך און די רעֶכנונג ווערט געֶמאַכט.

דאָס איז אַ פּראָסטעֶר שבת־צו־נאַכט׳ס־רעֶכעֶנונג. אַז עֶס קומט די יאָהר־רעֶכעֶנונג (דאָס איז סוף ווינטעֶר און סוף זומעֶר),— דעֶנסטמאָל שיקט מעֶן נאָך ר׳ וואָלף דעֶם שרײַבעֶר, דעֶם בעֶוואוסטעֶן הידה־טרעֶפֶער — און אויב עֶס איז נאָך דאָ עֶפּעֶס שווערעֶרעֶס — קומט שעֶרעֶצקעֶ דעֶר „אַדוואָקאַט" אַלײן, דעֶר וואָס שרײַבט אַלעֶ קאָנטראַקטעֶן מיט די שׂררים.

די אַלטעֶ אין אֶמת׳ן װײסעֶן נישט, צו וואָס מעֶן דאַרף די גאַנצעֶ רעֶכעֶנונגעֶן. פון אַ רעֶכעֶנונג פֶערדיעֶנט מעֶן נישט, און צו קײן רעֶכעֶנונג לעֶגט מעֶן נישט צו. און וואָס איז דעֶר אונטעֶרשיעֶד צו וויסעֶן וויפיעל — וויסט מעֶן נישט, קומט די ברכה אַרײַן, און ווידעֶר אַרום, זײ וויסעֶן דעֶם גאַנצעֶן רעֶכעֶנונג אויפ׳ן קאָפּ, וויסעֶן אין וועלכעֶן געֶשעֶפט מעֶן האָט צוגעֶלעֶגט, און אין וועֶלכעֶן פֶערדיעֶנט. זײ האָבעֶן אָבגעֶלעֶבט זײעֶר ביסעֶל יאָהרעֶן און האָבעֶן פון קײן רעֶכעֶנונג נישט געֶוואוסט, איז אויפגעֶשטאַנעֶן דעֶר יונגעֶר דור און האָט אײַנגעֶפיהרט רעֶכעֶנעֶן — רעֶכעֶנט מעֶן, האָטש נאָך יעֶדעֶר רעֶכעֶנונג, ווײסט מעֶן שוין פון פריהעֶר, מוז אַרויסקומעֶן אַ מחלוקה.— „אין אֶמת׳ן — טענה׳ן די אַלטעֶ,— וואָס איז דעֶר הילוק: מאָטעֶלעֶ איז נישט מײַן קינד ווי עוזר׳ל? מאַכט אײנעֶר אַ ברית, אַ בר־מצוה, איז עֶס נישט מײַן שׂמחה פונקט אַזוי ווי דײַנעֶ?"

דעֶר יונגעֶר דור זאָגט: אַז מעֶן דאַרף וויסעֶן פון אַ רעֶכעֶנונג, אַז דאָס געֶשעֶפט „פֶערלאַנגט", צו וויסעֶן פון אַ רעֶכעֶנונג — נו, מילא רעֶכעֶנט מעֶן, קומעֶן אַרויס מחלוקות, זאָל גאָט אויסהיטעֶן.

די יונגעֶ קריעֶגעֶן זיך, די שנור מיט די טאָכטעֶר. צווישעֶן איטעֶ מאָטעֶלעֶ׳ס ווײַב אין גאָלדעֶ עוזר׳ס ווײַב איז אַ בעֶשטעֶנדיגעֶ מחלוקה. גאָלדעֶ, ר׳ יחזקאל׳ס טאָכטעֶר — וואָס איז עוזר׳ס ווײַב, זאָגט, אַז צווישעֶן די צוויי מויעֶרעֶן, וואָס איהר שווער ר׳ חיים האָט, שטעֶקט פיעל פון איהר פאָטעֶר׳ס געֶלד. און איטעֶ זאָגט פֶערקעֶהרט, אַז צווישעֶן די הײַזעֶר, וואָס איהר שווער ר׳ יחזקאל האָט, שטעֶקט פיעל פון איהר פאָטעֶר׳ס געֶלד. די אַלטעֶ טענה׳ן,

וואָס איז דער הילוק,—אָדער פֿון דער מאַמע, אָדער פֿון טאַטען, נאָכן טויט וועט איהר זיך גלייך טיילען—וועגען עס דאָך אָבער יונגע מענשען.

נאָלדע, ר׳ יחזקאל׳ס טאָכטער, איז אַ הויכע יודענע מיט אַ שייטעל פֿון דריי לאָקען, וואָס פֿערוואַרפֿען זיך אויף איהר גלאַנ־צענדיגען שטערן, מיט אַ געשליפֿען ציגעל, פֿאַר וועלכען אַלע ציטערען. מען איז זי תמיד געוועהנט צו זעהן אין נאַס מיט יונגלעך פֿון פֿאָרענט און מיט יוהגלעך פֿון הינטען, וואָס ציפען זי ביי דער ברייטער שירין: מאַמע, אַ צווייער! זי איז אַ שונא אויפ׳ס לעבען און טויט דער שוועגערען איטע,—און די שוועסטער רעדט אויס אויף איהר פֿאַר׳ן ברודער מאָטעל, איהר מאַן:

— אוי, אוי, מאָטעלע, ביסט דו אַריינגעפֿאַלען, אַ רחמנות נעביך אויף דיר, ווי זעהסט דו היינט אויס. פֿאַר דער התונה האָסט דו איך אַזוי אויסגעזעהן? יאָ?—הויבט זי אָן צו בעדויערען דעם ברודער, ווען דער לעצטער קומט אַריין צו איהר מאַן אין אַ וואָכעך־טאָג און טרעפֿט איהם נישט אין דער היים.

מאָטעל איז שוין געוועהנט, אַז די שוועסטער זאָל איהם בעדויערען, האָטש ער ווייסט נישט פֿאַר וואָס און פֿאַר ווען. פֿלעגט ער איהר אַ וואָרט צוואַרפֿען: „נו, שווייג, שווייג, איך בעט דיך״ און פֿערלאָזען די שטוב. טהיילמאָל אָבער, אַז זי הויבט אָן אויף זיין ווייב אויסצורייידען, שטעלט דאָס איהם: זי איז דאָך זיין ווייב, פֿאַלט ער אָן אויף איהר:

— וואָס איז עס דיין געשעפֿט? דאָס איז מיין ווייב, מיט מיר האָט זי התונה געהאַט, נישט מיט דיר.

— זיין ווייב... גיט נאָר אַ קוק, ווי ער האַלט פֿון איהר שטאָהל און אייזען. ר׳ יחזקאל גאָמבינער׳ס שנור איז זי? אַ מכה! היים „סטשערבס״ טאָכטער איז זי, דיין טאַטעס פֿערד׳ס יונגס טאָכטער.

— און דיין טאַטענס פֿערד׳ס יונג׳ס זוהן איז דיין מאַן, און ווי דו ווילסט? — רייצט זיך מיט איהר דער ברודער.

— מיין מאַן היים „סטשערבס״ זוהן—(און פֿון כעס ווערט איהר גאַנץ פנים רויט)— גיט נאָר אַ קוק, צו וואָס איטעלע קען ברינ־גען, זי וועט דיך נאָך ברייונגען אין דר׳ערד אַריין לעבעדיגערהייט, און זי הויבט אָן צו וויינען.

אין שטוב געפינט זיך אַ רעשטיל קינדער, און זיי, דערהע־רענדיג, אַז די מאַמע וויינט, הויבען זיי אויך אָן צו וויינען.

מאָטעל נעהמט צוזאַמען די קינדערלעך און טהיילט זיי צו גראָשען, אַז זיי זאָלען אויפהערען וויינען.

גאָלדע לעגט זיך שוין אין בעט אַריין אויף אַ גאַנצען טאָג, און דערנאָך, אַז דער מאַן קומט אַהיים, פאַלט זי אָן אויף איהם:

— דו האַלסט אויך אַזוי פון דיין ווייב ווי מאָטעל? — וואָלסט געזאָלט הערען אויף דיין ווייב אָסור לְדַבֵּר — וואָלסט דו דיך מיט איין וואָרט נישט אָנגערופען. מענער, מישטיינס געזאָגט.

איין עוזר און מאָטעל שטעהען ביידע דערנאָך אין שפּייַכלער אין [illegible] דעם וויין און ריידען פון געשעפט, גיט עוזר אַ וואָרף אַריין אַ וואָרט צו מאָטלען אין מיטען דערינען, אַזוי ווי פון דער זייט:

— וואָס האָסט דו היינט געוואָלט פון גאָלדען?

— גאָר נישט, נאַרישקייטען.

— אויף אַ גאַנצען טאָג האָט זי זיך אין בעט געלעגט.

— וויפיעל האָסט דו פערשריבען אויף די קראָשענוויצער? — פרעגט ער איהם, כדי איהם פון שמועס אַרויסצונעהמען.

און נישט איינמאָל טרעפט זיך די מעשה פערקעהרט, מיט איטעלען און מיט עוזר'ן.

דער מנהג איז, אַז יעדע שוויגער האָדעוועט אויס אינדיקעס אויף פסח און גיט דער שנור. אַזוי פיהרט זיך שוין פון יאָהרען־לאַנג. ביי ר' יהזקאל'ן אויפ'ן הויף דרעהען זיך אַרום די אינדיטשקעס בעשטימט פאַר איטען. ביי ר' חיים ראָזענקראַנץ אויפ'ן הויף האָדע־ווען זיך ווייטער די אינדיטשקעס פאַר גאָלדען.

קומט גאָלדע און נעהמט אַרויס די אינדיטשקעס פון דער מאַ־מעס הויף און טראָגט זיי זיך אַהיים. ווערט דאָך אַ געשריי, עס קומט איטע נאָך די אינדיטשקעס צו דער שוויגער, און זיי זענען נישט דאָ.

— זיי קעהרען מיר אָן פונקט אַזוי ווי איהר, מיין מאַמעס אינדיטשקעס, — טענה'ט גאָלדע.

לויפט אַהיים איטע צו דער מאַמען מיט אַ געוויין: גאָלדע

האָט איהר די אינדיטשקעס אויעקגענומען. נעהמט די מאַמע דער שניר'ס אינדיטשקעס און גיט דער טאָכטער אַוועק. קומט דאָך די שניר צילויפען: איהר חזקה — ויערט, פערשטעהט זיך, אַ מחלוקה.

נעהמען די שוויגער'ס און קיפען אין דער שטיל אַנדערע אינדיטשקעס און צוטהיילען די שניר.

האָבען זיי דאָפּעלט.

די אַלטע לייט ווערען דערפון געוואָהר, די קינדער קריגען זיך, און האָבען עגמת־נפש.

אַ גאַנץ יאָהר, הייסט עס, ווענען די שניר נישט ברוגז צווישען זיך — „נישט חבר און נישט ברוגז". מען טרעפט זיך אין גאַס, שאָקעלט מען זיך צו פון דערווייטען מיט איפּגערוסענע נעז. אָבער טרעפט מען זיך ביי דער מאַמע (נישט קיין הילוק ביי וועלכער מאַמע), ווען מען פרעגעלט איינגעמאַכטס, זאָגט מען זיך „גוט מאָרגען", „גוט יאָהר", נישט קוקענדיג איינע אויף די צווייטע, און מען צוטהיילט זיך דאָס איינגעמאַכטס אין דער שטיל אָהן ווערטער. איינע רוקט צו צו דער צווייטער דעם גרעסערען חלק:

— לאָז זי זיך נעהמען, וועלכעס זי וויל — און מען קוקט אויף די וואַנד.

— וואָס איז דער הילוק, דיינע קינדער וועלען ביי איהר דאָס איינגעמאַכטס מיט געזונד אויפעסען, און דיינע קינדער וועלען עס ביי איהר מיט געזונד פערצעהרען — זאָגט די שוויגער אָדער די מאַמע, געבענדיג יעדערער איהר חלק.

אַז עס קומט אָבער פאַר'ן רעלענונג — נישט פון ווען און נישט פון וואו, הערט מען אויף זיך צו גערייסען, און, אַז מען טרעפט זיך ביי דער מאַמען, אָדער ביי דער שוויגער, זעצט מען זיך אַנידער, איינע גענען די צווייטע און מען שווייגט.

די קליינע קינדער אָבער ווייסען נישט פון קיין „גליקען", און הינדעלעס אַ קינד לויפט צו צו דער מאַמען:

— מאַמע, מאַמע, די מוהמע רופט.

— די מאַמע שטופט עס אַוועק פון זיך מיט כעס...

געוועזען איז עס אין דעם שבת־צו־נאַכט פון דעם יאָהר־רעלענונג.

די שטוב האָט בעקומען גאָר אַנאַנדער'ן חן. זי איז יום־טוב'דיגער, ווי אין אַנאַטלעסענער קאַפּאָטע אָנגעטהון.

איבער דעם גרויסען, לאַנגען, ברייטען טיש צוגיעסט זיך דאָס ליכטיגקייט פון דער לאָמפּ. מיט מעהר דרך־אֶרץ און גאָר מיט אַנ'אַנדער'ן חן ברענט זי היינט. דער טיש איז בעלעגט מיט פּעק „פּאַפּירען" און „פּאַפּירלעך". פון אויבען אָן אין פּאַטער־שטוהל זיצט ר' יחזקאל. מיט איין האַנד האַלט ער זיך אָן פאַר די ברי־לען, און מיט דער צווייטער האַנד רעכענט ער פאַר זיך מיט אַ שטיקעל קרייד. אויף דער צווייטער זייט טיש, אַנטקעגען ר' יחזקאל'ן, זיצט ר' חיים ראָזענקראַנץ דער מחותן, אַ הויכער יוד, מיט אַ לאַנ־גער, געלער באָרד, וואָס פערשפּרייט זיך אין צוויי שפּיצען, און מיט אַ לאַנגער, מיט האָר בעוואַקסענער נאָז. גרויסע טראָפּען שוויס טריעפען פון די קנייטשען פון זיין ברייטען, גלאַנצענדיגען שטערן און האַלטען זיך אויף צווישען די האָר אויף דער שפּיץ נאָז. דער מחותן רעדט ווענינ, און רעדט ער אַ וואָרט — איז עס אַ חסד, וואָס ער טהוט פון זיין זייט. ער קוקט זיך נאָר צו. און רעדט ווער, קוקט ער איהם אָן, און דאָס איז שוין גענוג... ביי ביידע זיי־טען טיש זיצען עוזר און מאָטעל. זיי רעכענען שוין הויך, מאָטעל פאַר זיך:

— צוויי און אַכציג האַנד־געלד אין שמעניץ.

עוזר, וואָס איז, דאַכט זיך, גאָר געווען פערטהון אין זיין רעכענונג, האַפּט זיך פּלוצלונג אויף, ווי עס וואָלט איהם ווער אָפּ־געבריהט, מאַכט צו איין אויג און קוקט אויף מאָטלען:

— וואָס? ווען? וואָס פאַר צוויי און אַכציג?

— אין שמעניץ, לייזער רבי'ן נישט געגעבען, האַ?

— אַ, לייזער רבי'ן. הונדערט צוואַנציג אין גומבין... — רעכענט שוין עוזר פאַר זיך ווייטער, ווי עס וואָלט גאָר נישט געווען.

— געלער הונד — זידעלט איהם מאָטעל אויס. — „קופּיעץ" מיי־נער, געוואָלט מיך האַפּען.

מען הויבט אָן צו שיטען זיך מיט שטעכ־ווערטער. די אַל־טע רופען זיך אָן: נו, נו! און מען קלאַפּט אין טיש.

דער עיקר „רעכענמייסטער" איז עוזר'ל. דאָס איז אַזאַ מין „צוויי־וועלטיג־יודעל": אַ „חסיד" און אַ „דייטש", אַ פּראָסטער און אַ למדן, „וואו ער קומט, האַלט ער מיט", און דערפאַר טאַקע איז

ער דער פּעריל אין דער משפּחה. אַ קלײנװוּקסיג, נידריג ייִדעל מיט אַ געל קײלעכדיג בערדעל. טראָגט שוין אַ געפּרעסט װײַס קראַגענדעל מיט אַ שװאַרצען שניפּס, און רעדט, אַזױ װי דער פּאָטער, אָבגעגעהלטע װערטער. נאָר רעדט ער שױן אַרױס אַ װאָרט, מאַכט ער צו אײן אױגעל, און קוקט מיט'ן צװײטען אױג מיט חשק אױף יענעם, װאָס רעדט צו איהם. יעדען מענש, װעלכען ער זעהט דאָס ערשטע מאָל איז ער חושד. מיט אַלעמען לעבט ער גוט. אַלײן איז ער, הײסט עס, אַ חסיד, דאַװענט אין שטיבעל און האָט ליעב צו טראָגען אַנאַטלעסענע קאַפּאָטע מיט אַ װײַס קראַגענדעל — און, אַז ער רעדט, דריקט ער שאַרפער אױס די „ר״, אַזױ װי מען רעדט אין װאַרשױ. מיט טימקאָװסקען, דעם אײנציגען ליטװאַק אין שטאָדט, לעבט ער אַ גוטען טאָג. און אַז דער „ליטװאַק״ רעדט אױס אױפ'ן רבין, שאָקעלט עוזר צו מיט'ן קאָפּ, אַ מאַך מיט דער האַנד אַזױ, אַז װי מען װיל, קען מען עס אָננעהמען: אַז מען װיל, איז ער מסכּים מיט'ן ליטװאַק, און אַז מען װיל, בעהױערט ער דעם ליטװאַק, דעם אַפּיקורס.

עוזר איז פֿערטהון הײַנט שטאַרק אין רעכענען און זיצט מיט „װאָלף־שרײַבער״ בײַם „ריכטיגען״ בוך.

װער איז דאָס „װאָלף־שרײַבער״? און װאָס איז דאָס אַזעלכעס דאָס „ריכטיגע״ בוך?

װאָלף־שרײַבער איז אַ ייִד אַ רעכענמײַסטער פֿון די רעכענמײַסטערס, אַ דאַרס, אַ קלײנס, אַ מאָגערס, אַ גאָר־נישט. אין דעם גאָר־נישט איז אַזױ פֿיעל דאָ. אַ טראָפּען פֿון אַ ים, און אין דעם טראָפּען אַ גאַנצער ים. טרוקען איז עס. אַ פּנים, אַ ברײטער, „אױסגעשטערנטער״, אײַנגעקנײטשטער שטערן, און אין שטערן צװײ אױגען מיט אַ נאָז — אַ נידריגס, געה נעהם שטעק דיר איהם אין קעשענע אַרײַן. װיסט דו דאַרפֿען אַן „אַלגעברײניק״ צו פֿרעגען, װעט ער דיר פֿון קעשענע אַרױסקריכען. װאָהנען װאָהנט עס — געה פֿרעג גאָט! נישט קײן װײַב, נישט קײן קינד. צי האָט ער אַמאָל יאָ געהאַט אַ פֿאַמיליע, צי האָט ער נישט געהאַט — קײנער װײסט נישט. דאָס װאָלף׳יל דרעהט זיך אַרום אין שטעדטיל, װי עפּעס אַ צולעג צום שטעדטיל, אַ זאַך, װאָס דאָס שטעדטעל דאַרף עס. האָט װער אַ שװערען רעכענונג צו פֿרעגען (נישט װײַל מען דאַרף איהם װיסען, נאָר גלאַט אַזױ, װײַל עס איז טשיקאַװע), קומט מען צו װאָלפֿ'ן. פֿרעגט מען

איהם, קנייטשט ער איין דעם שטערן, און דענסטמאָל זעהט זיין שטערן אויס, ווי אַנ'אַלט בלעטעל פון אַנ'אַלט ביכעל... און די קנייטשען פון שטערן — אַלטע, אָפּגעריבענע אותיות, און עס דאַכט זיך, אַז די קנייטשען פון שטערן שטעלען זיך צוזאַמען און זאָגען איהם אויס דעם סוד פונ'ם רעכענונג.

דעם דאָזיגען וואָלף האָט עוזר צו זיי אַריינגעבראַכט, דעם יאָהר־רעכענונג צו מאַכען. וואָלף־שרייבער פרעגט נישט אויף קיין לויהן — ער וואַרט נאָר אויף אַזאַ רעכענונג, אַז ער זאָל דאָ זיין גבורה קענען אַרויסווייזען.

אַלעס, וואָס די סוחרים „גיבען־אויס" און „נעהמען־איין" — אַזוי האָט עוזר איינגעפיהרט — שרייבט מען אין אַ ביכעל איין. אין יעדען ביכעל מוז אויף איין בלעטעל די „הוצאות" ווערען איינגע־שריבען, אויפ'ן צווייטען — די „הכנסה".

מילא, עוזר פיהרט זיין ביכעל ריין — אַזוי זאָגט ער, נאָר מיט די אַלטע איז אַ חורבן, שטענדיג פערליערען זיי זייערע בלייַ־שטיפטען, און קומט צו עפּעס איינשרייבען, הויבען זיי אָן צו זוכען אין אַלע קעשענעס, און פערשילטען עוזר'ן אויף די „מאָדעס", וואָס ער האָט איינגעפיהרט, שרייבט מען דערווייל אָן אויף די שענק מיט קרייַד, אָדער אויפ'ן טיש, אָדער גלאַט אַזוי אויף אַ שטיקעל פאַפּיער. דערנאָך צו דעם „יאָהר־רעכענונג" זוכט מען אויס די שטיק־לעך פאַפּיערען, מיט די שענק און בענק, וואָס אויף זיי זענען די רעכענונגען אָנגעשריבען, און מען שרייבט זיי איבער אין דעם „ריכטיגען בוך".

די אַלטע פערשרייבען דאָך פערצוקט, אין דעם בוך מעקען זיך די שריפטען אויס, ווערט דערנאָך אַ מחלוקה איבער די ציפע־רען. איינער זאָגט, אַז עס איז אַ 8, דער צווייטער: אַ 5. אָבער מעהרסטע מאָל ווייסט מען גאָר נישט, וואָס דאָס איז אַזוינס. מען פרעגט די אַלטע — ענטפערען זיי: „פערדרעהט אייך אייער קאָפּ". שיקט מען צו לייבל זייגער־מאַכער נאָכ'ן „שפּאַקטיוועל", קוקט מען אין „שפּאַקטיוועל" — ווערט אָבער פון דאָס גיי די זעלבע מחלוקה — און דענסטמאָל נעהמט זיך שוין „וואָלף'ל־שרייבער" צו דער זאַך. ער מאַכט אַ „אַלגעברינ‏יק אַהין" און אַ „אַלגעבריניק צוריק" — און וויַזט אויס, לויט „עַל פִּי חָכְמַת הַחֶשְׁבּוֹן", אַז עס מוז גאָר זיין אַ דריי, און טהוט איהם עפּעס!

און דאָס „ריכטיגע בוך" איז ביי וואָלף־שרייבער דאָס פידעלע, איף וועלכען ער שפּילט זיין ליעדעל אוים. ער האַלט עס ווי אַניאוּיג אין קאָפּ און טראָגט זיך דערמיט אַרום.

געזעסען איז עוזר מיט וואָלף דעם שרייבער ביי דעם „ריכטיגען בוך" און האָבען ביידע טיעף אין בוך אַריינגעקוקט. אין שטוב איז געווען אַ שטיל־שווייגעניש, וואָס האָט געדריקט, און אינאיינעם עפּעס אַ „דרך־אֶרץ" פערשפּרייט... אויף דעם טיש, וואָס איז געווען פערוואָרפען מיט קליינע און גרויסע פּאַפּיערען און פּאַפּיערלעך, האָבען צוויי גרויסע זילבערנע לייכטער אַרויסגעשטאַרט און האָבען „ערנסט" געמאַכט די „שטוב". און די טהיר האָט געסקריפּעט, די דינסט האָט זיך געדרעהט, זי איז אַריין מיט פולע גלעזער טהיי און אַרוים מיט ליידיגע.

אין אַ ווינקעל שטוב אויף דער קאַנאַפּע זענען געזעסען האַצקיל און בעריל, ר' יהוקאל'ס משפּחה. זיי זענען געזעסען „שטיל־שוויי־גענדיג", זיך נישט אַ ריהר געגעבען, כדי מען זאָל זיי נישט אָנזעהן, אַז זיי זאָלען דאָ גאָר נישט איבמאַכען — און מיט גרוים הַכְנָעָה זענען זיי יעדע מינוט גרייט געווען צו ערפילען דעם קלענסטען פערלאַנג מיט דעם גרעסטען פלייס און איילעניש, וואָס איינער פון טיש וועט בעפעהלען. נישט איין מאָל זענען זיי אַליין אָבער געגאַנגען טרעפען, וואָס מען דאַרף, און האָבען זיך מיט אַמאָל געגעבען אַ לאָז צו דער טהיר. ביידע האָבען זיך אָנגעטראָפען און האָבען אַ געדרודער געמאַכט. האָט זיך ווער פון טיש אומגעקוקט, האָבען זיי זיך ביידע אין דער שטיל פערשעמטערהייט פון דער שטוב אַרויסגעגנב'עט, נאָר אין אַ פּאָר מינוט אַרום האָט מען זיי שוין ווייטער אין שטוב געטראָפען זיצען אויף דער קאַנאַפּע, און איינער האָט דעם צווייטען אין דער שטיל די הענד, די פּיס געקנייפּט, געביסען, דער צווייטער האָט איהם מיט אַ שטאָך פון אַ שפּילקע אָבגעענטפערט, אָנשטאָט אַ וואָרט פון מויל אויסצונוטצען.

אין מיטען דערינען דערהערט זיך פון דרויסען אַ נ„אָנקומעניש". די טהיר עפענט זיך ברייט און עס בעווייזען זיך יודען, די שטאָדט־בעלי־בתים, נאָך אין שבת'דיגע מלבושים אָנגעטהון, טהייל מיט ציי־נאַרען, טהייל מיט לולקעס, און לאָזען פון די בערד אַ געדיכטען רויך אַרוים. די שבת'דיגע קליידער און די וואָכעדיגע לולקעס האָבען נישט אינאיינעם געשטימט, דאָך האָבען זיי צוזאַמען געוואָרפען

אַ חול־המועד׳יגען חן, אַ חן פֿון „חסיד׳יש־נגיד׳יש“. די שטוב איז פֿול געוואָרען מיט רויך פֿון די ציגאַרען. און פֿון גערי̈כטען רויך האָבען די צווייַ ליכט־פֿלאַמען אַרויסגעשייַנט און דאָס האָט זעהר בעל־בתּיש אויסגעזעהן און בע׳הנ׳ט דעם עולם. זיי האָבען געזאָגט דעם בריי̈טען „גוט וואָך“ און האָבען פֿערנומען, יעדער נאָך זייַן שטאַנד נאָך, פּלעצער אַרום דעם טיש. די טהיר האָט איצט מעהר געסקריפּעט — און אין שטוב איז איצט מיט אַמאָל אַוועקגעקומען געוואָרען דער פֿריהערדיגער דרך־אֶרץ׳דיגער גייַסט, וואָס האָט געהאַט די שטוב אָנגעפֿילט, אַזוי, אַז בעריל און האַצקיל האָבען זיך מיט אַמאָל מעהר היימישער געפֿיהלט און פֿרייַ געלאָזט די צונגען אָנשטאָט זיך צו קנייַפּען. די שטוב איז צוריק „שטוב“ געוואָרען, מען האָט באַלד די רעכענונגען אַראָבגענומען, וואָלף־שרייַבער האָט געהאַפּט דאָס „ריכטיגע בוך“ און איז דערמיט ערגיץ־וואו פֿערשוואונדען געוואָרען.

איינער אַ הויכער יוד מיט אַ לאַנגער ברייטער באָרד, וועלכער האָט גערעדט מעהר מיט די הענד ווי מיט׳ן מויל, און יעדערן מיט אַ עזות׳קייט דאָס מויל פֿערקלאַפּט, איז געוועזען דער ראש המדברים.

— אַזוי ווי די שטאָדט, זאָגט ער, האָט קיין פּרנסה נישט, און מען דאַרף נויטיג אַ רבי׳ן אין שטאָדט, אַז חסידים זאָלען האָבען וואוהין אַרייַנצוקומען אויף אַ יום־טוב, אויף אַ שבת, און אַז עס זאָל אַ לעבען ווערען, גיט ער אַ „עצה“, אַז מען זאָל דעם טריסקער רבי׳ן, וואָס האָט זיך איצט פֿון ברודער „אָבגעטיילט“, אין שטאָדט פֿערבעטען, דער טריסקער רבי וועט בעשטעהן — ער ווייסט עס אויף געוויס — נאָר מיט דעם תּנאי, אַז מען זאָל איהם דעם רבי׳ס בית־המדרש אָבגעבען, און דער שטאָדט־רב זאָל איהם אַ קוויטעל אַרויסגעבען, אַז סנדיקאות געהערען צום טריסקער רבי׳ן

— און אונזער רב לעבט נישט ביז הונדערט און צוואַנציג יאָהר? דו „קהלה מענש“, מן הסתם האָסטו אַ פּויטיקע פֿון דייַנעם בעקומען — האָט געשריען אָרון־ליב שוסטער, אַ חברה־מאַן“ אין די „נושאי־מטה“, אַ בלינדער אויף איין אויג שוין האַלטענדיג דעם שטעקען אין דער האַנד אַנטקעגען דעם הויכען יודען.

אָרון ליב שוסטער האָט געהערט צו דער „חברה מענער“. די חברה מענער, אָדער די חוטבי עצים ושואבי מים, ווי מען האָט זיי אין שטאָדט גערופֿען, האָבען געהאַלטען פֿאַר׳ן רב און די טריס־

קער חסידים, אָבער, האָבען זייער רבין געהאַלטען אין שטאָדט אַריינברינגען.

— מענדעל ליב, פון ווען אָן ביסטו דו מיר אַזאַ מאַלער געוואָרען? האָסט שוין קיין פרנסה נישט און ווילסט ווייטער אַ ביינדעל אָבליקען? הע? — האָט איינער אַ קנאַק צום הויכען יוד געזאָגט, וואָס ער האָט אַ מאָל מיט איהם געלערנט אין איינעם אין איין חדר.

— אומעטום זענען ווי דאָ די פויערן. מען פרעגט אייך נאָך נישט קיין שאלה. אַז מען וועט אייך פרעגען, וועט איהר ענטפערן — האָט דער הויכער יוד געזאָגט, אַרויפריקענדיג זיך העכער צום טיש צו.

ר' יחזקאל, דער דאָזער, דער בעל־הבית פון שטאָדט, איז זיך געזעסען און האָט אויסגעהאָרכט די מחלוקת און האָט שטילגעשוויגען, קוקענדיג אויפ'ן מחותן: וואָס וועט ער זאָגען.

— צווישען אונז רעדענדיג, ווער קומט צו „איהם" היינט אַהער? וואָס פאַר אַ נאָמען האָט ער? און וואָס איז ער אין אמת'ן — האָט דער הויכער יוד פערשטעהן געגעבען ר' יחזקאל'ן אין דערשטיל.

— גוט וואָך! — גיט מיט אַמאָל אַ קלונג אין שטוב, און דער „גוט וואָך" איז עפּעס געווען נאָר אַ באַזונדערער — ער איז נישט בטל געוואָרען צווישען די אַנדערע גוט וואָכ'ס. טייל האָבען זיך אומגעקוקט צו זעהן, ווער דאָס איז — און געווען איז עס ר' יצחק יודעל'ס. ר' יצחק יודעל'ס איז אַ יוד מיט אַ באַזונדערן „מיין". אַז'ן איז עס אַ קליין יודעל, נאָר אַ ברייטס מיט אַ דיק בייכעל, וואָס רעדט נישט, נאָר עס קוויטשעט זינגענדיג; עס קוקט נישט, נאָר עס באַפעהלט מיט די אויגען. אַז עס וויל, איז עס גוט ווי אַ טייבעל, און שלעפּט ווי אַ שלאַנג. שטענדיג די ציגאַר אין מויל, מעג די זיין אָנגעצונדען, מעג די זיין אויסגעלאָשען, און דאָס ריטשען זיינס מיט די פוס, זאָגט אָן אַ פערטעל שעה פריהער אַז ער קומט... יעדערן „הוצט" ער; מיט אַלעמען איז ער „פּאַן בראַט", ער פיהרט די ראָלע פון אַ גרויסען חסיד, און זאָגט אַלעמען מוסר, און אַלע האָבען מורא פאַר איהם. ער האַלט גאַנין ווינציג פון די אַלע רבנים, וואָס יודען האַלטען פון זיי, ער מאַכט זיי אַוועק מיט דער האַנד. מיט דער שטאָדט רב איז ער אין אַ באַשטענדיגער מחלוקת. טרעפט זיך אַ

שַׁאלה, פּסקנ'ט עֶר אַליין. זאָגט אויפ'ן רב, אַז עֶר איז אַ גראָבּער יונג און אַלֶע האָרכֶען אויס, און וואונדערן זיך און האָבּען מורא פאַר איהם.

עוזר, וואָס איז די גאַנצֶע צייט געוועֶן קאַלט און האָט זיך אויסגעהערט רוהיג, איבּער וואָס מען קריגט זיך, דערזעהענדיג ר' יצחק יודעל'ס, וועלכער פּלעגט איהם אַלֶע מאָל אויף די פּלייצֶעס קלאַפּען אין שטיבּעל, איז גאָר אַנ'אַנדער מענש געוואָרען, — אַ הסיד.

— וואָס איז, מען פרעגט איך נאָך נישט — האָט עֶר געשריען צו די בעלי־בּתים.

ר' יהוזקאל און ר' חיים ראָזענקראַנץ געהערען צו די בּעלי־בּתים; זיי דאַוונען און הבר'ן זיך מיט בּעלי־בּתים. זיי קענען אַפילו נישט לערנען, נאָר זיי זענען יודעי־ספר. זיי זענען פון די בּעלי־בּתים, וואָס האָבּען דרך־ארץ פאַר אַ למדן און ווערען בּטל פאַר זיי. אַ יוד אַ למדן זאָגט אַ וואָרט, האָטש עס איז נישט אַזוי גלייך, וואָט פון אונז איינער טאָר דאָס נישט זאָגען, דאָך מן הסתם ווייסט ער, וואָס ער זאָגט — דערפאַר האָט ר' יהוזקאל שטיל־געשוויגען, האָטש ער האָט מיטגעהאַלטען מיט די בּעלי־בּתים.

ר' יהוזקאל'ס האָפנונג איז געווען צו האָבּען אַ קינד אַ למדן, אַ מענשען פון „יענער וועלט", וואָס זאָל זיצען און לערנען, און ער האָט טאַקע דערפאַר ר' יצחק יודעל'ס פאַר אַ מלמד צו זיינע קינדער געהאַלטען. דער עלטערער זוהן איז אָבּער נאָך בּהור־ווייז אין געשעפט אַריין, „צוגעהאַפּט זיך", און צו בּיסלעכווייז די תורה פערלאָזט. איינס נאָר איז איהם נאָך איבּערגעבּליבּען — וואָס ער האַלט זיך פאַר אַ הסיד, דאַוונט אין שטיבּעל און הבר'ט זיך מיט ר' יצחק יודעל'ס. און איצט זעהענדיג, אַז זיין עוזר און מאָטעל האַלטען מיט מיט ר' יצחק יודעל'ס, מיט די הסידים, האָט עס דעם אַלטען אַ הנאָה געטהון — הסידים, עס איז עפּעס גאָר אַנדערש — כּאַר זייער רבּי'ן... און ר' יהוזקאל האָט זיך גאָר נישט אָנגערופען.

ר' יהוזקאל האָט פאַר זיין יונגסטע טאָכטער די „בּת־זקונים" לאָה'לע געוואָלט אַ למדן און אַ בּעל־יחוס פאַר אַנ'איידים זיך נעהמען, אַז דער איידים זאָל קעסט עסען כּל ימיו און תורה לערנען, אַז אויף דער עלטער, ווען ר' יהוזקאל וועט אין דער היים שוין זיצען, זאָל ער אין דער שטוב דעם קול התורה הערען — ער האָט די זאַך איבּערגעגעבּען ר' יצחק יודעל'ס. ר' יצחק יודעל'ס „גוט וואָך",

וואָס האָט אַזוי קלינגענדיג אין שטוב אָפּגעקלאַפּט, האָט דעם אַלטען עפּעס הנאה געטהון. אין זיין הויז — חסידים, און דער אַלטער האָט שוין אָנגעהויבען צו פאַנטאַזירען וועגען דעם איידים דעם למדן. ער האָט זיך אויפגעהויבען און אַריבערגעהאַנקען צו דעם מחותן ר' חיים'ן, אַז ער זאָל מיט איהם אין אַ צווייטען שטוב אַריין (אַזוי איז שוין איינגעפיהרט ביי די אַלטע, אַז קיינער שטעקט נישט די האַנד אין קאַלטען וואַסער אַריין, אַז דער צווייטער ווייסט נישט דערפון). ר' יצחק יודעל'ס האָט נאָך אַ לאַנגען אומקוקען צו דער „חברה" אַ וואָרט „געוואָרפען":

— אײַלט איך נישט אַזוי, און וואו זענען מיר עפּעס? —

און איז מיט שאַרענדיגע טריט אין די צווייטע שטוב אַריין צו די אַלטע.

— ר' מרדכי קאָנסקעוואָלער שרייבט דאָך מיר, אַז איהר האָט זיך מיט איהם געזעהען אין „טריסק", אַז איהר קענט זיין בחור — נו, וואָס דאַרף מען מעהר?

און פון דער „שטוב" האָט זיך געהערט אָהרן־ליב'ס קלאַפּען מיט'ן שטעקען אין טיש: „געהרגעט קענען זיי ווערען, איידער"..

די ווייבער האָבען זיך אין עס־שטוב ביי מלכה'לין, ר' יחזקאל'ס ווייב פערזאַמעלט. עס איז אַ מנהג ביי מלכה'לין אין שבת־צו־נאַכט'ס פון גרויסען רעגענונג אויף פסח דאָס לעצטע שמאַלץ אויסצולאָזען. און יעגער שטוב זיצען די מאַנספערשוינען ביים יאָהר־רעכענונג, עס הערט זיך פון דאָרט אַ שטיל גערויש, וואָס זאָגט אויס די ערנסט־קייט פון אונגעזונג. די דיענסט דרעהט זיך, טראָגט אַריין גלעזער טהיי און נעמט אַרויס ליידיגע גלעזער, און יעדעס מאָל, ווען די טהיר עפענט זיך, שלאָגט פון דאָרט אַרויס אַ רויך פון ציגאַרען און אַ ליאַרם, וואָס פערשטומט אויף ווילע די ווייבערישע געשמועסען, און די ווייבער קריגען הרד־אָרין פאַר „דריגען"... דאָ, אין דער עס־שטוב, זיצען די ווייבער און מאַכען זיך „נאַריש" אין „דריידעל". און דריידעל הייסט עס, אָבער זיי שפּיעלען גאָר אין „זעקס און זעכציג" מיט אַ טאַליע קאָרטען, וועלכע די מאַנספערשוינען האָבען די קינדער געגעבען צו שפּיעלען זיך. די יונגליך שטעהען ביי די מאַמעס און ציהען „קאָהן־געלד", די מאַמעס שטופּען

זײ אָב פֿון זיך, און די יונגלעך שטעהען אַלץ װײטער און טהוען דאָס זײעריגע. אין מיטען קומט גאָר צו לױפֿען אַ יונגעל, האַפּט אַרױס דעם „קאָהן" פֿון טעציל און אַנטלױפֿט װאו דער פּעפּער װאַקסט — און גײה טהו איהם עפּעס?

דער אַלטער דור װײַבער טראָגט טיפּע הױבען מיט פּערשידענע קאָלירטע בענדער און ברײטע שטערענטיכלעך, װעלכע זענען אין שפּיצען אױסגעשניצט און אין יעדער שפּיץ פֿונקעלט זיך אַנאַנדער צירונג: אין אײן שפּיץ = אַ רױטער קרעל, אין צװײטען שימערט אַ בריליאַנט, און דאָס װאַרפֿט איבער דעם אַלט־געקנײטשטען, גלענצענדיגען שטערן אַ „שבת־מלכה" חן; דער יונגער דור טראָגט שױן שײטליך מיט פֿערשידענע מאָדנע לאָקען און די צירונג אין די שײטלען אַרײנגעשטעקט. די קלײדער זענען מעהרסטענטײל פֿון פּערסישע טיכער־שטאָף אין פֿערשידענע קאָלירען, װאָס איז דענסמאָל די מאָדע געװען, און געמאַכט זענען זײ אױך געװען נאָך דער דענסמאָלדיגע מאָדע, = פֿאַלדען אױף פֿאַלדען, אײן פֿאַלד אַרײן מיט'ן קאָפּ אין די צװײטע; דאָ מישען זיך די פֿאַלדען אױס און לעגען זיך צוזאַמען, דאָרט צוגעהען זײ זיך שױן אין צװײ בעזונדערע װעגען. אױף די הערצער טראָגען זײ אַלע „האַרץ־ברעטלעך", דאָס איז אַ לאַנג פֿיער קאַנטיג שטיק סאַמעט, אױף װעלכען עס זענען אױפֿגעהאַנגען װי אױף אַ שילד די מתנות, װאָס דאָס װײַבעל האָט בעקומען װען זי איז אַ כלה געװען. איטע די שנור, גאָלדעלע די טאָכטער זענען געזעסען אײנע אַנטקעגען די צװײטע און בײדע זענען זײ געװען שטיל (װאָרום זײ זענען ברוגז צװישען זיך, הײַנט איז דער רעכענונג...), און אַז אײנע האָט זיך פֿון איהר אָרט אױפֿגעהױבען, האָט די צװײטע עפּעס מאָדנע די ליפּען פֿערקרימט, די אױגען צום באַלקען פֿערגלײסט און לײַכט אָבגעזיפצט. דאָס איז געװען אַ מין ברױגעז־מינע.

זײ האָבען געשפּיעלט. און דער אָנפֿיהרער פֿון שפּיעל איז געװען אַ יודעל „אַ דײַטשעל", „אַ אײַנגעהער" און „אַרױסגעהער" בײַ מלכה'לן, װי אין אַנדערע הײַזער. גערופֿען האָט מען איהם אױך: „דאָס װײַבערש יודעל". שױן דענסטמאָל האָט ער געטראָגען „דײַטשמעריש" אַ קורץ רעקעל און אַזאַ מין זיבען קאַנטיג היטעל מיט אַ גלאַנצענדיגען דאַשעק. געטראָגען האָט ער „דײַטשמעריש" נישט אַזױ לשמה דײַטש", נאָר װי איבער „גלאַט אַזױ", װײַל עס פּאַסט פֿאַר

זאַ מין ווײַבעריש יודעל צו טראָגן „דײַטש“. געוואוסט האָט ער צו יעדער קרענק אַזאַ מין רפֿואה, וואָס ער פֿלעגט עס אָנרופֿן: „קאָרפּוס דעליקטי“. מיט די דײַטשן רעדט ער פּויליש, און שרײַבט „פּראָשעניעס“ אויך אויף פּויליש, דערפֿאַר פֿלעגט מען אים אין שטעדטיל רופֿן „מאַלער“. אויך איז עס אַזאַ מין יודעל, וואָס אוי־מעטום קומט עס, אומעטום איז עס היימיש, וואָס אַלעמען זאָגט עס „דו“ און וואָס אַלע זאָגן אים „דו“. צום מערסטן פֿלעגט עס זיך הברין מיט ווײַבער, און עפּעס אַזוי ווי אים וואָלט מען מתיר געווען, פֿערברענגט ער צווישן זיי פֿראַנק און פֿרײַ. ער ווייסט פֿון זייערע סודות, און עס מאַכט גאָר ניט אויס — „אַ האַלבע יודענע“. אַלעמען פֿלעגט ער אײַנגעמען מיט זײַנע גלײַכע ווערט־לעך. ער האָט גערעדט, האָט מען געלאַכט, האָטש עס איז מעהר נאַרישער געווען ווי לאַכעדיגעס. ער פֿלעגט זיך דעם קאָפּ׳נער פֿון פּאַלטאָ אַהינקשטעלען, דאָס היטעל זיך פֿערדרעהען, מאַכען זיך דרעמלען און דאָס בערדעל פֿלעגט זיך שאַקלען — איז גענוג געווען, אַז עס זאָל ברענגען צום געלעכטער.

הײַנט, שבת־צו־נאַכטס פֿון גרויסען יאָהר־רעכנונג, איז אים אַדראַי געקומען, אַז ער זאָל זיך געפֿינען בײַ ר׳ יחזקאל׳ן. פֿון קיך טראָגט זיך אַ ריח פֿון געפּרעגעלטע שמאַלץ, און געוואוסט האָט ער, אַז נאָך דעם רעכענונג ווען זײַן די גרויסע „מלוה מלכה“, ווי עס איז שוין דער מנהג בײַ ר׳ יחזקאל׳ן פֿון קדמונים אָן.

בײַ אַ ווינקעלע טיש איז געזעסן לאָהלע דאָס כלה־מיידעל. פֿון די פֿרישע גערייטעלטע באַקען האָט דאָס יונגע בלוט אַרויס־געקוקט זיך... אַזוי ווי דאָס בלוט פֿון אַ רויז, וואָס רייטעלט זיך אויף דעם סאַמעט־בלעטעל, ווען די זון גליהט דערויף. די אויגען שטילע, רוהיג זענען זיי „פֿאַר זיך“ געווען אײַנגעפּאַסט אין דעם ברייטען גרויסען אויגען־לאָך, און דאָס דינטשקע ציטערענדיגע הײַ־טעל האָט געהיט דאָס אויג. דער „איבער־שומר“, די שוואַרצע ברעהם, וואָס הענגט אויף דעם ראַנד פֿון דעם גרויסען ווייסען שטערן, וואָס זעהט אויס ווי אַ מענשען־קרוין פֿון גאָט געשענקט, האָט זיך אין דער שטיל דעם אויג צוגעקוקט און אַלעס דעם אויג נאָכגעמאַכט... די האָר אין צוויי צעפּ פֿערפֿלאָכטען, הנדיג און מיידעל־ציטערנדיג האָבען זיי זיך איבער איהרע אידעלע ציטערנדיגע אַקסעל אַראָב־געלאָזט. זי איז געזעסן פֿאַר זיך, און אַ כלה־חן האָט פֿון איהר

געזיכט אַראָבגעלויכטען צניעה׳דיג און שטיל־שווייגענדיג. יעדעס מאָל, ווען עס האָט זיך געהערט דעם דייטשעלס קול, האָט איהר האַרץ לייכט אויפגעציטערט, און די יונגע ברוסט האָט דענסמאָל לייכט זיך בעוועגט. זי האָט מורא געהאַט, אַז דאָס דייטשעל זאָל זי נישט טשעפּען, נאָר באַלד איז אויף איהר אויך די צייט געקומען.

— ווייסט, דער שׂדכן זיצט דערינען מיט׳ן טאַטען און שמועסען וועגען אַ שׂדוך.

זי האָט דעם קאָפּ אַראָבגעבויגען און איהם פֿון זיך מיט איהרע לייכטע ווייסע הענד אָבגעשטופּט.

— אַזוי, ווי עס קען אויף דער לבנה ראש־חודש רעטעיכלעך וואַקסען, אַזוי וועסט דו דעם חתן קריגען.

אין שטוב האָט געקלונגען אַ געלעכטער.

לאה׳לע האָט זיך פֿלינק פֿון טיש אויפגעהאַפּט און איז פֿאַר חרפּה פֿערשוואונדען געוואָרען

— — — —

אויף די וואַנד פֿון דער גרויסער, לאַנגער קיך האָט דאָס קופּער אַראָבגעפֿונקעלט, און איין ראָנדעל האָט אַריבערגעווינקט צום צווייטען, וואָס איז געהאַנגען געגען איהם אויף דער צווייטער וואַנד. די דיקע בייכיגע בעקענס, די קופּערנע אויסגעצויגענע בראָטפֿאַנען, די הויכע קריגען מיט פֿערשידענע שׂנויצען האָבען בעל־הבתי׳ש פֿון די וואַנד אַראָבגעהאַנגען, פֿערשפּרייט אַרום זיך אַ היימישקייט און דערצעהלט פֿון גוטע געוועזענע צייטען... אין איינעם פֿלאַקערט עס, און טיעפֿע ברייט־בייכיגע קופּערנע טעפּ שטעהען און קאָכען, און דער פֿרישער, פֿעטער גריוועןגערוך לעגט זיך איבער דער קיך און דערצעהלט עפּעס פֿון היימישע זאַכען... אויף דעם לאַנגען פֿליישיגען טיש, וועלכער איז מיט אַ לאַנגען קופּערנען בלעך בעקלאַפּט, שטעהען אָנגעשטעלט טיעפֿע בעקען קליינע און גרויסע, גרייט דאָס שמאַלץ אין זיך אַריינצונעהמען.

ביי דער קיך אין אַ ווינקעלע זיצט רחל לאה די איינגעהעריין. אַ הויכע, אַלטע יודענע מיט ווערצעלעך אויף דער גאָמבע, און צוויי דריי לאַנגע האָר ציהען זיך פֿון די ווערצעלעך אַרויס. די אַלטע, גרויע קאַץ ליגט אין איהר שויס און לעקט איהר די איינגעדאַרטע ביינערדיגע הענד. אַרום איהר שטעהען מלכה׳לעס אייניקלעך, יונג־

לעך מיט מיידעלעך, טייל אין הייזלעך, טייל אין קליידלעך, טייל אין שירצלעך, טייל אין ציצה־כנפותלעך און האָרכען אוים וואָס די באָבע דערצעהלט אַ מעשה מיט „אַ פֿייערדיגען הענדעל ביים שמאַלץ פּרעגלען“.

„אַמאָל שוין לאַנג, דערצעהלט זי, האָט אַ יודענע שמאַלץ אין אַ פֿייערקע געפּרעגעלט, האָט זי דעם טאָפּ פֿון פֿייערקע אַרויסגענומען, וועהט זי עס שטעקט פֿון פֿייער אַ פֿייערדיג הענדטעל אַרויס, און עס הערט זיך אַ שטים: „גוטע פֿרוי, גוטע פֿרוי, גיב מיר אַ פּאָר גריווען, וועט קיין עין הרע אין שמאַלץ ניט אַריינקומען“. האָט די טאַקע אַזוי געטהון. האָט זי אָנגעהויבען גיסען שמאַלץ. ניט איין טאָפּ, ניט צוויי, ניט דריי, ניט זעקס, ניט אַכט, ניט צעהן, ביז זי האָט שוין מעהר קיין טעפּ ניט געהאַט — האָט עס אויפֿגעהערט.

די קינדער האָרכען אויס און וואַרטען מיט שרעק, ביז מען וועט דעם טאָפּ פֿון די פֿייערקע אַרויסנעהמען, אַז זיי זאָלען שוין זוכה זיין צו זעהען דאָס פֿייערדיגע הענדטעל.

דערווייל שלאָפֿט רחל־לאה איין, און די אַלטע הויב (אַ גלגול פֿון מלכה׳לעס די בעל־הבית׳טעס הויב) מיט די אַלטע, ברייטע בענדער לאָזען זיך איהר איבערן אַלטען, איינגעקנייטשטען שטערן. דערנאָכמאָל נעמט אַ יונגעל און שטעקט דאָס הענדטעל אוים און ניט אַ צופּ די אַלטע באָבע ביי די האָר פֿון וואָרצעל.

— האָב, האָב, האָב, — מאַכען די אַלטע, איינגעשרומפּענע אויגענדאַרטע ליפּען, און פּרובען האַפּען דעם קינדס פֿינגעריל אין דעם אָהנציינעדיגען מויל אַריין.

— באָבעשי, פֿאַר וואָס וואַקסען אייך די האָר אויף די וואָרצעלעך? — פֿרעגען די קינדערלעך.

= ווייל איך מאַך מיר אַליין הבדלה, און טרינק פֿון הבדלה־ויין, — ענטפֿערט די אַלטע מיט האַלב־פֿערשלאָסענע אויגען און מיט אַ אַלט פֿערקרימט געלעכטעריל אויף די אַלטע פֿערקרימטע ליפּען.

און ווען די אַלטע מאַכט זיך נאַריש מיט די קינדער, איז האַצקעלע, דאָס עלטסטע איניקעל אַ יונגעל פֿון אַ יאָהר 10, שטאַרק פֿערנומען מיט אַ הריידעל גיסען. און דער קיך האָט ער אַ איינ־

געבויגענע לעפעל מיט צין אריינגעשטעלט, און איצט פאקט ער די פארם אין א הויפען זאמד איין.

און דארט ביים אנדערן ווינקעל קיך, וויים פון יום-טוב'די־גען, זיצט יענטע דאס דינסט-מיידעל, ביי א גרויסען עמער מיט וואסער און שיילט די קארטאפלעס, וואס ליגען אין איהר שויס, און ווארפט זיי אין א עמער וואסער אריין, צו די גרויסע „מלוה מלכה"...

נאטע הינטער איהר צופט זי ביי די בלוט-שפראצענדיגע האנד; יענטע, וואס וועט זיין?...

— זאלסט אזוי לעבען צי דו וועסט מיט מיר חתונה האבען.

IV.

דער מתנגד'ישער רב און דער חסיד'ישער רבי.

עס איז געקומען ל"ג בעומר.

און די גוטע מוטער-ערד, האט מיט איהר חסד אויף זיך דער שטאדט'ס הייליך געטראגען און אליץ, וואס געפינט זיך אין זיי און אויסער זיי האט זיך מיט גאט'ס לייטזעליגקייט ערפרישט בע־קליידט פון קאפ ביז די פיס מיט גערוזעליך, בלעטליך, גריניגקע קע־פעלעך האבען זיך פון אונטער'ן געהילץ, פון אונטער שטיין און ביין ארויסגעריכען, געשפראצט, און מיט א ליבער, פרומער מי־נע האט זיך דאס גרעזעלע געשאקעלט אהין און אהער און געזאגט זיין ביסעל בידנע הודאה פון דער מוטער-ערד. און די מוטער-ערד האט איהרע פולע בריסטען אויסגעשטעלט און אנגעזויגען און אנ־געקארמעט יעדעס אפענע ביילכעל, וואס האט נאר בדעה געהאט צו זויגען. אליץ ארום, טאטע אין הימעל, האט מקיים געווען דיין שליחות, געהארכט און געטהון דאס, וואס דו האסט זיי בעפוילען פון ששת ימי בראשית אן: דאס גרעזעלע איז געוואקסען, געצויגען זיך, ווייל זיין מצוה איז צו וואקסען, די פויגעלעך האבען זיך זייער נעסט געמאכט איבער די פענסטערליך פון דער אלטער ווייבערשער

שוהל און האָבען אַ גאַנצען טאָג אין דיין פרום בית־המדרש־געסעל, פון וואַנען עס טראָגט זיך דער הייליגער קול תורה. ארויס־געשפּרונגען, ארויסגעטאַנצט פון היכל צו היכל אויפן פענסטער פון אַלטען בית־המדרש, אונטערגעשפּרונגען, אַ קדושה געהאַט, אַ שמי רבא, אַ וואָרט תורה אונטערגעהאַט, און אויפגעשפּרונגען, איך דער עדה זיך געשטעלט מיט אַ קוויטש — אַ ברכה, און געהאַט אַ קוישעלע ביינעל, ווערעל, סוכער־ברוט, וואָס אַ הדר־יונגעלע האָט דערביי אַ ברכה געמאַכט געמאַכט. און איז דערמיט אויפגעפלויגן און מיט דעם זיין נשמה, וואָס איז געוואָרען פערוואַנדעלט אין אַ פייגעלע, מתקן געוועזען.

אין דיינע הימלען אין דער הויך האָבען זיך איבערגעצויגען, אייניגע אין דעם צווייטען אַריינגעפלאָסען, און זיינען ווייט און ברייט אין פרעמדע לענדער אַריין האָבען זיי זיך פערבלאָנדזשעט און באַ־שיינט דיין קליין שטעטעל, אזוי ווי דו האָסט זיי אָנגעוואָרפט פון אָנהויב אָן. און דאָס וואַסער הינטערן שטעטעל האָט זיך ווי אַ שטיל געבעט, — מיט וועלכען עס וואָלט דיר דאַנקען געוואָלט, מאָ־מען איינציגער, פאַר אַלין, — געגאָסען חוואַליע איס, חוואַליע איין, פון פרעמדע לענדער אין פרעמדע לענדער. הוראַ־יונגעלע. האָט עס אַ שטילע, לאַנגע געשליפענע דערציילט איך אַ וואַסער־שפּראַך. און פון וואַסער זענען אויפגעגאַנגען בעהאַלטענע טייוואָליקען און האָבען בעגלייט דיינע פעלדער, וואָס האָבען זיך אין דער לענג און אין דער ברייט אויסגעשפּרייט. די טייוואָליקען זענען געלעגען איבער די פעלדער גאַנצע נעכט און זיי אָנגעטרונקען און בעגאָסען. און פון די פעלדער האָבען זיך געטראָגען בעהאַלטענע ריחות און דער ליפט אַרום און פערפילט מיט לעבען, ערקוויקט און ערפרישט יעדעם דיין בעשעפעניש, וואָס זיי האָבען אויפן וועג געטראָפען.

ל״ג בעומר. און דער גאַס פאַר טהיר און טהירען זיצען ווייבער, בעל־הבית'טעס מיט שטריקנאַדלען אין די הענד, שטריקען זאָקען און דערציילען מעשיות. און די הדר־יונגלעך, וואָס זענען אין שטאָדט איבערגעבליבען, שטעהען ביי זיי און ציהען די מאַמעס שערצען: מאַמע, אַ צווייער!... די פרומע רביצען, אָנגעטהון אין הויל־המועד־דיגען ווייסען שאַל, זיצט פאַר איהר טהיר, אַרום איהר די בעל־הבית'טעס ווייבער, — די שטיפטעס מיט דעם חונס ווייב. איך די פאָר איינציגע בייטער, וואָס זענען פערוואָרפען אין געסעל (וואָס קיינער ווייסט

נישט, ווער עס האָט זיי דאָ איינגעפלאַנצט) ציהען זיך הדר־יונגלעך און רייסען צווייגלעך. פון פעלד קומען צוגעהן באָרוויסע יונגלעך מיט פעק געלע פעלד־בלומען אין די הענד, און רופען אין דער גאַס:

נאַ דיר בלומען, גיב מיר קנעפּ,
נאַ דיר בלומען, גיב מיר קנעפּ!

די קינדער קומען אָן צו לויפען, רינגלען זיי אַרום, רייסען אָב די קנעפּלעך פון די הייזלעך, פון די קאַפּאָטקעלעך און קויפען בלומען, קעהרען זיך אום צוריק צו זייערע מאַמעס מיט הענד בלומען און אַראָבגעלאָזטע תּחתּונים׳לעך...

אין מיטען מאַרק ווערט פּלוצלונג אויסגעשפּרייט אַ לאַנגע, ברייטע פּלאַכטע, און עס דערהערט זיך אַ קאַטערינקע שפּיעלען. קינדער קומען אָן צו לויפען פון אַלע עקען, דערנאָך עלטערע מענשען. מען שטעלט זיך אַרום, מען רינגעלט אַרום, און איינער אין אַ פערדרעהטען הוט אָהן אַ דאַשעק, אָנגעצויגען אין עפּעס אַ מין געשטריקט העמדעל און אָנגעגאַרטעלט אין אַ ברייטען פּאַסעק, אין שיך און זאָקען, דרעהט זיך אַרום אַרום דעם רעדעל מיט אַ קאַנטשיק אין דער האַנד און האַקט איבער די קעפּ, און וואַרפט היטלעך אין די קופּקע אַריין און די קאַטערינקע שפּיעלט צו. פּלוצים ווייזט זיך אַ הויכער יונג אין אַנ׳אָבגעקרייט פּנים, אָנגעטהון אין אַ פּאָר וואַנצע הויזען פון אויבען ביז אַראָב, מיט אַ זייגער אויסגעמאָלט אויף די הויזען אויף דעם סאַמע „זייט מיר מוחל“... אויפ׳ן בויך שטעלט ער זיך אַרויף אַ הויכען דראָנג, און אויפ׳ן שפּיץ דראָנג לעבט אַ גאַנצע משפּחה, וועלכע מאַכט נאָך קונצען דערצו. די קאַטערינקע שפּיעלט צו, און דער מענש מיט דעם קאַנטשיק אין דער האַנד קלאַפּט איבער פּנימ׳ער, איבער נאַקעטע קעפּ. עס ווייזט זיך אַ האַלב נאַקעט מיידעל אין אַ קורץ קליידעל ביז צו די קניה, מיט בלאָנדע, צולאָזטע האָר, פערקעמט און איינגעפלאָכטען מיט פערשידענע קייטעלעך און קמעות, מיט אַ הנ׳עוודיג נעזעל, און אַ פּאָר רויטע בעקעלעך, און ברעכט זיך אין אַ רייף... ס׳ווייזט זיך גאָר איינער, וואָס שלינגט שווערדען איין, איינס נאָך דעם צווייטען און דערנאָך קומט אַ צווייטער און שלעפּט איהם גאָר פון מויל אַרויס, אָנשטאָט די שווערדען — לאַנגע טיכלעך מיט ווייבערשע קאָפּקעס. און נעה, פרעג זיי קשיות!

אין די קאַטערינקע שפּילט צו, און דער מענש מיט קאַני־
טשיק קלאַפּט צו איבער׳ן קאָפּ, איבער פּנים׳ער.

געווען איז אַמאָל אַ איד אַ שניידער אין שטאָדט. מען האָט נישט געוואוסט, פון וואַנען עס קומט אַ איד, און וואו אַהין עס געהט אַ איד. ער איז געווען איינער פון די טויזענד, וואָס זייער לעבען געהט ווי אַ שאָטען דורך פאַר אונזערע אויגען, און וואָס קיינער מערקט נישט, נישט זייער געבאָרען ווערען און נישט זייער שטאַרבען. דאָס ברויט, וועלכעס זיי עסען, מוז וואַקסען אויף בעהאַלטענע פעלדער, און דאָס פלייש, וואָס זיי עסען, מוז זיין פון אַזעלכע בהמות, וואָס פּאַשען זיך אין פערבאָרגענע לאָנקעס,— אַז נישט, וואָלט מען זיך אַמאָל געפרעגט, וואו איז דאָס ברויט אהינגעקומען פון די פעלדער? וואו זענען די בהמות אַוועקגעקומען פון די לאָנקעס?...

אַ איד, אַ שניידער, מיט קיינעם נישט געהאַט קיין געשעפ־טען, אויסער מיט איין גאָט זיין בעשעפער. די נאַכט רעקט נאָך דעם הימעל צו, ווען דער שניידער גרייט זיך אין בית־המדרש אַ־ריין. בעהאַלטען אונטער אַנאַנדערען, ביי אַ שראַנק ספרים, דאַנקט ער זיין בעשעפער דערפאַר, וואָס ער האָט איהם בעשאַפען, פאַר דעם ברויט, מיט וועלכען ער דערנעהרט איהם, און פאַר דעם חסד, וואָס ער וועט טהון מיט איהם נאָך זיין טויט און וועט איהם צו־נעהמען צו זיך. קיינער זעהט נישט, ווען עס געהט אַ איד, אַ שניי־דער אין בית־המדרש אַריין, ווען עס זיצט אַ שניידער ביי אַ פּויערס אַ סערמיעגע. און זעהט מען איהם, דאַכט זיך, עפּעס שוין אַזוינס, אַ געוועהנליכעס, ווי דער קלאָץ, וואָס שטעהט אין מיטען מאַרק. עס פרעגט שוין קיינער נישט, צו וואָס שטעהט אַ קלאָץ? צו ווען אַ קלאָץ?

זיין ווייב, הנה די שניידערין, האָט אויך זיך גענומען אַ מצוה בירושה (איבערגענומען פון דער מאַמע עליה השלום, און די מאַמע פון דער באָבע, און אַזוי. איין דור נאָך צווייטען): יעדען פרייטיג פאַרנאַכט אין דער אַלטער ווייבערשער שוהל צוויי ליכטלעך אָנצו־צינדען. עס האָט קיינער נישט געפרעגט, ווער צינדט אָן די צוויי נשמה־ליכטלעך, וואָס פינקלען זיך יעדען פרייטאָג־צו־נאַכטס פון דער

אַלטער ווײַבערישער שוהל אַראָב, צי זענען די אַלטע בעל־הבית׳טעס פֿון די קברים אויפֿגעשטאַנען? מען וואָלט זיך מעהר געוואונדערט, אַז מען וואָלט אַמאָל אַזוי אין אַ שענעם פֿרײַטאָג־צו־נאַכט׳ס די נויע ליכטלעך נישט געזעהן. וואָלט מען דעמאָלט בעמערקט, אַז עס פֿעהלט עפּעס אין דער שוהל (האָטש וואָס, וואָלט קיינער נישט געקענט טרעפֿען). און פֿאַר די צוויי ליכטלעך, וואָס די פּראָסטע כאַמעט צינדען אַזוי לאַנג אָן אײנע נאָך דער צווייטער, האָט זי גאָט בעלוינט און האָט זי אָבגעגעבען איין ליכט, ר׳ דוד׳ל, דעם רב פֿון דער שטאָדט.

נאָך אַ לאַנגער צײַט, ווי הנה די שנײַדערין האָט קיין קינדער נישט געהאַט, האָט גאָט דערהערט איהר געבעט און האָט איהר אַ זוהן געשאָנקען. זי האָט איהם אַ נאָמען געגעבען דוד׳ל, און דאָס איז טאַקי ר׳ דוד׳ל, דער הײַנטיגער רב פֿון שטאָדט.

באַלד פֿון קלײנערהייט אָן האָט זיך דוד׳ל אַרויסגעוויזען אַנדערש פֿון אַנדערע קינדער. אַ סדור׳ל, וואָס דער טאַטע האָט איהם געקויפֿט, „א״ב" זיך אויסצולערנען, האַלט ער נאָך אין דער כּוזעס־קעשענע ביז׳ן הײַנטיגען טאָג. אָהן אַ פֿערדעקטען קאָפּ האָט ער אין וויעגעל נישט געוואָלט אײַנשלאָפֿען. נאָכ׳ן יאָהר האָט ער שוין די ברכה געפּלאַפּעלט איבער דער מוטער׳ס ברוסט.

געלערענט אין הדר מיט גרוים התמדה. נישט פֿלינק איז דער קאָפּ, נאָר דאָס, וואָס קומט אַרײַן, געהט שוין נישט אַרויס, און פֿרום, אָבגעהיטען, ער געהט זיך זײַן „אָקסען־שריט". נישט אויף קיין האָר פֿון שלחן־ערוך אָבצוטרעטען.

הונדערט און איין מאָל האָט ער די הוראה גע׳הזר׳ט און גע־לײענט זי אויסענווייניג מיט די הערות, מיט׳ן פֿינגער געטײַטעלט, פֿערבינדען די אויגען, אויפֿ׳ן טאָוועל, וואו יעדער אות שטעהט.

אַז ר׳ בעריל ז״ל, דער אַלטער רב פֿון דער שטאָדט, איז נפטר געוואָרען און האָט נישט איבערגעלאָזט קיין ממלא מקומו, נאָר אַ דערוואַקסענע יתומה, וואָס מען דאַרף זי התונה צו מאַכען, האָבען בעלי־בתים אָנגעהויבען צו ריידען, אַז דוד׳ל זאָל התונה האָבען מיט דער יתומה און ממלא מקום זײַן.

הסידים זענען געווען געגען דעם: לייזער שנײַדער׳ס זוהן פֿאַר אַ רב? בעלי־בתים אָבער, וואָס האָבען געוואָלט די זכיה האָבען צו זעהן, אַז אײנער פֿון זיי איז עולה לגדולה, האָבען זיך אײַנגע־

שפּאַרט. עס האָט זיך געמאַכט אַ שטאַרקע מחלוקה. נאָר איין מאָל האָבען זיך די בעלי־בתּים צוזאַמענגענומען אין בית־עולם, געשטעלט אַ חופּה מיט הודלען און דעם רבּ׳ס יתומה, און אָנגעקלאַפּט אין קבר אַריין: „מזל טוב, אייער אײדעם איז ממלא מקום!"

חסידים האָבען מורא געהאַט פאַר בישתּהמות. האָבען די שטיל־געשוויגען און האָבען געוואַרט בּיז ער׳ן טרייסטען זיך – וויאַ אַהין וועט ער פאָהרען?

ר׳ הודל אָבער האָט געהאַט זיין גמרא און יורה־דעה און איז זיך געזעסען אין דער היים און האָט יום ולילה געלערענט. דער רבּ האָט זיך געפיהרט בעל־הבתּיש: געווען אַ חברה־מאַן אין דער חברה תהלים, יעדען פאַרטאָג איבערגעשטאַנען און געזאָגט מיט די בעלי־בתּים תהלים בּיז צו עלות השחר; מיטן ערשטען מנין גע־דאַווענט, בּמנהג אַשׁכּנזית, און יעדען ערב ראש־חודש יום־כּפּור־קטן אָפּגעריכט אין דער קאַלטער שוהל.

חסידים האָט עס שרעקליך פערדראָסען, און, אַזוי ווי ווייטער שטיינער איז, האָבען זיי וועהר נאָך קלות געוועזען און איהם אין ניכט אַנדערש איהם גערופען, ווי „הודל שניידער". אַ חסיד האָט איהם אַמאָל אויף אַ ברית־מילה בּעליידיגט און האָט איהם „שניידער־יונג" גערופען. בעלי־בתּים האָבען דעם חסיד געוואָלט קורע בּהג זיין, נאָר דער רבּ האָט זיי איינגענומען מיט גוטען, און פון דעמאָלט אָן התמ׳עט ער זיך: „אני הקטן דוד היט".

חסידים. די וואָס האָבען מיט איהם אינאיינעם אין בּית־המדרש געלערענט, האָבען ניכט געקענט פועלן בּיי זיך, איהם צו זאָגען „רבּי". און זיינען געגאַנגען פון דערווייטענס. ער האָט זיך אויך פון זיי דערווייטערט, האָט זיך געהאַלטען מיט די „יושבי עצים ושואבי מים" און נאָך זיי נאָכגעפאָרשט. פאַר זיך אַליין האָט ער ניכט געקענט לערנען, דאָס, וואָס ער האָט שוין געוואוסט, האָט ער געמוזט איבערגעבען עס דעם צווייטען. יעדען פרייטאָג־צו־נאַכט׳ס פלעגען זיך די בעלי־בתּים צוזאַמענקומען אין בּית־המדרש אַריין מיט חומשים אין די הענד, און ר׳ הודל פלעגט מיט זיי די סדרה לער־נען. ער פלעגט זיי געבען צו פערשטעהן און איבערטייטשען שטי־קער מדרש רבּה, די בעלי־בתּים האָבען די פינגער געלעקט פון זיינע מתיקות־דיגע רייד. שבּת נאָכ׳ן שלאָף פלעגט ער זיך אַריינ־זעצען צווישען די בעלי־מלאכות אין בּית־המדרש, נעהמען אַ תהלים

אין דער האַנד אַריין און זאָגען מיט זיי תהלים, ער אַ פסוק, זיי אַ פסוק. ער האָט געזונגען יעדעס וואָרט, און דער קול האָט זיך אַרויסגעלאָזט פֿון אויסער דעם בית־המדרש, אין גאַס. יונגען, שבת־לאָבוסעס, וואָס האָבען אין גאַס פֿאַלענט געשפּיעלט, האָבען דעם פֿאַלענט אַוועקגעוואָרפֿען; בעלי־עגלות, פּישער'ס, וואָס האָבען מיט די ווייבער אין גאַס שפּאַצירט, האָבען די ווייבער אַוועקגעוואָרפֿען, אין בית־המדרש געקומען. דאָס בית־המדרש'ל איז וואָס אַמאָל פֿולער און פֿולער געוואָרען און דער רב, פֿערטרונקען צווישען קעפּ, שטעהט און זאָגט תהלים, און דער קהל ענטפֿערט איהם אָב. ער אַ פסוק, זיי אַ פסוק.

יודען האָבען געוואוסט, אַז זיי האָבען זיך אויף ווּעמען צו פֿערלאָזען. איז איינעם שלעכט געוועזען, איז ער צום רב אַרונטערגעגאַנגען, און דער רב האָט איין רפואָה געהאַט — תהלים. וואָס פֿאַר אַ יוד עס זאָל נישט זיין, האָט זיך דער רב מיט איהם אַנידערגעשטעלט אין ווינקעל בית־דין־שטוב און האָט אָנגעהויבען מיט'ן יוד תהלים צו זאָגען. און דער יוד, דערהערענדיג דעם רב'ס קול, ווי עס קומט פֿון אַ צובראָכען האַרץ, האָט ער זיך אויסגעוויינט פֿאַר'ן רב און איז אַוועק מיט אַ גרינג געמיט.

אַז דוד'ל איז רב געוואָרען, האָט ער אויף זיך אַ מצוה גענומען, וואָס ער זאָל זי מקיים זיין אַפילו מיט'ן גרעסטען מסירת־הנפש, און זאָל די מצוה מאַכען ירש'נען מדור לדור, אַז גאָט וועט איהם מזכה זיין צו דעם. דאָס איז די מצוה פֿון אברהם־אבינו־סנדיקאות, און ער האָט מיט די בעלי־בתים אָבגעמאַכט, אַז סנדיקאות געהערט צו איהם.

פֿאַר די נשמות פֿון זיין טאַטע־מאַמע האָט ער געקלערט.

דער רב ר' דוד'ל האָט זיך אין זיין שטוב אַרויף און אַראָבגעדרעהט, דעם הויכען שטערן געקנייטשט און פֿון צייט צו צייט ביטער אָבגעקרעכצט. הינדעלע די רבי'צין האָט פֿערשטעלט דאָס געזיכט אין איהרע בלייכע, לאַנגע הענד, געזעסען אין אַ ווינקעל ביים אייוועץ און האָט ביטער געוויינט:

— דוד, אַ מעשה וועל איך מיר טהון. איך וועל עס נישט קענען אַריבערטראָגען, דו מוזט דאָ זיין אַ היפשען עורף.

— און איך זאָג דיר, אַז עס איז מן השמים. מן השמים לאָזט מען מיך נישט צו צו דעם. וואָס קען איך געגען דעם טהון? מן הסתם דאַרף עס אַזוי זיין. אַ גאַנצע עדה יודען זאָלען איבער מיר הונגערען? די שטאָדט וועט הלילה אונטערגעהן, — זיי האָבען געוויינט פאַר מיר, דאָס האַרץ ווערט צושניטען.

— אוי, די בושה, די הרפה, רבונו של עולם, דו קענסט דאָך נישט וועהן קיין שפיכת דָמים.

— אוי, אשה. אשה, מען טאָר נישט זיין קיין נוקם ונוטר, געדענק, פערזינדיג זיך, הלילה, נישט.

— מאַטע איינציגער, — האָט די יודענע געקרעכצט, פערשטענ-לענדיג זיך דאָס געזיבט אין די הענד, און די גאָלדענע, לאַנגע איירינגלעך האָבען איהר נאָכגעבאָמבעלט.

דער רב איז צום שראַנק ספרים צו, אַרויסגענומען אַ ספר און האָט זיך פערטראַכט.

אין טהיר האָט זיך געוויזען יודעל מלמד, דער מוהל פון דער שטאָדט, און האָט די רבי'צין גערופען: רבי'צין, זיי נאָר מוחל.

די רבי'צין האָט זיך אויפגעהאַפּט.

דער רב האָט עס בעמערקט און האָט אַ ווינק געטהון צו ר' יודלען מיט'ן פינגער: נו, וואָס, זיי געהען שוין?

יודעל האָט דעם קאָפּ אַראָבגעבויגען.

— ביי מיר האָבען זיי געפועל'ט, מן הסתם איז עס מן השמים, איך בין נישט ראוי צו דער מצוה.

— רבי!

— איבער מיר זאָלען יודען נישט האָבען צו עסען? מילא, וואָס איז דער הילוק, איך האָב אויף מיר גענומען מצות הכנסת-אורחים. דאַכט זיך, דאָס וועט מיר קיינער שוין נישט קענען אַ-וועקנעהמען. און דו, יודעל, זאָגען זיי דיר איך אָב דאָס מוהל-שאַפט?

— איך ווייס נישט, מן הסתם. נאָר וואָס איז דער הילוק, אַז אָהן אייך, רבי.

— עס איז דיין הזקה. על פי דין טאָרסט דו דיך נישט אָפּ-זאָגען, כל זמן...

פון הינטערן פענסטער האָט זיך פלוצלונג אַ געהודער.

מענשען קומען אָן. עס ווערט אַ געלאָף, אַ געשריי: „דאָס קוויטעל!“ דעם בלינדען שוסטער׳ס קול הערט מען אין פענסטער:

„רבי, אונזער רבי, איהר וועט אייך אַ שוואַרין יאָהר אויסריכטען!“ מען קלאַפּט אין דער טהיר, הענד רייסען אויף, אַנדערע קלאַפּען די טהיר צו. שטעקענס פאַלען אַהין און אַהער, אַ קנאַק פון ערגעץ אין אַ שויב. עפּעס פאַלט אַריין דורכ׳ן פענסטער. די רבי׳צין שרייט און ציהט דעם מאַן ביי דער קאַפּאָטע. פון דרויסען הערט מען: „די קצבים געהען“.

דער רב גיט אַ רייס אויף די טהיר און געהט אַרויס. די גאַס איז פול מיט קעפּ — יודען, ווייבער, קינדער. עס מישען זיך אויס בונטיגע שניידערשע היטעלעך מיט סאַמעטענע שבת׳דיגע. עס שוואַרצט זיך ווי אַ לויה... אַלע לויפען, שרייען. יודען רייסען זיך ביי די בערד. איינער האַלט איבער׳ן צווייטענס קאָפּ אַ שטעקען. דער הויכער יוד שטאַרט פון אַלע אַרויס און מיט די דינע הענד שאַרט ער קעפּ פאַר זיינע פיס.

— רשעים! — האָט דער רב געגעבען אַ געשריי.

— דער רב, דער רב, — איז געוואָרען אַ געשריי צווישען עולם, און עס איז שטיל געוואָרען. אַלע האָבען די קעפּ אַראָבגעלאָזט און געוואַרט אויף עפּעס. יעדער איינציגער האָט זיך באַהאַלטען אונטער דעם צווייטען, אַז דער רב זאָל איהם נישט דערזעהן.

— יודען, וואָס שלאָגט איהר אייך, ווי די גוים? — האָט דער רב ביטער געשריען און טרעהרען האָבען זיך איהם געוויזען אין די אויגען.

אַ טרויעריג שטיל־שווייגען האָט אַלעס צו געשטיקט, נאָר פון דער מאַסע שטומע שוואַרצע קעפּ האָט זיך אַ קול געלאָזט הערען:

— דאָס קוויטעל פון די סנדיקאות, דאָס קוויטעל!

מען האָט זיך אומגעקוקט: ווער רעדט, אָבער מען האָט נישט געקענט דערגעהן.

— וואָס ווילט איהר אַ קוויטעל, נאַט אייך, אַבי זאָל זיין שלום, אייער רבי וויל דאָך אודאי אויך דאָס.

קיינער האָט זיך מיט קיין וואָרט נישט אָנגערופען.

– אונזער רבי – האָט דער בלינדער שמש אַרויסגעקוקט פֿון עולם און פֿרעהליך – אַ האַלבע זאָל איך אַנדערגייען!

קיינער האָט נישט געוואַגט צו לאַכען.

אין דעם איז אַ קליין, נידעריג יודעל אַרויס פֿון דער עדה און צו צום רב, און ערנסט פֿערגלייכענדיג די אויגען מיט בינה, ווי ער וואָלט אַ ברכה איבערן ספר געמאַכט, האָט ער געזאָגט:

– דער רבי וואַרט הינטער דער שטאָדט, מיר וועלען גיכער מוזען נאָכ'ן „קוויטעל".

דער רב איז אין שטוב אַריין. דאָס קליינע יודעל, ר' יצחק יודעלס, האָט זיך נאָכגעיאָגט נאָכ'ן רב. און חסידים האָבען זיך נאָך איהם נאָכגעשטופּט, אָבשטופּענדיג מיט די עלענבויגענס די בעלי־בתים הינטער זיך.

דער רב איז אין שטוב איינינע מאָל געגאַנגען אַרויף און אַראָב. מיט סוף איז ער צוגעגאַנגען צום אָרון־קודש, וואָס איז געשטאַנען אין אַ ווינקעל, האָט זיך אָנגעהויבען ערנסט צו שאָקלען און האָט געזאָגט:

„עס איז ידוע ונגלוי פֿאַר דעם מי שאמר והיה העולם אַז נישט פֿון מיין גוטען רצון גאָה איך אַוועק פֿון דער מצוה, וועלכע איך האָב געוואָנען מקיים צו זיין, אַפֿילו מיט מסירת־נפש. איך טהו עס מחמת שלום" – און איז צו צום טיש, גענומען אַ פֿען אין האַנד אַריין, און אָנגעהויבען שרייבען.

חסידים אַרום האָבען שטיל געשטאַנען. פֿון דער צווייטער שטוב האָט זיך געהערט דער רביצינ'ס הילפֿענדיג געוויין.

באַלד האָט זיך דער רב אויפֿגעהויבען, ר' יצחק יודעלס איז צו און די האַנד אויסגעשטעקט נאָכ'ן קוויטעל.

– ניין, זאָגט דער רב, און הכנסת־אורחים וואו איז? הינדיל, די קאַפּאָטע, – האָט ער אַרויסגערופֿען אין דער צווייטער שטוב.

הינדעל איז אַריין מיט אויסגעוויינטע אויגען, צו צו דער קליידער־שאַנק.

– אשה, איך פֿרעג מיך, און ליב גאָט, וואָס ער האָט מיר איין מצוה צוגענומען און די צווייטע געגעבען, און זי ווייסט און מחוייערסט.

די רביצין האָט זיך די טרעהרען פֿון געזיכט מיט'ן פֿאַרטוך אויסגעווישט.

— קומט, לאָז מען מקיים זיין מצות הכנסת־אורחים — האָט דער רב אויסגערופֿען צום עולם, אַרויסקומענדיג אויפ'ן גאַס, און האָט מיטגעשלעפט יודעל מלמד בייַ'ם אַרבעל.

— אַנטקעגען דעם רבי'ן — האָט זיך נאָכ'ן רב געהערט ר' יצחק יודעלס קול.

און דער גאַנצער עולם האָט זיך הינטער דער שטאָדט אַרויס־געלאָזט.

אַלע, דאָס גאַנצע שטעדטיל, האָט זיך נאָכ'ן רב אויף דעם וועג געלאָזט דעם רבי'ן אַנטקעגען.

פֿון יעדער טהיר האָבען זיך מאַנספּערזאָנען אַרויסגעלאָזט, גע־האַפּט די שבת'דיגע קאַפּאָטעס, די סאַמעטענע היטלען, געוועלבער האָבען זיך פֿערמאַכט אין מיטען העלען טאָג, טהירען האָבען זיך פֿערקלאַפּט, און אַלע זענען אַוועק נאָכ'ן עולם אויפ'ן וועג. בעלי־בתים דערזעהענדיג, אַז דער רב געהט אַנטקעגען, האָבען פֿערגעסען זייער שנאה קעגען די הסידים, אין האַרצען האָבען זיי זיך געפֿרעהט: אַ רבי קומט אין שטאָדט אַריין, הסידים וועלען קומען אויף שבת, די שטאָדט וועט ווערען אויפֿגעריכט. זיי האָבען זיך אויך אָנגעטהון די שבת'דיגע קאַפּאָטעס און זיך געלאָזט נאָך דער מַחֲנֶה וואָס אַ מאָל איז אַלץ די מהנה גרעסער געוואָרען, בעלי־מלאָכות האָבען אַוועקגעוואָרפֿען די מלאָכה, קרעמער — די קראָמען, און אַלע האָבען זיך געלאָזט אויפ'ן קאָנסקער וועג דעם רבי'ן אַנטקעגען. גוים לְהַבְדִיל. אויס נייַגיעריגקייט, האָבען זיך אויך אויסגעמישט מיט דער מהנה.

פֿון ר' יהוקאל'ס הויף איז נאָטע אַרויס מיט אַ בריטשקע און וואָגען, די פֿערד זענען געווען געשפּאַנט אין נייעם געשפּאַן מיט'ן מעשע־נעם בעקלאַפּעכטס. ר' יהוקאל מיט די זיהן און אייניקלעך זענען גע־זעסען אין איין וואָגען. ר' היים דער צווייטער שותף מיט די זיהן, איי־דעמס און אייניקלעך אין צווייטען וואָגען. נאָר אַז אָנקומענדיג צו דער עדה, האָבען זיי דערזעהען, אַז די גאַנצע עדה געהט צו פֿוס, זענען זיי אויך פֿון די וועגען אַראָב און אין עולם אַריין.

די פֿעלדער אַרום און אַרום ווי ווייסענדיג. אַז זיי געהערען

צו איין גאט, האבען זיך אלע אויסגעמישט. און א ים פון גרינעם גראז לאזט זיך ווייט אוועק. א ווינטעל בלאזט און בעוועגט דאס גראז, איין חוואליע פון א גרינעם ים איבערן צווייטען. און דעם גרינעם ים פערבלאנדזשען זיך שמאלע, אויסגעטרעטענע שטעגעליך. דארט און מיטען די פעלדער, פערבלאנדזשעט און גראז, שטעהען הויכע יתומים־דיגע בוימער, און מיט דער בישה, אז גאט האט זיי צו נארען ארויסגעשטעלט, וואס זיי זענען העכער געוואקסען פון אלין ארום און ארום, שאקלען זיי זיך איינזאם און דאווענען ביחיד אין פעלד. צווישען די פעלדער ציהט זיך לאנג אוועק דער שטומער וועג, פערשטעלט פון ביידע זייטען מיט אלטען ליפען־בוימער. די לאנגע צווייגען, וואס אט ערשט האבען זיי פון זיך זייערע קנעפ שפראצענטלס ארויסגעצויגען — פלעכטען זיך איין צווייג אין דעם צווייטען אריין.

און גאטס עדה אויפ'ן וועג. אויף די פעלדער טרעפט מען רבי'ס מיט הדר־יונגלעך שפאצירען ל"ג בעומר אין פעלד, די יונגע גבורים מיט די פיילען־בויגענס און די הענד זענען באלד אריין צווישען דער מחנה, אויסגעמישט זיך, און אויך אקעגען דעם רבין געגאנגען.

חסידים האבען זיך באלד צוזאמען בעהאפטען, איינער צום צווייטען. איינער האט ארויפגעלעגט די האנד אויפ'ן צווייטענס אקסעל, ביי די הענד זיך גענומען, בעהאפטען זיך און זענען געווארען א עדה און דער עדה. זיי האבען קיין חלוק נישט געמאכט צו „משלנו" אדער נים „משלנו". וועד ס'האט געוואלט, האט זיך ביי דעם נאר־טעל אנגענומען, ביי די הענד זיך פערבונדען, און האט זיך צוזאמענ־געהאפטען. קינדער זענען געקומען צולויפען, פערפלאנטעוועט זיך צווישען די פיס, ביי די פאטערס גארטלען זיך געהאפט, ביי די פאטערס קאפאטעס און נאכגעשלעפט זיך. און די עדה איז געווארען וואס אמאל גרעסער און גרעסער, פון אלע עקען האבען זיך יודען צוזאמען גענומען, בעהאפטען זיך און אנגעהויבען צו זינגען, הויך מיט'ן קול:

„ברוב עם הדרת מלך"

און די קולות האבען זיך אינאיינעם אויסגעמישט, אזוי ווי די נשמות האבען זיך צוזאמענגעגאסען, און עס איז געווארען איין קול פון טויזענד הערצער, און דער קול האט געקלונגען איבער פעלדער און וועלדער און האט ערגיץ נאנין ווייט אבגעשאלט:

„ברב עם הדרת מלך".

איבּען אויפ'ן הימעל האָט זיך איין שטיק, העל־שיינענדי־גער הימעל אין אַנדערן אַריינגעגאָסען. פֿון אַלע עקען וועלט זענען אָנגעקומען צו שווימען העל־זילבערנע, נגידיש־הסידישע וואָלקענד־לעך, און איינס האָט דורכגעשוועבּט איבּערן צוויטען, אין עק וועלט האָט זיך געהמאַרעט. נאָר דער שוואַרצער וואָלקען איז צורונען, און פֿון זיינע שפּאַלטען האָט די זון אַרויסגעגאָסען מיט ליכט, און די ליכטיגקייט האָט אָבּגעגלאַנצט און בּעהעלט אַ גרינע בּיט אונטען אויף דר'ערד. און די גרינע, ליכטיגע בּיט האָט געשפּיעלט צווישען די אַנדערע מאַטע בּיטען.

און אַזוי ווי אונטען אויף דר'ערד, אַזוי האָבּען זיך מיט אַמאָל אויך איבּען די הימלען צוזאַמענגעגאָסען, איין ליכטיגער וואָלקען האָט זיך געגאָסען אין צוויטען, אויסגעמישט זיך, און זענען איינס געוואָרען נאָכגעצויגען זיך נאָך דער עדה דעם רבּין מקבּל פּנים זיין, און אונטען איבּער די לאָנקעס האָט אַ ווינדטעל געבּלאָזט און געבויגט די גרע־זער, און די גרעזער האָבּען זיך נאָכגעשאָקעלט, נאָכגענויגט נאָך דער עדה... און די איינזאַמע בּוימער אין די פֿעלדער האָבּען מיט זייערע צווייגען געשאָקעלט, געבּעטען עפּעס, געגריסט פֿון דערווייטען, און אַרום האָט דעם עולמ'ס קול הויך, ווייט און בּרייט אָבּגעקלונגען:

„ברב עם הדרת מלך".

דער רב מיט די פּאָר בּעלי־הבּתים זענען געגאַנגען אין אַ זייט וועג, זיי האָבּען געזעהן, ווי דאָרט יודען העפּטען זיך איינער אין צוויי־טען, זענען איינס מיט'ן הימעל און דער ערד געוואָרען, און זיי, די בּעלי־בּתים, הברה־מענשען, אויסגעשטופּט, אַרויסגעוואָרפֿענע, האָבּען זיי עפּעס דרך־ארץ געקראָגען פֿאַר דעם גרויסען אַהדות, וואָס זינגט... און פֿון די בּעלי־הבּתים האָט מען זיך יעדעס מאָל אָבּגע־ריסען און צו די הסידים אַריבּערגעגנבֿ'עט זיך.

בּאַלד איז אָנגעקומען פֿון וועג אָן אַ גרויסער וואָלקען, וואָס האָט אויפגעשטייגט פֿון דער ערד אין הימעל אַריין. דער וואָלקען שטויבּ לויפֿט פֿאָראויס, קומט וואָס אַמאָל נעהענטער און זאָגט עפּעס אָן:

— דער רבּי פֿאָהרט! דער רבּי פֿאָהרט!

און יודען ווי גרויס און ווי קליין האָבּען זיך געגעבּען אַלאָז העגדום־פּענדום אין וואָלקען שטויבּ אַריין, און איהם צוריסען, פֿער־

בלאָזען, און עס רײַסט זיך אַרױסצוגײן א גרױסער װאָגען. און ייאָגען איז דער רבי אין אַ װײַסען, אַטלעסענעם האַלאַט געזעסען פֿאַרטונקט צװישען שװאַרצע סאַמעטענע קעפּ און פּאות, אַ אַלט גרױער יוד, פֿערװאָרפֿען די הענד איבערן האַרין, פֿערגלײַסט די אױגען אין הימעל אַרײַן, און דער היכער אײדעלער אַריסטאָקראַטישער שטערן קנײטשט זיך פֿון צײַט צו צײַט.

— שלום עליכם!

און עס האָבען זיך גענעבען אַ ציה הענד דאַרע, לאַנגע, בלײַכע, פֿעטע, דיקע, רױט־האָריגע און אײדעל־גלאַטע, אַ ים הענד, אײנע איז פֿערטרונקען געװאָרען אין דער צװײַטער; אײנע אַרױף, די אַנדערע אַראָב, און דער רבי האָט יעדען בעזונדער שלום־עליכם אָבגעענטפֿערט.

צום סוף האָט זיך דער רב צוגערוקט צום רבין, האָט צו איהם די האַנד אױסגעשטרעקט: שלום־עליכם!

— עליכם שלום, װער איז עס? — האָט דער רבי געפֿרעגט.

— דער רב פֿון שטאָדט.

— דער רב פֿון שטאָדט? אַװי.

— איך האָב אײַך דאָס קװיטעל געבראַכט, — זאָגט דער רב, דאָס קװיטעל איבערגעבענדיג.

דער רבי האָט די בלײַכע האַנד אױסגעשטרעקט נאָכן קװיטעל.

— דרײַ מאָל ש״ס װעל איך אײַך איבערגעבען, עס איז מײַן מצוה, — האָט דער רב געשטאַמעלט, נאָך אַ קלײנע װײַלע ישיבה, צװישען עולם איז אַ געמורמעל געװאָרען.

— צו װעמען פֿאָהרסט דו? — האָט דער רבי מיט אַ שמײכעל געפֿרעגט, דאָס ברױעל אין בװעס־קעשענע אַרײַנלעגענדיג.

— צו קײנעם נישט.

— צו קײנעם נישט. נו, װעסט דו בײַ מיר בײַם טיש זיצען, האָט דער רבי געשמײכעלט.

דער רב איז נאָך געשטאַנען.

באַלד האָבען זיך צוגערוקט חסידים, האָבען דעם רב אַרײַנגעשטופּט אין אַ זײַט און דער עולם האָט זיך װײַטער גערוקט מיט די הענד איבער די קעפּ, געדריקט זיך נעהענטער צום רבין.

— יודען, מיר װעלען מנחה דאַװנען — האָט דער רבי אױסגערופֿען און איז אַראָב פֿון װאָגען.

באַלד בײַם װעג איז אַ קלײנער יודישער װאַלד געשטאַנען.

בּוימער ווי זיי וואָלטען אין איין גאַרטעל געווען פערלפאָכטען. דער רבּי פאַראַוֹיס, דער עולם נאָכ'ן רבּין זענען אין די בּוימער אַריין.

עס איז שוין פאַרנאַכט געוואָרען. די זון האָט נאָך אין וואַלד אַריינגעקוקט צווישען די בּוימער. ניֹשט וואו און ניֹשט ווען האָט זי דאָס גרינס צווישען איין בּוים און דעם צווייטען בּעגולדעט. דער קלייענער וואַלד איז שטיל געווען. ווי אַ טילער סוד וואָלט אין איהם פערשטומט געוואָרען פון צייטען, צייטען לאַנג... די הימלען איבּער'ן וואַלד אין רויט־בּלויען פייער האָבּען צנועה'דיג זיך ווייט אַראָבגעלאָזט. טיף אין וואַלד האָט אַ איינזאַמער פויגעל געררופען; גערופען ניֹשט ווי־סענדיג וואָס. דאָרט טיף אין וואַלד האָט ווער אַ בּוים אונטערגע־האַקט און דער בּוים האָט זיין ודוי הויך צווישען די בּוימער אויס־גערופען....

און אַרום וואַלד האָט די גאַנצע וועלט געוואַרט...

נאָך ניט פאַרטיג איז דאָס גרינס געווען, נאָר עס האָט ערשט אָנגעהויבען צו בּליהען. די ערד האָט ערשט די בּריסטען אויסגעשטעקט, און דאָס גרינס האָט ערשט צו זויגען אָנגעהויבען, צו נאָגען און ציהען היונה. אַלץ אַרום האָט ערשט אָנגעהויבען צו לעבּען און האָט געוואַרט אויף אַ דערלעזונג, אויף אַ בּרכה, אויף אַ תּקון.

און דער עולם איז פערוואָרפען אין וואַלד. אַ יוד הינטער אַ בּוים, אַ יוד הינטער אַ בּוים. יונגע קינדער הינטער יונגע צוויי־געלעך, קוסטעס. אַלע האָבּען זיך טיף און ערנסט געשאָקעלט. דעם רבּינ'ס בּרכה האָט געקלונגען אין וואַלד, און מיט דער האַנד האָט ער צוגעשאָקעלט און געוויזען:

„ברך עלי־נו ה' אל־ה־נו את הש־נה ה־זאת ואת כל מי־ני תבו־אָ־תה לטו־בה, ותן בר־כה על פני הא־ד־מה. ושבע־נו מטו־בה וב־רך שנ־תנו כש־נים הטו־בות, ברוך אַ־תה ה' מב־רך הש־נים”.

און בּיי יעדען בּוים אַ נשמה, און יעדע נשמה, וואָס איז הינטער זיין בּוים געשטאַנען, האָט פאַר זיין בּוים געבּעטען, און מיט דער בּרכה האָט מען דעם תּקון אויף דאָס גרינס געזעהען. און די בּוימער האָבּען זיך מיטגעשאָקעלט, ווי געוואָלט עפּעס בּעטען, זאָ־גען, נאָר בּוימער זענען שטום, און די נשמה, וואָס שטעהט אונטער דעם בּוימ'ס שליח צבּור. און דער בּוים שאָקעלט זיך מיט: אָמן! אָמן!

אַלץ אַרום האָט געדאַווענט, געבּעטען און געדאַנקט גאָט, און

דער הימעל האָט זיך גענעהנטערט צו דער ערד, די ערד — צום הימעל, אַ ערה יורען, אַ ערה בוימער. די בוימער האָבען זיך מיטגעשאָקעלט, אַ צווייג אָן אַ צווייג געקלאַפּט, די גרעזער אהין און אהער זיך בעוועגט, די פֿויגעל פֿון צווייג צו צווייג געשריען, געקוויטשעט. און דער ווידער־קול האָט טיעף אין וואַלד געהויבען צווישען די בוימער, און דעם העקערס קול דאָרט טיעף האָט אָבגעקלאַפּט, און די קולות האָבען זיך אויסגעמישט, עס איז געוואָרען איינס. אַלין האָט זיך בעהאָפטען. און עס איז געוואָרען איין תּפלה, איין האַרץ, איין נשמה. און דאָרט טיעף אין וואַלד איז די שכינה צווישען די בוימער אויסגעצויגען און דאַווענט מיט...

די גאַנצע וועלט אין גאָט, גאָט אין דער גאַנצער וועלט דאַווענט.

באַלד איז אַלין שטום געוואָרען. די בוימער האָבען זיך אויפֿגעהערט צו שאָקלען, דאָס גראָז צו בעוועגען. דאָרט טיעף אין וואַלד איז דער פֿויגעל פֿערשטומט געוואָרען און דער ווידער־קול פֿון העקער. די וועלט ווי זי וואָלט זיך אַ מינוט איינגעהאָרכט. דאָרט טיעף אין וואַלד איז גאָט אין הערט זיך אויך איין צו דעם אַלט־בעקאַנטען נגון פֿון אַמאָל, און דעם רבינ'ס קול וויינט אין וואַלד:

תק—ע בשו—פר ג—דול לחרו—תנו ושא נס לק—בץ גליו—ת־נו...

אַלין אַרום איז שטיל געווען. אַ טונקעלער, טרויעריגער נעבעל האָט דאָרט טיעף, וואו די שכינה רוהט, זיך אויסגעשפּרייט, און פֿון דאָרט טיעף האָט אַ טרויעריגער פֿערגעסענער זום־זום־זום געברומט און האָט געשפּיעלט איבער וועלדער און פֿעלדער און דער ווידער־קול האָט זיך ווייט צוגאָסען און פֿערטרויט בעהאַלטענע סודות.

גאָט'ס אַ גרוס איז עס געווען צו זיין כּנסת ישראל פֿון לאַנגע, לאַנגע־צייטען...

באַלד האָט דער רבי זיין תּפלה געענדיגט. יתומים אונטער בוימער האָבען קדיש געזאָגט, און אפשר האָבען אויך בוימעליך קדיש געזאָגט איבער זייערע טאַטעס און מאַמעס, אָדער זענען די קינדער זייערע הזנים געווען...

דער רבי איז צוריק אַרויף אויפֿ'ן וואָגען. מען האָט די פֿערד אויסגעשפּאַנט, יודען גאַנצע מחנות, גאַנצע עדות האָבען אין דעם וואָגען זיך איינגעשפּאַנט. קעפּ זענען געקראָכען איבער קעפּ, איינער איבער'ן צווייטען, איבער די רעדער און אויף די רעדער און דער ווייסער האַלאַט, פֿערטרונקען אין ימים קעפּ און הענד, האָט זיך גע־

טראָגען אין דער הויף, און פֿאַר איהם און נאָך איהם הוואַליעס קעפּ, הוואַליעס קעפּ מיט איין קול, מיט איין שיר:

„בְּרֹב עָם הַדְרַת מֶלֶךְ“.

און נאָך דער עדה האָט אַ טונקעלער, טרויעריג ליבער טוי־וואָלקען איבער וועלדער און פֿעלדער גערוהט און געזויגען, און געטרונקען יעדעס מיילעכיל, וואָס האָט זיך געעפֿענט.

דעם רבי'נס ברכה...

זיין וואָס נעהענטער די הוואַליעס קעפּ זענען צום שטעדטיל צוגעקומען, האָבען זיך אַלץ מעהרער מענשען, ווייבער, אַלטע לייט, קינדער פֿון שטאָדט זיך געלאָזט, די אָנגעקומענע זענען אין די מאַסען קעפּ פֿערשוואונדען געוואָרען, און מיט איין קול און מיט איין שירה:

ברב עם הדרת מלך! — זענען זיי אין שטאָדט אַריין.

אַ ליבער פֿערגעסענער טוי־וואָלקען, וואָס האָט פֿון די וואַסערען אויפֿגעשטייגט, האָט זיך צערטליך אין מיט אַ מוטערליכער ליבע איבער'ן שטעדטיל געלעגט, צו בעשיצען, צו בעוואָרענען, און דער וואָלקען האָט עס געהילט און געטוליעט. און דאָס שטעדטיל איז ליבליך איינגעשלאָפֿען.

ווייט אין געסעל האָט זיך געהערט אַ קינד וויינען...

פֿון ר' יהוקאל'ס צוויי גרויסע פֿענסטער, וואָס נעהען אין שיהל־געסעל אַריין, האָבען אין טונקעלען טוי־נעבעל צוויי גרויסע ליכט־פֿלאַמען אַרויסגעדרענגט, און אַ שטיל פֿערטרונקענער ליבער נגון איז פֿון דאָרט אין געסעל אַריינגעשוואומען.

דער רבי איז דאָרט איינגעשטאַנען.

פֿון די וואָכעדיגע בית־המדרש־פֿענסטער, וואָס זענען געווען געגען איבער ר' יהוקאל'ס פֿענסטער, האָבען אויך זעקס קליינע ליכטלעך אין דעם טוי־וואָלקען אַריינגעדרענגט, און אַ קאַלטער, וואָכעדיגער „והוא רַחוּם“ פֿון אַנ'אַלטער שניידערישער ברוסט האָט פֿון דאָרט זיך אַרויסגעריסען:

„יְכַפֵּר עָוֹן וְלֹא יַשְׁחִית“.

אין טיעף אין געסעל, פערהילט אין נאכט-נעבעל הערט זיך א יונגעל'ס לאבוסדיגע שטימע:

נא דיר בלומען, גיב מיר קנעפ.
נא דיר בלומען, גיב מיר קנעפ!

V.

די זומערדיגע פאר-נאכטען

ווי די דריי וואכען האבען זיך אנגעהויבען אריינצוגנב'נען אין שטעטיל, איז דאס זומער-לעבען ווי אין מיטען אבגעהאקט געווארען. די וועלט ארום און ארום האט אויסגעזעהען ווי א פרינצעסין, וואס זיצט אין איהרע יום-טוב'דיגע קליידער און טרויערט נאך איהר געליעבטען, וועלכער האט זי פערלאזט... א ווינטעל בלאזט און וועהט איבער די גרעזער, שאקעלט זיי אהין, שאקעלט זיי צוריק. דאס, בלעטעל אויפ'ן צווייגעל, דאס גרעזיל אין דער ערד וויינען אין זיך פאר דער גאנצער וועלט.

ליעבע, זומערדיגע פאר-נאכטען! פון בעהאלטענע וועלטען קומען זיך צוציהען איבערן הימעל שטיקער ליכטיגע, שטיקער טונקעלע וואלקען. מישען זיך צוזאמען טיעף אין בריטען האריזאנט פון הימעל. די הערליכע ליכטיגקייטען מיט די דונקעלע וואלקען ווערען בעהאלטען הינטער בלאהע, פאכערדיגע פארהאנגען. ליכט פערוויקעלט אין ליכט העננט ברייט און וויט איבערן וואסער און שפיגעלט זיך אב אין זיינע ליכטיגע, געשליפענע הואליעס. און די הוואליעס געהען, א הוואליע נאך א הוואליע, ווי זיי וואלטען דאס הארץ אויסגערעדט איינע פאר דער אנדערער. ווייט, ווייט נויגט זיך דער הימעל אראב אין וואסער אריין, און דאס וואסער געהט אין הימעל ארויף. דער הימעל מיט דעם וואסער גיעבען זיך דעם ערשטען, ליעבען אינשולדיגען קוש און געהען זיך שלאפען ליגען אין געדיכטען וואלד, אין שווארצען וואלד, אין עק וועלט...

ליעבע זומערדיגע פאר-נאכטען אין שוהל-געסעל! טונקעל-טרויעריגע נעבלען טוליען דאס שטילע געסעל. און וויקלען עס, ווי זיי וואלטען עס וועלען פערהילען פון מענשענ'ס אויגען. און עק וועלט

פון געדיכטען וואלד שימערט נאך ארוים דאס לעצטע ביסעל רויטליכקייט, פערזונקען און פערטרונקען צווישען בלאהע ימים ווי אבגעריסענע, פערגעסענע אינזולען. — פון די פענסטער פון דעם אלטען בית־המדרש ווינקט ארוים א ליכטעל, און דעם פרושי'ס קול וויינט אין געסעל, און קלאגט זיך פאר דער מאמע־נאכט... און די מאמע־נאכט נעהמט־מיט זיין געוויין און פערטרינקט עס אין בעהאלטענע וועלטען, און מישט עס אויס, און עס ווערט איין טאן פון דעם נאכטכאר; די זשאבעס אין וואסער האלטען איהם מיט צום טאקט. פון שווארצען וואלד קומט צוציהען א פערגעסענעס זשומען. און די נאכט נעהמט די קולות אלע אין זיך אריין, און ווערט פערטרונקען מיט זיי אויף דעם שווארצען וועג צום בית־עולם צו... פון רבי'נס פענסטער דרינגען ארוים צוויי גרויסע ליכט. דער רבי אין וויסען האלאט דרעהט זיך איינער אליין ארויף און אראב איבער דער שטיב, און יעדעס מאל, ווען דער ווייסער האלאט געהט פארביי די צוויי פענסטער, לויפט ווער דורך איבער'ן ווייסען פלייט, וואס איז אנטקעגען די פענסטער. פאר טהיר און טהויערן זיצען האלב־נאקעטע יודען, בעלי־בתים, בעלי־הבית'טעס, בעלי־מלאכות, אנגעהארעוועטע פון א גאנצען טאג, אויסגעבעט אויף בעט־געוואנד און האפען א ביסעל „פרישע לופט”, קליינע מיידלעך שפאצירען צוזאמען פאר דער טהיר, אנגעהמענדיג זיך ביי די הענד, און זינגען הויך אויפ'ן קול:

געהט דער גראף אין וואלד אריין,
טרעפט ער א מיידעל ביים בוים שטעהן.
— מיידעלע, מיידעלשי, וואס טהוסט דו
אין וואלד אליין?
— איך בין געגאנגען אין וואלד אריין
און וויים נישט וואו א היים צו געהן.

אויפ'ן פלויט פון תנה־שרה'לעס גארטען, פון וועלכען די צווייגען מיט בארנעס שטייגען אין מארק אריין, קלעטערן די הדריונגלעך. זיי האפען אן די צווייגען און רייסען פון זיי אונצייטיגע אבס. דער סעדער לויפט ארוים, די קינדער אנטלויפען, נאר איינס נעבעך איז העגנען געבליבען אויפ'ן פלויט. דער סעדער האפט איהם אראב דאס היטעל, און דאס יונגעל שטעהט און קראצט זיך און וויינט. ער האט מורא א היים צו געהן צו דער מאמען. קיה געהען אהיים פון דער פאשע, דער שעפער שפיעלט אויף דער פישטאלקע,

בעלי־בתים דערהויבען זיך פֿון די גרעטער און פֿיהרען דאָס ווײַבערינג אין די שטאַלען. פֿון ערגיץ פֿאַר א הויז הערט זיך א האַרמאָניע שפּיעלען. דאָרט זיצט סטעפּאַן, דער איינציגער גוי אין געסעל, מיט זיין מיידעל און שפּיעלען ליעבעס־ליעדער. און דאָס קול פֿון דער האַרמאָניע מישט זיך אויס אינאיינעם מיטן פּרוש'ס ווײנענדיגען נגון. און עס ווערט אין טרויעריגער, האַרץ־רייסענדיגער נגון. וואָס ווערט פֿערטרונקען ווייט אין געסעל...

ליעבע זמירותדיגע פֿאַר־נאַכטען אין שול־געסעל! דאָרט ווייט צום שוואַרצען וועג צו, צום „בית־עולם", שפּאַצירען אַרום בית־המדרש בחורים אין די זמירותדיגע לייכטע שניט־רעק. עס שפּאַצירען בעל־הבתישע מיידלעך אין די זמירותדיגע קאַרטאָנגע קליידלעך. די בחורים אויף איין זייט, די מיידלעך אויף דער צווייטער זייט, שיקט א בחור אַריבער א פֿערשטעמטען בליק אויף דער צווייטער זייט, וויל געפֿינען די כלה, וואָס איהר גאָלדענעם זייגער טראָגט ער אויף זיין היעמט; ער פֿערשטעמט זיך, און דאָס האַרץ קלאַפּט אין איהם... ווייל א מיידעל וואַרפֿען אַנאויג צו די בחורים, כדי צו געפֿינען איהר חתן, פֿאַר וועלכען זי העפֿט איצט אויס א תפֿילין־בייטעלע, שעמט זי זיך פֿאַר די חברישאַנס. איהר האַרץ קלאַפּט אין הער־שטיל, אין דאָס לייכטע קאַפּטענדיל בעוועגט זיך...

ליעבע זמירותדיגע פֿאַר־נאַכטען אין שול־געסעל! היינט זעגען אָבער די „הויכע וואָכען", היינט טאָר מען קיין ליעבעס נישט שפּיעלען, האָט מען עס אָבגעלעגט אויף שבת־נחמו... נאָר די נעבלען, וואָס הילען דאָס שטעדטיל איין אין ליעבע, טרויעריגע סודות, וועקען אין הער־שטיל דאָס האַרץ, דאָס געסעל טוליעט זיך צום נעבעל, דער נעבעל צום געסעל, און זיי שפּיעלען אין הער־שטיל א געהיימע ליעבע... און די רוחות טראָגען זיך פֿון יענער זייט פֿעלדער און האַרפֿיישען דאָס האַרץ... די ברוסט ווערט פֿול, און עס ווערט עפּעס אַזוי ליכט, אַזוי ליעב, אַזוי זיס, און עס ווילט זיך אַזוי זיין געטריליעט, געליעבט! אוי, טאַטע אין הימעל!

ליעבע זמירותדיגע פֿאַר־נאַכטען אין שול־געסעל! ווער עס האָט אייך געהאַט, ווער עס האָט אייך פֿערלאָרען...

אויף דעם שווארצען וועג צום בית־עולם צו, ווייטער גראָב אין שול־געסעל האָט זיך די וועלט דאָס געזיכט איינגעטוליעט אין האַריץ פון דער נאַכט, און די נאַכט אין האַריץ פון דער וועלט, און ביידע האָבען זיך בעהעפט, און דאָרט ווייט, טיעף אין וואַלד זיך פער־בלאָנדזשעט און זיך שלאָפען געלעגט אין געדיכטען וואַלד.

אויף דעם שווארצען וועג, צום בית־עולם צו, שטעהען אַלטע, אָבגעלעבטע טאָפּאָלען, ווי ווילדע לצים, מיט אָבגעהאַקטע פיס און הענד. זיי שטעהען ווי גלגולים פון רוחות, ווי אָנגעקומענע פון פאַר ששת ימי בראשית, ווי שטומע עדות פון אָנהויב וועלט ביז׳ן סוף וועלט... נאַכט, צוועלף אַ זייגער, קומען צוגעהן „הויכע דייטשען מיט לאַנגע בייטשען״, און שטעלען זיך הינטער די טאָפּאָלען און ציהען פון זייערע צווייגען די ליבסטע, האַריץ־נאָגענדע נגונים, צי־הען, ציהען ביים האַריץ, און פערנאַרען מענשען מיט זייערע גע־זאַנגען אין ווילדע זומפּען...

אין פעלד, אין גראָז ליעגען קופּקעליך הסידים, הינטערן שטאָדט, און זינגען דעם יאוש׳דיגען:

שׁוֹכְנֵי בָתֵּי חוֹמֶר,
לָמָּה תִשְׂאוּ עָיִן?
וְיִתְרוֹן אָדָם מִן הַבְּהֵמָה—אָיִן!

מיט׳ן נגון פון דעם חזן, וואָס מען האָט איהם לעבעדיגערהייד אין קבר בעגראָבען. און דאָס קול קלינגט איבער די קברים, וואָס שטע־הען אויפ׳ן בערגעל און די קברים אויסגעמישט מיט גאָט׳ס ערד, פער־טרונקען אין ימים גרינס, לעבען דאָ זייער שטיל, שווייגענדיג לעבען. עס שווייגען די טויטע ביינער אין די פיער איילען פון קבר, וואָס האָט איבער זיך נאָר אַ פיצעל הימעל. דאָס ווינדטעל בלאָזט איבער זיי. אויסגעמישט מיט דער ערד, גיבען זיי פון זיך דאָס לעבעדיגע גרינס אַרויס. אָט זענען די ביינער צוגעקומען צום אמת׳ן תכלית, צום לעצ־טען סוף פון לעבען, פון פאַר׳ן איביג און פון נאָכ׳ן איביג... און די גאַנצע וועלט האָט זיך געאייניגט, דאָס לעבעדיגע מיט׳ן טויטען, דער הימעל מיט דער ערד, יעדעס גרעזיל, יעדעס בוימעל, און עס איז איין לעבען, איין וועלט, איין גאָט׳ס געוואָרען...

פון דער צווייטער זייט וועג שפּיגעלט זיך אָב דאָס וואַסער אין דער נאַכט, ווי אַ צווייטע וועלט זעהט עס אויס פון דערווייטען. קליינע ליכטלעך פון די בערלינקעס, וואָס רוהען אין וואַסער איבער

נאַכט, דרינגען טיעף אין וואַסער אַריין. און זיי זעהען אויס פון דערווייטען, ווי גרויע, טונקעלע חיות זענען מיט די לאַפּעס אין דער שוואַרצער נאַכט איינגעזונקען געוואָרען, און קענען נישט מעהר אַרויס, די ליכטלעך, — די אויגען און זייערע שטערענס, דרינגען אַהער פון דערווייטען און בעטען הילף...

און אויף דעם שוואַרצען וועג, טיעף דאָרט אין דער נאַכט, האָט גאָט זיך דאָס פּנים אין ביידע הענד פערשטעלט... און זיינע צוויי גרויסע מיטעהרען — וואָס ער וויינט אויף חורבן בית־המקדש — האָבען אויף דער ערד זיך אַראָבגעגאָסען און אַלין פערטונקט אין פערטרונקען....

אויפ'ן שוואַרצען וועג צום בית־עולם צו אין דער טונקעלער נאַכט שפּאַצירען אַ יונגעל מיט אַ מיידעל, גבריאל דעם רבי'ס זוהן, דער ממלא מקומו, און לאהילע, ר' יחזקאל'ס יונגסטע טאָכטער.

זי האָט איהם געזעהען דורך אַ שפּאַלט פון דער טהיר דענס־מאָל, ווען זיין פאָטער איז ביי זיי איינגעשטאַנען. פאַר־טאָג'ס, ווען זי איז נאָך אין איהר בעט געלעגען, האָט זי דערהערט פון אַ אָפענעם פענסטער זיין קול. ער לערנט און זיין קול איז אַרויס דורכ'ן פענסטער און אויסגעמישט זיך מיט דעם ריח פון די יונגע גרעזער, וואָס האָבען זיך פון דעם נאַכט־טהוי געוועקט; ער איז אַריין מיט דעם בלומען־געשמאַק, און איז פאַר איהר געזיכט פערביינעפלויגען און גע־וויגט איבער איהר, און איהר ברוסט האָט זיך אונוויסענדיג געהויבען און געוועקט זיך... און פון דענסמאָל אָן האָט זי געבענקט נאָך זיין אידעל, מלאכדיג געזיכט, וואָס האָט ווי אַ ליכטיגע לבנה פון זיין טיעפען שטריימעל אַרויסגעשיינט, נאָר זי האָט נישט געוואוסט דערפון. זי האָט פון גאָרנישט געוואָלט וויסען, נאָר יעדען פאַר־נאַכט האָט זי זיך אין שול־געסעל שפּאַצירט... עס האָט זי עפּעס געצויגען אַהין, צו די „הויכע דיטשען מיט די לאַנגע ביי־טיטען", די וואָס שפּיעלען און ציהען די נגונים פון די טאָפּאָלע צווייגען, און האָבען זי געצויגען טיעפער אַריין, טיעפער אין שוואַר־צען וועג אַריין, טיעפער און טיעפער... איהם אָבער האָבען זיי אויך געמוזט ציהען, און ער האָט זיך אויך געמוזט לאָזען פערפיהרען...

און זיי האָבען נישט געזעהן, ווי זיי פערקריכען זיך. די נאַכט

איז געפֿאַלען איבער זייערע קעפּ און האָט זיי אין זיך אַריינגענומען, בעוועגט זיי מיט פֿינסטערניש הינטער זיך און פֿערשטעלט זיי פֿון מענשענס אויגען. די טויטע מצבות אויפֿ'ן בערגעל זענען עדות געווען, אַז די קינדער האָבען צווישען זיך קיין וואָרט נישט גערעדט, נישט בײַ דער האַנד זיך אָנגענומען, נאָר ער פֿון איין זײַט וועג, און זי פֿון דער צווייטער זײַט וועג האָבען זיך געלאָזט נאָכציהען נאָך די שטומע, האַריך־נאָגענדיגע נגונים, וואָס די „הויכע דײַטשען מיט די לאַנגע בײַטשען" האָבען מיט זייערע דינע, לאַנגע פֿינגער פֿון די אַלטע טאָפּאָלען־בוימער אַרויסגעצויגען. אָט די נגונים האָבען זיך אין זייערע הערצער אָבגעקלונגען, ווי אויף סטרונעס, און האָבען די קינדער אַלץ געצויגען צו זיך, געצויגען שטום, און געשפּיעלט שטומע, סודות'דיגע טענער אויף די האַריך־סטרונעס אין דער־שטיל...
אין דער־שטיל...

און די נאַכט איז געפֿאַלען איבער זיי, און די טהוי־וואָלקען האָבען געשוועבט פֿאַר זיי, און הינטער זיי.

און אַלץ אַרום איז פֿול מיט ליעבע. דער הימעל און די ערד ליעגען אינאיינעם געאָרעמט פֿערוואָרפֿען אין וואַלד, די נאַכט אין דער וועלט, די וועלט אין דער נאַכט, און שמעקענדיגע ריחות קומען זיך צו טראָגען פֿון די אַרומיגע פֿעלדער, וועהען איבער'ן פּנים, און דערצעהלען שטומע סודות, וואָס מען טראָגט בײַ זיך אין האַרץ אַרום און וואָס מען זאָגט זיי קיינמאָל ניט אַרויס...

און די ברוסט בעוועגט זיך שטיל, פּאַמעליך, און בענקט נאָך עפּעס, און אַ בענקעניש ליעגט אויף אַלעם אויסגעגאָסען, די גאַנצע וועלט בענקט, נישט ווייסענדיג אַליין נאָך וואָס, נאָך ווען...

אין געדיכטען וואַלד ליעגט גאָט אין שוואַרצען מאַנטעל געהילט, און בענקט נאָך זיך אַליין און נאָך די וועלט... אין עק וועלט, וואו דאָס לעצטע רויטע אויג זינקט אין די בלאָהע, שוואַרצע ימים, קושט זיך דער טאָג מיט דער נאַכט און בענקען נאָך זיך און נאָך דער וועלט...

אין מיטען האָריזאָנט בלאָנדזעט אַ ליכטיגע לבנה, ים אויס, ים איין, און בענקט... — דער קליינער בית־עולם בעהאַלט זיך אין זיך און בענקט...

און דאָס יונגעל און דאָס מיידעל לאָזען זיך נאָכציהען נאָך די פֿערגעסענע נגונים...

זי ביסעל ווייטער איז דאס וואסער, און די נאכט-לאמטערנדלעך דרייען זיך אין דער טיעפעניש פון וואסער, און דערצעהלען זיי מעשיות פון אנדערע וועלטען.

דאס יונגעל מיט'ן מיידעל געהען נאך, און לאזען זיך פערפיהרען נאך די פאקעלדיגע לאמטערנדלעך.

זיי זענען צום וואסער אנגעקומען, ביים ברעג זיך געזעצט.

עס האט זיך פלוצלונג קלינגען געהערט.

און דאס קלינגען האט מיט אימה פון גאנץ ווייט אבגעקלונגען, ווי א מאמע וואלט זיך אין דער פינסטערע נאכט געקלאגט: געוואלד, מען האט מיר שלעכטס געטהון! געוואלד, מען האט מיר שלעכטס געטהון!

דער הימעל צום שטעדטיל איז מיט אמאל ליכטיג געווארען, ווי א רויט-ברענענדיגע, ליכטיגע המארע פון א ליכטיגען ים איז געקומען צו ציהען פון א פרעמדער וועלט און האט זיך פערבלאנדזעט איבי'ם פינסטערן נאכטים אריין, און האט א האלבען הימעל בעלויכטען. צי האט נישט א מעכטיגע האנד א שטיק נאכט פון דער הויך אראבגעווארפען, און דער וועלט דעם אפענעם הימעל געוויזען? צי האט זיך אפשר דאך די זון איין מאל אין לעבען טועה געווען, און אנשטאט אין א פרעמד לאנד צו געהן, איז זי פאר דער צייט צוריק געקומען? און אונטען איז דרערד פלאקערט זיך, איין וואלקען פייער קילערט זיך אין צווייטען אריין און זיי פלאמען זיך אינאיינעם אין שטייגען אין הימעל אריין, און צינדען א שטיק הימעל אונטער. ערד, לופט און הימעל קישען זיך צוזאמען אין איין פלאם פייער. עס האט פון דער וועלט דעם נאכט-שלייער אראבגעריסען און צוריק טאג געמאכט... פון דער-ווייטען הערען זיך וויינענדיגע קולות, און דער שטאדט-גלאק קלינגט און קלינגט מיט א געוואלד, ווי א מאמע וואלט זיך געקלאגט: געוואלד, איהר האט מיר שלעכטס געטהון! געוואלד, איהר האט מיר שלעכטס געטהון!

דאס יונגעל מיט דעם מיידעל זיצען ביים ברעג וואסער. ליכטיגע שטראהלען פאלען אריין און בעלויכטען דאס וואסער פון יענער זייט. און פון דארט, פון וואנען דאס וואסער ברענט זיך, קומען צושווימען ליכטיגע חוואליעס און בודען אין דער שטיל

די איבריגע הוואַליעס דאָס, וואָס דאָרט טהוט זיך אָב. דאָ ליעגט די נאַכט אויסגעצויגען איבער'ן וואַסער. עפּעס וואָס פּליאַסקעט זיך שטיל אין איהם... מתים געהען אויף פון דעם בית־עולם, קריכען אַריבער דעם פּלויט און זיי זענען טובל זייערע נשמות אין וואַסער, איידער זיי שטייגען אויף אין הימעל אַריין צום בית־דין של מעלה.

און דאָס וואַסער גיעסט זיך אין דער־שטיל, וואַשט די נשמות, וואַשט זיי אָב פון זינד, און די מתים שווימען מיט די הוואַליעס וואַסער אין שוואַרצען וואַלד אַריין, אין הימעל אויפצושטייגען...

און פון יענער זייט פלאַקערט די וועלט. זיילען פייער אין זיילען פייער שטייגען איינער נאָכ'ן צווייטען אין הימעל אַריין, און צינדען אָן די לופט, דעם הימעל, און זייער פייערדיגער גלאַנץ שפּיעלט אויף די הוואַליעס...

דורך בעהאַלטענע וועגען זענען די קינדער אין שטאָדט צוריק געקומען.

האַלב־נאַקעטע ווייבער, נאַקעטע קינדער, האַפּענדיג דאָס ביסעל אָרימקייט, פּעק בעטגעוואַנד, וועך אַקישען, וועך אַן'עמער מיט שטוב־זאַכען, מיט אימה'דיגע געוואַלדען, מיט פונאַנדערגעלאָזענע האָהר, לויפען זיי פון פייער, גאַס אויס, גאַס איין. קליינע קינדער, האַלטענדיג זיך אָן די מאַמעס שירצען, גרעסערע, העלפענדיג דער מאַמען די פעקלעך טראָגען, לויפען אין דער שוואַרצער וועלט אַריין, מיט געוואַלדען, מיט געוויין. און דאָס פייער לויפט זיי נאָך, אַרויסשטעקענדיג נאָך זיי זיינע צונגען. מאַמעס טראָגען זויגעדיגע קינדער אין די קישענס, ברידער — קליינע שוועסטערלעך, שוועסטער — קליינע ברידערלעך. מען לויפט מיט זיי אין פרעמדע שטיבער, זיי אַוועקצולעגען אין פרעמדע בעטען, צו פרעמדע קינדער, דאָס פייער יאָגט די מענשען פון די הייזער, טרייבט זיי אַרום ווי ווילדע רוחות און טראָגט זיך פון דאַך צו דאַך. דאָס פייער איז ווי אַנ'אונגעהויערע ווילדע חיה מיט ברייטע, וויטע ברענענדיגע לאַפּעס, איז געקומען צולויפען פון וויסטע מדבריות און האָט זיך איבער'ן שטעדטעל געלעגט, צו פערניכטען אַלין, אַלין... יודען, גוים שלעפּען עמערלעך וואַסער, געהען מיט אַ געוואַלד און גיעסען דאָס וואַסער אין פייער אַריין; דאָס פייער טרינקט עס גאַנ'ס

מיט אַ לעבעדיגען קנאַק און טהוט זיך ווײַטער דאָס זײַניגע. טײַל מענשען, נישט וויסענדיג וואָס צו טהון, האַפּען פֿענסטער, טהירען און לויפֿען דערמיט אין דער וועלט אַרײַן. ווילדע מאַמעס לויפֿען אין פֿײַער מיט צוואָרפֿענע האָאר, פֿערוואָרפֿענע קליידער. זיי לויפֿען און שרײַען: מײַנע קינדער! מײַנע קינדער! ווילדע, פֿערלאָזטע, נאַקעטע קינדער לויפֿען איבער דער גאַס, שלעפּענדיג פּעקלעך, און שרײַען: מאַמע! מאַמע! און די אַלע קולות ווערען פֿערטרונקען אינאיינעם אינ'ם קנאַק פֿונ'ם פֿײַער, און דאָס פֿײַער שיקט זײַנע צונגען פֿון דאַך צו דאַך און לויט איבער נאָך זיך איין חורבה נאָך דער אַנדערער. און די חורבות בלײַבען שטעהן הויכע, שוואַרצע קוימענס, עדות אויף דעם אומגליק, וואָס דאָס פֿײַער האָט אָנגעמאַכט. טײַל בעלי־בתּים, האַפּענדיג ווער אַ האַק, ווער אַ לאָפּאַטע, האַקען די ווענד, רײַסען די דעכער פֿון זייערע איינענע הײַזער. זיי האַקען אָהן רחמנות, ווי עס וואָלט אין זיי אַרײַנגעקומען אַ ווילדער גײַסט צו מאַכען אַ תּל פֿון אַלין, אַלין חרוב צו מאַכען.

איינער ברעכט מיט בלויזע הענד די שויבען און לויפֿט דערנאָך מיט צובלוטיגטע הענד איבער דער גאַס. דאָס פֿײַער אָבער הערט נישט שטילער. די בײַזע, פֿײַערדיגע לאַפּעס ציהט עס פֿון דאַך צו דאַך, און מיט אַ בײַזען קנאַק, ווי עס וואָלט געוואָלט פֿערשטומען דאָס געוויין פֿון די קינדער, פֿון די מאַמעס, פֿונ'ם עולם, ברענט עס איין שטוב נאָך דער אַנדערער. די אַלע קולות נעהמען זיך צונויף צוזאַמען און הייבען זיך אויף ביזן הימעל אַרײַן... און דער שטאָרם־גלאָק האָט אַלין נאָכאַנאַנד געקלונגען און געקלונגען, ווי ער וואָלט געוואָלט בײַם פֿײַער רחמנות ערוועקען, וואַרפֿען זיך צו זײַנע פֿיס אָדער קלאָגען זיך פֿאַר די געהיימע קראַפֿט אויף דעם חורבן, וואָס דאָס פֿײַער האָט אָנגעמאַכט...

באַלד איז געוואָרען אַ געשריי: די שוהל ברענט, די שוהל!

און עס האָט זיך אָנגעהויבען אַ געלויף פֿון אַלע זײַטען. טאַטעס האָבען די הויזגעזינדען אַוועקגעוואָרפֿען, מאַמעס — די וויינענדיגע קינדער, אַלע האָבען זיך אַרום דער קליינער שוהל אַרומגעשטעלט. איהרע הויכע פֿענסטער, וואָס זענען געווען געגענאיבער דעם פֿײַער, האָבען ווי ליכטיגע לאַמטערנעס געלויכטען. יודען האָבען געקרעכצט, די האָאר פֿון קאָפּ זיך געריסען; ווײַבער האָבען זיך אַרום איהרע בריהענדיגע ווענד אַרומגעשטעלט, ווי זיי וואָלטען זיי ווע-

לֶען מִיט זַייֶערֶע שִׁירצֶען פֶערשׁטעלֶען. אַבֶּאָר יוּדֶען זֶענֶען גֶעשׁטאַנֶען אוּן גֶעגאָסֶען עֶמֶערלעך וואַסער אוֹיף דִי הַייס אָנגֶעזֶענגדֶע ווֶענד — דאָס פַייֶער האָט עֶס מִיט אַ קנאַק אוֹיסגֶעטרוּנקֶען, אוּן גֶענוּמֶען זִיך דאָס זַיינִיגֶע טהוּן.

גוֹיִם זֶענֶען אָנגֶעקוּמֶען צוּ לוֹיפֶען מִיט בָּאסאַקֶעס אוּן הֶעק, זֶענֶען אַרוֹיף אוֹיף דֶעם שוּהל־דאַך אוּן גֶענוּמֶען אִיהם רַייסֶען מִיט דִי ווֶענד. יוּדֶען האָבֶּען זֵיי בַּיי דִי פּאָלֶעס אָנגֶעהאַפּט, גֶעבֶּעטֶען רחמנות. דִי בָּאסאַקֶעס האָבֶּען דאָס דֶעכֶעל צוּפּלִיקט, גֶערִיסֶען, אוּן יֶעדֶעס שטִיק בְּלֶעך, וואָס מֶען האָט פוּן דאַך אַראָבְּגֶעשׁלַייֶדערט, האָט פּאַסֶען גֶערִיסֶען פוּן דִי יוּדִישֶׁע הֶערצֶער.

אִינדֶעם אִיז דֶער רב אָנגֶעקוּמֶען צוּלוֹיפֶען אוּן מִיט גרוֹיס גֶעווַיין אִיז עֶר צוּגֶעלאָפֶען צוּ דִי שוּהל־טהִירֶען. עֶר האָט פֶערהאַקט דִי טהִירֶען, דִי לאָדֶען אוּן האָט זַיינֶע דאַרֶע, בְּלַייכֶע הֶענד אוֹיסגֶעשׁטֶעקט, אַוועֶקשׁטוּפֶּענדִיג דעם מַשְׁחִית. דאָס פַייֶער אִיז הוֹיך דֶעם דאַך גֶעקראָכֶען, אוּן בַּאַלד אִיז גֶעוואָרֶען אַ גרוֹיס גֶעוויין אוּן גֶעשׁרֵיי: דֶער דאַך! אוּן יוּדֶען האָבֶּען דִי טהִירֶען אוֹיפגֶעפּראַלט, דִי פֶענסטֶער אוֹיפגֶעהאַקט אוּן אִין שוּהל אַרַיין. דאָ האָט שׁוֹין דֶער דאַך אַרוּם אוּן אַרוּם גֶעפלאַקֶערט. אִין פַייֶער האָט זִיך גֶעהֶערט, ווִי בַּאלקֶעס פאַלֶען אֵיינֶער אוֹיף דֶעם צווייטֶען. דאָס בְּרֶענֶענדִיגֶע פַייֶער האָט זִיך מִיט אַמאָל מִיט'ן קאָפּ קאַפּוֹיֶער גֶעשׁטֶעלט אוּן האָט פוּן אוּנטֶען־אוֹיס זַיינֶע צוּנגֶען גֶעשִׁיקט, גֶעשׁאָסֶען מִיט בְּרֶענֶענדִיגֶע פוּנקֶען, מִיט שטִיקֶער פַייֶער אִין דֶער ווֶעלט אַרַיין. פוּן אַנ'אוֹיפגֶעהאַקט פֶענסטֶער האָבֶּען זִיך אַ רַייס גֶעטהוּן רוּחות שׁוואַרצֶער רוֹיך, אֵיין רוּח אִיז אִין צווייטֶען מִיט'ן קאָפּ אַרַיין, אוּן האָבֶּען זִיך גֶערִיסֶען דוּרכ'ן אוֹיסגֶעהאַקטֶען פֶענסטֶער אִין פַייֶער אַרַיין. אוֹיף אַ מִינוּט האָבֶּען זֵיי פֶערשׁוואַרצט דאָס הֶעלֶע בְּרֶענֶענדִיגֶע לִיכט, בַּאַלד אָבֶער האָט דֶער רוֹיך זִיך דוּרכגֶעבּראָכֶען אַ ווֶעג אוּן אִיז מִיט אַ קנאַקעריי אַרוֹיס פוּן פַייֶער אִין הִימֶעל אַרַיין. אוּן אִין דֶעם גֶעדִיכטֶען שׁוואַרצֶען רוֹיך פוּן אוֹיפגֶעהאַקטֶען פֶענסטֶער זֶענֶען גֶעפלוֹיגֶען בְּרֶענֶענדִיגֶע פוּנקֶען, האָבֶּען זִיך גֶעטראָגֶען שטִיקֶער פַייֶער. אוּן דוּרכ'ן אוֹיפגֶעהאַקטֶען פֶענסטֶער האָבֶּען זִיך אָנגֶעהוֹיבֶּען אַרוֹיסהאַפּען יוּדֶען, אִין דֶעם שׁוואַרצֶען רוֹיך אוּן אִין דִי שִׁיסֶענדִיגֶע פוּנקֶען, אַרוֹיסראַטֶעווענדִיג ווֶער אַ האַלבּ־נאַקֶעט ספר־תורה, ווֶער אַנ'אַלטֶען טלִיהֶענדִיגֶען טלית, ווֶער אַ שׁטִיק לַייכטֶער אוּן ווֶער אַ בְּרֶעט פוּן אָרוֹן־קוֹדֶשׁ,

און זענען דערמיט אין דער שוואַרצער נאַכט אנטרונען געוואָרען.

די שוהל האָט געפלאַקערט. איין וואַנד איז אַרויף אויף די צווייטער. פון אינוויינינג האָט זיך יעדעס מאָל געהערט, ווי דאָס פייער וואַרפט פון דער הויך מיט אַ נצחון באַלקעס, קלעצער, ברעטער איינס אויף דאָס צווייטע און עסט זיי מיט זיינע פייער־צינגען. און אַרום איז אַ ביטערליך געוויין פון די אָרימע ווייבער, קינדער און מענער. מען קרעכצט, מען שרייט, מען ברעכט די הענד, און דער שטאָדט־גלאָק האָט אַליין געקלונגען און געקלינגען, ווי ער וואָלט געוואָלט ביים פייער רחמנות ערוועקען, וואַרפען זיך פאַר זיינע פיס, אָדער קלאָגען זיך פאַר דער געהיימער קראַפט. דאָס פייער אָבער האָט די אַלע קולות אין זיך אַריינגענומען און אינאיינעם אָבגעקנאַקט. דאָס איז געווען אַ נצחון־אויסגעשריי פונים משחית, וואָס איז געקומען די גאַנצע וועלט צו פערניכטען...

גרוי און ערנסט איז דער טאָג אַרויס אויפ'ן הימעל. ווייט אויפ'ן האָריזאָנט האָט דער מאָרגענשטערען בלוטיג געפלאַקערט און איין העלישען שפיגעל, און זיין רויטער גלאַנץ האָט זיך אָבגעגלענצט אין די גרויע, וואַסערדיגע חוואַליעס פונים הימעל. עס האָט אויסגעזעהן, ווי גרויע חוואַליעס וואַסער זענען געקומען צושווימען פון פרעמדע ימים, פון ליכטיגע וועלטען, און האָבען זיך איינע נאָך דער צווייטער אין הימעל פערבלאָנדזשעט. און דער מאָרגען וואַשט דעם ניי־געבוירענעם זוהן, דעם יונגען טאָג, וואָס שטייגט אַרויס פון די גרויע חוואַליעס וואַסער, וואַשט איהם חוואַליע אויס, חוואַליע איין, אַז ער זאָל שיינען, באַלייכטען הימעל און ערד.

און די גאַנצע וועלט האָט זיך געוועקט פון דעם ליעבען שלאָף. די גרעזעלעך, נאָך פערטרונקען אין נאַכט־טהוי, האָבען זיך אָנגעהויבען צו ציהען געגען דער זון; בלומען האָבען אויפגעעפענט זייערע אויגעלעך, זייערע מיילעכעלעך, און האָבען פון זיך אַרויסגעהויכט דעם בלומען־ריח, מיט וועלכען זיי האָבען זיך אַ גאַנצע נאַכט אָנגעטרונקען. אַלין, אַלין האָט זיך געוועקט, די וועלט האָט פון זיך אַראָבגעוואָרפען דעם נאַכט־שלייער, די נאַכט־קליידער, וואָס זי האָט אין זיי מיט דעם וואָלקענדטהוי געשלאָפען, און מיט דעם שמייכעל פון אַ כלה, וואָס וועקט זיך אויף די ערשטע נאַכט נאָך דער חתונה, האָט עס אַלין געשמייכעלט, אָנגעטרונקען מיט ליעבע און לעבען...

דאָס פייער איז שוין געווען פערלאָשען. דאָ און דאָרט האָט

עס נאך זיין לעצט ביסעל צארן אויסגעלאזט צו אנ'איבערגעבלי־בענער וואנד, צו א פליטעל, א באלקע און עס האט געטליהעט און געטליהעט, דאס שטעדטעל איז א חורבן געווארען... טליהענדע קוי־פעס קוילען, פערברענטע דעכלעך, ליעגענדיג איבער כּערברענטע ווענדטלעך, האבען זיך געראָיכערט און געראָיכערט. דא און דארט האט זיך געוויזען א האלב אבגעמאלט ווענדטעל פון א צולעגטער שטוב, וואס האט נאך אין זיך געהאט אנ'אנגעקלאפטע פאליצע. אין דער גאס זענען ארומגעפלויגען פון דעכעל צו דעכעל פעדערען, אונטער די פיס האבען זיך געוואלגערט צוּבראכענע כלים, שטיקער מעש פון לייכטערלעך און שבת'ניקעס, און אין מיטען דערינען א שטיק זיידען שבת-קלייד, א טליהענדע שמאטע מיט אנ'אנגעראָיכערט שייטעל. פון די גליהענדע חורבות האבען די הויכע, שווארצע קוי־מענס ארויסגעשטיגט און האבען עדות געזאגט אויף דעם חורבן, וואס דא איז געוועזן. דא און דארט זענען יודען געשטאנען און מיט שטיקער אייזען אין די הענד האבען זיי פון די גליהענדע קויהלען אויסגעשארט שטיקער צוּבראכענע כלים, האלב־אנגעטליהטע קאלדרעס, פיס פון צוּבראכענע טישען, בענק, און יעדער האט זיך זיין ביסעל בעל-הבית'ישקייט צוזאמענגעראבעלט. מאמעס זענען אַ־רומגעלאפען אין די הייזער מיט געבראכענע הענד און האבען צו־זאמענגעקליבען די פיצעלדיגע קינדערלעך, וועלכע זיי האבען ביי־נאכט אין פרעמדע הייזער, אין פרעמדע בעטען געלעגט. מיידלעך זע־נען ארומגעלאפען און פון פרעמדע הייפען דאס ביסעל בעל־הבית'יש־קייט, וואס זיי האבען עס ביי־נאכט צעווארפען, צוזאמענגעקלי־בען, געלעגט א פעקעל צו א פעקעל און אויף זיי די פיצעלדיגע קינ־דערלעך ארויפגעזעצט. קליינע יונגלעך האבען פון פייער אויסגע־גראבעלט די האלב־פערברענטע ספרים, אויסגעזוכט צוטרעטענע שמות, געקושט עס, צוזאמענגענומען און אין דעם איבערגעבליבענעם בית־המדרש'ל געטראגען.

און דער ליכטיגער טאג און די ליכטיגע זון, וואס האט זיך הערליך ווייט און ברייט איבער'ן הימעל אויסגעגאסען, האט געשא־טען אויפ'ן שטעדטעל מיט ליכט און העלקייט, נאר די ליכטיגקייט האט גליהענדע חורבות, איבערגעבליבענע קוימענס און וואלגערנדיגע קליינע קינדערלעך בעלויכטען און בעהעלט.

און דא און דארט איז ביי זיין טליהענדער חורבה א יוד, צו

בעל־הבית געשטאנען און געצייגען פון פייער נאך נישט קיין נאנץ פערברענטע בעלקעס, ברעטער, און דאס גליהענדע מיט וואסער גע־לאשען און האט זיך געלעגט א באלקע צו א באלקע, א ברעט צו א ברעט און געמאלט שוין פלענער איז מה, ווי זיין צופיהרטע נחלה אויף די פיס צו שטעלען...

ארום איבער די פעלדער זענען האלב־נאקעטע ווייבער גע־לעגען, האלטענדיג אין די שירצען וויינענדע קינדער. ארום זיך האבען זיי געהאט די צונויפגעלעגטע פעקלעך און קינדער. און די זון האט דאס אלעס בעגאסען מיט ליכט.

צווישען די בעלי־הבתים אין שטעטעל האט מען אין דער־שטיל גערעדט, אז נאט האט זיך אן דעם רב'ס קריוודע אנגענומען, און זיין צארן אויף די שטיינער אין העלצער אויסגעגאסען...

VI.

אין מיטען וועג.

דאס „שטעדטיל" הייבט אן איינגעזייט קומען צו זיך. אלטע בעלי־בתים ווערען נישט פערפאלען, און שטאדט ווערט צוריק שטראט. פון די גראבען אש האט מען די האלב פערברענטע ברעטער ארויסגעשארט, און ווי איינער האט געקענט האט ער זיין נחלה מיט ברעטלעך צוזאמענגעקלאפט. און „שטאדט" ווערט צוריק „שטאדט". ביי ר' יחזקאלין האט מען זיך דערווייל אנגעהויבען צו צוקלויבען אויף תנאים. לאהלע די כלה האט פון גאר נישט געוואוסט. זי איז גע־זעסען ביים פענסטער יעדען פריה־מארגען און האט זיך צום רבי'נס בחור'ל, צו אברהמ'לם לערנען איינגעהארכט, וואס האט זיך אין גארטען אין איינעם מיט דעם בלומען געשמאק אויסגעמישט, און איהר פריש, ריין הרר געהדינגט, איבער איהר געזיבט געפאכערט, און אויף איהרע נאקעטע, יונגע בריסט געבלאזען. דאס תנאים גרייטען האט מען אין דער קיך אנגעזעהען.

פון הינטער דער ערד האבען זיך מומעס, באבעס געזאייגט

און מען האָט זיך גענומען צום אָנגרייטען. פֿון ר׳ יחזקאל׳ס שטוב צו די בעקער׳נ׳ט קעלער האָט זאַ סטענגע מעהל זיך געוויסט אויף די שטיינער...

דאָרט, וואו ר׳ יחזקאל וואָהנט איז פֿאַרהאַן אַ ליק. און דער ליק ציהט זיך אַ שרענגע געבויטע הייזער, אָבער איין הויז מיט פֿיעל קאַנטיגע דעכער, איינער איבער׳ן צווייטען. קיין הויף צו די הייזער איז נישט דאָ, און איין גאָט ווייסט אויף וואָס פֿאַר אַ גרונד זיי שטעהען. דאַכט זיך גאָר נישט אויף גאָט׳ס ערד... די הייזער געהערען צו פֿיעל בעלי־בתים, און צו קיינעם נישט. עס הייסט, אַז אַזוי שטעהען די שטיבען ליידיג אָהן איינוואָהנער, און אויסגעהאַקטע שויבען, נאָר קוים וויל אַ „יורש״ זיך אַריינציהען קומען זיך צו יאַוויען צעהנדליגע אַנדערע יורשים מיט פּאַפּירען און מענטרעקעס און וויזען אויס, אַז די שטיבען געהערען צו זיי. דער גורל איז געפֿאַלען אויף איינעם אַ לייבוש פּוטערמילך, וואָס נישט געשטויגען, נישט געפֿלויגען קומט צו איהם זשענשע סטראַזשניק און רייסט ביי איהם פֿיער מיט אַ האַלבען רובל „פּאָדאַטקעס״ יעהרליך. דער לייבוש פּוטערמילך, נישט קיין גואל, נישט קיין קרוב, נאָר געה טענה מיט זשענשען, אַז זשענשע ברענגט די פּאַפּירען, און נעהמט די שבת־לייכטערלעך אַוועק. און דער בידנע לייבוש מוז יעדען טאָג נעבעך קומען מיט׳ן בעזעם אַוועקקערען פֿאַר אַ פֿרעמדער טהיר. יעצט הילט מען איהם אַ קאָפּ מיט אַ פֿייער־וואַנד, און ער שלעפּט זיך אָב פֿון טאָג צו טאָג. דאָס גאַנצע שטעדטיל בעט, אַז עס זאָל קומען אַ פֿייער און די הייזליך, איינמאָל פֿאַר אַלע מאָל, אָבברענען, וואָלט שוין איינמאָל אַ סוף געוואָרען צו די מחלוקת. יונגלעך אין חדר ווינשען זיך: אוי, הלואי פּלאַקערט אויס אַ פֿייער אין מיט׳ן העלען טאָג, און מען אַנטלויפט פֿון חדר. נאָר ווייל די שטאָדט בעט, וויל דאָס פֿייער דוקא ניש קומען.

דאָרט הינטער די לופט־הענגענדיגע הייזלעך איז פֿערהאַן אַ קעלער, וואָס אַריינקוקענדיג אין איהם, דאַכט זיך, אַז ער פֿיהרט אין בעהאַלטענע וועלטען אַרונטער. דאָרט אין דעם קעלער איז פֿערהאַן אַ בעקער אויבען פֿון תרח׳ס צייטען. יודען גלויבען, אַז אין דעם אויבען זענען איינגעמויערט פֿיעל קופּערנע טעפּ מיט גאָלדענע רענדלעך, נאָר מען האָט מורא דעם אויבען צו ריהרען, אַז דאָס גאַנצע הויז, וועלכעס איז אָנגעלעהנט אויפ׳ן אויבען זאָל נישט איינפֿאַלען און מ׳זאָל ניט דערהרגע־

נען. פון אויבען גריל'ט עס שטענדיג אַרום סיי בײַ טאג סיי בײַ נאכט. מענשען זאָגען, אז דעם בעקערס נשמה וויינט דאָרט שטענדיג. און האט קיין רוה נישט... אין קעלער דאָרט וואָהנט א יודענע אַנ־אַלמנה, שׂרה די בעקערין מיט זעקס טעכטער „יתומות“. און גאָט ווייסט, ווי אַרום איז די יודענע אַריינגעקומען אין קעלער, נאָר אז זי וואָהנט — וואָהנט זי שוין. אויף דער צווייטער זייט קעלער וואָהנט אַ יוד אַ וואַטען־מאַכער, וואָס פערפעסטעט די גאַנצע גאַס. און וואָס די חדר־יונגלעך רופען איהם: דיוואָן! דיוואָן! און דער יוד יאָגט זיי מיט אַ שטעקעל, און וואָס דער יוד האט אַזא טבע יאָגען שבת־צו־נאכטס, און די זומער שבתים, אויפ'ן טיש אַוועק צו פאַלען, און שרעקען די שטאָדט: די וואָלערע... און מען לויפט נאָך היטיל קונ־צענמאַכער, אַז ער זאָל קומען מיט'ן שמעק־פלעשעלע.

אַך, די זומערדיגע דאָנערשטאָגס בײַ נאַכט דאָרט אין ליקעל! זיינען צו די 6 „יתומות“, וואָס איינע איז גרעסער פאַר [illegible] צווייטער, קומען אָנצולויפען די שטאָדטס־יונגען, שניידער־שוסטער־געזעלען. זומער־נאַכט נאָך דער אַרבייט, די נאַכט איז פינסטער, די לאָדען זענען פערמאַכט, און די געזעלען דרעהען זיך אַרום מיט די חול־המועד־שטעק־קעלעך אַהין און צוריק. יעדעס מאָל קומט זיך צו ווייזען אַ יתומה פון קעלער, וואַרפט אַ בליק, דערהאַפט זי אַ קוש, אַ לאַך, אַ מאַפּ פון אַ יונג און ווערט צוריק פערשווינדען אין קעלער אַריין...

דאָרט איז היימליך געוועזען אין די שבועות־נעכט, ווען דאָס שניידער־טיל יודען פלעגען אין שול זיין ביים תקון, און דאָס שטעדטיל ווייבער, מיידען בײַ די בעקערין, פוטער־קוכענס באַקען. און יונגען האָבען זיך געדרעהט, און די לבנה האט ניט אַ האַלב אויג צו געשיינט... און אַלעס האָט זיך אין דער האַלב־פערטונקעלער נאַכט געטייקען...

אין דעם קעלער האָט מען זיך צוזאַמענגענומען דאָס געבעקס צו באַקען צו דער תנאים. עס זענען אָנגעקומען מוהמעס, באָבעס. רחל־לאה מיט די וואָרצעלעך אויף דער גאָמבע — זי איז איבער אַלע. זי האט מיטגעבראַכט פון דער היים דעם גרויסען מעהרשעל מיט'ן שטויסעל און האָט דריי טעג כסדר געריבען, געשטויסען און געמאָ־לען. עס זענען אָנגעקומען צו לויפען איינציגע פון דער גאַנצער וועלט און האָבען גענהאַפּט אויס דעם מעהרשעל און זענען אַנטרינען גנ־וואָרען... פון אַ הויכען בוידעם האט מען אַראָבגענומען פערשיידענע בראָט־פאַנען מיט צעהנגעהלי פאָרמעלעך צו קיכלעך: „מנדל־לעך“,

פייגעלעך, קאַטשקעלעך און גלאַטע „האַמבורגער" קיכעלעך מיט זיעבען שפּיטצלעך. רחל-לאה האָט פון איהר קאָפּ אויסגעקלערט פּערשידענע אַזעלכע שמאָכטעס מיט שפּיצלעך און קאַנטען. פאַר יעדער כלה, וואָס זי האָט פאַר איהר דאָס געבעקס געבאַקען, האָט זי אַ בעזונדער הנ'דעל אויסגעקלעהרט, דירעקט פאַר דער כלה'ס וועגען, לויט איהר מזל נאָך.

דאָס געבעקס האָט מען איינגעפּאַקט מיטצונעהמען „אין וועג אַריין" צו דער תּנאָים. ר' יצחק יודעל'ס איז דורך דער צייט אין ר יהוקאל'ס שטוב אַ גאַנצער בעל-הבית געוואָרען, ער האָט זיך מיט ווייב און קינד אַריינגעצויגען. און היים'ל קונצענמאַכער, דאָס ווייבּרישע יודעל, שלאָפט אפילו שוין ביי נאַכט דאָרט. און די ווייבער לויפען, שרייען, אַלע זענען פערטהון, ווי מען וואָלט יעדער פון זיי אַ פּעקעל אויף דער האַנד געלעגט, און זי ווייסט נישט וואו זיך דערמיט אַהין צו טהון.

צום שפּעטסטען זענען געקומען יטה'לע און הינדה'לע, די שנור מיט די טאָכטער. זיי האָבען אַ טבע זיך לאַנג צו לאָזען בעטען, און זענען אַריינגעקומען, ווי פון הימעל אַראָבגעפאַלען. עס הייסט: זיי הייבען גאָר נישט אָן צו וויסען פון קיין פּותר פון קיין חלום, און פרעגען זיך תּמ'עוואַטע: וואָס מאַכט מען דאָ? הייבט די מאַמע אָן צו דערצעהלען, ציהען זיי „פּשעטשע" די אַקסלען אויף. זעצען זיך צום סוף אַנידער יעדע אין איהר ווינקעל אַריין, פערקרימען די שנעבלעך, און ווילען זיך נישט „מישען".

— וואָס זענט איהר ברוגז? — בעט זיך די מאַמע און די שוויגער.

— איך בין ברוגז? — מאַכט אַ הנו'דיג שנעבעלע יטה'לע און גיט אַ דרעה אַוועק מיט'ן קאָפּ.

— איך בין ברוגז? — גיט הינדעלע אַ הנו'דיג שמייכעלע, און אַ לאָק גיט זיך איהר אַ וואָרף איבערן שטערן.

און מען זיצט ווי אָנגעזאָטעלט און מען קוקט פון דערווייטען זיך צו, וואָס די מאַמעס מיט די יודענעס טהוען, און מען רופט זיך, הייסט עס; קיין וואָרט נישט אָן.

די מאַמע דרעהט זיך, לויפט אַהין און אַהער און קוקט די שנור מיט די טאָכטער אין די אויגען אַריין, ווי זי וואָלט מורא האָבען: ווייס איך? גוט אַזוי?

— וואס זאל מען די כלה אנטהון? פרעגט די מאמע.

— ווייס איך? זאל זי זאגען, ווארפט הינדעלע מיט אנאיינצו יטהילען.

— זאג איהר, אז זי זאל זיך פערדרעהען איהר קאפ — בעפעלט יטהילע די מאמע.

די מאמע הייבט זיך אויף פון די קאסטענס און וועלכע זי פאקט די קליידער איין און פערלעגט די הענד ביי די באקעס:

— א הא, איך מאך דאך שוין פיעטישע א שטיקעלע שמחה!..

אין א שענעם פריהמארגען האט מען די פוהר געשפאנט, אין דארף געפאהרען, און וועלכען עס האבען געוואלט זיין די תנאים אין מיטען וועג.

נאטע האט אויסגעציערט די פערד, איינגעבונדען זיי בלויע און רויטע סטענגעלעך אין די פלאכטען האר אויף די ריקענס, ארונטער געבונדען די ווידלען. הינטער די שטאדט האט ער א האלבען בוים אבגעבראכען און ארום די פוהר מיט בלעטער בעפוצט, אז עס זאל שען אויסקוקען.

אויף דעם ערשטען וואגען זענען געזעסען די מאנספערשוינען. דער רב מיט ר' יחזקאל'ן, עזור און לייביל, ר' יצחק יודעל'ס מיט ר' שמעיה'ן, אנאלטער שמש פון רבי'ן, וואס טראגט דעם רבינס איבערגעגאנגענע קליידער. נאהענטע און וויטע קרובים, אין סאמעטהיט, געהויבערט, ווי חול-המועד, סאמע ציגארען. אויף די אנדערע וואגען זענען געזעסען די ווייבער מיט'ן געבעקס, און „אנגרייטעכטס". ביי דער כלה פון ביידע זייטען הינדעלע און יטהילע; ביידע עפעס אנגעטהון אין אזעלכע מיני הונדיגע, קליינע קאפעלושלעך, געפלאכטען פון שווארצע שטרוי און בעפוצט מיט שווארצע קראנקעס, „ארויפגעזעצט" אויף די שפין קעפ און אזעלכע מיני פעדערן, עפעס גלגולים פון אמאליגע פארצייטישע מאדעס... הינדעלע האט די לאקען פון שייטעל אויסגעבערעסט און אויסגעלאקט „פא ווארשאווסקא", פערווארפען אין דריי שפיצען אויפ'ן הויכען, גלאנצענדיגען שטערן, מיט די גאלדענע אויררינגען, און היינטמאדישע קייטלעך מיט די קאליעס אויף די העלזער — מתנות פון זייער כלה-צייט, ווען מען האט זיי געהאט געפיהרט „אין מיטען וועג". האבען זיי זיך דערמאהנט

אין זייער צייַט — און האָבען מיט די קעפּ צוגעשאָקעלט... די מהותּנת׳טע מלכּ׳לה איז געזעסען צווישען די מוהמעס, וועלכע אין די בלויע, שבּת׳דיגע, זייַדענע הויבען מיט די בענדער אין די טערקישע שאַלען זענען געזעסען שטיל; די דאַרע פּערלייגטע ליפּען אַריבּערגעצויגען איבּער די נישט צעהענדיגע זשאָסליעס און האָבען פּאַר גרויס גדולה אַ וואָרט מורא געהאַט אויסצורעדען. און די מהותּנת׳טע מיט אַ פּולער שערין לעקעך האָט זיי יעדעס מאָל פּערשטופּט מיט עפּעס אַנדערש די מייַלער. און די כּלה, די כּלה אַלייַן, איז זיך געזעסען צווישען יטה׳לען און הינדעלען, שוין אין אַ הייַנטמאָדישען קאַפּעלוש און די צעפּ שוין אין אַ קוילעטש פּערלעגט, רויט טויט און האָט נעבעך נישט געוואוסט ווי די אויגען אַהין צו טהון. הינדעלע האָט איהר אָנגעזאָגט, און אָנגעזאָגט, ווי זי זאָל זיך פיהרען „אַנשטענדיג”, ווי זי זאָל דאַנקען, אַז מען וועט איהר חתימה־געלט געבען, און ווי זי זאָל ענטפערען די מהותּנת׳טע, אַז מען וועט זי עפּעס פרעגען, און „רעה” יטה׳לע האָט אַלע מאָל שטעכענדיג צו הינדעלען די אויגען אַהין געוואָרפען.

צו ווייַזען זיך פאַר די מהותּנים האָט מען מיטגענומען די לאָוויטשער רבּי׳צען, אַנ׳אַלטע מוהמע, אַ יודענע אין אַנ׳אָבּגעגאָלטען קאָפּ ווי אַ שעפּס, אין אַ קאָפּקע, און אַ בּרייט קלייד מיט אַ שפּאָר קישעלע פון הינטען... אוי וועה! די יודענע האָט געטהון אָהן דין, קודם כּל האָט זי אָנגענומען דאָס ווייַבּרישע יודעל, וואָס האָט זיך אויך מיט־געהאַפּט מיט די פוהר ווייַבּער, צווישען די אַלטע מוהמעס, דאָס האַרץ זיך צו דערהאַפּען — און אַראָבּגעוואָרפען איהם פון וואָגען (פאַר איהר איז ער נאָך גענוג מאַנספּערשוין). דערנאָך האָט זי די גאַנצע צייַט די כּלה אין אויער עפּעס אייַנגערוימט, און אָנגעזאָגט איהר, אַז דאָס מיידעל נעבּעך, איז ווי אַ פּלאַם פייַער רויט געוואָרען פאַר בּושה — — — דאָס ווייַבּרישע יודעל איז אַ שפּאָר שטיקעל וועג נאָך דער פוהר נאָכגעלאָפען, דערנאָך, אַז די לאָוויטשער רבּי׳צען האָט אַזוי לאַנג געשאָקעלט מיט איהר אָבּגעגאָלטע גאָמבּע בּיז זי איז אַנדרימעלט געוואָרען, האָט ער זיך פון הינטען אויס אויפגעהאַפּט, אַרייַנגעשטעקט אין וואָגען אַרייַן דאָס פּיערקאַנטיגע, געקנייטשטע שבּת־דיגע צילענדעריל און אַזוי אָנהאַלטענדיג זיך אין די לייַסטען פון וואָגען, איז ער אייַנגעדרימעלט געוואָרען, און דאָס צילענדעריל האָט די לאָוויטשער רבּי׳צען אויף אַלעם צוגעשאָקעלט...

אַזױ זֶענֶען דִי פוּהרֶען אָנגֶעקוּמֶען צוּפאָהרֶען צוּ דֶער קרֶעטשמֶע.

דִי יוּדִישֶע קרֶעטשמֶע אִיז גֶעשטאַנֶען צװִישֶען צװײ װעגען, װאָס שײדֶען זִיך אוּן גֶעהֶען אָב אִין פֶערשִידֶענֶע צװײ שטעדט פוּן צװײ גוּבֶערנִיעֶס, װאָס אִין יֶעדֶער פוּן זײ גֶעפִינט זִיך אַרבּײ. חסידים מִיט פֶעקלֶעך אוֹיף דִי פּלײצֶעס, מִיט דִי שטֶעקֶלֶעך אִין דִי הֶענד מײלֶען זִיך אָב, אוּן גֶעהֶען צװִישֶען דִי גרִינֶע גרֶעזֶער אִין דִי צװײ װֶעגֶען, אוּן שִיסֶען זִיך אַרִיבֶּער שטײנֶער פוּן אײן װֶעג צוּם צװײטֶען. אוֹרחים, דִי װאָס גֶעהֶען אִין דִי מדִינוֹת, קוּמֶען אָן פוּן בּײדֶע זײטֶען װֶעג, פוּן פֶערשִידֶענֶע שטעדט אוּן שטײגֶען אָב אִין קרֶעטשמֶע אוֹיף נאַכט־לֶעגֶער. אִין דֶעם „טראַקט“ אִיז דאָ אַ בֶּעזוּנדֶער שטִיבֶּעל פאַר זײ, װאָס אִין דעם שטִיבֶּעל גֶעפִינֶען זִיך װאַנצֶען אוּן אַנדֶערֶע קלײנֶע װֶערִימלֶעך... פוּן פֶערשִידֶענֶע מדִינוֹת. דאָרט טרֶעפט מֶען זִיך פוּן רײסֶען אוּן זאַמאָש אוּן דִי אוֹרחים דֶערצֶעהלֶען מעשׂיות, װאָס האָט זִיך מִיט זײ גֶעטראָפֶען אִין זײעֶר װאַנדלֶערן. דִי בּעלי־עגלות מִיט דִי פּוּעלֶע, גֶעדִיכטֶע קאָלטאָנֶעװאַטֶע בֶּערד, װאָס זֶענֶען בֶּעװאָקסֶען אוּן פֶערהִילֶען אִין זִיך דאָס גאַנצֶע פּנים, מִיט דִי פִּיפקֶעלֶעך אִין מוֹיל, דִי — װאָס זֶענֶען אײנגֶעהִילט אִין דִי דִיקֶע בּאָנדעס, אוּן דִי גרוֹיסֶע שאָפֶען־פֶּעלצֶען מִיט דִי גרוֹיסֶע קֶעלנֶער, אוּן פִיהרֶען דִי גרוֹיסֶע װֶעגֶען מִיט קאַלך אוּן נאַפט, סמאָלֶע אוּן זשֶעגֶעכץ. דִי װֶעגֶען מִיט דִי גרוֹיסֶע שטאַלקאַטשֶען, װאָס פלאַקֶערן זִיך פאָהרֶענדִיג בּײ נאַכט אוּן זאָגֶען אָן פוּן דֶערװײטֶען... שטֶעלֶען זִיך דאָרט אָב אִין דֶער קרֶעטשמֶע אוּנטֶערפאַשֶען. דאָרט טרֶעפֶען זִיך יוּדֶען פוּן פֶערשִידֶענֶע געגענדען, פוּן פֶערשִידֶענֶע מדִינוֹת, אוּן דערצֶעהלֶען װאָס ס׳טהוּט זִיך בּײ זײ אִין לאַנד, װאָס עֶס הֶערט זִיך מִיט יוּדֶען, אוּן װִי ס׳גֶעהט דאָרט אַחֵינוּ בְּנֵי יִשְׂרָאֵל.

עֶס אִיז פאַר־נאַכט. דֶער הִימֶעל אִיז צוּהאַקט אוֹיף מוּזֶענדֶער שטִיקלֶעך. װײַסֶע, פלִיסטֶערֶענדִיגֶע װאָלקֶענדלִיך מִיט בּלוֹיעֶ, הֶעלֶע אִינזֶעלֶען שװִימֶען אַרוּם אִין הֶעלֶען גלִיהֶענדֶען ים. אִין דער ים, װאָס גֶעהט אוּנטֶער אִין אַ רוֹיט גֶעשטאַלט, פלִיסט אָב אִין מערב זײַט. פאַר דֶער קרֶעטשמֶע שטֶעהֶען פוּהרֶען, הוֹיכֶע װֶעגֶען מִיט בּײדלֶעך, אָנגֶעלאָדֶענט מִיט פֶּעק סחורה אוֹיף דִי אַקסֶען בּרֶעכֶען זִיך הִינטֶער דִי רֶעדֶער. יוּדלֶעך פִיהרֶען אִיבֶּער סחורה פוּן אײן מדִינה אִין דער

צווייטער אַריין. די פערדלעך זענען אויסגעשפאַנט, פאַשען זיך און קלערען גוט אַריין אין דער גרויסער קאָרעטע, וועלכע שטעהט פאַר זיי, ווי זיי וואָלטען געקלערט, פון וואַנען כּחות צו נעהמען די סחורות איבערצופיהרען. יודען זענען איין פאָלק פון איין גאָט, און אַלע וואַרטען אויף איין משיח'ן; נאָר יעדעס שטעדטיל האָט איהר טעם, איהר מיין, בעסער געזאָגט, איהר הנ'דיל וועלכעס זי גיסט עס אויס אויף איהרע איינוואָהנער. אָט ליגען דאָך גלייכע יודען אויסגעצויגען און שלאָפען און וואַרימען זיך אין די זונ'ס לעצטע שטראַהלען; און דער קאָרזש, וואָס געהט אויף פון וועג בעדעקט זיי גלייך צו און אויף די פערדליך, אויף דעם געשפאַנעלטס, אויף די וועגען, ליגט אויסגעגאָסען בעזונדערע הנדליך, שמאָכטעלעך פון די פערשידענע שטעדט... אויף דער שוועל פון דער קרעטשמע זיצט אַ ליטוואָק, עפּעס אַ מאָדנער יוד, מיט אַזאַ העמדעל, אין אַ קורצען ראָק, וואָס זעהט דאָך אויס ווי אַ לאַנגע קאַפּאָטע און אַ היט מיט אַ הויכע דענגע. עס איז אַ זומערדיגע היץ — און דאָך טראָגט ער אַ פּאָר טיעפע קאַלאָשען, — אָנגעקומען פון גאַנץ ווייט, דאָ אָבגעשטייגט אויסצורוהען זיך און איבערצונעכטיגען און ער „דערצעהלט" די יודען, וואָס טהוט זיך ערגעץ וואו גאַנץ ווייט, העט, העט אין דער ליטע מיט אַחינו בני ישׂראל. ווי אַחינו בני ישׂראל לעבען אָב אין דחקות און נויט. און אַזאַ למדן איז ער, דער „ליטוואָק"! רעדט לשון־קודש ווי אַ וואַסער, נאָר ער רעדט אַזוי ליטוויש „וואָס?" „וואו". יודען האָבען דרך־אֶרץ פאַר איהם, קרעכצען; „וואָס דען מיר קענען?"... נאָר אין האַרץ גלויבען זיי איהם עפּעס נישט, אַ „ליטוואָק", באַלד, וועט ער זיי אָבגענאַרען. און ער רעדט דאָך מיט זיי אַזוי ווייך, און אַזוי פרום איז ער, אַזוי לאַנג געשטאַנען שמונה־עשׂרה ביי מנחה, נאָר געשאָקעלט האָט ער זיך נישט... און ווער ווייסט וואָס ער טראָגט הינטער'ן האַרץ...

עס בעווייזט זיך פּלוצלינג אַ וואָלקען קאָרזש אויפגעהענדיג פון ביידע זייטען וועג און לעגט זיך געדיכט איבער די פעלדער. דער וואָלקען קאָרזש קומט נעהענטער אָן, לויפט פאָראויס, באַלד צורייסט ער זיך אויף שטיקלעך. עס הערט זיך אַ קנאַלען פון בייטשען. באַלד פערפאָהרט מען פאַר דער קרעטשמע: פוהרען אָנגעשטאָפּט מיט מחותּנים מיט סאַמעט בראַנווײַן היט, מחותּנת'טעס אין ברייטע קליידער, מיט בראַנפען און לעקעך. מען איז אַראָב פון

די וועגען. דאָרט איז חתן'ס צד, געפּעס מאָדנע יודען, פון אנאנדער מדינה, מיט לאַנגע און קורצע בערד. דאָרט איז ווייבער צד און איך דאָ א הויכער, היבשער יוד, א מין ר' יצחק יודעל'ס, מיט א שמאָלע, לאַנגע באָרד, און שמאָלע, לאַנגע הענד, וואָס שטופּען אַלע אָב, און איבערשרייט אַלע. מען האָט זיך שלום-עליכם אָבגעגעבען, די מחותנתטע דאָס ערשטע מאָל זיך געזעהען און דאָס ערשטע מאָל זיך געקישט. די לאָוויטשער רביצען האָט אלעמען גענוצט, און באַלד אלעמען איבער'ן אָרט מוסר געזאָגט.

די פאָרמאַנעס האָבען די פערד איבגעשפּאַנט, די פערד אָבריק איינגעשיט, די הענד צולעגט אויף די באַקעס, און האָבען זיך מיט גאוה פון איין צד צום צווייטען אריבערגעקוקט, און „גוטע ווערטלעך" און גלייכע ווערטלעך" זיך אַריבערגעשיקט, גאָר נישט, גלאַט אַזוי „שלום-עליכם" אָבגעגעבען זיך.

די מחותנים זענען אין דער שטוב אַריין.

די שטוב מיט זעהר אַ נידריגען באַלקען, מיט קליינע פענסטערלעך הויך ביים באַלקען זענען געווען די מאַנספּערשוינען. איבער דער שטוב האָט זיך אַרויף און אַראָב געדרעהט ר' מרדכי קאָנסקע וואָלערס בתורל'ע אַברהמיל. ער איז הויך דער צייט העכער געוואַקסען, מיט אַ פּאָר שפּראָצענדיגע שוואַרצע באַקען-בערד, און אָנגעטלעכען קאַפּאָטעלע מיט אַ זיידען גאַרטעלע, אַ שוואַרץ-הנוידיגער, עס שניידט זיך אויס אַ צווייטער טאַטע. צוויי לאַנגע שוואַרצע געקרייזעלטע פּאות'לעך. מען האָט איהם שלום-עליכם אָבגעגעבען. ר' יצחק יודעל'ס איז צו צו איהם און האָט מיט'ן גערעדט שוין ווי מיט אַ דערוואָקסענעם יונגען-מאַן. דער בעל-הקריעטשמע, וואָס האָט זיך לכבוד די מחותנים די הויכע, גרויסע, פערדאָסטע שטיעל אָנגעטהון, וואָס ליגען אַ גאַנצען זומער פערוואָרפען און קאַלטען קעלער — האָט צוויי גרויסע ליכט איבער'ן געדעקטען טיש אַנידערגעשטעלט און איז אַרויס. מחותנים האָבען זיך אָנגעהויבען צו בעקענען. ביי די מאַנספּערשוינען געהט עס איינס צוויי, מען גיט זיך די הענד, שלום-עליכם, און אַ עלטערער זאָגט דעם יונגערן „דו". און ווידער אַרום, זיי זענען דאָך „מיטלער", ר' מרדכי קאָנסקער רבי'נס אַ חסיד (האָט דאָך דער רבי ר' שמעיה'ן געשיקט). דער למדנישער עולם איז באַלד אַרויס און אַ שאַרפען שמועס פון לערנען. ר' יצחק יודעל'ס האָט זיך מיט יענעם הויכען יוד, דעם חתן'ס מלמד,

שוין ביי די בערד געהאַלטען און איינער דעם אַנדערן געגעבען עפּעס צו פערשטעהן. מען האָט זיך געזידעלט און מיט ציגאַרען איינער דעם צווייטען מכבד געווען. דער רב האָט אויך זיך אַריינגעמישט, נאָר ער האָט זיי נישט געקענט נאָך היילען. הסידים האָבען איהם דורכגעלאָזט, אַוועקגעמאַכט מיט דער האַנד. דערווייל איז אָנגעקומען עוזר'ל און האָט אויך אַנ'אויער אונטערגעשטעקט און מיט דעם שטערן געקנייטשט און יעדעס מאָל מסכים געווען, די אויגען פערמאַכט: יאָ, יאָ, עס איז דאָך אַזוי...

מען האָט זיך גענומען דעם חתן צו פערהערען. דער חתן האָט געזאָגט אַ מפולפלדיג פּשטעל, געוואָרפען מיט בקיאות, אויסגעמישט איין גמרא מיט דער צווייטער, און איינס־וועג פערענטפערט אַ האַרבען רמב"ם. דאָ און דאָרט אָנגעטשעפּעט אַ פני־יהושע, מיט אַמאָל האָט ער זיי ביידע אַוועקגעוואָרפען און געפרעגט אַ קשיא: „הלב מניין דשרי"? און אויסגעמישט שהיטת־הויץ מיט אבר מן החי. ר' יצחק יודעל'ס האָט איהם אַלץ געוואָלט האַפּען אויף דער „וואָנטקע". ער האָט זיך אַרויסגעדרעהט, זיך נישט געלאָזט, געוואָרפען, געפאַלען און שטענדיג געבליבען שטעהן אויף די פיס.

מיט אַמאָל גיט זיך דער רב אַ מיש אַריין מיט אַ גמרא און הייסט דעם חתן זאָגען אַ שטיקעל „אויפ'ן אָרט", בלויסע גמרא מיט רש"י (אַברהמ'ל (דאָס בהורל) הייבט אָן צו זאָגען, נאָר אין דעם גיט אַלויף צו ר' אָשר ישכר'ס, דער הויכער, הויכער יוד, דעם יונגעל'ס מלמד, און גיט איהם אַ נעהם אַוועק פון דער גמרא: „קיין פרעמדע דאַרפען מיר נישט", גיט ער אַ געשריי צום רב. ר' יצחק יודעלס קוועלט, עוזר'ל האַלט מיט פון זייער צד. ר' יחזקאל וויל זיך אַריינמישען, נאָר ער האָט דרך־ארץ פאַר יודען למדנים. דער רב בלייבט שטעהן, עס ווערט אַ גערידער, מען קריגט זיך, און אַלע ווערען פערהוילען אין קלאָמבען רויך פון ציגאַרען, פון לילקעס טאַבאַק, וואָס האָבען אָנגעפיהלט דאָס שטיבל, און די קלאָמבען רויך האָבען אָנגעפיהלט דעם אָפענעם פענסטער, אין גאָט'ס שמעקעדיגען שטה אַריין.....

אין אַ ווינקעל שטוב זענען געזעסען די צוויי אַלטע בעלי־בתים, ר' יחזקאל און „דער מחותן" ר חיים ראָזענקראַנץ. די צוויי אַלטע גרויסע קעפּ, די צוויי אַלטע גרויסע בערד האָבען געהערט ווי יודען הסידים, קריגען זיך איבער גאָט'ס תורה. הסידים האַלטען פאַר

סיזיַערֶע, אײנער פּאַרן צײַישטען. געהערען צי אין דאַך, יודען האָ־
בען עֶפּעֶס שותּפות — אַט זײַערע קינדער, זײַער עוזר'ל, ווי ער מישט
זיך. אין דאָס בחור'ל, דער התן, ווי עֶס שיט זיך איהם פּערל פון
מויל, דברי־תורה; ער מישט זיךמיט זיי, שפּאַרט זיך מיט יודען, מיט
גרויע בערד און קומט זיי בײַ. בײַ דעם אַלטען ר׳ יחזקאל'ן אין די
אייגען ווײַזען זיך טרעהרען. דאָס אַלטע פֶערטרוקענטע האַרץ ווערט
עֶפּעֶס אַנגעפּולט מיט ליעבע, נײַע געפֿיהלען, ער נעהמט זיך צום
מחותן

— נו מחותן, אַז נאָט האָט אונז מזכה געוועזען... מיר קענען
נישט, — קענען דערפאַר אונזערע קינדער. און צוויי אַלטע בערד
צוקישען זיך אין אַ טינקעל ווינקעל...

און דאָ ווערט האָס אַמאָל מעהר די שטוב פערטרונקען אין רויך,
וואָס שטײַגט אויף פון געדיכטע בערד, פון געדיכטע וואָנצעס. און
נעהמט דאָס שטיבעל אײַן. סאַמעט־היט, שטרײַמלען וואַרפען זיך
אין רויך אַהין און צוריק. די צוויי פלאַמען פון דער ליכט וואַרפען
עֶפּעֶס אַ נגידיש חסידישען גלאַנץ און מען הערט ווי יודען שפּאַרען
זיך, און דעם התנ'ס קול קלינגט ווי אַ גלעקעל און שיט מיט תורה,
שפּאַרט אַלע איבער. ר׳ יחזקאל האָט נחת: זײַן אײַדעם וועט עֶס
זײַן, הינטער זײַן דאַך וועט זיך הערען דאָס קול התורה. געהט
ער צו ר׳ מרדכי קאָנסקע וואָלער, נעהמט איהם האַלב אַרום, און האַלב
האַלט ער זיך צוריק מיט דרך־ארץ:

— מחותן ר׳ מרדכי, איך וויל פון אײַך אָבקויפען אײַער בחור'ל,
וויפיעל איהר וועט פון מיר ווע̇לען, און דער אַלטער יוד ווײַנט
מיט הייסע טרעהרען פאַר גדולה.

די מחותנים זענען אַרויס אין גערטעל אַרײַן אָבשמועסען מכּח
גרן.

אין דער צווייטער שטוב, דאָרט וואו דער קאַרטשמער מיט דער
קאַרטשמערין שלאָפען, האָבען זיך די ווײַבער צוזאַמענגענומען. די ווענד
זענען געווען בעהאָנגען מיט בילדער, אַלטע סאָלדאַטען און גענעראַלען
אין נאַפּאָלעאָן איז אויך דאָ געווען אונאײנעם מיט אַ יוד עֶפּעֶס מיט
אַ פרעמד היטעל — אַ פעטער פון אַ פרעמד לאַנד, און איבער די
פענסטער האָבען נאַדינעלעך געהאָנגען מיט גרינס אַרײַנגעשטעקט
נאָך פון שבועות.

די כלה, נאָכ'ן אָבוואַשען און פערקעמען די האָהר און נאָכדעם, ווי מען האָט איהר דאָס נייע קלייד אָנגעטהון מיט די „פראַנצענלעך", האָט מען זי אויבענאָן אַנידערגעזעצט: זיטץ און שווייג! אַרום איהר איז דער עולם ווייבער געזעסען שטיל אויף די שטילען, קיינע האָט זיך נישט געוואַגט קיין וואָרט אָנצורופען, איינע האָט געוואַרט אויף דער צווייטער, און אַז איינע האָט אָבגעהוסט און איהר קול האָט אָבגעהילכט, איז זי רויט־טויט געוואָרען. נאָר די לאָוויטשער רבי'צין האָט זיך איבער דער שטוב געדרעהט, די הענד פערלעגט, און איהר שפּאָר קישעלע פון הינטען האָט איהר נאָכגעשריגען: „בין איך מיר די לאָוויטשער רבי'צין!" נאָר אַזוי שטיל איז געווען צווישען די ווייבער, אַלע פערמאַכט די פּיסקער, ווי זיי וואָלטען געוואַרט, אַז ס'זאָל ווער קומען פון דערויסען און זאָל פלוצים אַ שויב אויסהאַקען... נאָר, מען ווייסט נישט, ווי אַרום ס'איז געוואָרען, האָט מען אָנגעהויבען צו שמועסען אָבגעהאַקטע ווערטער, פון צייט צו צייט האָט יעדע פון זיי אַ „דייטש" וואָרט אַריינגעוואָרפען, צו ווייזען זיך... און פון דער צווייטער שטוב האָט זיך געהערט „זיין קול", אין מיטען איבערגעהאַקט פון ר' יצחק יודל'ס, די כלה איז רויט געוואָרען און דאָס האַרץ האָט איהר אַזוי געקלאַפּט... און הינדעלע מיט די לאָקען האָט זיך געזעצט געגענאיבער איהר און האָט זיך, אויף בעל־בת'ישען אַרט, אָבגעעטהעמט, געבלאָזען פון זיך און געבאָמבעלט מיט די גאָלדענע קייט אויפ'ן האַלז.

דאָרט אין זייער צד איז אויך געווען — איך זאָל אַזוי לעבען! — אויך אַ „הינדעלע" מיט אַ „איטעלע" — צוויי שנירס. זייער הינדעלע איז אַ הויכע, מיט אַ שוואַרצליך אָבגעברענט געזיכט, טראָגט אַ טשעפּעק, און ביז'ן רוקען אַריין געגאָלטע האָהר, און אַ לאַנגע שירענגע פּערל אויפ'ן טשעפּעק. אַ יודענע — אַ קאָזאַק! לאָזט זיך נישט פון קיינעם, הנפ'עט זיך צו צו דער שוויגער, און רעד: „יאַך", „ביי אונז אין „וואַרכשע". און זייער „איטעלע" איז אַ דינינטשקע, אַנ'איידעלע, מיט אַ שמאָל, דין, קורץ נעזעל, וואָס גלאַנצט און ציהט זיך ברוגזדיג, אויפ'ן האַלדז אַ לאַנגע קאָראַנקאָווע פּריזקע, און אַ דין, לייכט שייטעל מיט אַ שרינד און אַ ווייס אַטלעסען שאַלעכעל איבער'ן רוקען, מיט אַ ווייס וועסטעלע פון פּאָרנט און „שפּרעכט": „איכע", „ביי פאַטער, מוטער צו הויזע האָט מען געשפּייזט פּיטערקאָכען מיט קאַפּע", און יעדעס מאָל, ווען די צווייטע האָט איהר

„איפ׳ן פיס אנגעטרעטען", איז זי צו דער מוטער־שוויגער צו און האט אנגעהויבען צו וויינען: „איכע וויל נאך היימע!" די מוטערס מילך נאך אויף די ליפען, א יונג קעלבעלע, ערשט פון דער מאמעס ברוסט אוועקגענומען.

האט די „הינדעלע" אריבער געקוקט מיט שטאלץ צו יענע „הינדעלע" אזוי א ביסעל פון דער הייך, „איין אינדיק צום צווייטען", און האט איהר מיט׳ן בליק געגעבען אנצוגעהערען ווער זי איז: „ר׳ יחזקאל גאמבינערס טאכטער", — אויסגעקוקט נאר ביז יענע וועט איהר אבענטפערען, וואלט דא ארויסגעקומען א התונה, זאל איין גאט אויסהיטען! האט זיך אבער יענע „הינדעלע" צוגערוקט צו דער שוויגער (כדי די שוועגערין די גאל אבצודריקען) און אנגעהויבען צו רעדען מיט דער ליעב־הנודיגע ריידעלעך און די שוויגער, די מחותנתטע, האט נאר געפרעגעלט זיך אין פוטער פאר נחת... האט זיך די „איכע" צוגעשארט צו דער כלה, און האט גערעדט מיט דער כלה אין דער שטיל ווי א ליעבע שוועסטער, און האט זיך געקושט מיט איהר, און פערצעהלט איהר ווי זיי וועלען זיך ליעבען, ווען זיי וועלען שוועגערינס זיין — האט עס ווייטער יענע שנור, די „הארלשוועריין" פערדראסען, וואס די „איכע" האט די גאנצע כלה צוגענומען, האט זי זיך געגעבען א שאר צו צו דער כלה, און גערעדט צו איהר מיט א ליעבליך שמייכעלע, ווי זיי וועלען זיך ליעבען, אז זיי וועלען שוועגערינס ווערען——— אז די „איכע" זאל דערווייל די גאל פלאצען.

און אונזער „הינדעלע, און אונזער „יטהילע" זענען זיך געזעסען שטיל אויף זייערע שטיהלען און האבען געדרעהט מיט די מיילעלעך, די ליפעלעך בעלעקט, — און נישט געוואלט זיך „מישען"....

איז אריינגעקומען עוזר׳ל, דעם סאמעט־היט ארויפגעריקט ביז׳ן האלבען קאפ, א ביסעל אויפגערוימט, די הענד אין די קעשענעס:

— וואס זיצט איהר אזוי ווי די אנגעלאדענע, נו מחותנתטע; האט איהר פערהערט די כלה?

איז צוגעגאנגען „יענס הינדעלע" (די שווארצליכע), מיט א פערקניפטען קניל פאדעם און זי האט געגעבען די כלה אויפצופלאנטערן. „לאמיר זעהען, וואס די כלה קען?", האט זי זיך אנ־

געֶרופען און האָט די כלה געפרעגט פערשיעדענע פראַגעס, די כלה האָט אָפּגעענטפערט, און די הינדעלע האָט דעם „טשעפּיק" אין דער־הויך געוואָרפען, נאָך־קלעהרענדיג, וואָס האָט די כלה געזאָגט. און די כלה איז געבען רויט געוואָרען און דאָס האַרץ האָט איהר געקלאַפּט...

האָט עס אונזער „הינדעלען" און אונזער „יטה'לען" נישט געפאַלען: מען געהט זי פערהערען. עפּעס פון די שוואַרצע יאָהר געקומען און מען פערהערט די כלה! האָט זיך אין ביידע דאָס משפחה בלוט ערוועקט און עפּעס, ווי אומגערען, האָט מען צווישען זיך שלום געמאַכט, און „אונזער" הינדעלע האָט זיך געשליפען דאָס מיילע־כעל אויף יענער, מיט אַזאַ לשון:

— כ'וויים נישט כלעבען, געקומען פון דער שוואַרצער יאָהר און געהען די כלה פערהערען, ווי מען וואָלט די כלה אויפ'ן מאַרק געפיהרט — און זי האָט אַ נאָנדליכען דרעה מיט'ן נעזעל צוגע־געבען.

— ביי טאַטעלע, מאַמעלע אין „וואַרכשע" — האָט יענע געדריקט מיט איהר צונג — פיהרט מען זיך אַזוי.

האָט זיך די „איכע" געמוזט דערמאַנען אין איהר כלה־צייט און איז פאַר דער כלה אַרוים מיט אַ געוויין (אַזאַ טבע האָט זי שוין, באַלד וויינט זי), און איז אויף די כלה'ס האַלז אַרויפגע־פאַלען און זי אָנגעהויבען צו קושען, צו האַלזען.

איז אַריינגעקומען דער „מחותן" ר' יחזקאל:

— נו, ווייבער, קריגט אייך נישט, זאָל מען צוזאַמענפיהרען התן־כלה אויבער זיי געפעלען זיך. האָט זיך אפילו די לאָוויטשער רבי'צען אַריינגעמישט און נישט צו געלאָזט, האָט זיך אָבער עוזר'ל איינגעשפאַרט, און געזאָגט, אַז „די היינטיגע וועלט פערלאַנגט עס דורכאויס", און ווענדענדיג זיך צו די „איכע", האָט ער צו איהר האַלב־דייטשעריש „געשפראָכען":

— זי מוזען עס וויסען געניי — וואָס דען די בהמות — האָט ער געוויזען אויף די מחותנים...

זענען אַלע ווייבער אַרוים פון שטוב, און מען האָט די כלה אַליין געלאָזט זיצענדיג אין אַ ווינקעלע רויט טויט און האָט פאַר הרפה און בושה די אויגען פון דר'ערד נישט געקענט דערהייבען. נאָר די „איכע" האָט זי געקושט, געהאַלזט און געוויינט, ווי מען

וואָלט זי חלילה צו דער שהיטה געפֿירט: אַז זי איינע ווייסט אין פֿילט, וואָס די כלה שפּירט יעצט אין האַרצן... אפֿשר האָט זיך די נאַרען דערמאָהנט פֿון איהר „זעהענס“, און בעוויינט די צייט...

האָט די מחותנת'טע דעם חתן אַרייַנגעפֿירט, און דער בחור בלאַס ווי די וואַנד, די פּאות האָבען זיך בעוועגט איבער די בלייכע באַקען און האָט זיך אָנגעהאַלטען אין די מאַמעס האַנד. די מאַמע האָט איהם צו'ם מיידעל צוגעפֿיהרט: „דאָס וועט זיין דיין כלה, זעה אויב זי געפֿעלט דיר?“, און איז פֿלינק פֿון שטוב אַרויס, זיי אַליין איבערלאָזענדיג.

די קינדער זענען געשטאַנען אַזוי ווי מען וואָלט זיי ביידע אָבגעשמיסען, מורא האָבענדיג זיך פֿון אָרט אַוועקצורירען. דער בחור איז געוועזען צומישט און נישט געוואוסט ווי ער זאָל די הענד אַהין טהון. זי איז געשטאַנען ביים פֿענסטער, נאָהענט, נעבען איהם. האָט געהערט ווי זיין האַרץ קלאַפּט, און האָט אויף איהם עפּעס זעהר גרויס רחמנות געקריגען... זי האָט פּאַמעליך די אויגען אויפֿגעהויבען און האָט איהם אָנגעקוקט, און האָט זיי שוין נישט געקענט אַיועקנעהמען. האָט זי עפּעס געוואָלט זאָגען, נאָר האָט זי פֿערגעסען וואָס....

נאָר געוואָלט האָבען זיי ביידע, אַז זיי זאָלען שטעהען אַזוי, נישט רעדענדיג, גאָר נישט, נישט קוקענדיג — און עס זאָל קיינער, קיינער נישט זיין... נישט קוקען...

זענען אַרייַנגעקומען די מאַמעס, און מען האָט די קינדער געפֿרעגט: „געפֿאָלען זיך?“ און מען האָט זיך אין די הענד געפּאַטשט: „געפֿאָלען, געפֿאָלען!“

זענען געוואָרען די ווייבער גאַנץ גרויסע מחותנת'טעס צווישען זיך און האָבען זיך אָנגעהויבען הערצליך צו קושען און איבערצובעטען זיך, און די „יאַך“ האָט פֿאַר דער כלה דעם חתן אָנגעהויבען אָבצולויבען, און די „איכע“ האָט זיך אין די כלה בעהאָפּטען: „מיר וועלען שוועסטערן ווערען, אויף אימער און אייביג אָמן“.

האָט דער רב מיט ר' יצחק יודעל'ס אַרייַנגעבראַכט אַ גרויס פּאַפּיער, און מען האָט די כלה געגעבען אונטערצושרייבען. די כלה האָט איהר נאָמען מיט מזל אונטערגעשריבען. האָט איהר דער מחותן, ר' מרדכי קאָנסקע וואָלער געגעבען אַ גאָלדענע, לאַנגע קייט

מיט אַ „קאָליע״ „התימה געלד״ — האָט די כלה צוגענומען, און געזאָגט „אַ שיינעם דאַנק״ און דעם מחותּן געגעבען אַ קוש אין האַנד.

האָט די לאָוויטשער רבי׳צען געהאַפּט אַ גאַנצען סטויג טע-לער און אויף דר׳ערד געגעבען אַ טראַסק: מזל־טוב! מזל־טוב!

און די „הינדעלעך״ און די „יתהלעך״ זענען צו איינע צו דעם צווייטע און האָבען די שנעבעלעך אויסגעשטעקט, די שנעבעלעך, וואָס טהוען אַ גאַנץ יאָהר פון זיך שוועבעל און פעך שיטען, און האָבען זיך הערצליך צוקושט: מזל־טוב! מזל־טוב!

ר׳ יחזקאל האָט זיך צווויינט ווי אַ קליין קינד, און ווען ער וואָלט זיך נישט פאַר הסידים געשעמט, וואָלט ער זיך מיט זיין אַלטע צוקושט, האָט ער געהאַפּט ר׳ חיים דעם מחותּן ביי די קאַ-פּאָטע און געצופּט איהם. די מחותּנת׳טעס זענען ערגעץ וואו פער-פאַלען געוואָרען און מען האָט זיי באין אופן נישט געקענט גע-פינען. און דאָ האָט מען געשריגען: לעקעך! בראַנפען! און זיי האַלטען זיך אין איין קושען — קושען און האַלזען. עוזר׳ל האָט זיך אַריינגעהאַפּט צווישען די נשים און שטאַרק זיך געהבר׳ט מיט דער „איכע״, און האָט מיט איהר דייטשעריש „געשפראָכען״ „פון דער היינטיגער וועלט״... און דאָס ווייבערישע יודעל, אָך, דאָס גע-קנייטשטע צילענדעריל האָט גאָר אין גאַנצען אויפגעלעבט, ווי פון דער ערד איז ער אַרויסגעשוואומען, ער האָט שלום געמאַכט מיט דער לאָוויטשער רבי׳צען און הברט זיך מיט יענע מחותּנת׳טעס, זאָגט גלייכע ווערטלעך, נאָר פאַר „יענע הינדעלע מיט׳ן פעדעריל אויפ׳ן סטשעפּיק האָט ער מורא, ווי פאַר פייער, און האַלט זיך פין איהר פון דערווייטען... און פון דער קיך טאַנצט אַריין די אַלטע רחל־לאָה אַקעגען די כלה מיט אַ טעלער טאָרט און געבעקס:

„נישט קיין געבעטענע,
אַליין געקומען,
האָטש אַנאָרימע, —
באָרט אַ מיהמע...

די נאַכט איז נאָך געלעגען איבער דאָרף און פעלד, און אי-בער די גאַנצע וועלט איז איין לבנה אויף געוועזען און געשפּילט זיך צווישען די וואָלקען. פאַר דער קרעטשמע זענען נאָך די פּוהרען

געשטאַנען מיט די שטאָלקאַטשען, וואָס האָבען געפלאַקערט אין דער נאַכט. אויף די פֿיהרען די מחותנים, מען האָט נאָך אריבער גערעדט פֿון איין פֿיהר אין דער צווייטער, יודען פערענטפערען נאָך די לעצטע יום־טוב׳ים, ווייבער האָבען אַריבערגעשיקט גריסען אַלטע באָבעס, אַלטע מוהמעס, און די גאַנצע משפחה. די קנאַלען פֿון די בײַטשען האָבען און דער שטילער נאַכט זיך געהערט און ווייטער עכאָ האָט ווײַט און ברייט אָבגעקנאַלט. און די פֿיהרען זענען זיך צופאָהרען, טייל אויפ׳ן לינקען וועג, טייל אויפ׳ן רעכטען וועג.

בײַ די פֿיהרען, וואָס זענען אָב אויפ׳ן וועג לינקס, איז אַני־אָרט געוועזען ניט בעזעסען. עס האָט דאָרט ווער געפעהלט. — עס איז געוועזען דער חתן, וואָס איז מיטגעפאָהרען מיט די מחותנים צו גאַסט אויף שבת נחמו.

אויף דעם לעצטען וואָגען צווישען די ווייבער איז די אַלטע מוהמע רחל־לאה געזעסען, זי האָט אַביסעל צופיעל געטרונקען, די הייטלעך האָבען זיך איהר שווער איבער די אויגען געצויגען, און די דינע, אַלטע ליפען האָבען נאָך האַלב פֿון שלאָף געברומט:

„נישט קיין געבעטענע,
אַליין נעקומען,
האָטש אַנאָרימע, —
פֿאָרט אַ מוהמע...

VII.

פֿרײַטאָג און שטעטעל.

זומערדיגע פֿרײַטאָג׳ס־נאָכמיטאָג!

הדר־יונגלעך זאָגען אָב די הפטורה, זענען מעביר די סדרה און געהען אַהיים מיט די סדורימ׳לעך, חומשים און מיט די גמרות, אויף מאָרגען צום פֿערהער. געקומען אַהיים, שלעפט מען אַרויס יאַגדעס. די מאַמע גיט דעם יאַגדע־סטאַניק און מען שמירט זיך דאָס גאַנצע פּנים איין. מען גנב׳ט אַרויס פֿון קעלער אַ פּאָר מעהרען. די מאַמע נעהמט צו די יאַטשוועל מיט די רעקלעך און שלײַט זיי אײַן

אין קאַסטען, אויף מאָרגען צום דאַוונען. נאָר באָרוויס און האַלבּ־
נאַקעט האָלאַ אין גאַס אַריין, הינטער דעם שוהל־פּלאַץ, — דאָרט
וואַרט שוין הברה. מיט פּעק שטיינער לויפט מען אויפ'ן מאַרק און
מען צוטרייבּט דעם בעקער'ס טויבען, וואָס פליהען איבּער'ן מאַרק
אַרום, און דער בעקער לויפט אַרויס יאָגען, האַפּט מען די פּיס
און מען מאַכט פּליטה...

דאָס שטעדטיל, וואָס איז אָבּגעבּרענט געוואָרען, איז האַלבּ'ס
צוגעלאַטעוועט. דאָ און דאָרט זעהט מען חורבות, אַרומגעקלאַפּט מיט
האַלבּ־אָבּגעבּרענטע בּרעטער. יעדענס רשות איז בעזונדער אין אַ
צוים איינגעצוימט. דאָ און דאָרט זענען אָבּגעלעגטע קלעצער און
בּרעטער. גוים שטעהען און אַרבּייטען, יונגלעך קריכען אַרום און
שפּרינגען, און הודושען זיך אויף די בּרעטער. בּיי דער געבּיי זיצען
יודען, ליידיג־געהערס, אָהנ־פּרנסה'דאיגע, קוקען ווי די גוים אַרבּיי־
טען און גיבּען עצות, ווי מען דאַרף מאַכען די פענסטערליך, די
מהירען. יודען שפּאַרען זיך איבּער די געבּיידעס און די גוים מאַ־
כען פון זיי חוזק. אויפ'ן מאַרק זענען שוין דאָ גרינגע עפּעליך, שענע
בּאַרנעליך — אַ פּאָר אַ צווייער. אַ יונגעל בּלאָזט אין אַ גאָרגעל פון
אַ געשחט'ענע קאַטשקע, און הברה נאָך איהם הרר... הרר... עס לויפט
פּאַרבּיי אַ מיידעל אין בּית־המדרש אַריין צו פרעגען אַ שאלה אויף
אַנ'עוף, און דאָ ווייזט זיך אַ יודענע מיט אַ טרפה'ר קאַטשקע אויף
אַ טעלער, טראָגענדיג זי צום גוי'שען בעקער. טאַטעס מיט יונגלעך
געהען צוריק פון שערער מיט אָבּגעגאָלטע קעפּליך, ווי די שעפּסען,
לכבוד שבת־נחמו. פון וועג אָן קומען אָנצוגעהן יודען אורחים מיט
פּעקלעך אויף די פּלייצעס, אין שטאָדט אַריין אויף שבת. פוהרען
קומען צופאָהרען אין מיט'ן מאַרק אַריין, אָנגעפּאַקט מיט הסידים,
אַלטע יודען און בּחורים, און יונגלעך, וואָס קומען אויף שבת־נחמו
צום רבּי'ן. די שטאָדט ווערט פיעל מיט פּנים חדשות. יודען געהען
אַרום, ווי אין ירושלים, פראַנק און פריי, מיט שטריימלעך, שיך
און זאָקען, מיט פּאות און ליולקעס... עס ווערט לעבּעדיג, פריי־
טאָג'דיג אין שטעדטיל. מען לויפט מען איילט זיך, מען דערקענט,
אַז עס איז ערב־שבת, ערב אַ גרויסען טאָג. די זון ציהט זיך איבּער'ן
שטעדטיל אויך עפּעס אַזוי פרייטאָג'דיג, גיסט מיט ליכט, און איז
נישט מקפּיד, וואו איהרע גין־גאָלדענע שטראַהלען פאַלען אַריין,
און וועמען זיי בּעלויכטען. דיין [illegible] שענק פאָהרען אַהיים שבת'ע

פֿייערים און שכּורע פּויערטעס און רויטע מיכּעו און הייסע האַלאַטען. זיי קישען זיך, וויינען און לאַכען, נעהמען זיך אַרום און טאַנצען. די פֿערד זייערע, די פולע, רונדיגע פֿערד, זענען אויסגעפּוצט מיט בענדער, ווי מען פאָהרט אויף אַ חתונה. זיי פאָהרען מיט רעש אַרום פון שטעדטיל, קלאַפּען איבער די שטיינער, און די הוזרימלעך אויף די פוהרען קוויטשען מיט, און החדר־ינגלעך מיט די אַרויסגעשלעפּטע העמדער פון די הויזען־שפּאַלטען לויפען זיי נאָך, און מאַכען גרויסע גוואַלדען: בע! הוראַ! עס קומט צופֿאָהרען לייביל דער וואַסער־פֿיהרער מיט זיין פֿעסעל וואַסער פון טייך, בעפֿאַלען איהם די קינדער און צופּען פון פֿערדיל די האָהר אויף סטרונעס צו פֿידעלעך. לייביל שילט, קנאַלט מיטין בייטש, נאָר ווער קוקט אויף איהם, מען צופּט ווייטער דאָס פערדיל און מען פאַטשעט עס מיט יאַגדעס, מיט פוטער־פּוטער, און דאָס פֿערדעל פֿערדייהעט אַלעס...

עס ווייזט זיך דער רב פון שטאָדט. ער געזעגט מיט אַ חברה אורחים אַרום אין די הייזער און שטעלט וואו יעדערן אָב אַן אורח אויף שבת.

אין געסעל קומט צופאָהרען פון וועג דער גביר ר׳ יחזקאל מיט זיין מענש נאָטע. אויף שבת אַהיים געהיילט זיך. נאָטע שפּאַנט די פֿערד אויס און רייט מיט זיי איבערן געסעל צום וואַסער אַראָב, און ר׳ יחזקאל זעצט זיך פאַר דער טהיר, און בעט אין האַרצען, אַז גאָט זאָל איהם צושיקען אַ יוד אויף שבת.

אַלעס אין דער גאַס איז פריי־טאָגדיג. די הימלען ציהען זיך אַזוי לאַנג און ברייט אַוועק; ציהען זיך, און ערגעץ וואו אויף שבת אַהיים צו קומען. וואָס ווייטער, ווייזען זיך אַלין מעהר יודען אין אַטלעסענע קאַפּאָטעס, אין שיך און זאָקען. יונגעלעך אין אַטלעס און אין זיידענס, געהען מיט פעקליך צום וואַסער באָדען זיך. דאָס זענען חסידימלעך, יונגע חסידימלעך, וואָס זענען געקומען צום רבי׳ן אויף שבת־נחמו.

און היימליך ווערט אין שטעדטיל, היימליך. בעלי־מלאכות טראָגען אָב די לעצטע אַרבייט, יונגען האַפּען ביער־געלד, לויפען אין די קראָמען נאָך קראַנגענדליך מיט שניפּסליך, און מען לויפט צום וואַסער באָדען זיך לכבוד שבת.

הינטער דעם אַלטען שוחטים הויז גיסט זיך דאָס וואַסער. ביי נאַכט זענען זיך דאָרט טובל די מיטע פון דעם געגענאיבערדיגען בית־

עוֹלמיל, נאָר פרייטאָג פאַרנאַכט — דאָס שטעדטיל. גאַנץ קאָזמעָר איז אין נאַקעטען, ווי גאָט האָט זיי בעשאַפען.. אַ פעלד איז בעלעגט מיט ווייסע פעקליך, און נאַקעטע זיידעס. נאַקעטע טאַטעס, נאַקעטע אייניקלעך זענען אין וואַסער. אין ענין שווימען איז דאָס שטעדטיל שוין בעוואוסט פון לאַנג אָן. יודען האַלטען פון שווימען. טאַטעס לערנען זייערע קליינע קינדער שווימען אויף די בייכלעך. די קינדער וויינען, זייער געשריי געהט ביז אין הימעל אויף, און די טאַטעס שלעפען זיי טיעפער, טיעפער אין וואַסער אריין, טוקען זיי די קעפלעך. דאָס קינד עפענט די אויגעלעך אויף, מאַכט אַ גוואַלד, און וויעדער אַ טוק. פערזאָרגטע יודען, וואָס זענען אַ גאַנצע וואָך אין דאַגות־פרנסה, מאַכען זיך נאַריש און ווייזען קונץ־שטיק. דער לאָזט זיך אַ „נאָרקים“, דער צווייטער „לעגט קלאַפּטער“, דער דריטער מאַכט אַ „רעדעל“, קאָרטשעט זיך איין, פערלעגט די הענד אַרום די פיס און דרעהט זיך אין וואַסער. דער מלאַווער בחור נעהמט גאָר די וועלט אָב מיט זיין שווימען. ווי אַ פיש ליעגט ער אָב גאַנצע שעה׳ן אונטער׳ן וואַסער, האַפּט אָן יעדען ביי די פיס, פּלוצלונג גיט ער גאָר אַ שפרונג אַרויס, מאַכט אַ קאָזעליק, און ווייטער אין וואַסער אַריין.

„דאָס וואַסער דאַרף יעדעס יאָהר אַ מענש...“ און אין מיט׳ן דערינען ווערט אַ געשריי: געוואַלד ער טרינקט זיך! און דאָרט, וואו דאָס וואַסער איז שטראָמיג, האָט עס אַ מענש אַריינגעהאַפּט. דער מענש רייסט זיך אַרויסצוקומען פון די אַרומיגע שטראָמעדיגע וואַליעס, נאָר זיי האָבען איהם אַריינגעקראָגען, און עס ציהט איהם ווער אונטען אין וואַסער אַראָב. דער מלאַווער בחור לאָזט זיך אַ „נאָרקים“ האַפּט דעם טרינקענדיגען ביי די האָהר אָן און שלעפּט איהם פון וואַסער אַרויס. דערווייל קומען אָן פון דער שטאָדט צולויפען ווייבער, קינדער מיט געוואַלדען: וועמען! חיים משה, וואו ביסט דו? יודען האַפּען דעם טרינקענדיגען, הויבען איהם אָן צו רייסען און וואַרפען, ציהען איהם די שלייפען מיט אַ פּאַסעה אַרום, — און זענען מחיה מתים...

דאָס וואַסער געהערט צו דער שטאָדט, נאָר דאָס פעלד, וואָס איז ביים וואַסער, געהערט צו דער שטאָדט׳ס שררה. שיקט ער אַרויס אַ זשאַנטסע מיט אַ הונד, אַז ער זאָל אַוועקיאָגען די באָדענדע, ווערט אַ געשריי: „דער זשאַנטסע געהט!“ האַפּט מען די פּעקליך קליידער

איבּין קאָפּ און מען ליבּט נאַקעטערהייד אין שטאָדט. גאַנצע מחנות נאַקעטע יודען ליבּען מיט די פּעקליך, און דער גוי מיט'ן הונד יאָגט אין פאַמע שטאָדט אַריין, ביז עס קומען די קצבים אַנטקעגען דעם גוי מיט גרויסע שטעקענס און לייזען אויס דאָס שטעדטיל פון גוייִשע הענד...

די זון הויבּט שוין אָן צו זעצען װײַט איבּין לינטשיצער װעג. עס װערט פאַרנאַכט. בײַם װאַסער הויבּט אָן רוהיגער צו װערען. מען אײַלט זיך אַהיים, צום טײַך קומען שוין נאָר די לעצטע פורמאַנעס, װאָס זענען שפּעט אין שטעדטיל אָנגעקומען, און בעלי־מלאָכות װאָס האָבּען שפּעט די מלאכה געענדיגט. פון מאַרק צונעהמען די יודענעס זײער סחורה און טראָגען זײ אַהיים. אויסגעבּאָדעטע יונגלעך לויפען איבּער דער גאַס מיט פלעשעלעך צו װײַנשטײַנען נאָך װײַן אויף קדוש. די געװעלבּער פערמאַכען זיך אײַנציגװײַז. און עק גאַס בײַם גרויסען אײַנפאָהר־הויז, אויף דעם װעג צום בית־עולם צופלאַקערט זיך אַ רויט געשטאַלט אין אַ װאָלקען פון גין־גאָלד שטויב.... דער הימעל װערט איבּערן שטעדטיל טונקעל. מען הויבּט אָן קלאַפּען אין שול אַרײַן. און טײל פענסטער װײַזען זיך שוין שבּת־ליכטלעך, נאָר די האַלבּ־אײַנגעפאַלענע הײַזלעך, דער רעשט חורבות זעהען אויס עפּעס געבּעכדיג, װי אָרימע מחותנים װאָס זענען אין צוריסענע בגדים און נאָר אין סאַמעטענע, שבּת'דיגע היטלען געקומען אויף דער חתונה... פאַר טײל הײַזער װײַזען זיך שוין שבּת'דיגע בעלי־בּית'טעס מיט זײערע טעכטערלעך. אָבּגעװאַשען, אויסגעקעמט זיצען זײ פאַר דער טהיר...

און שטיל און רוהיג איז אין געסעל. דער שבּת קומט אָן מיט רוהיגע טריט, און פערשפּרײט מנוחה. װי אַלײן פאַר זיך קלינגט דער קירכען־גלאָק, רופט מיט אַ פרום געבּעט אין קירכע אַרײַן. פון דעם קלײנעם בּית־המדרש'ל פינקלען זיך אַרויס די שבּת־ליכטלעך און עס דאַכט זיך, אַז זײ האַלטען מלחמה — דער קירכען־גלאָק מיט די שבּת־ליכטלעך. יעדעס ציהט צו זיך. דורך דאָס שטילע שטעדטיל געהען פרומע קריסטען, מענער מיט פרויען, געהען אין קירכע אַרײַן. און אָבּגעװאַשענע יודען מיט װײַסע קראַגעס פון די העמדער, איבּער די שבּת־קאַפּאָטעס פערבּויגען, געהען אין בּית־המדרש אַרײַן. חסידים אין אַטלאַס און אין זײַדענס, אין שיך־און־זאָקען געהען צום רבּי'ן. און שטילער, רוהיגער, שבּת'דיגער װערט דאָס שטעדטיל. װי מען װאָלט זיך אײַנגעטײַלט דאָס בּית־המדרש'ל מיט דער קירכע. יעדע גענומען זיך.

דאָס איהריגע. פון די אָבגעוואַשענע פּענסטער פינקלען די ליכטלעך אין די לייכטערליך אַרוים. מיידלעך הויבען זיך אָן צו ווייזען אין גאַסעל שפּאַצירענדיג, און דעם הזנ׳ס לכה דודי זינגט אין גאַסעל אין דער קירכען גלאָק קלינגט מיט, די קולות מישען זיך אויס און זיי ווערט איין שטילע תפלה צו איין גאָט...

אין גאַס ווייזט זיך ר׳ יחזקאל מיט זיין התן. זיי געהען אין בית־המדרש אריין דאַווענען. עס ווייזען זיך מיידלעך אויפ׳ן שוועל אין טהיר. אַרענטליכע בעל־הבתישע טעכטער קוקען פון די אָפענע פענסטער אַרוים, קוקען נאָך און סוד׳ען זיך: לאהעלעס התן! לאה׳לעס התן!

מיידלעך, כלה׳ס, שפּאַצירען אין שוהל־גאַסעל. עס געהען דעם שוחט׳ס טעכטער אין גאָלדענע קייטעלעך, וואָס זיי האָבען געקראָגען פון די מחותנים.

בחורים, התנים׳לעך, געהען שפּאַצירען אויף דער צווייטער זייט, אין די אַטלעסענע קאַפּאָטקעלעך, אין די זיידענע גאַרטעלעך, מיט די שוואַרצע פּאות׳לעך און מיט די גאָלדענע זייגערס, וואָס זיי האָבען געקראָגען פון די מחותנים התן־מתנות...

אין מיטען דעם געסיל, וואָס איז פערהילט אין דער שטילער נאַכט, דערהערט זיך פּלוצלונג אַ קול פון אַ וויינענדיגער מאַמע: מיין קינד מיין יצחק׳ל! קומען זיך צוזאַמענצולויפען ווייבער, מיידלעך פון אַלע זייטען: וואָס איז? וואָס איז? „מיין יצחק איז אַוועקגעגאַנגען נאָך ביי־טאָג און איז נאָך נישט אַהיים געקומען. וועה צו מיר! מען האָט איהם ביי׳ם וואַסער געזעהען!“ — וויינט די יודענע אין רוהיגען גאַסעל. אַרום שטעלען זיך צונויף קופּקעלעך און שמועסען: „דאָס וואַסער דאַרף אַ מענש!“ „דאָס וואַסער דאַרף אַ מענש!“...

און שטילער, טונקעלער ווערט די נאַכט, דער שבת קומט אָן מיט רוהיגע טריט און פערשפּרייט מנוחה. און דאָרט ווייט, וואו דער הימעל ליגט אויפ׳ן וואַסער, איז דער סוד אויסגעגאָסען, וואו יצחק׳ל, דער יודענעס יונגעל, איז ערגיץ וואו אַהינגעקומען.

לויפט די מאַמע מיט אַ געוויין צום וואַסער אַראָב, דאָרט צום הימעל אין וואַסער, וואו זיי ליגען ביידע אויסגעגאָסען, געוואָהר צו ווערען דעם סוד, וואו איהר קינד, איהר יצחק׳ל, איז ערגיץ וואו אַהינגעקומען...

פֿרייטאָג־צו־נאַכטס. דער טיש ביי ר׳ יהוקאלען האָט מען לכבוד דעם חתן געדעקט אין דער לעצטער שטוב. מען האָט אויפֿ־געריקט די פֿליגלען פֿון דעם גרויסען טיש, ווי מען האָט עס נאָר איין מאָל אין יאָהר ביי דער פּורים־סעודה, ווען אַלע קינדער און די איינייקלעך קומען זיך צוזאַמען. מלכה׳לע, די בעל־הביתטע, האָט ניט געזשאַלעוועט קיין ליכט, זי האָט געלייגט און געוואַשט גאַנץ גוט. אַז וואָס מעהר ליכט פֿרייטאָג־צו־נאַכט׳ס, דאָס מעהר פּרנסה בעשיילינט גאָט. דער גרויסער טיש איז געווען בעשטעלט מיט זיל־בערנע לייכטער, אַלט־פֿרענקישע, זעקס־רעהרענדיגע. אין שטוב האָט אַלעס געבלאַנקט, געלייכטען פֿון די ליכט. לכבוד דעם חתן האָט מלכה׳לע אַרויסגענומען דאָס זילבערנע גאָפּעל־מעסער, וואָס ווערט נאָר בענוצט צו דער פּורים־סעודה, אויפֿגעשטעלט די זיל־בערנע בעכער. איבערדאָן זענען געווען געגרייט די חלות פֿאַר ר׳ יהוקאל׳ן, בעדעקט מיט אַ חלה־טישטיכעל, רעכט׳ס איז געווען גע־גרייט פֿאַר׳ן חתן, די חלות פֿאַר איהם זענען געווען בעדעקט מיט אַ טישטיכעל, געהאַפּטען אויף זילבער, וואָס לאה׳לע האָט פֿאַר איהר חתן אויסגעהאַפּטען. מלכה׳לע, אָנגעטהון אין איהר ווייסען זיי־דענעם קלייד מיט גאָלדענעם בעשלאַג פֿון אינטען, וואָס איז געווען געמאַכט לויט דער דעמאָלדיגער מאָדע מיט ברייטע פֿאַלדען, וועלכע איינע האָט זיך פֿערבלאָנדזעט אין דער צווייטער, מיט דעם זיידענעם שאַלעכיל מיט די בלויע פֿרענזעלעך, וואָס דער מאַן האָט איהר מיט־געבראַכט פֿון לייפּציגער מאַרק, און דער הייסער שבת׳דיגער קאָ־רענגאַזער הויב, — איז געשטאַנען, דאָס פּנים אין איהרע בלייכע אידעלע הענד פֿערשטעלט, און האָט ליכט געבענטשט. לאה׳לע, אַנגאויסגעוואַשענע, מיט שוואַרצע לאַנגע ווייגע צעפּ פֿערוואָרפֿען שבת׳דיג איבער פֿאַמעט־בלויען יאַקעלע, און זעהט אויס ווי אַנ־אָרענטאַליך מיידעלע, וואָס דאַרכט „וואָס טאַטע־מאַמע הייסען, און וואָס גאָט, פֿרומע לייט הייסען" — און אַ ברכה מיט הצלחה רוהען אויף איהר קאָפּ... זי זיצט זיך ביי דער מאַמען, און לייענט מיט איהר אין דער תחנה:

„רבונו של עולם, מיין מצוה פֿון די ליכט־אָנצינדען זאָל אַזוי אָנגענומען זיין, ווי די מצוה פֿון דעם כהן־גדול, ווען ער האָט די ליכט אין ליעכטען בית־המקדש אָנגעצונדען. אַז מיינע קינדערס אויגען

זאָלען לײַכטען אין דער ליעבער, הײליגער תּורה... זײערע מזלות זאָלען לײַכטען אין הימעל..."

די פענסטער זענען געװען אָפען אין געסיל אַרײַן; געגענאיבער פון גאָרטען האָט זיך געהערט די קװאַטשערײַ פון די זשאַבעס, און פון גאַנץ װײַט אין „שװאַרצען װאַלד" האָט זיך אַ ליכטעל געלױכטען. אײַנגעפאַסט אין דער פינסטערער נאַכט, האָט עס אױסגעזעהען װי אַ פערגעסען ערגעץ שבת-ליכטעל, און די זשאַבעס בענטשען דעריבער... אַ טונקעלע המאַרע איז געהאַנגען איבער'ן װאַסער און אַלץ פערדעקט, נאָר פון װײַט, פון יענער זײַט האָט זיך געפינקעלט אַ ליכטעל, און ס'האָט געדוכט, אַז די אַלטע, די װײַכסעל, אַ גרױע באָבע, האָט זיך אױך שבת-ליכטלעך אָנגעצונדען לכבוד שבת... און פון אָפענעם פענסטער קומען אַרײַן צושװימען גאָט'ס ליעבע זומערדיגע ריחות פון טױזענדער בליטהען און געװיקסען, און האָבען זיך אױסגעגאָסען אין שטוב, געהאַפּט אַ װאָרט פון תּחנה, אַ שבתדיגע ברכה און צוריק אַרױס, און געשװעבט מיט דער ברכה איבער פעלדער און װעלדער, איבער הימעל און ערד און פערשפּרײט שבת-ברכות איבער גאָט'ס װעלט...

יודען זענען אַהײם געגאַנגען פון בית-המדרש, פון מנינים'לעך. װער עס האָט געקענט האָט אַן'אורח מיטגענומען. די שבת-מלאכים זענען פאָראױס פאַר די פרינצען געפלױגען און האָבען זײ שלום-עליכם אָבגעגעבען, און מנוחה פערשפּרײט. און יודען דערזעהענדיג די גױם, װאָס זענען געזעסען אין זײערע װאָכעדיגע קלײדער מיט זײערע װײַבער און קינדער אױף די בײנק פאַר די טהירען און האָבען געשפּיעלט און געזונגען, האָבען זײ געקרעכצט, רחמנות געהאַט אױף זײ: גױם נעבעך, זײ האָבען נישט קײן שבת!...

און דײַן פאָלק ישׂראל האָסטו געטרײסט, טאַטע אין הימעל! אַלץ איז עפּעס װי אױסגעלײזט געװאָרען, בעקלײדט מיט דערבאַרימקײַט, װי די שכינה װאָלט איהר פאָלק ישׂראל אַרומגענומען, די טרעהרען פון געזיכט אָבגעװישט, געטרײסט איהם, די פּאות איהם אױף די באַקען געקרײַזעלט, װי אַ געטרײַע מאַמע געקרײַזעלט, הנדליך געמאַכט, און מיט ליעבשאַפט צו איהם געזאָגט: הבן יקיר לי אפרים: צי אַ טײַערער זוהן ביסטו מיר אפרים? אם ילד שעשועים, אָדער אַ שפּיעל-קינד, כי מדי דברי בו, װאָרום אין מײַן טהון רע־

דען היינען איהם זכור אָבותנו עד, טהו איך אָן איהם אלין נאָך גע־דענקען. על בן קמו מעי לו איבער דעם ברוטען מיינע געדערים נאָך איהם. רחם ארחמנו נאום ה׳, ערבאַרמען טהו איך מיך איבער איהם, טהוט זאָגען גאָט.

און גאָטס ערבאַרמיגקייט איז איבער וועלט און נאַכט גע־ווען אויסגעגאָסען.

ר׳ יחזקאל איז אהיים געקומען נאָכ׳ן דאַווענען, און א רעשט ביסעל אורחים האָבען זיך איהם נאָכגעשלעפט.

— גוט שבת!

שָׁלוֹם עֲלֵיכֶם. מַלְאֲכֵי הַשָּׁרֵת. מַלְאֲכֵי עֶלְיוֹן . . .

און געזעהען האָט מען, ווי די מלאכים מיט ווייסע צווי ווייסע פליגעל פערשפרייטען מנוחה אַרום אין דער שטוב. מלכה׳לע מיט דער כלה זענען געזעסען ביים טיש, ווארטענדיג אויף קדוש, און האָבען אויסגעהאָרכט פון מאַן און חתן, די הניפה׳דיגע ווידעלעך וואָס די מאַנסבפערשוינען האָבען די ווייבער פארגעזאָגט:

„אֵשֶׁת חַיִל מִי יִמְצָא“ . . .

מען זיצט ביים טיש. ר׳ יחזקאל זיצט אויבען־אָן מיט׳ן חתן קעגענאיבער דעם ווייב מיט לאהלען. עס איז שטיל אַרום, נאָר דאָס ווינדטעל, וואָס בלאָזט דורך דעם אָפענעם פענסטער, האַלט אין איין דערצעהלען... לאהלע הויבט אַלע ווילע פאַמעליך אויף די אויגען און וואַרפט אַריבער א בליק. ער, אין דער אַטלעסענער קאַפאָטע און מיט דעם שוואַרצליכען פנים, איז אַזוי הנעימדיג. אָט זעהט זי אויף איהם דעם גאָלדענעם זייגער אין דער ווייסער וועסט, דעם זייגער, וואָס ער האָט פון איהר געקראָגען. ער איז איהר חתן... מיט איהם וועט זי וואָהנען אין איין שטוב... קיינער ניט, נאָר זיי ביידע... און דאָס יונגע האַרץ בעוועגט זיך אַזוי רייכט, אַזוי שטיל... דאָס ווינדטעל הערט דעם סוד און בלאָזט מיט איהם דורך דאָס אָפענע פענסטער אַרויס אין דעם גראָזיגען שוואַרצען וואַלד אַריין, דאָרט פאַרן שבת־ליכטעל דעם סוד צו פערטרויען...

ער זיצט שטיל, די אויגען אַראָבגעלאָזט. וואָס קלערט ער איצט? זאָגען איהר, זאָגען זיין לאהלען! (הויט ווערט זי). דאָס איז איהר חתן, אַ חתן פאַר זי האָט דער טאַטע מיטגעבראַכט... אַך, ווען עס וואָלט קיינער ניט זיין, טאַטע־מאַמע וואָלטען שלאָ־

פֿאָן געגאַנגען, וואָלט זי צו איהם צוגעגאַנגען, שטילערהייד, עס איז דאָך איהר התן. צו אַ התן מעג מען... וואָס — ניין?...

שאַ, דער טאַטע מיט'ן התן זינגען. זיין קול, ווי עס קלינגט, ווי עס הילכט, עס לויפט אַרויס דורך דאָס פֿענסטער:

„מנוהה ושמחה אור ליהודים!..."

זי, די כלה, דערלאַנגט צום טיש, שטעלט אַנידער אַ טעֶ- לער פאַר'ן טאַטעשי, פאַר די מאַמעשי און פאַר איהם...

„זאָל ער מיר עסען געזונדערהייד..." און דאָס האַר'ץ קלאַפּט איבער זיין אַקסעל, עפּעס האָט איצט געמוזט פאַר זיין געזיכט דורכ- לויפען...

אין מיטען עסען זענען געקומען צוגעהן דער מחותן ר' חיים מיט דער מחותנת'טע, עס איז געקומען עוזר'ל, לייב'ל, מאַטעלע און הינדעלע מיט די קינדערלעך, און גלאַטע קרובים און בעקאַנטע. מען האָט אָבגעגעבען דעם התן שלום עליכם, געפֿרעגט איהם, ווי דער הזן געפעלט. דערנאָך איז געוואָרען אַ שמועס וועגען חונים. איינער האָט געזאָגט אַ שטיקעל שיר המעלות'ל, האָט דער התן איהם אָבּ- געענטפערט מיט אַ זמר'ל. דאָס גאַנצע געסיל איז צוזאַמענגעלאָפען אונטער'ן פֿענסטער. דער התן האָט פֿערמאַכט די אויגען, די האַנד אונטער די באַק אונטערגעלעגט און זיין קול האָט זיך געגאָסען, האָט זיך געלאָזט אויף אַ „שטייגעריל". אונטער'ן פענסטער ווערט אַלץ מעהר מענשען, מען שטעקט קעפּ אַריין. „גוט שבת!" „לאָה'לעס התן" — האָבען מיידלעך זיך געסוד'עט און מיט'ן פינגער געוויזען. די טהיר האָט זיך געעפענט און פרעמדע מענשען האָבען אָנגעהויבען אַריינצוגנב'נען זיך, צוערשט מיט אַ ספק'דיג געלעכטעריל אויף די ליפּען, באַלד: הייסט עס, גלאַט אַזוי, און דערנאָך האָט מען זיך שוין געדריקט, די שטוב אָנגעשטאָפּט.

און צום טיש האָט מען ווייַן דערלאַנגט, כוס אויס, כוס איין. באַלד איז אָנגעקומען ר' יצחק יודל'ס מיט'ן ברייטען „גוט שבת'! דער עולם האָט פאַר איהם אַ וואַרע געמאַכט. עוזר'ל האָט איהם אויפ'ן אַקסעל די האַנד אַרויפגעלעגט און הויך זיך גע„דוצ"ט. ר' יצחק יודעלס האָט נישט געוואָלט לאַנג זיצען: „דער רבי געהט קדוש מאַכען". דער עולם האָט זיך באַלד גענומען צים בענטשען. נאָכ'ן בענטשען האָט זיך דער יונגער עולם גענומען געהן צים רבי'ן, און די מחותנים, ה' יחזקאל מיט ר' חיים'ן — אין בית־המדרש אַריין, וואו

דער רבּ פלעגט לערנען יערען פריטאג־צונאכטס מיט די שטאָדט־בעלי־בתּים די סדרה פון דער וואָך.

ר' יצחק יודל'ס האָט שטאַרק אָנגעהויבען בעטען, אז ר' יחזקאל מיט ר' חיים'ן זאָלען היינט לכבוד דעם תתן מיטגעהן צום קדוש צום רבּי'ן.

די בעלי־בתּים האָבען זיך צוערשט אַביסעל געשעמט דורכלאָזען אַ סדרה, נאָר די קינדער, און דער חתן אַליין האָבען זיך שטאַרק אָנגעהאַלטען. ר' יצחק יודעל'ס האָט געזאָגט: „מען מוז איין גע־וועהנען"...

האָבען זיך די בעלי־בתּים, אַ ביסעל מיט בושה, געלאָזט זיך נאָכשלעפּען נאָך די קינדער צום רבּי'ן.

עס איז געוועזען דער ערשטער פרייטאָג־צו־נאכט'ס, וואָן די בעלי־בתּים האָבען זיך נישט געפינען אין בית־המדרש ביים רבּ'ס סדרה.

ביים רבּי'ן אין בית־המדרש.

איין ערדה! און גאָטס ערדה איז אינגאַנצען אַלע גליַיך, סיי קינדער, סיי אַלטע, אַלע איין נשמה, איין בנין, איין גאָט לעבּט מען, אין איין בית־המדרש דאַווענט מען. און די תפלה איז איינע, טויזענדער קולות פון איין האַרץ. דער עולם איז צוזאַמענגעגאָסען, אַ ים שוואַרצע שטריימלעך און שוואַרצע בערד איינער אין אַנדערן, ביים צווייטען, אין איינעם! אַלע אויגען זענען אָנגעווענדט צו דעם ווייסען האַלאַט, וועלכער דרעהט זיך אַרויף און אַראָב צווישען דעם ים שוואַרצע שטריימלעך און וועלכער מאַכט זיך אַ וועג פון איין עק בית־המדרש צום צווייטען. דאָס איז דער רבּי. זיינע הענד זענען אין גאַרטעל פערפלאָכטען. די אויגען צום באַלקען אָנגעווענדט און דער הויכער, שבּינהדיגער שטערן איז אין איין שאַרפען קנייטש; איין מחשבה, איין כוונה: צו גאָט!

און גאָט איז דאָ, דאָ, צווישען דער ערדה. ער האָט זיך ניט יודען אויסגעמישט, ער איז געוואָרען איין חלק אין כלל, איין קנויטעל, איין פלעמעל אין דער מנורת־הכּלל. די שכינה און די כּנסת־ישראל, די כּנסת־ישראל און די שכינה. ביידע פערוואָגעלט אין גלות, טרעפען זיי צוזאַמען און דערמאָהנען זיך די כּלה־ציַיט. איז עס דען נישט ווי צווישען אַ חתן־כּלה, וואָס עס האָט זיך ביי זיי אַ ברוגזל געמאַכט? זיי זענען זיך צינאַנגען אין פערשיעדענע

וועגען און פרעמדע לענדער, און איצט טרעפען זיי זיך איינאיינעם אין אַ פרעמדער סטאַנציע...

און דער רבי האָט געזונגען זיין ליעבענס ליעד צו גאָט: שיר־השירים.

נישט געזונגען האָט ער, נאָר טיעף געזאָגט, מיט כּוונה, יעדעס וואָרט מיט זיין טעם און זיין מיין:

...„איהר זאָלט נישט קוקען, וואָס איך בין אַזוי שוואַרצליך, וואָס די זון האָט מיך אָבגעברענט. מיין מאַמעס קינדער האָבען מיר שלעכטס געטהון, זיי האָבען מיך געמאַכט פאַר אַ גערטנער־היטערין, מיין גאָרטען האָב איך נישט געהיט".

— „זאָג מיר, דו וואָס מיין נשמה ליעבט, וואו פאַשעט זי, וואו הויערט זי אין דער מיטאָג־צייט?"

— „אויב דו קענסט נישט די שענע צווישען די פרויען? געה נאָך די שעפסען־טריט און זעה דיינע ציגעלעך אַרום די געצעלטען פון די פאַסטוכער".

— „איך בין מיר אַ בלימעל פון שרון, אַ רויז פון די טאָלען".

— „אַזוי ווי אַ רויז צווישען די דערנער, אַזוי איז מיין געליעבטע צווישען די טעכטער".

— „אַזוי ווי אַן עפּעל צווישען די וואַלד־בוימער, אַזוי איז מיין געליעבטע צווישען די זיהן. אין זיין שאָטען וויל איך ליעגען, זיינע פרוכטען זענען מיר זיס"...

— „מיין געליעבטער איז געגליכען צו אַ הירש, אָדער צו אַ יונגען אינד. אָט שטעהט ער הינטער אונזער וואַנד, קוקט אַריין דורך דאָס פענסטער, וואַרפט אויגען דורך די שפּאַלטען"...

— „ענטפערט מיין געליעבטער און זאָגט צו מיר: מיין פריינדין, מיין שענע, קום מיט מיר!"

— „וואָרים איז, דער ווינטער איז שוין אַוועק, דער רעגען איז שוין פאַרביי".

„פעלד־בלימעלעך ווייזען זיך שוין אויף דער לאָנקע, דעם פויגעלס־צייט איז געקומען, און דעם קוקוקס קול הערט זיך שוין אין אונזער לאַנד"...

„שטעה אויף מיין פריינדין, מיין שענע און קום מיט מיר" — — —

און דעם רבינס קול זאָגט נישט, נאָר עס באַשטעמט יעדעס

וואָרט, ניט יודען צו פערשטעהן דאָס זיסקייט, די צוגעבונדענקייט, די טרייטשאַפט, וואָס עס פיהלט די כנסת־ישׂראל צו דער שכינה און די שכינה צו דער כנסת־ישׂראל.

און די עדה פיהלט עס און נייגט זיך, און בויגט זיך, ווי אַ דאָרשטיגעס פעלד זאַנגען צום טריפענדיגען וואָלקען. די עדה דאַפט אַ וואָרט, און עס זינגט אין די הערצער, עס טרייבט, אַ גרוס פון דער שכינה צו דער כנסת־ישׂראל אין גלות.

„וואָלט איך געווען אַ פייגעלע אין וואַלד,
וואָלט איך צו דיר געפליהען...“

און יודען נעהמען זיך צוזאַמען. און עס ווערט אין האַרץ און אין נשמה.

און דער רבי זאָגט די ווערטער מיט אַזוי פיעל ליעבע, ווי ער וואָלט אַ בריוועלע געלייענט, אַ געשריבן בריוועלע „פון צוויי טויזענד מייל“:

„איך שלאָף, און מיין האַרץ איז וואַך. די שטימע פון מיין געליעבטען קלאַפּט אין טהיר: עפען מיר, מיין שוועסטער, מיין פריינדין, מיין טייבעלע, מיין קאָפּ איז פול געוואָרען מיט טוי, מיינע לאָקען מיט נאַכט־טראָפּען.

„כ'האָב אויסגעטהון מיין העמדעל, ווי אַזוי קען איך עס אָנטהון? כ'האָב אָבגעוואַשען מיינע פיס, ווי אַזוי קען איך זיי פערשמוצען?...

„האָט מיין געליעבטער די האַנד אויסגעשטרעקט פון שליסעללאָך, האָבען מיינע געדערים נאָך איהם געטהון ברומען.

„האָב איך מיך אויפגעהויבען צו עפענען מיין געליעבטען, און מיינע הענד טהוען מיר טריפען, און מיינע פינגער מיט מירום די קלאַמקעס שמירען.

„איך האָב אויפגעמאַכט מיין געליעבטען, נאָר מיין געליעבטער איז שוין לאַנג געהאַט אַוועק. די נשמה איז איהם אויסגעגאַנגען אין זיין רעדען. האָב איך איהם געזוכט און כ'האָב איהם ניט געפונען. האָב איך איהם גערופען, האָט ער מיר ניט געענטפערט.

„האָבען מיר געטראָפען די, וואָס דרעהען זיך אין שטאָדט אַרום, האָבען זיי מיר געשלאָגען, האָבען זיי מיך געפּייניגט. האָבען זיי מיר די קליידער אַראָפּגעצויגען, די „מויערהיטער“ — — —

פלוצלונג האָט דער רבי אויסגעהערט צו זאָגען. ער האָט זיך איבערן בית־המדרש געדרעהט, קיין וואָרט נישט גערעדט, וואָס אַמאָל מעהר די אויגען אויפגעריסען און געקוקט אויפ׳ן באַלקען און דער שטריך אין שטערן האָט זיך איהם אַליין טיפער געשניטען, אויף חסידים איז געפאַלען אַ ליבע אימה, וואָס האָט אַלע אינאיינעם צוזאַמענגענומען און געהאַלטען.

פלוצלונג האָט זיך דער רבי געגעבען אַ האַפּ אויף און מיט גרויס פרייד, ווי עס וואָלט עפּעס פאַר איהם פּלוצלונג ענטפּלעקט געוואָרען, האָט ער געגעבען אַ געשריי אויס:

שלום עליכם, עליכם שלום, מלאכי השרת, מלאכי עליון״...

און עס איז געוואָרען צווישען עולם, ווי עס וואָלטען אַריינגעפאַלען טויזענדער מלאכים פון הימעל. די מלאכי־השרת האָבען זיך אויסגעמישט מיט׳ן עולם חסידים צו׳ם רבי׳ן אויף שבת, אַלטע בעקאַנטע, משלנו, און מען האָט זיך ביי די גאַרטלען אָנגענומען, געפרעהט זיך איינער מיט׳ן צווייטען:

„שלום עליכם, מלאכי השרת!...״

און דער עולם האָט זיך טיעפער געלאָזט, איינער אין צווייטען, איינער אין אַנדערן, מיט גדולה, מיט שבת־שמחה, מיט אין אַהדות, מיט איין ליעבשאַפט:

„שלום עליכם, מלאכי השרת!״

און דער רבי איז אַריין צווישען עולם, אויסגעמישט זיך מיט דער עדה, צוזאַמענגענומען זיך ביי די הענד, און מיט גרויס גדולה, אַלע אין איין קול:

„בואכם לשלום!״

פלוצלונג איז דער רבי ווייטער שטיל געוואָרען און געבליבען שטעהן אין מיטען שטוב, די אויגען אַליין צום הימעל אָנגעווענדט, ווי זיי וואָלטען פון אויבען עפּעס געשעפּט, געפּאָרשט. די הענד האָט ער טיעפער אין גאַרטעל פערקניפּט, און איז לאַנג געשטאַנען, זיך נישט אַ ריהר געגעבענדיג. מיט אַמאָל האָט ער זיך ווידער געגעבען אַ האַפּ, אַוועק אין אַ בעזונדער ווינקעל צווישען דעם אָרון און דער וואַנד, געגעבען אַ בויג אַיין דעם קאָפּ אין ווינקעל און איז געבליבען שטעהן פערטיפט אין זיך אַליין, און האָט עפּעס וואָס אין דער שטיל געזאָגט... דערנאָך האָט ער זיך פּאַמעליך אָנגעהויבען צו שאָקלען, און עס האָט זיך געגאָסען אָהן ווערטער אַ

שטיל־פליסענדיגע תפלה. פון צייט צו צייט האט ער מיט דער האנד צוגעמאכט, ווי ער וואלט עפעס דערמיט וואס בעטעמ׳ן, איבּ־זינגען, אויפהאַלטען, און באַלד איז ער ווייטער געבליבען שטיל פערטיעפט.

דער עולם אַרום — הויאַליעס קעפּ איבּער הויאַליעס קעפּ, איז שטיל פערזונקען געוואָרען אין אַ מתיקות׳דיג שווייגען, און אַ ליעבע, זיסע אימה האָט אַלין אַרומגענומען, און יודען האָבען זיך אָנגענומען בּיי די הענד, און זענען דערציטערט געוואָרען הארטענדיג.

נאָר פּלוצלונג האָט זיך דער רבי אויפגעהאַפּט און מיט גרויס הָדוּרקייט האָט ער זיך געווענדעט צום עולם:

— צום קדוש!

זיין פּנים האָט געלייכטען, ווי די שכינה וואָלט עס בּעקיישט און בּעהיילינט. פון זיך האָט עס אַ וואַרימקייט געשיקט און אַלע, אַלע צו זיך, און אין זיך אַריינגענומען.

דער עולם האָט אַ וועג געמאַכט. און דער טהיר האָט זיך געוויזען אַ צוג ווייבּער, מיט דער רביצין אין מיטען. פון איהר הויכען גלאַנצענדיגען שטערן האָט דער שטערנבּאַנד, בּעפּיצט מיט בּריליאַנ־טען, גאָלד און פּערל, אַראָבּגעשיינט מיט אַ שבת־מלכות׳דיגען גלאַנץ און אַרום פערשפּרייט דאָס מלכות׳דיגקייט און געזאָגט: „גוט שבּת!“ די גרויסע בּריליאַנטען פון די לאַנגע אויהרינגליך, פון הינ־טער דער שבּת־הויב, ווי גרויסע שבּת־טראָפּען, און די שנירלעך פּערל, וואָס זענען געווען פערצויגען איבּער דעם האַרץ אויף דעם זיידענעם קלייד, ווי פערגליווערטע, אונשולדיגע טרעהרען, האָבּען בּעשיינט, האָבּען בּעגלאַנצט דאָס מלכות׳דיגקייט. איבּער דעם שבּת־מלכות׳דיגען געזיכט איז געווען אויסגעגאָסען דער יודישער שטאָלץ, דער יודישער חן. אַרומגערינגעלט פון די שנירה און די טעכטער איז זי צו צום טיש. די זיידענע קליידער האָבּען נאָכגעשאָרכט, די בּריליאַנטען און פּערל האָבּען די אויגען פערבּלענדט און הוד־אַרין פערשפּרייט.

דער רבי האָט גענומען דעם הויכען זילבּערנעם בּעכער, פול אָנגעגאָסען מיט ויין און האָט קדוש געמאַכט: ויברך אֱלהים את יום השביעי ויקדש אתו — און נאָך האָט געבּענטשט דעם זיבּענטען טאָג און האָט איהם געהייליגט.

און דער רבי האָט איהם געהייליגט. די קדושה האָט צוויישען

עוֹלם איבּער די קעפּ אַרומגעשוועבט, זי איז אַרוֹיס דורך דאָס אָפענע
פענסטער אין גאָט'ס פּערסוֹד'עטע וועלט אַריין, און אַלין, אַלין
די גאַנצע וועלט פון וואָכענדיגען געהויבען, דערהויכט און פער־
שבּת'ט.

אין געסיל איז שוין פינסטער. די שטערן, טיעף איינגע־
זעצט אין טיעפען בלויען הימעל, זעהען אוים ווי שבּת־ליכטלעך,
וואָס געהען אוים אין אַ יודיש שטוב, ווען דער עולם איז אַרום
טיש אויף די מעשה־ביכלעך איינגעשלאָפען. דאָ און דאָרט האָט
זיך נאָך אין אַ פענסטער געברענט אַ שבּת־ליכטעל, געהאַלטען
בּיים אויסגעהן, און פון אָמענעם פענסטער האָט זיך נאָך געהערט
אַ פערשלאָפען, אויסגעהענדיג זמירות. דעם רבּינ'ס קדוש האָט זיך
אויסגעשפּרייט אין אַלע פיער עקען וועלט און צווישען נאַכט, הי־
מעל און ערד און איז פערשלאָפען געוואָרען פאַר מתיקות'קייט...
ווייט אין דער גאַס האָבען זיך געהערט טריט פון די יודישע
שומרים, וואָס האָבען ביי נאַכט דאָס שטעדטיל געהיטען, אַז מען
זאָל עס נישט אונטערצינדען...

פון דעם רבּינ'ס אָפענע פענסטער האָט דאָס זינגען הויך,
בּרייט און ווייט אין דער גאַס זיך אַ וועג געמאַכט.

צוויי ווייסע בּערד, צוויי ווייס־גרויע האָהר־קעפּ האָבען זיך
אין דער טונקעלער נאַכט געוויזען. געוועזען זענען עס ר׳ יחזקאל און
ר׳ חיים צוריק געהענדיג פון רבּינ'ס קדוש.

פון דעם בּית־המדרש'ס פענסטער האָט נאָך אַרויסגעדרינגט
אַ קליין, פערוויכערט ליכטעל, און אַ האַלבּ פערשלאָפען קול פון
גאַניץ פערשלאָפענע יודען האָט זיך געלאָזט הערען.

זיי זענען אַריין אין בּית־המדרש.

בּיים טיש וועלכער איז קוים בּעלויכטען שוין פון אַ אויס־
געהענדיגער לאָמפּ, זיצט דער רב, אַרום בּעלי בּתּים, פערמאַטערט
פון אַ גאַנצער וואָך אַרבּייט, און לערנט מיט זיי די סדרה פון דער
וואָך:

— ואתחנן אל ה׳ בּעת ההיא לאמור: „האָב איך מיך גע־
בּעטען בּיי גאָט, יענער צייט, אַזוי צו זאָגען"...

א גרויס דעמפּפיגקייט האָט געדריקט ביי׳ן דעם קליינעם, האַלב־פערשלאָפענעם עולם.

צווישען עולם האָט דער הויכער בלינדער לייב שטענדיג אויסגעשטאַרט, און הויך איבער קול צוגעשנאָרכט...

די בעלי־בתים האָבען זיך פערשעמט.

VIIII

צו מאַרגענס.

שבת אין דערפריה. די זוהן גייט אויף איבער הימעל, און איבערן שטעדטיל ציהט זיך דער ליכטיגער טאָג. אַליין ווערט עס טאָג, פון שטעדטיל העלפט קיינער נישט צו. די געוועלבער זיי־נען פערמאַכט, פערהאַקט, עס וועקט זיך קיינער נישט. קומט צו גייער אין גאַס אָן צופאָהרען מיט זיין פוהר, וועהט עס קיינער נישט אָן, ער שטעלט זיך אָב די פערד פאַשען אין „האַלט שבת" אין מיטען גאַס... נישט וואו אין נישט יוען ווייזט זיך אַ יוד אַ בעל־הבית פאַר דער טהיר, און אַ פּאָר ריין־געוואַשענע גאַטקעס, און געגנגעצט פראַנק און פריי אין דער וועלט אַריין. דאָרט געהט אַ יוד, אַ חסיד צוריק פון מקוה און טראָפּענס וואַסער רינען איהם פון די נאַסע פאות אויף דעם פרישגעוואַשענעם קאָלנער פון העמד, וואָס פערלענגט זיך מיט אַ בעזונדער בעל־הביתישקייט איבערן קאָל־נער פון פאַלטאָ. און מיטען מאַרק ווייזט זיך פּליצלונג אַ הויכער, דאַרער יוד, מיט אַ לאַנגע, ברייטע באָרד, און עפענט אַ גרויס מויל אויף און ציהט אוים ווי אַ לאַנגען שנור:

— אין שו—ל—ל אַ—ר—ריין!

הויבען זיך אָן ווייזען יודענעס אין זייס געפּרעסטע ספאָרני־צעס, לויפען צו און קלאַפּען אין לאָדען אַריין: שרה'לע, מען האָט שוין גערופען! האַקען זיך פרעטמען אייזען, עפענען זיך לאָדען, און עס ווייזען זיך ווייסע שלאָף־מיצען פון די אויפגעעפענטע פענ־סטער. קוקען צום ער אָרטים ווינער, וואָס איז אויפן טהורעם פון שפּיץ ראָט־הויז: ווי שפּעט איז?

הויבען זיך אָן צו ווייזען איבערזיצטע ווייבער. יודישע קינ־דער ליעבען זיך צו פּטראָיען פון אין שבת צום צייטען; און אַלעם

שעהנסטען וואָס אַ יודענע האָט, היעט זי זיך אין דעם אויסצירען צו ווייזען זיך אין גאָט'ס הויז. דעמאָלסט פלעגען זיין די ברייט־זיידענע קליידער, וואָס האָבען זיך אָנגעהויבען פון אויבען שמאָל און זענען וואָס ברייטער אַראָב געגאַנגען, אַזוי, אַז די יודענע האָט אויסגעזעהען, אַז זי וואָהנט אין דער קלייד מיט אַ האַלב טוץ קינדערלאַך. מען פלעגט זיך ליעב האָבען צו סטרויען אין קאָרענקעס, ירושות פלעגט מען זיך איבערלאָזען פון מאַמע צו טאָכטער, רעכטע קאַלישער קאָראָנקעס. יעדעס קאַפּטאַנדעל איז אַרום די אַרבעל און ביים האַלז־מויל געווען בעהאַפטען מיט ברייטע, זיידענע קאָראָנקאָווע פריזקעס. און אויפ'ן קאָפּ, אַ האַלב אַזאַ מין קאַפּעלושעל, צוויי בלימלעך אויפגעצויגען אויף צוויי דראָטען, אויפגעפּוצט אויף דער הויך, און אַרומגעהילט מיט אַ טערקישען טוך, וואָס מען פלעגט זיי רופען „שול טיכער“. יונגע ווייבליך פון דער היינטיגער וועלט פלעגען טראָגען קראַגענדלעך אויף די העלזער מיט לאַנגע צוויי שפּיצען און פערבינדען מיט אַ לייפּציגער זיידען שאַלעכעל, און די צוויי אויסגעהאַפטענע שפּיצען פון שאַלעכעל זענען געווען פערשלייפט אין אַ ברייטען שלייף איבער'ן האַרץ. דאָס פלעגט זעהר פּאַסען און פעראיידלען דאָס ווייבליכע געשלעכט. און אויף דעם גלאַטען שייטעל אַזאַ מין קאַפּעלוש פון שוואַרצע קאָראָנקעס מיט אַ לאַנגע, שוואַרצע פעדער, וועלכע איז געווען פערבונדען מיט זיידענע צוויי בענדער איבער'ן האַלז. מיידלעך, אָנגעטהון שוין אין די שבת'דיגע אָבגעגלאַנצטע קאַמאַשלעך, אַיינגעוויקעלט אין פערשוילען, אין די ווייסע אונטער־קליידער, שטעהען אין די טהירען, אין די פענסטער איבער דער גאַנצער גאַס און מען קוקט נאָך. די אויסגעפּוצטע פיהלען, אַז זיי געהען אויפ'ן פּאַראַד, געהען זיי פּאַמעלאַך, מיט אַ „מינעלע“ און „הנ'דעל“, ווייסען, אַז הונדערטע אויגען קוקען יעצט אויף זיי, בעטראַכטען אַלע זייערע מינעס, יעדע בעוועגונג, און אַלץ, וואָס איז אויף זיי ווערט אָבגעוואויגען און אָבגעמאָסטען אין הונדערטע מיילער.... די יונגלאַך פאָראויס, טראָגענדיג דער מאַמע, אָדער דער מוהמע דעם סדור'ל מיט דער תחינה, פערבונדען אין אַ נאָז־טיכעל. עס האָבען זיך געלאָזט יודען, בעלי־בתים, אין שבת'דיגע קאַפּאָטעס, אין ריינע שטיוועל, מיט די קעלנער פון די נעוואַשענע העמדער. טייל אין טלית אָנגעטהון, נאָך טייל האָבען די יונגלאַך די טליתים מיט די חומשים

נאכגעטראגען. עס האבען זיך געלאזט חסידים אין אטלעסענע קאפאטעס און שטריימלעך אין הייסע געפרעסטע קראגענדלאך מיט זייערע שניפסלעך (וועלכעס האט צוהיסען געגעבען פון בעל־הבתישקייט אין דער־היים) טייל אין מקוה, טייל פון דער מקוה. די גאס איז וואס אמאל בעלעבטער געווארען, היימישער און שבתדיגער, די זון האט זיך ליכטיג צוגאסען איבער'ן הימעל, א פרישע, א ליכטיגע, א נייע אנגעקומען אויף שבת. און זי האט בעגאסען מיט ליכט איין רייהע הייזער, און די צווייטע זייט איז אין שאטען געלעגען. און אויף די בלעטער פון די בליהענדע בוימער פאר דער טהיר האט זיך נאך דער נאכט־טוי אויפגעהאלטען.

נאר די שול איז נעבאך געשטאנען וויסט, א חורבן, און ארומגעצוימט מיט ברעטער, א קבר פון א שול.... און די איינציגע וואנד, וואס איז נאך שטעהן געבליבען נאך דער שרפה — א „כותל מערבי", א מצבה אויף א שול. — און יודען געהען דורך, קרעכצען און געהען דאווענען אין בית המדרש אריין.

אין בית־המדרש האט מען שוין געדאווענט. דער שולחן האט זיך אנגעריהט נייע „שטיקלאך" פאר'ן עולם, וואס קומט צום רבי'ן. דער חזן ארום די משוררים, די יונגלאך, די קוויטשערלאך, וואס א גאנץ יאהר טהוען זיי זיך אין די גאסען ארומוואלגערען, קיינער קוקט נישט אויף זיי, היינט מיט איין מאל זענען זיי גרויס געווארען, מאכען פרעהליך, מאכען ווינען דעם עולם, און טראגען זייער געבעט אין הימעל אריין... ביי דער טהיר שטעהען די „מבינים", דער הענטשקע־מאכער מיט'ן געשוירען בערדעל און חברה, און „קריטיקירען", דרעהען מיט די נעז פון צייט צו צייט, טאפען מיט די פיס, פערהאלטען זיך די אויגען, און מיט אמאל גיבען זיי א פערדריי דעם קאפ, הארכען זיך איין: אט... אט!... ר' יחזקאל מיט'ן חתן זענען געקומען א ביסעל שפעטליך, נאר עס פאסט אזוי פאר א חתן, פאר א חסיד. מען האט איהם מכבד געווען מיט מפטיר, ווייבער האבען פון דער ווייבערשער שול אראבגעקוקט און איינגעהארכט זיך, ווי דער חתן זאגט דעם „מפטיר".

נאכ'ן דאווענען האט ר' יחזקאל אהיימגעבעטען דעם עולם אויף „קדוש". אלע בעלי־הבתים האט מלכתחילה פערהאלטען אין א צווייטער שטוב זאלען איבערווארטען די פיש ביז חסידים וועלען קומען. איז געקומען עוזר'ל מיט ר' יצחק יודעלס און מיט זייערע מענשען,

מען האָט אָנגעהויבען צו האַפּען, צו רייסען, נישט געוואוסט נישט ווען נישט וואו, אַוועקגעשטופּט די בעלי־הבתים (די אָנגעהאָרעוועטע יודען זענען איינציגווייז אַנטרינען געוואָרען...) הסידים האָבען אַ גרויס גערודער געמאַכט, אַלע אין איינעם, יונג און אַלט, געשטופּט, געשטויסען זיך, אויסציהענדיג די הענד געהאַפּט וואָס מען האָט דערלאַנגט צום טיש. מלכה'לע האָט נאָר געקוואָלען פון נחת: אין איהר שטוב הסידים, למדנים, ווי עס לעבט, ר' יחזקאל איז אַליין אויך אַ שטיק חסיד געוואָרען. הסידים האָבען איהם געהאַפּט אין קאָן אַריין, געקלאַפּט איהם אין די פּלייצעס. מען האָט אָנגעהויבען צו זינגען, עס איז פרעהליך געוואָרען. מלכה'לע האָט געטיילט פיש, דער עולם האָט זיך געזעצט צום טיש, פון די גאַנצע שטאָדט האָט מען אָנגעהויבען צו ברענגען פאַר'ן חתן „קוגעל": „די מאַמע שיקט קאָהל פאַר'ן חתן" — האָבען די מיידלעך געזאָגט, אַריינברענגענדיג עפּעס אין אַ טעלער, פערשטעלט מיט אַ צווייטען און מיט אַ סערוועטעל אַרומגעהילט.

— אַ שענעם דאַנק, זאָג די מאַמע, אַז אם ירצה השם, אַז דיין חתן וועט זיצען ביים טיש וועט מען מיט פלאַשען ווין אָבשיקען — האָט געקלונגען די אַנטוואָרט פון דער בעל־הבית'טע.

דער טיש איז געוואָרען פערשטעלט מיט פערשיעדענע קוגלען, און לויט די קוגלען האָט מען דערקענט די בעל־הבית'טע פון דעם קוגעל. „אַ בעל־הבית'ישער לאָקשען־קוגעל" — פון אַנ'אַלטען בעל־הבית, וואָס פיהרט זיך אויפ'ן אַלטען שטייגער. „אַ געלייגטען קוגעל" מיט אַ סך ראָזשענקעס און געפּילעכטס — פון אַ היינטוועלטיגער „מאַדאַם". „אַ האַלבער שטראָדעל שוין. „אַ טרוקען־מעהליגער קוגעל", גוט דורכגעפּרעגעלט אין שמאַלץ, מיט ווינציג ראָזשענקעס, נאָר אַ סך פעפער — פון אַ חסידישען טיש קומט ער אַראָב...

אין דער גאַס איז לעבעדיג, פרעהליך, דער עולם זיצט נאָך ביי די טישען, פון טייל פענסטער הערט זיך דער יום־מנוחה — טייל בעלי־בתים זענען איינגעשלאָפען אויף די סדורים, ביים בענשען, דער יונגער עולם, אָדער די חדר־יונגלעך גנב'ענען זיך אַוועק פון טיש, לויפען אַרויס פאַר'ן בענשען אויף דער גאַס אַרויס,

אַרויף אויף דעם באַרג, וואָס איז הינטער דער שטאָדט, שפּאַצי־רען מיט מיידלעך...

און דער שבת איז איבּן באַרג, דאָס שטעדטעל שלאָפט זיך געשמאַק, אונטער דער מאַמעס פאַרטוך — די מנוחה פון שבת. און החדר־יונגלעך האָבען זיך אויף דעם באַרג פערקליבען, אויף דעם שפּיץ באַרג שטעהען יונגען און קוקען דורך די פּיבּטען איבּן שטעדטעל, מרגלים היטט עס „שפּיוגען אויס“ דאָס „אָרט“ מיט שפּאַקטיסען, באַרג־אַראָב גליטשען זיך יודישע קינדער איינס נאָכ׳ן אַנדערן, איינס נאָכ׳ן אַנדערן, און צורייבען די שבת׳דיגע קאַפּאָט־קעלעך מיט די שבת׳דיגע שטיוועל. הייבער געהען שפּאַציערען איבּן וועג, פאַר׳ן באַרג, און שטעלען זיך אָב, שרייען אויף דעם באַרג אַרויף: נחום, די שבת׳דיגע קאַפּאָטע! חיים, געדענקסט אַראָב, דו געהסט? חברה הערען נישט און גליטשען זיך ווייטער איינס נאָכ׳ן אַנדערן באַרג אַראָב. באַלד שרייט א יונגעל: דער רבי געהט, דער רבי! און חברה מאַכען פליטה, ווייט אַוועק...

און דאָרט ווייט, אונטער׳ן באַרג, ציהט זיך דער וועג אַוועק, און ווייזט זיך דאָס וואַסערל, וואָס טיילט דאָס שטעדטעל דורך, דאָרט איז די וואַסער־מיהל, דאָס ראַד קלאַפּט אין וואַסער, און עס פּאַטשט פון דערווייטען, און דאָרט, נאָך דער וואַסער־מיהל, געהען בית־המדרש־בחורים ווייט איבּן וועג שפּאַציערען...

נאָכ׳ן טיש ביי ר׳ יחזקאל׳ן. ר׳ יחזקאל, ווי דער דרך פון אַ בעל־הבית אום שבת, איז אַרונטערגעקראָכען אונטער דער דעק, מלכה׳לע האָט אויך דאָס זעלבע געטהון.

לאה׳לע, אָנגעטהון אין אַ שבת׳דיג קליידעל אין אַ ווייס שערצעל, איז אַריין אין סאַלאָן אין, ווי אַ הינט־וועלטיגע כלה, האָט זי זיך בּיים פענסטער אַנידערגעזעצט, לעזען אַ מעשה־ביכעל. „ער“ האָט זיך איבּערן סאַלאָן געדרעהט אַהין און צוריק, שוין אַ ביסעל מעהר דרייסטער, צוגעוואוי . מען האָט זיך געפיהלט „אונזער“, האָטש מען האָט נאָך קיין רעכט וואָרט צווישען זיך נישט געהאַט גערעדט. זי האָט ווייטער געלעזען, און זיין „אַנ־וועזענהייט“ האָט שוין נישט געשטערט, נישט געשטעהרט; מען האָט זיי דאָך פאַר חתן־כלה געמאַכט. זי האָט גאָר נישט גע־רעדט, נאָר געפרעגט זיך, אינגעוועניג עפּעס געפרעגט אין האַר־

צען: עס איז איהר, פאַר איהר אַ חתן'דעל. און זי האָט אין האַריץ זײַנע טריט געצעהלט. זיי האָבען ס'מאָל נישט געקוקט אויף זיך, טייל מאָל האָבען זיי פון זיך די אויגען נישט אראָבגענומען, מען טאָר דען נישט? נאָר רעדען האָבען זיי נישט געהאַט וואָס צו רעדען, זענען זיי שווייגענדיגערהייט אין שטוב געווען.

— וויל אַברהם'לע אפשר זאָדע־וואַסער טרינקען? — האָט זי איהם פּלוצלונג אַ פראַגע געטהון, שוין דרייסטער אַביסעל.

— אַ שענעם דאַנק, — האָט ער איהר אָבגעענטפערט. און איהר קול האָט פאַר איהר אָבגעקלונגען, פאַר איהר, זי איז דאָך שוין מיט איהם אַ שטיקעל משפחה, וואָס, ניין?

האָט זי איהם אַ גלאָז זאָדע־וואַסער דערלאַנגט, פאַר איהם אַנידערגעשטעלט, נעהענטער צוגערוקט, האָט ער דאָס גלאָז אין דער האַנד גענומען, און האָט הויך אַ ברכה געמאַכט. האָט זי געפיהלט, ווי די ברכה געהער זיך שוין מיט איהר אָן, האָט זי אין דער שטיל „אָמן" אָבגעענטפערט. איז איהר עפּעס אַזוי גוט געווען, ווי זי וואָלט בשותפות מיט איהם די ברכה געמאַכט...

זענען זיי ווייטער שטיל געוואָרען. ער האָט זיך ווייטער אין דער שטוב געדרעהט אַהין און צוריק. ער האָט איהר געוואָלט דער־צעהלען די מעשה פון לאָוויטשער בחור, פון זייער בית־המדרש, האָט ער זיך דערמאָנט, אַז זי איז אַ מיידעל, פון וואַנען ווייסט זי פון אַזעלכע זאַכען? האָט זי איהם געוואָלט דערצעהלען פון איהרע חבר'טעס — איז ער אַ יונגעל. האָבען זיי גאָר נישט געהאַט וואָס צווישען זיך צו רעדען. זענען זיי ביידע שטיל געשוויגען, נאָר געפיהלט, אַז עס איז זיי גוט אין איינעם, עפּעס זענען זיי זיך ביידע חתן־כלה, און ווייטער — פטור...

און פון דרויסען האָט די שבת־זונן דורכ'ן אָפענעם פענסטער אַריינגעשײַנט, אַרויסגעגאָסען ליכט אויפ'ן שויבען־שענקעל און האָט בעלויכטען די זילבערנע לייכטער מיט די גלעזער. פון אָפענעם פענ־סטער, פון וואַנען דער פולער בוים בלעטער שאָקעלט זיך אַריין, האָט זיך געהערט דאָס געלעכטער, דאָס אַרומלאַבעסען פון די יונ־גען, וועלכע זיצען אויף דער באַנק פאַר זייערע פענסטער, און דאָ, און דאָרט שפּאַצירען אויסגעפּוצטע מיידלעך אין דער גאַס און וואַרפען אַריין אויגען אין פענסטער און ווילען האַפען אַ בליק אויף לאה'לעס חתן.

פלוצים קומט אָן אַנ'אָנקומעניש", אַ געלויפ, געשרייַ הילכט פון דערװײַטען; און דער גאַס װערט אַ געלױף, מען האַפּט זיך פון די בענק אויף, און מען לויפט ערגעץ־הין אין געסעל אַראָב. פון די אַרױסגעשטיגטע לײַלעכער, װאָס הענגען איבער די פענסטער, הײַזען זיך שלאָף־מיצען; אויף שוועל און טהירען װײַזען זיך װײַבע ספּאָדניצעס, קעפּ אין טיכער פערהילטע, און מען קוקט... אין דאָס געלױפעניש, שװאַרצע קעפּ, װײַסע האַלקעס, קינדער, יונגלעך, מײדלעך, אײנער נאָכ'ן צװײטען — קומען אָן געהענטער אין געסעל אַרײַן. צוהיצטע יונגלעך, פון די פנים'לעך גיסען זיך אַנגסען שװײס, קומען אָן פאַראױס צו לױפען פון געלױפעניש, שרײַענדיג הױך: „געהאַפּט, געװאַלד, מען האָט זײ געהאַפּט!" די „לויה" קומט אָן אין דער גאַס. אין מיטען דער קעפּינער מאַסע יודען און װײַבער פיהרט מען ר' יחזקאל'ס פערדס־יונג — נטע'ן, אױ! דאָס װעלנערישע היטעל אַרונטערגעריסען! אױסגעריסענע האָר, רױטע, אױסגעריסענע אױערען, און װער עס האָט אַ האַנד און אַ פוס, פּאַטשט, קלאַפּט, צופּט. און ער האָט זיך אָבגעגעבען אַ קרבן, תּם'עװאַטע, װי ער װאָלט אַלײן נישט פערשטאַנען, װאָס דאָס איז. פון דער צװײטער זײַט — יענטעלען, מלכה'לעס דיענסט. דאָס טוך אַרונטערגעריסען, די האָר צופּלאָשעט, דער קאַפּטאַן צעריסען, זי בעהאַלט דאָס רױטע פנים צװישען די רױטע, גראָבע הענד. אַ יודינע געהט נאָך נאָך איהר און קלאַפּט איהר נאָכאַנאַנד מיט די פויסטען אין קאָפּ אַרײַן: „נחת האָב איך דערלעבט פון דיר, נחת!" און מען פיהרט דאָס פּאָר־פּאָלק פאַר ר' יחזקאל'ס פענסטער. און די גאַנצע גאַס אין אײן קול: „געהאַפּט, געװאַלד, געהאַפּט!..." ר' יחזקאל האַפּט זיך אױף אין דעם שלאָף־ראָק מיט די לאַצען און געהט אַרױס: פּאַטשען!...

— געװאַלד, אַנ'עבֿרה!

אונזער „חתן" „כלה" האָבען זיך פאַר בושה בעהאַלטען, װאו דער פעפער װאַקסט...

דאָס געסעל נאָכ'ן מיטאָג האָט געלערעגט. פון יעדען פענסטער זענען אַנדערע קולות אָנגעקומען צושװימען. ר' יחזקאל, װי אַ יוד אַ בעל־הבית, האָט זיך פּשוט אַנידערגעזעצט, װי זײַן שטײַגער, צו ערשט די סדרה אָבגעלײענט, דערנאָך האָבען זיך אַנ־

געהויבּען די אייניקלעך צו שיטען, ר׳ יחזקאל האָט פערהערט די סדרה, די באָבּע האָט געטיילט שבת־אויבּס, אַ באַרגע מיט אַנ׳עפּעל און אַ האַנד אַנגרעס, און האָט געקוואָלען פון נחת.

דער חתן איז געזעסען און געלערענט פון דער צווייטער זייט טיש, הויך, אויפ׳ן קול, אין דער לאַנגער גמרא, געהערט צו זיך, געקריגט זיך מיט זיך, און זיך אַליין איבּערגעבּעטען. באַלד האָט ער זיך געגעבּען אַ לאָז אַוועק, און ערגעץ־וואו פערבּלאָנדזשעט געוואָרען, און וואָס אַמאָל זיך טיעפער און טיעפער פערטיעפט. ר׳ יחזקאל איז פערשעהמט געוואָרען מיט זיין אָרים הומש פאַר דער גרויסער גמרא, פאַר דער הייליגער גמרא... אין זיין שטוב, אונטער זיין אָרימען באַלקען קריגען זיך אַרום אַזעלכע גרויסע תּנאים „אַבּיי און רבא״, ווי שען איז דאָס, ווי גוט איז דאָס!

פאַר דער טהיר זענען געזעסען אויף די שטוהלען מלכּה׳לע מיט דער מהותּנת׳טע, די שנור און די טאָכטער, אין זיידענס, אין סאַמעטען, אין די גאָלדענע קייטען, און האָבּען זיך אין די גאַס צוגעקוקט צו די שפּאַצירענדע.

און די זונן ציהט זיך פּאַוואָלע מיט רוהיגע, שבּת׳דיגע טריט אַרונטער אונטער׳ן שטעדטעל. יודען געהען אַהיים שלש־סעודות עסען, געהען צוזאַמען און שמועסען צווישען זיך. עס געהען די ווייבּער שבּת׳דיג אָנגעטהון מיט קינדערלעך, קינדערלעך און קינדערלעך אָהן עין־הרע... וואָס רייסען די מאַמעס ביי די פאַר־טיכער: „שבּת־אויבּס!״ „שבּת־אויבּס!״ די ווייבּער מאַכען זיך נישט הערען (שפּאַצירענדיג רוהיג), און פון אָפענעם פענסטער קלינגט אַה[illegible] דעם חתן׳ס קול און מאַכט זיך בּרייט זיין וועג, און פער־שבּת׳ט דאָס געסעל; די דורכגעהענדע שטעלען זיך אָבּ אויף אַ ווייַלע: דער חתן לערנט! דער חתן לערנט!

לאה׳לע האָט זיך אין דער שטיל מיט איהר גאָלדענע קייט געשפּיעלט: איהר חתן לערנט, איהר חתן...

ס׳איז שוין פינסטער געוואָרען. דאָ און דאָרט האָט שוין פון די פינסטערע פענסטערלעך ליכטלעך אָנגעהויבּען אַרויסצודרינגען און בּעלויכטען דאָס פינסטערניש וואָס איז אין שטובּ. פון גאַניץ וויַיט קומט אין געסעל אָנצושווימען אַ פערגעסענער ניגון, זינגענדיג ביי׳ם רבּי׳נס טיש צו „שלש־סעודות״, און שווימט דורך דאָס געסעל אין אַנ׳אַנדערע וועלט אַריין. אַ בּענקעניש פון בּעהאַל־

מענע פעלדער האָט געטיליעט דאָס געפעל. געוועלבלעך האָבען זיך געעפענט, און ניִשט וואו און ניִשט ווען איז אַ יודינע אין אַ טיך אײַנגעהילט דורך דער גאַס דורכגעלאָפען מיט אַ שטיל געוויין: „גע־וואַלד, מײַן מאַן איז מיר אַוועקגעפאַלען!" טייל זענען געלאָפען אין דער אַפּטהייק אַרײַן נאָך וואָרע־וואַסער, טייל צום רופא נאָך דער האַרים־פלאַש, און דאָס „ווײַבערישע יודעל" איז פון שטוב צו שטוב אַרומגעלאָפען מיט'ן שמעק־פלעשעלע...

אַ שרעק איז דורכ'ן שטעדטעל דורכגעלאָפען, ווי דער מלאך־המות וואָלט מיט זײַנע פליגעל אין אויער געפאָכעט. מען האָט עס מורא געהאַט מיט'ן מויל איבערצוחזר'ן. און האַרין האָט עס געשניטען.

— די הצ״ל — —

און די לבנה האָט זיך געמאַכט אַ וועג צווישען די טונקעלע וואָלקען און איז אַרויסגעשוואומען אַזוי גוט, הערצליך, אַזוי „גוט־וואָכענדיג"...

דאָ און דאָרט זענען קופּקעלעך יודען געשטאַנען און האָ־בען די לבנה מחדש געווען...

און ערגעץ־וואו ווייט האָבען די זשאַבעס אין וואַסער גע־קוויטשעט, אָבער ווער ווייסט ווי דאָרט, וואָס דאָס זענען פאַר אַ לײַט?...

IX.

ראש חודש אלול.

דער־ייל זענען אָנגעקומען די אלול טעג אין שטעדטיל אַרײַן. געבראַכט האָט זיי צו פיהרען דער וואַלען יוד, וואָס הײַנט זיך יעדעס יאָהר אין „די טעג" אין שטעדטיל...

איין גאָט ווייסט, פון וואַנען ער איז אָנגעקומען און ווער ער איז. דער ערשטער ווינטער־שליח איז ער געווען... אין „די טעג", ווען די בעל־הבית'טעס זיצען פאַר דער טהיר נאָכ'ן אָנבייסען און מיילען די קינדער צווייערס אין חדר אַרײַן, די זון בעהאַלט נאָך דאָס

געסיל, אָבער זי וואַרימט עס שוין נישט — בעוויזט ער זיך פּלוצלונג דער „וואָלען־יוד". ער האָט געמוזט אָנקומען פון ערגעץ־וואו ווייט, וואו עס מוז איצט ווינטער זיין, ווארום ער טראָגט טיפע קאַלאָשען, מיט קלעמבען וואָל אונטערן אָרעם, וואָלענע זאָקען צו שטריקען. אַ קליינער, אַ דאַרער איז ער, און טראָגט אין די גרעסטע היצען אַ דיקען וואָלענעם שאַל אויפ'ן האַלז, אַ זכר פון ווינטער, אַ יוד מיט אַ סוד, וואָס דער ווינטער, דאַכט זיך, האָט איהם אין שטעטיל געשיקט, — אָנזאָגען עפּעס. און דערזעהט מען איהם פּלוצלונג אין שטעטיל, גיט עס אַ קלאַפּ אין האַרצען, און עס ערוועקט זיך אַ הרהור תשובה....

דער ערשטער ווינטער־פויגעל

און נאָך איהם האָבען זיך אין שטעטיל אָנגעהויבען צו ווייזען אַזעלכע מיני אורחים, וואָס מען האָט זיי אַ גאַנץ יאָהר נישט געזעהען, אורחים מיט זשיוונע היט, מיט לאַצען און קאַפּעטעס, געשניטען מיט אַ שניט פון אַ פרעמד לאַנד. אורחים מיט פּעקליך ציצות, מיט פערשידענע קמעות, און קינדערשע ביינדלעך, וואָס האָבען צו וויסען געגעבען, אַז ערגעץ ווייט־ווייט איז פאַרהאַן אַ וועלט, זענען פאַרהאַן יודען... און דער וועג מיט די טאָפּאָלען פיהרט אַריין פיהרט אַרוים, אונזער שטאָדט אין דער וועלט אַריין און פון דער וועלט אַרוים... אורחים אין ביידלעך מיט „בלינדע יתומות", מיט יודען אויף קלעצלעך, מיט וויסטע ניגונות; יודען אָרענטליכע מיט שענע בערד; נשׂרפים מיט כתבים אין די הענד. עס זענען אָנגעקומען גרים אין שטעטיל, יודען מיט גוי'שקע פּנימער, אָבער גוים מיט יודישע סדורימ'לעך; האָבען דערצעהלט פון זייערע טאַטעס, אַז זיי זענען גראַפען און גענעראַלען, און זיי האָבען ליעב געקראָגען די יודישע אמונה, צוליעב איהר אַלעס אַוועקגעוואָרפען, און האָבען זיך גרויסער־הייד געלאָזט מל זיין. יודען האָבען עפּעס אין האַרץ פאַר זיי מורא געהאַט: יודען און דאָך נישט קיין יודען...

אין בית־המדרש־געסיל איז היימליך געוועזן; מוכר־ספרים'ניקעס מיט ביידלעך זענען אָנגעקומען צופאָה־יען, מיט פערשידענע ספרים, תהנות'לעך און סדורימ'לעך, וואָס שמעקען פון וואַרשוי, פון בערדיטשעוו און פון „רייסען" אויך. די הדר־יונגלעך האָבען פון די פערדס עקען געריסען האָהר, געפּייניגט די פערדלעך און אויפ'ן וועג אַרויס־געפיהרט צו רייטען אויף זיי. די מוכר־ספרים'ניקעס האָבען אין בית־

המדרש געוואָינט, הינטערן קאַסטען שמות, און זיי זיך געקאָכט וועגן יודען דאַוונען. זיי האָבען אויך לאַנגע טישען די ספרים פערשפּרייט, יונגלעך האָבען פון די מאַמעס מאַשען געריסען אויף סדורים לעך, אויף ספרים לעך, און געלבע יודישע מאַמע וועט דעם ביסען פון מויל נישט אָבשפּאָרען און איהר יונגעל אויף אַ ספרל, אויף אַ סדורל אַ פּאָר גראָשען נישט געבען?...

יענען אָנגעקומען אין שטעדטיל אַ ריין פערשידענע קראַנקע צום רבין צופאָהרען: אַ יוד מיט אַ דבוק, וואָס קרעכט פון איהם אַ האָהן אַרויס; אַ ווייבעל מיט אַ מויך־קוויטשער; פערשידענע יודען מיט פערשידענע חלאים, יעדער מיט אַן אַנדער פּעקעל; און פּלוצלונג — נאָר איינער, אַ דין־תורה האָבען מיט אַ געשטאָרבענעם, וואָס לאָזט איהם נישט ביי נאַכט רוהען, און קומט איהם רופען צום בית־דין של מעלה; דאָס גאַנצע שטעדטיל קומט זיך צוזאַמענצולויפען, הע־רען דעם טויטען רעדען פון הינטער דעם פאָרהאַנג.

און אויף די אורחים ליגט עפּעס אַ שטויב פערשפּרייט, אַ שטויב פיל מיט באַהאַלטענע סודות, דער שטויב, וואָס ליגט איבער אַלטע, הייליגע ספרים, און עס דאַכט זיך, אַז עס איז ערגעץ וואו פאַרהאַן אַ יודישע וועלט, אַ יודיש לעבען, אַ גרויסער יודישער בית־המדרש און דאָס גאַנצע יודישע פאָלק לעבט אין אַ גרויסען קאַסטען שמות, באַהויכט מיט הייליגען שטויב, און אויף דעם ליגט אויס־געגאָסען דאָס יודישע הנדעל — דאָס יודישע הימליקייט, בענקעניש...

אַ שענער, העלער טאָג. די ווייבער ויצען אַרום די שיילען פאַר ווייערע טהירען און שטריקען זאָקען און מאַטלען גלאַט אַזוי אין דער וועלט אַריין. פון ערגעץ וואו אַ הויף שווימט אין מאַרק אַרוים יאָס קול פון קליינע קינדערלעך, וואָס זיצען אין חדר און לערנען די היי־ליגע תורה, און אַ יודענע דערמאָנט זיך וואָס אין דער תחינה שטעהט געשריבען: „אין זכות פון די קליינע, אונשולדיגע קינדערלעך, וואָס האָבען געטהון די העלולעך אויסשטרעקען...“ די זון זעהט מען שיין נישט אַזוי אין הימעל אָן ווי אויף דער ערד, די שטראַהלען בלאָנדזען אין מאַרק אַרום לאַנגווייליג, ווי אונגעבעטענע געסט — און פּלוצלונג דערהערט זיך אַ שופר בלאָזען. דאָס קול ציטערט און דעה לויפט פון שטעדטיל און פערציטערט קליין און גרויס.

זענגען די ווײַבער פאַר די שוועלען פון זייערע הייזער געזעסען; און דאָרט איינע האָט זיך איהר ווײַס שלייפעל, איהר ראש־הודש־אלול־בלימעל אויפגעציערט, זענגען פוהרען פאַר די טהירען אָנגעקומען צופאָהרען, און ווײַטע מוהמעס, ווײַטע שוועסטער־קינדער, וואָס זענגען ערגעץ אין דער פרעמד, זענגען אָנגעקומען מיט זייערע טיכער און שערעמעס אויף קבר־אבות, אויפצוזוכען זייערע טויטע טאַטעס, זייערע טויטע מאַמעס, אויפ׳ן אַלטען בית־הַקברות.

און דאָס בית־הַקברות ליעגט אויסגעשפרייט אַ גאַנץ יאָהר אויפ׳ן באַרג, בעהאַלטען איז יעדע מצבה הינטער איהר בוים. אַ נשמה הינטער אַ בוים, — און אַלע קוקען זיי אין שטעדטיל אַרונטער. יעדער רב פון זיין דור אין די סביבה פון זיינע בעלי־בתים פון זיין צייט אויף אַנ׳אַנדערן פונקט פון „גוטען אָרט“. קום, לאָז מען צעהלען די דורות, די טאַטעס פון שטעדטיל! טייל נעמען פון די געשטאָרבענע הערען זיך נאָך צווישען די לעבעדיגע. ווער עס האָט זיין נאָמען איבערגעלאָזט אויף שטיינער און העלצער, ווער אויף אַ געסיל און ווער אויף אַ הויף: „ר׳ יוחנן׳ס“, „ר׳ משה׳ס הויף“, און ניי־קאַזמער בויט זיך אויף נייע הייזער און עס שטעהען אויף נייע בעלי־בתים... שטיל איז אויפ׳ן בית־עולם. פון ערגעץ הינטער אַ מצבה, וואָס איז פערוואָרפען הינטערן פלויט מיאַנטשעט אַ בייזע קאַץ אַרוים, פון ערגעץ וואו שיקט אַ משוגע׳נער הונד זיינע שטאָהל־קאַצענע אויגען אַהער. דער שטאָדט־בכור מיט זיין האַרעם ציגען בעלעקען די מצבות, און אַ שטילער, בייזער ווינד קלאַפּט די צווייגען פון די בוימער. דאָרט און דאָ זענגען לעבעדיגע פערבאָרגען צווישען די מצבות און אַ שטיל געוויין געהט אויף פון צווישען דעם הויכען, ווילדען גראָז, וועלכער פערשרפייט זיין בית־הקברות־געשמאַק און מען ווייסט נישט, צי דאָס געוויין קומט פון די טויטע אָדער פון די לעבעדיגע... דאָרט פיהרט אסתּר־חנה — די בית־הַקברות־יודענע, די עלטעסטע פון דער שי־אָדט — אַ ווײַבעל, און ווײַזט אָן איהר, וואו איהר פאָטערס ביינער רוהען. און דעם חזנ׳ס „קוויטשערליך“, צווישען איין „אֵל־מלא־רחמים“ און דעם צווייטען, קלאַפּען אָב פון די הויכע בוימער די קליינע עפּעלעך, דאָס וואָס קעהר זיך פון קהל אָן צו זיי...

און דענסטמאל איז אנגעקומען דער ארץ־ישראל־יוד נאך דעם ארץ־ישראל־געלד, וואס איז געלעגן אין די פושקעס, וואס האבען געהאנגען אויף די טהירען ביי די מזוזות אין יעדען יודישען הויז, און וואוהין יעדע מאמע האט צו ליכט־צינדען אריינגעלעגט „ליכט־געלד".

ווי א שאטען איז ער אנגעקומען. א הויכער, דארער יוד מיט א בלייך יום־כפור־דיג פנים, און וואס אין זיין הויכען, געקנייטשטען שטערן איז געווען א טיפער סוד אויסגעוואקסען. דער סוד, פאר וואס מיר זענען אזוי לאנג אין גלות... דער סוד ווען משיח וועט קומען... א יוד פון יענע יודען, וואס מיר גלויבען, אז זיי זענען ערגעץ־וואו דא, נאר מיר ווייסען נישט וואו; א יוד פון יענע יודען, וואס דערוועהנענדיג זיי, דערמאהנען מיר זיך אן עפעס... א פערבארגען געטריישאפט וועהט אין אונזערע הערצער, און מיר פיהלען זיך, אז מיר געהערען צו וועמען...

אן ארץ־ישראל־יוד אין א ווייסען, אטלעסענעם האלאט מיט לאנגע שווארצע פאות. ער זיצט אין בית־המדרש, אין א בעהאלטען ווינקעלע, ארום איהם האבען זיך צוזאמענגעקליבען א פאר אלטע יודען, ר' משה דוד „שמות־יוד", וואס האט אויף זיך גענומען די מצוה די שמות אויפ'ן „גוטען־ארט" מקבר צו זיין. ר' ישעיה וואלף, ר' נטע, די וואס זיצען אויף דער עלטער אין בית־המדרש; אלטע בעלי־בתים פון דער חברה תהלים, משה רבינו'ס לייב־גוואַרדיע און דוד המלך'ס גוטע פריינד. זיי האבען שוין לאנג אין דער־היים תכריכים אנגעגרייט, מיט זעקלעך ארץ־ישראל־ערד. און די אלטע יודען הארכען אויס וואס דער ארץ־ישראל יוד דערצעהלט פון דער אלטער מאמען.

יודען קוקען אויף איהם. און די קנייטשען פון זיין קאפאטע האלט זיך ארץ־ישראל־שטויב אויף, דער שטויב וואס וועהט איבער די היילינגע קברים, איבער די מאמע רחל'ס קבר. און דאס האלט אין זיך אויף א שטומען, ליעבען סוד, פון ווייט...

פון זיין פעקיל האט ער שטיקלעך קאלך ארויסגענומען, וואס ער אליין האט אפגעקרישעלט פון דעם כותל המערבי: „אליין דארט געוועזען, מעריב מיט א מנין יודען געדאווענט". יודען נעהמען די קרישקעלעך קאלך אין האנד אריין, טהוען זיך אן די אייגענע ברילען, און בעטראכטען: שטיקלעך קאלך פון דעם „כותל המערבי", פון בית־המקדש. פון בית־המקדש איז דאס, דאס שטיקעל קאלך, פון

דענסטמאָל נאָך... דעם כּהן גדול געזעהן, געזעהן יודען עולי־רגל
זײַן, קומען אָן מיט קרבּנות קיין ירושלים...

פון זײַן פּעקיל נעהמט ער אַרויס ערד. ערד פון דער מאַמע
רחל׳ס קבר. דאָרט געוועזן, אויפ׳ן וועג קיין אֶפרת, ווי עס שטעהט
אין חומש, וואו יעקב אָבינו האָט אונזער מאַמע רחל׳ן בּעגראָבּען,
אויפ׳ן וועג קיין בּית־לחם, פון קבר האָט ער ערד אַראָבּגענומען.

און יודען בּעקוקען די ערד פון די אַלטע קברים, פון דער
מאַמע רחל׳ס קבר, וואָס יעקב אָבינו, אונזער טאַטע יעקב, האָט מיט
זײַנע אייגענע הענד בּעגראָבּען...

און אַ שטימע זאָגט אין האַרץ:

ואני, און איך האָבּ נישט אַזוי געטהון, בּבואי מפּדן, —
און אין מײַן טהון קומען פון פּדן, מתה עלי רחל — איז דײַן מאַמע
רחל אויף מיר געשטאָרבּען, בּארץ כּנען — מיינט מען אין ארץ־
ישׂראל, בּדרך — אויפ׳ן וועג, בּעוד כּברת ארץ — עס איז נאָך
געוועזן אַ תּחום־שבּת, לבוא אפרתה — אַרײַנצוקומען קיין אֶפרת,
ואקברה שם: זאָגט רש״י: און דאָך האָבּ איך זי נישט אַרײַנ־
געבּראַכט קיין אֶפרת, אַז איך זאָל זי בּעגראָבּען אין ארץ־ישׂראל;
בּיזטו דאָך בּייז אויף מיר; זאָג איך דיר, אַז עס איז געוועזן על
פּי הדבּור: אַז נבוזראדן וועט יודען אין גלות טרײַבּען, וועט די
מאַמע רחל פון קבר אַרויסגעהן, און בּעטען פאַר זיי רחמים. אַזוי
ווי עס שטעהט אין פּסוק: „קול בּרמה נשמע" וועט גאָט זי טרייס־
טען, ווי עס שטעהט אין פּסוק: ויש שׂכר לפעולתך: עס איז דאָ אַ
בּעלוינונג צו דײַן מיה...."

און די אַלטע, תּהלים׳דיגע בּעלי־בּתּים האָבּען זיך פער־
בּענקט... און נישט וואו און נישט ווען האָט אַ טרעהר־טראָפּען
אויף דעם בּרילען־שײַבּעל געקאַפּעט...

עס איז געוואָרען פאַרנאַכט. פון אַנ׳אַנדער לאַנד האָט אַ קאַל־
טער ווינד געוועהט אין גאַס. דאָרט און דאָ האָט זיך אַנ׳אַלטער בּעל־
הבּית געוויזען אין זײַן ווינטער פּאַלטאָ; ווינטער שוין געמאַכט, מיט
אַנ׳אַראָבּגעלאָזטען קאָפּ אין בּית־המדרש געגאַנגען, מנחה דאַוונען.
שנײַדער־און שוסטער־געזעלען האָבּען אַוועק־געוואָרפען די חול־המועד׳י־
גע שטעקלעך, מיט וועלכע זיי האָבּען שפּאַצירט אין די סעדער, אין

די גערטנער, און מיט „שענע מיידעלעך" ליעבעס געפיהרט, — און זינגען, ווי אַלטע, מיט די סדורים אין די הענד אין בית־המדרש געזאַנגען, אַ קאַפּיטעל תהלים זאָגען צווישען מנחה און מעריב. — „ראש חודש אלול". פון די קליינע געוועלבלעך פאַלען אַרויס גרויסע פּאַסען ליכט פון קליינע, רויכערדיגע לעמפּלעך און „פּערפומען" דאָס געסיל. דער הימעל אין איין זייט ברענט אין אַ רויט־העלען גהינום׳דיג פייער: מען ברענט, מען בראָט דאָרט די רשעים, און זייער שטראָמענדיג בלוט פאַלט אַריין אין די פלאַקערס פייער און גליהט און פלאַקערט. פון דער צווייטער זייט ציהט זיך אַ רוהיגער, פרומער, ערנסטער וואָלקען, — איבערלעגט זיך מיט אַן ערנסטער, פרומער מינע, וואָס ער טהוט, — גלייך ווי אין איהם וואָלטען פערטריקענט געוואָרען די טרעהרען פון די גוטע מלאכים, וואָס וויינען אויף די רשעים׳ס בייזקייט. און ער נעהמט אַרום און בעשיצט דאָס שטעדטעל, ווי עס וואָלט געהייסען: אייך נישט! אין גאַס, צווישען די בוימער, איז ליידיג און לעער, עס ווייזט זיך נישט קיין בחור, נישט קיין בתולה, אַלטע, פרומע ווייבער רייבען די הענד אָן די טהירען פון זייערע געוועלבער, און פערגלייזען זיי אויגען צום הימעל און ענטפערען אָב אָמן נאָכ׳ן קדיש, וואָס הערט זיך פון בית־המדרש אַרויס... דאָס בית־המדרש איז אָנגעשטאָפּט מיט יודען, יונג און אַלט. אין גאָט׳ס הויז וועהט אַ וואַרימקייט. יודען האָבען זיך געגעבען אַ נעהם צוריק צום רבונו של עולם. אַ מגיד איז געשטאַנען אויף דער בימה און האָט יודען מוסר געזאָגט, און מיט זיין זינגענדיגען, מגידות׳דיגען קול האָט ער יודען אויפגעמישט דעם יחוס, ווער זיי זענען, און וואָס זיי זענען, — אַז זיי זענען גאָט׳ס קינדער, גאָט וויל זיי נאָר פרובען און ער וואַרט יעדע מינוט, אַז יודען זאָלען צו איהם צוריקקעהרען; און האָט זיי אַ משל געגעבען מיט אַ בן־מלך, וואָס האָט זיך פערזינדיגט צו זיין טאַטען דעם מלך, און האָט זיי אויסגעטייטשט אַ פּסוק פון ישעיה: „כה אמר ה׳ — גאָט טהוט זיך אַזוי זאָגען: אי זה ספר כריתות אמכם — וואו איז זיך דער גט, וואָס איך האָב אייער מוטער געגעבען?"

און יודען האָבען זיך געפיהלט קינדער, — פערוואָגעלטע קינדער אין גלות — פון זייער טאַטען אין הימעל. און נאָך דער דרשה האָבען זיך יודען געגעבען אַ נעהם צום „מעריב".

דערזעלבער וואָכענדיגער „והוא רחום״, וואָס דערמאָהנט אָן דעם ווינטער־לאָמפּ, דאָס זעלבע יודעל „ר׳ אשר־אהרון־קל־והומר׳ס״ הייזעריגער ניגון (ר׳ אשר האָט שוין זיין חזקה), נאָר דאָך איז עס נישט דער זעלבער „מעריב״. עס לעבט עפּעס צווישען דעם שווארצען עולם, וואָס איז בעהאַלטען אין דער האַלב־טונקעלהייט פון בית־המדרש; אַ פערגעסען בענקשאַפט וועהט צווישען עולם, דאָס בענקשאַפט פון פערטריבענע פרינצען צו זייער פאָטער דעם מלך... אַ גלאַנץ איז געפאַלען, אַ טונקעל־טרויעריגער גלאַנץ, אַ בעהאַלטענער גייסט, וואָס האָט יודען אַ בשותפות׳דיגע נשמה געגעבען. און דער פראָסטער, וואָכענדיגער „והוא רחום״ איז אַנ׳אַנ־דערער געוועזן, אַנדערע ווערטער גאָר. בורא יום ולילה, גולל אור מפני חושך וחושך מפני אור,—אַ נשמה האָט געלעבט צווישען דעם פראָסטען, וואָכענדיגען עולם, די נשמה פון יודישען כלל, די פראָסטע, די וואָכענדיגע פון דער הברה תהלים...

דער עולם איז געשטאַנען שמונה־עשרה. אין בית־המדרש איז האַלב־טונקעל, די ליכטלעך פאַר׳ן עמוד האַלטען שוין אין צאַנקען, נאָר ערגעץ דאָרט, אין בעהאַלטענע ווינקעלעך, טוקען זיך טראָפּען ליכט אין אַרומיגע ימים פינסטערניש. אַ שטומע שטילקייט איז אַרום איבער די קעפּ געהאַנגען. דער איינציגער טלית צווישען די מענגע שוואַרצע קאַפּאָטעס האָט אויסגעזעהן ווי אַ לעבעדיגער צווישען טויטע שאָטענס: אַנ׳עולם פון שוואַרצע שאָטענס בעווע־גען זיך אַהין און אַהער, ווי אַ סוד׳דיגער ווינד וואָלט אין זיי גע־בלאָזען און געבויגט זייערע קעפּ אַהין און צוריק, ווי אַ ווינד וואָלט זאַנגען געלעגט... צווישען עולם איז קיין וואָרט, קיין הויך נישט געהערט געוואָרען. דאָ און דאָרט האָט זיך אַ „אוי, טאַטע!״ אַרויס־געריסען פון אַנ׳אַלטער, פערקרענקטער ברוסט. און דער שטומער עולם שאָטענס, ווי ער וואָלט מסכים געוועזן אויף דעם קרעכץ, האָט זיך אַהין און אַהער אין אַ בעהאַלטענעם סוד געשאָקעלט. אַ שטומע נשמה, געהילט אין אַ שוואַרץ לײַלעך, האָט אין דער־שטיל צווישען עולם מתפלל געווען, און די תפלה איז אַ שטומע און אַ שוואַרצע געווען...

עס איז שוין נאַכט געוואָרען.

פון די טאַפּאָלען, וואָס זינגען אויפן „שוואַרצען וועג" צום בית-עולם צו, זענען די ניגונים פערשטומט געוואָרען, אפנים די „הייליגע דיטשען" מיט די לאַנגע בײַטשען האָבען זיך צו פרוה שלאָפען געלעגט. און פון דאָרטען וועהען קאַלטע ווינדען. און געסעל איז טונקעל, אַלין איז אין שוואַרצע לײַליבער געהילט. די לאָדען זענען איבער די פענסטער פערמאַכט, און פון די לאָדען שפּאַלטען הדינגען שטראַהלען ליכט פון די אָנגעצונדענע לעמפּעלעך אַרויס. יודען זיצען בײַ דער אַרבײַט שוין. עס הערט זיך אַ קלאַפּען פון אַ שוסטער'ס אַהעמערל אויפן שוסטער-שטיין, און דאָס קלאַפּען שלאָגט אָב און געסעל, ווי עפּעס בעקאַנטעס, אײַנגעבאָרענעס, ווי די גויל און אייזען... און דערמאָהנט דעם עולם און די לאַנגע, פינסטערע ווינטער-נעכט בײַם ווערקשטאַטיל. און הארצען קלאַפּט עס מיט שרעק: „בײַ-נאַכט".

אַרום דער שטאָדט און אין דער שטאָדט זענען די הײַליגע פערטרונקען אין ימים גרין-בעוואַקסענע בוימער פון די שטאָדט-סעדער, וואָס האָבען און זיך דאָס שטעדטעל אַרײַן גענומען און געמאַכט עס פאַר אַ גרויסען בלומען-טאָפּ. די בני-ישראל האָבען און די סעדער געהיט, דאָ און דאָרט האָבען פון דעם טונקעלן גרינס פײַערלעך אַרויסגעשײַנט, און אַ רויך טראָגט זיך פון די סעדער: אַ סעדערין קאָכט אָב וועטשערע, און די ליכטלעך צווישען די טונקעלע גרעזער האָבען מיט אַ ליעבער, פרומער אימה פערסורעט דאָס שטעדטיל, און אין דער-שטיל געצויגען צו זיך. און דאָ און דאָרט זענען צווישען די טונקעלע גרעזער אַרויסגעפלויגען ברענענדיגע ווערימלעך, ווי פונקען פייער, ווי פערלאָרענע נשמות...

און גאָט'ס וועלט איז געווען ווי אַ פערליעבטע, צניעות'דיגע כלה, וואָס שפּאַציערט אײַנע אַליין בײַם עק וועג, און געסעל אַראָב, צום שוואַרצען וועג צו.

דער טונקעלער, שטילער הימעל האָט „קריאת-שמע" געלײַענט איבערן שטעדטיל: „המפּיל שנה על עיני"—טהוט וואַרפען אַ שלאָף אויף מײַנע אויגען, „ותנומה על עפעפּי"—און אַ דרעמעל אויף מײַנע ברעמען...

X.

נאָך יום טוב.

אַריבּער די ימים־טובים. דאָס שטעדטיל האָט זיך אָנגעפּאַסט אַ תּענית און דערפאַר נאָך דעם געקראָגען אַ שמחת־תּורה. אין דערפריה האָט נאָך אֶרון ליב שוסטער מיט'ן בּלינדען אויג אָנגע־טהון זיך פאַר אַ טערק מיט'ן טלית אויפ'ן קאָפּ, געטאַנצט אין שטעדטיל מיט'ן ספר־תּורה'לע און געקלאַפּט אין טיש פון בּית־המדרש מיט דער פויסט: „אונזער משה רבּנו, אונזער..." האָט זיך אָבער צוגעריקט די ערשטע נאַכט פון נאָך יום־טוב, אַ ווינטער־דיגע השון־נאַכט...

אַ שטומע, געשטאָרבּענע נאַכט, — קיין הייזעל, קיין ליכט. קאַלטעווינדען בּלאָזען און רייסען זיך אָהן אַנ'אָנהויב, אָהן אַ סוף. דאָ און דאָרט מאָלט זיך אויס אַ שאָטען פון אַ שטעהענדיגען בּוים, וועלכער בּעוועגט זיך מיט אַ נאַקעטער צווייג און מאַכט אין דער־נאַכט דעם איינדרוק פון אַ גלגול פון אַ געשטאָרבּענעם בּוים. דער שאָטען פון זיינע פאַנטאַסטישע, נאַקעטע צווייגען שיידט זיך אָב און שרעקט אין דער פינסטערניש פון דער נאַכט. אַרום און אַרום איז שטום, טויט און שוואַרץ. וויים אין געסעל אַראָב, דאַכט זיך, געהט פּאַמעליך דער שאָטען פון רחל־לאה, די געשטאָרבּענע מאַ־מע. זי געהט פּאַמעליך אין איהרע ווייסע תּכריכים און האָרכט זיך איין הינטער דעם לאָדען פון איהר שטוב, צי פּייניגט נישט די שטיפ־מאַמע איהרע קינדער... דאָ און דאָרט שפּיעלט זיך דער ווינד אָן אַנ'אָבּגעריסענעם בּלעך, אָן אַ שילד ערגעץ פאַר אַ גע־וועלבּיל און קלאַפּט אַהין און אַהער. ערגעץ דאָרט, אין אַ פּער־לאָזטער רינע, טריפען טראָפּען וואַסער, און די טראָפּען קלאַפּען, בּלאָנדזענדיג אין דער רינע... וויים אין געסעל הערט זיך אַ רעש'ען פון אַ גרויסען־מילעכיל. די גרויסען פאַלען אויף דעם רייב־שטיין, און עס קלאָגט זיך, האָט פּרעטענזיעס — ווייסט איין גאָט, אויף וואָס און אויף וועמען...

אין דער טויטער נאַכט הערען זיך איינזאַמע טריט, אָבּ־

קלאַפּענדיג אָן שטיינער. עס גערט שוין אַ יוד מיט׳ן טלית־זעקיל
אין בית־המדרש אַריין תהלים זאָגען, און אַ קאַלטער „גוט מאָרגען“
קלאָגט אין געסעל. פון אַ הויכען פענסטער דרינגט אַ ליכטעל אַ־
הויס, ווי עס האָלט אין דער־לופטען געהאַנגען, און אַ שטיל קלאַ־
פען פון אַ נייה־מאַשין צורייסט די געשטאָרבענע נאַכט: אַ שניי־
דער איז אויפגעשטאַנען צו דער אַרבייט. פון אַ הינטער־געסעל
הערט זיך אַ וואָגען שפאַנען, און ווער לויפט דאָס ווייט אין דער
פינסטערער נאַכט אין געסעל...

די נאַכט ליגט נאָך טויט איבער׳ן שטעדטיל, און דאָך
הערט זיך שוין דאָס לעבען פון שטעדטיל, פון אונטער דער נאַכט
וועקט עס זיך...

גרויער ווערט די נאַכט, און דער טאָג הויבט אָן אַרויסצו־
קוקען ווי דורך בעהויכטע ברילען. עס שניידען זיך אַרויס פון
גרויען שטח שאָטענס פון הויכע הילצערנע געביידען, און ווי נייע
בעשאַפען נעהמען זיי ערשט אָן אויף זיך פלייש און ביינער...
פון די פענסטער ווייזען זיך „מאָרגען“־ליכטלעך. אַ קאַלטער ווינד
בויגט די בוימער אין געסעל, און עס דאַכט זיך, אַז די הילצערנע
געביידען לאָזען זיך אויך בויגען נאָכ׳ן ווינד... אין מיטען מאַרק
שטעהען פויערשע פוהרען געשפאַנט. יודען לויפען מיט פעקלעך,
קאַסטענס, מיט דרענגער און ברעטער. מען פאָהרט אויפ׳ן מאַרק
אינ׳ם צווייטען שטעדטיל אַריין.

פון געסעל קומט אָנצופאָהרען ר׳ משה פעלצענמאַכער, ער
פאָהרט אַרויס מיט די פעלצען־פעלעכלעך, צו וואַשען זיי אין
טייך. דער נאַכט־טוי הויכט נאָך אויף זיין וואָגען. דער הימעל
ווערט גרויער, אין אַ טלית זיך איינגעוויקעלט, און האַלט ערשט
ביי „מה טובו“. די הייזלעך שטייגען און שיידען זיך אָב אַלין
בולטער פון גרויסען שטח. דאָ און דאָרט פערלעשען זיך שוין
די ליכטלעך אין די פענסטער, און ווי זיי וואָלטען פון זיך אַ סוד
אַראָבגעוואָרפען, שטעהען זיי, ווי אָנגעקומענע פון אַן אַנדערע
וועלט, מיט אונטערטעניגקייט: אָט אַזוי זענען מיר, אַזוי ווי איהר
זעהט אונז!...

בחורים, בעלי־בתישע קינדער אין וואַרימע פאַלטען, מיט
די תפילין־זעקלעך געהען אין בית־המדרש אַריין לערנען. ס׳איז
שוין גרויסער טאָג, און פון בית־המדרש שיינען נאָך אַלין אַ ־ים
אָנגעצונדענע ליכט. עס הערט זיך לערנען, דאַוונען, — וואַרים מוז

אינעֶוויינינג זײַן... איבּעֶר די דעֶכעֶר, איבּעֶר די פּלויטעֶן ליגט פעֶרהוילכט דעֶר ווײַסעֶר מאָרגעֶן־טוי, פריש, קאַלט און שנײַדט פון דעֶרווײַטעֶן — דעֶר עֶרשטעֶר ווינטעֶר־הויך. פון טייל קוימעֶנס גײט אַ רויך אַרוים: אַ יודעֶנעֶ קאָכט שוין דאָס אָנבײַסעֶן — דעֶם יעֶסעֶנ־דיגעֶן קרויט־באָרשטש מיט קאַרטאָפּליעֶס, און איבּעֶר׳ן שטעֶדטיל פעֶרגרויעֶט זיך אַ קאַלטעֶר תּהינה־טאָג...

טײַלמאָל האָט זיך די זון פּלוצלונג אין הימעֶל עֶנטפּלעֶקט, ווי פון דעֶר העֶלעֶר הויט אַרויסגעֶקראָכעֶן, אַ מינוט האָט מעֶן זיך אין האַרצעֶן געֶפיהלט, ווי דעֶם הויב עֶפּעֶס אָבגעֶ׳פּטר׳ט. באַלד אָבּעֶר האָט אַ ווינד אין מאַרק געֶבלאָזעֶן, געֶהאַפּט דאָס ביסעֶלעֶ שטויב מיט די פּאָר שטרויעֶן, וואָס די דאָרפס־פוהרעֶן האָבּעֶן אין מאַרק איבּעֶרגעֶלאָזט, מיט נאָך שמאַטעֶס און לאַטעֶס, וואָס דעֶר גוטעֶר יאָהר ווייסט ווי, פון וואַנעֶן זיי האָבּעֶן זיך אין מאַרק פעֶר־בּלאָנדזעֶט, און דעֶר ווינד האָט מיט זיי אַ טעֶנצעֶל אין קאָהן געֶ־מאַכט. דאָס שדים־טעֶנצעֶל האָט אין פּנים ווי מיט ריטעֶר פון אַ בּעֶזים געֶשניטעֶן, און ווי מיט אַ בּעֶזים האָט עֶס אין האַרץ יעֶדעֶס שטיקעֶל האָפנונג אויס־עֶקעֶהרט...

די סוכּות שטעֶהעֶן נאָך פון נעֶכטעֶן, דעֶר ווינד נעֶהמט אַ ביסעֶל סכך אַראָב און טראָגט עֶס אין מאַרק, און ווי פעֶרשעֶמט בלײַבּעֶן זיי שטעֶהן, די סוכּות, בּגלוי ראש, גאָרנישט — פיער ליי־דיגעֶ ווענד, צוזאַמעֶנגעֶקלאַפּט פון העֶלצלעֶך און בּרעֶטלעֶך, אָהן אַ דאַך, אָהן אַ שטיקעֶל סכך, צו וואָס? און צו ווען? אַ שען פּנים האָט דאָס!

און די דרײַ בּוימעֶר אין דעֶר יודישעֶר גאַס שטעֶהעֶן אײַנ־געֶטונקט אין זייעֶרעֶ אָבגעֶוועֶלקטעֶ בּלעֶטעֶר. די בּוימעֶר מיט די נאַ־קעֶטעֶ צווייַגעֶן קוקעֶן שטום און טויט, בּרייט און ווייט אין מאַרק אַרײַן. טײַלמאָל זעֶנעֶן זיי, ווי עֶפּעֶס מסכּים אויף וואָס, שאָקלעֶן צו מיט אַ נאַקעֶטעֶר צווייַג, וואָס האַלט נאָך אַ בּלעֶטעֶל אויף איהר שפּיץ — אַ זכר פון זומעֶר: אַזוי, אַזוי, מײַנעֶ קינדעֶרלעֶך!

נעֶכטעֶן איז שמחת־תּורה געֶוועֶן, און אָן אַלץ האָט מעֶן געֶהאַט פעֶרגעֶסעֶן; אַמאָל אין יאָהר פרעֶהליך זײַן — איז מעֶן פרעֶה־ליך געֶוועֶן. האַלב־שכּור האָט מעֶן זיך שלאָפעֶן געֶלעֶגט, האָט מעֶן

זיך איינגעהאפט אין דערפריה, האט עס פון די בעטען געהויבען.— אבער יום־טוב האט א יודישער קרעמער דאס ביסעל מעהל פון זעקעל אויפגעגעסען, ביי א יודישען בעל־מלאכה איז דאס העמדיל מיט דער צוואנג ערגעץ וואו פערפאלען געווארען...

מען איז אין מארק געקומען מיט די שטעקעלעך, מיבן ומזומן אגראשען געלד צו פערדינען. דער ווינד בלאזט. א „בעל־יכול" דרעהט זיך אין מארק ארום, אריינגעקראכען און צולעגט זיך אין זיין שאפען־פעלין, איינער נאך אין זיין יום־טוב־דיגען, זיידענעם הוט (דער וואכענדיגער איז איהם ערגעץ־וואו איבער יום־טוב פערפאלען געווארען). יודען דרעהען זיך ארום, קוקען אום אויף א פוהר ווי אויף משיח'ן. איינער איז אויפ'ן צווייטען ברוגז, פון דערווייטען, באר גארנישט אין דער וועלט... אויף דער שוועל פון ר' לייביש עפשטיינ'ס געוועלביל שטעהען מעקלערס, פריהרען אין די האלאטלעך און מאכען דאס געלעכטער פון זיך אליין, זאגען גלייכווערטלעך, עס הייסט, ווי זיי האבען שוין גארנישט וואס מעהר צו טהון. דער „בעל־יכול" קויפט א רעטעך און גאס ביי די שטעלען צום מיטאג. יודען קוקען איהם נאך און קרעכצען, טייטען אויף איהם מיט די פינגער, אלע קלערען איצט איין געדאנק: נאר ער אליין וועט היינט מיטאג עסען...

אין געסעל דערהערט זיך א געוודער. דער סטראזשניק שלעפט צוויי לייכטערלעך מיט די שבת־קאלדרעס פאר פאדאטקעס, א יודענע לויפט נאך, בעט זיך,—דער סטראזשניק הערט נישט. יודען ציטערען אין די לייכטע האלאטלעך, און עס קלאפט אין די הערצער: אוי, אוי, דירה־געלד...

קינדער געהען נישט אין חדר אריין. פון אלטען חדר ארויס און אין נייעם נאך נישט אריין, דרעהט מען זיך דערווייל פוסט און פאס ארום, און מען ווארפט זיך דער מאמען אין די אויגען. די מאמעס שילטען, האפט מען א שטיק ברויט אין קעשענע אריין און מען לאזט זיך. אין קצבי'שען געסיל זענען אויסגעשפרייט פעלצען־פעלכלעך צו טריקענען זיך אויף דער זון. אויף לאנגע זעק איז פערשפרייט ווינטער־אויבס, עפעל, פלוימען, האפט מען הענד פלוימען און מען לויפט אין שטאדט־פעלד ארויס, וואו די בהמות פיטערן זיך. א שווערער טוי הויערט אויף אלעם, נאר עס שאדט נישט, מען נעהמט צוזאמען צווייגען, שטענגעלעך פון טערקישער

ווײַן, איבערגעבליבענע סכך און מען מאַכט פײַער, מען בראָט קאַרטאָפּעל, מען זעצט זיך אַרום און מען פלעכט לולב־פינגערלעך (אַוועקגעגנב'עט פון איבערגעבליבענעם לולב). דער רויך פון פײַער גייט אויף און לייגט זיך שוואַרץ איבערן שטעטיל, קינדער האָבן דאָס שטעטיל איינגענומען...

מלמדים דרייען זיך אין מאַרק אַרום, הנפנ'ען די אָרימע בעלי־בתים. אָנגעגעסענע טאַטעס האָרכען אויס די גוטע רייד און שאָקלען צו מיט'ן קאָפּ.. בחורים קומען אָן צופאָהרען פון דער־פרעמד מיט די קעסטלעך אויף די פּלייצעס און נײַע קאַפּאָטעס געמאַכט אויף יום־טוב), גייען אין די הײַזער אַרום, שאַפּען זיך טעג. מאַמעס בעלייטען זייערע בחורימ'לעך אויסער דער שטאָדט אַרויס, נאָכשלעפּענדיג נאָך זיי די קעסטלעך, שיקען זיי אין דער פרעמד לערנען; קלערען אויף אַ תכלית.

דאָס גאַנצע שטעטיל האָט פאַר עפּעס מורא. עס ציטערט, ס'קלערט אויף אַ תכלית...

הינטער דער שטאָדט אַרויס שפּאַציערט אַ יוד אַ שנײַדער מיט אַ לאַנגער, געלער באָרד און פּערלאָפּענע אויגען מיט אַ הויכען, דאַרען נעזיל. אַ יונג, אָנגעטהון אין אַ נײַעם „סאַק־ראָק“ — זײַן זומער־לוין, גייט מיט איהם. דער שנײַדער זאָגט איהם גליקען צו, דער יונג שווײַגט שטיל און דאָרט אויפ'ן וועג לאָזט זיך שוין איינער מיט אַ פּעקעל אויף די פּלייצעס ווײַט אין דער וועלט אַרײַן, זוכענדיג ערגעץ אַ שטיקעל ברויט אין דער־פרעמד, און אַ מאַמע גייט נאָך און בענשט און וויינט...

פאַרנאַכט קומען אָן די פוהרען צו פאָהרען פון מאַרק, מיט פּעק, קאַסטענס, דרענגער און ברעטער. פון די געוועלבער דרינגען די לעמפּלעך אַרויס, די הימלען זענען בעהמאַרעט, ליגען געדיכט נאָהענט איבערן שטעטיל, אַ קאַלטער רעגען קאַפּעט (אַזוי איז שוין אַז עס איז אַ מאַרק, מוז רעגענען) מיט איין מאָס, מיט איין כונה, אָדער גאָר אָהן כונה. די רינשטאָקעס ווערען ברייטער, פולער מיט וואַסער, נעהמען אַ האַלבע גאַס צו. מען קען שוין נישט אַריבער פון איין זײַט גאַס צו דער צווייטער. מען שטעהט אויף די שוועלען און מען קוקט זיך אַריבער. דאָס וואַסער פון די רינשטאָקען קומט אַרײַן אין די געוועלבלעך, וועלכע ליגען מיט די שוועלען אין דער ערד אײַנגעקאָפּעט. יודען שאַרען אַרויס דעם אונגעבעטע־

נעם נאַכט מיט לאָמפּעטעס, פלעדערהיִשען. דורך איין טהיר געהט ער אַרויס, דורך צווייטען צוריק אַריין, און גליט אַריס שטיקער האַלץ און ברעטלעך פון די געוועלבלעך און שיינט דערמיט אין געסיל.
די ווייבער לויפען נאָך: האַפּט, האַלט איין, האַלט איין!

אין געסיל שפּאַציערט אין בית־המדרש אַריין גדליה יודעל׳ס.
דער טויט אַליין, אַ יוד אַ סוחאָטניק פון מאַטען און זיידען, הויך ווי אַ יוד, און שמאָל ווי אַ יונגעל, אַזוי אַז מען האָט מורא, אַז דער הויכער גוף זיינער זאָל זיך נישט דורכברעכען. זיין דינער האַלז איז מיט אַ דיקע פאַטשיילע פערבונדען. ער האָרהעלט און קוקט מיט די גרויסע אויפגעריסנע אויגען. דאָס שטעדטיל ווייסט, אַז ער וועט שטאַרבען דעם חודש, דער ערגסטער חודש פאַר סוחאָטניקעס, און זיי קוקען אויף זייער גלייכען, וואָס איז נאָך היינט מיט זיי, און מאָרגען וועט ער שוין געהערען צו דעם סוד, וואָס איז אַזוי בעהאַלטען פון אונז, און וואָס מיר האָבען אַזוי מורא דערפאַר. אין געסיל ווערט שטיל, אַז גדליה יודעל׳ס געהט דורך, מען הויבט אָן אין די הערצער תשובה צו טהון, ווי דער מלאך־המות מיט זיינע ברייטע, שוואַרצע פליגלען וואָלט דורכן געסיל דורכגעפלויגען. יונגלעך שטעהען און סוד׳ען זיך אין אויער, און ווייזען מיט׳ן פינגער אויף איהם... און דאָס געסיל האָט דורך־אָרין פאַר׳ן טויט...

ביי נאַכט זענען די בעלי־הבית׳טעס געזעסען מיט די שכנות אַרום דעם אייווען, און וועלכען עס האָט זיך געבראָטען עפּעלעך פאַר די יונגלעך, וואָס לערנען אין חדר ביי־נאַכט. די ווינטער־לאָמפּ האָט זיך אויפ׳ן טיש געברענט, און די ווייבער זענען געזעסען אַרום, די ווינטער־וועש פערדיכט און מעשיות דערצעהלט. די יונגע קינדער, וועלכע לערנען אין די דרדקי־חדרים, האָבען די בעהעלפערס שוין פון חדר געבראַכט, און ביז די עלטערע וועלען פון גמרא־חדר קומען און אָנהויבען דאָס גרויסע שפּיעל, זיצען זיי דערווייל ביים קליינעם קינדער׳שען טישעלע און שפּיעלען „העגגלעך“. אין שטוב איז דערווייל נאָך שטיל. דורך די פינסטערע פענסטער קוקט אַריין די פינסטערע נאַכט. אי, הויסען איז נאַכט — און דאָ זענען מיר אין דערהיים, „ביי דער מאַמע“.

פון לאַוויטשער מאַרק איז אויך צוריקגעקומען מיט איהרע
פּעק און קאַסטענס מלכּה׳לע, ר׳ יחזקאל גאָמבינערס ווייב. ווי אַנ־
אַלטע בעל־הבית׳טע איז זי געפאָהרען אויפ׳ן מאַרק אײַנקויפען דעם
אויסשטייער פאַר לאָה׳לען, דער יונגסטער טאָכטער. אַז זי איז גע־
קומען מיט די פּעק און די קאַסטענס, זענען זיך צוזאַמענגעקומען
דאָס גאַנצע הויז־געזינד, די גאַנצע משפּחה, און אַלע נאָהענטע און
ווייטע בעקאַנטע, שײַנדעל און הינדעלע, און רחל־לאָה מיט די
מוהמעס, בעקוקען די זאַכען, זאָגען מבינות, וויפיעל עס קאָסט, און
ווינשעווען דער כּלה. מלכּה׳לע האָט אויסגעפּאַקט דעם ציט מיט׳ן
קאָרט, די טיכער און די געצווינגענע לײַלעכער, און פון יעדען שטי־
קעל בעזונדער זײַן היסטאָריע דערצעהלט, די טרעפּעניִשען און די
געשעהענישען, ווי אַזוי און ווי אַרום עס איז געוואָרען געקויפט,
און די „שיעור׳ן“, וואָס האָבען זיך געטראָפען ווי די „האָהר“ אויפ׳ן
קאָפּ. די ווײַבער האָבען יעדע זאַך בעזונדער געטאַפּט, געוואויגען אין
געמאָסטען און געגאַנגען טרעפען, וויפיעל עס קאָסט און קיינמאָל
נישט געקענט טרעפען: אָדער אַ ביסעל צו־פיעל, אָדער אַ ביסעל
צו־ווינציג. אַלײן צו פערשטעהן, האָבען די ווײַבער, ווי דער שטיי־
גער איז (אַזוי ווי זיי וואָלטען זיך אָבגערעדט פון פריהער) פונקט
קאַפּויר געטראָפען, איינע ווי די צווייטע. אַז איינע האָט געזאָגט בוי־
דעם, האָט די צווייטע געמוזט פונקט טרעפען: קעלער. איז דאָרט
אַרויסגעקומען אַ ביסעל מינעס, מיט מײַלעכער־פערקרימעניִשען, נו,
נו... איז געקומען צוגעהן דער קאָלישער ווײַבערשער שנײַדער (אַ
שוואַרצער יונגער־מאַן נאָך דער התונה, וואָס דאָס וואויל־יונגקייט
ליעגט איהם נאָך אויפ׳ן פּנים אויסגעגאָסען), דער מיט׳ן אַכט־קאַנ־
טיגען היטעלע, וואָס לייענט מעשׂה־ביכלעך, און וואָס אַלע שבת
טאַנצען בײַ איהם יונגען מיט מיידען, און וואָס ער האָט אַ געוואוינהייט
די ווײַבער צו קיצלען הינטער די אָרימס, אַז ער נעהמט זיי די מאָס,
און וואָס טאַקי איבער דעם האָט ער שוין נישט איינמאָל געקראָגען
אויסגעפּאַטשט פון אָרענטליכע בעלי־בתּים. ער איז געקומען מיט׳ן
בוך, וואָס ער רופט עס „זשורנאַל“, — אַזאַ מין בוך מיט ווײַבערישע
מענטעלעך, — און האָט געוויזען, ווי מען טראָגט אין פּאַריז קליידער
מיט שמאָלע אַרבעל און אַרום האַלז אַזעלכע „פרענזעלעך“, איינס
אויפ׳ן צווייטען פערוואָרפען, און האָט דערצעהלט, ווי מען טראָגט
אין פּאַריז אַזעלכע מיני מאַנספערשוינענדיגע קאַפּעטעס מיט באַש־

ליקען פון הינטען. ער ווייסט, זאגט ער, ווי צו ארבייטען, ווי מען טראגט אין דער וועלט, נאר דא איז נישטא פאר וועמען. טאקע דערפאר וועט ער באלד נאך פסח פאהרען קיין לאנדאן, איבער'ן ים, ער האט שוין אין דערהיים א „שיפס-קארטע" ליגען. און דאס אלין האט ער „געשפראכען" אין אזא מין ניי-מאדנער שפראך, מיט דייטשע ווער-טער, פון די ביכער ארויס. „אזא שניידער-יונג איז דאס, קיין יוד וועט שוין פון איהם נישט זיין"...

אין קיך שטעהען אויסגעשטעלט אלע קינדער, יונגלעך און מיידלעך (ערשט צוריקגעקומענע פון חדר, די ליכטלעך ברענגען זיך נאך אין די לאמטערנעלעך). אין מיטען צווישען זיי שטעהט רחל-לאה די בעקערין און טיילט פון א גרויסער שירין ארויס קליינע האָ-ניג-לעקעכלעך, לאנגע פלעצעלעך, געמאכט ווי פינגעלעך, וואס זי האט פאר זיי געבאקען, ווארום, אזוי איז שוין דער מנהג פון לאנג, צו טיילען די קינדער לעקעכלעך, אין דער נאכט. ווען מען גיט אייעק די אויסשטייער צו נייען.

XI.

דריי חופות.

מזל-טוב, מזל-טוב! היינט איז לאהלעס חתונה.

א שטילע, קלארע טבת-נאכט.

נאך א פאר טעג, ווי דער שניי האט אהן אנאויפהער געשאטען איבער'ן קליינעם שטעדטיל און בעשאטען עס פון קאפ ביז צו די פיס, איז אין א שענעם פארנאכט די לבנה אנגעקומען. זי האט זיך געמאכט א וועג דורך די וואלקענס און האט דאס שטעדטיל ליכ-טיג געמאכט אזוי, אז די קינדער, וואס זענען אהיים געגאנגען פון חדר מיט די ברענענדיגע לאמטערנעלעך, האבען זיך מיט זיי מעהר ניט בענוצט פאר א אילומינאציע, ווי איך צו בעלייכטען דעם וועג. נאך דער לבנה זענען ארויסגעשוואומען די שטערען, יעדער איינציג-

ווײַז, פֿון די בעהאַלטענע ערטער, וואו זיי ליענען אין זייער רוה, און האָבען זיך אַלאָז געטהון צווישען די גרויסע ריסען פֿון איין וואָלקען און צווייטען אין די עקען וועלט אַרײַן. די שטערען האָבען געשימערט און בעלויכטען די בערג שניי, וועלכע האָבען געהויערט איבער׳ן שטעדטיל און אין שטעדטיל, ווי סטאַדעס ווײַסע שעפּסען, איינס בײַם צווייטען...

אין שטעדטיל איז הײַמליך. די געוועלבלעך זענען אָפּען, די לעמפּלעך שײַנען אַרויס, יונגעלעך האַפּען זיך אויף די שליטענס, וועלכע קלימפּערען אין גאַס. אין שטעדטיל איז אַ שמחה: דרײַ הופּות! דער גביר פֿון שטעדטיל, ר׳ יהוקאַל, מאַכט התונה זיין יונגסטע טאָכטער לאָה׳לען. ר׳ יהזקאַל׳ס פּערד־יונג נאָטע פּיהרט אונ־טער די הופּה יהזקאַל׳ס קעכין יענטען און דער בלינדער עקיבה גיט איין אַ ספר־תּורה׳לע. בײַ ר׳ יהזקאַל׳ן וועט דער רב אַלײן מסדר קדושין זיין. אַזוי פּיעל הסידים, נגדים זענען אָנגעקומען אויף דער התונה, מיט אַ מוזיק פֿון סאַמע פּידלען, און ר׳ נהַ בדהן אויך דאָ, — עס וועט זיין אַ לעבען!... אויך בײַ נאָטעס הופּה וועט זיין ניט אָבי ווי. נאָטע וועט צודעקען יענטען דעם קאָפּ פֿאַר כּל־ישׂראל. ניט אומזיסט איז שוין אַזאַ מנהג בײַ די אַלטע בעלי־בתּים, התונה צו מאַכען אַ דינסט אין איין טאָג, ווען מען גיט די יונגסטע טאָכטער אויס. און הײַנט דער יום־טוב פֿון אַרײַנגעבען דאָס ערשטע מאָל אַ ספר־תּורה אין חברה תּהלים!

דאָס גאַנצע שטעדטיל איז פֿול מיט מהותּנים און מהותּנת׳טעס, מען ראַמפּעלט אַרום אויף שליטענס, וועלכע קלינגען מיט די גלע־קלעך אין אַלע גאַסען. יונגען האַפּען זיך פֿון הינטען אַרויף, און עס איז אַ ליאַרים און געטומעל. עס בעווײַזען זיך הסידים אין זיי־דענע היט, סאַמאַטענע היט, אין שטרײַמלעך און ספּאָדקעס, גע־קנייטשט אין דרײַען, טײַלען זיך כּבודים אין דער גאַס. עס בעווײַזען זיך יודען אין אויסגעשמירטע שטיוועל מיט אייל, אין שבּת׳דיגע, טוכענע קאַפּאָטעס מיט׳ן שניט פֿון הינטען; מהותּנת׳טעס מיט ברײ־טע שטערענטיכער, מיט האַריך־בערטלעך, מהותּנת׳טעס מיט הויכע הויבען, מיט שלייפעלעך און זײַדענע ברייטע קליידער, ברוגז׳דיגע מוהמעס שטעהען פֿאַר די טהירען, אָנגעטהון מיט די קייטעלעך, מיט די בראָשקעלעך און וואַרטען אויף דעם שליטען, וואָס מען האָט אַרויסגעשיקט נאָך די התונה־געסט (אַ נײַ־מאָדישער אויפטהו), האָטש

זיי האָבען איינע טריט נאָר אַריבערצייגען. מיידלעך, בעלי־בתי׳שע קינדער (אַ פּאָר טאָג נאָך פאַר דער חתונה זענען זיי שוין אַרומ־געגאַנגען מיט קליינע צעטלעך, וועלכע זיי האָבען זיך געפּלאָכטען, כדי די האָהר זאָלען זיין „געקאַרבט״), זענען אויסגעציערט אין ווייסע קליידלעך, אין בלויע סטענגעס און מיט ווייסע שיכלעך. אין די הענד האַלטען זיי סאַמעטענע בייטעלעך אויף טאַנד־געלד. עס געהען צום חתן בחורים אין אַטלעסענע קאַפּאָטעס, און סאַמעטענע היט, טייל אין משפּחה שטריימלעך, וואָס איז אַ צייכען, אַז דער בחור האַלט ביי אַ שדוך טהון. עס בעווייזען זיך יונגלעך אין קאַפּעלעך און מייד־לעך מיט אויסגעצוואָגענע קעפּלעך, וואָס געהען מיט די מאַמעס אויף די חתונה. די מוזיק הערט זיך שוין אין געסיל. מען טאַנצט, דאָס גאַנצע שטעדטיל קומט אָן אויף איין פּלאַץ און מען טאַנצט אין שניי. יונגען קנעטען קוילען שניי, און גרייטען זיך אָן, ווען מען וועט חתן־כלה צו דער חופּה פאַרן שול־הויף פיהרען... און די לבנה שטיפט אויך אַרום, בעגיסט מיט ליכט דעם שניי, וואָס ליעגט ווי אַ וואַרימער דעק איבערן שטעדטיל. ליכטיג, היממליך איז ווי ביי־טאָג. די שטערען ווינקען אַראָב, דער שניי פינקעלט אַרויף, בריליאַנטען פליהען אין אויר אַרום, און די הייזלעך שטעהען אין די ווייסע קאַפּקעלעך אויפ׳ן קאָפּ, און שליטענס ראַמפּלען, גלעקלעך קלינגען, רוישען, און יונגען האַפּען זיך אויף פון הינטען אויפ׳ן ברעטיל.

און גאַס האָט זיך געהערט פידלען שפּילען חסידישע, לאַנגע, אויסגעצויגענע נגונים. ר׳ שלמה לינשעצערס פידעלע וויינט אין דער גאַס, און עס האָט זיך אַוועקגעלאָזט אויף אַ שטייגער. די שטערען אין הימעל, די ווייסע וועלט אַרום און אַרום שווייגט און האָרכט זיך איין. חסידים זינגען זיסע נגונים. פון די פענסטער ווייזען זיך ליכט און לאָמפּען. אויפ׳ן געסיל ווערט העל, ליכטיג. ווייבער שטעלען זיך פאַר די טהירען מיט אָנגעצונדענע קיהן־העלצלעך. די פייערען צופלאַקערען זיך. מען פיהרט דעם חתן מיט דער כלה צו דער חופּה פאַרן שול־הויף. עס הויבען אָן געהן חסידים אין שוואַרצע שטריימלעך — אַ ים שוואַרצע סאַמעטענע היט, אַטלעסענע קאַפּאָטעס. עס שיטען זיך ווייבער אין בלאַנקענדיגע שטערנטיכער און מיט ברי־ליאַנטען, וואָס זענען איינגעזעצט ווי שטערען. ברייטע, זיידענע קליידער רוישען. פּסול־שמונהדיגע הבדלות פלאַקערען אין די הענד. שוואַרצע סאַמעט טוקט זיך אין זיידענע, העלע קליידער, ווי שוואַרצע שטראָ־

מען וואסער אין ווײַסען שניי. דער רבי איז אין א ווײַסען האלאט אין מיטען, און די שווארצע סביבה איז ארום איהם. די לאָוויטשער רבי'צען אין דעם ברייטען שטערנבאנד טאנצט פאר חתן־כלה, שיט ראָזינקעס און מאנדלען, קליינע הדר־יונגעלעך, מיידעלעך האפּען די ראָזינקעס, וואָס פאלען איינע נאָך דער אנדערער. די שמשים מיט רצועות טרייבען פינאנדער די קינדער, מאכען א וועג. עס ווייזען זיך חתן־כלה. זיי געהען בײַזאמען. פערדעקענדיג זיך די אויגען מיט די נאָזטיכליך. די מהותנים געהען פון ביידע זייטען. ר' יחזקאל אליין איז אין א שטריימעל, אין שיך און זאָקען גלייך מיט'ן מהותן. די מהותנת'טעס פיהרען די כלה אונטען ארום. דאָס אלץ ווארפט אנ'אריסטאָקראטישען גלאנץ, הסידיש און נגידיש. און די פידלען שפּיעלען און די הסידים זינגען מיט און די הבדלות לויכטען מיט...

נאָך דעם ערשטען צוג האָט זיך געוויזען דער צווייטער. נאָטע פיהרט יענטען אונטער דער חופּה. פון פאָרענט איז גע־לאָפען א יונג און האָט געטראָגען די שוהל־לאמטערנע מיט די אויסגעשניטענע לייבען און בערען, וואָס יעדער פון זיי האָט זיך געבּרענט אין אנ'אנדערן קאָליר. עס האָט זיך געהערט יעקעל מיט די ארומגעבונדענע באקען'ס בעמבע: בים־באָם, בים־באָם! עס האָט געהילכט און געקלונגען דאָס געסעל. א יונג האָט ערגעץ־וואו דער־פאקט דעם שטאָדט־גרעגער, וואָס העננט אויפ'ן קלאָץ פאר דער קאָ־זע, און האָט אָנגעהויבען צו גרעגערן. יודען בעלי־עגלות האָבען ארויסגענומען די שטולקאצען פון די וועגען און חתן־כלה בעגלייט. רהל־לאה די מוהמע האָט זיך מיט א מהותן א בעל־עגלה ביי די הענד אָנגענומען און האָבען פאר חתן־כלה געטאנצט. און די בעמ־בע קלאפּט־צו, און די יונגען פייפען־צו, האפּען קוילען שניי, קנע־טען זיי פעסט און לאָזען אין די קעפּ. דער חתן פיהרט די כלה. נאָטע זעהט אויס אין זיין שבת־היטעל, ווי גאר אנ'אָרענטליכער מענש, נאָר די אויגען ווינקען לאָבעסוואטע פון הינטער דער חופּה ארויס... די כלה יענטע, אנגעטהון אין אסתר'לס שבת־קליידעלע, וויינט הויך אויפ'ן קול. דער שטאָדט־רב געהט צווישען די מהותנים, בעלי־עגלות, וואָס זענען אין קאָרטענע האלאטלעך, אין אויסגעשמיר־טע שטיוועל און אין שווארצע שבת'דיגע טיכער־היט. דאָ און דאָרט שפּרינגט ארויס א מהותנת'טע אין א ברייט קלייד מיט באנדען, און מיט א שלייפעלע אויפ'ן קאָפּ, פערלעגט די הענד אויף די זייטען

און, אָנגעהמענדיג אַ פּערזאָרגטען מהותן בײַ די באַקעס, טאַנצט ער מיט איהם אויף איין אָרט און זינגט:

און וואָס איך האָב געוואָלט,
האָב איך אויסגעפיהרט.
זאָל איך אַזוי לעבען,
זאָלען מײַנע שונאים צופּלאַצט ווערען!

און יעקעלס בעמבע מיט די געשוואָלענע באַקען באָמבעלט צו: בים־באָם! בים־באָ

נאָך דעם צווייטען צוג איז אָנגעקומען פון אַ הינטער־געסעל דער הויטער פון דער „חברה־תהלים". די טראָמפּײטערס האָבען פאַר־אויס פאַר זיי אַ וועג אויסגעשאַלט אין שטעדטיל. וואָס איז! צי איז משיח אין שטעדטיל געקומען! אויף די פערד רײַטען פערשטעלטע יודען. דאָרט רײַט אַ טערק מיט אַ טלית אַרומגעבונדען אויפ'ן קאָפּ, אַ מכשפה אין אַ קיטעל רײַט אויף אַ בעזעם אין דער הויך, עס קומען אָנגעלאָפען ווילדע ברואים און פיהרען דעם שטאָדטס־בכור אין אַ קאַפּאָטע אָנגעטהון. האָלאָוועשקעס אין סמאָלע געטונקט, אין פײַער געצונדען און צום הימעל געוואָרפען. שראָט אָן שטיינער געקלאַפּט, די קנאַקען געהען אין הימעל אויף. צי ווילען זיי ירחו'ס מויערן אײַננעהמען! שוואַרצע מאַסען יודען, ימים שוואַרצע סאַמעטענע היט און קאַפּאָטעס, מיט די קינדער אויף די הענד, מיט נגונים אויף די ליפּען, טאַנצען אַרום דעם בלינדען עקיבא, וועלכער האַלט דאָס קליינע ספר־תורה'לע און האָבצעט דערמיט בלינדער־הייט: אונזער ספר־תורה'לע, אונזער ספר־תורה'לע! קיין וואַרים לעפעל עסען האָט דער סגי־נהור קיינמאָל ניט געהאַט, אויף אַ שטיין איז ער געשלאָפען, אין די הײַזער געגאַנגען, אַ גראָשען צו אַ גראָשען צוגעלעגט, און אויף דער עלטער אַ ספר־תורה'לע זיך געלאָזט שרײַבען, אַ ספר־תורה'לע, אַ קינד, אַ קדיש נאָך זיך. און יודען, די חברה תהלים האָבצען מיט איהם און זינגען מיט איהם: „אונזער ספר־תורה'לע, אונזער ספר־תורה'לע!" מיט גלעקלעך עס בעהאַנגען, מיט אַ העמדעל בעניײַהט, מיט אַ בלעכענעם כתר'ל אויף די עין־החיים'לעך האָט דאָס ספר־תורה'לע טויזענד חן: „אונזער ספר־תורה'לע!" אהרון לייב דער שוסטער האָט די קאַפּאָטע פון זיך אַראָפּגעוואָרפען, דעם פעלדשער'ס קאַפּעלושיל זיך אָנגעטהון, מיט פעדערן עס נאָך בעפּוצט, געהאַפּט דאָס ספר־תורה'לע און אַ טענציל

אין קאָהן דערמיט געמאַכט. דער בלינדער עקיבא פּאַטשט מיט די הענד: זיין קינד, זיין יורש, זיין מצבה נאָך איהם. ער קושט עס. יודען מיט די קינדער אויף די הענד טאַנצען אַרום דעם ספר־תּורה׳־לע, קושען עס, האַלזען עס: אונזער ספר־תּורה׳לע, אונזער ספר־תּורה׳לע! און די גלעקלעך קלינגען מיט, און די פייערלעך קנאַקען מיט, און די טראָמייטען שאַלען מיט, און די יודען מיט געזאַנג, מיט געוואַלדען, טאַנצען צו, שפּרינגען צו, און יונגען קנעטען קוילען שניי, און שיסען צו, און וואַליען צו...

אויף דעם הויף פון דער שוהל, וועלכע איז געווען אַרומ־גערינגעלט מיט אַ נידריגען פּלויט פון שוואַרצע, האַלב־פערברענטע ברעטער, זענען די דריי הופּות אָנגעקומען. הינטער אַ ווייסען צו־דעק שניי, וועלכער האָט געגרייכט ביז צום פּלויט, איז די הורבה געלעגען צוגעדעקט. די בעשנייטע הורבה האָט געקוקט מיט איהר ווייסער קאָפּקע אויפ׳ן קאָפּ אין הימעל אַריין; די לבנה האָט זי מיט ליכט בעגאָסען.

ביי דער הורבה האָבען זיך די דריי הופּות אָבגעשטעלט. די נגונים פון די אַלע דריי הופּות האָבען זיך נישט אויסגעמישט, נישט געשטימט אינאיינעם. יעדער ניגון פון יעדער כּלי איז זיך זיין בעזונדערן וועג געגאַנגען, פאַר זיך, און האָט בעזונדער אָבגעקלונגען. און עס האָט זיך געדאַכט, אַז די נגונים האַלטען צווישען זיך מלחמה, איין כּלי מיט דער צווייטער. די איידעלע, הסידי׳שע פּיד־לען, די בעל־עגלה׳שע בעמבע און די בעל־הבית׳ישע טראָמייטען האָ־בען זיך געקריגט, און איינע האָט די צווייטע געוואָלט גובר זיין...

הינטער דער שטאָדט איז די וועלט אַרום און אַרום אין ווייסען געווען בעדעקט. שטיל און רוהיג איז געווען אַרום, ווי אויף אַ גרויסען בית־עולם. אין דער לופטען איז וויט געהאַנגען אַ נישט־בעשטימטע ווייסע המאַרע, וואָס האָט צוזאַמענגעוועבט הימעל און ערד. די לבנה האָט איינע אַליין אַרומגעשפּאַצירט אין דער ווייסער, שטומער אונענדליכקייט. אויפ׳ן ווייס־בעשנייטען באַרג איז אַלץ נאָך געלעגען אויסגעשפּרייט דער בית־עולם, און צווישען זיינע מצבות, וואָס האָבען קוים פון הינטער דער ווייסער דעק אַרויסגעשטאַרט,

האָט די לבנה אַרומגעשפּאַציערט, און וואו נישט וואו און ווען נישט ווען אַ הויכע מצבה מיט ליכט בעגאָסען. הינטער דעם פּלויט פון בית־עולם איז דער שוואַרצער טײַך געגאַנגען, דער טײַך, וואָס מען זאָגט וועגען איהם אין שטעדטיל, אַז ער רינט פון משה רבנו׳ס שטיין אַרויס, און האָס זיין וואַסער איז אַ רפואה צו קראַנקע אויגען. נאָר דער טײַך אַליין האָט זיך נישט געלאָזט צודעקען הינטער דער ווײַסער צודעק. דאָ און דאָרט האָבען זיך אין זיין שוואַרץ וואַסער שטיקער שניי געגענאיבער דער לבנה גענעצט, וואָס האָבען אויסגעזעהן ווי ווילדע ברואים, ווי זיי זיצען אויף די אייער... ווײַט הינטערן בית־עולם האָט דער שוואַרצער טײַך, אין געשטאַלט פון אַ שוואַרצער רינג, אין דער ווײַסער אונענדליכקייט זיך פערבלאָנדזעט, און מען האָט נישט געוואוסט, וואו זיין סוף איז.

איינער אַליין, מיט דעם פּעקעל אויף דער פּלייצע און מיט׳ן שטעקען אין דער האַנד, איז דער וואַנדלער געגאַנגען איבער׳ן וועג, וואָס פיהרט פאָרבײַ דעם בית־עולם. צווישען די הויכע, ווײַס־בעשנייטע טאָפּאָלען, וועלכע האָבען אין ליכט פון דער לבנה אויסגעזעהן ווי ווײַסע עדות. דאָ איז אַלץ רוהיג און שטיל געווען, געלעבט זיין טויט לעבען. אַלט־קאָזמער האָט פון דערווײַטען פערנומען די נגונים פון די פידלען, די צוריסענע טענער פון די געזאַנגען און דאָס ווײַטע שאַלענדיגע עכאָ פון די טראָמייטען און פון דער בעמבע. נאָר דאָ האָבען זיך די נגונים נישט געקריגט, נישט איינער געוואָלט דעם צווייטען גובר זיין. שטיל און רוהיג, ווי פון אַ בעהאַלטענער וועלט, האָבען די טענער אַהער געבלאָנדזעט, און האָבען זיך דאָ אינאיינעם אויסגעמישט, צוזאַמענגעקלונגען: יעדער האָט געגעבען זיין טאָן אין ניגון, די הסידי׳שע פידעל, די בעל־הבתי׳שע טראָמייט, די בעל־עגלה׳שע בעמבע, און עס איז איין ניגון געוואָרען פון איין שטעדטיל...

און דער וואַנדלער צוזאַמען מיט דעם ניגון האָבען זיך אינאיינעם מיט דער שוואַרצער וואַסער־רינגע ערגעץ ווײַט אין דער ווײַסער אונענדליכקייט פערבלאָנדזעט...

ווילנער פארלאג ב. א. קלעצקין

קליין־סטעפן־גאַס 23.

ס'זיינען אַרויס פון דרוק פאָלגנדיקע נייע אויסגאַבן:

1. קינסטלערישער אלף־בית

פון קינסטלער ב. צוקערמאַן.

רייכע פראכטפולע אויסגאַבע, טייערער פאפיר, אָריגינעלע צייכענונגען אין נאַציאָנאלן סטיל, ערשטע ווערק פון יידי־שער גראפיק. (געווען אויף דער אויסשטעלונג פון קינסט־לער צוקערמאַנס בילדער אין ווילנע און פארדינט די פולע אָנערקענונג פון דער פרעסע)

2. מיינע זכרונות פון י. ל. פרץ.

שיינע אויסגאַבע מיט פיל בילדער און פּאָרטרעטן. גייט אַרויס אלס א באַזונדערער בוך צום ערשטן מאָל.

3. „אין פּייער" דראמע אין 3 אקטן פון א. ווייטער.
(מיטן בילד פון מחבר): צווייטע אויפלאַגע.

4. „דער שטומער" דראמע אין 4 אקטן
פון א. ווייטער.
(מיטן בילד פון מחבר) צווייטע אויפלאגע.

5. „פאר טאג" דראמאטישע פּאָעמע אין 3 אַקטן.
פון א. ווייטער.

6. „די צייט" שריפטן פון י. ל. פרץ.
צווייטע אויפלאגע (דרוקט זיך).

ווילנער פארלאג ב. א. קלעצקין

ווילנע, קליין סטעפן גאס 23

עס דרוקט זיך

1. י. ל. פרץ. פאַר קליין און גרויס.
2. „ אַלט און ניי.
3. „ אדם וחוה.
4. „ פון שטוב אין גאַס.
5. „ דראַמען.
6. גאָרקי. מיין קינדהייט.
7. וויפער. די אוראַלטע געשיכטע און דער מורח.

עס איז ארויס פון דרוק

8. י. ל. פרץ. די צייט אין 2 ביכער.
9. א בוך וועגן פרצן אַ זאַמלבוך צוזאַמענגעשטעלט פון „די יידישע וועלט“ און אַנד.

LIBRARY
1975
FEB
15
UNIVERSITY OF TORONTO

PURCHASED FOR THE

University of Toronto Library

FROM THE

Joseph and Gertie Schwartz
Memorial Library Fund

FOR THE SUPPORT OF

Jewish Studies